STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03730

DER IDISHER ARBETER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אידישער
אַרבעטער

כ ר ע ס ט אָ מ אַ ט י ע
צו דער געשיכטע פון דער אידישער
אַרבעטער, רעוואָלוציאָנערער און סאָ-
ציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד

צווייטער באַנד

די יאָרן 1904 — 1907

צ ו ײ ט ע ה ע פ ט

צונויפגעשטעלט דורך א. ק י ר ז ש נ י ץ
אונטער דער רעדאַקציע און מיט איינלייטונגען
פון מ. ר אַ פ ע ס

צענטראַלער פאַרלאַג פאַר די פעלקער פון פ. ס. ס. ר.
מאָסקווע 1925

PRINTED in U.S.S.R.

Набрано и отпечатано в типографии
„Дер Эмес", Москва, Покровка 9
в количестве 4.000 экз.
Главлит № 42542.

SLAVONIC BRANCH YIDDISH

אינהאלט

פערטער טייל.

אקטיאבר־דעקאבר 1905.

זייטל

איינלייטונג — מ. ר. 13

XVIII. דער אָקטיאָבר־שטרייק אין „טכום“:

122. ווארשע (קאָרעספאָנדענץ אין נומ. 10 „דער בונד“) 19
123. ווילנע (קאָרעספאָנדענץ אין נומ. 10 „דער בונד“) 25
124. דער 18-טער אָקטיאבר אין מינסק (קאָרעספאָנדענץ אין נומ. 17 „דער וואר-שעווער ארבעטער“) 28
125—127. די נאציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערע פארטייען אין אָקטיאבר-שטרייק: א) די צ. ס. א. פּ. אין האָמעל (קאָרעספאָנדענץ אין נומ. 1 „דער אידישער פּראָלעטאריער“). ב) די א. ט. א. פּ. אין ביאַליסטאָק. (קאָרעספאָנדענץ אין נומ. 1 „דאָס נייע לעבן“). ג) פּ. פּ. ס. אין גראָדנע (קאָרעספאָנדענץ אין נומ. 12 „דער אַרבעטער“). . . . 30
128. די אפּשאצונג פון אָקטיאבר-שטרייק (פונם ארטיקל „די אָקטיאבר-רעוואָ-לוציע“ אין נומ. 10 „דער בונד“, אקטיאבר 1905) 36

XIX. די אָקטיאבר־פּאָגראָמען:

129. דער אָקטיאבר-פּאָגראָם אין אָדעס (אויסצוגן פונם אָפּיציעלן באריכט פון סענאטאָר קוזמינסקי) 39
130. די צארישע אָכראַנקע און די אידישע פּאָגראָמען (אויסצוגן פונם בריוו פונם געוועזענעם דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּארטאמענט א. א. לאָפּוכין צום אינערן-מיניסטער פּ. א. סטאָליפּין) 46
131. דער בונד וועגן די אקטיאבר-פּאָגראָמען („די פּאָגראָמען, אלס קאָנטר-רעוואָ-לוציע“, „דער בונד“, נומ. 10) 49
132—133. פּראָטעסטן פון רוסישע ארבעטער קעגן די פּאָגראָמען: א) רעזאָלוציע פון 1481 רוסישע ארבעטער אין סמארגאָן („סעווע-ראָ-זאפּאדני קראַי“. נומ. 784, 1905). ב) רעזאָלוציע פון האָמ-

לער אײזנבאַן-אַרבעטער („סעוועראָ-זאַפּאַדני קראַי", נומ. 779, 1905). 51

134. די ציאָניסטן װעגן די אָקטיאַבער-פּאָגראָמען (רעזאָלוציע פֿון אַ ציאָניסטישן פּראָטעסט-מיטינג אין פּעטערבורג. „נאָװאַיאַ זשיזן", 1905) 53

135. די פֿאַרשאַרפֿונג פֿונעם שאָװיניזם אונטערן אײַנדרוק פֿון די פּאָגראָמען (ש. דובנאָװ: „קנעכטשאַפֿט אין דער רעװאָלוציע", „װאָסכאָד", נומ. 47—48, 1905). 54

XX. אין די „פֿרײַהײטס-טעג":

136. די פֿאַרכאַפּונג פֿון אַ לעגאַלער דרוקערײַ אין מינסק („סעוועראָ-זאַפּאַדני קראַי", נומ. 786, 1905) 59

137. די ערשטע לעגאַלע בונדישע צײַטונג (פֿון פּ. אַנמאַנס זיכרױנעס: „25 יאָר", זאַמלבוך, װאַרשע, 1922) 60

138. דער ביאַליסטאָקער ראַט פֿון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן (קאָרעספּאָנדענץ, „דער װעקער", נומ. 2, 1905) 64

139. די דאָרעם-אָרגאַניזאַציעס פֿון בונד און די ראַטן פֿון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן. (פֿונעם באַריכט װעגן דער באַראַטונג פֿון די דאָרעם-אָרגאַניזאַציעס פֿון בונד. „דער װעקער" נומ. 26 און 27) 66

140. דעמאָקראַטיזירונג פֿון די פּאַרטײ-אָרגאַניזאַציעס (אַ. ליטװאַק: „אָרגאַניזאַציאָנס-פּראַגן", „דער װעקער", נומ. 4 און 5, 1905) 69

141—146. דער אָנהױב פֿון אַ זעלבשטענדיקער פּראָפֿעסיאָנעלער באַװעגונג א) פּאַר פּאַרטײאישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײנען (צירקולאַר פֿון צ. ק. פֿון בונד). ב) די פּאָזיציע פֿון די צאָפּן-מאַירעװדיקע אָרגאַניזאַציעס פֿון ר. ס. ד. אַ. פּ. (אױסצוגן פֿון אַן אַרטיקל אין „סעװעראָ-זאַפּאַדני קראַי", נומ. 734, 1905). ג) רעזאָלוציע פֿון ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער צ. ס. אַ. פּ. („דער נײַער װעג", נומ. 1, 1906). ד) די אַנטשטײאונג און די ערשטע טריט פֿון די פּראָפֿ. פֿאַרײנען אין װילנע (באַריכט אױף דער צװײטער אַלרוסלענדער קאָנפֿערענץ פֿון די פּראָפֿ. פֿאַרײנען, „1905—1907 אין דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַװעגונג", מאָסקװע, 1902). ה) דער קאַמף אַרום די פּראָפֿ. פֿאַרײנען אין װיטעבסק (קאָרעספּאָנדענץ, „נאַטשאַלאָ", נומ. 8, 1905). ו) די אָדעסער פֿאַרײנען (פֿון באַריכט אױף דער צװײטער אַלרוסלענדער קאָנפֿערענץ פֿון די פּראָפֿ. פֿאַרײנען). 72

XXI. דער דעקאַבער-אױפֿשטאַנד:

147—148. דער רוף צום דעקאַבער-אױפֿשטאַנד א) פּראָקלאַמאַציע פֿון צ. ק. פֿון בונד. ב) אױפֿרוף פֿון װאַרשעװער קאָמיטעט פֿון „ס. ס." („פֿאָרװערטס", נומ. 3, 1905). 85

149—153. די דעקאַבער-אױסטרעטונג: א) לאָדז (קאָרעספּאָנדענץ, „דער װעקער", נומ. 10, 1906). ב) פּינסק (קאָרעספּאָנדענץ, „דער װעקער", נומ. 4, און 6 1906). ג) קרעסלאַװקע (קאָרעספּאָנדענץ, „דער װעקער", נומ. 3, 1905). ד) אָבליגאַטאַרישע פֿאַראָרדענונגען פֿון װיגער פּעדעראַטיװן קאָמיטעט. ה) אין די גרעניץ-שטעטלעך פֿון

באַלטישן געגנט (קאָרעספאָנדענץ, „לעצטע נאכריכטן“, נומ. 256, יאַנוואַר, 1906). 89
154. דער בונד וועגן מאָסקווער אויפשטאַנד („יעווריייסקי ראבאָטשי“, נומ. 1) . 99

XXII. דער אַנהויב פון דער רעאַקציע:

155. דער ערשטער יאָרצייט פון 9-טן יאַנואַר („דער וועקער“, נומ. 28, 1906). 104
156. דער מיליטער-פּאָגראָם אין האָמעל (קאָרעספּאָנדענץ, „דער וועקער“, נומ. 19) 106
157. די שטראָף-עקספּעדיציע אין קרעסלאַווקע (קאָרעספּאָנדענץ. „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 16, 1906) 109
158. די אידישע קלייקוידעש צו הילף דער קאָנטר-רעוואָלוציע („פון דער אידישער גאַס“, „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 4) 112
159. „די רעאַקציע און די רעוואָלוציע“ (פּראָקלאַמאַציע פון פּוילישן ראַיאָן-קאָמיטעט פון בונד) 114

פינפטער טייל

די ערשטע דומע.

איינלייטונג—מ. ר. 119

XXIII. באָיקאָט פון די וואַלן אין דער ערשטער דומע:

160. „נידער מיט דער גאָסודאַרסטווענע דומע!“ (פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. פון בונד) 121
161. די באַציאונג פון די פּראָלעטאַריש-ציאָניסטישע גרופּירונגען צו דער ערשטער דומע (אויסצוגן פון פּראָקלאַמאַציעס און אַרטיקלען) . . 124
162. די „דערגרייכער“ וועגן די וואַלן אין דער ערשטער דומע (רעזאָלוציעס פון III צוזאַמענפאָר אין פּעווראַל 1906) 125
163—165. די וואַל-קאַמפּאַניע אויף די ערטער: א) א וואַל-פאַרזאַמלונג פון דער אידישער בורזשואַזיע אין ביאַליסטאָק (קאָרעספּאָנדענץ, „דאָס לעבן“, נומ. 60, 1906). ב) די באָיקאָט-אַגיטאַציע פון די סאָצ. דעמ. אין אָדעס (קאָרעספּאָנדענץ, „דער וועקער“, נומ. 29, 1906). ג) דער באָיקאָט פון די וואַלן אין די אַרבעטער-ראַיאָנען פון וואַרשע („דער אַרבעטער“, נומ. 20, 1906) 127

XXIV. דער אידישער אַרבעטער-קלאַס און די ערשטע דומע:

166. צי איז געווען ריכטיק די טאַקטיק פון באָיקאָט? (אַרטיקל פון פ. אַנמאַן, „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 61, 1906) 132
167—168. די באַציאונג צו דער דומע נאָך איר צונויפרופונג: א) צירקולאַר פון צ. ק. פון בונד. ב) אויסצוגן פונם צירקולאַר פון צ. ק. פון דער צ. ס. א. פּ. („ס. ס.“). 135

זייטל

XXV. אין די טעג פון דער ערשטער דומע:

169. פרואוו אָנצוהעצן קריסטלעכע אַרבעטער אף אידישע (אויסצוגן פונם בלעטל פון 1-טן ביאַליסטאָקער וועבער-פאריין. „פאָלקס-צייטונג“, נום. 56, 1906) 141

170. פאָליצייאישער טעראָר (פון א בריוו פון האמעל. „פאלקס-צייטונג“, נום. 57, 1906) 143

171. הינטער די אייזערנע גראטעס (דער 1 מאי אין ווארשעווער ציטאדעל. „פאָלקס-צייטונג“, נום. 66, 1906) 145

172. צום אנדענקן פון א העלד (נעקראלאג אף באָרעך שולמאן, „דער ארבע-טער“, נום. 25, 1906) 146

173. דער ביאַליסטאקער פאגראם (פונם באריכט, וואָס ס'האט צוגעשטעלט די קאָמיסיע פון דער גאסוד. דומע, „דאָס לעבן“, נום. 137, 1906) 149

174. לענין וועגן ביאַליסטאקער פאָגראָם („די קאנטער-רעוואלוציע הויבט אויף א באוואָפנטן קאמף“. געזאמלטע ווערק, באנד 6) 152

175. אין דערווארטונג פון א נייער פאָגראָם-כוואליע (פ. באָגראָוו: „1327 טע-לעגראמעס“. „פאלקס-צייטונג“, נום. 107, 1906) 157

176. די אלרוסלענד. סאָצ. דעמ. קאָנפערענץ צו קעמפן קעגן די פאגראמען. (פון פארטיי-לעבן. „פאָלקס-צייטונג“, נום. 102, 1906) . . . 158

177. דער פראָטעסט פון די „ס. ס.“ קעגן דעם ניט איינלאדן זיי אף דער אנטי-פאָגראם-קאָנפערענץ („אָרגאניזאציאנע קאנקורענץ אָדער רעוואלו-ציאנערע ארבעט“. „דער נייער וועג“, נום. 11, 1906) . . . 160

178. די אידישע דעפוטאטן אין דער דומע („פאלקס-צייטונג“, נום. 106, 1906). 162

179. קעגן קאדעטישן מיניסטעריום (פ. אַנמאן: „וועגן קאדעטישן מיניסטעריום“, „פאלקס-צייטונג“. נום. 101—102, 1906) 165

180. „די רעוואָלוציע גייט זיך איר וועג“ (אויסצוגן פון דער פראקלאמאציע פון ריגער „פעדעראַטיוון קאָמיטעט“ וועגן דער פאַנאַנדערטרייבונג פון דער 1-טער דומע) 167

181. די „ס. ס.“ וועגן דער פאנאנדערטרייבונג פון דער ערשטער דומע („די דומע איז פאנאנדערגעלאזן“. „דער נייער וועג“, נום. 12, 1906). 169

182. דער בונד און דער אלגעמיינער פאליטישער שטרייק (וו. קאסאווסקי: „פאר וואס האט זיך ניט איינגעגעבן דער אלגעמיינער שטרייק?“ „פאָלקס-צייטונג“, נום. 123, 1906) 170

XXVI. די פאריייניקונג פון בונד מיט דער ר. ס. ד. א. פ.:

183. די אולטימאטיווע פאריייניקונגס-באדינגונגען פון בונד (רעזאלוציע פון דער VII קאָנפערענץ. „פאלקס-צייטונג“, נום. 52, 1906) 174

184. די פאריייניקונגס-באדינגונגען פון שטאקהאלמער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פ. (רעזאלוציע פון פאריייניקונגס-צוזאמענפאר אין שטאקהאלם אין אפריל 1906) 175

185—187. די דיסקוסיע אין בונד א) אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון דער דיסקוסיע (מ. ראפעס: „צו דער געשיכטע פון בונד“) ב) די פאזיציע פון די „הארטע“. (ס. זעלצער: „צו דער פראגע וועגן פאריייניקונג“. „נאשע סלאווא“, נום. 3, 1906). ג) די פאזיציע פון די „ווייכע“. (וו. מעדעם: „די פאריייניקונג פון בונד מיט ר. ס. ד. א. פ.“ „נאשע סלאווא“, נום. 3, 1906). 176

188. די באַשטימונג פון VII-טן צוזאַמענפאָר פון בונד („רעזאָלוציעס פון VII-טן צוזאַמענפאָר פון בונד", „פאָלקס-צייטונג", נומ. 157, פון 6 סעג-טיאַבר 1906) 185

189—191. די פּראָלעטאַריש-ציאָניסטישע גרופּירונגען וועגן דער פאַרייניקונג פון בונד מיט ר. ס. ד. א. פּ.: א) די י. ס. א. פּ. („בונד און די רוסישע ס. ד. א. פּ." ווילנע, 1906 ז.ז. 20—23). ב) צ. ס. א. פּ. (ל—ים: „צו דער פאַרייניקונג פון בונד מיט ר. ס. ד. א. פּ." ווילנע, 1906, ז. ז. 15—16, 16—17 און 34—36). ג) י. ס. ד. א. פּ. „פּועלי-ציאָן". (צ. ק. פּ. צ. „וועגן דעם אַריינ-טרעטן פון בונד אין ר. ס. ד. א. פּ." ווילנע, 1906, ז. ז. 3 און 22—24). 188

זעקסטער טייל.

באַראַגראַפ.

איינלייטונג—מ. ר. 197

XXVII. די פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע:

192. דער אָנגריף פון קאַפּיטאַל (ד. זאַסלאַווסקי: „לאָקאַוטן", „נאַשאַ טריבונאַ", נומ. 5, 1907) 203

193. דער ווייסער טעראָר אין וואַרשע (א בריוו פון וואַרשע, „פאָלקס-צייטונג", נומ. 134, 1906) 207

194. די אינקוויזיציע אין די צאַרישע טורמעס (א בריוו פון וואַרשע. „ליסטקי כליעב אי וואָליאַ", נומ. 5, 1906) 208

195. דער מיליטער-פּאָגראָם אין סעדלעץ (פון די מאַטעריאַלן, צוזאַמענגעקליבן דורך א יוריסט. „פאָלקס-צייטונג". נומ. 157, 1906) 211

196. די אידישע שוואַרצמייעניקעס בא דער אַרבעט („באַיקאָטירט די שידלאָווצער שוואַרצמייעניקעס". פּראָקלאַמאַציע פון ראַדאָמער אָרגאַניזאַציע פון בונד) 213

197. באָיקאָטן און אַנטשולדיקונגען אַלס פאָרמען פון עקאָנאָמישן קאַמף („פאָלקס-צייטונג", נומ. 104, 107, 114, 127, 128, און 130, 1906) . 215

198. די ציאָניסטן רופן צום קאַמף קעגן דער בונדישער „דיקטאַטור" (ש. ד—וויטש: „ביז וואַנען?", „קאַדימאַ", 9, 1906) 217

XXVIII. די וואַלן אין דער צווייטער דומע:

199. רעזאָלוציע וועגן דער טאַקטיק פון VII-טן צוזאַמענפאָר פון בונד . . . 221

200. די פּאָזיציע פון בונד אויף דער אַלרוסלענדער פּאַרטיי-קאָנפערענץ אין נאָיאַבר 1906 (אויסצוגן פון ר. אַבראַמאָוויטשעס פּאָרטראַג וועגן וואַל-אָפּמאַכן. „פאָלקס-צייטונג", נומ. 228, 1906) 223

201. די פּלאַטפאָרם פון דער וואַל-קאַמפּאַניע („פאָלקס-צייטונג", נומ. 208, 1906) 225

202. לעניין וועגן דער בונדישער וואַל-טאַקטיק („וועגן אַן אַרטיקל אינם אָרגאַן פון בונד". געזאַמלטע ווערק, באַנד III ז.ז. 60—66) 227

203—205. די וואַל-טאַקטיק פון בונד און פון די פּראָלעטאַרישע ציאָניסטן. („פאָלקס-צייטונג", נומ. 214, פון 23 נאָיאַבר 1906; „דער נייער וועג", נומ. 24 פון 4 דעקאַבר 1906; „פאָלקס-שטימע", נומ. 1 פון 1 דעקאַבר 1906) 232

206. די וואַל-טאַקטיק פון די בורזשואַזע ציאָניסטן (צירקולאַר פון ציאָניסטישן צ. ק. „דאָס אידישע פאָלק", נומ. 29, 1906) 235

207. די בונדישע וואַל-פּלאַטפאָרם („פאָלקס-צייטונג", נומ. 233) 236

208. פון דער וואַל-פּלאַטפאָרם פון דער צ. ס. א. פּ. („דער גייער וועג", נומ. 24, 1906) 239

209. פון דער וואַל-פּלאַטפאָרם פון דער י. ס. א. פּ. („סערפּ"). („פאָלקס-שטימע", נומ. 2, 1906) 242

210. די קלאַל-איסראַעל-קאָמיטעטן (מ. א—ר (עסטער): „די אידישע וואַל-קאָמיטעטן און זייער קלאַל-איסראָעל פּאָליטיק, פּארלאג „די וועלט". ווילנע. 244

211. די קלאַל-איסראָעל-קאָמיטעטן בא דער אַרבעט (מ. ב—לי: „איבערזיכט" „נאשאַ טריבונאַ", נומ. 1, 1906) 246

212. ווער איז נאַציאָנאַל? (ארטיקל פון מ. ר. (ראַפּעס): „פאָלקס-צייטונג", נומ. 216, 1906) 250

213. די וואַל-קאַמפּאַניע אין ווילנע („פאָלקס-צייטונג", נומ. 257, 1907) . . 254

214. פּראָטעסט פון די ליטווישע סאָצ. דעמ. קעגן דער וואַל-טאַקטיק פונם בונד. 259

215. די צ. ס. א. פּ. אין וואַל-קאַמף (קאָרעספּאָנדענץ פון קאָוונע. „דער גייער וועג", נומ. 25, 1907) 261

216. די י. ס. א. פּ. אין וואַל-קאַמף (קאָרעספּאָנדענץ פון פּאָדאָלער גוב. „פאָלקס-שטימע", נומ. 4, 1907) 263

217. די אידישע פּאַרטייען אינם וואַל-קאַמף (ארטיקל פון וו. מעדעם: „נאַשאַ טריבונאַ", נומ. 9, 1907) 265

218. דז רעזולטאַטן פון די וואַלן. („צי איז דאָס א מאַפּאָלע?", „פאָלקס-צייטונג", נומ. 286, 1907) 269

219. שטימונגען אין בונד נאָך די וואַלן (סאנאגאָ (ש. גאָזשאַנסקי): „סאַכאַקיען און פּערספּעקטיוון". נאַשאַ טריבונאַ", נומ. 12, 1907) 270

XXIX. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג:

220. די לעגאַליזירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (צירקולאַר פון צ. ק. פון בונד) 274

221. ס. ס. וועגן די אויפגאַבן פון דער אידישער פּראָפ. באַוועגונג („פון דער פּראָפּ. באַוועגונג". ביילאַגע צו „אונזער וועג". נומ. 4, 1907) 275

222. די קאָנפערענץ פון די פּראָפ. פאַריינען אין דווינסק (קאָרעספּאָנדענץ, „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן", נומ. 2, 1906) 278

223. די קאָנפערענץ פון די אומפּאַרטייאישע פּריקאַזטשיקעס-פאַריינען פון ליטע (קאָרעספּאָנדענץ, „דאָס וואָרט", נומ. 2, 1907) 282

224. די י. ס. ד. א. פּ. „פּואַליי-ציאָן" אין דער לאָדזער פּראָפעס. באַוועגונג (קאָרעספּאָנדענץ, „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק". נומ. 1 1907) 286

225. די פּאַרטייאישע פּראָפ. אָרגאַניזאַציעס אין ביאַליסטאָק (קאָרעספּאָנדענץ, „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן", ביילאַגע צו „האָפנונג", נומ. 5, 1907) . 289

226. די י. ס. א. פּ. אין דער וויטעבסקער פּראָפ. באַוועגונג. (קאָרעספּאָנדענץ, „פאָלקס-שטימע", נומ. 8 און 9, 1907) 293

227. די בונדישע פּראָפ. פאַריינען און דער שטוטגאַרטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס (צירקולאַר פון דער פּראָפ. קאָמיסיע בא צ. ק. פון בונד). 298

228. דער אויסטאַוש פון צענטראַלן בערשטער-פאַרבאַנד (באַשטעטיקט דורכן פּאַרבאַנד-צוזאַמענפאָר („פאָלקס-צייטונג", נומ. 120 און 121, 1906). 299

XXX. ארום סטאָליפּינס געזעץ פון 15 נאָיאַבר 1906:

229. די געמישטע קאָמיסיעס („וועגן די געמישטע קאָמיסיעס", פאָלקס-צייטונג", נומ. 297, 1907). 303

230. די דווינסקער ארגאַניזאַציעס פון ר. ס. ד. א. פּ. און בונד וועגן די געמישטע קאַמיסיעס (קארעספּאָנדענץ, „פאלקס-צייטונג“, נומ. 276, 1907) 307
231. וואַלן פון די ארבעטער-דעלעגאַטן אין דער ווילנער געמישטער קאָמיסיע. (קאָרעספּאָנדענץ, „פאלקס-צייטונג“, נומ. 285, 1907) 308
232. דער נאַקאַז די אַרבעטער-דעלעגאַטן אין דער ווילנער געמישטער קאָמיסיע. (אנגענומען אף א פארזאמלונג פון 1500 ארבעטער. „פאלקס-צייטונג“, נומ. 304, 1907) 309
233. די ערשטע זיצונג פון דער געמישטער קאמיסיע אין מינסק (קארעספּאָנדענץ. „פאלקס-צייטונג“, נומ. 293, 1907) 310
234. דער קאמף פאר שאַבעס-רו (לאָנו— ש. גאָזשאַנסקי: „א נייע גזירע אף אידן“. „פאלקס-צייטונג“, נומ. 283 און 284, 1907) 312
235. א פּראָטעסט פון 1000 קאָוונער ארבעטער (א רעזאָלוציע פון 1000 קאָוונער ארבעטער. „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 295, 1907) 317

XXXI. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און די צווייטע דומע:

236. די דומע און דער אידישער פּראָלעטאַריאַט (לייט-ארטיקל אין „פאלקס-צייטונג“, נומ. 291, 1907) 319
237. קעגן דעם פארשוויגן די אידן-פראַגע דורך דער ס.-ד. פראַקציע. (א. ליטוואַק: „א פארדראָסיקע פארגעסלעכקייט“. „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 309, 1907) 321
238—239. באגריסונגען און נאַקאַזן דער סאָצ. דעמ. פראַקציע: א) פון גרינדונגס-צוזאמענפאָר פון גארבער-פאַרבאַנד. („פאָלקס-צייטונג“, נומ. 212, 1907). ב) פון מינסקער ראַיאָן-קאָנפערענץ פון בונד. („פאלקס-צייטונג“, נומ. 324, 1907) 323
240—241. דער בונד וועגן א לינקן בלאָק אין דומע: א) פאר א לינקן בלאָק (פ. אנמאַן: „צו דער טאַקטיק אין דער צווייטער דומע“, „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 285, 1907). ב) קעגן א לינקן בלאָק (וול. קאָסאָווסקי: „וועגן א לינקן בלאָק“. „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 288, 1907) 325
242. די אידישע דעפּוטאַטן (וול. קאָסאָווסקי: „א קליינע, אבער א הייסע מישפּאָכע“, „פאלקס-צייטונג“, נומ. 331, 1907) 328
243. די אידן פראגע אין דער צווייטער דומע („פאָלקס-צייטונג“, נומ. 338, 1907) 329

XXXII. דער לאָנדאָנער צוזאמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

244. אפן וועג קיין לאָנדאָן (פון ב. מיכאַלעוויטשעס „זיכרוינעס פון א אידישן סאָציאַליסט“, ב. 3, ז.ז. 131—137) 334
245. די בונדישע דעלעגאַציע צום לאָנדאָנער פארטיי-צוזאמענפאָר אין ציפער (פון כ. ליאַדאָווס ארטיקל אין זאמלבוך „דער 5-טער לאָנדאָנער צוזאמענפאָר“. מאָסקווע, 1923, ז.ז. 76—81) 338
246. דער פראַקציאָנעלער קאמף אפן צוזאַמענפאָר (פון ד. ליאָשענקאָס ארטיקל אין זאמלבוך „דער סאָכאַקל פון לאָנדאָנער צוזאמענפאָר“, פעט. 1907) 339
247. אייניקע אפּשטימונגען פון דער בונדישער דעלעגאַציע (צונויפגעשטעלט אַפן סמאך פון די נאמענטלעכע אָפּשטימונגען) 344
248. דער בונד וועגן דער באַציאונג צו די בורזשואזע פּאַרטייען (פון ר. אבראַ-

מאָוויטשעס פארטראג אפן צוזאמענפאר, „בריוו פון צוזאמענפאר”. „פאלקס-צייטונג”, נום. 336) 345
249. בונדישע רעזאלוציעס-פראיעקטן (פונם זאמלבוך „דער סאכאקל פון לאנ־דאנער פאַרטיי-צוזאמענפאר”. פעטערבורג, 1907) 347
250. דער צענטר אַפן לאנדאנער צוזאַמענפאר (פון ל. קאַמענעווס אַרטיקל „דער לאנדאנער צוזאמ. פון ר. ס, ד. א. פ. אין 1907”. זאמלבוך „דער 5-טער לאנדאנער צוזאמענפאר”) 349
251. פאר אַן איינהייטלעכער צענטראַליזירטער פאַרטיי קעגן פעדעראַליזם (פון ג. זינאָוויעווס ארטיקל „ארגאניזאַציאנס-פראגן”. זאמלבוך „דער 5-טער לאנדאנער צוזאַמענפאר”) 352
252. רעזאלוציע פון לאנדאנער צוזאמענפאר וועגן דער באציאונג צו די בורזשואַזע פארטייען (וו. לענין: געזאמלטע ווערק, ב. 8, ז.ז. 334—335) 354
253. פראיעקט-רעזאלוציע פון די מענשעוויקעס וועגן דער באציאונג צו די בורזשואזע פארטייען. (פון טשערעוואנינס בוך: „דער לאנדאנער צוזאמענפאר פון ר. ס. ד. א. פ. אין 1907”, ז.ז. 91—92) 356

XXXIII. די רעאקציע און די צעפאלונג פון דער באוועגונג:

254. די איבערקערעניש פון 3-טן יון („ס'איז געשעען”, „פאלקס-צייטונג”, נום. 371, 1907) 359
255. דער וואוקס פון דער עמיגראציע. (פון ל. הערשס בוך: „די אידישע עמי־גראַציע”, ז. ז. 6—7) 361
256. עקספּראָפּריאַציעס און „קאָמבינאציעס”. (א. ליטוואק: „לאבוזעס, גאַנאָווים און קאמבינאטארן”. „דער רויטער פינקעס”, II ז.ז. 138—142). 362
257. דער קאמף פון די ארגאניזירטע ארבעטער קעגן די עקספּראָפּריאַטאָרן (רע־זאלוציע פון אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג אין וואָלקאָוויסק. „אונזער וועג”, נום. 2, 1907) 364
258. קעגן בלוטיקן ברודער-קאמף צווישן די לאדזער אַרבעטער (רעזאלוציע פון דער אלשטאטישער אַרבעטער-קאנפערענץ. „פאלקס-צייטונג”, נום. 333, 1907) 365
259—260. דער קריזיס פון דער פארטיי-פרעסע: א) צו אונזערע לעזער און פריינט. (ווענדונג פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון „פאלקס-צייטונג”). ב) דער ענטפער פון די אַרבעטער (רעזאלו־ציעס פון לאדז, ווילנע און אדעס. „פאלקס-צייטונג”, נום. 308, 312, 313). 366
261—263. די צעפאלונג פון די פארטיי-ארגאניזאציעס: א) גראדנע, קארעס־פאנדענץ. „פאלקס-צייטונג”, נום. 326, 1907). ב) בערדיטשעוו. („ס'האט געקענט בעסער זיין”. „פאלקס-צייטונג”, נום. 365, 1907). ג) א קריזיס אָדער אן איבערגאנגס-שטופע? (פון ב. ב—סקיס ארטיקל „א קריזיס אדער א היסטאריש נויטווענדיקע איבערגאַנגס-שטופע”. „פאלקס-צייטונג”, נום. 425, 1907). . . . 369

ביילאגעס:

1. באמערקונגען און דערקלערונגען 377
2. קאלענדאר פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1904—1907) 397
3. ביבליאגראפיע (פארטיי-ליטעראטור און פרעסע פון דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג אין די יארן פון דער ערשטער רעוואלוציע). 413

פערטער טייל

אָקטיאבר-דעקאַבר 1905

א ײ נ ל ײ ט ו נ ג.

די ברייטע מאָביליזאַציע פון די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, וואָס איז געגאַנגען אין גאַנצן לאַנד און אינם אידישן „טכום" פון 9-טן יאַנוואַר אָן, האָט געבראַכט צום אַלגעמיינעם אייזנבאַן-שטרייק אין אָקטיאַבר. דער פּאָליטישער שטרייק איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך דעם גאַנצן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט פון לאַנד און אויך דורך דער גאַנצער אידישער אַרבעטערשאַפט. דער אייזנבאַן-שטרייק האָט זיך פאַרשפרייט אויך אינם „טכום". די האָמלער אייזנבאַן-וואַרשטאַטן, וואָס זיינען מיט 2 יאָר צוריק (דער האָמלער פּאָגראָם אין 1903 יאָר) געווען נעסטן פון קאָנטער-רעוואָלוציע, זיינען איצט געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער צענטער. דאָסזעלבע אין מינסק, וויטעבסק, ווילנע, קאָוונע, ביאַליסטאָק. זיי זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין קאַמף אַדאַנק דער פאַבריקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט פון די גרופּעס און קאָמיטעטן פון דער רוסל. סאָצ. דעמ. אַרבעטער-פּאַרטיי (באָלשעוויקעס). נאָך אַט דער פּאַרברייטערונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַזע האָט די רעוואָלוציע צו פאַרדאַנקען, וואָס די אַרבעטער-באַוועגונג פון צאָפן-מאַירעו-ראַיאָן און ליטע האָט געקאָנט אין די מאָנאַטן אָקטיאַבר-דעקאַבר 1905 אויפהויבן זיך אַף יענער הויך, ווי דאָס האָט געפאָדערט די פאַרשאַרפונג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין גאַנצן לאַנד.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע ציט אַריין די גאַנצע אידישע אַרבעטערשאַפט. זיי וואַרטן ניט מיט צונויפגעלייגטע הענט ביז דער אייזנבאַן-שטרייק וועט זיגן, זיי נעמען אַנטייל אינם שטרייק, זיי אָרגאַניזירן דעמאָנסטראַציעס, זיי פירן אַ באַוואָפנטן קאַמף מיט דער פּאָליציי. שטיצנדיק זיך אַף דעם איבערברוך אין די שטימונגען פון די רוסישע אַרבעטער, אָרגאַניזירן זיי אַן ענערגישן ווידערשטאַנד יעדן פּרואוו פון דער פּאָליציי צו פאַרשפרייטן אַפן צאָפן-מאַירעוו די פּאָגראָם-כוואַליע, וואָס האָט פאַרפלייצט דעם דאָרעם. ניט אין האָמעל, ניט אין מינסק, ניט אין ווילנע זיינען קיין פּאָגראָמען ניט געווען. אין באַציאונג צו דער אידישער אַרבעטערשאַפט האָבן די פּאָגראָמען פון 18-טן אָקטיאַבר

זייער ציל ניט דערגרייכט; די ברייטסטע שיכטן פון די אַרבעטער האָבן באַ־
נומען אָט די פּאָגראָמען-כוואַליע, ווי אַ געוויינלעכע קאָנטער־רעוואָלוציע, די
שטימונג איז דעריבער ניט געווען נידערגעשלאָגן, דער נאַציאָנאַלער יאוש
איז ניט געקומען. נאָר די אידישע בורזשואַזיע און די בורזשואַזע אינטעליגענץ
האָבן געזונגען אייכא-לידער (זע דובנאָווס אַרטיקל). דער פּראָלעטאַריאַט האָט
פאָרגעזעצט זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

דער פּעריאָד פון אָקטיאַבר־נאָיאַבר ווערט ברייט אויסגענוצט אַף אָרגאַ-
ניזירן די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן צום ווייטערדיקן באַוואָפנטן קאַמף, צוצו-
גרייטן זיך צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד. קיינע אילוזיעס. אַן אויסגעהאַלטענע
רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק. ווען עס קומט דער דעקאַבער־אויפשטאַנד, ווערט ער
אונטערגעשטיצט אויך דורך דער אידישער אַרבעטערשאפט. אין פּוילן, אין
באַלטישן געגנט, אין מינסק, אין האָמעל—אומעטום שטייען די אידישע אַרבע-
טער אין פעסטער פאַרבינדונג מיטן גאַנצן אָרטיקן פּראָלעטאַריאַט און זוכן מיט
אַלע מיטלען צו אונטערשטיצן דעם מאָסקווער באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די
אייזנבאַן-אַרבעטער בילדן אין צאַפּן־מאַירעוו-ראַיאָן דעם צענטער פון באַוואָפנטן
קאַמף. די רעוואָלוציאָנערע אידישע אַרבעטער אין די שטעט גרייטן צו דאָס
פאַרכאַפּן די מאכט פון שטאָט, ווען אין די הויפּט-צענטרען וואָלט זיך אָנ-
צייכענען א ניצאָכן...

נאָר דער ניצאָכן איז ניט געקומען. צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַרבעטער-
שאפט פון לאנד פאַלט אַף די אידישע אַרבעטער די בלוטיקע נעקאָמע פון
רעאַקציע: די קרעסלאווקער און דווינסקער שטראָף-עקספּעדיציעס, דער האָמ-
לער פּאָגראָם א. ה. גל. דער דעקאַבר-אויפשטאַנד צעשפּאַלט אויך די אידישע
געזעלשאַפט. די אידישע בורזשואזיע האָט זיך שוין לאנג אָפּגעקערט פון דער
רעוואָלוציע, זי זוכט רו, זי פארלאנגט אָרדענונג. דעם סוינע זעט זי שוין ניט
אין דער צאַרישער רעגירונג, נאָר אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון פּראָלעטאַ-
ריאַט. דער אידישער ארבעטער איז שוין אין אידישן פאָלק איזאָלירט, ער
פירט אָבער ווייטער דרייסט און אויסגעהאלטן דעם קאַמף צוזאמען מיטן
גאנצן אַרבעטער-קלאַס פון לאַנד. דער „בונד" פאַרנעמט די באָלשעוויסטישע
פּאָזיציע: דער דעקאַבר-אויפשטאַנד איז דערשטיקט, אָבער דאָס איז נאָר דער
אָנהויב פון קאַמף, די רעוואָלוציע גייט ווייטער... מע מוז זיך גרייטן צום
באַוואָפנטן אויפשטאנד...

די מאָנאַטן אָקטיאבר-דעקאַבר צייכענען זיך אויס, אזוי ווי אין גאַנצן לאַנד,
מיט אַ ברייטער און טיפער אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבעט. די רעוואָלוציע האָט
אַרויסגעריסן פון צאריזם נייע פּאָזיציעס און שטרעבט אויסצונוצן זיי צו אָר-

גאניזירן אירע קרעפטן: פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, פּארטיי-קלובן, אָפענע אַרבעטער-פּרעסע — דאָס אלץ וואקסט, טראָץ פנדיק טאָג-טעגלעך רעפּרעסיעס מיצאד דער רעגירונג. די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון צאָפּן-מאַירעוו-געגנט און פון פוילן, די אייגנאַרטיקע פּאַרטיי-פּאַרהעלטענישן שאפן אָבער אין „טכום" אַ גאַנץ אַנדערע לאַגע, איידער אין גאַנץ רוסלאַנד: פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, באַיקאָט פון די אַרבעטער-ראַטן א. ד. גל. דערויף מוזן מיר זיך אָפּשטעלן גענויער.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע לאַזונגען פון „בונד" (און פון דער פּוילישער סאָצ. דעמ.) זיינען אין יענעם פּעריאָד געווען פאַלש און האָבן געבראַכט צו דער אָפּשוואכונג פונם איינפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָצ. דעמ. אף די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט. ס'איז ריכטיק, אַז די פּאָליטישע פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט דאַרף אָנפירן מיט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און אָרגאַניזאַציע, אז די פאריינען דאַרפן ניט זיין און קאָנען ניט זיין נייטראַל און גלייכגילטיק צום פּאָליטישן קאַמף. נאָר די פאָרם פון פּ א ר ט י י א י ש ע פ א ר י י נ ע ן, בא וועלכע מע פלעגט אָרגאַניזאַציאָנעל-סטאַטוטאַריש פאַרפעסטיקן דעם צוזאַמענבונד און אָנפירונג פון פּאַרטיי-קאָמיטעט איבערן פאריין און אַפילו נעמען אָפּצאָלונגען אין פּאַרטיי-קאַסע, אָט די פאָרם איז געווען אַ פאַלשע — זי האָט אָפּגעשטויסן די אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט. די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג באַם „בונד" מיט דער אידישער ארבעטער-מאַסע איז געווען זייער גרויס, פיל שטארקער איידער בא דער פ. ס. ד. מיט דער פּוילישער אַרבעטער-מאַסע. דערפאַר זיינען די בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען געווען פיל ברייטער, אָפּט האָבן זיי ארומגענומען די ווייטגרעסטע מערהייט פון די אידישע אַרבעטער פון פאַך. פּאַרטייאיש האָט דער „בונד" שטארק געוואונען פון זיין פּאָזיציע, פּארפעסטיקנדיק זיין אלטן איינפלוס און זיין אלטע פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער-מאסע. און דאָס אייגנטלעך איז געווען דער איקער אין דער בונדישער פּאָזיציע. נאָר אויך פאַר דער אידישער ארבעטער-מאַסע איז די פּאָזיציע געווען פאלש, ווייל עס זיינען אויך דאָ געווען ברייטע מאַסן, ערשט אריינגעצויגענע אין באוועגונג. אָבער דורכאויס פאלש איז געווען די פּאָזיציע פון שטאַנדפּונקט פון די אלגעמיינע אינטערעסן פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון צאָפּן-מאַירעוו און פוילן. די הויפּטאויפגאַבע איז דאָך באַשטאַנען ניט אין דעם, צו אָרגאַניזירן די שוין אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער-מאַסן, נאָר דערין—אריינצוציען אין באַוועגונג די נ י ט - א י ד י ש ע אַ ר ב ע ט ע ר און אויסנוצן די אָפענע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע, קעדיי צו דערנעענטערן צווישן זיך די אידישע און ניט-אידישע

אַרבעטער. דערצו האָט מען באַדאַרפט בויען פאַרמעל-אומפּאַרטייאישע פאַריינען, פאַרזיכערנדיק זיך די פּאָליטישע אָנפירונג דורכן אַקטיוון אנטייל אין דער גאַנצער אַרבעט און ניט דורך פאָרמעלע באשלוסן און סטאַטוטאַרישע פונקטן. נאָר דער „בונד" האָט אויך דאָ ניט גענומען אין אַכט די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער גאנצער באַוועגונג. בא פּ. ס. ד. איז דער לאָזונג פון פאַרטייאישע פאַריינען געווען אַ „לינקע אָפּווייכונג", וואָס שטאַמט פון ניט פאַרשטיין, ווי צו פאַרבינדן זיך מיט ברייטע מאַסן און איינהאַלטן דערביי די העגעמאָניע פון פאַרטיי. באַם „בונד" איז דער פעלער געווען אַ רעזולטאַט פון זיין נאַציאָנאַלער אָפּזונדערונג און נאַציאָנאַלער פּאָזיציע.

דערזעלבער פעלער איז געווען געמאַכט אין באַציאונג צו די אַרבעטער-ראַטן. אין פוילן—וואַרשע, לאָדז—וואָלט עפּשער די באַוועגונג פאַר אַרבעטער-ראַטן געוואָרן פון אָנהויב אָן דערשטיקט דורך דער מיליטערישער מאַכט. אָבער אויך דאַן וואָלט דער קאַמף פאַר און אַרום די ראַטן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע פּאָליטישע באַדייטונג, ווייל די אַרבעטער-ראַטן דאָס איז דער אָרגאַן פון רעוואָלוציאָנערער מאַכט. אין גאַנצן ראַיאָן וואָלטן די אַרבעטער-ראַטן אויפגעהויבן צום פּאָליטישן קאַמף די אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן און פאַראייניקט צווישן זיך די פּוילישע און אידישע אַרבעטער אַרום אַ ברייטער פּאָליטישער קלאַסן-קאַמפּאַניע, אַרום דעם קאַמף פאַר מאַכט. דער „בונד" און די „פּוילישע סאָצ. דעמ." האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו דער אידייע פון אַרבעטער-ראַטן, מוירע האָבנדיק פאַר אַזעלכע אומפּאַרטייאישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס און שטרעבנדיק אַליין אָנצופירן מיט דער גאַנצער פּאָליטישער באַוועגונג. דאָס איז געווען דער סעקטאַנטישער שטאַנדפּונקט. די אַרבעטער-ראַטן אין פּעטערבורג, מאָסקווע און גאַנץ דאָרעם האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע באַדייטונג אויך אין דער ערשטער רעוואָלוציע, ווען די נייע פאָרם פון פּראָלעטאַרישער מאַכט איז צוערשט אַרויס אַף דער רעוואָלוציאָנערער אַרענע. זיי האָבן ניט אָפּגעשוואַכט, נאָר, פאַרקערט, נאָך געהויבן די ראָלע און איינפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דער ביאַליסטאָקער אַרבעטער-ראַט (זע ווייטער דעם דאָקומענט) איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון סאָצ. רעוו. און אַנאַרכיסטן נאָר צוליב דער פאַלשער טאַקטיק פון „בונד" און דער „פּוילישער סאָצ. דעמ.". די באַזונדערע לאַגע אין לעטלאַנד, וואו די סאָצ. דעמ. האָט שוין דאַן געהאַט הינטער זיך דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, האָט אַרויסגערוקט אַף זייער אַ הויכן פּלאַץ די אָרטיקע פּאַרטיי-קאָמיטעטן, וועלכע האָבן בעאייסן אויפשטאַנד געשפּילט די ראָלע פון מאַכט-אָרגאַנען. דער ריגער פעדעראַטיווער קאָמיטעט (לעטישע סאָצ. דעמ. און „בונד") האָט געשפּילט אַזאַ ראָלע

Released by Public Library Detroit, Mich.

פון אַ מאַכטפולן פּאָליטישן צענטער אין דער גאַנצער צייט פון אָקטיאַבער־דעקאַבער 1905. נאָר אויך דאָ וואָלטן די אַרבעטער-ראַטן געבראַכט נוצן, פאַרטיפנדיק די אַקטיווע פאַרבינדונג פון דער ברייטער פּראָלעטאַרישער מאַסע מיט דער רעוואָלוציע און אַוועקשטעלנדיק פאַר דער גאַנצער אַרבעטער-מאַסע די אויפגאַבע פון נעמען די מאַכט אין די אייגענע הענט.

מ. ר.

XVIII. דער אָקטיאַבער-שטרייק אין „טכום“.

122. וואַרשע.

(„דער בונד“, נומ. 10, אָקטיאַבער 1905.)

דעם 13/26 אָקטיאַבער איז אין וואַרשע אָנגעקומען דער לעצטער צוג פון פּעטערבורג. אַף אַלע איבעריקע אייזנבאַנען האָט זיך דער שטרייק אָנגעהויבן מיט אַ טאָג פריער. פרייטיק פרי האָבן אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון שטאָט פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, אין וועלכע זיי האָבן ערקלערט די באַדייטונג פון דעם מאָמענט און גערופן צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט באַלד אַראָפּגענומען אַלע אידישע אַרבעטער. אַף גענשע האָט מען פאַרמאַכט די מאַגאַזינען; אַף אַלע איבעריקע גאַסן זיינען זיי געווען אָפן, נאָר געשטאַנען אין זיי זיינען נאָר די באַלעבאַטים. די פּריקאַזטשיקעס האבן געשטרייקט. דעם טראַמוויי האָט זיך ניט איינגעגעבן אָפּצושטעלן. אין 2 ערטער האָט מען איבערגעקערט די וואַגאָנען, נאָר די זעלנער, וועלכע זיינען געשטאַנען אַף די גאַסן, האָבן זיי באַלד ווידער אַוועקגעשטעלט און אַוועקגעלאָזן. מע האָט אויסגעשלאָגן די שויבן אין די וואַגאָנען, נאָר דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. די אַדמיניסטראַציע האָט צוגענומען אַלע ווינטערדיקע וואגאָגען און האָט זיי פארביטן מיט זומערדיקע. אָפּשטעלן די דראָזשקעס האָט זיך ניט איינגעגעבן, ווייל דעם טאָג איז נאָך די גאנצע שטאָט ניט געשטאנען.

...די גאסן זיינען פול געוואָרן מיט מיליטער, די פּאָליציי האָט ארעסטירט צענדליקערוויז, פיל ארעסטירטע האָט מען אָן ערבארעמען געשלאָגן. אָנשטאָט וואָס פריער פלעגט מען ניט טאָרן גיין אַף די גאסן שפּעטער פון 9 דעם זייגער, האָט מען איצט ניט געטאָרט גיין שוין פון 7 אָן.

שאבעס האָבן מיר ארויסגעלאָזן 2 פּראָקלאמאציעס: צו די ארבעטער „עס הויבט זיך אָן“ און צו דער געזעלשאפט „צו אלעמען“. נאָך מיטאָג איז די בירזשע געווען א גרויסע, ניט קוקנדיק אַף דער שטרענגקייט פון דער פּאָליציי.

שאבעס פארנאכט איז געווען א מיטינג אין דעם וועטערינאר-אינסטיטוט, פּאָליציי און מיליטער זיינען געקומען און האָבן ארעסטירט אלע ניט סטודענטן, וועלכע זיינען דאָרטן געווען.

...זונטיק און מאָנטיק זיינען אריבער אין קאמף מיט דער פּאָליציי, מיר פלעגן די מאגאזינען פארמאכן, און זיי פלעגן עפענען, דערביי זיינען פאַר-

געקומען פיל ארעסטן. דער שטרייק האָט זיך געצויגן, נאָר אין א טייל ווערקשטאטן און פאבריקן, איבערהויפּט אין קריסטלעכע, האָט מען געארבעט.

...מאנטיק אין אָוונט איז געווען א מיטינג אין דער געזעלשאפט פון האנדלס־אָנגעשטעלטע... אפן מיטינג זיינען געווען ביז 600 מאן פריקאזטשיקעס, אידן און קריסטן... עס איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציע צו פארמאכן מאָרגן אלע מאגאזינען, קאָנטאָרן און בענק. צום ענדע פון פארזאמלונג איז געקומען פּאָליציי מיט א גאנצע ראָטע זעלנער.

... דינסטיק פרי האָט מען זיך אין שטאָט דערוואוסט וועגן דעם מאַניפעסט). אונזער ארגאַניזאַציע האָט באלד ארויסגעלאָזן א פּראָקלאַמאציע: „פארווערטס! מיר זיגן!“ און האָט גערופן צו מאַכן דעם שטרייק פאַר אַן עמעסן אַלגעמיינעם און ארויסצוגיין אף די גאַסן.

די שטימונג האָט זיך מיט אמאָל געהויבן. ווי נאָך דעם מאַך פון א צויבערשטעקן האָט זיך די גאַנצע שטאָט אָפּגעשטעלט. די טראַמווייען, די דראָזשקעס—אַלץ האָט גערוט. אונזערע דערצו ארגאַניזירטע גרופן האָבן פאַרמאַכט אַלע מאַגאַזינען און פאַבריק־מאַכערייען. די פּאָליציי האָט זיך געפּרואווט זיי צוריק עפענען, נאָר דאָס האָט זיך איר שוין ניט איינגעגעבן. די מאַסע איז שוין געווען צו גרויס, און די שטימונג צו רעוואלוציאָנער, צו פורכטבאַר.

ערטערווייז ווילדעוועט נאָך די פּאָליציי, זי שלאָגט, זי ארעסטירט. אַף דאָס ראָוו גאסן אבער הערשט שוין די מאַסע, די פּאָליציי טרעט אָפּ אין די טויערן, אין די ארייַנגאַנגען פון די גאַסט־הייזער.

... באַ די באַן־ארבעטער אַף כמעלניע איז פאָרגעקומען א גרויסארטיקער מיטינג. עס האָבן גערעדט פאָרשטייער פון פארשיידענע רעוואלוציאָנערע פאַרטייען. עס איז אנגענומען געווארן א רעזאָלוציע צו ציען דעם שטרייק ביז מע וועט זיך ניט דערשלאָגן א קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג, אמניסטיע, גלייכבאַרעכטיקונג פאר אַלע נאַציאָנען און אָפּשאפונג פון קריגס־צושטאַנד און פאַרשטאַרקטע אויפזיכט. דיזעלבע רעזאָלוציע האָט מען אָנגענומען אַף 2 מיטינגען, וועלכע זיינען דעם טאָג פאָרגעקומען אין דער געזעלשאַפט פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. דער ערשטער מיטינג איז ארגאַניזירט געווארן פון בונד און איז פאָרגעקומען 2 באטאָג, עס האָבן זיך צונויפגעקליבן ביז 1000 ארבעטער און פריקאַזטשיקעס. דער רעדנער האָט גערעדט וועגן דעם איצטיקן מאָמענט און וועגן אונזערע אויפגאַבן. די שטימונג איז געווען א שטורמישע. פון אָוונט איז דאָרטן געווען א מיטינג פון 500 מענטשן, אף וועלכן עס האָבן גערעדט 7 רעדנער, דאָס ראָוו פון „בונד“.

אַף נאָוואָליפּקי איז פאַרנאַכט געווען א גרויסע מאַניפעסטאַציע פון אידישע אַרבעטער ... באלד איז געקומען פּאָליציי מיט מיליטער און זיי זיינען באַפאַלן די מאַניפעסטאַנטן. די זעלנער האָבן שרעקלעך געשלאָגן יעדן דורכגייער און אייניקע כאווירים ארעסטירט.

איבער מאַרשאַלקאָווסקע איז אין דערזעלבער צייט געריטן א גרופּע מיליטער, שפּילנדיק דעם הימן „גאָט, היט דעם קייסער!“ א מאַסע פון

טויזנטער מענטשן האָט ארומגערינגלט די רייטער און זיי שטרענג באַפוילן אַנטשווייגן צו ווערן. די רייטער האָבן אויפגעהערט זינגען.

דעם אוונט איז דער קריגס-צושטאַנד צום ערשטן מאָל ניט קאָנטיק גע־ווען אין וואַרשע. ביז שפּעט באַנאַכט זיינען געווען אָפן די טויערן. ביז שפּעט באַנאַכט זיינען די גאַסן פול געווען מיט מענטשן.

מיטוואָך, דעם 1-טן נאָיאַבער (19 אָקטיאַבער) איז געווען א היסטאָרישער טאָג פאַר וואַרשע... די שטאָט האָט געלעבט מיט מיטינגען, געאָטעמט מיט דעמאָנסטראַציעס; שוין פון אינדערפרי האָט די שטאָט גערוט, קיין ארבעט, קיין האַנדל, קיין פאַרקער; ווי א יאַם האָט די מאַסע פארגאָסן די וואַרשעווער גאַסן, עס איז גאָר ניט געווען אן אָרט, וואו עס זאָל ניט פאָרקומען קיין מאַניפעסטאַציעס. די דעמאָנסטראַציעס זיינען געווען אומגעהויער גרויסע, די מיטינגען ריזיקע.

... אונזער אָרגאניזאַציע האָט גערופן דורך געדרוקטע איינלאַדונגס-קאַרטן דעם וואַרשעווער פראָלעטאַריאַט אף א מיטינג, וועלכער האָט געדאַרפט פאָר־קומען 12 אזייגער אף עריוואנסקער פּלאַץ. אין דער באַשטימטער צייט האָט זיך אַהין אויפגעקליבן א מאַסע פון 20 טויזנט מענטשן. קיין מיטינג איז דאָרטן ניט געווען. די מאַסע האָט באלד אָנגעהויבן א גרויסע דעמאָנסטראציע אי־בער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס. די פּובליק פון גאס האָט זיך פאַרייניקט מיט די דעמאָנסטראַנטן. רעוואָלוציאָנערע אויסרופן און הורא-געשרייען האָבן פאַר־קלונגען די לופט. דאָ און דאָרט האָבן זיך אויפגעהויבן רעדנער אין דער הויך אף די הענט פון זייערע כאַווערים און אויסגעגאָסן די שטימונג אין פלאַמענדע ווערטער. פּאַטרולן זיינען אָנגעקומען איינע נאָך די אַנדערע. איי־ניקע האָבן זיך צעמישט מיט דער מאַסע. זעלנער מיט אַרבעטער האָבן זיך אַרומגענומען, געקושט, אָפיצערן האָבן געשריען „עס לעבע די רעוואלוציע". אַנדערע האָבן געשאָסן. עס זיינען געפאלן אייניקע קאָרבאָנעס. נאָר די מאַ־סע איז געווען ווי שיקער פון באַגייסטערונג. זי איז געגאַנגען ווייטער, אַלץ ווייטער, פּאָליצײַ איז פאַרבייגעגאַנגען, שווייגנדיק, באהאלטנדיק זיך ווי גאַ־נאָווים. אַן אלטער גענעראַל איז דורכגעפאָרן. ער איז געווען בלאַס, ווי זיין העמד. דער פורמאַן האָט געטריבן די פערד מיט דער גרע־סטער געשווינדקייט. אומזיסט! די מאַסע האָט אים אָפּגעהאַלטן, „שרייט: „עס לעבע די רעוואלוציע!" דער גענעראַל האָט אַראָפּגענומען די הוט און געשריען.

דעמאָנסטרירנדיק, איז די מאַסע דערגאַנגען ביז דער אידישער גמינע*) און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א מיטינג. ... דער מיטינג האָט זיך געענדיקט, און די מאַסע איז דעמאָנסטרירנדיק אוועק צום פּאַוויאַק**). די פּ. ס. ד. האָט גע־רופן אַף א מיטינג אין אוניווערזיטעט. אהין האָט מען אבער ניט געקאָנט צו־קומען. דער אוניווערזיטעט איז געווען ארומגערינגלט מיט מיליטער. עס איז דאָ אָפן שטעל פאָרגעקומען א גאַסן-פאַרזאַמלונג. די פּאָל-צײַ האָט אַרע־

*) קעהילע.

**) טורמע פאר פּאָליטישע.

סטירט דעם רעדנער, נאָר די מאַסע האָט אים באַלד באַפרייט און איז אוועק דעמאָנסטרירן. אף וויטקאָווסקי פלאַץ איז געווען א גרויסער פאָלקס-מיטינג פון פ. ס. ד. עס האָבן גערעדט 3 רעדנער. אַף כמעלנע איז געווען א מיטינג פון די באַן-ארבעטער. אין דער כעוורע פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע איז געווען א מיטינג פון בונד. פון אלע מיטינגען זיינען די מאַסן ארויס אַפן גאַס דעמאָנסטרירן.

דעמאָנסטראַציעס זיינען פאָרגעקומען אף מארשאלקאָווסקע און לעשנע. אף לעשנע האָבן אין דער דעמאָנסטראציע אנטייל גענומען ביז 50 טויזנט מענטשן. עס האָבן געפלאַטערט פאָנען פון פארשייוענע פאַרטייען. פיל רעדנער האָבן קורצע רעדעס געהאַלטן. מע האָט געטראָגן מיטעס פון געפאַלענע כאווירים. אין אייניקע ערטער האָט מען אַף די מאסע געשאָסן. אין דערזעלבער צייט איז פאָרגעקומען א גרויסע דעמאָנסטראַציע אף די ארומיקע גאַסן. עס איז אנגעקומען אַן אפיצער מיט הונדערט דראַגונער. אונזער רעדנער האָט זיך צו זיי געווענדעט מיט א הייסע רעדע, וועלכע האָט אף די זעלנער א טיפן איינדרוק געמאַכט. די זעלנער האָבן די ארבעטער די הענט געדריקט, דער אָפיצער האָט באגריסט די פרייהייט. די מאַסע וויל אים אויפהויבן אין דער הויך. ער בעט, מע זאָל דאָס ניט טאָן. ער גייט אין א מונדיר און האָט מוירע.

די גרעסטע דעמאנסטראַציע איז פאָרגעקומען נעבן פאוויאַק. אונטער אונזער אָנפירונג האָט זיך דאָרטן אויפגעקליבן אן אומגעהויער גרויסע מאַסע מיט רויטע פאָנען פון בונד. די מאַסע האָט ארומגערינגלט דעם פאוויאַק פון אַלע זייטן, זי האָט געפרואווט אַריינגיין אינעווייניק באַפרייען די אַרבעטער, נאָר דאָס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. דער פאוויאַק איז געווען אַרומגערינגלט מיט מיליטער, מע האָט דאָ אַפן גאַס אָפגעהאלטן פאַרזאַמלונגען מיט רעוואָלוציאנערע אויסרופן און קוילעס „הוראַ!” די ארעסטירטע האָבן דורך די פענסטער געשריען, געמאַכט מיט די טיכלעך. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט איז דער פאוויאַק ארומגערינגלט מיט 2 לעבעדיקע ווענט, מיט אַ וואַנט מיליטער און אַ וואַנט דעמאָנסטראַנטן. עס איז נאכט געוואָרן, און די גאַסן זיינען נאך אַלץ געווען פול מיט מענטשן. מע האָט אנגעצונדן די אילומינאַציע-לעמפלעך לעקאווועד דעם קעמפנדן פראָלעטאַריאַט.

...דעמזעלבן אָוונט איז אַרויס דער 14-טער נומער „וואַרשעווער אַרבעטער”[2], אָרגאַן פון אונזער קאמיטעט, געדרוקט אין אַ לעגאַלע דרוקעריי. די מאַסע האָט אים עמפפאנגען מיט דער גרעסטער היספאילעס. מיר האָבן אונזער צייטונג פארקויפט אף אַלע גאַסן. דעם ערשטן טאָג האָבן מיר פאַרקויפט 15 טויזנט עקזעמפלאַרן.

דאָנערשטיק דעם 2-טן נאיאבר (20 אָקטיאבר) זיינען אף די גאַסן ווידער געווען אַסאַך דעמאנסטראַציעס און מאניפעסטאַציעס. אף עריוואנער פלאַץ און נעבן פילארמאניע האָבן מיר אָרגאַניזירט גרויסע מיטינגען, וועלכע האָבן זיך גלענצנד איינגעגעבן. אונזער רעדנער האָט געהאַלטן אַ באַזונדערע רעדע פאַר די מיליטער און פאָליציי, וועלכע האָבן זיך דאָרטן צונויפגעקליבן. נאָך אַ

רעדנער אונזערער האָט פאָרגעלייגט א רעזאָלוציע וועגן אַרויסטראָגן א טויט-אורטייל דעם וואַרשעווער אָבער-פּאָליצמייסטער מייער. די גאַנצע מאַסע האָט געשטימט פאַר די רעזאָלוציע מיט אויפגעהויבענע הענט.

...אף זשאביע האָט מען געשאָסן אף אונזערע אַ דעמאָנסטראַציע, עס זיינען געפאלן אַסאַך פאַרוואונדעטע און אַסאַך געהאַרגעטע.

...ברויט אין שטאָט איז געווען שרעקלעך טייער, און קעדיי די אַרבעטער זאָלן ניט הונגערן, האָבן מיר דערלויבט די בעקער צו אַרבעטן. פילע פון זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דעם שטרייק און האָבן פאַרקויפט ברויט טייערער ווי שטענדיק. מיר האָבן ארויסגעלאָזן וועגן דעם אַ בלעטל אין זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך דאָס ניט דערוועגן צו טאָן, ווען ניט—וועלן מיר זיי שטרענג באַשטראָפן. איצט פאַרקויפט זיך ברויט נאָך דעם געוויינלעכן פרייז.

...דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעלאָזן אן אויפרוף, אין וועלכן ער פאַרבאָט שטרענג מיטינגען צו מאַכן אן דערלויבעניש און שרעקט מיט מיליטער. אונזער ארגאניזאַציע האָט אָנגעקלעפּט אף אַלע גאַסן רויטע פלאקאטן, אף וועלכע מיר האָבן געענטפערט סקאלאנען[3]. אז מיר וועלן מיטינגען מאכן, און שטרייקן וועלן מיר ניט אויפהערן ביז אונזערע פאָדערונגען וועלן ניט צופרידנגעשטעלט ווערן.

און אין דערעמעסן מאַכט מען טאַקע מיטינגען אָן אַן אויפהער. שאַבעס איז געווען א מיטינג אפן גאַס נעבן פילארמאָניע, זונטיק איז אין שווייצער-זאַל געווען א גרויסער מיטינג פון אידישע און קריסטלעכע האַנדלס-אָנגעשטעלטע. פרייטיק צו נאַכט און שאַבעס באטאָג זיינען פאָרגעקומען אונזערע גראנדיעזע מיטינגען אין שול אף טלאָמאצקע. עס קומען פאָר גרויסע פאכאווע פאַרזאַמלונגען. דעמאָנסטראַציעס הערן אויך ניט אויף.

זונטיק און מאָנטיק זיינען געווען אַסאַך לעוואיעס מיט פאָנען און רעדעס. באַ איין לעוואיע האָט מען געהארגעט 4 כוליגאנעס און אן איבערגעטאָנענעם גאָראדאוואי, וואָס האָבן געוואָלט שטערן די פראָצעסיע.

דעם 22-טן פון אָוונט האָט מען אַרויסגעלאָזן אַלע פאָליטישע ארעסטירטע. די מאַסע האָט זיי באַגעגנט מיט גרויס היספּאילעס און האָט זיי געמאַכט גרויסע אוואציעס.

דעם 5-טן נאיאבר (23 אקטיאבר) זיינען פאָרגעקומען אומרוען אין דעם ליטאָווסקען און קעגעלסאסקער גווארדיע-פאלקן. 4 ראָטעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין פאטרול און שטיין אף דער וואך. נאטשאלסטווע האָט באַ זיי צוגענומען די געווער, מע לאָזט זיי ניט ארויס פון די קאזארמעס. איצט שיקט מען די גוואַרדיע וויינִיק אין קאראאול. אין די גאַסן זעט מען פעכאָטע און קאָנע ארטילעריע.

די קאָנטר-רעוואָלוציע האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן אויך אין ווארשע. פּאָליציי האָט אָנגענומען אַלע מיטלען א פאָגראָם ארויסצורופן. זי האָט אָרגאַניזירט כוליגאַנעס, איבערגעטאָן גאראדאוויעס אין אידישע קליידער און זיי געשיקט פּראָוואָקאַטאָריש רייסן די „הייליקע בילדער". זי האָט פאנאנדערגעלאָזט פאַרשיידענע ווילדע קלאַנגען, אָרגאניזירט א פאַטריאטישע מאַניפעסטאַ-

ציע פון רוסישע שוואַרצע מייעס,—קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. אלע פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אַרויסגעלאָזן וועגן דעם פּראָקלאַמאַציעס. פּ. פּ. ס. און פּ. ס. ד. האָבן געשיקט זייערע רעדנער אַגיטירן קעגן פּאָגראָמען... כוץ דעם, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ גוט-באַוואָפנטן זעלבסטשוץ. אין פיל פּונקטן פון שטאָט שטייען אונזערע באַוואָפנטע גרופּן. בּאַנאַכט גייען איבערן שטאָט אונזערע באַוואָפנטע פּאַטרולן. מיט די פּ. ס. ד. האָבן מיר געבילדעט אַ געמיינזאַמע זעלבסטשוץ-קאָמיסיע.

...אויסער דעם, קאָאָרדינירן מיר אין דעם הינזיכט די טאַטן מיט דעם ספּעציעלן זעלבסטשוץ-קאָמיטעט פון די ציאָניסטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. אונטער אונזער אָנפירונג האָט זיך די אידישע באַפעלקערונג באַוואָפנט. באַנאַכט שטייען די דערוואַקסענע מענער פון יעדן הויף אין טויער באַוואָפנטע, גרייט צו באַגעגענען ווי געהעריק די כוליגאַנעס. אומבאַקאַנטע מענטשן לאָזט מען ניט אַריין (דעם שליסל פון טויער האַלטן די איינוואוינער, ניט די דוואָרניקעס) פאַרדעכטיקע מענטשן פאַרהאַלט מען ביז אונזער פּאַטרול גייט דורך און מע גיט זיי איבער.

באַקומענדיק וואָפן, איז די מאַסע געוואָרן מוטיקער. פאַר די לעצטע טעג האָט מען געהאַרגעט ביז 10 כוליגאַנעס, 3 גאָראָדאָוויעס און אַן אָקאָלאָטאָטשני.

די פּאָליציי זוכט געווער, אין אַנדערע הויפן באַזוכט זי אַלע קוואַרטירן, נאָר זי געפינט ווייניק... קיין פּאָגראָם אין וואַרשע האָט זיך איר ניט איינגעגעבן אַרויסצורופן.

די גראַנדיעזע נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע (איבער 120 טויזנט מאַן)*) וועלכע די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע האָט אָרגאַניזירט, האָט זיך אין קיין פּאָגראָם, ווי די פּאָליציי האָט געוואָלט, ניט פאַרוואַנדלט.

די 5 נומערן „וואַרשעווער אַרבעטער", וואָס מיר האָבן אַרויסגעלאָזן, און די 2 נומערן „גלאָס לודו" („פּאָלקס-שטימע"), אָרגאַן פון די פּ. ס. ד., האָט מען פאַרקויפט אומגעשטערט.

אייניקע באַוואוסטע רעוואָלוציאָנערן זיינען אַרעסטירט געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָפן אויף די מיטינגען אַרויסגעזאָגט, אַז זיי געהערן צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. נאָר מע האָט זיי באַלד באַפרייט. די טויערן זיינען אָפן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די גאַסן זיינען שטענדיק פול. מע אַרעסטירט נאָר פאַר טראָגן געווער און דאָס ניט אויף לאַנג.

פאַר דער צייט פון שטרייק האָט אונזער אָרגאַניזאַציע אַרויסגעלאָזן 10 פּראָקלאַמאַציעס און 4 קליינע אויפרופן און וואַרנונגען. די פוילישע פּאַרטייען האָבן אויך אַרויסגעלאָזן אַסאַך פּראָקלאַמאַציעס. 2 פּראָקלאַמאַציעס האָט אַרויסגעלאָזן די אַנאַרכיסטישע גרופּע און 2 די מיליטער-רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. די ס. ס. האָבן אויף זייערע פּראָקלאַמאַציעס ניט אַרויסגעשטעלט „עס לעבע דער ציאָניזם", אויף א ווייכע, הייסט עס, פאַרדעקט די שאַטנעז.

בעת ווען מיר שרייבן די שורעס, ציט זיך דער שטרייק דעם 18-טן טאָג.

*) לויט אַנדערע ידיעות, האָט זיך אין דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע באַטייליקט ביז 250 טויזנט מענטשן.

די נויט איז גרויס. אונזער אָרגאַניזאַציע צעטיילט ביז אנדערטהאלבן טויזנט רובל אַ טאָג די שטרייקנדע ארבעטער: אידן און קריסטן. מיר האָבן אונזערע בעקערייען, וואו מע טיילט אומזיסט ברויט, אין אנדערע ערטער גיט מען אומזיסט טיי און צוקער. נאָר דאָס איז אַ טראָפּן אין יאַם. די מאַסע הונגערט, און דאָך האלט זי זיך, דאָך ברעכט קיינער ניט דעם שטרייק. אזוי הויך איז די רעוואָלוציאָנערע שטימונג, אזוי שטאַרק איז די ארגאניזאַציאנע דיסציפּלין.

דאָנערשטיק דעם 23—10 האָט אונזער אָרגאַניזאַציע געמעלדעט, דאָס דער אלגעמיינער שטרייק איז געענדיקט.

123. ווילנע.

(קארעספאנדענץ אין נומ. 10 „דער בונד“, אקטיאבר 1905).

דעם 12 אָקטיאבר האָט זיך אָנגעפאנגען דער שטרייק פון די אייזנבאַן-ארבעטער. אייניקע שטרייקנדע האָבן זיך געווענדעט צו די דרוקער מיט אַ פאָרלאגע, זיי אונטערצוהאלטן אין קאַמף. די ארבעטער האָבן געענטפערט, אז זיי זיינען גרייט צום שטרייק, נאָר זיי ווארטן אף דעם רוף פון דער אָרגאַניזאַציע. אין שטאָט איז שוין דערוויל געוואָרן אַ טומל. מע האָט זיך געריכט אף אן אלגעמיינעם שטרייק און מע האָט זיך געאיילט איינקויפן עסנווארג אף עטלעכע טעג.

מיר זיינען אריין אין באַציאונגען מיט דער גרופע פון ר. ס. ד. ר. פּ. און האָבן געגרינדעט אַ פאַריייניקטן קאמיטעט. מיר האָבן באַשטימט, אז דער שטרייק דארף זיך אנפאנגען זונטיק; די גרופע—מאָנטיק.

שאַבעס אין דער פרי האָט מען אין אלע שולן מודיע געווען וועגן שטרייק. אונזער באשטימונג איז פון אלעמען באגעגנט געוואָרן מיט א שטארקע מיט-פילונג, אין שטאָט-קלוב זאָגאר מיט אפּלאָדיסמענטן.

דעמועלבן טאָג איז צוזאמענגערופן געוואָרן א מיטינג אין אייזנבאַן-קלוב נאָר פאַר די אייזנבאן-בעאמטע. די שטימונג איז שוין דעם טאָג געווען אַ געהויבענע: אַ טייל ארבעטער האָבן אָפּגעהאלטן דעם טראַמווייַ אף זאוואלנע גאס און האָבן איבערגעקערט די וואגאָנעס. אין אָוונט איז אף די בירזשעס געווען פול מיט ארבעטער. מע האָט זייער ערנסט באטראכט די פראַגע וועגן מארגנדיקן שטרייק, מע האָט אָרגאניזירט אָטריאדן, מיט איין וואָרט, עס איז געוועזן זייער לעבעדיק; דעם אָוונט האָט מען ארעסטירט ביז 30 מאַן. אף מאָרגן איז די אטריאדן אויסגעקומען גאנץ ווייניק צו ארבעטן, ווייל איידער זיי זיינען ארויס איבערן שטאָט, איז שוין אלץ געווען צוגעמאכט; קיין ציי-טונגען זיינען שוין ניט געווען.

אום 11 אזייגער האָט זיך געעפנט אן אלגעמיינער מיטינג אין אייזנבאן-קלוב אף כערסאָנער גאַס. די מאַסע, וואָס האָט זיך צוזאמענגעקליבן, איז גע-ווען אזוי גרויס, דאָס אַ גרויסער טייל פון איר איז געבליבן אויסערן זאל

אפן גאס. דאָס כּאַיל האָט פריער אפילע געשטערט צוזאמענצוקלייבן זיך, נאָר דערנאָך האָבן זיי אלעמען געלאָזן גיין.

מיטאַמאָל קומט מען אריין אין זאל און מע זאָגט, אז אף די גאַסן שיסט מען. עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. אייניקע האָבן זיך געוואָרפן באלד צום טיר. אַ טייל זיינען אזוי אויפגערעגט געוואָרן, דאָס זיי האָבן צעריסן דעם קייסערס פּאָרטרעט. עס איז באשטימט געוואָרן ארויסרופן דעם גובערנאטאָר און פאָדערן בא אים, מע זאָל צונעמען די סאָלדאַטן.

אז דער גובערנאטאָר איז געקומען, האָט ער געזאָגט, דאָס ער אליין קען גאָר נישט טאָן און האָט פארגעלייגט, דאָס די ביוראָ פון אייזנבאַן-ראַט זאָל מיט אים פאָרן צום גענעראַל-גובערנאַטאָר פויעלן בא אים, מע זאָל צונעמען די פאטרולן.

צוזאַמען מיטן גובערנאטאָר און די ביוראָ האָט זיך אַ לאָז געטאָן די גאנצע מאַסע. מיט גרויס מי זיינען זיי דורך אף געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט. מיטאַמאָל האָט מען אויסגעשאָסן אין גובערנאטאָר (ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס געווען א פּראָוואָקאטאָרישער שאָס); דעם גובערנאַטאָרס קוטשער האָט זיך אוועקגעלאָזן צום פאטרול אנזאָגן, דאָס מע האָט פארוואונדעט דעם גובערנאטאָר, און גלייך האָט זיך אָנגעהויבן א שיסעריי. נאָך אייניקע זאלפן זיינען געפאַלן 5 טויטע און ביז 30 פארוואונדעטע.

די ביוראָ האָט געפאָדערט באם גובערנאַטאָר, ער זאָל הייסן אויפהערן שיסן, נאָר ער האָט זיך געמאַכט אַזוי צעטראָגן, דאָס ער קען גאָר נישט טאָן, און האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, קעדיי אָפּצוהאַלטן די אכזאריעסדיקע האריגע.

די אויפרעגונג פון דער מאַסע איז ניט צו באַשרייבן.

...בעאייס מען האָט געטראָגן די פאַרוואונדעטע אין אידישן העקדעש, איז שיר ניט פאָרגעקומען א נייער צוזאַמענשטויס מיט קאַזאַקן און פּאָליציי.

אין אָוונט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן עקסטרע-זיצונג אין דומע, די גלאסנע האָבן באַשטימט פאָדערן, מע זאָל צונעמען דאָס כּאאיל אין דער צייט פון דער לעוואיע פון די קאָרבאָנעס.

מאָנטיק און דינסטיק זיינען פאָרגעקומען די טרויער-פּראָצעסיעס, אין זיי האָבן גענומען אַן אָנטייל צענדליקער טויזנטער מענטשן, איבערהויפּט גרויסארטיק איז געווען די לעוואיע פון אַבראַם קיסין, וועלכע איז פאָרגעקומען דינסטיק. צענדליקער קראנצן מיט רויטע בענדער און רעוואָלוציאָנערע אויפשריפטן, מאַסן שוואַרצע פאָנען, איבערהויפּט די געהויבענע שטימונג פון דער גאַנצער מאַסע — דאָס אַלץ האָט פאָרגעשטעלט אַ גרויסאַרטיקן בילד.

לויט דער באַשטימונג פון פאריייניקטן קאָמיטעט, זיינען די לעוואיעס אַראָפּ שטיל, אָן געזאַנג און אויסרופן, אַף דעם בייסאלמען האָט מען געהאַלטן פייערדיקע רעדעס. גערעדט האָבן פאָרשטייער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון שטאָט. די רעדעס זיינען געווען אַף אידיש, רוסיש און פויליש. די אָרדענונג איז די גאַנצע צייט ניט געשטערט געוואָרן, אַדאַנק דעם וואָס מע האָט צוגענומען די פּאָליציי, קאַזאַקן און סאָלדאַטן. היטן די אָרדענונג האָט אין די טעג גענומען אַף זיך דער פאריייניקטער קאָמיטעט.

...מיטוואָך און דאָנערשטיק זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גאַנצע ריי מיטינגען אַף די גאַכן, אין די שולן און אין אַלע איבעריקע געזעלשאַפטלעכע זאַלן. מע האָט קריטיקירט דעם מאַניפעסט, אונטערגעשטריכט די ראָלע פון פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע.

...אַפן פערטן טאָג פון שטרייק האָט דער פאַרייניקטער קאָמיטעט דערלויבט צו באַקן ביז 2 ב״טאָג ברויט. אונזערע אָרגאַניזירטע אַרבעטער זיינען מאַשגיעך געווען אַף דעם, אַז דאָס ברויט זאָל מען פאַרקויפן פאַרן געוויינלעכן מעקעך.

די אָרגאַניזאַציע האָט אין די טעג געהאַט אַ געוואַלדיקן איינפלוס אַף די גאַנצע שטאָט.. צו אונזערע באַשטימונגען האָבן זיך אַלע צוגעהערט און אַלע האָבן זיי ערפילט. דער שטרייק איז געווען אַן אַלגעמיינער אין פולן זינען פון דעם וואָרט; אַפילע די פורמאַנעס, דער טעלעגראַף, די באַאמטע פון אופּראַווע האָבן געשטרייקט.

די לעצטע טעג איז די גויט אין שטאָט געוואָרן זייער גרויס, ניט קוקנ־דיק אַף דעם, וואָס דער פאַרייניקטער קאָמיטעט האָט אויסגעהאַלטן פילע שטרייקנדע. ...נאָר אַלעמען באַפרידיקן איז אומעגלעך געווען.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די טעטיקייט פון דער „שוואַרצער כעוורע״. נע־מענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, האָט דער פאַרייניקטער קאָמיטעט באַשטימט צו ענדיקן דעם שטרייק פרייטיק 12 באַטאָג. צו יענער צייט האָט זיך באַדאַרפט אָנפאַנגען די באַוועגונג פון דער אייזנבאַן (מיט דער ביוראָ פון די אייזנבאַן־באַאמטע זיינען מיר געווען זייער ענג פאַרבונדן און מיר זיינען די גאַנצע צייט געגאַנגען האַנט באַ האַנט). וועגן דער ענדע פון שטרייק האָבן מיר מודיע געווען דורך ספּעציעלע בלעטער און אַף מיטינגען, אַף וועלכע אונזערע רעדנער האָבן גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון שטרייק, מיר האָבן גערופן אַלעמען גרייטן זיך צום ווייטערדיקן קאַמף, קעדיי צו דערגרייכן אונזערע פּאָליטישע פאָדערונגען. די שטימונג איז געווען אַ פּאָרטרעפלעכע. מע האָט געזונגען די שוואוע, אַף פיל גאַסן האָט מען אַראָפּגעריסן די נאַציאָנאַלע פאָנען (דאָס איז געווען אַ טאַבעל־טאָג *)).

די ציאָניסטן־סאָציאַליסטן און פּ. פּ. ס. האָבן געפּרובירט פאַרלייגן, מע זאָל דעם שטרייק ניט ענדיקן, נאָר זיי האָבן קיין ערפאָלג ניט געהאַט **).

בעשאַס די אַרבעטער זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען צוריק פון די מיטינ־גען איז אַף זאַוואַלנע גאַס נאָך אַ מאָל אַרויס אַ בלוט־פאַרגיסונג. אַ פּאַטרול האָט אַרעסטירט אַן אַרבעטער, וואָס האָט געוואָלט האַרגענען אַן אָקאָלאָדאָטשנעם נ״דזיראַטעל. אייניקע אַרבעטער האָבן געוואָלט באַפרייען דעם אַרעסטירטן. ...דער אָפיצער האָט געגעבן אַ סיגנאַל און די סאָלדאַטן האָבן געגעבן עטלעכע זאַלפן, עס זיינען געפאַלן 6 טויטע און 20 פאַרוואונדעטע. אין אַ ווײַלע ארום האָבן זיך באַוויזן קאַזאַקן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אַף איינצלנע דורכ־גייענדע, אַלס אַ רעזולטאַט — ווידער פאַרוואונדעטע. הינטער די קאַזאַקן איז

*) פאַמיליען־טעג פון דער קייזערלעכער פאַמיליע, וועלכע מע פלעגט צווינגען פייערן דאָס גאַנצע לאַנד.

**) לויט די יעדיעס פון די ס. ס., האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פאַרלענגערן דעם שטרייק נאָך אַף אַ טאָג. זע די קאָרעספּאָנדענץ פון ווילנע אין „דער אידישן פּראָלעטאַריער״, נום. 1. נאָיאַבר 1905.

געפּאָרן די פּאָזשארנע קאָמאנדע, וועלכע האָט געטריבן און צעטראָטן פיל מענטשן. דער בראנדמייסטער האָט דריי מאָל אויסגעשאָסן און האָט פארוואונדעט אַ פרוי.

די מאסע איז געוואָרן שטארק אויפגערעגט, אַלע (אַפילע אַלטע לייט און פרויען) האָבן גענומען ווארפן שטיינער אין די פּאָזשארנע; מע האָט געשריען: „גיט אונז געווער!"

עס איז געוואָרן אַ טומל, וועלכער איז געוואקסען פון מינוט צו מינוט, מיט גרויס מי האָט זיך דער אָרגאניזאציע איינגעגעבן צו בארואיקן די מאסע, וועלכע איז געווען גאָר אומבאוואפנט.

שאַבעס זיינען ווידער געווען מיטינגען. זונטיק איז פאָרגעקומען די לעוואיע פון געפאלענעם קריסטלעכן אַרבעטער. אַף דער פּראָצעסיע זיינען ווידער געווען קרענץ און פאָנעס, אָבער מענטשן איז שוין אַף איר געווען ווייניקער. אַפן בייס-אלמען האָבן גערעדט 10 רעדנער, הויפּטזעכטלעך אַף רוסיש און פּויליש.

אַזוי ווי מע האָט שוין אין שטאָט שטארק גערעדט וועגן אַ פּאָגראָם, האָבן די רעדנער געפונען פאר נויטיק צו ערקלערן די עמעסע באדייטונג פון די פּאָגראָמען און האָבן גערופן צו זעלבסטשוץ.

דערמיט האָבן זיך געענדיקט די רעוואָלוציאָנערע טעג אין ווילנע.

124. דער 18-טער אָקטיאבער אין מינסק.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נום. 17 „דער ווארשעווער ארבעטער". 26 אָקטיאבר 1905).

ביז דעם 18-טן אקטיאבער פלעגן באַ אונז פאָרקומען גרויסע מיטינגען פון די אייזנבאַן-אַרבעטער, די מיטינגען פלעגן זיין אַף ווילנער וואָקזאַל און אַהין פלעגט קומען פריי יעדערער, ווער עס האָט געוואָלט. דעם 31-טן *) אָקטיאבר איז די מאַסע געווען זייער אַ גרויסע — אין וואָקזאַל איז קיין אָרט ניט געווען. מע איז אַרויס אַפן גאַס און דאָרט אַוועקגעשטעלט אַ טריבונע פאַר די רעדנער און די מאַסע איז אַלץ געוואָרן גרעסער און גרעסער. לויט דעם פאָרשלאַג פון דעם פאָרזיצנדן, האָט מען געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום גובערנאַטאָר פאָדערן, מע זאָל באַפרייען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע און צונעמען די קאָזאַקן און זעלנער פון די גאַסן. דערוויל האָט זיך פאַרזאַמלט אַן אומגעהויער גרויסע מאַסע אַף דעם הויכן מאַרק. דער מאַרק איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. עס האָבן גערעדט אָראַטאָרן פון פאַרשיידענע פּאַרטייען.

פון גובערנאַטאָר האָט זיך באַקומען אַן ענטפער, אַז ער קאָן באַפרייען נאָר די אַדמיניסטראַטיווע.

„צום טורמע! צום טורמע!" האָבן זיך געהערט קוילעס פון אַלע זייטן, און מיט רויטע פאָנען, מיט רעוואָלוציאָנערע לידער און אויסרופן איז די מאַסע אוועק צום טורמע. די טורמע איז שוין אָבער געווען אַרומגערינגלט מיט מיליטער. נעבן טויער האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. פון דער

*) 18-טן לויטן אלטן סטיל.

זייט פון פּאָליציי איז אָנגעקומען אַ נייע מאַסע ווידער מיט רויטע פאָנען און מיט לידער. ביידע מאַסן האָבן זיך פאַרייניקט און זיינען צוזאַמען אַוועק אַפן מיטינג פון די אייזנבאַן-אַרבעטער.

אַף דיזן מיטינג זיינען געווען ביז 50 טויזנט מענטשן. נעבן דעם אָרט פון מיטינג זיינען געשטאַנען דריי אָפיצערן מיט אַ פּאַטרול זעלנער. די אָפיצערן זיינען איבערגעגאַנגען אַף דעם אָרט פון דער מאַסע, זיי זיינען אַרויף אַף דער טריבונע, און אַף זייערע אויפגעהויבענע דעגנס האָט מען אָנגעטאָן רויטע פאָנען.

די זעלנער האָבן אַריינגעטראָגן זייערע ביקסן אין זאַל פון ערשטן קלאַס, און אַליין זיינען זיי צוגעשטאַנען צו דער מאַסע. די אָפיצערן האָבן געפּרוווט שטערן, נאָר איבער די רעוואָלוציאָנערע אויסרופן און הילכיקע אורא=געשרייען האָט מען זייער קאָל ניט געהערט.

נאָך דעם פאָרשלאַג פון דעם פאָרזיצנדן איז די גאַנצע מאַסע רואיק אַוועק אין שטאָט. אַפן וועג האָט זי באַגעגנט מיליטער. אַ האָרט ניט געערדט, ניט געהייסן זיך פונאַנדערגיין, האָט די מיליטער אָנגעהויבן שיסן[4]. עס זיינען געפאַלן מענטשן. ווי פליגן. די גאַס איז רויט געוואָרן פון בלוט. וויפיל מענטשן ס'זיינען געהאַרגעט געוואָרן, איז נאָך אומבאַוואוסט, דערווייל האָט מען מעקאַ-בער געווען 40 אידן און מע זאָגט, אַז אַזוי פיל קריסטן; פאַרוואונדעטע זיינען דאָ הונדערטער. פילע שטאַרבן פון די וואונדן. דער שטרייק ציט זיך ווייטער. די גאַסן זיינען פול מיט מענטשן, עס קומען פאָר אַסאַך מיטינגען, מע פאַר-שפּרייט און מע קלעפּט פונאַנדער יעדן טאָג נייע פּראָקלאַמאַציעס פון פאַר-שיידענע פּאַרטייען.

אין דער פּראָקלאַמאַציע פון אָרטיקן קאָמיטעט פון „בונד" פון 19-טן אָקט., וועלכע רופט די גאַנצע באַפעלקערונג צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק, ווערן אַרויס-געשטעלט פון „בונד" איינעם מיט דער מינסקער גרופּע פון דער רוסל. סאָצ.=דעמ. אַרב. פּאַרטיי, מיט דעם מינסקן קאָמיטעט פון סאָצ.-רעוו. און דעם אייזנבאַן-פאַריין פאָלגנדע פאָדערונגען:

1. גלייך זאָלן אַראָפּגעזעצט ווערן פון זייערע ערטער דער גובערנאַטאָר קורלאָוו[5], דער פּאָליציימייסטער נאָראָוו, די זשאַנדאַרמסקע פּאָלקאָווניקעס פון אייזנבאַן ווילדענמאַן און קלאָגמאַן און דער פּאָדפּאָלקאָווניק כאַרטשענקאָ, גלייך זאָל אָנגעהויבן ווערן אַ געריכטס-פאָרשונג וועגן אַלע פאַרשטייער פון אַדמיני-סטראַציע און מיליטערישע מאַכט, וועלכע זיינען שולדיק אין דער בלוטיקער האריגע פון 18-טן אָקטיאַבר.

2. עס זאָל פונאַנדערגעלאָזן ווערן דער גאַנצער סאָסטאַוו פון פּאָליציי און די גאַנצע זאַך פון אָפּהיטן די אָרדענונג און געזעלשאַפטלעכע זיכערקייט זאָל איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון שטאָט.

3. קיינער זאָל ניט ליידן פאַר דעם אָנטייל אין דעם מיטינג פון 18-טן אקטיאבר.

4. גלייך זאָלן די קאזאקן אַרויס פון שטאָט.

5. די געזינדן פון די דערהאַרגעטע און פאַרוואונדעטע דאַרפן פאַרזאָרגט ווערן אַפן רעכענונג פון דער רע.ירונג.

6. די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען דאַרף גאַראַנטירט ווערן דורך דעם, אַז אַדמיניסטראַציע און באוואָפנטע מאַכט זאָל זיך דאָרט ניט געפינען און ניט אַריינמישן זיך.

אין דער פראָקלאמאַציע ווערט ערקלערט, אז דער שטרייק וועט געענדיקט ווערן נאָר נאָכן ווילן פונם רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאַריאַט.

קעדיי עס זאָל מעגלעך זיין דאָס באַזאָרגן פון די פאַרוואונדעטע, איז באַשטימט, דאָס די אַפטייקן, בעקערייען, קראָמען פון עסנוואַרג זאָלן זיך ניט פאַרמאַכן; נאָכן ווילן פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס וועלן אַרבעטן דער וואָדאָפּראָוואָד און די עלעקטריציטעט.

די פראָקלאָמאַציע ווענדעט זיך צו דאָקטוירים, פעלדשערס און איזוואָזטשי-קעס מיט א פאָדערונג צו זיין גרייט בא דעם קלענסטן טומל צו ערפילן זייער כויוו.

127-125. די נאציאָנאַל-רעיואָליציאָנערע פאַרטייען אין די אָקטיאבר-טעג.

א. די צ. ס. א. פ. אין האָמעל.

(קאָרעספאָנדענץ אין נומ. 1. „דער אידישער פראָלעטאריער“. נאָיאבר 1905).

די יעדיע וועגן דעם אייזנבאן-שטרייק איז געקומען צו אונז גאַנץ אומער-וואַרטעט; מיר האָבן זיך ערשט געגרייט אָנהויבן אַ מילכאָמע פאַר דער באַ-רויבטער בא אונז בירזשע. פלוצלונג האָבן מיר זיך דערוואוסט, אז עס האָבן זיך געשטעלט די ליבאווער און פאלעסער אייזנבאַן. דאָס איז פאָרגעקומען דאָנערשטיק. מיר האָבן באלד פאַרשטאנען, אַז עס שטייט פאָר עטוואָס גראנ-דיעזעס,און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן.

מיר האָבן באלד באשטימט אַן אלגעמיינעם פאָליטישן שטרייק; דאָס זעלבע האָבן געטאָן אויך אַלע איבעריקע פאַרטייען, און דער גאַנצער האָמלער פראָלעטאַריאַט האָט געוואָרפן די אַרבעט, דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין שטאָט איז פאַרשוויגן געוואָרן.

דעמזעלביקן טאָג איז פאָרגעקומען באַ אונז אַ מאסן-פאָרזאמלונג, וואו מיר האָבן גערופן די מאַסן זיין גרייט צום ענטשיידענעם מאָמענט. אף מאָרגן פרי איז שוין די גאַנצע מאסע געווען אַפן גאַס, און דער באיעוואי אטריאד איז געזעסן אף אַ באשטימטן אָרט גרייט צום ארויסטרעטן; מיר האָבן אָבער פאַרשטאנען, אז אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט זיינען צו קנאפּ און אומוויכטיק געוויינלעכע מאניפעסטאַציעס. מיר האָבן פארשטאנען, אז איצט מוז און דאַרף פאָרקומען עטוואָס גרעסערס, עטוואָס וויכטיקערס, וואָס עס זיינען אימשטאַנד צו רעאליזירן נאָר אלע אָרגאניזאציעס צוזאמען.

ניט האָבנדיק אָבער די מעגלעכקייט צו קומען אין באַציאונגען מיט אַלע

אָרטיקע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס [6], האָבן מיר זיך פֿאַרייניקט נאָר מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן — און אַף מאָרגן 3 אַזייגער האָבן מיר באַשטימט אַ באַוואָפֿנטע דעמאָנסטראַציע. מיר ווילן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אַף די גאַנצע ריי אומפּינקטלעכקייטן פֿון די ס.־ר., אָבער וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו פֿליִען די דעמאָנסטראַציע אַף 4 אַזייגער, נאָר צו דער באַשטימטער צייט האָבן אונז די ס.־ר. געמעלדעט, אַז זיי גרייטן אַן אַטענטאַט אַף די קאַזאַקן. זייענדיק צערודערט פֿונעם דאָזיקן פֿאַקט, וועלכער האָט אינגאַנצן צעשטערט אונזער פּלאַן, זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען אַף אונזער צענטראַלע קוואַרטיר באַראַטן זיך וועגן זעלבשטענדיקן אַרויסטרעטן. נאָר דאָ האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז פֿאַר דעם אַטענטאַט פֿון די ס.־ר. איז אומעגלעך עטוואָס אונטערצונעמען, ווייל אַנדערש וואָלטן מיר פּראָוואָצירן און שטערן אויספֿירן זייער פּלאַן, וועגן וועלכן זיי האָבן אונז אָפֿיציעל געמעלדעט. נאָך דעם אַטענטאַט, ווען די באָמבע איז קימאַט אָן קיינע רעזולטאַטן געוואָרפֿן געוואָרן אין די קאַזאַקן, איז געשען עטוואָס אומאיבערגעבלעכעס: עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומגעהויערע שיסעריי; מ'האָט געשאָסן דורך די פֿענסטער אין די הייזער, אין אַלע דורכגייער. אין שטאָט איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק.

וועגן אַ מאַסן־אַרויסטרעט האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין, ווייל עס וואָלט אויסגעקומען פֿירן די מאַסע צו דער שכיטע. אַזוי איז, ליידער, דערדאָזיקער רעוואָלוציאָנערער טאָג פֿאַר אינז פֿאַרלאָרן געגאַנגען. אָוונטס האָט אַ בונדיסט געוואָרפֿן אַף רומיאַנצעווער גאַס אַ באָמבע אין די קאַזאַקן, וועלכע האָט געטויט אייניקע פֿון זיי. דאָ האָבן זיך די ווילדע אינסטינקטן פֿון די מענטשן־כאַיעס צעשפּילט, און אין אַ מעשעך פֿון עטלעכע שאָ האָבן די קאַזאַקן מאַמעש באַמבאַרדירט די שטאָט. 4 זיינען טויט געפֿאַלן און פֿיל זיינען געראַנירט געוואָרן. עס זיינען פֿאָרגעקומען פֿיל אַרעסטן, און די אַרעסטירטע האָט מען אומערבאַרם געשלאָגן.

אַף מאָרגן איז די רעוואָלוציאָנערע שטימונג זייער געפֿאַלן. די הויפּט־סיבע פֿון דעם איז געווען דאָס, וואָס די היגע אייזנבאַן־אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן זייער אַפּאַטיש און האָבן קיין שום אַנטייל ניט גענומען און ניט געקומען צו הילף אין אונזער אַרבעט, זיי האָבן אַפֿילע ניט צוגעלאָזט קיין אידן אַף זייערע מיטינגען; דערצו האָט אויך זייער שלעכט געווירקט דער שוואַרצער טעראָר, וועלכער האָט געהערשט אין שטאָט; דאָס אַלץ האָט אומעגלעך געמאַכט אינם דאָזיקן טאָג יעדער רעוואָלוציאָנערן אַרויסטרעט, — און מיר האָבן זיך געגרייט צו אַ רעוואָלוציאָנערן אָנפֿאַל, בעשאַס עס וועלן פֿאָרקומען די לעוואַיעס פֿון די געפֿאַלענע קאָרבאָנעס...

די אַלע צופֿאַלן האָבן אומעגלעך געמאַכט צו אויסנוצן די רעוואָלוציאָנערע טעג. דאָסזעלביקע איז פֿאָרגעקומען אויך באַ אַלע איבעריקע פֿאַרטייען, ניט רעכענענדיק די אַטענטאַטן פֿון די ס.־ר. און איין קליינע בונדישע מאַניפֿעסטאַציע. זונטיק האָט זיך דער פּאָליטישער שטרייק פֿאַרענדיקט, און מע איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

מיטוואָך, דעם 19, האָבן מיר באַקומען די דעפּעש מיטן צאַרס מאַניפעסט. דער אויסזעען פון שטאָט האָט זיך מיטאַמאָל אינגאַנצן געביטן.

די ביז איצט פּוסטע גאַסן זיינען פאַרפלייצט געוואָרן מיט טויזנטער באַגייסטערטע מאַסן. אום 3 אזייגער באטאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַראַדגער מיטינג אין דומע, וואו ס'האָבן זיך פאַרזאמלט טויזנטער מאַסן. אין פּרעזידיום האָבן אנטייל גענומען מיר, ס.-ד. און „בונד". דער איינדרוק פון דעם ערשטן פרייען מיטינג איז אומאיבערגעבלעך. אונזער רעדנער האָט אין זייער א הייסער רעדע קריטיקירט דעם ביוראָקראַטישן מאַניפעסט און האָט אונטערגעצייכנט אונזערע פּראָלעטאַרישע פאָדערונגען צום איצטיקן מאָמענט. די פאַרזאַמלונג האָט מיט דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן געגריסט דעם רעדנער. אונזער ווירקונג אף דער געזעלשאַפט איז געוואַקסן. דער מיטינג האָט זיך פארענדיקט אום 8 אזייגער אָוונט.

דאָנערשטיק האָבן מיר צעקלעפּט אין שטאָט מעלדונגען, וואו מיר האָבן גערופן די באַפעלקערונג אף א מיטינג אין שטאָט-קלוב. צו דער באַשטימטער צייט האָט זיך פאַרזאַמלט א צו גרויסער עולם און מיר האָבן איבערגעטראָגן דעם מיטינג אפן בולוואַר. דער ערשטער האָט גערעדט אונזער א כאַווער, וועלכן עס האָבן ארומגערינגלט 15—20 טויזנט מענטשן.

דאָס איז געווען א פּראַכטפול-שיינס בילד!

דער האמוין האָט גערן זיך צוגעהערט צו יעדער וואָרט פון די רעדנער. 10 רעדנער האָבן נאָכאנאַנד איינער געביטן דעם צווייטן. 6 אזייגער האָט זיך דער גאַסן-מיטינג געענדיקט, און דער גאַנצער עולאם איז אַוועק צו דער דומע, וואו ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען א בונדישער מיטינג.

אויך דעמדאָזיקן מיטינג איז אויסגעקומען אַריבערטראָגן אפן גאַס. ווען דערדאָזיקער מיטינג האָט זיך געענדיקט (ארום 8 אזייגער אָוונט), האָט זיך אָנגעהויבן א דעמאָנסטראַציע.

שווער איז צו באַשרייבן די צויבערהאַפטע שיינהייט פונם דאָזיקן גראַנדיעזן מאָמענט. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן פאַרפלייצט די רומיאַנצעווער גאַס. דער האמוין איז אלץ געוואַקסן און געוואַקסן, פון אַלע באַלקאָנען האָט מען אונז געגריסט. הויך איבער אונזערע קעפּ האָבן געפלאַטערט די רויטע פּראָלעטאַרישע פאָנען. אַלע ווייליע פלעגט זיך די פּראָצעסיע אָפּשטעלן, און פון אַלע זייטן פלעגן זיך הערן קורצע און באַגייסטערטע רעדעס. אונז אַליין איז אויסגעקומען מער ווי 10 מאָל ריידן. איידער די דעמאָנסטראַציע האָט זיך פארענדיקט, האָט די שטימונג און באַגייסטערונג דערגרייכט איר קולמינאַציאָנס-פּונקט. מיר האָבן מיט בענגאַלישן פייערווערק באלויכטן אונזער פאָן און אונטער איר שוץ הויך געשוואָרן ניט אויסקלייגן דאָס געווער, ביז וואַנען ס'וועלן ניט פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן די לאָזונגען און אידעאַלן, וועלכע זיינען אף איר אויפגעשריבן. דאָס איז געווען איינע פון די גליקלעכסטע און דערהויבנסטע מאָמענטן אין אונזער רעוואָלוציאָנערן לעבן!..

און אין איניקע מינוטן האָט זיך מיטאַמאָל די לאַגע שטרענג געביטן; א שרעקלעכער קריזיס איז געקומען. די שטימונג איז ווידער געפאַלן: מיר האָבן

באקומען די יעדיע וועגן די פּאָגראָמען. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז מיט דעם פּאַראָכאָד קומען באַלד פון קיעוו כוליגאַנעס מיט אָנגעראַבירטע גוטס. מיר האָבן גלייך פארזאַמלט דעם באַיעוואָי אָטריאַד און אים צעזעצט אף קוואַר-טירן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע טעג פון וואַרטן! צוויי וואָכן האָט עס געדויערט... מיר האָבן זיך אָבער זעלטן-גוט אָרגאַניזירט, אזוי אַז כוליגאַנעס זייגען אונז ניט שרעקיק...

איצט איז ווידער רואיק; דאָס לעבן פליסט ווי פריער — פּאַרזאַמלונגען און מיטינגען, און א אינטענסיוו-פּאָליטיש-לעבן. דעם 6-טן נאָיאַבר האָבן מיר געמאַכט א מיטינג פון טויזנטער מענטשן אין דער גרויסער שול, אונזערע רעדנער האָבן באַרירט פיל טאָג-און פּראָגראַם-פראגן; מע האָט גערעדט וועגן די פּאָגראָמען, וועגן טעריטאָריאַליזם, וועגן קריגס-צושטאַנד אין פוילן און די קראָנשטאַדטער מאַטראָסן⁷) און וועגן דער „קוצער קאָנסטיטוציע" איבערהויפּט.

ב. די א. ס. א. פּ. אין ביאַליסטאָק.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נום. 1 „דאָס נייע לעבן". אַפּרעל 1906).

...דינסטיק דעם 18-טן אָקטיאַבר נאָכמיטאָג איז אַרויס אַ קלאַנג איבערן שטאָט, דאָס מע האָט געגעבן א קאָנסטיטוציע... באַלד זייגען אַלע פאַבריקן געוואָרן אָפּגעשטעלט, די גאַסן זייגען געוואָרן פול מיט מענטשן; אף די גרויסע שטראַסן האָט מען געעפנט מיטינגען, וואו רעדנער האָבן ערקלערט דער מאַסע די באַדייטונג פון דעם מאָמענט און האָבן גערופן צום ווייטערן קאַמף. א טייל פון דער מאַסע איז אַוועק צו דער טורמע באַפרייען די „פּאָליטישע", וועלכע דער פּאָליצמייסטער האָט צוגעזאָגט באַלד אַרויסצולאָזן. בעאיים די מאַסע איז געשטאַנען נעבן דער טורמע, האָבן די פּאַטרולן אָנגעהויבן פּלוצלונג צו שיסן. עס זיינען אף דער שטעלע געפאַלן אייניקע מענטשן, אסאַך זייגען פאַרוואונ-דעט געוואָרן.

...באַלד נאָכן 18-טן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רייע פון די בלוטיקע אידישע פּאָגראָמען, און די אידישע וועלט איז געוואָרן איבערראשט פון די שרעקלעכע נאָכריכטן, וואָס די צייטונגען פלעגן ברענגען יעדן טאָג, האָבן די אידישע גווירים פלוצלונג איינגערופן א פאַרזאַמלונג, אף וועלכער זיי האָבן איינגעלאַדן די פארטרעטער פון פאַרשיידענע פאַרטייען... אונזערע כאַוויירים האָבן ערקלערט דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער פאַרטיי אין דער פראַגע, און האָבן אָנגעוויזן, אז דער זעלבסטשוץ מוז טראָגן אן אלגעמיין אידישן כאַראַק-טער, אז דערביי טאָר ניט זיין קיין אונטערשייד צווישן פאַרטייען און קלאַסן. עס פארשטייט זיך, אז די בונדיסטן זייגען ניט געווען איינפארשטאַנען מיט אַזאַ מיינונג. זיי האָבן ערקלערט: הערויס, אַזוי ווי עס איז דאָך אלעמען יעדוע, אַז די פּאָגראָמען זייגען נאָר א קאָנטר-רעוואָלוציע, דארום מעגן אף זיי רעאַ-גירן נאָר די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען. צווייטנס: אזוי ווי די איינציקע רע-וואָלוציאָנערע פאַרטיי בא אידן איז דאָך — ווי עס איז אַלעמען יעדוע — דער

„בונד״, דארום זאָל מען נאָר אים „געבן געלט״ און ער וועט שוין זאָרגן, דאָס אין ביאַליסטאָק זאָל קיין פּאָגראָם ניט פּאַרקומען. נאָך קורצע דעבאַטן איז אָנגענומען געוואָרן אונזער רעזאָלוציאָן: די פאַרזאַמלונג פּאַרפליכטעט זיך צו זאַמלען געלט און העלפן אָרגאַניזירן א אידיש-נאַציאָנאַלן זעלבסטשוץ אונטער דער אָנפירונג פון דעם אָרטיקן קאָמיטעט פון דער אידישער טעריטאָריאַליסטישער ארבעטער-פּאַרטיי („פּויאַליי-ציאָן״).

...אַפן 18 נאָיאַבר האָט אונזער אָרגאַניזאַציע צוזאַמענגערופן אַ מאַסן-פּאַרזאַמלונג, וואו מע האָט געוואָלט ריידן וועגן די לעצטע פּאָגראָמען. גלייך ווי די פּאַרזאַמלונג האָט זיך געעפנט, האָט מען געקענט דערקענען, אז די „בונדיסטן״ ווילן שטערן די פּאַרזאַמלונג. ווי עס האָט זיך נאכהער ארויסגעוויזן, האָבן מיר קיין טאָעס ניט געהאַט. ווען אונזער כאווער האָט זיך געשטעלט ריידן, האָבן די בונדיסטן אָנגעהויבן צו טומלען און זיינען באלד ארייבער אף קלעפּ. די בונדיסטן האָבן דאָ באוויזן, דאָס זיי האָבן גוט און גרינדלעך אויסגעלערנט דעם בונדס טוירע, דאָס זיין אַגיטאַציע איז ניט געגאַנגען לעאיבעד. אַז זיי האָבן דערזען, דאָס אף קלעפּ ענטפערט מען זיי מיט קלעפּ, האָבן זיי אָנגעהויבן צו „ארבעטן״ מיט שטעקנס און זיי האָבן זיך אַפילע ניט געשעמט צו באַנוצן אין „קאַמף״ מעסערס. אייניקע פון אונזערע כאווירים זיינען אין דער געשלעג פארוואונדעט געוואָרן.

...דעם 20-טן אָקטיאַבר, ווען דער אוילאַם איז געווען שטארק פּאַרשיקערט פון דער ערקעמפּטער פרייהייט, איז אין ביאַליסטאָק צוזאַמענגערופן געוואָרן א אידיש-נאַציאָנאַלער מיטינג, וואו עס האָבן זיך באטייליקט אַלע נאַציאָנאַלע פראַקציעס. אונזער רעדנער האָט באשפּראָכן די איצטיקע לאַגע און האָט אָנגעוויזן אף דעם ווירקלעכן ווערט, וואָס די „קאָנסטיטוציע״ קען האָבן פאר אונז, וואָס די פרייהייט קען אונז געבן. ער האָט אונטערגעציכנט, דאָס די „קאָנסטיטוציע״ באדייט נאָך ניט קיין אידישע פרייהייט. נאכן מיטינג איז די גאַנצע מאַסע, ביז 10,000 מאַן, אוועק איבערן שטאָט מיט א דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט געדויערט 3 שטונדן. עס זיינען געהערט געוואָרן לויטער נאַציאָנאַלע און אידיש-פּראָלעטאַרישע אויסרופן. די מאַסע האָט זיך זייער ערנסט פּאַרהאַלטן צו די פּאַרשיידענע אויסרופן און האָט רעאגירט נאָר אַף אזעלכע, וואָס האָבן א באשטימטן נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. דער מיטינג מיט דער דעמאָנסטראַציע האָבן געמאַכט א שטארקן איינדרוק אף דער גאַנצער אידישער געזעלשאַפט. א צייט נאָכרעם האָט מען אין שטאָט שטארק גערעדט פון דער נאציאָנאלער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געווען די איינציקע אין רוסלאַנד.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען בא אונז אין טעאטער פּאַרגעשטעלט „די אידן״ פון טשיריקאָוו*). אונזער אָרגאַניזאַציע האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פאר א נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע מיר האָבן ארויסגעשטעלט אונזער פאָן מיט א טרויער-פלאָר איינגעדעקט. אף דער פאָן זיינען געווען אויסגעשטיקט אַנס-

---

*) א פּאָגראָם-פּיעסע.

שפּרעכנדע אויפשריפטן אין אידיש און רוסיש. די פאָן איז געשטאַנען די גאַנצע צייט פון דער פאָרשטעלונג. דיזע שטילע דעמאָנסטראַציע האָט איבערגעלאָזן א טיפן איינדרוק בא אלע באַזוכער פון דער פאָרשטעלונג.

ג. פ. פּ. ס. אין גראָדנע.

(קאָרעספּאָנדענץ אין נומ. 12 „דער אַרבעטער“. 15-טער דעקאַבר 1905).

שאַבעס דעם 5-טן נאָיאַבר האָט אונזער אָרגאַניזאַציע געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג, ספּעציעל פאַר אירע מיטגלידער, בא ארקינען אין זאַל. אף דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען מער ווי 300 מאַן, אידן און קריסטן. די רעדעס זיינען געווען אין זשאַרגאָן, פּויליש און רוסיש. די פאַרזאַמלונג איז געווען זייער אינטערעסאַנט; זונטיק דעם 13-טן ד. מ. האָט אונזער אָרגאַניזאַציע געמאַכט א פאַרזאַמלונג אין א פּריוואַטער וואוינונג, אף וועלכער עס איז געווען געגנוי 400 מאַן. אזוי ווי דאָס איז פּונקט געווען דער יאָרצייט פון מיצקעוויטשן [8], זיינען געווען רעדעס איבער די פאָלגנדע טעמעס: „מיצקעוויטשעס ביאָגראַפיע און זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט“, „דער אנטייל פון אידן אין דער איצטיקער רעוואָלוציע“, „אַן איבערבליק איבער דער עפּאָכע פון דער רוסישער רעוואָלוציע“. צוריק פון דער פאַרזאַמלונג איז מען אוועק מיט רעוואָלוציאָנערע לידער: „די רויטע פאָן“ און „אף די באַריקאַדן“. מאָנטיק דעם 14-טן האָט אונזער קאָמיטעט צוזאַמענגערופן דורך ספּעציעלע איינלאדונגס-קאַרטן א גרויסן מיטינג.

פּונקט 8 אזייגער איז זיך צוזאַמענגעקומען א גרויסער עולם פון 3000 מאַן, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. עס זיינען געהאַלטן געוואָרן די רעדעס אין 3 שפּראַכן. אף רוסיש — איבער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; אף אידיש: די שטעלונג פון אידן אין דער איצטיקער רעוואָלוציע, אין וועלכער דער רעדנער האָט דערוויזן, אז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט מוז אין זיין קאַמף גיין האַנט בא האַנט מיט די קריסטלעכע כאַוויירים; אף פּויליש — וועגן דער ראָל פון דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע. די אָרדענונג איז געווען א זעלטענע. נאָכדעם, ווי אונזערע כאַוויירים האָבן געענדיקט ריידן, האָט מען אויך געגעבן דאָס וואָרט מיטגלידער פון אַנדערע פּאַרטייען. דער רעדנער פון „בונד“ האָט געפּרואווט קריטיקירן די פּראָגראַם פון פּ. פּ. ס., נאָר זיין רעדע איז ארויסגעקומען זייער שוואַך. די געשיכטע איז אזוי פאָרגעקומען: אונזערע כאַוויירים האָבן דערקלערט די פאָדערונגען: א גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פאַר פּוילן און א פּאָליטישע אַווטאָנאָמיע פאַר ליטע. פאַרשטייט זיך, דער פּוילישער רעדנער, ריידנדיק וועגן דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, האָט ארויסגעשטעלט די גרינד.-פאַרז. און דער אידישער רעדנער וועגן ליטע האָט ארויסגעשטעלט די אַווטאָנאָמיע פאַר ליטע. נאָר דער בונדיסט האָט אויפגעמישט און דערפון געשלאָסן, אז די פּ. פּ. ס. האָט קיין באָדן ניט, ווייל די רעדנער פון דערזעלבער פּאַרטיי זיינען ניט איינשטימיק

צווישן זיך: ווען איינער רעדט וועגן גרינד.-פאַרזאַמלונג, רעדט דער צווייטער וועגן אווטאָנאָמיע און נאָך אַזעלכע שוואַכע ארגומענטן, אַף וועלכע אונזער כאַוועך האָט אים געענטפערט און באַוויזן, אַז ער ווייס קלאַל ניט וואָס ער רעדט.

דער מיטינג האָט זיך געענדיקט אום 12 אַזייגער. איידער די פאַרזאַמלטע זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַציע פון דעם ליטווישן קאָמיטעט פון פ. פּ. ס. אַף פּויליש און זשאַרגאָן, די „כאַציאַליסטישע בלאַט״ א. א. וו. — אין אַלגעמיין האָט דער מיטינג געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק.

128. די אָפּשאַצונג פון אָקטיאַבער-שטרייק.

(פונם אַרטיקל „די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע״ אין נומ. 10 „דער בונד״, אָקטיאַבער 1905).

מיר האָבן איצט איבערגעלעבט אַ נייע נאָך ניט געזעענע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע. אַ נייער מעכטיקער ריס פון דעם רעוואָלוציאָנערן שטורם האָט צעטרייסלט ביזן פונדאַמענט דעם צעפוילטן בוים פון דער זעלבסטהערשונג.

דער העלד פון דער ריסלענדער רעוואָלוציע איז דער פּראָלעטאַריאַט.

אין די מאָמענטן פון שטילשטאַנד, ווען ער פאַרפעסטיקט זיך אַף די שוין איינגענומענע פּאָזיציעס און זאַמלט קרעפטן צו דער ווייטערדיקער מילכאָמע, דאַן טרעטן ארויס אַפן סצענע די ליבעראַלן מיט זייערע צינגער און פעדערס. זיי צעבייטן אַף קליינגעלט די פרייהייט, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט האָט מיט זיין בלוט געקויפט, די ליבעראַלן שרייען, די ליבעראַלן פּילדערן, זיי ווילן איינרעדן זיך און אַנדערע, אַז זיי דרייען די רעדל פון דער געשיכטע, אַז זיי זיינען אַלץ און דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָר אַ צוליג צו זיי. גיך קומט אָבער אָן אַ נייער שטורם, עס הויבט זיך אויף אַ נייע כוואַליע און אַף דער אויבערפלעכע זעט איר ווידער קימאַט דורכויס די מעכטיקע פיגור פון דעם קעמפנדן פּראָלעטאַריאַט. אזוי איז עס שטענדיק.

נאָך דעם יאַם ווערטער, וואָס די ליבעראַלן האָבן אויסגעגאָסן אין דער פּריל-ינגס-ערע בעאייס די מעמשאָלע פון דעם ווייך-וואַרימען סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי, קומען די זודיקע יאַנוואַר-טעג און ברענגען מיט זיך דעם גאַסן-קאַמף פון די גרויסע אַרבעטער-מאַסן. אזוי איז אויך געשעען איצט. די זעמצעס מיט די שטאָט-טוער האָבן ערשט געענדיקט איין צוזאַמענפאָר און זיך געגרייט צו אַ צווייטן; די קורצזיכטיקע ליבעראַלן האָט זיך געדוכט, אַז די שטורמישע צייט פון אַקטיוון קאַמף איז שוין אריבער: זיי האָבן זיך געגרייט צו אַ פרידלעכע, רואיקע וואַל-אַגיטאַציע. פּלוצלונג האָט דער פּראָלעטאַריאַט געזאָגט זיין וואָרט, און אַלץ האָט זיך אומגעביטן, אַלץ האָט אַן אַנדער פּאָנים געקראָגן.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט באַשאַפן זיינע אייגענע קאַמפס-פאָרמען. אין אַלגעמיינער שטרייק איז אַ ריין פּראָלעטאַרישעס קאַמפס-מעטאָדע.

... די זעלבסטהערשונג האָט דערפילט דעם כאַלעף אַפן האַלז און זי האָט

נאָכגעגעבן. דעם 17-טן אָקטיאַבר האָט ניקאָלאַי אונטערגעשריבן דעם מאַניפעסט.

... די זאַכלאַגע איז איצט אזעלכע. דער צאַר האָט אונז געגעבן א מאָנאַרכיסטישע קאָנסטיטוציע. ער וויל, די באַפעלקערונג זאָל זיך באַרואיקן, קעדיי ער זאָל קענען פאַרשמעלערן די פרייהייטן און רעכט, וועלכע דאָס פאָלק האָט באַ אים אין די אָקטיאַבער-טעג ארויסגעריסן. די בורזשואזע ליבעראַלן וועלן זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס דער פראָלעטאַריאַט האָט פאַר זיי ערקעמפט. זיי האָבן מוירע פאַר דער ווייטערדיקער רעוואָלוציע און זיי ווילן, אז פון היינט אָן זאָלן אלע רעפאָרמען איינגעפירט ווערן רואיק, פרידלעך, דורך די געזעצגעבונג, ווי זיי זאָגן; אסאַך זעמסטוועס שיקן דאַנקבאַרס-אדרעסן דעם צאַר. אף דעם צוזאַמענפאָר פון די זעמסטוועס און שטאָט-דומעס, וועלכער דאַרף זיין דעם 19-טן נאָוועמבער, שיקט מען איצט פונם ראַדיקאַלן פעטערבורג מיטלמעסיקע דעפּוטאַטן. די ליבעראַלן זיינען פארמאטערט. זיי זיינען צעשראָקן. זיי לעכצן רו.

דער פראָלעטאַריאַט קען זיך מיט א מאָנאַרכיסטישע קאָנסטיטוציע, ווען זי וועט אַפילע איינגעפירט ווערן אין לעבן, ניט באַנוגענען. די בעסטע רעגירונגססיסטעם, באַ וועלכע דער פראָלעטאַריאַט וועט קענען מעגלעכסט פרייער פירן זיין קלאַסן-קאַמף און זיך גרייטן צו א סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז א דעמאָקראַטישע רעפּובליק, אן עמעסע פאָלקס-רעגירונג וועלכע וועט דורך קיין צאַר ניט געגעבן. דאָס פאָלק נעמט זי אליין אפן קייווער פון צאַריזמוס.

אונזער לאָזונג, דער לאָזונג פון דעם קלאַסן-באַוואוסטן פראָלעטאַריאַט בלייבט דערום דער אלטער — אין גאַנצן פאַרניכטן דעם צאַריזם, און צונויפרופן א קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג, אויסגעוויילט פון פאָלק אפן גרונט פון אלגעמיינעם, גלייכן און דירעקטן וואַל-רעכט מיט געהיימער אָפּשטימונג. דער וועג צו א קאָנסטיטואירנדער פאַרזאַמלונג איז אן אלגעמיינער באַוואָפנטער אויפשטאַנד. צו אזא אויפשטאנד מוז זיך איצט דער פראָלעטאַריאַט גרייטן.

איצט וועט דאָס אָנקומען אסאך גרינגער. די רעגירונג איז אָפּגעשוואכט, דעזאָרגאַניזירט, זי האָט דעם קאָפּ פאַרלאָרן, די אַנאַרכיע אין לאַנד ווערט וואָס פון טאָג גרעסער, דער פראָלעטאַריאַט דאגעגן איז איצט מעכטיק ווי נאָך קיין מאָל ביז אַהער. מיר מוזן אויסנוצן די פרייהייטן, וועלכע מיר האָבן אַריינגעכאַפּט, אום נאָך מעכטיקער צו ווערן, אום אונזער קאַמפס-פעאיקייט צו פאַרגרעסערן. מיר מוזן וואָס ברייטער אויסנוצן די פרייהייט פון וואָרט, פאַריינען און פאַרזאַמלונגען. די פרייהייטן מוזן ברייט אריין אין לעבן. זיי מוזן פאַר אלעמען ווערן א נויטווענדיקייט, אן וועלכע מע קען ניט אויסקומען, וועלכע מע באַשיצט ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט. דאָס פרייע וואָרט, די מיטינגען וועלן אונז געבן די מעגלעכקייט אריינציען די גאַנצע אַרבעטער-מאַסע אין אונזער באַפרייאונגס-אַרמיי, מאַכן וואָס מער אַרבעטער קלאַסן באַוואוסטזי-

ניק. די פאַריינען וועלן אונז דינען צו אָרגאַניזירן אונזערע קרעפטן, צונויפ־צובינדן די אַרבעטער־מאַסן אין פעסטע קאַמפּס־אַרמייען.

דעם שטילשטאַנד, וועלכער קומט איצט אָן, מוז דער פּראָלעטאַריאַט, כּוץ אַלץ, אויסנוצן אום זיך וואָס בעסער צו באַוואָפּענען; אין אונזער באַוואָפנטקייט ליגט די גאַראַנטיע, אַז די פרייהייטן, וועלכע מיר וועלן ערקעמפן, וועלן ניט בלייבן אַפן פּאַפּיר. וואָפן — דאָס איז איינע פון אונזערע נוי־טיקסטע קאַמפּס־מיטלען אין דעם נאָענטסטן שטורם.

די נאָענטסטע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע מוז ברענגען מיט זיך אַן אַלגע־מיינעם באַוואָפנטן פאָלקס־אויפשטאַנד. דער ציל פון דעמדאָזיקן אויפשטאַנד, אונזער נאָענטסטער לאָזונג אין קאַמף איז א קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג.

XIX. די אָקטיאַבר-פּאָגראָמען.

129. דער אָקטיאַבר-פּאָגראָם אין אָדעס.

(אויסצוגן פון אָפיציעלן באַריכט פון סענאַטאָר קוזמינסקי 9). „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער רוסישער קאָנטער-רעוואָלוציע". ערשטער באַנד. אידישע פּאָגראָמען. פּעטערבורג, 1908).

...פון 18 ביזן 22 אָקטיאַבר איז אין אָדעס פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם. ...מע האָט געהאַרגעט אידן, פאַרניכטעט און געראַוּבט זייער פאַרמעגן. דער פּאָגראָם האָט זיך געענדיקט מיט פיל קאָרבאָנעס — דערהאַרגעטע און פאַרוואונדעטע ניט נאָר פון אידן, נאָר אויך פון קריסטן. מיט זיין מערדעריי און אכזאָריעס האָט דערדאָזיקער פּאָגראָם איבערגעשטיגן אלע פריערדיקע...

...דעם 16-טן אָקטיאַבר, ווען אין אוניווערזיטעט איז געווען באַשטימט אן אַלגעמיין-סטודענטישער מיטינג, האָט דער גראַדאָנאַטשאַלניק פאַראָרדנט ניט אַריינלאָזן אַהין קיין זייטיקע מענטשן... דאָס האָט ארויסגערופן א שטאַרקע אויפרעגונג צווישן דער שטודירנדיקער און אידישער יוגנט, וועלכע האָט זיך פון גאַנץ פרי אָן צונויפגעקליבן נעבן דער געביידע פון אוניווערזיטעט... אַראַנק די אויפהעצנדיקע רעדעס פון די רעדנער, וואָס האָבן גערופן צום געווער און בויען באַריקאַדעס, האָט זי זיך צונויפגענומען אין אַ האַמוין, און דראָענדיק דער פּאָליצייי און די סאָלדאַטן, דעמאָנסטראַטיוו געלאָזט זיך גיין צום צענטער פון שטאָט, אָפּשטעלנדיק אַפן וועג די האַנדל - און אינדוסטריע-אונטערנעמונגען. אַפן וועג איז דער האמוין שנעל געוואַקסן, אָנגעהויבן מאַכן אומאָרדענונגען: אָפּשטעלן פורלייט און אַז. וו. דער האַמוין האָט צעבראָכן דעם אַמעריקאַנער געווער-מאַגאַזין, צוגענומען פון דאָרט די ביקסן און רעוואָלווערן און אָנגעהויבן אָפּשטעלן און אַנידערוואַרפן די וואַגאָנעס פון דער שטאָטישער אייזנבאַן און די קאַרעטעס. ארום עלף אַזייגער אינדערפרי האָט דער האַמוין גענומען בויען אין פארשיידענע ערטער באַריקאַדן, אויסנוצנדיק פאַר דעם די אנידערגעוואָרפענע וואַגאָנעס און קאַרעטעס, אָפּגעזעגטע און אָפּגעהאַקטע בוימער, בוי-מאַטעריאַל פון די הייזער, וואָס האָבן זיך געבויט, טעלעגראַף-און טעלעפאָן-דראָטן, די אייזערנע גראַטעס פון אלעקסאַנדראָווער פּראָספּעקט א. ד. גל.

...ווען עס איז אָנגעקומען מיליטער, האָט מען אים גענומען באַשיסן פון די

באַריקאַדן, הינטער וועלכע עס האָבן זיך צעלייגט די גרופּעס פון די דעמאָנסטראַנטן, מייסטנס אידן, צווישן זיי אויך פרויען און יונגע אינגלעך. מע האָט אין מיליטער אויך געשאָסן פון די דעכער, באַלקאָנען און פענסטער פון די נאָענטע הייזער; דאָס מיליטער האָט געענטפערט מיט א שיסעריי; די דעמאָנסטראַנטן זיינען זיך צעלאָפן, און די באַריקאַדן זיינען צעוואָרפן געוואָרן. דריערהאַפּטער ווי אומעטום איז געווען דער ווידערשטאַנד פון דער באַריקאַדע אַפן ראָג פון מיעשטשאַנסקער און גרויס-אָרנאוטסקער גאַס, וואו איין ראָטע פון דונאַיער פּאָלק האָט זיך ארויסגעוויזן פּאַר וויינ׳ק, און איר צו הילף איז צוגעשיקט געוואָרן א האַלבע ראָטע פון סאַפּיאָרן-באַטאַליאָן. די דעמאָנסטראַנטן זיינען זיך צעלאָפן, איבערלאָזנדיק אַפן אָרט 5 געהאַרגעטע, וועלכע מע האָט דערנאָך אוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

...לויט די ידיעות פונם גראַדאָנאַטשאַלניק, זיינען דעם 16-כן אָקטיאַבר דערהאַרגעט געוואָרן 9 מענטשן און פאַרוואונדעט ארום 80; פון פּאָליציי און מיליטער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן איין קאָזאַק, 4 פּאָליציי-לייט, 1 זשאַנדאַרם און איין אָפיצער. פון די אָנטיילנעמער אין די אומאָרדענונגען האָט די פּאָליציי פאַר דעם טאָג ארעסטירט 214 מענטשן, צווישן זיי 197 אידן, אסאַך פרויען און 13 קינדער אינם עלטער פון 12 ביז 14 יאָר... ווען מע האָט די אַרעסטירטע געבראַכט אין פּאָליציי-צירקל, האָט מען זיי שרעקלעך געשלאָגן. פריער האָט מען זיי אַראָפּגעשטויסן פון די טרעפּ אין א קעלער, דערנאָך האָבן זיי סאָלדאַטן און פּאָליציי, וואָס זיינען געשטאַנען רייענווייז, געשלאָגן מיט שווערדן, רעזינעס, פויסטן און די פיס; אייניקע פון די פרויען האָט מען געשלאָגן ביז היסטעריק און כאַלאַשעס.

...דעם 17-טן אָקטיאַבר איז די גאַנצע שטאָט געווען פאַרנומען דורך מיליטער; איבער די גאַסן זיינען ארומגעגאַנגען מיליטערישע פּאַטרולן, און די אָרדענונג איז ניט געשטערט געוואָרן, כאָטש די שטימונג איז אין אלגעמיין געווען אן אומרואיקע.

...לויט די ידיעות פון דער אָכראַנע-אָפּטיילונג, איז אף א מיטינג פון די מיטגלידער פונם אָרטיקן קאָמיטעט פון „בונד" באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַף מאָרגן אַ דעמאנסטראַטיווע לעוואַיע פון די „קעמפער פאַר פרייהייט", וואָס זיינען מיט א טאָג פריער געהאַרגעט געוואָרן אף די באַריקאַדן, מיטן אָנטייל פון אלע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס... קעדיי ניט צו דערלאָזן די דעמאָנסטראַציע, האָט דער גראַדאָנאַטשאַלניק ניידהארט פאַראָרדנט געהיים ארויסצופירן פונם אידישן שפּיטאָל די טויטע קערפּער פון די דערהאַרגעטע און זיי מעקאַבער זיין פאַר דער באַשטימטער צייט אף די בייס-אוילאָמס.

...ווען די אָנטיילנעמער פון דער לעוואַיע, מייסטנס אידן, האָבן זיך דעם 18-טן אינדערפרי צונויפגעקליבן אַרום שפּיטאָל, האָבן זיי אָנגעהויבן פאָדערן בא דעם עלטסטן דאָקטאָר פוריצן, דראָענדיק אים מיטן טויט, אז ער זאָל ארויסגעבן די טויטע קערפּערס.

...דעם 18-טן אָקטיאַבר אינדערפרי האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט די בסורע וועגן דעם אלערהעכסטן מאַניפעסט. די באַפעלקע-

רונג האָט רוישיק און שטורמיש אויסגעדריקט איר סימכע... שוין פון 10
אזייגער אינדערפרי זיינען די גאַסן פול געוואָרן מיט מענטשן. די יאָנטעוודיקע
שטימונג האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט; זייער גיך איז זי געוואָרן פיינד-
לעך צו דער רעגירונג. די יוגנט, און באַזונדערס די אידישע, האָט מיט האַזע
גענומען אָנווייזן דער רוסישער באַפעלקערונג, אז די פרייהייט האָט מען גע-
געבן ניט פרייוויליק, נאָר די אידן האָבן זי ארויסגעריסן בא דער רעגירונג.
פון אלע זייטן האָבן זיך געצויגן צום צענטער מאַכנעס מענטשן, איבערהויפט
אידן און שטודירנדיקע יוגנט, מיט רויטע בלומען אף דער ברוסט; איבערן
תאמוין האָבן זיך באַוויזן רויטע פאָנען און עס האָבן זיך דערהערט אויסגע-
שרייען: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג", „נידער מיט דער פאָליציי", „עס
לעבע די פרייהייט". אין אסאַך ערטער, אף דער דעריבאַסאָווער גאס, נעבן
דער דומע-געביידע און אַנדערע ערטער האָבן זיך באַוויזן רעדנער, וואָס
האָבן זיך באַמיט איינצושמועסן זייערע צוהערער, אַז מע דאַרף זיך ניט באַ-
נוגענען מיט אזעלכע פרייהייטן, וועלכע מע וואַרפט צו דעם פראָלעטאַריאַט,
ווי אַ נעדאָווע, נאָר מע דאַרף זיך דערשלאָגן די פולע פאָליטישע און עקאָ-
נאָמישע פרייהייט דורך א רעוואָלוציע... אין דערזעלביקער צייט האָט מען
דעם מעטאלישן אויפשריפט אף דער דומע-געביידע „באָזשע, צאריא כראַני"
צעבראָכן, איבערלאָזנדיק נאר איין וואָרט „כראַני". אין דומע-זאַל האָט דער
תאמוין צעריסן דעם גרויסן קייסערס פאָרטרעט, און אף דער דומע האָט מען
אָנשטאָט דער נאַציאָנאַלער פאָן אויסגעהאנגען א רויטע. מאַכנעס אידן האָבן
אומאויפהערלעך באַליידיקט דאָס נאַציאָנאלע געפיל פון דער רוסישער באַפעל-
קערונג און אויפגעפירט זיך זייער אזעסדיק; איבער דער גאַנצער שטאָט האָט
מען פאַנאַנדערגעוואָרפן אויפרופן אונטערן נאָמען „דער בלוטיקער קייסער".
די רוסישע איינוואוינער האָבן די איזן געצוואונגען אַראָפּנעמען די היטלען
פאר די רויטע פאָנען; דער תאמוין האָט אפילע אָפּגעשטעלט דעם פראָטאָ-
יעריי וואָסקרעסענסקי, דעם דיאקאָן און פסאַלאָמשטשיק, וואָס זיינען פארביי-
געפאָרן אף א דראָזשקע; באַ דעם ערשטן האָט מען אראָפּגעריסן און בא די
לעצטע צוויי אַראָפּגעקלאַפּט פון קאָפּ די היטלען... מען האָט ארומגעפירט אַן
אָנגעשטאָפּטע כאיע אָן אַ קאָפּ מיט אן אויפשריפט: „אָט איז די זעלבסטהער-
שונג". און ארומגעטראָגן א געפייגערטע קאַץ, קלייבנדיק דערביי נעדאָוועס
„אף צו הארגענען דעם קייסער", אָדער „אף ניקאָלאַיס טויט"... דיזעלביקע
פיינדלעכע באַציאונג האָבן דעמאָנסטראַנטן ארויסגעוויזן אויך בענוגייע צו
די פאָליציי-באַאַמטע. ארום 11 אַזייגער אינדערפרי האָט זיך א גרויסער
תאַמוין אידן אף אלעקסאַנדראָווער גאַס געיאָגט מיט רויטע פאָנען נאָך די
פאָליצייסקע גוביאַ און אילניצקי... גוביען האָט דער תאמוין אידן, וועלכער
איז געווען באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, העק און אייזערנע שטעקנס, אזוי צע-
הארגעט, אז ער איז אפן וועג אין שפיטאָל געשטאָרבן... עטוואָס שפעטער,
ארום 2 אזייגער באנאכט, האָט א האַמוין אידן אָפּגעשטעלט דעם אָקאָלאָ-
דאָטשנעם פאָליאנטשיקאָוו, וואָס איז געפאָרן אף א דראָזשקע, און צעמאַזיקט
אים; אין מעשעך פון טאָג האָט מען פארוואונדעט און צעשלאָגן ג ;

פּאָליצײסקע און אײן אָקאָלאָדאָטשנעם. בא פֿינף פּאָליצײסקע האָט מען אָפּגע-נומען די רעוואָלווערן...

גלײך נאָכדעם האָט זיך אַ פּילטויזנטיקער האַמוין געלאָזט צום אַלעקסאַנד-ראָווער פּאָליצײ-צירקל און געפֿאָדערט, — אַז מען זאָל באַפֿרײען די פּאָליטישע אַרעסטירטע. אײניקע סטודענטן, וואָס זײנען געגאַנגען בעראָש פֿונם האַמוין, האָבן געמעלדעט דעם פּריסטאַוו ראַצישעווסקין: „אים נאָמען פֿון פֿאָלק פֿאָ-דערן מיר, די פֿאָרשטײער פֿונם פֿאָלק און פֿון דער פֿאָלקס-רעגירונג, אַז מע זאָל באַפֿרײען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע", און אַזוי ווי דער פּריסטאַוו האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דערפֿילן דידאָזיקע פֿאָדערונג, האָבן די סטודענטן דערקלערט, אַז זײ וועלן זײערס דערשלאָגן זיך מיט געוואַלט און דענסטמאָל וועט פֿונם „פּאָליצײ-צירקל קײן שטײן אַף אַ שטײן ניט בלײבן".

... אַרום 12 אַזײגער באַטאָג איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל פֿונם גראַדאָנאַטשאַלניק אַראָפּצונעמען אַלע פּאָליצײסקע פֿון זײערע פּאָסטנס... פֿון דער צײט אָן איז די גאַנצע שטאָט געבליבן אָן אָן אויסערלעכן פּאָליצײאישן און מיליטערישן שוץ, ווײל גלײכצײטיק האָט מען, לויטן באַפֿעל פֿונם מיליטער-קאָמאַנדיר, צוגענומען פֿון די גאַסן אויך די מיליטערישע טײלן.

... אײנגיכן האָבן זיך אין שטאָט באַוויזן צוויי גרופּעס פֿון זעלבסטשוץ: די סטודענטישע מיליציע און דער אידישער זעלבסטשוץ. די ערשטע איז אָר-גאַניזירט געוואָרן דורך דעם „קאָאַליציע-ראַט" [10], וועלכער האָט, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס ער איז גאַרניט געווען צוגעגרײט צו אַזאַ אַרט טעטיקײט, דאָך באַשטימט אַ מיליציע-קאָמיטעט, געקראָגן געווער און באַוואָפֿנט מיט אים די מיליציאָנערן-סטודענטן, אַרבעטער און מאַטראָסן. ...די סטודענטישע מיליציע האָט גלײך נאָכדעם, ווי מע האָט אַראָפּגענומען די פּאָליצײסקע פֿון זײערע פּאָסטנס, פֿאַרביטן די לעצטע, און אָנגעהויבן דערפֿילן אַלע פּאָליצײאישע פֿליכטן, צעטײלנדיק צווישן זיך די שטאָט לויט די צירקלען און אײנשטעלנדיק רעגלמעסיקע דעזשורסטוועס... כאָטש די סטודענטישע מיליציע און דער אי-דישער זעלבסטשוץ זײנען געווען באַשטימט אַף אײנצושטעלן די אָרדענונג און אָפּצושטעלן דעם פּאָגראָם, דאָך פֿלעגן זײ פֿונדעסטוועגן אָפּטמאָל זעלבסט גע-ברויכן געוואַלדטאַטן קעגן מיליטער און דעם פֿרידלעכן טײל פֿון דער רוסי-שער באַפֿעלקערונג, אָפּט שיסן און האַרגענען גאָר אומשולדיקע מענטשן.

... דעם 18-טן אין אָוונט האָט מען אין שטאָט אָנגעהויבן רײדן, אַז אַף פּראָכאָראָווע גאַס איז פֿאָרגעקומען עפּעס אַ באַוואָפֿנטער צוזאַמענשטויס. ... לויטן באַריכט פֿונם פּריסטאַוו פֿון מיכאַילאָווער צירקל, וועלכער איז געקו-מען אַפֿן אָרט פֿונם צוזאַמענשטויס מיט אַ האַלבע מײע קאָזאַקן, זײנען פֿיר אַרבעטער דערהאַרגעט געוואָרן. די קאָזאַקן און די פּאָליצײ האָט מען באַגעגנט מיט אַ שיסערײ ניט נאָר פֿונם האַמוין, נאָר אויך פֿון די דעכער, באַלקאָנען און פֿון די פֿענסטער; עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין פֿאַרשײדענע ערטער גע-שלעגן און באַוואָפֿנטע צוזאַמענשטויסן צווישן די רוסישע מיט די אידן; די רוסישע אַרבעטער און אַזוי געראָפֿענע כוליגאַנעס האָבן אָנגעהויבן שלאָגן די אידן, ברעכן און ראַבעווען די אידישע הײזער, וואוינונגען און קראָמען.

... דעם 19 אָקטיאַבר, פון גאַנץ פרי אָן, האָבן גרופּעס יונגע לייט און אידן גענומען אַרומפּאָרן איבערן שטאָט און פּאַנאַנדערהענגען טרויער־פאָנען אַף די באַלקאָנעס, לאַמטערנעס, פענסטער און טירן פון כערסאָנער, פּראָכאָראָווער און אַנדערע גאַסן, איבער וועלכע עס האָט געדאַרפט דורכגיין דער לעוואַיע־צוג. אַזאַ פאָן האָט מען אויך אויפגעהאַנגען אַף דער געביידע פון פּאָליציי־פאַרוואַלטונג, נאָר באַלד האָט מען זי, לויט דער פאַראָרדענונג פון פּאָדפּאָלקאָווניק פאָן־העסבערג, פון דאָרטן אַראָפּגענומען. באַלד נאָכדעם, אַרום 10—11 אַזייגער אינדערפרי, האָבן זיך אַף די גאַסן גענומען באַווייזן מאַכנעס פון רוסישע אַרבעטער און מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, וועלכע זיינען געגאַנגען מיט איקאָנעס, דעם קייסערס בילדער, מיט נאַציאָנאַלע פאָנען, זינגענדיק „ראַטעווע, גאָט, דיינע לייט" און דעם הימן. די דאָזיקע פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס, וואָס זיינען באַשטאַנען אויסשליסלעך פון רוסישע לייט, האָבן זיך גענומען בילדן איינצייטיק אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט, נאָר אָנגעהויבן האָבן זיי זיך פון דאָרט, פון וואַנען עס איז אַרויסגעגאַנגען די ערשטע, באַזונדער גרויסע מאַכנע מאַניפעסטאַנטן.

... אַרויסגייענדיק פון פּאָרט, האָט דער האַמוין מאַניפעסטאַנטן געלאָזט זיך גיין צו דער שטאָט־דומע, פון דאָרט צו די וואוינונגען פונם מיליטער־קאָמאַנדיר און גראַדאָנאַטשאַלניק, וועלכע האָבן זיי אויפגענומען מיט אַ מיטגעפיל, און דערנאָך זיך געלאָזן גלייך צום סאָבאָר. ... נאָך דער טפילע זיינען די מאַניפעסטאַנטן, צעטיילנדיק זיך אַף גרופּעס, אַוועק פון סאָבאָר אין פאַרשיידענע ריכטונגען... ניט ווייט פון דעם סאָבאָר־פּלאַץ האָט מען אין די מאַניפעסטאַנטן עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן; פון איין שאָס איז דערהאַרגעט געוואָרן דאָס אינגל, וועלכער האָט געטראָגן די איקאָנע... מע האָט אויך באַגעגנט מיט אַ שיסעריי די ראָטע פונם 205־טן איזמאַילאָווער פוסגייער־פּאָלק... איבערן גאַנצן מאַרשרוט פון די מאַניפעסטאַנטן האָט מען אין זיי געשאָסן פון די פענסטער, טירן, באַלקאָנען, טויערן און דעכער. אַכוץ דעם, האָט מען אין די מאַניפעסטאַנטן אין עטלעכע ערטער געוואָרפן באָמבעס: אַפן ראָג פון אַלעקסאַנדראָווער פּראָספּעקט און פּאָסט־גאַס זיינען פון אַזאַ באָמבע דערהאַרגעט געוואָרן 6 מענטשן און צווישן זיי אויך אַ סאָלדאַט; אַפן ראָג פון רישעליעווסקער און דעריבאַסאָווער גאַסן האָט מען געוואָרפן דריי באָמבעס אין אַ קאָזאַקן־פּאַטרול... אַרום דעמזעלביקן אָרט האָט געוואָרפן אַ באָמבע דער אַנאַרכיסט יאַקאָוו פרידמאַן, וואָס איז באַוואוסט דער אָכראַנער אָפּטיילונג און וועלכער איז, אַנטלויפנדיק, אַליין דערהאַרגעט געוואָרן פון אַ צווייטער באָמבע, וואָס האָט זיך אויפגעריסן, בעת ער איז געפאַלן. ... צווישן די מאַניפעסטאַנטן האָבן זיך גלייך דערהערט געשרייען: „שלאָג די זשידעס", „אַ טויט די זשידעס", און צערייצטע און אויפגערעגטע פון די אידישע גוואַלטאַטן, האָבן זיי זיך אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט געוואָרפן ברעכן די אידישע קראָמען. עטלעכע מאַגאַזינען האָט מען אין איין מינוט צעראַבעוועט, אינגיכן איז פון די איינצלנע רויבערייען געוואָרן אַן אַלגעמיינער פּאָגראָם: אַלע אידישע קראָמען, הייזער און וואוינונגען, וואָס האָבן זיך באַגעגנט אַפן וועג, האָבן די

מאַניפעסטאַנטן אינגאַנצן צעבראָכן, דאָס גאַנצע אידישע האָב-און-גוטס האָבן זיי פאַרניכטעט, און דאָס, וואס איז צופעליק גאנץ געבליבן, האָבן צעשלעפט די כוליגאַנעס און „באָסיאָקעס"... צו אָוונט צו האָט די פאַרביטערטקייט פון ביידע פיינדלעכע פאַרטייען דערגרייכט די העכסטע אָנשטרענגונג: ביידע צדאָדים האָבן גענומען האַרגענען איינע די אַנדערע אָן ראַכמאָנעס, מוטשען און פייניקן, אָפטמאָל מיט אַ באַזונדערער אַכזאָריעס, אַלעמען, ווער עס איז נאָר אריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט, ניט פאַנאַנדערקלייבנדיק צווישן מענער און פרויען, אַלטע און יונגע. מאַכנעס כוליגאַנעס האָבן זיך אריינגעריסן אין די אידישע וואוינונגען און האָבן געהאַרגעט אַלעמען מיט דער ווילדסטער אַכזאָריעס. ...אַף קאַרטאָמישעווער גאַס, אין הויף פונם דריישטאָקיקן הויז נומ. 5 האָט אַ מאַכנע כוליגאַנעס אָפן אָרט דערהאַרגעט די אידן... איין כוליגאַן האָט מיט אַן אייזערנעם אינסטרומענט צעשפּאָלטן אַ אידן דעם קאָפּ; איין כוליגאַן האָט מיט אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ אַוועקגעלייגט טויט אַפן אָרט אַ קליין מיידעלע... די כוליגאַנעס האָבן פון צווייטן און דריטן שטאָק אַראָפּגעוואָרפן קליינע קינדער אַף די שטיינער פון גאַס. איין קינד האָט אַ כוליגאַן געכאַפּט פאַר די פיס, און געבנדיק אַ קלאַפּ מיטן קאָפּ אָן וואַנט, האט ער אים צעשפּאָלטן דעם קאָפּ.

...דעם 19-טן אָקטיאַבר, ווי אויך די פאָלגנדיקע טעג, איז קיין פאָליציי לאַכלוטן ניט געווען אַף די גאַסן. די פאָליצייסקע נאָכדעם, ווי מע האָט זיי אַראָפּגענומען פון די פּאָסטן און קאָנצענטרירט אין די צירקלען, האָבן קיין פּאָסט-פליכטן אַף זיך ניט געהאַט און האבן זיך אַף די גאַסן ניט באַוויזן, אָדער פלעגן אַרויסגיין אין ציווילע קליידער. נאָר אַפילע אין יענע פאַלן, ווען די פאָליצייאישע פאַטרולן פלעגן זיך שוין באַוויזן אין דער באַגלייטונג פון מיליטער אַפן אָרט פון פאָגראָם, פלעגן זיי געוויינלעך קיין שום מיטלען ניט אָנעמען אַף אָפּצושטעלן די רויבערייען. אַלע פאָליציי-באַאַמטע, האַלטנדיק די אידן פאר שולדיק אין אַלע פאָליטישע אומאָרדענונגען און שטרייקן און רעבענענדיק זיי אַלעמען פאר רעוואָלוציאָנערן, האָבן מיטגעפילט דעם אידישן פאָגראָם און ניט געפונען אַפילע פאר נויטיק צו האלטן עס בעסאָד. אין אַסאַך פאַלן האָבן די פאָליציי-באַאַמטע אליין אויפגעהעצט די מאַכנעס כוליגאַנעס אַף צו גיין ברעכן און ראַבירן די אידישע הייזער, באַזאָרגן זיי מיט דובינקעס; צוזאמען מיט די כוליגאנעס האָבן זיי זעלבסט אויך גענומען אָן אַנטייל אין די רויבערייען און האַריגעס און אָנגעפירט מיטן האַמוין. דאָס מיליטער און די פאָליצייסקע האבן געוויינלעך געשלאגן נאָר די סטודענטן און געשאָסן בלויז אין אידישן זעלבסטשוץ און אין דער סטודענטישער מיליציע; דערביי פלעגן זיי מוסערן די געשלאָגענע: „אָט איז אייך פרייהייט, אָט איז אייך „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג". אין איין פאל האט אַן אָפיצער, וואס איז בייגעווען, ווי די כוליגאנעס האָבן מיט א ווילדער אַכזאָריעס געשלאָגן אידן, קאַלטבלוטיק באַמערקט: „איר האָט ניט געוואָלט קיין רעגירונג, אָט האָט איר אייך אָן רעגירונג".

בענוגייע צו די גראמילעס האָט דאָס מיליטער קיין שום מיטלען ניט

אָנגענומען. בּיכלאַל האָבּן די כוליגאַנעס געטאָן זייער זאַך גאַנץ פריי, זייענדיק פולקאָם איבּערצייגט, אַז ניט דאָס מיליטער און ניט די פּאָליציי וועלן זיי אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד און וועלן זיי אָפּהאַלטן פון זייערע פאַרבּרעכן. אַנדערש אָבּער איז מען זיך בּאַגאַנגען מיט די סטודענטן, אידן און אַנדערע מענטשן, וואָס האָבּן געהאַט אַ שייכעס צום זעלבּסטשוץ. ווי נאָר מען פלעגט געפינען בּאַ זיי געווער, פלעגט מען זיי אַרעסטירן צענדליקערווייז און האַלטן אין די ערגסטע בּאַדינגונגען אין די פּאָליציי־צירקלען, וואו די פּאָליציי־בּאַאַמטע, סאָלדאַטן און קאָזאַקן פלעגן זיי שלאָגן מאַקעס רעצעך.

דעם 20 און 21 אָקטיאַבּר האָט דער פּאָגראָם ניט נאָר ניט אויפגעהערט, נאָר, פאַרקערט, ער האָט אָנגענומען אַ מער גרויזאַמען כאַראַקטער. מע האָט געבּראָכן די אידישע קראָמען און וואוינונגען, געראַבּעוועט, צעשלעפּט און פאַרניכטעט דאָס אידישע פאַרמעגן, געשלאָגן און געהאַרגעט מענטשן בּאַטאָג אַף די גאַסן. די רויבּער האָבּן אָפן געטראָגן און געפירט דאָס אָנגעראַבּעוועטע פאַרמעגן און בּלויז אין זעלטענע פאַלן פלעגן די מיטגלידער פון דער סטודענטישער און אידישער מיליציע זיי פאַרהאַלטן און בּרענגען מיט די אָנגעראַבּעוועטע זאַכן אין אוניווערסיטעט, וואו צום אָוונט פון 20־טן אָקטיאַבּר האָט זיך אַזעלכע פאַרהאַלטענע אָנגעקליבּן בּיז 40 מאַן.

...פאַר דער צייט פון די געשעענישן איז דער גראַדאָנאַטשאַלניק אַרויסגעפאָרן איבּערן שטאָט מער ניט ווי איין מאָל, דעם 21־טן אָקטיאַבּר; די איבּעריקע צייט אָבּער איז ער געזעסן בּאַ זיך אין דער היים און ערגעץ ניט בּאַוויזן זיך, דאָסזעלבּיקע האָט ער אויך געפאָדערט פון די פּאָליציי־פּריסטאַווען.

די כוליגאַנעס, וואָס האָבּן דענסטמאָל געראַבּעוועט, האָבּן אים אויפגענומען פייערלעך מיט „הוראַ"־געשרייען. ענטפערנדיק אַף די דאָזיקע בּאַגריסונגען, האָט ער זיך... געבּויגט פאַר די כוליגאַנעס, אַראָפּגענומען דאָס היטל און געזאָגט: „איך דאַנק אייך, בּרידער".

...ווען ער איז דורכגעפאָרן איבּער די גאַסן, לויט ווי ער זעלבּסט דערציילט, האָט אים אומעטום די בּאַפעלקערונג שטאַרק געבּעטן ווידער אַוועקצושטעלן די פּאָליצייאישע וואַך. אַסאַך מענטשן האָבּן זיך געווענדעט צו אים מיט בּאַקאָשעס צו פאַרהיטן זיי פון די גוואַלטאַטן מיצאַד די כוליגאַנעס, נאָר ער האָט אַלעמען אָפּגעזאָגט. לויט ווי עס דערציילט איינער יאַקאָוו אַלטער, האָט נײדהאַרט אַף אַזאַ בּאַקאָשע פון הובּערמאַנען און אַנדערע געענטפערט: „איר האָט געוואָלט פרייהייט, אָט האָט איר אייך זשידאָווסקע פרייהייט".

דעם 21־טן אָקטיאַבּר איז צום גראַדאָנאַטשאַלניק נײדהאַרט געקומען דער מיליטער־קאָמאַנדיר בּאַראָן קאַולבּארס אין דער בּאַגלייטונג פון זיינע אַדיוטאַנטן און האָט זיך געווענדעט צו די פּאָליציי־בּאַאַמטע מיט אַ רעדע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבּן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „לאָמיר אָנרופן די זאַכן מיט זייערע עמעסע נעמען. מיר דאַרפן מוידע זיין, אַז אין האַרצן פילן מיר אַלע מיט דעם דאָזיקן פּאָגראָם"...

...אין דערזעלביקער צייט האָט דער ראָוו טשערנאָוויטש געגעבן צו וויסן, אז ער האָט אליין געזען, ווי אף דער יעקאטערינינסקער גאס האָט א מאַכנע גראָמילעס געמאכט א שרעקלעכן פּאָגראָם אונטער דער אָנפירונג און מיט דער שטיצע פון סאָלדאטן, וועלכע האָבן, גייענדיק פארביי, פריי געמאכט פאר די כוליגאנעס דעם וועג. ווען דער באראָן האָט זיך פון דעם דער-וואוסט, האָט ער נאָך באמערקט: „צום באדויערן, איז צו פרי אָנגעקומען די באשטעטיקונג פון דעם, וועגן וואָס עס האָבן זיך שוין לאנג געטראָגן קלאנגען".

... פון 18-טן ביז 22-טן אָקטיאבר איז מיצאד דער פּאָליציי דערהארגעט געוואָרן איין גאָראָדאָוואָי און פארוואונדעט 2 אָקאָלאָטאָטשנע און 10 פּאָלי-ציייסקע. פון מיליטער זיינען פארוואונדעט געוואָרן א פּאָדפּאָלקאָווניק און א באאמטער פון אינזשענערן-דיסטאנציע, וועלכער איז געשטאָרבן פון דער וואונד. סאָלדאָטן זיינען דערהארגעט געוואָרן 2, אין דעם איינער פון א באָמבע און דער צווייטער פון א קויל. פארוואונדעט געוואָרן זיינען 16.

די צאָל פון די דערהארגעטע און פארוואונדעטע פריוואטע מענטשן קען מען אפילע אומגעפער ניט באשטימען. לויט די ידיעס פון דער פּאָליציי, איז די צאָל פון די דערהארגעטע העכער פון 500, פון זיי מער פון 400 אידן, און פּאַרוואונדעטע פּאַרעגיסטרירטע דורך פּאָליציי 289, פון זיי 237 אידן. לויט די ידיעס פון די אויפזעערס פון די בייס-אוילאָמס, האָט מען פאר דער צייט פון די געשעענישן און דערנאָך ביז נאָיאבר באגראָבן אפן קריסטלעכן בייס-אוילאָם 86 מענטשן און אפן אידישן—298. אינם מעשעך פון דערזעל-ביקער צייט האָט מען געבראכט 73 דערהארגעטע אין אינסטיטוט פון גע-ריכט-מעדיצין, און 97 דערהארגעטע—אין אלטן שטאָט-שפּיטאָל. פארוואונדע-טע האָט מען געבראכט אין דעם נייען און אלטן שטאָט-שפּיטאָל, אין דער כירורגישער קליניק און אין שצעגאלעוועס קליניק 608, אין דעם 392 אידן. פון די פארוואונדעטע זיינען אין שטאָט-שפּיטאָל געשטאָרבן 66 מענטשן. בע-סאכאקל האָט מען צעראבעוועט 1632 אידישע דירעס, רעכענענדיק דערין אויך די געשעפטן. די העזייקעס באטרעפן 3.668.824 רובל...

130. די צאַרישע אָכראַנקע און די אידישע פּאָגראָמען.

(אויסצוגן פונם בריוו פונם געוועזענעם דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט א. א. לאפּוכין 11) צום מיניסטער פון אינערן פּ. א. סטאָליפּין 12). מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער רוסישער קאָנטער-רעוואָלוציע. ערשטער באַנד. אידישע פּאָגראָמען. ז. ז. 93-97).

...נאָכן אַרויסגעבן פונם מאַניפעסט פון 17 אָקטיאַבר 1905, ווען צוליב די אומרוען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין אַסאַך שטעט, האָבן זיך אין די מעסי-קע קרייזן פון דער געזעלשאַפט באַוויזן סימאָנים פון רעאַקציע, האָט דער פאַרוואַלטער פונם פּאָליטישן טייל פונם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, באַאַמטער פאַר באַזונדערע איניאָנים באַם מיניסטער פון אינערן, ראַטשקאָווסקי[13], קע-

די צו פאַרשטאַרקן דידאָזיקע רעאַקציע, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַנטשפּרעכנדיקע אויפרופן. די אויפרופן האָבן געדרוקט זשאַנדאַרמען-אָפיצערן אין דער וואוינונג פון דער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען-פאַרוואַלטונג אַף אַ דרוק-מאַשינקע, וואָס מ'האָט אָפּגענומען בעאייס אַן אונטערזוכונג באַ אַ רעוואָלוציאָנערן קרייזל. אין מיינע הענט איז געווען אַן אויפרוף, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אַף אַזאַ שטייגער. ער איז געווען געווענדט צו די אַרבעטער, געהאַט אַן אונטערשריפט „אַ גרופּע פאַבריק-און זאַוואָדן-אַרבעטער פון פעטערבורג" און האָט זיך געפּרואווט אונטערצוגראָבן דעם צוטרוי פון די אַרבעטער צו זייערע רעוואָלוציאָנערע אָנפירער, פאַרזיכערנדיק, אַז די לעצטע פאַרשווענדן דאָס געלט, וואָס די אַרבעטער האָבן צונויפגעקליבן אַפן פּאָליטישן קאַמף.

דאָס איז געווען ניט דער איינציקער אויפרוף, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער זשאַנדאַרמען-פאַרוואַלטונג. מאַכנדיק די אויספאָרשונג, האָב איך ניט געקענט באַקומען קיין אַנדערע נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען שוין אַלע געווען פאַרשפּרייט. דערנאָך, אַז די דרוק-מאַשינקע, וואָס האָט פריער געדינט דעם רעוואָלוציאָנערן קרייזל, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט קיין גענוגנדיקע, האָט מען פאַר די געלט-מיטלען פונם פּאָליצײ-דעפּאַרטאַמענט געקויפט אַ פאַרבעסערטע האַנט-דרוק-מאַשין, וועלכע גיט ביז 1000 עקזעמפּלאַרן אַ שאָ. מען האָט זי אַוועקגעשטעלט אין דער געהיימער אָפּטײלונג פונם פּאָליצײ-דעפּאַרטאַמענט, דאָס פאַרוואַלטן מיט איר האָט מען איבערגעגעבן דעם ראָטמיסטער קאָמיסאַראָוו. באַ דער מאַשין האָבן געאַרבעט צוויי זעצער.

אַף דערדאָזיקער מאַשין האָט מען אין דעקאַבער 1905 און יאַנוואַר 1906 אָפּגעדרוקט אַ באַדייטנדיקע צאָל אויפרופן, פאַרשיידענע לויט דער פאָרם, נאָר איינהייטלעכע לויטן אינהאַלט. אין זיי האָט מען, גלייכצייטיק מיט דער פאַראורטיילונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געזוכט צו באַווייזן, אַז שולדיק אין איר זיינען איבערהויפּט די ניט-רוסן, „אינאָראָדצעס", פריער ווי אַלץ — אידן, און צום קאַמף מיט די לעצטע האָבן די אויפרופן געריצט.

אין מיינע הענט זיינען געווען דריי מוסטערן פון אויפרופן, וואָס זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין דער דרוקערײ פונם פּאָליצײ-דעפּאַרטאַמענט. מיט זיי, ווי איך האָב פעסטגעשטעלט, האָבן זיך ניט אויסגעשעפּט די פּראָוואָקאַטאָרישע אויסגאַבן פון דערדאָזיקער דרוקערײ: דער פערטער איז אין יענער צייט (21 יאַנוואַר) געווען נאָר צוזאַמענגעזעצט. ער האָט אַנטהאַלטן אין זיך די מעשונעדיקסטע באַשולדיקונגען קעגן די אידן און האָט גערופן צו באַקאַטירן זיי באַ די וואַלן אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע.

פון די אָפּגעדרוקטע אויפרופן, וואָס איך האָב געזען, איז מיר איינער אויסגעקומען, אַלס דער סאַמע פאַרברעכישער: אין אים האָבן זיינע מעכאַברים קעגן די פּאָליאַקן, אַרמענער און זשידעס געריצט די אַרמיי.

דעמדאָזיקן אויפרוף צו די סאָלדאַטן האָט מען אַוועקגעשיקט אין ווילנע צום פאַרשפּרייטן מיטן באַאַמטן פאַר באַזונדערע איניאָנים באַם ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר שקאָטן אין אַ צאָל פון אַן ערעך פינף טויזנט עקז. שקאָט האָט אַ טייל פון זיי אַליין פאַנאַנדערגעוואָרפן באַנאַכט איבער די גאַס, פון שטאָט.

און די איבעריקע האָט ער איבערגעגעבן דעם ווילנער פּאָליצמייסטער, וועלכער האָט אַרום דעם 15 יאַנואַר טעלעגראַפיש געבעטן דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט צו שיקן אַ נייע פּאַרטיע פון דעמאָזיקן אויפרוף.

דעם אויפרוף האָט מען איבעראַנייס אָפּגעדרוקט אין צאָל פון עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן און אָוועקגעשיקט דעם ווילנער פּאָליצמייסטער.

דיזעלביקע אויפרופן צו די סאָלדאַטן האָט מען אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן אָוועקגעשיקט צום פאַרשפּרייטן אין קורסק דורכן דאָקטאָר מיכאַילאָוו, וועלכער איז געווען אַהינצו אָפּגעקאָמאַנדירט און וועלכער האָט, לויט דער איינלאָדונג פונם ווירקלעכן שטאַטסראַט ראַטשקאָווסקין, געדינט אינם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַלס אַ פרייוויליקער. מיכאַילאָוו האָט דעם 19-טן אָדער דעם 20-טן יאַנואַר אויך געפּאָדערט דורך אַ דעפּעש אים אַרויסצושיקן אַ נייע פּאַרטיע דיזעלביקע אויפרופן, צוליב דעם באַזונדערן ערפאָלג, וואָס זיי האָבן געהאַט צווישן די סאָלדאַטן.

אַכוץ דעם האָבן זיך די אויפרופן, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, פאַרשפּרייט אין פּעטערבורג דורך דובראָווינען און דעם „פאַריין פונם רוסישן פאָלק“[14]), וועלכער האָט זיך געפונען אונטער זיין פאַרזיך, און אין מאָסקווע דורך דעם רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער פון די „מאָסקאָווסקיאַ וועדאָמאָסטי“, גרינגמוט, וועלכער ס'האָט פערזענלעך איבערגעגעבן אַ טראַנספּאָרט אויפרופן אין דעקאַבער 1905 אין מאָסקווע דעם ווירקלעכן שטאַטסראַט ראַטשקאָווסקי.

די פּראָוואָקאַטאָרישע אויפרופן פונם פּאָליציי-דעפּאַרטאמענט האָבן זיך פאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע ערטער דורך דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמען.

די אַלע אויבנגעבראַכטע פאַקטן האָב איך מיטגעטיילט דעם פאָרזיצנדן פונם מיניסטאָרן-ראַט, איבערגעבנדיק דעם סטאַטס-סעקרעטאַר גראַף וויטע[15]) אויך די אַלע אויבנבאַשריבענע אויפרופן (איבער דעם זיינען בא מיר קיין עקזעמפּלארן פון זיי ניט געבליבן). גראַף וויטע האָט אַרויסגערופן צו זיך דעם ראָטמיסטער קאָמיסאַראָוו, וועלכער האָט דידאָזיקע אַלע פאַקטן באַשטעטיקט. דער ראָטמיסטער קאָמיסאַראָוו האָט אויך מיר באַשטעטיקט זיי אַלע אָן אויסנאַם, דערביי האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט געהאַנדלט לויטן באַפעל פונם פאַרוואַלטער פון פּאָליטישן טייל פונם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, ראַטשקאָווסקין, וועלכער פלעגט די אָריגינאַלן פון די אויפרופן ביז זייער אויסזעצן פאַרשטעלן דעם דירעקטאָר פונם פּאָליציי-דעפּאַרטאמענט. ווי דער לעצטער פלעגט שריפטלעך באַשטעטיקן, אַז ער האָט דורכגעלייענט דעם פּראָיעקט פונם אויפרוף, פלעגט ער דעם אָריגינאַל אָוועקגעבן אין זאַץ.

...איך האַלט פאַר מיין כיוב פאָרצושטעלן דעם בא מיר געבליבענעם עקזעמפּלאר פונם אויפרוף, וועלכן מע האָט פאַרשפּרייט אין אַלעקסאַנדראָווסק דעם 26-טן און 27-טן יאַנואַר היינטיקן יאָר און וועלכער רופט די באַפעלקערונג פון דעראָזיקער שטאָט צו שלאָגן די אידן דעם 27 יאַנואַר, אינם יאָרטאָג פונם אָנהייב פון דער מילכאָמע מיט יאַפּאָניע.

פון אייער עקסעלענץ האָט מען פאַרבאָרגן, אַז דער באַאַמטער פאַר באַזונ-

דערע איניאָנים ראטשקאָווסקי האָט פאַרוואלטעט מיטן פּאָליטישן טייל פונם פּאָליציי-דעפּארטאמענט ביזן 20-טן אַפּריל: באַפרייט לויט דער אלערהעכסטער פאראָרדענונג פון דערדאָזיקער פליכט, האָט ער לויט אַ געשריבענעם באַפעל פון דער נאַטשאַלסטווע אויך נאָכדעם פאַרוואלטעט מיט אַלע „אָכראַנע"-אָפּטיילונגען; מע האָט אים פאַרגעשטעלט דאָס רעכט צו אַריינמישן זיך אין אַלע איניאָנים פונם פּאָליציי-דעפּארטאמענט, וועלכע ער וועט געפינען פאַר נויטיק צו נעמען אונטער זיין אויפזיכט. דערדאָזיקער באַפעל האָט אַף אים אויך ארויפגעלייגט דעם אויפטראג אויסצוגוצן לעטויוועס דער רעגירונג די געזעלשאַפטלעכע קרעפטן און אָרגאַניזאַציעס.

131. דער בונד וועגן די אָקטיאבער-פּאָגראָמען.

(„די פּאָגראָמען, אַלס קאָנטר-רעוואָלוציע". „דער בונד", נומ. 10 אָקטיאבער 1905).

אייגנאַרטיק איז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד; אייגנאַרטיק איז אויך די קאָנטר-רעוואָלוציע.

...די אייגנאַרטיקייט פון דער רוסישער קאָנטר-רעוואָלוציע באַשטייט ניט אין אירע קאַמפּס-מעטאָדן, נאָר אין די פאָרמען, אין וועלכע זי האָט זיך אויסגעגאָסן, און דאָס, וואָס אייניקע קאַמפּס-מיטלען האָבן בא איר באקומען אַן איבערוועגנדן געוויכט און האָבן דורך דעם איר געגעבן גאָר אַן אַנדער אויסזעען.

אין קיין לאַנד האָט די זעלבסטהערשונג ניט אויסגענוצט דעם ראסן-האס צווישן אידן און קריסטן, ווי אין רוסלאַנד, אין קיין לאַנד האָבן אידן ניט געוואוינט אין אַזאַ באַדייטנדער צאָל ווי אין רוסלאנד. ...די אידן און די קריסטן לעבן נאָך אָפּגעזונדערט, פאַרפרעמדט איינע פון די אנדערע, דער ראסן-האס האָט אין רוסלאַנד זייער א גינסטיקן באָדן. דערצו האָט די רעגירונג צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד געאַרבעט דערויף, קינסטלעך צו פאַרגרעסערן, פאַנאַנדערצופלאקערן די סינע צו אידן. די אויסשליסלעכע געזעצן, די אידישע רעכטלאָזיקייט פלאנצן איין א זיכערקייט ...אַז אידישע בלוט קען מען פאַרגיסן, אידישע גוטס קען מען ראבירן אומבאשטראָפט. ...דערצו שארפט נאָך די זעלבסטהערשונג שטארק די ציין אַף דעם אידישן פּראָלעטאַריאט פאַר דעם גרויסן אנטייל, וואָס ער נעמט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פאַר די אקטיווע ראָלע, וועלכע ער שפּילט אין דעם באפרייאונגס-קאמף.

צוליב די סיבעס האָט די זעלבסטהערשונג אויסגעקליבן די אידישע פּאָגראָמען אלס איינע פון די בעססטע געווער פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

מיט די פּאָגראָמען אַף אידן וויל זי, ערשטנס, באשטראָפן דעם אידישן פּראָלעטאריאט פאר זיין רעוואָלוציאָנערער אקטיוויטעט. צווייטנס, ערוועקן די ווילדע טירישע אינסטינקטן פון נאציאָנאלן האס, ארויפוואַרפן איין טייל באַפעלקערונג אַף דעם צווייטן, פאַרוואנדלען דעם געפערלעכן פאַר איר קאמף פון

דעם אלגעמיינעם רוסלענדער פראָלעטאריאט קעגן דער טיראַניע אין דעם קאַמף פון איין נאציאָן קעגן דער צווייטער.

אום ארויסצורופן אזא קאָנטר-רעוואָלוציע און ווי מעגלעך בלוטיקער זי דורכצופירן, האָט די זעלבסטהערשונג אָנגעגרייט א גאנצע אָרגאניזאציע פון כוליגאנעס און שווארצע מייעס, א פולקאמע מאשין מיט אלערליי שרייפלעך און רעדעלעך פון פּאָליציי און זשאנדארמען, גייסטלעכע אפילע האָבן ניט גע־פעלט, א פולקאָמע מאשין, וועלכע מע קען לאָזן אין דער ארבעט נאָכן ערשטן וואונק. אלס געניטע מאשיניסטן זיינען געשטאנען גענעראל-גובערנאטאָרן, גובערנאטאָרן, גראדאנאטשאלניקעס, פּאָליצמייסטערס, יויצער-מעשאָרסים ווייאַ־שער מעשאָרסים. די פירמע וויטע-טרעפּאָוו האָט א וואונק געטאָן, און די בלוטיקע מאשינע איז אוועק מיט איר פולן גאנג.

...און דאָך האָבן א טאָעס די, וואָס מיינען, אז די קאָנטר-רעוואָלוציע אין רוסלאנד דריקט זיך אויס נאָר אין די פּאָגראָמען אף אידן ...פּאָגראָמען אף אידן גיבן זיך גרינגער איין. די זעלבסטהערשונג לאָזט אבער ניט דורך אויך אנדערע מיטלען פון קאָנטר-רעוואָלוציע. עס איז גענוג צו דערמאנען די בלוט־באָד אין טווער, דעם שוידערהאפטן פייערבראנד אין טאָמסק און די שרעקלעכע שכיטע אף קאווקאז, עס איז גענוג צו דערמאנען זיך די האריגעס אף דער אינטעליגענץ און דעמאָנסטראנטן, צו זעען, אז אידן זיינען דאָ קיין בעניאָכיד ניט.

די איצטיקע פּאָגראָמען טיילן זיך אָפּ פון די פּאָגראָמען, וועלכע זיינען געווען אין די אכציקער יאָרן, מיט דעם, וואָס זיי האָבן אין פילע ערטער בא־געגנט א מעכטיקן ווידערשטאנד פון די אידישע ארבעטער און אינטעליגענץ און אויך פון די קריסטלעכע באוואוסטזיניקע ארבעטער און פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ.

אין די שטעט, וואו די קריסטלעכע באפעלקערונג איז באוואוסטזיניק און פּאָליטיש אנטוויקלט, וואו די סאָציאלדעמאָקראטיע האָט אָרגאניזירט אונטער איר פאָן באַדייטנדע ארבעטער-מאסן, אין די ערטער, וואו דער אידישער פּראָלע־טאריאט איז גוט אָרגאניזירט, וואו אונזערע אָרגאניזאציעס ארבעטן לאנג,—דאָרט איז קיין פּאָגראָם ניט געווען.

אין 1884 איז אין ווארשע געווען א פּאָגראָם. איצט האָט סקאלאָן אומזיסט געהאָרעוועט, אומזיסט פּאָליציי אין אידישע קליידער איבערגעטאָן, כוליגאנעס און פּראָוואָקאטאָרן געדונגען, אומזיסט פארשפרייט אלערליי ווילדע קלאנגען און אָנגעהעצט די קריסטלעכע מאסע אף די אידישע, אים האָט זיך ניט איינ־געגעבן קיין פּאָגראָם ארויסצורופן. און דאָס איז ניט דערפאר, ווייל אין 1884 איז די ווארשעווער אדמיניסטראַציע געווען שווארצער ווי איצט, נאָר דערפאר, ווייל איצט איז די ווארשעווער באפעלקערונג רויטער ווי דאן.

דער בעסטער מיטל קעגן פּאָגראָמען איז די פארשפרייטונג פון די סאָציאל־דעמאָקראטישע לערע, דאָס אריינציען די גרויסע ארבעטער-מאסע, די אידישע ווי די קריסטלעכע, אין דער רויטער סאָציאל-דעמאָקראטישער ארמיי!

דער ליכטיקער גייסט פוןברידערלעכקייט און פרייהייט וועט פארטרייבן דעם שאָטן פון פינסטערניש און האס. אָבער דערווייל וואָס טוט מען?

נאָך גאָר ניט לאַנג האָבן מיר רעקאָמענדירט אלס מיטל קעגן די פּאָגראָמען דעם זעלבסטשוץ. דאן, ווען פּאָגראָמען פלעגן טרעפן ניט אזוי אפט און זיי זיינען געווען ניט אזוי שרעקלעך, ניט אזוי בלוטיק, איז דער זעלבסטשוץ געווען קעגן זיי א גוטער מיטל; איצט, ווען די פּאָגראָמען האָבן ארומגעכאפּט קימאט גאַנץ רוסלאנד, ווען זיי זיינען געוואָרן אן אלטעגלעכע דערשיינונג, איצט ווען יעדער פאגראָם איז א בלוטבאָד,— איז שוין דער זעלבסטשוץ אין זיין פריערדיקן געשטאלט ניט גענוג. פּאָגראָמען זיינען קינדער פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, ווי זייערע ברידער— די האריגעס אף אינטעליגענץ און רעוואָלוציאָנערן; זיי זיינען אן ענטפער פון דער זעלבסטהערשונג אף דעם באפרייאונגס-קאמף, ווי זייערע נאָענטע קרויווים, מיט וועלכע זיי גייען אָפט האנט בא האנט—דער קאנטשיק, דער ביקס מיט דעם דעגען. קעגן די אלע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע דערשיינונגען איז פאראנען איין וויכטיקער מיטל—בילדן פאָלקס-מיליציע.

דאָס גאַנצע פאָלק מוז זיך באוואפענען, עס מוז זיך בילדן א פאָלקס-מיליציע, וועלכע וועט זיין די בעסטע גאראנטיע פאר די פרייהייטן, וועלכע מיר וועלן דערקעמפן, דער בעסטער מיטל קעגן די גאַנצע קאָנטר-רעוואָלוציע ביכלאל און קעגן די פּאָגראָמען אף אידן ביפראט.

כדי דעם מוז די פּאָליציי איבערגיין אין דעם רעשוס פון די שטאָט-דומעס-פארוואלטונג. זי דארף באשיצן די שטאָט פון די כוליגאנעס און ניט העלפן די כוליגאנעס ווילדעווען איבער די שטאָט. נאָר ווען די פּאָליציי וועט זיין אין דעם רעשוס פון דער שטאָט, וועלן מיר האָבן אומבארירלעכקייט פון פערזאָן ביכלאל און אומבאַרירלעכקייט פון דאָס אידיש לעבן און פארמעגן ביפראָט.

די גאנצע אידישע באפעלקערונג מוז זיך באוואפענען צו געבן א געהעריקן ווידערשטאנד די כוליגאנעס. אונזער ראָלע דארף דאָ זיין דיזעלבע, וואָס מיר שפילן אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג ביכלאל: דער אָרגאניזירטער פּראָלעטאריאט מוז דא אויך זיין דער אוואנגארד.

132—133. פּראָטעסטן פון רוסישע אַרבעטער קעגן די פּאָגראָמען.

א. רעזאָלוציע פון 1481 סמאָרגאָנער (ווילנער גוב.) רוסישע גאַרבער.

(„סעווערא-זאפאדני קראַי“, 16, נומ. 784 פון 17 נאָיאבר 1905).

דעם 11 נאָיאבר (1905) האָבן אַלע רוסישע אַרבעטער פון די סמאָרגאָנער לעדער-זאַוואָדן, אָפּשטעלנדיק אַף אַ קליינע צייט די אַרבעט, צוזאַמען באַהאַנדלט, אונטער דער אָנפירונג פון דער סמאָרגאָנער אָרגאַניזאַציע פון ר. ס. ד. א. פּ., די פראַגע וועגן דעם, ווי אזוי זאָל מען רעאַגירן אַף די קלאַנגען

וועגן אַ אידישן פּאָגראָם, וואָס דאַרף פּאָרקומען אין סמאָרגאָן; איינשטימיק איז געוואָרן אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין אַכט, 1) אַז אַלע פּאָגראָמען פון דער לעצטער צייט זיינען ניט בלויז קיין אידישע, נאָר ביכלאַל אַ קאַמף פון דער רעאַקציע מיט דער באַפרייאונגס-באַוועגונג, וואָס עס איז צו זעען פון דעם, וואָס מע שלאָגט אין אַסאַך שטעט די שטודירנדיקע פון אַלע לערנאַנשטאַלטן, סטודענטן און ביכלאַל אינטעליגענטן און 2) אַז דאָס איז ניט קיין באַוועגונג פון פאָלק, ווי עס באַמיען זיך צו דערווייזן די סאָנים פון דער פרייהייט, נאָר פון אַ קליינעם הייפל „שוואַרצמייעניקעס”, כוליגאַנעס, מיט וועלכע עס פירט אָן די פּאָליציי און אירע געהיימע אַגענטן-פּראָוואָקאַטאָרן,—ערקלערן אַלע סמאָרגאָנער רוסישע אַרבעטער אַן אומבעראַכמאָנעסדיקן קאַמף די אָנפירער פון די פּאָגראָמען, ווייל ניט אין די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער-קלאַס איז צו שטיצן די רעאַקציע און איר פּאָליצייאיש-פּראָוואָקאַטאָרישן רעזשים, אַקוראַט ווי ס'איז ניט אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער צו קריגן זיך מיט די אידן, פּאָליאַקן, אַרמענער, לעטן און אַנדערע פעלקער פון רוסלאַנד, ביפראַט נאָך מיט די אַרבעטער פון דידאָזיקע פעלקער, די אינטערעסן פון וועלכע עס זיינען דיזעלבע, וואָס אונזערע, און מיט וועלכע מיר גייען האַנט באַ האַנט, קעדיי צו דערקעמפן זיך אַ בעסערן לעבן.

אינם פאַל, אויב די כוליגאַנעס און פּאָליציי וועלן אָנפאַלן אַף די אידן, זאָגן מיר צו צו פאַרטיידיקן זיי מיט אַלע קויכעס”.

דידאָזיקע רעזאָלוציע האָבן אונטערגעשריבן די באַפולמעכטיקטע פון 1481 רוסישע אַרבעטער.

ב. רעזאָלוציע פון האָמלער אייזנבאַן-אַרבעטער.

(„סעווערא-זאַפּאַדני קראַי”, נומ. 779 פון 11 נאָיאַבר 1905).

דעם 30 אָקטיאַבר האָט די דעלעגאַטן-פאַרזאַמלונג פון די אָנגעשטעלטע און אַרבעטער פון דער ליבאַווע-ראָמענער און די פּאָלעסער אייזנבאַנען, באַהאַנדלענדיק די פראַגע וועגן פּאָגראָמען, אָנגענומען די פאָלגנדיקע באַשטימונג:

פּאָגראָמען אָרגאַניזירן די „שווארצע מייעס”, ד. ה. גאַנאָווים, זשוליקעס און רויבער, און אָט זיי טאַקע פאַרשפּרייטן דאָס אַלע פאַלשע און אויפרעגנדיקע קלאַנגען.

...מיר, דעלעגאַטן, וואָס זיינען אויסגעקליבן אף צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אייזנבאַן-אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, מעלדן אַלע האָמלער איינוואוינער, אַז די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון די היגע אייזנבאַנען וועלן ניט נאָר ניט מיטהעלפן די פּאָגראָמען און גוואַלדטאַטן, נאָר, פאַרקערט, זיי וועלן אנטשיידן און ענערגיש אַרויסטרעטן קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

זאָלן אַלע וויסן, אַז די דעלעגאַטן-פאַרזאַמלונג האָט באַשטימט צו דער-

שלאָגן זיך מיט אַלע מיטלען, אַז מע זאָל אָפּזאָגן פון די שטעלעס יענע אָנ־געשטעלטע און אַרבעטער, וואָס וועלן פירן פּאָגראָם־אַגיטאַציע, אָדער ווען זיך באַטייליקן אין אַ פּאָגראָם.

134. די ציאָניסטן וועגן די אָקטיאַבער־פּאָגראָמען.

(רעזאָלוציע פון א ציאָניסטישן פּראָטעסט־מיטינג אין פּעטערבורג, „נאָוואָיא זשיזן" [17], 1905)

די הויפּט־סיבע פון דער פּאָגראָם־כוואַליע, וואָס האָט זיך ברייט פּאַנאַנ־דערגעגאָסן איבער דער אידישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד אין אָקטיאַבער 1905, אין סאַמע אָנהויב פון דער פּאָליטישער באַפרייאונג פון רוסלאַנד,—איז די אַלגעמיינע אונאָרמאַלע לאַגע פון דעם אידישן פּאָלק אין גאָלעס. צעזייט און צעשפּרייט, רעכטלאָזיק, אַרויסגעשטויסן פון אַלע פּראָגרעסיווע פאָרמען פון ווירטשאַפטלעכן לעבן, מיט אַן 18־הונדערטיאָריקן מאַרטירלאָג אין דער פאַר־גאַנגענהייט, וועלכער האָט צו זיך קיין גלייכן ניט, איז דאָס אידישע פּאָלק אַלע מאָל דער ערשטער קאָרבן באַ אַלע רעוואָלוציעס, באַ אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע איבערקערענישן.

מיט דער אונאָרמאַלער לאַגע פונם אידישן פּאָלק אין רוסלאַנד, וועלכע האָט באַשאַפן באַ די אָרומיקע פעלקער אַן אומפריינדשאַפטלעכן, אָדער אַ פיינדשאַפטלעכן געפיל צו אים, האָבן זיך באַנוצט די פינסטערע קוּכעס פון דער גויסעסדיקער זעלבסטהערשונג, קעדיי צו אָרגאַניזירן מיט דער הילף פון פּאָליציי די אָקטיאַבער־שכיטע.

דער מיטינג געפינט ניט קיין גענוג ווערטער, קעדיי צו באַשטעמפּלען מיט אַ פאַרפלוך אַלע אָרגאַניזאַטאָרן, אָנטיילנעמער און מיטהעלפער פון דער־דאָזיקער ניטגעהערטער מערדעריי און פּאָדערט, אַז אַלע פאַרברעכער קעגן לעבן און אייגנטום פון די אידן, און אין דער ערשטער ריי די פּאָליציי און מיליטער, וועלכע זיינען שולדיק אין די פּאָגראָמען, זאָלן איבערגעגעבן ווערן צו אַן עפנטלעכן געריכט.

דער מיטינג געפינט, אַז דער מאַניפעסט פון 17־טן אָקטיאַבער וועט קיין שום באַדייטונג ניט האָבן פאַר דער אידישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד, קאָלזמאַן זי איז באַגרעניצט אין די סאַמע עלעמענטאַרע מענטשנרעכט. דער מיטינג פּאָדערט, אַז עס זאָל גלייך פּראָקלאַמירט ווערן די אידישע גלייכבאַ־רעכטיקונג.

מיט טיפער באַדויערונג קאָנסטאַטירט דער מיטינג די גלייכגילטיקע באַ־ציאונג מיצאַד דעם גרעסטן טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט צו די אידישע פּאָגראָמען, וואָס עס האָט זיך בולעט אַרויסגעוויזן אין דער פּרעסע און אין דער טעטיקלאָזיקייט פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן. מיט אַ באַזונדער ווייטאָק באַצייכנט דער מיטינג די פּאַסיווקייט פון פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, וועלכער האָט פאַרשוויגן די אידישע פּאָגראָמען באַם פּראָקלאַמירן דעם פּראָטעסט־שטרייק אין נאָיאַבר [18].

באַגריסנדיק מיט אַנטציקונג די העלדן פון זעלבסטשוץ, קאָנסטאַטירט דער מיטינג מיט אַ טיפער באַפרידיקונג דעם איינהייטלעכן מיטגעפיל פונם גאַנצן אידנ-טום פון אַלע לענדער, וואָס עס באַצייכנט אונזער נאַציאָנאַלע איינהייטלעכקייט.

דער מיטינג רופט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פאַרייניקן זיך אַף צו פאַרטיידיקן איר לעבן און עלעמענטאַרע מענטשנרעכט און אַף צו קעמפן פאַר זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

דער מיטינג איז טיף איבערצייגט, אַז דאָס פאַרייניקטע אידנטום וועט אַלס דעם איינציקן וועג פאַר דער ראַדיקאַלער לייזונג פון דער אידישער פראַגע אַנערקענען די אויפלעבונג פונם אידישן פאָלק אין זיין היסטאָרישער היימאַט, ווי דאָס איז אָנגעשריבן אַף דער ציאָניסטישער פאָן.

135. די פאַרשאַרפונג פונם שאָוויניזם אונטערן איינדרוק פון די פאָגראָמען.

(אַרטיקל פון אידישן היסטאָריקער ש. דובנאָוו[19]: „קנעכטשאַפט אין דער רעוואָלוציע". „וואסכאד", נום. 47-48, 1905)

דער צו גרויסער צוטרוי צו די אַרומיקע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע גרופּעס, דאָס נאָכטאָן די מאָדישע מוסטערן, די אומגעהויערע קרעפטן-פאַרשווענ-דונג אַף אַלגעמיינע, אָפטמאָל פרעמדע, זאַכן, פאַרלאָזנדיק אינגאַנצן די אייגענע נויטיקסטע פאָלקס-אינטערעסן, — דאָס זיינען די הערשנדיקע אייגנשאַפטן פון די אַקטיווע קרעפטן פון דעם איצטיקן רוסישן אידנטום.

אין דער צייט, ווען אַלע געדריקטע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד — פּאָליאַקן, אַרמענער, פינלענדער — האָבן געפירט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אונטער זייער אייגענער נאַציאָנאַלער פאָן, האָבן די אידישע רעוואָלוציאָנערע קויכעס, מיט זעלטענע אויסנאַמען, געקעמפט אונטער דער אַלרוסישער אָדער פּוילישער פאָן, — און ווען זיי פלעגן שוין יאָ דערלאָזן אַ אידישן קאָליר, איז דאָס געווען אויס-שליסלעך אַ קלאַסן, נאָר ניט קיין נאַציאָנאַלער קאָליר.

...די באַציאונגען פון די אידישע מיטגלידער פון פאַרשיידענע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען צום אידנטום זיינען איצט שוין גענוג קלאָר.

יענע צאָלרייכע אַרמיי פון דער אידישער יוגנט, וואָס פאַרנעמט דעם אָנ-געזעענסטן אָרט אין די רייען פון דער „רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי" און רוקט דאָרטן אַרויס אַפילע אירע „קאָמאַנדירן", האָט פאָרמעל איבערגעריסן אַלע פאַרבינדונגען מיטן אידנטום. דאָס זיינען קאָנסעק-ווענטע אַסימילאַטאָרן, לויט זייערע פּאַרטייאישע און אינטערנאַציאָנאַלע איבער-צייגונגען. זייער פאָלק איז דאָס רוסישע, און ניט דאָס אידישע פאָלק, וואָרום דער באַגריף „פאָלק" איז בא זיי אַ פּאָליטיש-קלאַסן-באַגריף, אָבער ניט קיין קולטורעל-היסטאָרישער. די זעקס מיליאָן אידן, וואָס זיינען געבליבן שטעקן אין דעם רוסישן מלוכע-אָרגאַניזם, זיינען פאַר זיי רוסן, וואָס זיינען ביז אַ געוויסער צייט צוגערעכנט צום אידנטום. זיי זיינען גרייט צו אַנערקענען אַ

בּרייטע נאַציאָנאַל=קולטורעלע אווטאָנאָמיע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד אַכוץ דער אידישער, וועלכער זיי ווארפן צו א ביין אין פאָרם פון „זעלבּסטבּאשטימונג״, האָפנדיק, אז מיט דער צייט וועט מען דאָס אויך ניט דארפן, וואָרום דאָס אידישע טייכעלע וועט זיך צונויפגיסן מיטן רוסישן יאם. דער ברייטער טייך אידיש בלוט, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט פארגאָסן, וועט ניט צעשטערן די שטאָלצע רואיקייט פון דידאָזיקע מענטשן. זיי וועט ניט אנטוישן אויך דאָס, וואָס אפילע די אָרגאַניזירטע „כאוויירים״ זיינען ניט געקומען צו הילף דער געשלאָגענער נאציע. „דאָס איז דאָך מער ניט, ווי א עפּיזאָד פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע, צו דער נאציע האָט דאָס קיין שאַיכעס ניט. מיר לייגן די קעפּ פארן רוסלענדישן פּראָלעטאריאט, אין וועלכן עס דארפן אריינגיין אויך די אידישע פּראָלעטארישע מאסן; דאָס איבעריקע אָבער גייט אונז ניט אָן״. מיט אזא שפּראך קענען ריידן נאָר מענטשן, וואָס זיינען געבליבן קנעכט אפילע אין דער רעוואָלוציע.

...צי איז ניט די פאַרטרעטערין פון אונזערע נאציאָנאלע אינטערעסן די אידישע סאָציאל-דעמאָקראטישע אָרגאניזאציע „בונד״, וואָס שרייבּט זיך צו אזא וויכטיקע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג פונם היינטיקן יאָר? זי פּרעטענדירט אפילע אף אזא פאַרטרעטונג, נאָר דידאָזיקע פּרעטענזיעס זיינען לאַכלוטן ניט בארעכטיקט.

אַלס אַ פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגענומען אַן אויסשליסלעכע קלאַסן-פּראָלעטאַרישע פּראָגראַם, קען זי, פאַרשטייט זיך, ניט דינען דער פאַרייניקונג פון די אינטערעסן פונם אידישן פאָלק, פאַרקערט, זי מוז מיטהעלפן זיין צעשפּאַלטונג. דער קאַמף צווישן די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און פונם פּראָלעטאַריאַט (די אינטערעסן פונם ווייט גרעסטן טייל פונם פאָלק — פון די קליינע אייגנטימער — ווערן ניט גערעכנט) פאַרשטעלט אינגאַנצן פאַר די בונדיסטן דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע אינטערעסן, וועלכע עס דראָט די גרעסטע געפאַר פון דרויסן. פאַר די אנהענגער פון „בונד״ איז דער אידישער עטיקעט מער ניט ווי אַן עטישער, אָבער ניט קיין נאַציאָנאַלער. זיי רעכענען זיך נאָך מיט דער שפּראַך פון דער מאַסע — מיטן זשאַרגאָן (די אויפלעבונג פון העברעאיש לייקענען זיי אָפּ), זיי ריידן וועגן „פרייהייט פון זעלבּסטבּאַשטימונג״ און אַפילע וועגן „נאַציאָנאַל=קולטורעלע אַווטאָנאָמיע״, אַלס די הויפּט=איקרים פון דער אַלגעמיינער פרייהייט; אָבער וועגן אַ ווירקלעכער אַנטוויקלונג פונם אידנטום אין זיין נאַציאָנאַל-היסטאָרישן גייסט, וועגן אַ נאַציאָנאַלער דערציאונג, אַלס אַ מיטל צו פאַרהיטן פון אַסימילאַציע, וועגן אַ זעלבּשטענדיקער אידישער פאָלקספּאָליטיק טראַכטן זיי ניט. פאַר דעם זיינען זיי צופיל „קלאַסן=פּאָליטיקער״. די אנהענגער פון „בונד״ ווייזן אַלעמאָל אַרויס אַ פיל גרעסערע נויגונג צו אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע ווארפן קאַטעגאָריש אָפּ אַ באַזונדערע אידישע פּאָליטיק, איידער צו די אידישע נאַציאָנאַלע פאַרטייען, וואס שטייען אַף דעם קאָנסטיטוציאָנעל=דעמאָקראַטישן אָדער אַפילע אַף דעם האַלבּקלאַסן=שטאַנדפונקט *). מיט די ערשטע פאַרייניקן זיי זיך נאָך ווען עס איז,

*) ס׳ווערן געמיינט די פּראלעטאַרישע ציאָניסטישע גרופּירונגען.

צוליב אַלגעמיינע אַרבעט, נאָר מיט די לעצטע — קיינמאָל ניט, ווען אַפילו דאָס זאָלן פאָדערן די הימלשרייענדיקע באַדערפענישן פונם אידנטום, אַלס אַ גאַנצעס.

דאָס אידנטום אַלס אַ גאַנצעס אַנערקענען זיי ב־כלל ניט; זיי צעשניידן אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם אַף צוויי טיילן און זאָגן: אָט דאָס איז אונזער טייל, דער פּראָלעטאַרישער, און דאָס איז אַ פרעמדער, וואָס שטאַמט „פונם טייוול" — פון דער בורזשואַזיע, ציאָניסטן, נאַציאָנאַליסטן, אָדער קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן... זיי רירט לאַכלוטן ניט דער פאַקט, וואָס די אידישע רעכטלאָזיקייט האָט גלייך געדריקט דעם פּראָלעטאַריער, דעם קאַפּיטאַליסט און דעם קליינעם אייגנטימער, אַז אַף די גאַסן פון די צעראַבעוועטע שטעט זיינען געלעגן איינע נעבן די אַנדערע מיט צעפּלעטע שאַרבנס מענטשן פון דידאָזיקע אַלע דריי קאַטעגאָריעס, און אַז מ'האָט געדאַרפט קעמפן צוזאַמען מיט דעם אַלגעמיינעם סוינע.

די אָפּגעפרעמדקייט פון דידאָזיקע מאַרקסיסטישע פאַנאַטיקער פונם אידנטום האָט זיך אַרויסגעוויזן אין אַ טראַגישער פאָרם בעאייס די לעצטע געשעענישן. מיינענדיק, אַז זיי זיינען די העלדישע באַשיצער פון דער אַלרוסישער רעוואָלוציע, האָבן די „בונדיסטן" באַמיט זיך אין די אָקטיאַבר־מאַניפעסטאַציעס צו זיין „מער רוסן, איידער די רוסן זעלבסט", און ווען נאָך דידאָזיקע מאַניפעסטאַציעס איז אַוועק אַ רייע האָריגעס אף אידן, האָבן זיי מיט אַניוועס גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך די שולדיקייט און טאַינען: „דאָס איז ניט מער ווי אַ קאָנטר־רעוואָלוציע. ערע די יעניקע, וואָס זיינען געפאַלן פאַר דער באַפרייאונגס־זאַך!"

יאָ, מיינע הערן, צי האָט איר אָבער געפרעגט די אַלע געפאַלענע, געפּייניקטע, פאַרוואונדעטע און צערואינירטע, פאַר וועלכער זאַך וואָלטן זיי וועלן ליידן ווי מאַרטירער? איר ווייסט דאָך, אַז 80% פון דידאָזיקע ליידנדע זיינען קאָרבאָנעס פונם אידנטום, נאַציאָנאַלע, נאָר ניט קיין פּאָליטישע מאַרטירער! זיי זיינען קאָרבאָנעס פון דעם אייביקן אידנהאַס פון יענעם ווילדן האַמוין, אין וועלכן אייער „רוסישע" רויטע פאָן האָט אויפגעוועקט אַ ווילדן קאַאָס, ווי אין דעם שלאַכט־אָקס — דער רויטער טוך. האָט איר דען ניט געוואוסט, אַז דער רוסישער בער איז נאָך ניט צוגעוואוינט צו מענטשן דורך דער קאָנסטיטוציע, און אַז אין זיין הייל קען קיינער ניט אריין אומבאַשטראָפט, באַזונדערס אַ „פרעמדער", צו וועלכן ער פילט פון לאַנג אָן אַ אינסטינקטיוון האַס?

אינדערעמעסן דאַרף מען זיך וואונדערן אף יענעם טיפן גלויבן אין דער קולטורעלער קראַפט פונם רוסישן פאָלק, וועלכן עס באַזיצן דידאָזיקע אָנפירער פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

אַזוי ווי זייערע כאַווייריִם פון די רוסלענדישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, זיינען זיי דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז באַרופן צו מאַכן אַ רעוואָלוציע פון אַ העכערן סאָרט, וועלכע וועט אים געבן די מעגלעכקייט מיט איין מאָל אַריבערצושפּרינגען איבער אַלע היסטאָרישע צוימען, — איבער דער דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע, גלייך צו דער „פאָלקס־הערשונג" אָדער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, און אין אַ קורצער

צייט אַרום — צו אַ סאָציאַלער איבערקערעניש. די „אַלטיטשקע איירּאָפּע" (אַזוי האָט זי איינער אָנגערופן אין „נאָוואיאַ זשיזן", ניט באַמעה־קנדיק דערביי, אַז ער כאַזערט איבער מיט אַנדערע ווערטער דעם ניגון פון די סלאַוויאַנאָפילן[20] וועגן דעם „צעפוילטן מאַירעוו") איז פאַר אונז ניט קיין באַווייז: זי האָט באַשאַפן אַ רעוואָלוציע, און מיר אַן אויבער-רעוואָלוציע. אין פראַנקרייך האָט זיך די רעפּובליק פאַרפעסטיקט ערשט אין 80 יאָר אַרום נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע. די נעבעכדיקע דייטשן זיינען געצוואונגען נאָך איצט אויך זיך צופרידנשטעלן מיט אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, כאָטש זיי האָבן אין 1848-טן יאָר אויך געהאַט אַן אייגענע רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי, — אָבער מיר וועלן מיט איין מאָל אַלצדינג דערשלאָגן זיך.

אויב מיט דערדאָזיקער לעכערלעכער אילוזיע פון דער רוסישער אויבער-רעוואָלוציע שפּילן זיך רוסישע לייט, קען מען דאָס נאָך דערקלערן מיט דעם אומבאַוואוסטזיניקן נאַציאָנאַלן מיסטיציזם, מיט יענעם גלויבן אין דער „מיסיע" פון דעם אייגענעם פאָלק, וואָס האָט אַמאָל אַרויסגערופן בא די סלאַוויאַנאָפילן אַ הייפּעכדיקע אידייע וועגן אַן אויבער-זעלבסטהערשונג. קעגן אַ גלויבנדיקן שטעלט מען קיין פאַקטן ניט אַרויס: „אַלץ ערגער איז פאַר די פאַקטן", וועט ער אייך זאָגן.

אויב די לעצטע בלוטיקע פּאָגראָמען האָבן ניט איבערצייגט דידאָזיקע מענטשן, אַז עס איז נויטיק נאָך אַ לאַנגע קאָנסטיטוציאָנעלע דערציאונג, קעדיי צו פאַרוואַנדלען די באַרבאַרן אין ציוויליזירטע בירגער, וואָס זאָלן זיין פעאיק צו פאַרווירקלעכן דעם רעפּובליקאַנישן אידעאַל פון פאָלקס-הערשונג, — וועט מען זיי ניט איבערשפּאַרן. נאָר ווי אַזוי האָט דערדאָזיקער מיסטישער רוסישער נאַציאָנאַליזם באַהערשט אייך, העררן אידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, אייך, ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן נאָר וואָס ווידער אויסגעפּרוּווט אויף די אייגענע צעקלאַפּטע קעפּ איינע פון די היסטאָרישע „מיסיעס" פונם רוסישן פאָלק, וואָס דערנעענטערט דעם 1905-טן יאָר צו דעם 1648-טן (לייענט 1648 און ניט 1848!) ?[21]

איך אָנערקען די גרויסקייט פון אייער גרעניצלאָזן רוסישן פּאַטריאָטיזם, נאָר איך קען ניט אָנרופן אַנדערש ווי קנעכט יענע אידן, וואָס גייען מאַכן אַ רעפּובליקאַנישע איבערקערעניש מיט אַ פאָלק, וואָס האָט נאָר וואָס לויט דעם צאַרישן באַפעל אַרויסגעשטעלט אין 150 פונקטן אָן אַ שיר „שוואַרצע מייעס" אויף אויסצוהאַרגענען די אידן, און איז גרייט אַרויסצושטעלן שוואַרצע מיליאָנען, ווען מע וועט דאָס דערלויבן פון אויבן.

איר זייט ניט קיין שעפער, נאָר קנעכט פון דער רעוואָלוציע, אירע מעקלערס! אַלץ פאַרן באַלעבאָס, און קיין זאַך ניט פאַר זיך! דאָס איז די פּאָליטיק פון אויסגעדרעסירטע לייבאייגענע „נעשאָמעס", וועלכע עס האָט אויסגעהאָדעוועט דער שקלאַפישער רעזשים.

ניין, ניט אַזעלכע מענטשן מיט שקלאַפישע נעשאָמעס זיינען באַרופן צו שאַפן עמעסע פרייהייט. אויב איר וואָלט געווען אינערלעך פרייע מענטשן וואָלט איר געפירט ניט די פּאָליטיק פונם „באַלעבאָס", נאָר די אייגענע; איר

וואָלט געקעמפט אין די רייען פון די סאָלדאטן פון דער רעוואָלוציע ניט אונ־טער דער מאסקע פון רוסן אָדער פּאָליאקן, נאָר אלס אידן, ווען די אינ־טערעסן פון זייער פאָלק זיינען ניט ווייניקער טייער, ווי די אינטערעסן פון דער מלוכע, צו וועלכער זיי געהערן.

פולשטענדיקע פרייהייט, בירגערלעכע און נאציאָנאלע, קענען דערקעמפן פאר אידן נאָר יענע, וועלכע וועלן אָפּפירן ניט קיין באלעבאטישע, ניט קיין פּריצישע פּאָליטיק, נאָר אייגענע נאציאָנאלע פּאָליטיק, א אידישע פּאָליטיק.

XX. אין די „פרייהייטס-טעג".

136. די פארכאפונג פון א לעגאלער דרוקעריי אין מינסק.

(„סעווערא-זאפאדני קראי", נומ. 786 פון 19 נאיאבר 1905).

... דעם 17-טן נאיאבר זיינען אין דער דרוקעריי פון ה. בערמאנט, וואו עס דרוקט זיך די צייטונג „דער צאָפּן-מאַירעווודיקער קאנט", געקומען א מאַן 30 באוואפנטע ארבעטער. זיי האָבן פאַרנומען דעם אריינגאַנג אין רעדאַקציע, אלע אריינגאנגען אין דעם רעדאַקטאָרס וואוינונג און אין דער דרוקעריי. בא יעדער פון דידאָזיקע אריינגאַנגען האָבן זיי אוועקגעשטעלט א באוואפנטע אַרבעטער-וואַך.

די נאַכט-קאָרעקטאָרן, וועלכע האָבן זיך געקליבן גיין אהיים אף אָוונט-ברויט, זיינען פארהאַלטן געוואָרן. אויך האָבן די אַרבעטער פאַרהאַלטן 2 טע-לעגראַף-אנגעשטעלטע, אַ דאמע און נאָך אייניקע פערזאָן, וועלכע זיינען צו-פעליק אין דער צייט געקומען אין דער רעדאַקציע.

די געקומענע ארבעטער, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען זעצער, זיינען גלייך צוגעטראָטן צו זעצן צוויי פּראָקלאַמאַציעס: „צו די סאָלדאַטן" און „צו דעם רוסישן פאָלק".

אין א קורצער צייט ארום האָט זיך אף די רעדאַקציאָנס-טישן באוויזן פארשיידענע שפייז, וואס די ארבעטער האָבן מיט זיך געבראכט, און זיי האָבן אין די פרייע מינוטן צוגעביסן. נאָך דעם ווי מע האָט די פּראָקלאַמאציעס אנגעקליבן און אויסגעקאָרעקטירט, האָבן די געקומענע ארבעטער אריינגעשטעלט דעם זאַץ אין מאַשין און אנגעהויבן דרוקן. אַלע ארבעטער האָבן געדרייט די מאַשין-ראָד, אומבייטנדיק לויט א געוויסן סיידער איינער דעם אנדערן. די אר-בעט איז געגאַנגען שנעל...קעדיי וואָס גיכער ענדיקן דאָס דרוקן, האָבן זיי גלייכצייטיק אף איין מאַשין געדרוקטביידע בלעטלעך. ביז 6 אזייגער אין דער פרי האָבן זיי אפגעדרוקט א רעכטן פעקל בלעטלעך, ניט איין טויזנט זיכער. די פּראָקלאמאציעס האָבן געהאַט אן אונטערשריפט: „געדרוקט לויט דער בא-שטימונג פון דער מינסקער גרופּע ר. ס. ד. א. פּ. אין דער דרוקעריי פון בערמאנט".

6 אזייגער אין דער פרי איז די ארבעט געווען געענדיקט, די ארבעטער

האבן אף זיך אנגעלאדן די בלעטלעך, ארונטערגענומען די באוואפנטע וואך, באפרייט אלע ארייגגאַנגען און אוועקגעגאַנגען.

אפן אנדערן טאָג האָט די קאנטאָר פון דער רעדאַקציע באקומען פון דער אָרגאַניזאַציע 7 ר. 50 ק. פארן פּאַפּיר, וואָס מע האָט באנאכט גענומען אף צו דרוקן די פּראָקלאמאציעס.

137. די ערשטע לעגאַלע בונדישע צייטונגען.

(אויסצוגן פון אנמאנס זיכרוינעס 22) „25 יאָר", זאמלבוך, ווארשע 1922, ז. ז. 66—81).

... די ערשטע בונדישע לעגאַל-רעוואָלוציאָנערע צייטונגען זיינען געבאָרן געוואָרן ... ניט אין די הייסע זומער-טעג פון דער רעוואָלוציע, נאָר אין קאַלטן ווינטער, ווען עס האָט שוין געהערשט א פּראָסט — די שווארצע רעאקציע און דער ווייסער טעראָר.

... דער צ. ק. פון בונד האָט אַף דעם קומענדיקן ארגאַן געקוקט, ווי אף זיין הויפּט-אויפגאַבע, וואָס איר דאַרף מען אָפּגעבן אלע בעסטע קויכעס. ער האָט מאָביליזירט אלע מיטגלידער, וואָס קאָנען נאָר האלטן א פען אין האַנט. ער האָט ארויסגערופן קימאַט דעם גאַנצן פּערסאָנאַל, וואס האָט יאָרנלאַנג באַדינט דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד, און האָט אוועקגעגעבן אלע זיינע אייגענע געשוואוירענע ליטעראַטן. זיי האָבן אלע אָנגעהויבן צוזאַמענ-ציקלייבן זיך אין „ירושלים דליטע" *).

... אלע מיטאַרבעטער פון „וועקער" האָבן ניט געטאָרט אנטייל נעמען אין דער אָרטיקער באוועגונג, קעדיי ניט צוציען די „אָכראַנקע" צו דער צייטונג און, פאַרקערט, ניט צו פאַרשלעפּן צו דער אָרגאַניזאַציע די שפּיאָנען, וועלכע האָבן געהיט די רעדאַקציע.

פאַר דער רעדאַקציע מיט דער קאָנטאָר צוזאַמען האָט מען געפונען און געדונגען א דירע אף מיליאַנע גאַס, הויז נומער 3, וואוינונג נומ. 7. זי איז באַשטאַנען פון דריי צימערן, אין דעם פאָדערשטן ביידער האָט מען איינגע-אָרדנט די קאָנטאָר, אין די הינטערשטע צוויי כאדארים—די רעדאַקציע.

... דאָס סיסטעם פון באלוינונג פאר די מיטאַרבעטער איז אָנגענומען געוואָרן אַן עכט-קאָמוניסטישע. אף אַן אלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער רע-דאַקציע האָט מען פאָרגעלייגט און באַשטעטיקט איינהייטלעכע סכירעס פאַר אַלעמען — צו 50 רובל מאָנאַטלעך, סאַי פאַר באַווייבטע, סאַי פאַר באָכערים. קיין באַזונדער האָנאראר פון שורע האָט ניט עקזיסטירט.

... מע האָט געדאַרפט אויסאַרבעטן א דעקלאראַציע, וועלכע זאָל אויפ-קלערן די פיזיאָנאָמיע פון דער צייטונג; האַגאַם עס איז געקומען שוין א פינ-סטערע צייט, האָט מען דאָך ניט געדאַרפט באהאלטן זיך, פאַרשלייערן דעם בונדישן כאראקטער פון ארגאַן. יעדער פון אונז האָט גענומען א שטיקל פּאַפּיר און בליישטיפט און האָט פּראָבירט אָנצושרייבן אזא דעקלאראַציע.

*) ווילנע.

אָבער עס פלעגט ארויסקומען אָדער צו לאַנג, אָדער צו שוואך. סאָפּקאָלסאָף האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אף אזא פאָרמולירונג, וואָס עס האָט פאַרגעלייגט אייזנשטאַט [23]: „אונזערע פרינציפּן זיינען די פּרינציפּן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אונזער פּראָגראַם איז די פּראָגראַם פון דעם אלגעמיינעם אידישן ארבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאנד („בונד"). אונזער ציל איז מיטהעלפן דער אנטוויקלונג פון דעם קלאַסן-באוואוסטזיין פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט".

מיט דעררעאַזיקער דעקלאַראַציע, אין וועלכער דער לאַנגער נאָמען פון „בונד" איז געווען אויסגעזעצט מיט „קירעש-לעוואָנע-אויסיעס", איז ארויס דער ערשטער נומער פון „וועקער" און זי האָט זיך איבערגעכאזערט אין אים יעדער טאָג ביז דעם 4-טן יאנוואר (נומער 9). נאָכדעם איז זי פאַרשוואונדן געווארן אף אייביק. די קאַלטע ווינטן האָבן אָנגעהויבן דעמאָלט בלאָזן אזוי שרעקלעך, אַז מיר האָבן געפונען פאר אומעגלעך צו ריידן ווייטער מיט אזא אָפענע שפּראך. ... מיט א פּאָר טעג שפּעטער איז ארעסטירט געווארן דער שעף-רעדאַקטאָר פון „וועקער" כ. אייזנשטאַט.

דעם 25-טן דעקאַבער איז געבאָרן געווארן דער ערשטער נומער „וועקער". געוואָרט האָט אף אים דער אוילאַם מיט גרויס אומגעדולד, און מע האָט געלייגט אף אים אסאך מער אויפמערקזאמקייט און מי, ווי אַף די קומענדיקע נומערן. ארויס איז ער אין זעקס זייטן און מיט א זייער רייכן אינהאלט...

דער לייט-ארטיקל מיטן קעפּל „אונזערע צילן", אָן אַן אונטערשריפט, איז געווען אָנגעשריבן פון אייזנשטאַטן. ער האָט געגומען די דריי פריער דערמאָנטע טעזיסן, וואס זיינען געשטאַנען אין דער מודאָע וועגן „וועקער", אַז אונזערע פּרינציפּן זיינען די פּרינציפּן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ס. ד. א. א. וו., און האָט זיי אויסגעטייטשט אין א גרויסן ארטיקל. דעם צווייטן ארטיקל, אויך אָן אַן אונטערשריפט, מיטן קעפּל „די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן אין דער רעוואָלוציע" האָב איך אָנגעשריבן. צוויי ארטיקלען מיט זיינע איניציאַלן (א. ל.) האָט געגעבן ליטוואַק, איינעם א פּאָליטישן, דעם אנדערן אף א אידישער טעמע. „א טריט נעענטער צום באַנקראָט"—דאָ האָט זיך גערעדט וועגן דעם פאַקט, אַז דער „גאָלדענער פאָנד" פון דער מלוכע האָט זיך פאַרקלענערט אף 140 מיליאָן רובל. אין דעם צווייטן—„באַ די דערגרייכער אפן צוזאמענפאָר", מיטן אונטערקעפּל: 1. „אונזערע ליבעראַלן",—האָט כ. ליטוואַק געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון צוזאַמענפאָר. אָלגין [24] האָט אָנגעשריבן צו דעם נומער גאַנצע דריי ארטיקלען: איינער אונטערן נאָמען „א נייע בייטש" איז געווען א געפעפערטע קריטיק פון די דערוויילע טאקאנעס פון 2-טן דעקאַבער וועגן שטרייקן און פון „אוקאַז" פון 4-טן דעקאַבער, וועלכער האָט איבערגעגעבן דעם קאַמף קעגן די אייזנבאַן-שטרייקן א דריי-קאָמיטעט פון אייזנבאַן-פאַרוואלטער, מיליטער-אָפיצער און זשאנדארמסקען. דער צווייטער ארטיקל מיטן קעפּל „נייע לאַטעס אפן אלטן בעגעד" האָט געטאַינעט וועגן נייעם וואַל-געזעץ פון 11-טן דעקאַבער, אין דעם דריטן ארטיקל האָט אָלגין דערקלערט, וואס באווייזט דער מאָסקווער אויפשטאַנד...

י. בלומשטיין [25] האָט געגעבן מיטן אונטערשריפט „א. י." א פּאָליטישן אַרטיקל: „ה. דובנאָוו וועגן כאַטאָאים פון „בונד". ת. ראָטשטיין [26] האָט צוגעשיקט זיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ פון לאָנדאָן, זייער לעבעדיק אָנגעשריבן אַף דער טעמע: „ענגלאַנד און די רוסישע רעוואָלוציע".

קארל קאוטסקי האָט ספּעציעל אָנגעשריבן פאַרן „וועקער" א גרויסן אַרטיקל „אַלטע און נייע רעוואָלוציעס", וועלכער איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין ערשטן נומער אין פעליעטאָן, צוזאַמען מיט זיין באַגריסונגס-בריוול: „ווערטע כאַווירים!—האָט ער אין דעמדאָזיקן בריוול געשריבן, — מיט פרייד האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער-בונד טרעט צו אַרויסצוגעבן א טעגלעכע צייטונג. נאָך מער ווי יעדער אַנדערער פּראָלעטאַריאַט נויטיקט זיך איצט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד אין א שאַרף געווער, און א טעגלעכע צייטונג איז איינס פון די וויכטיקסטע געווערן אין דעם קלאַסן-קאַמף פון היינטיקער צייט... איך שיק א ברידערלעכן גרוס דעם נייעם אָרגאַן פון בונד"...

אַסאַך אָרט האָט פאַרנומען די אָפּטיילונג פון פּאַרטיי-לעבן. דאָ איז געווען אַן אויספירלעכער באַריכט וועגן דעם 6-טן צוזאַמענפאָר פון בונד, וואָס איז פאָרגעקומען מיט 2 א האַלב כאַדאשים צוריק אין אויסלאַנד אין רעכטן ברען פון אַלגעמיינעם אָקטיאַבר-שטרייק, און אַלע רעזאָלוציעס פון דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר. אויך איז געדרוקט געווען א לאַנגער אויפרוף פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ, צוזאַמען מיט די לעצטע שורעס: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם!"

אויב מיר וועלן צוגעבן די אָפּטיילונג „פון דער פּרעסע", כראָניק,—טעלעגראַמען און קאָרעספּאָנדענציעס (פון ווילנע און בערדיטשעוו), וועט יעדער מוזן מודע זיין, אַז דער ערשטער נומער איז האַגאַם געווען צו מאַסיוו, צו שווער פאַר א טעגלעך בלאַט, אָבער ער איז צוזאַמענגעשטעלט געווען אינטערעסאַנט און פאַרשיידנאַרטיק און קיין באַלאַסט איז אין אים ניט געווען.

צי האָט ער געהאַט אַן ערפאָלג? אַן ענטפער אַף אַזאַ פראַגע וואָלט איך ניט געקאָנט געבן. פאַרשפּרייט האָט ער זיך גאַנץ גוט. מע האָט אים פּאָשעט געכאַפּט פון די הענט. אַזוי ווי קיין ראָטאַציאָנס-מאַשין איז בא אונז ניט געווען און מע האָט געדרוקט דאָס בלאַט אַף פלאַך-מאַשינען, האָט מען אים געדרוקט דעם גאַנצן טאָג און נאָך אַף מאָרגן (פאַר דער פּראָווינץ). אין גאַנצן האָט מען דעם נומער אַרויסגעלאָזן אַן ערעך אין 40.000 עקזעמפּליאַרן...

די נאָענטסטע נומערן זיינען באַשטאַנען פון 4 זייטן, אָבער אַזוי ווי קיין פּריוואַטע מודאָעס האָבן מיר ניט געהאַט, זיינען זיי געווען געפּאַקט מיט מאַטעריאַל פון אויבן ביז אַראָפּ. ביכלאַל האָבן זיי געטראָגן דעמזעלביקן כאַראַקטער, וואָס דער ערשטער נומער. „דער וועקער" איז געווען ניט באָר א רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע בונדישע צייטונג, נאָר אויך א זייער קאַמפּלוסטיקע און מוטיקע צייטונג. האַגאַם זי האָט פאַרשפּעטיקט מיטן אַרויסגיין און איז געקומען אַף דער וועלט אין א פינסטערער צייט, האָט זי פונדעסטוועגן גענומען דעמזעלביקן טאָן, ווי מע פלעגט שרייבן גלייך נאָכן

17-טן אקטיאבר. אויב זי וואלט אזוי געשריבן רוסיש, וואלט מען איר פאר־מאכט באַלד דעם ערשטן טאָג, ווי מע האָט געטאָן בענויגייע דעם „יעווריייסקי ראַבאָטשי״ [27], אף אידיש אָבער האָט ער זיך ניט געוואָרפן אזוי אין די אויגן. אגעוו, איז בא אונז געווען מיטן אידישן צענזאָר א געוויסער אָפמאך. ער פלעגט באַקומען א באשטימטן מאָנאטלעכן געהאַלט און גארניט קיין גרויסן...

... דעם 6-טן יאַנוואר איז מען געקומען באדערנאַכט צו אייזנשטאטן און מע האָט אים אריינגעזעצט אין לוקישקער טורמע, וואו עס זיינען שוין געזעסן אַסאך ווילנער אינטעליגענטן און ארבעטער, אידישע, פוילישע, רוסישע, ליט־ווישע, פון אלע קרייזן און ריכטונגען...

אין דערזעלבער צייט האָבן מיר געמוזט אויפהערן זיך באנוצן מיט דער דירע נומער 7 אף מיליאָנע גאס פאר אונזער רעדאַקציאָנעלע ארבעט. די פּאָ־ליציי וואלט אונז אין העלן טאָג געקאָנט לייכט פאַרכאפּן. מיר האָבן אָנגע־הויבן צו פאַרזאמלען זיך אין פריוואטע וואוינונגען און אזוי ארום וואַנדערן פון איין דירע אין אַן אנדערע. די דעמאָלסדיקע ליבעראַלע אידישע אינטע־ליגענץ פלעגט זיך ניט אָפּזאָגן אוועקצוגעבן אונז אף די מאָרגנדיקע שאָען ביז מיטאָג א צימער, וואו מיר פלעגן קומען ארום צען אינדערפרי און פאר־בלייבן ביז דריי.

די טעג פון „וועקער״ זיינען שוין אבער געווען געציילטע. עטלעכע מאָל האָט שוין דער צענזאר צוגעשטעלט דעם פּראָקוראָר געפערלעכע ארטיקלען פון „וועקער״ אף זיין איינזעען, אָבער דער פּיפּיקער, דורכגעטריבענער אלטער צענזאָר פלעגט אויסקלייבן ניט די ארטיקלען, פאר וועלכע מע וואלט אונז טייקעף פאַרמאַכט, נאָר פיל מער אומשולדיקע. דער פּראָקוראָר פלעגט ניט געפינען אין זיי קיין שום סימאָנים פון פאַרברעכן און פלעגט ניט פאַרפירן קיין פּראָצעס. דער צענזאָר פלעגט דערביי וויזן, אז ער שטייט אויפמערק־זאַם אף דער וואך און... פלעגט ניט פאַרלירן זיין קאָשערן גראָשן. צו לאַנג אָבער האָט אזא שפּיל ניט געקאָנט דויערן... דער נומער 33 איז געווען דער לעצטער נומער פון „וועקער״... פון אינדערפרי האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן צו קאָנפיסקירן דעם „וועקער״ באַ די פאַרקויפער. דערנאָך איז זי געקומען אין קאָנטאָר און דרוקעריי, וואו מע האָט געזעצט דעם נומער 34. די זעצער האָבן אָנגענומען די געסט זייער ניט פריינטלעך. זיי האָבן געשריען: עס לע־בע דער „וועקער!״ „נידער מיט דער פינסטערער צייט!״ (געמיינט האָבן זיי די ציאָניסטישע טעגלעכע צייטונג „די צייט״, וואס האָט זיך געדרוקט אין דערזעלביקער דרוקעריי). דער „וועקער״ איז געשטאָרבן פּרייטיק דעם 3-טן פעווראל.

אנשטאט דעם „וועקער״ האָט מען טייקעף געדאַרפט ארויסלאָזן א נייע בלאט. ... קעדיי ניט צו פארלירן אומזיסט צייט, האָבן מיר באשטימט דער־ווייל ארויסלאַזן 2—3 נומערן פון א וואכנבלאַט. דאָס האָט געדאַרפט זיין „די נייע וועלט״...

דער נומער איז ארויס דינסטיק דעם 14-טן פעוורואל. ער האָט פאַרנומען

24 גרויסע זייטן אין א פארמאט פון א העלפט פון „וועקער“. ער איז גע־
ען גרויס, ווי דריי נומערן פון א טעגלעכע צייטונג...

... נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן א נייע סעדרע — סעדרע „פאָלקס־צייטונג“.
דער ערשטער נומער איז ארויס דעם 19־טן פעווראל 1906, און אַז עמיצער
וואָלט אונז דעמאָלט געזאָגט, אַז דידאָזיקע צייטונג וועט עקזיסטירן מער ווי
אנדערטהאלבן יאָר, אז זי וועט איבערלעבן אפילע דעם שרעקלעכסטן סעזאָן
נאָכן פאנאנדערטרייבן די ערשטע און צווייטע דומע, וואלטן מיר אים אָנגע־
קוקט, ווי א מעשוגענעם...

138. דער ביאַליסטאָקער ראַט פון די ארבעטער־דעפּוטאַטן.

(קאָרעספּאָנדענץ, „דער וועקער“ נומ. 2 פון 26 דעקאָבער 1905)

אונזער שטאָט איז באַשערט געווען צו שטעלן זיך אין איין ליניע מיט די
גרעסטע רוסישע שטעט — פּעטערבורג און מאָסקווע. באַ אונז האָט זיך אויך
אויסגעבילדעט אַ „סאָוועט“ פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן. מיט אַ פּאַר וואָכן צוריק
איז צו אונז געקומען פון פּעטערבורג איינער פון די „יונגע“ סאָציאַליסטן־רעוואָ־
לוציאָנערן [28] און האָט געגרינדעט דעמדאָזיקן „סאָוועט“. עמעס, מע קען ניט
זאָגן, אַז דער „סאָוועט“ דריקט אויס ווירקלעך דעם פאַרלאַנג און די שטרע־
בונגען פון די ביאַליסטאָקער אַרבעטער. עס איז, לעמאָשל, באַשטימט געוואָרן,
אַז פון יעדע 50 אַרבעטער זאָל זיין איין דעפּוטאַט. נאָר פּאַקטיש איז אויסגע־
קומען, אַז אויב אין אַ געווויסער פאַבריק אַרבעטן 150 מענטשן, זיינען אַף די
„וויבאָרעס“ געקומען מער ניט 30 מענטשן, און דידאָזיקע 30 אַרבעטער האָבן
פון זיך אויסגעקליבן 3 דעפּוטאַטן. נאָר ווי די מאיסע איז, באַ אונז האָט זיך
פאָרט געגרינדעט אַ „סאָוועט“ פון עטלעכע צענדליק דעפּוטאַטן.

די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס געפינען זיך
אין שטאָט, זיינען צו דעמדאָזיקן „סאָוועט“ ניט צוגעשטאַנען. פּאַרקערט, זיי
זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אים און האָבן זיך געסטאַרעט אָפּצואווענדן פון אים
די אַרבעטער. דער „בונד“ האָט מיט זיין אַגיטאַציע מיטגעווירקט,
אַז די אידישע אַרבעטער האָבן ניט געשיקט אין „סאָוועט“
קיין דעפּוטאַטן. שפּעטער זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אים אויך די אַנדערע
רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פון ביאַליסטאָק.

וואָס זשע האָבן געהאט די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס קעגן „סאָוועט“?
פּאַר וואָס זיינען זיי אַרויסגעטראָטן קעגן אים? — די זאַך דערקלערט זיך דורך
דער „טעטיקייט“ פון דעמדאָזיקן „סאָוועט“, די טעטיקייט, פּאַר וועלכע ער האָט
באַקומען אַ דאַנק פון דעם ביאַליסטאָקער גענעראַל־גובערנאטאָר באַגאַיעווסקי.

נאָך מיט אַ פּאַר וואָכן צוריק, אַף זיין ערשטער זיצונג, האָט דער „סאָוועט“
צוזאַמענגעשטעלט אַ באַגריסונגס־טעלעגראַם צום פּעטערבורגער „סאָוועט“ פון
די אַרבעטער־דעפּוטאַטן. אין דערדאָזיקער טעלעגראַם צווישן אַ גאַנצן יאַם
קלינגענדע פראַזן זאָגט זיך: „די פיינד פון די אַרבעטער ווילן פון אונז מאַכן

אַ טעל, צעקלאַפּנדיק אונז איינציקוויין; בעאייס די קוילן און פּיקעס וועלן צע־הארגענען די בעסטע פון דעם אויפגעשטאַנענעם אַרבעטער־קלאַס אין הויפּט־שטאָט, וועלן זיי דערנאָך אַף אַזאַ אויפן פארניכטן די אַרבעטער פון די אַנדערע שטעט. אָבער דאָס וועט ניט זיין. די פארעטערישע פּלאנען פון אונזער פיינד זיינען צוזאַמענגעגנייט מיט ווייסע פאָדים — זיי זעען זיך דייטלעך אַרויס. מיר מוזן זיך פאַרייניקן, קעדיי דעם ארויסרוף, וועלכן מע האָט געוואָרפן אייך, פּעטערבורגער כאַוויירים, זאָל אָנעמען דער פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד".

אַזוי האָט געשריבן דער „סאָוועט" מיט 3-2 וואָכן צוריק, אַזוי האָט ער „גערעדט", אָבער „געטאָן" האָט ער פּונקט פאַרקערט. בעאייס די אומפאַרשעמטע טאַקטיק פון דער רעגירונג בענויגייע צו די אַרבעטער איז דערגאַנגען ביזן העכסטן גראַד, און דער פּעטערבורגער סאָוועט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן האָט געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, האָט דער ביאַליס־טאָקער „סאָוועט" אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל ניט צושטיין צו דעם אַלגעמיינעם קאַמף.

מאָנטיק, דעם 12 דעקאַבר, האָט דער „בונד", „פּ. ס. ד." (דיביידע אָרגאַ־ניזאַציעס האָבן זיך פאַרייניקט אין איין שטרייק־קאָמיסיע) און „פּ. פּ. ס." גע־מעלדעט אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק. דער רוף פון די דריי אָרגאַניזאַ־ציעס האָט געהאַט ערפאָלג און פיל פאַבריקן האָבן זיך באַלד אָפּגעשטעלט. נאָר דאָ האָבן באַלד ערשיינט די מיטגלידער פון „סאָוועט" און זייערע אָנ־הענגער און האָבן מיט געוואַלדן און געשרייען אָנגעהויבן פירן א שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן דעם שטרייק. סאָפּקאָלסאָף האָט זיך זיי איינגעגעבן איינצורייד־ן די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך צוריק שטעלן צו דער אַרבעט, און אזוי איז דער שטרייק געוועזן געבראָכן.

דינסטיק איז געווען אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג פון די „דעפּוטאַטן". עס האָט זיך ווייטער געשטעלט די פראַגע וועגן שטרייק. מיט גרויס מאַטערניש האָט זיך אַיינגעגעבן די פאָרשטייער פון די פּאַרטייען אריינצודרינגען אַף דער פאַרזאַמ־לונג, אָבער האַלטן א רעדע און אויפקלערן די טאַקטיק פון „סאָוועט" האָבן זיי בעשום אויפן ניט געקענט. דער פאָרשטייער פון „בונד" איז אַוועק. די פראַגע וועגן שטרייק איז ווידער דורכגעפאַלן מיט 26 שטימען קעגן 10.

די פּאַרטייען האָבן באַשלאָסן אליין דורכפירן דעם שטרייק, און אַף מאָרגן האָט מען אָנגעהויבן פארמאכן די מאגאזינען. אבער דאָ האָט די פּאָליציי, דער־זעענדיק, אַז דער „סאָוועט" שטייט אַף איר זייט, אָנגעהויבן „ארבעטן" גאָר מיט אַן אנדער כיישעק. אין שטאָט איז געוואָרן אַן עמעסער „ווייסער טעראָר" — און דער שטרייק איז אינגאַנצן דורכגעפאַלן.

דעם 14־טן דעקאַבר איז געווען פאַנאַנדערגעקלעפּט אין שטאָט א דאַנק־בריוו פון גענעראַל־גובערנאַטאָר צו די ביאַליסטאָקער איינוואוינער, א דאַנק־בריוו, אין וועלכן ער באַדאַנקט זיי פאר זייער „רואיקייט", „ליבע צו דער אַר־בעט" און זאָגט: „אייער העלדישער ווידערשטאַנד האָט ניט דערלאָזן דעם אַל־געמיינעם שטרייק און דערמיט האָט איר געטאָן א טויווע דעם פאָטערלאַנד".

דערווייל האָט זיך די „טעטיקייט" פון סאָוועט אין קיין אנדער זאַך ניט אויסגעדריקט, אכוץ אין דעם, וואָס ער האָט צעשטערט דעם שטרייק. וואָס ער וועט נאָך ווייטער אויפטאָן, וועלן מיר מיסטאָמע זעען.

139. די דאָרעם-ארגאַניזאַציעס פון „בונד" און די ראַטן פון די ארבעטער־דעפוטאַטן.

(פונם באַריכט וועגן דער באַראַטונג פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דאָרעם-רוסלאַנד. „דער וועקער", נומ. 26 און 27 פון 25 און 26 יאַנוואַר 1906).

... פון דעם פאָרטראג, וואָס דער פאָרשטייער פון דעם אָדעסער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער געדאַנק וועגן גרינדן אין אָדעס א ראַט פון אַרבעטער-דעפוטאַטן איז שטארק אַנטוויקלט און פארשפרייט צווישן די ברייטע שיכטן פון אדעסער ארבעטער-מאַסע נאָך פון די אָקטיאַבער-טעג אָן. פון איין זייט דער פעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער-דעפוטאַטן, וועלכער האָט געשפּילט אזא גרויסע ראָלע אין דידאָזיקע געשעענישן, און פון דער צווייטער זייט דאָס, וואָס די אָדעסער אַרבעטער זיינען נאָך ניט גענוג אָרגאַניזירט, וואָס עס האָט זיך איבערהויפּט ארויסגעוויזן אין דיזעלביקע אָקטיאַבער-טעג, האָבן נאַטירלעך געדאַרפט ארויסרופן אזא ענערגישע שטרעבונג צו גרינדן אקוראַט ווי אין פעטערבורג אזאַ ראַט אין אָדעס. און ווירקלעך זיינען אין אייניקע ראַיאָנען פון אָדעס באַלד צונויפגערופן געוואָרן אזעלכע ראַטן און זיי פונקציאָנירן שוין. אין שטאָטישן, אין האַנטווערקער ראַיאָן, וואו עס איז קאָנצענטרירט געוואָרן קימאַט די גאַנצע אידישע מאַסע, זיינען שוין פאָרגעקומען פאר-וואַלן-פאַרזאַמלונגען און עס הויבט זיך שוין אָן די וואַלן פון די דעפוטאַטן. אַף די פאר-וואַלן-פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע דער אָדעסער קאָמיטעט פון „בונד" האָט גענומען אַן אנטייל, האָט זיך שוין קלאָר אַרויסגעוויזן דער כאַראַקטער פון דעם קינפטיקן ראַט און זיינע באַציאונגען צו די ס.-ד. ארגאַניזאַציעס. דעריבער האָט דער אָדעסער קאָמיטעט געדאַרפט באַשטימען זיין פרינציפּיעלע באַציאונג צום ראַט און מיט דעם אליין אויך זיין טאַקטיק און שאַיכעס צו אים.

אַף אזא אויפן האָט די אַרבעט פון דער באַראַטונג וועגן דערדאָזיקער פראַגע געמוזט טראָגן אַ צווייענדיקן כאַראַקטער: פון איין זייט האָט די באַראַטונג געדאַרפט ארויסטראָגן איר פרינציפּיעלע באַשטימונג פון דער פראַגע, ניט רעכענענדיק זיך מיט די אָדער יענע ארטיקע באַדינגונגען; פון דער צווייטער זייט אָבער האָט זי געדאַרפט געבן א קלאָרע טשואווע אף דער פראַגע, מיט וואָס פאַר א טאַקטיק דאַרפן מיר זיך האַלטן בענויגייע צו די ראַטן פון אַרבעטער-דעפוטאַטן, וועלכע גרינדן זיך אין פאַרשיידענע שטעט פון דאָרעם און ביפראַט צו דעם אָדעסער ראַט.

דער צווייענדיקער כאַראַקטער דאָט ניט געקענט נאַטירלעך זיך ניט אָפּשפּיגלען אַף דעם כאַראַקטער פון די דעבאַטן און אַף דער שטימונג פון דער

רעזאָלוציע אַליין, וועלכע מע האָט אָנגענומען וועגן דערדאָזיקער פראַגע. טייל־ווייז האָבן זיך אין דערדאָזיקער ריכטונג גרופירט און פאַנאַנדערגעטיילט די ארויסגעזאָגטע מיינונגען אין די דעבאַטן.

דער גרעסטער טייל אנטיילגעמער האָבן זיך ארויסגעזאָגט פרינציפיעל קעגן דער גרינדונג פון אזעלכע ראטן. זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון דעם שטאנדפונקט. אז אף וויפל עס פאָרגרעסערט זיך די ווירקונג פון די ראטן און ווערט פאָפולער צווישן די אַרבעטער-מאַסן, אף אזויפיל פאלט די ווירקונג פון די סאָצ. דעמ. אָרגאניזאַציעס. זייענדיק רעוואָלוציאָנער און דעמאָקראַטיש, וועט דער ראט פון די ארבעטער-דעפּוטאטן אדאנק זיין אָפּאָרטוניסטישער טאַקטיק צוציען צו זיך ווייניק קולטורעלע שיכטן פון די אַרבעטער-מאַסן און ברענגען צו דעם, אז זיי וועלן זיך איינשליסן אין זייערע ד׳אמות און ניט האָבן קיין שום סאָציאַליסטישע ווירקונג. נאָך זייער מיינונג ליגט אין די ראַטן א טענדענץ צו פאַרניכטן די סאָצ. דעמ. , און דער ערפאָלג פון אזעלכע ראטן איז אלץ איינס ווי די פאַרניכטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס איז געווען די פרינציפיעלע פאָזיציע פון דעם גרעסטן טייל. וועגן דער פראַגע פון אונזער טאקטיק בענויגייע צו די ראַטן און באזונדער בענויגייע צו דעם אדעסער האָבן זיך די מיינונגען פון דערדאָזיקער מערהייט פאנאנדערגעטיילט. א קליינער טייל איז געווען פאַר דעם, אז מע זאָל אין ראַט בעשום אויפן ניט אריינטרעטן און באלד אָנהויבן צו פירן א קעגן-אגיטאציע און סטארען זיך צו ניט דערלאָזן אים זיך גרינדן. אויב אָבער ניט קוקנדיק אף אונזער קעגן-אַגיטאַציע וועט זיך דער ראַט פאָרט גרינדן, האָבן זיי פאָרגעלייגט וויטער פירן א קאמף קעגן אים פון דרויסן. אריינטרעטן אָבער אין ראַט, קעדיי ארויסצורופן דאָרט א צעשפאַלטונג, האָבן זיי אויך געהאלטן פאר איבעריק, דען, נאָך זייער מיינונג, ווען מיר וועלן נאָר אַריינטרעטן אין אים, וועלן מיר זיך סטארען, אליין דאָס ניט באמערקנדיק, אונטערצוהאלטן זיין ווירקונג און מיט דעם אליין וועלן מיר זיין שוין געצוויט ניט צו דערלאָזן אים זיך פאַנאנדערפאלן. עס האָט זיך אָנגעוויזן, אַז מיט דעם, וואָס מיר וועלן אריינטרעטן אין ראַט, פאַרלירט אסאך דער „בונד״: איינס, וועט ניט זיין מעגלעך דורכצופירן אין ראַט די פאָזיציע פון „בונד״, צווייטנס, צוליב דעם, וואָס דער „בונד״ איז בעסער צונויפגעבונדן מיט דער אידישער מאַסע, אלס אנדערע סאָצ. דעמ. אָר-גאניזאציעס, און דערום דאַרף ער ניט זוכן קיין מיטלען ווי זיך מיט דער מאַסע צו באקענען דורך די ראַטן. די שטרעבונג פון דעם אידישן פראָלעטאַ־ריאַט צו אַן אָרגאניזאַציאָנס־איינהייט מיט דער רוסישער אַרבעטער־מאַסע, קען ווערן באפרידיקט ניט מיט דעם, וואָס מע וועט גרינדן ראַטן, נאָר מיט דעם, וואָס מע וועט אַרבעטן צו באשאפן אן איינציקע רוסלענדער סאָצ. דעמ. פאַרטיי. די איבעריקע פון דער מערהייט האָבן אין אלגעמיין גערעכנט פאַר נויטיק איינצוהאלטן זיך אין די ראַטן. נאָר מע קען אין זיי אריינטרעטן ווען עס איז נויטיק, אין די פאַלן, ווען דאָס וועלן פאָדערן די אינטערעסן פון דער אָרגאניזאציע, קעדיי צו פארוואנדלען די ראַטן אין סאָצ. דעמ. איינריכטונגען, און אויב דאָס וועט ניט מעגלעך זיין, זעען זיי צו פאַרניכטן. דער קלענסטער

טייל אנטיילנעמער אין דער באַראטונג זיינען פּרינציפּיעל געווען פאַרן גרינדן און באַטייליקן זיך אין ראט פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן. נאָך זייער מיינונג איז דער ראַט פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן זייער נוצלעך אין די ערטער, וואו די ס.-ד. באוועגונג איז נאָך שוואַך. די ראַטן הויבן אויף די סאַמע ברייטסטע אומבאוואוסטזיניקע אַרבעטער-מאַסן, אָרגאַניזירן זיי, דערוועקן בא זיי אַ אינטערעס צו א נייעם לעבן. מיט איין וואָרט, אדאנק דעם, וואָס דער ראַט טראָגט א כאראקטער פון אַן אלגעמיינער אַרבעטער-איינריכטונג, טוט ער דאָס, וואָס עס איז ניט אימשטאנד צו טאָן די סאָצ.-דעמ. אפילע ווען זי וועט אַרבעטן גאנץ אָפן. פאַר די סאָצ.-דעמ. איז די ראַטן פון אַרבעטער-דעפּוטאטן א גוטער מיטל, דען די סאָצ.-דעמ. קען און דאַרף זיך מיט זיי באנוצן, אום אריינצוציען אין אירע רייען די ברייטע מאַסן פון פּראָלעטאַריאַט. דעריבער דארפן די ס. ד. מיטהעלפן צו גרינדן ראַטן, דארפן אין זיי אריינגיין און אויסנוצן זיי פאַר זייערע צוועקן.

דער גרעסטער טייל דעלעגאַטן זיינען געווען פאַר דער ערשטער מיינונג, און די רעזאָלוציע, וועלכע מע האָט ארויסגעטראָגן וועגן דער פראַגע פון די ראַטן, זאָגט:

ארויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפונקט, אַז די זאָגענאַנטע ראַטן פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן שטרעבן און קענען זיך ניט אָפּזאָגן ניט צו שטרעבן אריינצונעמען אין זייערע הענט די אָנפירונג פון דעם גאַנצן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס, אז דער ראַט פון די ארבעטער-דעפּוטאַטן באַשטייט פון פאָרשטייער, וועלכע ווערן אויסגעקליבן פון פאַרשיידענע ארבעטער-שיכטן, וואָס זיינען נאָך ניט דורכגעדרונגען מיט דעם קלאַסן-באַוואוסטזיין, דעריבער מוז דער ראַט צופאַסן זיין פּראָגראַם און טאַקטיק צו די פּאָליטישע סימפּאַטיען און שטרעבונגען פון דידאָזיקע מאַסן.

אז, אף אַזאַ אויפן, ניט זייענדיק אליין קיין סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָנפירער פון דעם קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, מאַכן די ראַטן פון די ארבעטער-דעפּוטאַטן אונבאַדייטנד די ווירקונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אלס איינציקע פאָרשטייערין פון פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר פּאָליטישע און סאָציאַלע באַפרייאונג.

נעמענדיק ווייטער אין אַכט, אז די איצטיקע רעוואָלוציאָנערע צייט, אלס מאָמענט, וואָס דערוועקט צום פּאָליטישן לעבן די מאַסן און מאַכט קלאָר זייער כאַראַקטער, באַשאַפט מער גינסטיקע באַדינגונגען אף צו פאַרשטאַרקן די עקזיסטירנדע סאָציאַל-דעמ. פּאַרטייען, קען די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע ברענגען אַסאַך שאָדן איר ווייטערדיקער אנטוויקלונג, ווען זי וועט זיך אָפּזאָגן פון איר אָנפירנדער ראָלע אין ארבעטער-קלאַס און מיטהעלפן דער אנטוויקלונג פון ניט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע, האַגאַם פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. ארויסגייענדיק פון דעם, האַלט די באַראטונג, אז דער פּראָלעטאַריאַט מוז אַלץ פירן זיין קאַמף נאָר אונטער דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָנפירונג, און זאָגט זיך אַרויס לעגאַמרע קעגן דעם, אז די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זאָלן גרינדן אומפּאַרטייאישע ראטן פון ארבעטער-דעפּוטאַטן.

אָבער אין די ערטער, ווי, לעמאָשל, אין אייניקע שטעט פון אונזער דאָרעם-ראַיאָן, וואו עס גרינדן זיך אָדער עס האָבן זיך שוין געגרינדעט אזעלכע ראַטן אָן דעם וויסן פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס, אונטער דער ווירקונג פון פאַרשיידענע סיבעס, און וואו אונזער אָרגאַניזאַציע איז ניט אימשטאַנד צו שטערן זייער גרינדונג, אָדער קעמפן מיט זייער ווירקונג אף די מאַסן, רעכנט די באַראַטונג פאַר נויטיק צו פירן א ברייטע אַגיטאַציע, אז די ראַטן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין פאַרטייאישע סאָצ.-דעמ. איינריכטונגען אָדער אינגאַנצן זיי פאַרניכטן, און דערביי, ווען עס וועט זיין נויטיק צוליב די צוועקן פון דער דאָזיקער אַגיטאַציע, ערלויבן די מיטגלידער פון אונזער אָרגאַניזאַציע צו נעמען צייטווייליק אַן אָנטייל אין די ראַטן פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן.

140. דעמאָקראַטיזירונג פון די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס.

(א. ליטוואק: „אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגן”, „דער וועקער”, נומער 4 און 5 פון 28 און 29 דעקאַבער 1905)

...די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד ביכלאַל און דער בונד ביפראַט לעבן איצט איבער א צייט, ווען די אַלטע אָרגאַניזאַציאָנס-פאָרמען זיינען געוואָרן צו ענג פאַר דער מאַסן-אַרבעט, און מע מוז זיי טיילווייז אָדער אינגאַנצן אומענדערן. עס האָבן זיך געביטן די אינעווייניקסטע באַדינגונגען, עס האָבן זיך געביטן אייניקערמאַסן אויך די אויסווייניקסטע אומשטענדן, און מע מוז בייטן און באַנייען דעם אָרגאַניזאַציאָנס-ביניען.

ווי אַלעמען איז באַוואוסט, האָט דער בונד איינריכטונגען העכערע און נידעריקע, אָרגאַניזירטע מיטגלידער, וועלכע גייען אין איינריכטונגען ניט אריין, און א ברייטע ניט קיין אָרגאַניזירטע מאַסע, אף וועלכע ער האָט אַן איינפלוס, וועלכע ער פירט נאָך זיך אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. ביז איצט איז די גאַנצע אָרגאַניזאַציע געוועזן געבויט פון אויבן אראָפּ. אַלע איינריכטונגען זיינען ניט אויסגעקליבן, נאָר באַשטימט פון אויבן. דער צענטראַל-קאָמיטעט באַשטימט די אָרטיקע קאָמיטעטן, די אָרטיקע קאָמיטעטן באַשטימען די נידעריקערע איינריכטונגען, וועלכע זיינען פאַרמיטלער צווישן קאָמיטעט און די אָרגאַניזירטע מיטגלידער. די אָרגאַניזירטע מיטגלידער—דאָס זיינען די פעדים, וועלכע פאַרייניקן די אָרגאַניזאַציע מיט דער ברייטער מאַסע, די טעלעגראַף-דראָטן, דורך וועלכע די שטימונג און באַדערפענישן פון דער מאַסע גיבן זיך איבער אין דער אָרגאַניזאַציע, און די באַשטימונגען און לאַזונגען פון דער אָרגאַניזאַציע גיבן זיך איבער אין דער מאַסע. דורך זיי פירט די אָרגאַניזאַציע אָן דעם מאַסנקאַמף. די אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעווענדעט אַלע קרעפטן צו מאַכן אירע אָרגאַניזירטע מיטגלידער וואָס באַוואוסטזיניקער און פּאָליטיש אַנטוויקלטער, קעדיי זיי זאָלן אינדערעמעסן קאָנען ווערן דער אַוואַנגאַרד פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט. אין פּאַרטיי-לעבן האָבן אָבער די אָרגאַניזירטע מיטגלידער קימאַט קיין שום אָנטייל ניט גענומען. זיי האָבן אויסגעפירט די באַשטימונגען פון דער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אָבער קיין אָנטייל

ניט געגומען אין אויסאַרבעטן די באַשטימונגען. מע האָט זיי ברייט און טיף דערקלערט די שוין געגעבענע לאָזונגען. מע האָט זיך אָבער מיט זיי ניט באַראַטן, ניט געפרעגט זייער מיינונג, איידער מע האָט די לאָזונגען געגעבן. זיי האָבן קיין שום דירעקטן איינפלוס ניט געהאַט אף די פאַרטיי־איינריכטונגען.

ווייטער אזוי גיין קאָן דאָס שוין ניט. די מאַסע, וועלכע גייט נאָך דעם בונד און זיין איינפלוס-ספערע, ווי מע רופט עס, איז געוואָרן זייער ברייט, זיינע אויפגאַבן גרויס, זיין קאַמף העפטיק און שאַרף. די פארבינדונג מיט דער מאסע איז איצט ענגער און פעסטער, די אָפענע ארויסטרעטן אָפטער. די אויפגאבן פון די אָרגאניזירטע מיטגלידער, די פעדים, וואָס פארבינדן די אָרגאניזאַציע מיט דער מאַסע, זיינען איצט געוואָרן אַסאך ברייטער. זייער ארבעט איז זייער פאַראַנטוואָרטלעך, און פאראנטוואָרטלעך קאָן מען זיין נאָר פאר דעם, וואָס מע האָט מער אָדער ווייניקער באַשטימט, געגומען אַ גרעסערן אָדער א קלענערן כיילעק אין אויסארבעטן דאָס. די אָרגאניזירטע מיטגלידער קאָנען מער ניט זיין קיין בלינדע שילוכים, קאָנען ניט מער נאָר אויספירן דעם ווילן פון די, וואָס האָבן זיי געשיקט. די אַרבעט פאָדערט, אז די אָרגאניזירטע מיטגלידער, דער אוואַנגאַרד פון דעם אידישן פראָלעטאַריאַט, זאָלן אָנטייל נעמען אין אויסאַרבעטן אלע באַשטימונגען און לאָזונגען. די פאַרטיי איז זייער פאַרטיי, און דאָס פאַרטיי-לעבן מוז ווערן זייער לעבן, דעמאָלט וועט די מאַסן-ארבעט גיין פלאַנמעסיק, אָן רייבונגען. די אָרגאַניזאַציע מוז בייטן אירע פאָרמען. פריער איז די אָרגאניזאַציע געווען נאָר די איינריכטונגען, איצט דאַרף די אָרגאַניזאַציע זיין — אַלע אָרגאניזירטע מיטגלידער. די איינריכטונגען מוזן, אף ווי ווייט עס איז מעגלעך, אויסגעקליבן ווערן פון אַלע אָרגאַניזירטע מיטגלידער. די אָרגאַניזאציע מוז געבויט ווערן פון אונטן ארויף, ניט פון אויבן אַראָפּ.

די אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון בונד זיינען פאַר דעם לעצטן יאָר געוואָרן אַזוי פיל פּאָליטיש דערצויגן, זיי גיבן זיך אָפּ אף אזוי פיל אַ קלאָרן רעכענונג אין די געשעענישן, וואָס קומען פאָר ארום זיי, אַז מע קאָן זיי שוין אָנטרויען א דייע אין פאַרטיי־לעבן, און די ריינקייט פון דעם קלאַסן-קאַמף וועט דערפון ניט ליידן. די אָרגאַניזירטע מיטגלידער פילן דאָס, און באַ זיי וואַקסט אן אומצופרידנהייט.

זיי זעען פאַר זיך די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע זיינען ערשט איצט געגרינדעט געוואָרן, און דאָרטן האָבן די מיטגלידער א ברייטע דייע, דאָרטן ווערן די אָנפירנדע איינריכטונגען אויסגעקליבן. זיי פאַרשטייען, עמעס, אז צווישן אַ פראָפעסיאָנעלן פאַריין און א פּאָליטישע פאַרטיי איז א גרויסע באַפקעמינג; זיי האַלטן זיך אָבער פאר פּאָליטיש דערצויגענער און באַוואוסטזיניקער פאַר די מיטגלידער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, זיי רעכענען און מיט רעכט, אז זיי זיינען אזוי צייטיק צו זאָגן א דייע אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, ווי די מיטגלידער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. די ארגאַניזירטע מיטגלידער זיינען אומצופרידן. זיי פאָדערן רעפאָרמען. זייערע

פאָדערונגען מוזן צופרידן געשטעלט ווערן, ווייל דאָס לעבן אליין האָט זיי אַרויסגערופן.

צוזאַמען מיט דער נויטיקייט וואַקסט אויס די מעגלעכקייט. די אויסווייניקסטע אומשטענדן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער טעטיקייט האָבן זיך אַזוי אומגעביטן, אז מע קאָן איינפירן די נויטיקע רעפאָרמען. די אויסווייניקסטע אומשטענדן האָבן זיך געביטן שוין דערמיט אליין, וואָס די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ארבעטער-באַוועגונג איז געוואָרן איבערהויפּט אין ראיאָן פון בונד א ברייטע מאַסן-באַוועגונג.

די אָרגאַניזאַציע קאָן איצט ניט בלייבן פאַרבאָרגן, זי קאָן ניט באַהאַלטן אירע פאָרשטייער. די ברייטסטע מאַסע קאָן די אגיטאַטאָרן. צו די נידעריקערע איינריכטונגען און אפילע צו די קאָמיטעטן ווענדעט מען זיך איצט פון אַלע זייטן, פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך מיט אלערליי פאָדערונגען און באַקאָשעס, אָדער פאָדערט אן ענטפער אף די פראגן, וועלכע פלאָגן אים; יעדער פאָדערט אן אייצע, אן אָנווייזונג, שטיצע, אָנפירונג. אין דעם איז די קראַפט פון דער פאַרטיי. מע קאָן ניט איצט אויך באַהאַלטן דאָס, וואָס ס'טוט זיך אין דער פאַרטיי אינעווייניק. די פאַרטיי לעבט אפן גאַס. די עפנטלעכקייט איז איצט גרויס; אירע שטראַלן דערשלאָגן זיך אין די פינסטערע שפּאַלטן, און אזא גרויסע מאַסן-פאַרטיי, ווי דער בונד, קאָן זיך פון איר ניט באַהאַלטן. דאָס ייִנדעסטע, וואָס ס'לויפט פאָר אין דער פאַרטיי אינעווייניק, ווערט באַלד דערוואוסט אין דער גרויסער פובליקום. ווען מע וואָלט אפילע וועלן באהאַלטן, קאָן מען דאָס שוין איצט ניט. און אין די לעצטע מאָנאַטן האָט דער פראָלעטאַריאַט פארכאפּט אינם קאמף אייניקע פרייהייטן און רעכט, וועלכע גיבן די מעגלעכקייט זיינע אָרגאַניזאַציעס ארויסקריכן פון פינסטערן קעלער אף דער ווייסער וועלט; עמעס, די רעאַקציע נעמט אָן אלע מיטלען צוריק אָפּנעמען די פארכאַפּטע פרייהייטן. איינגעבן וועט זיך איר דאָס אָבער ניט: דער פראָלעטאַריאַט גייט ניט צוריק. די איינגענומענע פּאָזיציעס גיט ער ניט אוועק. ווי די רעאַקציע זאָל ניט ווילדעווען, אומקערן רוסלאַנד צוריק צו די באַדינגונגען, וואָס פאַר די אָקטיאַבר-טעג, איז איצט אומעגלעך. דער בונד האָט דערום איצט אי די נויטיקייט, אי די מעגלעכקייט איבערצובויען אייניקערמאַסן זיין אָרגאַניזאַציע.

אייניקערמאסן און ניט אינגאַנצן. מיר טאָרן ניט פארגעסן, אז די רעגירונג האָט איצט פאָרגענומען א יאַגד אף די בעסערע מענטשן, זי וויל פאַרניכטן די אָנפירער פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. בא הייַנטיקע פּאָליצייאישע באדינגונגען מוזן נאָך די מענטשן, וואָס גיבן אָפּ זייער גאַנצע צייט דער רעוואָלוציע, די מענטשן, וואָס שטייען בעראָש פון דער באַוועגונג, די זאָגענאַנטע פראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאנערן, אָפּט בייטן זייער אָרט. ווען די אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון יעדער שטאָט האָבן די מעגלעכקייט ארויסצושטעלן פון זיך בעסערע מענטשן אין די נידעריקערע איינריכטונגען, גיבן אָבער דאָס-ראָוו שטעט ניט ארויס אזוי פיל אָנפירער פאַר די העכערע איינריכטונגען, אז מע זאָל קענען באַלד אפן אָרט פארבייטן די ארעסטירטע אָדער אָפּגעפאָרענע אָנ-

פירער מיט נייע. די צאָל פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן איז באַגרענעצט. זיי מוזן זיך דערום געפינען אין דעם רעשוס פון צענטראַל-קאָמיטעט, ער דאַרף זיי פאנאנדערטיילן איבער די שטעט, צונעמען זיי פון די ערטער, וואו זיי זיינען ווינציקער נויטיק, אָדער וואו זיי קאָנען ניט זיין צוליב פּאָליטישע באַדינגונגען און אוועקשיקן אהין, וואו זיי זיינען מער נויטיק און וואו זיי קאָנען דערווייל אומגעשטערט וואוינען. ווען מע וועט די אלע מענטשן אין יעדער שטאָט, וואו זיי קומען, לאָזן וואַרטן ביז וואַנען מע וועט זיי באַקענען און אויסקלייבן אין די איינריכטונגען, וועלן דאָסראָוו פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן זיצן זייער אָפט ליידיק און די ארבעט וועט דערפון שטאַרק ליידן. נאָך מער, די ערשטע צייט, ווען פּאָליציי קאָן נאָך א מענטשן ניט, און ער וואָלט קאָנען צוניץ קומען, וועלן אים די ארבעטער אויך ניט קאָנען, און ער וועט זיצן ליידיק; שפּעטער ווידער, בעאייס זיי וועלן אים גוט דערקענען און אויסקלייבן, וועלן שוין די אויגן פון דער פּאָליציי אויך באוויזן זיך געענוג אָנקוקן אף אים און ער וועט מוזן אוועקפאָרן פון שטאָט.

מע מוז זיך דערום פארלאָזן אף די רעקאָמענדאַציע פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט, וועלכער קאָן די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן און ווייס צו וואָס יעדערער פון זיי טויג, וואו יעדערער וועט זיין אַפן רעכטן ארט...

141—146. דער אנהויב פון א זעלבשטענדיקער פּראָפעסי-אָנעלער באוועגונג

א. פאַר פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

(צירקולאַר פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד.)

דער איצטיקער פּאָליטישער מאָמענט עפנט פאַר אונז אַ מעגלעכקייט אריינצופירן ביז א געוויסן גראַד אין די ראַמען פון לעגאַלער עקזיסטענץ איין צווייג פון אונזער סאָצ.-דעמ. אַרבעט — דעם עקאָנאָמישן קאמף, וואָס עס שאפט אין דערזעלבער צייט אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן דידאָזיקע לעגאַלע פאָרמען פאַר אונזער פאַרטייאישער טעטיקייט. האלטנדיק דעריבער פאַר נויטיק אויסצונוצן דעם מאָמענט פאַר אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, געפינען מיר, אַז באַם בויען די לעצטע איז נויטיק ארויסצוגיין פון די פאָלגנדיקע גרונדלאַגן.

אין די רייען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע עקזיסטירן צוויי ריכטונגען בענוגייע דער פראַגע וועגן דער בויאונג פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען: איינע שטייען פאַר נייטראַלע, אנדערע פאַר סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַריינען. די לעצטע באַ דער עקזיסטענץ פון אן איינהייטלעכער סאָצ.-דעמ. פאַרטיי, אין וועלכער עס גייען אַריין די נאציאָנאַלע סאָצ.-דעמ. פאַריינען,—זיינען אלגעמיין-פאַרטייאישע, און באַ דער אפוועזנהייט פון אַזאַ איינהייטלעכקייט קאָנען זיי זיין אָדער פאַרטייאישע, אָדער פאַרייניקטע צווישן זיך אפן סמאך פון די אָדער יענע יעסוידעס, ד. ה. אינטערפאַרטייאישע.

אונטער אומפּאַרטייאישע פאַריינען פאַרשטייען מיר אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געפינען זיך אין אַ פולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט פון פּאָליטישע פאַריינען, פירן זייער אַרבעט פולקום זעלבשטענדיק און, אַנטשפּרעכענד מיט דעם, נעמען זיי צו אין זייערע רייען אַלע אַרבעטער, אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע און סאָציאַלע אַנשויאונגען.

אין הייפּעך צו דעם טראָגן די סאָצ.-דעמ. פאַריינען אַ פּאַרטייאישן כאַראַקטער אין דעם זין, וואָס זיי געפינען זיך און פירן זייער אַרבעט אונטער דער לייטונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דידאָזיקע פאַריינען באַזיצן אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע אין געביט פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע איניאַנים, אָבער דער העכסטער קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון די פאַריינען בלייבט דאָך בא דער סאָצ.-דעמ. פּאַרטיי. דאָס ווערט מאָטיווירט מיט דער מעגלעכקייט, אַז די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג זאָל זיך אָפּווענדן אין דער זייט פון ריינעם טרעד-יוניאָניזם, וועלכער ווידערשפּרעכט די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַלס גאַנצן. אין דידאָזיקע פאַריינען ווערן דעריבער צוגענומען אַלע אַרבעטער פון אַ באַשטימטער פּראָפעסיע, וועלכע אַנערקענען די פּרינציפּן פון קלאַסן-קאַמף און פּאָליטישן קאַמף אין די פאָרמען פון פּאַרלאַמענטאַריזם און שטימען איין אונטערצואוואַרפן זיך דער אָנפירונג פון דער סאָצ.-דעמ. פּאַרטיי.

וואָס איז שאַיעך די פאַריינען פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, איז דער גאַנצער סכום פון די פּאָליטישע באַדינגונגען פון דעם איצטיקן מאָמענט, וועלכער כאַראַקטעריזירט זיך אַלס ניט קיין שטאַנדהאַפטיקער און וואַקלדיקער, קעגן זייער נייטראַליזאַציע. בא דער אָפּוועזנהייט פון וועלכע ניט איז פעסטע פּאָליטישע גאַראַנטיעס, בא דער אָפּוועזנהייט פון פרייהייט פון פּרעסע, פאַרזאַמלונגען, און דעריקער בא דער אומעגלעכקייט פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע צו פירן אָפן און ברייט איר פּאָליטישן קאַמף און אַגיטאַציע, און ענדלעך, אַזוי ווי בא די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען וואַקסט די שטרעבונג אונטערצואוואַרפן אַף דעם אָדער יענעם אופן אונטער זייער ווירקונג די אַרבעטער-מאַסן, וועלן די אומפּאַרטייאישע פאַריינען מיט זייער אומאָפּהענגיקייט פון די סאָצ.-דעמ. פּאַרטייען און מיט זייערע ברייט-אָפענע פאַר אַלעמען טירן, וואָלטן געקאָנט ווערן אַן ערנסטע סאַקאָנע פאַר די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט. זיי וואָלטן פאַרפינסטערט זיין קלאַסן-באַוואוסטזיין, אַנטוויקלט בא אים די טענדענצן פון „ריינעם" פּראָפעסיאָנאַליזם, און דורך דעם אַפּגעווענדעט אים פון דער אַקטועלער פּאָליטישער אויפגאַבע, וואָס עס שטייט פאַר אים,— פונם קאַמף פאַר דער פולער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה-אָרדענונג פון לאַנד און אַלץ מער און מער געשטויסן אים אין די נעצן פון בורזשואַזן דעמאָקראַטיזם. דידאָזיקע אומשטענדן אַליין זיינען, לויט אונזער מיינונג, פולקום גענוג, קעדיי זיך אַרויסצוזאָגן בא הייינטיקער צייט קאַטעגאָריש קעגן די פּרינציפּן פון נייטראַליזירן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

עס בלייבט אַלזאָ איין אויסוועג: אָרגאַניזירן סאָצ.-דעמ. פאַריינען. נאָר בא דער אָפּוועזנהייט פון אן איינהייטלעכער רוסלענדער סאָצ.-דעמ. פּאַרטיי און סיכסוכים צווישן די סאָצ.-דעמ. פּאַרטייען, וואָס אַרבעטן אין רוסלאַנד—סיכסו-

כים, וועלכע שטאמען פון דעם, וואס עס עקזיסטירן צווישן זיי מיינונגס-פארשיידנהייטן אין טאקטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, וואָלטן די אלגעמיין פאַרטייאישע פאַריינען לייכט געקאָנט פארוואנדלען זיך אין אן ארענע פאַר קריגערייען, וואָס עס וואָלט אין לעצטן רעזולטאַט געגעבן אנשטאָט פראָפעסיאָנעלע איינהייט—רייסעניש און סיכסוכים.

רעזומירנדיק דאָס געזאָגטע, געפינען מיר, אז די פראָפעסיאָנעלע פאריינען מוזן בא אונז זיין פאַרטייאישע, ד. ה. אין די אויבן-אָנגעמערקטע ראמען פון אווטאָנאָמיע דארפן זיי זיך געפינען אונטער דער שטענדיקער אָנפירונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע; אלס מיטגלידער דארפן אין זיי אָנגענומען ווערן אלע אידישע ארבעטער, וועלכע אנערקענען אכוץ דערדאָזיקער אָנפירונג דעם קלאסן-קאַמף און פאָליטישן קאַמף אין פאָרם פון פארלאמענטאַריזם *). געבויט אף אזעלכע יעסוידעס, וועלן די פאַריינען קענען און דארפן ארומכאפן די ברייטסטע מאסן פונם אידישן פראָלעטאריאט, וועלכער האָט זיך ביז איצט געפונען אונטער דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער ווירקונג פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס. איצט ווערן שוין קלאָר אויך די פאריייניקונגס-פאָרמען פון אזעלכע פאַריינען: זיי דארפן זיין אינטערפאַרטייאישע, און די פאָרם פון דער פארייניקטער אָנפירונג מיט דעם גאַנצן קאמף פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען דארף פארווירקלעכט ווערן אין פאָרם פון פאַרייניקטע קאמיסיעס פון פאָרשטייער פון אַלע פאַרטייאישע פאַריינען.

צום סאָף וועלן מיר צוגעבן, אז קעדיי צו פארזיכערן פאַר אונז די נויטיקע אָנפירונג האלטן מיר פאַר דאָס צוועקמעסיקסטע, אז אונזערע אָרגאַניזאַציעס זאָלן פריער אָרגאַניזירן, אלס גרינדונגס-קעמערלעך פון פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פאַרזאַמלונגען פון זייערע ארגאניזירטע אין ברייטן זין פון וואָרט מיטגלידער פון יעדער פראָפעסיע; אף דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען זאָלן אָנגענומען ווערן די פאָרויס צוזאמענגעשטעלטע אוסטאַוון פון די פאריינען און אויסגעקליבן ווערן די אָנפירנדיקע אנשטאַלטן. און בלויז נאָכדעם אויפהויבן אן אגיטאציע, אז אין דידאָזיקע פאריינען זאָלן אריינטרעטן די איבעריקע ארבעטער אף די באדינגונגען, וועלכע עס פאָדערט דער באשטעטיקטער אוסטאוו.

קעדיי צו פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונגען צווישן די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען מיט אונזערע אָרגאַניזאַציעס, האלטן מיר פאר נויטיק אריינצוטראָגן אין אוסטאוו א פונקט, וועלכער פארזיכערט די פאָרשטייערשאַפט פון אונזער אָרגאַניזאַציע אין ביוראָ פון פאַרטיי (די צאָל פון אונזערע פאָרשטייער דארף זיין 2—1). ס'איז אויך זייער וויכטיק, אַז דער פאַריין זאָל אפרעכענען א באשטימטן פראָצענט פון זיינע האכנאָסעס אין דער פאַרטיי-קאַסע, דאָס דארף אויך זיין אָנגעוויזן אין אן אַנטשפּרעכנדיקן פונקט פון אוסטאַוו.

מיר האלטן פאַר נויטיק מאכן אויפמערקזאַם אונזערע אָרגאַניזאַציעס אף דער נויטווענדיקייט טייקעף צוצוטרעטן צו אָרגאניזירן די פאַריינען. מיר

*) דידאָזיקע פאָדערונג איז געווען געריכטעט קעגן די אנארכיסטן, וועלכע האָבן אגיטירט קעגן דעם אנטייל פון די ארבעטער אין פּאָליטישן קאמף.

בעטן אונבאדינגט און מעגלעך וואָס גיכער מיטיילן אונז וועגן אלע שריט, וועלכע די אָרגאַניזאַציע נעמט פאר אין דער ריכטונג פון אָרגאַניזירן פראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

צענטראל-קאָמיטעט פון „בונד".

נאיאבר 1905.

ב. די פּאָזיציע פון די צאפן-מאירעוודיקע אָרגאַניזאַציעס פון ר. ס. ד. א. פּ.

(אויסצוגן פון אן ארטיקל אין „סעווערא-זאפאדני קראי", נומ. 734 פון 4 נאיאבר 1905).

...די עקאנאמישע ארגאַניזאַציע פונם פראָלעטאריאט דארף זיין שטרענג אפגעגרעניצט פון זיין פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע... מיטהעלפנדיק דער אנטשטייאונג פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, דארפן מיר באגרעניצן זייער טעטיקייט מיט ריין-עקאנאמישע ראַמען. פאַר אונזער פאַרטיי זיינען די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען בלויז די ווירקונגס-ספערע, נאָר ניט קיין טייל פון איר. אפיציעל דארפן זיי ניט ארויסשטעלן קיין שום פּאָליטישע פראָגראַמען, ווען אפילע לויטן באשטאנד פון זייערע מיטגלידער וואָלט דער אָדער יענער פון זיי געקאָנט אנעמען אונזער פראגראם אינגאַנצן.

...„אזוי ווי די בעסטע שול פאַר פראָלעטארישער סאלידאריטעט איז דער קאמף, דארפן מיר, מארקסיסטן, אונטערשטרייכן אין דער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג גראד דעמדאָזיקן קאמפס-מאמענט, צוגעבנדיק די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען אַ שטרייט-כאַראַקטער. דעמאלט וועט די הויפּט-אַקס פון אלע פאַריינען ווערן דער קלאסן-אנטאגאניזם... ער וועט שטענדיק קאנצענטרירן אף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די מאַסן, וועקן זייער קלאסן-באוואוסטזיין, פון טאָג צו טאָג גרייטן זיי צו אנטשיידענע אַקטן".

די קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען און די פּאַרטייאישע ארגאַניזאַציעס דארפן זיין פּאָלגנדע:

„1. די פראפעסיאָנעלע פאַריינען דארפן זיין לאכלוטן אווטאָנאָם אין זייער פראָפעסיאָנעלער ספערע.

2. די פראָפעסיאָנעלע פאריינען באַרירן ניט קיינע אלגעמיין-פּאַרטייאישע איניאָנים.

3. די מיטגלידער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע געהערן צו דער פּאַרטיי, ווי אויך די אנגעשטעלטע פון די פאַריינען, נעמען אן אַלע מיטלען, קעדיי צו פארזיכערן די דורכפירונג פון מארקסיסטישע אנשויאונגען אין דעם באטרעפנדן פאַריין.

4. עטלעכע מיטגלידער פונם פאַריין, וועלכע האָבן דאָרטן אַ ווירקונג און געהערן צו דער פּאַרטיי, בילדן אַ באזונדער ביוראָ אף צו פראָפּאגאַנדירן די מארקסיסטישע אידייען צווישן דער מאַסע; זיי גייען אריין אינם ראַיאָנעם פּאַרטייאישן קאָמיטעט.

5. אין דעם ראיאָנעם קאָמיטעט גייען זיי אריין ניט אלס פארשטייער פונם פראָפעסיאָנעלן פאַריין, נאָר אלס פאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע האָבן באַזונדערע היסכאיוועסן.

אף אַזאַ אויפן האָט די פאַרטיי אינם פאַריין איר ניט־עפנטלעכע אגענטור, נאָר ניט קיין אפיציעלע פאַרשטייערשאפט. אזעלכע קעגנזייטיקע באַציאונגען וועלן ברענגען אַסאַך נוצן אונזער פארטיי, זיי באפרייען זי פון דער נויטווענדיקייט צו פארלירן איר ענערגיע אף דעם ריין-עקאנאמישן קאמף און גיבן די מעגלעכקייט אויסצונוצן די פארטייאישע קרעפטן, וועלכע בלייבן אין קעגנפאל ניט אויסגענוצט. פון דער אנדער זייט, גאראנטירן זיי די פארטיי פון אפארטוניסטישע עלעמענטן און העלפן מיט איר וואוקס, ניט צווינגענדיק זי אומצובייטן איר אנגענומענע טאקטיק".

ג. רעזאָלוציע פון ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער צ. ס. א. פּ. („ס. ם.").

(„דער נייער וועג", נומ. 1. 28 אפרעל 1906).

נעמענדיק אין באטראַכט,

אַז די אָרגאַניזירונג פון דעם ארבעטער-קלאַס אין פּראָפעסיאָנעלע פאַרייינען אף דעם באָדן פון זיינע אומיטלבאַרע עקאָנאָמישע אינטערעסן איז דער בעסטער מיטל אריינצוציען די ברייטע פּראָלעטאַרישע מאַסן אין קלאַסנקאַמף;

אַז נאָר די פאַרייניקונג פון אַלע אַרבעטער פון דער געגעבענער פּראָפעסיע אין איין פאַרבאַנד שאַפט דעם נויטיקן קויעך צום קאמף פאַר זייערע אינטערעסן;

אַז נאָר באַ אַזאַ פאַרייניקונג באקומען די צוזאַמענשטויסן פון דעם פּראָלעטאַריאט מיט דער בורזשואַזיע אַף דעם באָדן פון זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן א פּאָליטישע באדייטונג און ציען אים אריין אין פּאָליטישן קאַמף;

נעמענדיק ווייטער אין באַטראַכט,

אז דער נאַציאָנאלער באַשטאנד פון די ארבעטער אַין פיל פּראָפעסיעס, וואו עס איז באַשעפטיקט דער אידישער פּראָלעטאריאַט, איז ניט קיין איינ-ארטיקער;

אז די צעשפּאָלטנקייט פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין פאַרטייען גיט ניט די מעגלעכקייט קיינע פון די לעצטע מיט ערפאָלג צו לייטן זיין פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, —

זאָגט זיך אַרויס דער צוזאַמענפאָר פאר די גרינדונג פון אויסערפאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס אַנערקענען די גרונט-פּרינציפּן פון קלאַסנ-קאַמף.

ד. די אנטשטייאונג און ערשטע טריט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין ווילנע.

(באריכט אף דער צווייטער אלרוסישער קאָנפערענץ פון די פּראָפ. פאַריינען אין פעווראל 1906. „דער 1905—1907 אין דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג". מאָסקווע 1925. אויסגאבע פון „וו. צ. ס. פּ. ס.").

ביז די אָקטיאבר-טעג איז אין ווילנע קיין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען ניט געוועז. קימאַט מיטן גאַנצן עקאָנאָמישן קאַמף פון אידישן פּראָלעטאריאַט האָט אָנגעפירט די אָרטיקע בונדישע סאָציאַל-דעמאָקראטישע אָרגאַניזאַציע. עמעס, דער פאַריין פון די אידישע קאַצאָווים איז געגרינדעט געוואָרן מיט א כאדאָשים צען פריער, נאָר ביז די אָקטיאבר-טעג איז זיין עקזיסטענץ געוועזן א באָמיגאַלע.

אלע איבעריקע פאַריינען, וואָס עקזיסטירן איצט אין ווילנע, זיינען אַנטשטאַנען אין סאָף אָקטיאבר און נאָיאַבר פון פאָריקן יאָר אין די „פרייהייטס-טעג". געגרינדעט זיינען זיי אלע לויט דער איניציאַטיוו פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע: אונזערע פּאָליטישע „סכאָדקעס" פלעגן צונויפרופן די ארבעטער פון א וועלכן ניט איז פאַך, וועלכע זיינען זיי געוועזן באוואוסט, אף א גרינדונגס-פאַרזאַמלונג; אָט דידאזיקע פאַרזאַמלונג פלעגט אויסקלייבן אן אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיסיע אף אויסצוארבעטן דעם סטאַטוט (אוסטאַוו), וועלכער פלעגט דערנאָך באטראַכט און אָנגענומען ווערן אָף דער צווייטער אָרגאַניזאַציאָנס-פאַרזאַמלונג. אין אנדערע פאַכן האָט די פּאָליטישע „סכאָדקע" אויך אויסגעארבעט דעם סטאַטוט און אים אַריינגעטראָגן צו באהאַנדלען אף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. די לעצטע פלעגט אויסקלייבן א ביורא אף דריי כאדאָשים אָן רעכט פון קאָאָפּטירונג. נאָכדעם פלעגט זיך אָנהויבן דאָס אריינציען נייע מיטגלידער פונם דאָזיקן פאַך.

אלע פאַריינען, פון וועלכע עס רעדט זיך דאָ, זיינען פאַרטייאישע. אין זייערע סטאַטוטן ווערט באטאָנט, אַז זיי שטייען אפן יעסאָד פון קלאסן-קאַמף און אנערקענען די אָנפירונג פון בונד אין זייער פּראָפעסיאָנעלן קאַמף. לויט די סטאַטוטן פון אייניקע פאַריינען, פאָדערט זיך נאָך, אז די מיטגלידער זאָלן אָנערקענען אויך דעם פּאָליטישן קאַמף אין דער פאָרם פון פּאַרלאַמענטאריזם. דידאָזיקע פאָדערונג איז געווענדעט קעגן אַנארכיסטן, וועלכע אגיטירן קעגן פּאָליטישן קאַמף. די פאַריינען זיינען אַווטאָנאָם און זעלבשטענדיק אין זייערע איניאָנים. אין ביוראָ פון יעדער פאַריין גייט אריין א פאָרשטייער פון דער אָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט דאָס „וועטאָ"-רעכט[29]. אויסער דעם, רעכענען אָפּ די פאַריינען 25% פון זייערע האכנאָסעס (אין אנדערע 20%) פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון בונד.

אף אזאַ אויפן האָבן זיך געגרינדעט 19 פאַריינען, דאָסראָוו פון זיי כאַפּט אַרום יעדערער איין פאַך; נאָר עס זיינען פאַראַן אויך אזעלכע פאַריינען, וועלכע כאַפּן ארום עטלעכע נאָענטסטע פאכן, לעמאָשל, דער פאַריין פון די

דרוקער. די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אז אין אַזא שטאָט ווי ווילנע איז צוועק-מעסיק פּאַריייניקן עטלעכע נאָענטע פאכן אין איין פאריין.

די בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען כאַפּן ארום קימאַט אויסשליסלעך די אידישע ארבעטער; בלויז אין דעם פּאַריין פון די דרוקער און איינבינדער זיי-נען אריין 10 מיטגלידער קריסטן.

גלייכצייטיק האָט די ליטווישע סאָציאַל-דעמאקראטישע פּאַרטיי געבילדעט צוויי פּאַרטייאישע פּאַריינען: פון גאַרבער און פון אלע אנדערע פאַכן; באַ היינטיקן טאָג איז דער ערשטער זיך אינגאַנצן צעפאַלן און דער צווייטער עק-זיסטירט בלויז אַפן פּאַפּיר.

לויט דער איניציאַטיוו פון ר. ס. ד. א. פּ., פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און ציאָניסטן-סאָציאַליסטן (ס. ס.), וועלכע האָבן זיך צוליב דעם פּאַ-ריניקט, זיינען געגרינדעט געוואָרן עטלעכע נייטראַלע פּאַריינען (דרוקער, פּריקאַזטשיקעס, קאָנטאָרשטשיקעס), נאָר זיי זיינען זיך צעפאַלן קימאט גלייך נאָך זייער גרינדונג; איצט עקזיסטירט בלויז איין נייטראַלער פּאַריין, וועלכער איז די טעג אנטשטאנען — קירזשנער-פּאַריין מיט 16 מיטגלידער. די אַרבעטער לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו האָבן קיין פּאַריינען ניט געגרינדעט. די אָנ-געוויזענע אָרגאַניזאציעס האָבן זיך פּאַרייניקט צו באקעמפן דעם בונד און זיי האָבן געפירט א שטאַרקע אגיטאַציע קעגן פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פּאַ-ריינען; דידאָזיקע אגיטאציע האָט פונדעסטוועגן קיין שום ערפאָלג ניט געהאט. דאָס דערקלערט זיך מיטן באוואוסטזיין און רעוואָלוציאָנערקייט פון די אידישע ארבעטער, און אויך מיט זייער טיפן צוטרוי צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט שוין צייט 12 יאָר מיט ערפאָלג אן דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף. אויסער דעם, האָבן די ארבעטער געוואוסט, אז די אזוי גערופענע נייטראַלע פּאַריינען זיינען געווען נייטראַל בלויז לויטן נאָמען, אינדערעמעסן אָבער זיינען דאָס פּאַריינען, וועלכע ווערן ניט אָפיציעל אָנגעפירט דורך ר.ס.ד.א.פּ. אָדער ס. ס. די מאַסע פלעגט זיי טאקע אזוי רופן: „בונדישע" פאריינען „איסקראָווסקע" פּאַריינען און „עס-עסאָווסקע" פּאַריינען.

אין די ערשטע אָנדערהאַלבן כאדאָשים איז די צאָל מיטגלידער אין די פּאריינען אלץ געוואַקסן; פון העלפט דעקאַבר אָבער האָט דער וואוקס אויפ-געהערט; פונדעסטוועגן אָבער, אַז מיטגלידער זאָלן אָפּפאַלן, מערקט זיך ניט. אין ווילנע ציילט זיך ביז 10.000 אידישע ארבעטער און פּריקאַזטשיקעס (אכוץ דינערשאַפט), פון זיי זיינען אין אונזערע פּאַריינען אריין מער ווי 5.000. פון 6.000 דינסטן איז אין פּאַריין אריין 300.

ביז סאָף דעקאַבר האָבן קימאט אלע פּאַריינען געהאַט אייגענע ביוראָען. אנדערע אויך אייגענע קלובן (סטאָליארעס, שוסטער, דרוקער, קאָנווערטניצעס און קאַצאָווים). איצט צוליב פּאָליצייאישע רעפּרעסיעס איז זעלטן וועלכער פּאריין האָט זיין ביוראָ; קלובן זיינען פּאַרבליבן נאָר בא די שוסטער און קאָנ-טאָרשטשיקעס, מיט די לעצטע באנוצן זיך אויך די דרוקער. איבעריקנס דארף מען באמערקן, אז מיט דידאָזיקע קלובן באנוצן זיך די אידישע ארבעטער פון אַלע איבעריקע פּאַריינען און אַפילע אויך ארבעטער, וואָס געהערן צו אנדערע

רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס; עס קומען אהין צו אויך קריסטלעכע ארבעטער.

צוליב דער ארבעטסלאָזיקייט ווערט דאָס מיטגלידס-אָפּצאָל אריינגעטראָגן ניט פּינקטלעך, האגאם אזעלכע מיטגלידער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט אריינגעטראָגן קיין געצאָלט, זיינען ניטאָ. קעדיי צו פאַרגרעסערן די האַכנאָסעס פון די פאריינען אָרדענען זיי איין געצאָלטע רעפעראטן און קאָנצערטן, נאָר די לעצטע צייט ברענגען זיי קליינע האַכנאָסעס, צוליב דעם קריזיס און דער ארבעטס-לאָזיקייט.

מעזומען-געלט אין קאָסע איז פאראן נאָר בא די פאַריינען פון די גאַרבער, שוסטער און קאַמאשן-שטעפּער, בא די בעקער, דרוקער און פריקאַזטשיקעס. די איבעריקע פאריינען באדעקן קוים זייערע לויפנדע הויצאָעס; בא אנדערע איז פאַראן א דעפיציט, וועלכער ווערט געדעקט דורך א האלוואָע בא דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון בונד.

קיין גרויסע שטרייקן זיינען פאר דער לעצטער צייט, צוליב דעם קריזיס און ארבעטסלאָזיקייט, ניט פאָרגעקומען; נאָר קליינע שטרייקן קומען פאָר קימאט טאָג-טעגלעך. אין דער צייט פון א שטרייק שטיצן די פאריינען איינער דעם אנדערן מיט געלט; קיין באשטימטע טאקאָנעס פאר דערדאָזיקער שטיצע איז נאָך ניט אויסגעאַרבעט געוואָרן.

איבערהויפּט דארף מען זאָגן, אַז אַדאנק דעם לאנגן און אַקשאָנעסדיקן עקאָנאָמישן קאמף, וועלכן דער פּראָלעטאריאט האָט געפירט אונטער דער אָנפירונג פון בונד, זיינען די ארבעטס-באדינגונגען אין ווילנע פאַרהעלטניסמעסיק דערטרעגלעכע: דער ארבעטס-טאָג איז דאָסראָוו א 9-שאָעדיקער, איז ערגעץ ניט מער ווי 10 שאָ, אין אנדערע פאַכן, ווי בא די גאַרבער, לעמאָשל, ארבעטן מען 8 שאָ. דער ארבעטס-לוין איז פאַרהעלטניסמעסיק א גאנץ גרויסער; די אלגעמיינע ארבעטס-באדינגונגען זיינען ניט קיין שלעכטע.

קיין יורידישע הילף גיבן די פאַריינען זייערע מיטגלידער ניט, און אין דעם פילט זיך ניט קיין נויטווענדיקייט. אין די לעצטע יאָרן גייען די אַרבעטער מיט זייערע פרעטענזיעס קעגן די באַלעבאַטים ניט צום געריכט, נאָר צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וועמעס באשטימונג די אונטערנעמער מוזן ווילנדיק ניט ווילנדיק פאָלגן, אַז ניט דראָט זיי א שטרייק אָדער א באָיקאָט.

זייער אָפט ווענדן זיך אויך די באַלעבאַטים צו דער אָרגאַניזאציע מיט זייערע פרעטענזיעס. איצט דערפילן די פונקציעס פון בונדישער ארגאַניזאַציע אין דער הינזיכט די ביוראָען פון די פאַריינען. זיי גלייכן אויס די קאָנפליקטן צווישן די אונטערנעמער און די ארבעטער, צווינגען די אונטערנעמער צונעמען די אַרבעטער, וועלכע זי רעקאָמענדירט זיי, טיילן פאַנאַנדער די אַרבעט, לאָזן ניט אָפּזאָגן קיין ארבעטער און פריקאַזטשיקעס אָן דער איינשטימונג פון זייערע כאַוויירים אין ווארשטאַט, פאַבריק אָדער מאַגאַזין. צווינגען צו צאָלן פאַר דער צייט פון קראַנקייט; די ביוראָען באשטימען אויך די צייט, אין פאַרלויף פון וועלכער דער ארבעטער פאַרלירט ניט זיין אָרט, אין פאַל ווען ער ווערט אַרעסטירט, קראַנק, אָדער ער פאָרט אוועק צוליבן מיליטער-פריזיוו; גיבן אַכטונג, אז די אונטערנעמער זאָלן דערפילן אלע פונקטן פון אָפּמאַך. ביכלאַל

פאַרווירקלעכן די ביוראָען די ארבעטס-קאָנסטיטוציע, וועלכע די ארבעטער האָבן בא אונז אויסגעקעמפט אונטער דער אָנפירונג פון בונד. אין די אַלע געביטן העלפט די ביוראָ אלע אַרבעטער פון איר פאַך סאַי מיטגלידער, סאַי ניט קיין מיטגלידער פון פאַריין. די פאַריינען פירן אָן מיט די שטרייקן פון אַלע ארבעטער פונם פאַך, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי זיי זיינען מיטגלידער פון פאריין צי ניט. מעדיציניש הילף גיבן אונזערע פאריינען ניט, מאכמעס מאנגל אין געלט-מיטלען. הילף ארבעטסלאָזע ווערט געגעבן פון א באַזונדער אָפּצאָל און טיילווייז פון די האכנאָסעס פון די קאָנצערטן און רעפעראַטן. מע טיילט זיך אויך מיט דער ארבעט: מע גיט זיי אָפּ צוויי טעג אין וואָך אָדער, ווי בא די קאַמאַשן-שטעפּער, ארבעט מען מער ניט א האַלבן טאָג, און די אי-בעריקע צייט ארבעטן די אַרבעטסלאָזע; די אונטערנעמער זיינען מיט דעם זייער ניט צופרידן, זיי קאָנען אָבער קיין זאך ניט טאָן.

די פאריינען האָבן פאר דער לעצטער צייט ארויסגעלאָזן צוויי אויפרופן: איינעם צו די דינסטן (אן אַגיטאַציע פארן אַריינטרעטן אין פאריין) און איינעם צו די פריקאַזטשיקעס און דער געזעלשאפט (וועגן באַקאָטירן דעם עלטסטן פריקאַזטשיק און דעם זון פון סויכער זאַלקינד).

די פאריינען האָבן מיטגעהאָלפן דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון בונד דורכפירן דעם פּאָליטישן שטרייק פון דעם 9-טן יאַנוואר.

דער פאריין פון די דרוקער האָט געשטרייקט פאר דער פרעסע-פרייהייט און ביז דער סאַמע לעצטער צייט האָבן די דרוקער-ארבעטער, צאָלנדיק דערפאר מיט הונגער, אַקשאָנעסדיק זיך אָפּגעזאָגט פון צו דרוקן ביכער, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען די צענזור.

קימאט אלע פאריינען האָבן זייערע ביבליאָטעקן, וועלכע באשטייען קימאַט אויסשליסלעך (אכוץ בא די פריקאַזטשיקעס און דרוקער-ארבעטער) פון אידישע ביכער. איצט האָבן אלע ביבליאָטעקן זיך פאַראייניקט. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן א קאָמיסיע פון פאָרשטייער פון אלע ביוראָען צו גרינדן אן אלגעמיינע ביבליאָטעק פון אלע פראָפעסיאָנעלע פאריינען פון שטאָט. אין די פאַריינען פון די זאָקנמאַכערינס, קאָנווערטניצעס, שוסטער, בוי-ארבעטער און אנדערע פירן זיך אָוונט-לימודים פון לעזן און שרייבן אידיש און רוסיש. דידאָזיקע לימודים ווערן צוליב די פּאָליטישע באדינגונגען געפירט אומלעגאַל.

ביז סאָף דעקאַבר האָבן די פאַריינען אָרגאַניזירט פאר זייערע מיטגלידער לעקציעס, רעפעראַטן, דיסקוסיעס; איצט איז עס, צוליב די פּאָליציייאישע באַ-דינגונגען, קימאַט אומעגלעך. די דיסקוסיעס קומען פאָר, און דאָס זעלטן, בלויז אין די צוויי איבערגעבליבענע קלובן און בא די זאָקנמאַכערינס אַף פּריוואַטע וואוינונגען. צוליב דיזעלבע אומשטענדן קאָן מען אָפּט ניט צוזאַמענרופן קיין אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די פאַריין-מיטגלידער. עס קומט אויס צו באַנוצן זיך מיט די גאַסיקע פאַך-„בירזשעס“, נאָר אויך דאָס איז שוין איצט ניט באַ-קוועם: די פּאָליציי צעטרייבט זיי, און די מאַסן-אַרבעטער באַזוכן זיי ניט גערן. פאַרזאַמלונגען קומען פונדעסטוועגן פאָר בא אונז. קיין דערלויבענישן בעטן מיר ניט, די פּאָליציי ווייס ניט פון אונזערע פאַרזאַמלונגען.

די פּאַליצײַ אַרבעט די לעצטע צײַט אַף אַלע קײלים. אַרבעטן אָפּן, װי מיר האָבן עס געטאָן ביז סאָף דעקאַבר, איז איצט קימאַט אומעגלעך; די פּאָ-ליצײַ האָט פאַרמאַכט קימאַט אַלע ביוראָען, די קלובן פון די סטאָליאַרעס און פּריקאַזטשיקעס, אַרעסטירט אַסאַך מיטגלידער פון פאַרשײדענע ביוראָען, אין דעם די גאַנצע ביוראָ פונם דינסטן-פאַרײן, טרײַבט פאַנאַנדער פאַרזאַמלונגען, קאָנפיסקירט די געשעפטס-ביכער און דאָס געלט (אין פאַרײן פון די דינסטן). די אַרעסטירטע ביוראָ-מיטגלידער װערן אומעטום פאַרביטן מיט פון דאָס נײַ אויסגעקליבענע. דער פאַרײן פון די דינסטן, ניט האָבנדיק צװישן זיך קײן מענטשן, װאָס זאָלן קענען אָנפירן מיט דער פאַרײן-אַרבעט, האָבן זיך געװענדעט צו דער אָרגאַניזאַציע פון בונד מיט אַ באַקאַשע רעקאָמענדירן אים קאַנדידאַטן, פון װעלכע ער זאָל קענען צוזאַמענשטעלן אַ ביוראָ. די באַקאַשע איז דערפילט געװאָרן. מורדע האָבנדיק פאַר דער פּאָליצײַ, װילן די הײַזער-באַלעבאַטים ניט פאַרדינגען קײן דירעס פאַר ביוראָען אָדער קלובן.

צוליב דעם זײַנען, אַגעװ, פאַרמאַכט געװאָרן די קלובן פון די קאַצאַװים און קאָנװערטניצעס.

צװישן די ביוראָ און דער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז דערװײַל קײן קאָנפליקטן ניט פאָרגעקומען. די מיטגלידער פון ביוראָ באַציען זיך גוט צו זײער „װעטאָ", װי זײ רופן גוטמוטיק די פאָרשטײער פון דער אָרגאַני-זאַציע. דערדאָזיקער פאָרשטײער האָט אַסאַך אַרבעט: ער פילט אויס פאַקטיש אַלע פונקציעס פון אַ סעקרעטאַר אין ענגלישן פראָפעסיאָנעלן פאַרײן. די פאַרײנען פאָדערן עס פון אים, און אויב זײ זײַנען אַמאָל ניט צופרידן מיט זײער פאָרשטײער, קומט עס בלויז פאַר צוליב זײַן, נאָך זײער מײנונג, ניט גענוג ענערגישער טעטיקײט, און ניט צוליב פּרינציפּיעלע קאָנפליקטן צװישן דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און דער ביוראָ פון פאַרײן.

מיט דער בוכפירונג פון די פאַרײנען פאַרנעמען זיך אָן געצאָלט אינטע-ליגענטן (ניט מער װי אײנער אין יעדער ביוראָ), לויט דער רעקאָמענדאַציע פון „בונד", דערבײַ האָבן דידאָזיקע אינטעליגענטן רעכט צו זײַן אַף די זיצונ-גען פון ביוראָ מיט באַראַטונגס-רעכט.

קײן צענטראַל-ביוראָ איז אין װילנע דערװײַל ניטאָ, די טעטיקײט פון די פאַרײנען פאַרײניקט די בונדישע אָרגאַניזאַציע. ביז איצט איז קײן באַדערפעניש אין אַ צענטראַל-ביוראָ ניט געװען. אויב מע װעט דאָס דאַרפן, װעט דאָס זיכער גלײַך אָרגאַניזירט װערן, די פּאַרטײיִשקײט פון די פאַרײנען װעט אין דעם ניט שטערן.

די גאַרבער און זאָקנמאַכער פרואװן אָרגאַניזירן פּאַרטײיִשע פאַרײנען; בײַ די גאַרבער, װי באַװאוסט, האָט עקזיסטירט אַ פּאָליטיש פּראָפעסיאָנעלער געגנס-פאַרײן לויטן מוסטער פונם בערשטער-בונד[30]. דערדאָזיקער פאַרײן איז זיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק צעפאַלן. איצט װילן אים די גאַרבער אויפ-שטעלן, אָבער בלויז נאָר אַלס אַ פּ-אָפעסיאָנעלן. װי עס איז שוין דערמאָנט געװאָרן, האָבן די פאַרײנען פון האַלב דעקאַבר זיך אָפּגעשטעלט אין זײער אַנטװיקלונג, װאָס ערקלערט זיך מיטן קריזיס און אַרבעטסלאָזיקײט. צוליב

דעם זיינען ניטאָ קיין שטרייקן און פאַר די אַרבעטער איז אומעגלעך פינק־טלעך אַריינצוטראָגן זייערע מיטגלידס-אָפּצאָלונגען.

מער פון אלץ פונדעסטוועגן האָבן געווירקט די פּאָליציייאישע רעפּרעסיעס, וועלכע מאַכן שווער צו דורכפירן פאַרזאַמלונגען און לאָזן ניט ברייט אנטוויק־לען זייער קולטורעלע טעטיקייט. די אונטערנעמער האָבן פאַרלויפיק קעגן די פאַריינען בא אונז ניט געקעמפט, אַחוץ די פריקאַזטשיקעס, וואו עס זיינען פאָרגעקומען אייניקע פאלן פון אזא קאמף, נאָר קיין שום ווירקונג אַף דער עקזיסטענץ פון די פאַריינען האָבן זיי ניט געהאַט. ווי אומעטום, זוכן די באַ־לעבאַטים אויך בא אונז צו באנוצן זיך מיט דעם קריזיס און מיט פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען, קעדיי ערגער צו מאַכן די אַרבעטס-באַדינגונגען; נאָר די פאַ־ריינען קעמפן מיט ערפאָלג קעגן דידאָזיקע פרואוון, און די אונטערנעמער האָט זיך דאָס לעצטע איינגעגעבן נאָר אין יענע פאַכן, וואו עס זיינען קיין פאַריינען נאָך ניטאָ, לעמאָשל, באַ די האָלץ-זעגער. די פראָפעסיאָנעלע פאַ־ריינען פון די ארבעטער צווינגען אויך די אונטערנעמער אָרגאניזירן זיך. סאָף יאנוואר איז בא אונז אַנטשטאַנען אַ פאריין פון סאָכרים און פאַבריקאַנטן (אַגעוו, צו דער האנדלס=אינדוסטריעלער פאַרטיי האָט ער קיין שום שאיכעס ניט); נאָך פריער איז דאָ אנטשטאנען א פאריין פון לעדער-פאבריקאַנטן, דער לעצטער וועגדעט אָן „שווארצע רעשימעס" [31], און דעם פאריין פון די גאר־בער וועט אויסקומען פארביסן צו קעמפן קעגן דעם.

ה. דער קאַמף אַרום די פראָפאַריינען אין וויטעבסק.

(קאָרעספאנדענץ „נאטשאלא", נומ. 8 פון 23 אָקטיאבר 1905)

די ברענענדיקסטע פראגע אין לעבן פון אונזער אָרגאַניזאַציע איז איצט די פראגע וועגן די פראָפעסיאָנעלע פאריינען. די סאמע אָפגעשטאַנענע שיכטן פון דער ארבעטער-באפעלקערונג האָבן דערפילט די נויטיקייט צו אָרגאַניזירן זיך אין פאריינען, וואָס זאָלן פארטיידיקן זייערע פראָפעסיאָנעלע און רעכט־לעכע אינטערעסן. זיי ווענדן זיך צו דער סאָציאל=דעמאָקראטיע און צו די אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע זיי ווארטן אָנווייזונגען און אָנפירונג. אַזוי ווי אָבער בא אונז ווירקן גאַנצע פיר אָרגאַניזאַציעס (ר. ס. ד. א. פּ., בונד, סאָצ.-רעוו. און „פּויאַליי-ציען"), קומען צווישן זיי, נאַטירלעך, פאָר פארשיידענע רייבונגען, וועלכע טאָרמאָזירן באַדייטנד דידאָזיקע אַרבעט.

די הויפט-פאראַנטוואָרטלעכקייט פאר דעם פאַלט, לויט אונזער מיינונג, אַפן בונד, וועלכער באַמיט זיך דורכויס, אַז אלע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען זאָלן זיין פאַרטייאישע, בונדישע. דעמדאָזיקן פרינציפ פירט דער „בונד" דורך מיט אַ זעלטענער איינגעשפאַרטקייט, וואָס עס אנטפלעקט זיין פולשטענדיקן ניט פאַרשטיין די אויפגאַבן פון איצטיקן מאָמענט, רופט ארויס אַ דיי צוזאמענ־שטויסן, טאָרמאַזירט די מאָביליזירונג פון די פראָלעטאַרישע קרעפטן און טראָגט אריין א צעשפאלטונג אין זייערע ריין.

דידאָזיקע פּאָליטיק פון „בונד" באַגעגנט, פאַרשטייט זיך, אַ ווידערשטאַנד ווי מיצאַד פון אונזער אָרגאַניזאַציע, אַזוי אויך מיצאַד די ס״ד.-רעוו. און „פּויאַלי-ציען". דעם ערשטן שלאַכט האָט דער „בונד" געגעבן אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון 700 פּריקאַזטשיקעס, פון וועלכע אין בונדישן פאַריין האָבן זיך פאַרשריבן בלויז 300. די איבעריקע, וועלכע געהערן צו אַנדערע פּאַרטייען, אָדער וואָס ווילן זיך בכלל ניט שטעלן אונטער אַ באַשטימטער פּאַרטייאישער פאָן, האָבן זיך פון דעם אָפּגעזאָגט, און זיי זיינען איצט געצוואונגען צו אָרגאַניזירן אַ באַזונדערן אומפּאַרטייאישן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

אַ מער טרויעריקן בילד שטעלן מיט זיך פאָר יענע פאַכן, אין וועלכע עס זיינען באַשעפטיקט אַ קלענערע צאָל אַרבעטער, אָפטמאָל עטלעכע צענדליק. די מאַסע זעלבסט פאַרשטייט עס בליסאָפּעק זייער גוט און עס איז קיין שום צווייפל ניט, אַז די פּאָליטיק פון „בונד" וועט סאָפּקאָלסאָף פּלאַצן, ווייל זיינע פאַריינען וועלן פאַקטיש זיין בלויז נייע פּאַרטיי-קעמערלעך, נאָר ניט קיין ברייטע מאַסן-אָרגאַניזאַציעס.

אויב פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אַנטשפּרעכן ניט די אויפגאַבן פון מאָמענט אין די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטרען, זיינען זיי פּאָשעט לעכערלעך און אויסערסט שעדלעך אין די קלענערע שטעט, וואו אויסער אַלץ ווירקן נאָך עטלעכע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס.

ו. די אָדעסער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

(פון באַריכט אויף דער 2-טער אַלרוסלענדער קאָנפערענץ פון די פּראָפ. פאַריינען. „דער 1905—1907 אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג". מאָסקווע, 1925).

...די כאַראַקטעריסטישע באַזונדערהייט, מיט וועלכער ס׳צייכנט זיך אויס די אָרגאַניזאַציע פון די אָדעסער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, זיינען די דעלעגאַטן-פאַרזאַמלונגען (צו איין מענטשן פון יעדערע 25 פאַריין-מיטגלידער אָדער פון יעדער באַזונדער וואַרשטאַט); לויט ווי אייניקע זאָגן זיך אַרויס, ווירקט דערדאָזיקער דעלעגאַטן-אינסטיטוט זייער גוט אויף דעם לעבן פון די פאַריינען.

די מאָנאַטלעכע אָפּצאָלונגען זיינען מערסטנטיילס — איין פּראָצענט פונם מאָנאַטלעכן געהאַלט, די איינטריטס-אָפּצאָלונגען — 50 קאָפּ. אָדער אַ רובל.

די הויפּט-אויפטועריך פון די פאַריינען איז געווען די ר. ס. ד. אַ. פּ., נאָר אין דערזעלביקער ריכטונג האָבן געאַרבעט אויך אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין ביוראָ פון די פאַריינען געפינען זיך אָפּט צוזאַמען סאָציאַל-דעמאָקראַטן, בונדיסטן און סאָציאַליסטן-ציאָניסטן. אייניקע פאַריינען זיינען געגרינדעט געוואָרן, ווי ס׳ווייזט אויס, איבערהויפּט לויט דער איניציאַטיוו פון די סאָציאַליסטן-ציאָניסטן, אין ביוראָ פון איינעם פון די פאַריינען זיינען פאַראַן צוויי קאַדעטן.

...קיין צענטראַלע ביוראָ איז ניטאָ, נאָר אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די פאָרשטייער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען איז אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע אויף צו שאַפן דידאָזיקע איינריכטונג.

מיר גיבן דאָ איבער יעדיעס וועגן איינצלנע פאריינען.

דער דרוקער-פאריין. — אינגאנצן זיינען פאראן דרוקער-אַרבעטער אין אַדעס מער פון 2,000. מיטגלידער פון פאריין זיינען ארום 1.000 מענטשן. די מאָנאַטלעכע אָפּצאָלונג איז 1% , איינטריטס-אָפּצאָלונג — 50 קאָפּ. דער פאריין ווערט געפירט דורך דער פארוואלטונג און די דעלעגאַטן. אין דער קאַסע פונם פאַריין איז פאראן א ספעציעלער פאָנד, וואָס איז צונויפגעקליבן געוואָרן אַף צו העלפן די ארבעטסלאָזע. דער פאריין קלייבט פאנאנדער אַלערליי מיספארשטענדענישן, וואָס קומען ארויס צווישן די אונטערנעמער און די ארבעטער. די אונטערנעמער רעכענען זיך מיט אים.

דער פאריין פון די מענער-שניידער. — מיטגלידער זיינען פאראַן ארום 70 מענטשן. אין דער קאַסע איז פאראן ארום 75 רובל. די אָפּצאָלונגען ווערן אריינגעטראָגן רעגלמעסיק, ס׳קומען צו נייע מיטגלידער. דער פאריין האָט א דייע בא די באלעבאטים.

דער פאָטאָגראַפן-פאריין.—אינגאנצן זיינען פאַראן אַרבעטער פון דער ספעציאַליטעט 100 מענטשן. מיטגלידער פון פאריין — 70 מענטשן. אין קאַסע איז פאראַן 20 רובל. איינטריטס-אָפּצאָלונג איז 1 רובל. טערמינען-אָפּצאָלונג — 2%.

דער יוּאוועלירן-פאריין. — ס׳האָבן זיך פארשריבן מיטגלידער ארום 350 מענטשן. אדאנק דער ארבעטסלאָזיקייט, איז דער פאריין קימאט ווי צעפאלן געוואָרן.

דער פאריין פון קאָנדיטערי-אַרבעטער. — אינגאנצן זיינען פאראן ארבעטער אין דעמדאָזיקן פראָדוציר-צווייג מער פון 700 מאן. מיטגלידער אין פאריין האָבן זיך פארשריבן 40 מאן. דעם פאריין איז אויסגעקומען ארויסווייזן זיין טעטיקייט אין דער אָנפירונג מיט דריי שטרייקן, וועלכע האָבן זיך אלע געענדיקט מיט ערפאָלג. אכוץ דעם, איז דעם פאריין אויסגעקומען צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט די באלעבאַטים צוליב פאַרשיידענע סיבעס (וועגן באליידיקן די אַרבעטער, אָפּזאָגן פון דער ארבעט א. ד. גל.).

איינצקע פאריינען, ניט קוקנדיק אַף די פארפאָלגונגען פון דער מאכט, האָבן אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן צו פארשטארקן זייערע רייען און פארשריבן ווייטער מיטגלידער. די מיטגלידער טראָגן אַריין ווייטער זייערע אָפּצאָלונגען. אזוי קומט פאָר בא די מאַשינבוי-אַרבעטער, דרוקער, מענער-שניידער און אנד. ס׳באמערקט זיך אַן אַלגעמיינע אויפוואכונג.

XXI. דער דעקאַבער-אויפשטאַנד

147-148. דער רוף צום דעקאַבער-אויפשטאַנד.

א. פּראָקלאַמאַציע פון צ. ק. פון בונד.

כאַווײרים!

די שאָ איז געקומען! דער מאָמענט איז אָנגעשטאַנען. דער אַלגעמיינער אַלרוסלענדישער שטרייק איז ערקלערט געוואָרן. די אומרואיקע קלעפּ פון די רוף-גלאָקן טראָגן זיך הילכיק פּאַנאַנדער איבערן גאנצן לאנד—פון פינלאַנד ביז קאווקאז און פון פוילן ביז וולאַדיוואָסטאָק. דער קאָס פון געדולד איז שוין איבערגעפילט. אַ נייער שטורמישער קוואַל הויבט זיך אויף פון דער טיפער פייערדיקער רעוואָלוציאָנערער סטיכיע.

די פאלש ליבעראלע מאַסקע, מיט וועלכער עס האָט זיך מאַסקירט וויטעס רעגירונג, האָט זי איצט פון זיך ענטגילטיק אַראָפּגענומען. צוגעשפּאַרט צום וואנט, ערעוו באנקראָט, רעכנט זי זיך ראטעווען דורך א מיליטערישער דיקטאטור, דורך „גאָר אויסערגעוויינלעכע מיטלען", ווי עס לויטעט איר אָפיציעלע מיטיילונג. עס איז גענוג כאָטש אף איין רעגע ארויסווייזן „שטארקע מאכט", מיינט זי, און עס וועט זיך גלייך אויפהויבן איר רעפּוטאציע און איר וועט זיך איינגעבן שליסן א נייע ליכווישע האלוואָע. און דאס וועט אף דאָס ניי פארשטארקן איר פּאָזיציע אף א פּאָר כאדאָשים. מיר טאָרן בעשום אויפן ניט דערלאָזן, אז די רעגירונג זאָל קומען צו זיך. מע מוז זי דערשלאָגן ביז צום טויט.

כאווײרים! אָט איז שוין זיבן וואָכן נאָך דער אָקטיאבער-ארויסטרעטונג, ווי די רעגירונג ווארפט דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט און דעם פויערטום איין ארויסרוף נאָכן צווייטן. דערטרונקען אין טייכן בלוט, זיינען די רוסלענדישע „פרייהייטן" פארן פּראָלעטאריאט געבליבן נאָר א כאָלעם.

בלויז די איין פּרעסע-פרייהייט, וועלכע דער פּראָלעטאריאט האָט מיט קויעך דורכגעפירט און פארטיידיקט, האָט זיך געהאלטן א קורצע צייט. איצט אָבער האָט די רעגירונג פארעפנטלעכט א צייטווייליקן געזעץ וועגן דער פרעסע, וועלכער מאכט צו ניט די פּרעסע-פרייהייטן פאר דעם רעוואָלוציאָנערן פאָלק. און באלד טאקע האָט זי פארמאכט פאר פארעפנטלעכן דעם לעצטן מאניפעסט

פון די ארבעטער[32] צענדליקער די בעסטע צייטונגען. די פרייהייט פון פא-ריינען? נאָר די פּאָסט-און טעלעגראף=אַנגעשטעלטע שטרייקן שוין א דריי וואָכן, פארטיידיקנדיק מיט זייער ברוסט די פרייהייט פון פאריינען. פרייהייט פון פארזאמלונגען? נאָר אין פיל ערטער זיינען די ארבעטער=מיטינגען צעטריבן געוואָרן מיט דער הילף פון שטיקעס, און דער נייער קאטאָרגע-געזעץ וועגן שטרייקן[33] דארף דאָס אונז פארבייטן די פרייהייט צו שטרייקן. מיר מוזן אויסקעמפן אן עמעסע אומבאגרעניצטע פרייהייט.

כאווירים! אָן א צאָל אויסנאמס-געזעצן דריקן ווי פריער, ווי א שווערע מאסע, אף די אידן, פארגרעסערנדיק אין צען מאָל זייער נויט און ליידן. 6 מיליאָן מענטשן זיינען אד האיאם בארויבט פון די עלעמענטארסטע פרייהייטן — פון דער פרייהייט פון פארקער, פונם רעכט פריי זיך אויסקלייבן אָן אָרט צום וואוינען. נידער מיט אלע אויסנאמס=געזעצן קעגן די אידן! דערנידערנדיקע און שווערע קייטן פון די שטאנדן-באגרעניצונגען דריקן ווי פריער פיל-מיליאָניקן פויערטום. נידער מיט אלע שטאנד-פּריווילעגיעס!

כאווירים! טויזנטער פרייהייטס-קעמפער שמאכטן נאָך אין די טורמעס און אף קאטאָרגע. פון שליסלבורג ביז אקאטוי[*] זיינען פארמויערט אין שטיינערנע ווענט די פארורטיילטע פאר די פויערים-ארויסטרעטונגען, פאר מאטראָסן-בונטן, פאר מיליטער=אויפשטאנדן און פאר אלערליי אנדערע פּאָליטישע „פאר-ברעכן". הונדערטער פּראָלעטארישע פאָרשטייער און דעפּוטאטן[34] זיינען אָקאָרשט ווידער אריינגעוואָרפן אין די טורמעס. אין מאנדזשוריען לעבן נאָך אלץ אין שרעקלעכע באדינגונגען, ווייט פון דער היים און פאמיליע, הונדערטער טויזנטער סאָלדאטן. מיליטער-צושטאנד און פארשטארקטע אויפזיכט האלטן פעסט אין זייערע צוואנגען א העלפט רוסלאנד. פעלד-און קריגס-געריכטן הערן נים אויף צו שיקן צענדליקער מענטשן אף דער טליע און צום שיסן. מע מוז טייקעף דערשלאָגן זיך די באפרייאונג פון אלע אן אן אויסנאם פּאָליטישע ארעסטירטע. נידער מיט די קריגס און אלע אנדערע אויסנאמס=געזעצן!

א באנדע פּאראזיטן און בלוט-זויגער, וועלכע האָבן זיך באפעסטיקט אין די קייסערלעכע פּאלאצן, שטופּן אָן אן אויפהער רוסלאנד אין אָפּגרונט פון א שרעקלעכן באנקראָט, וואָס דאָס גלייכן האָט די וועלט נאך ניט געזעען. עס ווערט צערואינירט און עס גייט אונטער דאָס פּאָלקס-אייגנטום. די אָפּטע באנ-קראָטן פּאָלגן אייגער נאָכן צווייטן ווי א גרויזאמע סטיכיע. דער גאָלד-פּאָנד פון מלוכע=באנק ווערט ארויסגעפירט קיין אויסלאנד הונדערטער פודנווייז אף צו באצאָלן די לויפנדיקע פּראָצענטן פאר די כויוועס. דאָס טוישן פאפיר-געלט אף גאָלד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, מיט דער קאטאסטראָפע פון דער געלט-סיסטעם וועט דאָס לאנד פארפלייצט ווערן מיט ווערטלאָזע פאפירלעך. הונ-דערטער טויזנטער ארבעטער גייען ארום אָן ארבעט און מיט יעדן טאָג פאר-גרעסערן זיי די רייען פון די ארבעטסלאָזע. דער גרויזאַמער בייטש—הונגער און קעלט—הערשן אין די שטעט און דערפער, און דער טויט נעמט צו טויזנטער

*) קאטארגע—טורמעס אין פעטערבורג און אין מיזרעך-סיביר, ד. ה. אין גאנץ רוסלאַנד.

קאָרבאָנעס. די שווארצמייעדיקע אָקטיאבער-פּאָגראָמען קעגן די אידן האָבן אי-בערגעלאָזן צענדליקער טויזנטער מענטשן אָן מיטלען צום לעבן. און די שולדי-קע אין דידאָזיקע פּאָגראָמען, ווי אויך אין אנדערע רעציכעס, די קורלאַווס, ביידהארטס, סטאָליפּינס—לעבן זיך וואויל און זיצן אף זייערע פריערדיקע פּאָסטנס. עס איז אָנגעקומען דער מאָמענט, אז דער פאָלקס=צאָרן זאָל זיך ארויסווייזן...

צום געריכט די ווילדע הענקער, צום גערעכטיקן געריכט פון פאָלק!

כאוויירים! די רעגירונג איז פרעך, די רעגירונג איז מעשוגע. נאָר די טעג אירע זיינען שוין געציילט. איר אונטערגאנג איז אומפארמיידלעך. און פילנ-דיק איר אונטערגאנג, סטארעט זי זיך מיט אלע קרעפטן פארן אוועקגיין אָנ-טאָן וואָס מער צאָרעס. מע מוז זיך איילן, מע טאָר איר ניט דערלאָזן אפילע נאָך אף איין כוידעש פארציען איר גסיסע, וועלכע פארסאמט אלץ ארום און ארום. מע מוז זי טייקעף צעשמעטערן, פארניכטן, דערשטיקן. נידער מיט דער נידערטרעכטיקער צארישער קנופיע! עס איז נויטיק וואָס אמגיכסטן צונויפרופן די אלרוסלענדער גרינדונגס-פארזאמלונג!

כאוויירים! דער רוף=גלאָק טראָגט הילכיק פאנאנדער זיינע קלעפּ, און או-מעטום הויבן זיך די פראָלעטאריער אויף אף א נייעם אנטשיידענעם קאמף קעגן דער רעגירונג.

וואַרפט גלייך די ארבעט, אלע ביז איינעם!
נעמט געווער און גייט ארויס אף די גאסן!

כאוויירים! דאָסמאָל וועלן מיר זיין ניט אליין. דאָס מיליטער איז ניט קעגן פאָלק.

פאר דער צייט, וואָס איז דורכגעגאנגען פון אָקטיאבער-שטרייק, זיינען פאָר-געקומען גרויסע ענדערונגען אין דער שטימונג און באוואוסטזיין פון מיליטער. גאנצע באטאליאָנען און פאָלקן זיינען סאָלידאריש מיט אונז. שוין פיל מאָל זיינען זיי אויפגעשטאנען פאר איינס מיט די ארבעטער קעגן די צארישע די-נער. פארייניקט זיך זשע מיטן מיליטער!

כאוויירים! נעמט זיך פעסט צוזאמען מיט אים אין איין אומבאזיגבארע ארמיי. באגעגנט די סאָלדאטן מיט באגריסונגען, ווייל אין יעדער ראָטע, אין יעדער באטאליאָן, אפילע אין יעדער קאזאקן-הונדערט שלאָגן זיך איצט הער-צער, וואָס פילן מיט דעם פאָלק.

אף די גאסן, כאוויירים! דרייסט לאָמיר זיך ווארפן אין שלאכט! זאָל דאָס ווירקלעך זיין אונזער לעצטער און אנטשיידענער קאמף!

עס לעבע די גרינדונגס-פארזאמלונג!
עס לעבע די דעמאָקראטישע רעפּובליק!
עס לעבע דער סאָציאליזם!

צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד".

8-טן דעקאבער 1905.

ב. אויפרוף פונם ווארשעווער קאָמיטעט פון ס. ס.

(„פאָרווערטס“, נומ. 3, 25 דעקאבר 1905).

כאוויירים און בירגער!

דער אויפשטאנד האָט זיך אָנגעהויבן! דער מאָסקווער און פעטערבורגער פראָלעטאריאט איז מיט וואפן אין דער האנט אויפגעשטאנען צום לעצטן שטורם אף די פארפוילטע צאַרישע פעסטונגען!

אלע, וועמען עס איז די פרייהייט טייער, שטייט אויף! שטייט אויף, אונטערדריקטע און ליידנדע! די גרויסע שאָ פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע איז געקומען!!!

שטייט אויף בירגער!!

די רעוואָלוציע וועט איר וואפן ניט לייגן, ביז וואנען עס וועט ניט געזיכערט ווערן דער צונויפרופן פון א קאָנסטיטואירנדער פארזאמלונג דורך אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע וואלן מיט א געהיימער אָפשטימונג, ביז וואנען עס וועלן ניט פאלן אַלע רעשטן פון דער אבסאָלוטיסטישער רוסלאנד, ביז וואנען עס וועלן ניט אָפגעשאַפן ווערן:

1) אלע אויסנאמס-געזעצן: קריגס-צושטאנד, פארשטארקטער אויפזיכט, קריגס-געריכטן און טויט-אורטייל.

2) ביז עס וועלן ניט ווערן אָפגעשאפט אַלע אויסנאַמס-געזעצן פאר די אונטערדריקטע פעלקער, „טשערטא“ פאר אידן א. אז. וו.

3) ביז עס וועלן ניט ווערן באפרייט אלע פאָליטישע געפאנגענע.

4) ביז עס וועלן ניט גאראנטירט ווערן די אומבארירלעכקייט פון פערזאָן און וואוינונג, די פולע פרייהייט פון וואָרט, פרעסע, פארבאנדן, שטרייקן א. אז. וו.

5) ביז עס וועט ניט געזעצלעך גאראנטירט ווערן דער 8-שאָעדיקער אַרבעטס-טאָג.

כאוויירים און בירגער! ווארט אף דעם רוף פון די סאָציאל-דעמאָקראטישע פארטייען און זייט גרייט זיך צו שטעלן, ווי איין מענטש, אין די רייען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

153-149 די דעקאַבער־אַרויסטרעטונג.

א. לאָדז

(קאָרעספּאָנדענץ, „דער וועקער" נומ. 10 פון 5 יאַנוואַר 1906)

...מאָנטיק דעם 12-טן האָט אונזער קאָמיטעט ארויסגעלאָזן אן אויפרוף „זייט גרייט" און דינסטיק פרי א בלעטל „צום קאמף", אין וועלכן מיר האָבן גערופן ווארפן די ארבעט 12 אזייגער באטאָג. די שטרייק-קאָמיסיע האָט אָטריאדן פאנאנדערצוטראָגן די בלעטלעך, אַראפּצונעמען פון דער ארבעט, פארמאכן די געשעפטן און אָפּצושטעלן די דראָזשקארעס און דעם טראמוויי.

אַ טומל, אַ מעהומע, אַ לויפעריי איז געוואָרן דינסטיק פרי אין גאַנץ שטאָט. פון אַלע גאַסן האָבן זיך גענומען שיטן מענטשן. אַלע זיינען געלאָפן פאַרזאָרגט, ווער מיט מוירע, ווער מיט אויפרעגונג און קאַאָס. די געשעפטן זיינען געוואָרן פול מיט מענטשן. פילע האָבן געקויפט, געטראָגן פעקלעך, אַלע האָבן געאיילט זיך צו באַזאָרגן מיט וואָס מעגלעך אַף דער צייט פון שטרייק. און מיטאָמאָל ווי דורך אַ קישעף איז אָפּגעשטאָרבן דער האַנדל, די פּראָדוקציע און דאָס גאַנצע וואָכעדיקע לעבן. אין אַלע גאַסן און געסלעך האָבן זיך פאַרקלאַפּט אַלע גרויסע און קליינע געשעפטן, עס איז ניט געבליבן אָפן קיין טיר, קיין לאָדן: אַלע פאַבריקן, וואַרשטאַטן, אַלע באַנקן און קאַנטאָרן זיינען געבליבן פוסט, אַלע דראָזשקעס אָפּגעשטעלט (דער טראַמוויי איז צוליב יאָנטעוו ניט געגאַנגען), אלץ איז געבליבן שטום און פאַראַליזירט. די שטאָט איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ גרויזאַמע שטילקייט. די טויטע שטילקייט האָבן באַלעבט נאָר די אָרבעטער-אָטריאַדן, וועלכע זיינען אַרומגעגאַנגען איבער גאַנץ שטאָט. קליינע צוזאַמענשטויסן זיינען פאָרגעקומען אין איינציקע געשעפטן, קליינע סיכסוכים מיט ס. ס., וועלכע האָבן געמעלדעט דעם שטרייק אַף מיטוואָך און האָבן ניט געוואָלט אָפּוואַרטן ביז מאָרגן. די באַציאונג צום שטרייק פון די קרעמער, סאָכרים, אונטערנעמער איז געווען מערסטנטייל א פיינטלעכע, פון דער געזעלשאַפט—אַ פאַסיווע, מער פאַר אַלץ האָט געהערשט די מוירע, דער פּאַכאַד פאַר די שטורם-טעג, און פילע זיינען זיך צעפאָרן, צעלאָפן, וואו די אויגן טראָגן.

די שטרייק-קאָמיסיע האָט באַשטימט צו לאָזן אָפן די בעקערייען, די שפּייזגעשעפטן, אַפּטייקן, די גאַז-באַלייכטונג און די מילך-קראָמען. מיטוואָך האָט דער קאָמיטעט אַרויסגעלאָזן וועגן דעם אַ מעלדונג, אויך אַן אַזהאָרע, אַז לעבנס-מיטל-פּראָדוקטן טאָרן ניט פאַרטייערט ווערן, אַז די אָרגאַניזאַציע וועט קאָנפיסקירן די סכוירע, ווען ווער ניט איז וועט העכערן דעם מעקעך. די זעלבע מעלדונג האָט אויך אַרויסגעגעבן פּ. פּ. ס. די איבעריקע טעג פון שטרייק איז אַלץ געווען פאַרמאַכט און פאַרקלאַפּט אויסער די אויסגערעכנטע ערלויבטע געשעפטן.

2 מאָל אַ טאָג איז געווען באַ אונז באַשטימט אַ בירזשע און די שפּאַצירנדע שטרייקנדע אַרבעטער האָבן באַלעבט די גאסן. אַלע טעג האָבן מיר פאַרשפּרייט אַף דער בירזשע און צווישן די מאַסן נייע בלעטלעך. אַלע טעג

פלעגן די איבעריקע פּאַרטייען פאַרשפּרייטן טויזנטער אויפרופן און מעלדונגען; בלעטלעך האָבן פאַרפלייצט די שטאָט. אַלעמען פלעגן מיר איבערגעבן אַף דער בירזשע די באַשטימונגען פון דער שטרייק-קאָמיסיע און אַזוי נייעס. אַלע טאָג 3 אַזייגער נאָך מיטאָג פלעגן די אידישע אַרבעטער שפּאַצירן אַף פּעטראָקאָ-ווער גאַס און זיך רואיק פאַנאַנדערגיין מיט נייע האָפענונגען אַף דעם צווייטן טאָג.

פּאַטרולן פון דראַגונער זיינען געווען פאַנאַנדערגעשטעלט אין אַלע ווינקעלעך, קאָזאַקן האָבן אַרומגעריטן אין אַלע גאַסן. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און גוואורע האָבן זיי אַרויסגעוויזן צו די בלעטלעך: אַף אַלע גאַסן פון אַלע ווענט און טויערן פלעגן זיי מיט רעציכע אַראָפּרייסן די בלעטלעך, אָבער באַלד אַף דעמזעלבן אָרט פלעגן אויסוואַקסן נייע. די אָטריאַדן, סיי אונזערע, סיי פון די פּוילישע פּאַרטייען האָבן זייער ענערגיש און לעבעדיק ערפילט זייער אויפגאַבע. עס זיינען פאָרגעקומען עטלעכע צוזאַמענשטויסונגען מיט די דראָזשקעס און מיט די פּאַטרולן. אַף ווסכאָדנע גאַס האָבן אייניקע אַרבעטער אָפּגעשטעלט אַ דראָזשקע, אַ סאָלדאַט האָט גלייך אויסגעשאָסן אָן אַ שום אזהארע און פיר אַרבעטער זיינען געפאַלן פאַרוואונדעט. דער פאַקט האָט ניט אָפּגעשראָקן, די אַרבעטער האָבן ווייטער געטאָן זייער זאַך און די דראָזשקעס האָט מען געזעען אין זייער אַ קליינעם צאָל.

מיטוואָך זיינען באַ אונז פאָרגעקומען 2 פאַרזאַמלונגען פון 200 און 300 מענטשן. דער רעדנער האָט אין שיינע לעבעדיקע בילדער געמאָלט די רע-וואָלוציע, ער האָט גערופן אַף דער בירזשע, אַפן גאַס. גאַסן-פאַרזאַמלונגען, מאַניפעסטאַציעס האָבן אָבער ניט געקענט פאָרקומען, אַפן גאַס האָט געהערשט דער קריגס-צושטאַנד אין זיין גאַנצער קראַפט. אַ גרויסער פּאַטרול פון מיליטער איז דורכגעגאַנגען אייניקע מאָל אַף די הויפּט-גאַסן, דאָס מיליטער איז געווען אויסגעריכט ווי צום קריג. נעבן ראטהויז זיינען געווען אַרויסגעשטעלט פּאַטרולן. מיטוואָך באַנאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן הויז-זוכונגען און אַרעסטן. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן ביז 300 מענטשן. עס זיינען אַריינ-געפאַלן גאַנצע פאַמיליען, צווישן זיי אלטע און יונגע קינדער. דאָס אַלץ האָט אָפּגעשראָקן די באַפעלקערונג. די ברייטע מאַסן זיינען אַפן גאַס ניט געקומען, פּוילישע אַרבעטער האָט מען גאָר ווייניק געזעען.

...דער שטרייק איז אין אלגעמיין געווען אַן אויסגעהאַלטענער. די אידישע מאַסע האָט די גאַנצע 5 טעג ניט געאַרבעט. אונזערע אָטריאדן האָבן יעדן טאָג קאָנטראָלירט די פאַבריקן און וואַרשטאַטן. די דראָזשקאַרעס האָבן אָנגע-הויבן אַרויסצופאָרן פרייטיק לויט דעם באַשלוס פון דער שטרייק-קאָמיסיע. דאָנערשטיק נאָך ווייַנאַכטן זיינען אַ געוויסע צאָל פּוילישע אַרבעטער אוועק צו דער אַרבעט, מ'האָט זיי אַראָפּגענומען מיט גוואַלט. אין אייניקע פאַבריקן זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסונגען צווישן די אַרבעטער פון פּ. ס. ד. און די נאַראָדאָווצעס*), וועלכע האָבן געוואָלט דורכויס ארבעטן. די אייזנבאַנען זיינען אין דער גאַנצער צייט פון שטרייק געגאַנגען רעגולמעסיק. די פּאָסט-

*) די אָפּגעשטאנענע שיכטן פון די פּוילישע ארבעטער, וואס האבן זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון די רעאקציאָנערע און שאָוויניסטישע נ. ד.

און טעלעגראפן-באַאַמטע האָבן זיך פרייטיק נאָך דעם לאַנגן שטרייק געשטעלט צו דער אַרבעט און אין דעם אַלגעמיינעם שטרייק האָבן זיי קיין אָנטייל ניט גענומען.

שאַבעס זיינען בײַ אונז פאָרגעקומען 2 פאַרזאַמלונגען אין דער פרי און באַטאָג. דער רעדנער האָט כאַראַקטעריזירט די איצטיקע פּאָליטישע לאַגע און די באַדייטונג פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק.

רעכענענדיק זיך מיט דער שטימונג פון די מאַסן און מיט די באַדינגונגען, וועלכע האבן דייטלעך אָנגעוויזן, אַז דער שטרייק וועט שוין קיין בייעס ניט שאַפן, האָט די שטרייק-קאָמיסיע שאַבעס פון אָוונט באַשלאָסן, אַז דער שטרייק זאָל זיך ענדיקן זונטיק 12 אַזייגער באַטאָג.

זונטיק פרי האָט דער קאָמיטעט ארויסגעלאָזן אַ קורצע מעלדונג, אז דער שטרייק איז געענדיקט. מאָנטיק איז אַרויס אַ בלעטל, אַן ערקלערונג וועגן דעם פאַרענדיקטן שטרייק.

...די פּ. פּ. ס. און פּ. ס. ד. ...האָבן דאָנערשטיק געמעלדעט דעם שטרייק פאַר געענדיקט.

זונטיק האָבן מיר צוזאַמענגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע, קעדיי צו באַטראַכטן די טעטיקייט פון דער שטרייק-קאָמיסיע. די פאַרזאַמלונג איז געווען זייער אַ לעבעדיקע. אין די דעבאַטן האָט זיך ארויסגעוויזן די אַלגעמיינע מיינונג, אז דער שטרייק האָט זיין ציל דערגרייכט. די אַרבעטער-מאַסע האָט אַרויסגעוויזן איר פּראָטעסט, איר ווידערשטאַנד קעגן די געוואַלטאַטן. די מאַסן זיינען אָבער צו פיל אויסגעהונגערט און אויסגע-מאַטערט פון די אָקטיאַבער-טעג. אלע זיינען געקומען צו דעם באַשלוס, אז די שטרייק-קאָמיסיע האָט געמוזט דעם שטרייק ענדיקן, די שטרייק-קאָמיסיע האָט גוט און פּלאַנמעסיק ערפילט איר אַרבעט. אלע איינריכטונגען זיינען געווען פעסט פאַרבונדן מיט דער קאמיסיע און אַלע באַשטימונגען זיינען איבערגע-געבן און ערפילט געוואָרן צו דער צייט. די פאַרזאַמלונג איז געווען דער לעצטער אַקט פון דעם אלגעמיינעם שטרייק.

אין דער צייט פון שטרייק האָט דער קאָמיטעט ארויסגעלאָזן די פאָלגנדע בלעטלעך: „זייט גרייט", „צום קאַמף" (אַף אידיש און פּויליש). צו דער גע-זעלשאפט — „שטייט ניט פון וויטן" (אף אידיש אין פּויליש), „צום פאָלק" (איבערזעצט דער אויפרוף פון פעטערבורג), „צו סאָלדאַטן" און צוויי מעלדונ-גען. פאַרשפּרייט זיינען געוואָרן אַלע בלעטלעך אין 40 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

פּ. פּ. ס., פּ. ס. ד. און ס. ס. האָבן אויך פאַרשפּרייט פיל בלעטלעך. די טעטיקייט פון די ערשטע צוויי פאַרטייען אין דעם שטרייק איז געווען אַ קענטיקע.

ב. פּינסק.

(קאָרעספּאָנדענץ. „דער וועקער", נום. 4 און 6 פון 28 און 30 דעקאַבער 1905).

צו אַן אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער ארויסטרעטונג האָט מען זיך בײַ אונז אָנגעהויבן גרייטן שוין גלייך נאָך די אָקטיאַבער-טעג. קימאַט אַף אַלע

פאַרזאַמלונגען, און איבערהויפּט אַף די מיטינגען, וועלכע פלעגן רעגולער פאָרקומען יעדן שאַבעס, פלעגן די רעדנער זיך באַשעפטיקן מיט איין זאַך, — אַנאַליזירן דעם איצטיקן צושטאַנד אין רוסלאַנד און רופן צו זיין גרייט צו אַן אַנטשיידענעם אַרויסטרעטן, — און די פּאַסירונגען פון די דעקאַבער-טעג האָבן באַוויזן, אַז די אַרבעט פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע איז געווען פרוכטבאַר.

די ערשטע מיטינגען נאָך די אָקטיאַבער-טעג זיינען פאָרגעקומען אין דער קליינטשינקער שול און אַפן ערשטן מיטינג איז געווען ביז 1200 מאַן, דורכאויס אַרבעטער, און וואָס ווייטער איז די צאָל אַנטיילנעמער אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן. די אָרגאַניזאַציע איז געווען געצוואונגען אַריבערצוטראָגן די מיטינגען אין שטאָט-צענטער, אין דער גרויסער פּינסקער שול.

...אַז עס דאַרף אויסברעכן די טעג א שטרייק האָבן מיר געוואוסט נאָך מיטוואָך, דעם 7-טן דעקאַבער, פון דעם דעלעגאַט פון די אייזנבאַן-אַרבעטער, וועלכער איז נאָר וואָס געקומען צוריק פון זייער צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע. נאָר גענויע יעדיעס, ווער עס האָט באַשטימט און אַף ווען עס איז באַשטימט דער שטרייק — האָבן מיר פון אים ניט געקענט באַקומען, ווייל דער מענטש האָט זייער שטאַרק קאָנספּירירט. ...און ווען דעם 8-טן האָט די אָרגאַניזאַציע באַקומען דורך די אייזנבאַן-אַרבעטער דעם אויפרוף פון זייער צענטראַלער ביוראָ צו אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק, האָט זי ניט געוואוסט ניט די צוועקן און ניט דעם כאַראַקטער פון שטרייק. מע דאַרף אויך באַמערקן דערביי, אַז איינער אַ מענטש, וועלכער איז צו אונז פאַרפאָרן דעם 8-טן, האָט געבראַכט א יעדיע פון א זיכערער קוועלע, אַז דעם 10-טן האָט געדאַרפט זיין א קאָנפערענץ פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואו עס האָט ערשט געדאַרפט באַהאַנדלט ווערן די פראַגע וועגן אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אַרויסגערופן א ביסל א אומזיכערע שטימונג בא אונזערע אַרבעטער און האָט זיך אָפּגערופן אַף דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג פון די ווייטערדיקע פּאַסירונגען.

דער שטרייק איז געווען געמעלדעט שאַבעס, דעם 10-טן, אַף זונטיק אין דער פרי. זונטיק אין דער פרי זיינען שוין געשטאַנען אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן און וואַרשטאַטן, אויסער די קראָמען, וועלכע די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן צו שליסן ערשט פאַרנאַכט נאָכן באַזאַר. קעדיי צו פאַרייניקן די טאַטן פון די באַזונדערע פּאַרטייען אין דער צייט פון שטרייק, האָבן פאָלגנדע 4 אָרגאַניזאַציעס: קאָמיטעט פון די אייזנבאַן-וואַרשטאַטן, בונד, ס. ר. און ר. ס. ד. אַרב.-פּאַרטיי זיך פאַראייניקט אין אַ „פאַראייניקטן קאָמיטעט". דער שטרייק איז געווען בוכשטעבלעך אַן אַלגעמיינער, אויסער די איזוואָזטשיקעס, וועלכע עס איז געווען ערלויבט אַרויסצופאָרן. פון דינסטיק האָט קיין איין וואַרשטאַט, קיין איין קראָם, קיין איין קאָנטאָר ניט געאַרבעט. אָפן זיינען געווען נאָר די פּאָסט, צוויי נאָטאַריאַל-קאָנטאָרן און אייניקע מאָנאָפּאָל-קראָמען.

...יעדן טאָג, נאָך מיטאָג, פלעגט א טייל פון די רוסישע אַרבעטער קומען אין שול, אַף דער בונדישער בירזשע, וואו די אידן מיט די קריסטן פלעגן זיך

צוניפמישן און בילדן א קאָמפּאַקטע, געדיכטע מאסע מיט דיזעלביקע געפילן און שטרעבונגען.

די ערשטע וואָך פון שטרייק, ביז פּרייטיק, פלעגט יעדן טאָג פאָרקומען 2—3 גרויסע מיטינגען. אינדערפרי — אין די אייזנבאַן-וואַרשטאַטן, נאָכמיטאָג און אינאָוונט — אין שטאָט, אין דער גרויסער שול. די אָוונט-מיטינגען אין שול פלעגן זיין זייער גרויסע, צו 6—8 טויזנט מאַן. און ווען זיי פלעגן זיך ענדיקן, פלעגט די גאַנץ גרויסע גאַס זיין שוואַרץ פון מענטשן.

אַף פרייטיק צוויי אַזייגער באַטאָג האָט די אָרגאַניזאַציע באַשטימט אַן אָפענעם מיטינג אַפן קאַראַליגער מאַרק. צו 2 אַזייגער איז אַפן אָרט פון מיטינג געקומען דער פּאָליצמייסטער, פּריסטאַווס, פּאָליציייסקע און עטלעכע קאַזאַקן. ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט דעם מיטינג אַף דעם אָרט ניט דערלאָזן און האָט פאָרגעשלאָגן אַריבערצוטראָגן אים היגטערן שטאָט, אַפן ברעג. נאָר לעסאָף האָט ער מיט זיין גאַנצער קאָמפּאַניע אָפּגעטראָטן און דער מיטינג האָט זיך אָנגעהויבן. אַפן מיטן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, וועלכער האָט געדינט אַלס אַ טריבונע, דער פאָרזיצנדער איז געווען אַ בונדיסט. דער מיטינג האָט געדויערט אַרום אַ שאָ מיט 20 מינוט. אַפן מיטינג איז געווען אַן אוילאָם פון אַ מאַן 3—4 טויזנט.

נאָכן אָפענעם מיטינג האט זיך באַמערקט, אַז אין דער מאַסע קומט פאָר עפּעס אַ מאָדנער קריזיס... עס איז קענטיק געווען, אַז די מאַסע האָט עפּעס געפאָדערט, אַף עפּעס געוואַרט. נאָר ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך די אָרגאַניזאַציע אַף עטוואָס גרעסערס ווי אַ שטרייק ניט באַשלאָסן. אַ דעמאָנסטראַציע האָט אינם איצטיקן מאָמענט אַ קנאַפּע מאַמאָשעס, און אַף אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד האָט די אָרגאַניזאַציע צו ווינציק קרעפטן. די רוסישע מאַסע איז נאָך ווי, ניט אָרגאַניזירט און ווינציק באַוואוסטזיניק, איר שטימונג איז קיינמאָל ניט קיין פעסטע און באַ אַן ערנסטן אַרויסטרעטן וואָלטן געשטאַנען פּאָנים-על-פּאָנים אַ הייפל באַוואָפנטע אידישע אַרבעטער קעגן עטלעכע ראָטעס סאָלדאַטן און קאַזאַקן.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, האָט דער פאַריייניקטער קאָמיטעט שוין שאַבעס געשטעלט די פראַגע וועגן ענדיקן דעם שטרייק, נאָר די פאָרשטייער פון בונד, וועלכע האָבן געפאָדערט, מע זאָל דעם שטרייק ענדיקן, האָבן דאָרטן אָנגעטראָפן אַ שאַרפע אָפּאָזיציע פון די ס. ר. און „איסקראָווצעס"*). די לעצטע האָבן געטאַינעט אין איין קאָל, אַז דערמיט וועט אונטערגעבראָכן ווערן דער שטרייק אַף דער גאַנצער פּאָלעסיער ליניע, אַז די שטימונג פון דער רוסישער מאַסע איז אַ פעסטע און ד. גל. און זיי האָבן געפאָדערט, מע זאָל דעם שטרייק אין שטאָט דערציען ביז מיטוואָך, און דאַן, צוליב די כאַגאָעס, וואס הויבן זיך אָן, וועט שוין דער שטרייק אַף דער ליניע זיך ציען מעמיילע נאָך אַ וואָכן צוויי.

די לאַגע איז דערווייל געווען אַלץ מער און מער פאַרפּלאָנטערט. די אַנאַרכיסטן האָבן אומפאַרשעמט אָנגעהויבן מאַכן נאַכט-אָנפאַלן אַף פּריוואַטע פּענטשן אין די הייזער, בינדן און פּראָסט ראַבירן, באַ דעם קלענסטן ווידער-

*) פאַרשטייער פון ר. ס. ד. א. פּ.

שטאַנד פלעגן זיי שיסן (איינע אַ פּרוי האָבן זיי דורכגעשאָסן אַ האַנט), אין שטאָט איז געוואָרן אַ מעהומע, און די איבערגעשראָקענע איינוואוינער האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן אַף אַסיפעס, קעדיי אויסצוגעפינען מיטלען, ווי צו מאַכן אַן ענדע מיט דער אַנאַרכיע.

צווישן די אייזנבאַן-אַרבעטער איז געווארן זונטיק אַ צעשפּאַלטונג; אַ טייל אַרבעטער, אונטער דער פירונג פון דער „שוואַרצער כעוורע", האָבן אַראָפּגעריסן דעם מיטינג אין די וואַרשטאַטן און האָבן באַשטימט מאָנטיק גיין צו דער אַרבעט. מע זאָגט, אַז די אַרבעטסווילקע האָט דער וואָאינסקי נאַטשאַלניק אַרויסגעגעבן געווער. די שטימונג באַ דער רוסישער מאַסע האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעביטן. מאָנטיק האָט זיך אין די וואַרשטאַטן שטאַרק געטומלט, באַנאַכט האָט מען אַרעסטירט אַ מאַן 10 „רעדל-פירער". דעם מיטינג האָט מען צעטריבן מיט סאָלדאטן. דער פאַרייניקטער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן דעם שטרייק אין שטאָט דינסטיק אינדערפרי און האט וועגן דעם אַרויסגעלאָזן מאָנטיק בלעטלעך.

דינסטיק אינדערפרי האָט שוין די שטאָט און אַ טייל אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן געאַרבעט. די אידישע מאַסע איז אַוועק צו דער אַרבעט אָן כייעשעק, מיט אַ ביסל אַ געפאַלענער שטימונג; זי האָט דערוואַרט אַן אַנדער ענדע. אַ טייל אידישע אַרבעטער האָט נאָך דינסטיק אויך ניט געאַרבעט.

אונזערע „ליבעראלן" האבן אין דער צייט פון שטרייק אַנטדעקט זייער נעבעכדיק פּאַכדאָנישן האָזן-גייסט. גלייך אין אָנפאַנג פון שטרייק האָבן זיי פאַרשפּרייט אַ „פּראָקלאַמאַציע", וואו זיי דריקן אויס זייער „סימפּאַטיע" צום שטרייק, נאָר... נאָר זיי בעטן ניט מאַכן קיין פארזאמלונגען, ווייל דאָס איז איינגאַנצן איבעריק. אַף איין מיטינג איז געקומען זייערער אַ פאָרשטייער און געבעטן, מע זאָל אים ערלויבן דורכלעזן אַ „רעזאָלוציע". ביז וואָס ווען — „והילד איננו". עס זעט אויס, אַז ער האט מוירע געהאַט צו ווארטן אַפן מיטינג, ביז עס וועט דערגיין צו זיין וואָרט, און ער האט געמאַכט פּאָשעט פּלייטע. דערנאָך האָבן מיר באַקומען אַ העקטאָגראפישע קאָפּיע פון דער רעזאָלוציע: „היויס, אזוי ווי די מיטינגען מאכט מען אין שול, קאָנען דערפון אַרויסקומען גזיירעס פאַר אידן, און דערום דארף מען מער קיין מיטינגען אין שול ניט מאַכן". איינמאָל האָבן די גאַבאָאים פון שול, אָרגאניזירטע „דערגרייכער"*), — איינער פון זיי אַפילע אַן אָפיציעלער „פאָרשטייער" — ניט געוואָלט געבן די שליסלעך פון שול צו מאַכן אַ פארזאמלונג, און די מאַסע האָט אויפגעריסן דישלעסער פון שול...

אַף אונזערע „סאָציאַליסטישע ציאָניסטן" איז אין דער צייט פון שטרייק געווען נעבעך אַ ביטערער ראַכמאָנעס. אין פאַרייניקטן קאָמיטעט האט מען זיי ניט אריינגענומען און זיי זיינען געקראָכן פון דער הויט צו באַווייזן, אַז זיי „לעבן" און „אַרבעטן". נאָר מער פון אַלץ האָבן זיי אָנגעווענדעט מיטלען, ווי עס איז אריינצוקריכן אין קאָמיטעט. איבערהויפּט זיינען אינטערעסאנט צוויי עפּיזאָדן. אַף די דירע, וואו עס קומט זיך צונויף דער פאַרייניקטער קאָמיטעט, איז געקומען זייער קאָמיטעט מיט „דאָקומענטן" אין די הענט (עטלעכע פּראָ-

*) מיטלידער פון „פארבאנד צו דערגרייכן גלייכבארעכטיקונג פאר די אידן אין רוסלאנד".

קלאמאציעס), קעדיי צו באווייזן, אַז זיי זיינען „אויך" א סאָציאַליסטישע און א רעוואָלוציאָנערע פּארטיי. זיי פאָדערן, אַז דער גאנצער פארייניקטער קאָמי-טעט זאָל אויסהערן זייערע טאַינעס און ווילן באווייזן אויסעס-אומויפסים, אַז זיי זיינען ניט שוואַכער פון בונד; זיי פילן זיך „באַליידיקט", זיי קענען „די גאַס ניט דורכגיין" — אינגלעך לויפן נאָך נאָך זיי און שרייען: „דער פאריי-ניקטער קאָמיטעט אויסער די ס. ס."!

זיי באַקומען שוין דעם דריטן מאָל אַן ענטפער, אַז דער בונד וויל ניט, און זיי גייען אַוועק שטארק ברויגעז אַפן בונד.

נאָך אַן עפּיזאָד. אַ שאָ פאר דעם אָפּענעם מיטינג שיקן זיי אַ דעפּוטאַציע: אויב מע וועט זיי אריינעמען אין פארייניקטן קאָמיטעט, וועלן זיי שיקן אַפן מיטינג זייער „מאַסע" און זייער „באָיעוואָי-אָטריאַד", אויב ניט — בלייבן זיי זיצן אין דערהיים. זיי באקומען קיין ענטפער ניט. אין א שאָ אַנדערהאלבן שפּעטער, ווען דער מיטינג האט זיך שוין אָנגעהויבן, קומט צו גיין זייער פאָרשטייער און בעט באַם פאָרזיצנדער אַ וואָרט. מע בעט אים וואַרטן, ביז אלע רעדנער, וואס האבן זיך פארשריבן, וועלן ענדיקן. דער פאָרשטייער ווערט נערוועז, ער וויל שוין א וואָרט, ער וויל עפּעס דערקלערן. — וואָס? — אַז די ס. ס. נעמען פון זיך אראָפּ די אַכראַיעס פארן מיטינג. ווער האָט אַף אייך אַרויפגעלייגט אכראַיעס? — „איר וועט קיין וואָרט ניט באקומען!" דער פאָר-שטייער גייט אוועק און אַפן וועג פארהאלט ער א פּאָר ס. ס.—ן, וואס זיינען פאָרט געקומען אַפן מיטינג, און שיקט זיי אַפּ אהיים אף א איזוואָזטשיק.

שאבעס האבן די ס. ס. געמאכט א מיטינג, ספּעציעל געווידמעט דעם בונד...

ג. קרעסלאַווקע, וויטעבסקער גוב.

(קאָרעספּאָנדענץ, „דער וועקער", נומ. 3 פון 27 דעקאַבער 1905).

מאָנטיק דעם 12 (דעקאַבר). 10 אַזייגער אינדערפרי האָט זיך באַ אונז אָנ-געפאַנגען אַן אַלגעמיינער שטרייק. אָנגעפירט מיט דעם שטרייק האָט די אָר-גאַניזאציע פון בונד צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזאַציע פון רוסלענדער סאָצ.-דעמ. אַרבעטער-פּאַרטיי. עס איז געווען געגרינדעט איין קאָאַליציאָנע קאָמיסיע פון ביידע אָרגאַניזאַציעס. קעדיי צו אָרגאַניזירן דעם שטרייק, איז שאַבעס באַנאַכט דעם 10-טן געווען א פאַרזאַמלונג, וועלכע עס האָט אָרגאַניזירט דער בונד.

אַף דער פאַרזאַמלונג איז געווען ביז 500 אַרבעטער, מע האָט גערעדט וועגן דעם איצטיקן מאָמענט. אַף זונטיק באַנאַכט האָט די קאָאַליציאָנע קאָמי-סיע באַשטימט מאַכן איין פאַרזאַמלונג פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון ביידע אָרגאַניזאַציעס. די „פאַרטיי" האָט ביז 50 אַרבעטער אָרגאַניזירטע; די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ שול, נאָר פאַקטיש איז דאָס געווען ניט קיין פאַרזאַמלונג, נאָר אַ מיטינג. עס זיינען געווען מערער ווי 1000 מענטשן איבעוויניק. אַפּולע זיינען געבליבן אין דרויסן, ווייל עס איז מער ניט געווען קיין אָרט. אין דערזעלבער צייט האָבן די ס. ס. אויך גערופן אַף אַ מיטינג צו

זיך, נאָר אַף זייער מיטינג זיינען קיים געקומען זייערע אָרגאַניזירטע מיטגלידער (זיי האָבן ביז 75 אָרגאַניזירטע).ביידע פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען איינע נעבן דער אנדערער. אַלע פון דער געזעלשאַפט, וועלכע זיינען געגאַנגען אַף דעם מיטינג צו די ס. ס., דערוויסנדיק זיך, אַז דערביי קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג פון בונד, זיינען זיי געקומען אַף דער צווייטער פאַרזאַמלונג. עס האָבן גערעדט 4 רעדנער: 2 פון בונד און צוויי פון דער פאַרטיי. זיי האָבן גערופן די אַרבעטער צוצושטיין צום אַלגעמיינעם פאָליטישן שטרייק פון דעם רוסלענדער פראָלעטאַריאַט. די פאַרזאַמלונג האָט געדויערט 2 שאָ.

די מאַסע איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען זייער מוטיק מיט אַ געהויבענער שטימונג.

די ערשטע זיינען אַראָפּ פון דער אַרבעט די אידישע בערשטער פון כורינס פאַבריק (75 אַרבעטער), מיט רעוואלוציאָנערע אויסרופן זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אָטריאַדנווייז איבערן שטאָט און גערופן אַלע אַרבעטער צוצושטיין צום שטרייק. גלייך האָבן אַלע אַרבעטער געוואָרפן די אַרבעט, עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרמאַכן די קראָמען, די מאָנאָפּאָל-קראָמען זיינען אויך פאַרמאכט געוואָרן. אין איין שאָ צייט איז שוין געווען אָפּגעשטעלט דער גאַנצער פּראָדוקטיווער לעבן פון אונזער שטאָט. איבער אַלע עקן פון שטאָט האָבן געקלונגען רעוואָלוציאָנערע אויסרופן און הילכיקע געשרייען „אוראַ!“ דאָס זיינען פאָרגעקומען מאַניפעסטאַציעס, וואָס די אַרבעטער האָבן געמאַכט, אַראָפּגייענדיק פון דער אַרבעט. 2 אַזייגער באַטאָג איז די מאַסע געקומען אַף דער בירזשע (דייטשע גאַס). די אָרגאַניזאַציע פון בונד האָט באַשלאָסן קיינע דעמאָנסטראַציעס צו מאכן אין דעם טאָג. נאָר איין דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען דורך דער פאָלגנדער אורזאַך. אין „וואָלאָסטנאָיע אופּראַוולעניע“ איז פאָרגעקומען א סכאָד פון פויערים ביז 100 מענטשן, עס האָבן דאָרטן גערעדט 2 רעדנער — איינער פון בונד, דער צווייטער פון דער „פאַרטיי“. דער בונדאָווסקער רעדנער, אַ קריסט[35]), האָט זייער גוט גערעדט, ער האָט אָנגעוויזן די פויערים אַף זייער שלעכטער לאַגע. ער האָט אויך גערעדט וועגן דער לאַגע פון רוסלאַנד, וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַרניכטן די זעלבסטהערשונג. זיין רעדע האָט געמאַכט א גוטע ווירקונג אַף די פויערים. נאָך דעם ווי עס האָט זיך געענדיקט די פאַרזאַמלונג, זיינען די פויערים דעמאָנסטראַטיוו אריין אין שטאָט (דער וואָלאָסט געפינט זיך אין עק פון שטאָט) און זיינען ארויף אַף דער בירזשע. ווי די מאַסע האָט דערזען די פויערים, האָבן זיי זיך גלייך קאָנצענטרירט, האָבן ארייגענומען די פויערים אינמיטן, און האָבן אָנגעהויבן צו דעמאָנסטרירן מיט רעוואָלוציאָנערע אויפרופן.

מע האָט געזונגען די מארסעליעזע, עס האָבן נאָר געפעלט פאָנען. דורכגייענדיק עטלעכע גאסן און קומענדיק צוריק אַף דער בירזשע, איז די מאסע אויסגעוואקסן ביז 2000 מאן.

נאָך דער דעמאָנסטראציע האָט די קאָאליציאָנע קאָמיסיע גערופן די מאסע קומען מאָרגן 11 אזייגער אַף דער בירזשע; אין דעמזעלבן טאָג האט זיך אויך איינגעגעבן אַראָפּצונעמען פון דער ארבעט די פּאָסט-באאמטע (זיי זיינען זייער

דעאקציאָנער). מע האָט איבערגעריסן די טעלעגראפן-דראָט און איינגעוואָרפן סלופּעס. נאָר אף מאָרגן זיינען די פּאָסט-באאמטע ווידער אוועק צו דער ארבעט. כוץ די פּאָסט-באאמטע, האָבן אלע געשטרייקט, פור-לייט, קאַצאָווים, מעלאמדים א. א. וו. די שטאָט איז געווען אין די הענט פון בונד, ווי מע האָט זיך אויס-געדריקט. די פּאָליציי האָט זיך ניט באוויזן אפן גאַס די עטלעכע טעג פון שטרייק. אזוי איז בא אונז אריבער דער ערשטער טאָג פון שטרייק.

דינסטיק דעם 13-טן 3 אזייגער פארנאַכט איז אף דער דייטשער גאַס פאָר-געקומען א גרויסער מיטינג. עס האָבן גערעדט 4 רעדנער, 3 פון בונד און איינער פון דער „פּאַרטיי", אף רוסיש און אידיש; דער מיטינג האָט געדויערט $1^1/_2$ שאָ. אינגאַנצן האָט דער שטרייק בא אונז געדויערט 4 טעג, פון מאָנטיק ביז דאָנערשטיק פארנאכט.

דאָנערשטיק פארן ענדיקן דעם שטרייק, 3 אזייגער פארנאכט, איז ווידער פאָרגעקומען א מיטינג אין שול. די שול איז געווען איבערפולט מיט מענטשן (ביז 2500). עס האָבן גערעדט 2 רעדנער פון בונד און פון דער „פּארטיי". צום ענדע פון מיטינג האָט מען דערקלערט אין נאָמען פון דער קאָאליציאָנער קאָמיסיע, אז דער פּאָליטישער שטרייק ענדיקט זיך דערוויל, ביז עס וועט קלאָר ווערן די לאגע אין אנדערע שטעט.

אין דער קאסע פון דער קאאליציאָנער קאָמיסיע איז ארייַנגעקומען פון דער געזעלשאפט הילף פאר די שטרייקנדע ארבעטער 50 רובל.

ד. אָבליגאטארישע פאַראָרדענונגען פון ריגער פעדעראטיוון קאָמיטעט [36].

1. ערעוו דעם דעקאבר-שטרייק.

1. דער פעדעראטיווער קאָמיטעט געפינט, אז די פראגע וועגן פארקלענערן דירע-געלט, אזוי ווי זי איז זייער א קאָמפּליצירטע און רירט אָן אסאך און פארשיידענע אינטערעסן, קען געלייזט ווערן פאר דער גאנצער באפעלקערונג נאָר דורך דער צייטווייליקער שטאָט-קאָמיסיע, וואָס וועט אויסגעקליבן ווערן פון דער גאנצער באפעלקערונג. רעכענענדיק זיך אָבער מיט דער אויסערסט שווערער לאגע פון די ארבעטער און דער גאנצער ארימער באפעלקערונג, גע-פינט דער פעדעראטיווער קאָמיטעט פאר זייער געוואונשן, אז דאָס דירע-געלט זאָל פארקלענערט ווערן אפן סמאך פון פריוויילליקע אָפּמאכן צווישן די די-רע-באלעבאָטים און די שכיינים. אזוי ווי די אלגעמיינע שטרייקן זיינען א קאמפס-מיטל קעגן דער זעלבסטהערשונג, וועלכע אונטערדריקט דאָס גאנצע פאָלק, און פאר די רעכט פונם גאנצן פאָלק, און אזוי ווי ...באזונדער ליידט פון זיי דער ארבעטער-קלאס, האָט דער פעדעראטיווער קאָמיטעט פאראָרדנט:

פאר די טעג פון די אלגעמיינע פּאָליטישע שטרייקן קיין דירע-געלט ניט צאָלן.

2. עס ווערט פארבאָטן די הויז-אייגנטימער, דירע-באלעבאטים און די סטרוזשן צו פאָדערן פאספאָרטן אף צו מעלדן זיי אין פּאָליציי; דער באפעל-קערונג ווערט פאָרגעלייגט קיין שום פאספאָרטן אף צו איינמעלדן ניט געבן.

3. קעדיי צו זיכערן די ווירקלעכע אומבאַרירבאַרקייט פון פערזאָן און וואוינונג, ווערט פארבאטן די סטרוזשן און די נאכט-שאָמרים אריינצולאָזן בא-נאכט (פון 10 אזייגער אין אָוונט ביז 6 אזייגער אינדערפרי) אין די הייזער און הויפן פּאָליציי, זשאנדארמען און אנדערע באוואָפנטע גרופּעס...

4. אזוי ווי פארדעכטיקע פערזאָנען זאמלען נעדאָוועס און פרעסן ארויס געלט אינעם נאָמען פונם „פעדעראטיוון קאָמיטעט", ניט אָפּשטעלנדיק זיך אפילו פאר נאָכמאכן אונזער שטעמפּל, מעלדן מיר, אז מיר זאמלען געלט נאר דורך מענטשן, וועלכע זיינען גוט באוואוסט דער גאנצער שטאט, און מיר לייגן פאר פערזענלעך אומבאקאנטע מענטשן פאר קיין אויפן קיין געלט ניט געבן.

5. עס ווערט פארבאָטן צו ברענגען די כוליגאַנעס, וואס מע ארעסטירט אף די גאסן, אין הויז פון דער נייער לעטישער געזעלשאפט, וועלכע איז גאר ניט באשטימט פאר אזעלכע זאכן.

פעדעראַטיווער קאָמיטעט פון די ריגער סאָצ.-דעמ. אַרבעטער-פּאַרטייען.

6 דעקאַבר 1905.

2. אין דער צייט פון דעקאַבר-שטרייק.

1. עס ווערט דערלויבט אַלע עסנוואַרג-מאַגאַזינען צו האַנדלען ביז צוויי אַזייגער באַטאָג.

2. עס ווערט פאַרבאָטן צו העכערן די פרייזן אַף שפּייז-פּראָדוקטן.

3. עס ווערט פאַרבאָטן צו פאַרקויפן בראַנפן.

4. עס ווערט פאַרבאָטן צו פאַרמאַכן די טויערן פריער פון דער געוויינ-לעכער צייט.

דער פעדעראַטיווער קאָמיטעט.

15 דעקאַבר, 1905.

ה. אין די גרעניץ-שטעטלעך פונם באַלטישן געגנט.

(קאָרעספּאָנדענץ, „לעצטע נאַכריכטן", נומ. 256, יאַנוואר 1906.)

...די גלאזמאנקער בונדישע אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט די לעטישע אַרבע-טער האָבן אַרומגערינגלט די קאזארמע מיט דראַגונער און נאָך אַ דויערהאפטן באשיסן זי געצוואונגען די לעצטע אונטערגעבן זיך; אייניקע דראגונער זיינען פאַר-וואונדעט, דאָס געווער אָפּגענומען בא אַלעמען, דעם אָפיצער גענומען אין גע-פענגעניש. די רעגירונגס-מאַכט איז אָרונטערגעזעצט און פאַרביטן מיט אַ רע-

וואָלוציאָנערער מאַכט. אַלע שטעטלדיקע פערד זיינען פאַרעגיסטרירט. אַרויס-פאָרן פון גלאזמאַנקע איז פאַרבאָטן: אויב עמיצער מוז אַרויספאָרן צוליב וויכ-טיקע אנגעלעגנהייטן, מוז ער נעמען באַ דער אָרגאַניזאַציע אַ שריפטלעכע דערלויבעניש, וועלכע ווערט אַרויסגעגעבן אף אַן אָפיציעלן בלאַנק מיטן טיטל „די גלאזמאַנקער סאָצ.-דעמ. אָרגאַניזאַציע פון בונד".

אונזערע באַוואפנטע פאַטרולן האַלטן אונטער אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן גלאזמאַנקע מיט די איבעריקע שטעט און שטעטלעך, וואו ס'איז איינ-געשטעלט אַ רעוואָלוציאָנערע מאַכט. די אייזנבאַן פונקציאָנירט ניט. צוגן ווערן צוזאַמענגעשטעלט נאָר פאַר די באַדערפענישן פון דער אָרגאַניזאַציע, ווי ס'איז צו זעען פון פאָלגנדיקן ביישפּיל:

אין פעבאָלג האָבן 208 קאזאקן אַרומגערינגלט 500 אונזעריקע. צו הילף די פעבאָלגער כאַווײרים איז פון לידאָגע קאָמאַנדירט געוואָרן אַ באַוואָפנטע אָפּ-טײלונג פון 80 מאַן, וועלכע האָט זיך אונטערוועגס אָפּגעשטעלט אין גלאז-מאַנקע. מוידיע זייענדיק וועגן דעם די שטאָקמאַנהאַפּער אָרגאַניזאַציע, האָבן די גלאזמאַנקער כאַווײרים זיי שריפטלעך פאָרגעלייגט אָנפרעגן זיך דורכן טע-לעפאָן אין סעסוועגען, און אויב ס'וועט זיך באַשטעטיקן, אַז די פעבאָלגער כאַווײרים זיינען אין געפאַר, צוגרייטן אַ צוג פאַר דער קאָמפּס-דרוזשינע אף עלף אַזייגער אינדערפרי. און אַזוי ווי דער צוג גייט ניט ווייטער, ווי ביז סעסוועגען, זאָלן די דאָרטיקע כאַווײרים צוגרייטן פערד. דערדאָזיקער דאָקו-מענט איז באַצייכנט מיט דער דאַטע „3-טער דעקאַבער, 1905. 12 אַזייגער באַ-נאַכט" און איז אונטערגעשריבן „אַלעקסאַנדר". דער אָפיציעלער שריפטלעכער ענטפער פון דער שטאָקמאַנהאַפּער אָרגאַניזאַציע האָט געלויטעט: „פון סעס-וועגען טעלעפאָנירט מען אונז, אַז די הילף איז ניט נויטיק, די כאַווײרים האָבן פאַרטריבן די קאזאקן און יאָגן זיי נאָך".

אין זשאַגאָר (קאָוונ. גוב.) איז דער נאַטשאַלניק פון שטעטל און אויך אַלע איבעריקע מלוכע-אָנגעשטעלטע — בונדיסטן. דער אַדרעס פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע איז — „זשאַגאָר, דעם איספּראַווניק". די רעוואָלוציאָנערע מאַכט האָט פאַרמישפּעט צום טויט צוויי פּראָוואָקאַטאָרן. דער אורטייל איז שוין דורכ-געפירט געוואָרן. ס'שטייען פאַר נאָך טויט-שטראָפן — איבערן אַלטן איספּראַוו-ניק א. א. וו. ...

154. דער „בונד" וועגן מאָסקווער אויפשטאַנד.

(לייט-אַרטיקל אין נומער 1 „יעווריסקי ראַבאָטשי", פעטערבורג, דעקאַבער 1905)

די רוסישע רעוואָלוציע איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייער פאַזע פון איר אַנטוויקלונג: דער אַלגעמיינער שטרייק איז אַריבער אין אַ באַוואָפנטן אויפ-שטאַנד. פּרואוון פון אַן אויפשטאַנד זיינען געמאַכט געוואָרן אויך פריער אין לאָדז און אָדעס. זיי זיינען אָבער געווען זעלטן און פאַרגעקומען אַלס אויס-נאַם און האָבן ניט געקאָנט אומבייטן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דעם

אַלרוסלענדישן שטרייק, וועלכער איז אין אלגעמיין געבליבן „אַ שטרייק מיט געקרייצטע הענט“, באַגלייטן מיט די געוויינלעכע „פרידלעכע“ אַרויסטרעטונגען. נאָר איצט, אין דעקאַבר, זיינען מיר צום ערשטן מאָל אַריבער דעם פּאַסאַלן גרעניץ פון דער רעוואָלוציע און זיינען אַריינגעטראָטן אין דעם „געבענטשטן לאַנד“, צו וועלכער די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט ניט אויפגעהערט צו שטרעבן, וועלכע האָט נאָך ביז גאָר ניט לאַנג געשיינט צו זיין זייער ווייט און אומדערגרייכבאַר. צום ערשטן מאָל, זינט עס ווערט געפירט דער קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג, איז דער באַוואָפנטער אנגריף אַף איר אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ ברייטן מאַסשטאַב, אַז די עצעם פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קאָן גערעכנט ווערן אַלס פּראַקטיש דערלייזט.

און מיט דער לייזונג פון דער־אָזיקער פראַגע האָבן מיר צו דאַנקען פריער פאַר אַלץ און הויפּטזאַכלעך מאָסקווע. מאָסקווע האָט באַוויזן, אַז אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד איז מעגלעך, אַז די היסטאָריש באַהייליקטע פאָרם אירע, — דער באַריקאַדן־קאַמף — קאָן נאָך אויך איצט ניט גערעכנט ווערן פאַר אַ פאַרעלטערטן, אַז אין אַן אַטמאָספער פון אַן אַקטיוון מיטגעפיל פון דער באַפעלקערונג קאָנען אפילע פאַרהעלטניסמעסיק קליינע גרופּן פון רעוואָלוציאָנערן אַרויסווייזן אַ דויערנדן ווידערשטאַנד דער אָרגאַניזירטער קראַפט פון דער זעלבסטהערשנדיקער מלוכע, אַז דער ניצחון איבער דער זעלבסטהערשונג אין אַן אָפענעם שטרייט ווערט אַ פּאָליטיש רעאַלע זאַך.

מאָסקווע האָט אונז אויך געגעבן דעם דערטרייסטנדיקן פאַקט, אַז האגאם די ווידערשטאַנד־קראַפט פון דער זעלבסטהערשונג איז נאָך אומגעהויער גרויס, דאָך איז שוין ניט ווייט יענע צייט, ווען אירע קויבעס וועלן אויסגעשעפּט ווערן. א רעגירונג, קעגן וועלכער שוואַך באַוואָפנטע הייפלעך רעוואָלוציאָנערן קאָנען אויסהאַלטן אַ פאַרביסענעם צענטאָגיקן שטרייט אין אַ גרויס שטאָט מיט אַ צאָלרייכן מיליטער־גאַרניזאָן און אַ ברייט־פאַרצווייגטער פּאָליצייִאישער אָרגאַניזאַציע; אַ רעגירונג, וועלכע קאָן בייקומען אַן אויפשטאַנד נאָר מיטן פּרייז פון צעשיסן הייזער פון האַרמאַטן און קוילנוואַרפער; אַ רעגירונג, וועלכע האָט ניט קיין מעגלעכקייט אַרויסצולאָזן קעגן די רעוואָלוציאָנערן איר אָרטיקע מיליטער און איז געצוואונגען צו שיקן קעגן זיי איר לעצטע שטיצע — די פּרעטאָריאַנישע גוואַרדיע, וועלכע איז בעקויעך איינצונעמען די אַף גיך אויפגעבויטע באַריקאַדן נאָר דענסטמאָל, ווען זייערע באַשיצער פאַרלאָזן זיי, — אַזאַ רעגירונג קאָן זיך שוין לאַנג ניט האַלטן.

מע דאַרף זיך אָבער ניט נאַרן: כאָטש עס איז שוין אויסער יעדער צווייפל, אַז דער ענדגילטיקער ניצחון איבער דער זעלבסטהערשונג איז שוין ניט ווייט, דאָך איז אויך קלאָר, אַז ביז יענער צייט שטייט נאָך אונז פאָר דורכגיין אַ לאַנגן וועג פון שווערע ניסיונעס, לעגאַבע וועלכע עס וועט בלייך ווערן אַלץ, וואָס מיר האָבן ביז איצט איבערגעלעבט: דאָס ווילדע דערשטיקן פונם מאָסקווער אויפשטאַנד האָט גאַנץ קלאָר באַוויזן, אַף וואָס עס איז פעאיק דער אָפּשטאַרבנדיקער רעזשים אינם קאַמף פאַר זיין קיעם, עס לאָזט רעכט גלויבן, אַז

דער רעגירונגס-וואנדאליזם האָט אין מאָסקווע נאָך ווייט ניט געזאָגט זיין לעצטן וואָרט.

א גרויסן טייל פאַראנטוואָרטלעכקייט פאַר דעמדאָזיקן וואַנדאַליזם פאַלט אף דער בורזשואזיע, וועלכע האָט מיט איר פאַרעטערישער פּאָליטיק בענויגייע צום פּראָלעטאַריאַט און מיט איר שענדלעכער פאַרמיטלונג מיט דער זעלבסט-הערשונג דערמונטערט זי אף רעציכעס, וועלכע האָבן זייער גלייכן ניט אין דער געשיכטע, און העלפט איר איינהאלטן די מאַכט. און אפילע איצט, ווען פאַר די אויגן שטייען נאָך די מאָסקווער כורוועס, אונטער וועלכע עס זייגען באגראָבן טויזנטער און טויזנטער מענטשן, געפינען די ליבעראלן, און דערצו נאָך די בעסטע פון זיי, פאַר מעגלעך פּאטעטיש צו רופן אָפּצושטעלן די בלוטפאַרגיסונג. און אייניקע פון זיי לייגן זאגאר פאָר נ׳מען אף זיך די פאַרמיטלונג צווישן די קעמפנדיקע צדאָדים, און זיי אַלע צוזאמען, אַכוץ עפּשער גאָר איינצלנע, באַמיען זיך צו דעמאָנסטרירן זייער נעגאַטיווע באציאונג צו דעם באוואָפנטן אויפשטאנד.

„געגוג בלוט", שרייט אויס די צייטונג „פּאָלקס-ווירטשאפט", „קיין שום נעקאָמע פאַר דעם מאָסקווער אויפשטאנד, איבערהויפּט, קיין איין טויט-שטראָף, אָט דאָס איז דער עקסטער מינימום, וואָס עס דאַרפן פאָדערן אפילע די סאַמע מעסיקע עלעמענטן פון דער געזעלשאפט, די סאַמע קאָנסערוואַטיווע שיכטן אירע".

דעמזעלבן מאָטיוו וועגן דער מאָסקווער בלוטבאָד געפינען מיר אויך אין דער צייטשריפט „פּאָלקס-פרייהייט": „איין געשריי רייסט זיך פון האַרצן: געגוג בלוט! געגוג האַריגעס!" און ווייטער: „די רעגירונג דאַרף טייקעף געבן אַן ענטפער אף דידאָזיקע פראַגן" („פאַרוואָס צעשטערט דאָס מיליטער די שטעט, ערמאָרדעט די בירגער א. א. וו.")

אויב דידאָזיקע ווייכלייביקע צורופן, וועלכע זיינען געווענדעט צו די בלוט-דורשטיקע העלדן פון דער רוסיש-יאפּאַנישער קריג און צו זייערע פּעטערבורגער אָנפירער, זיינען פּאָשעט נאאיוו און כאַראקטעריזירן די בורזשואז-אינטעליגענטישע מאַכטלאָזיקייט, איז וועגן די כקירעס פון דיזעלביקע ליבעראלן מיקויעך דעם מאָסקווער אויפשטאַנד קומט אויס צו זאָגן, אַז זיי זיינען אונטערגעזאָגט דורך דעם בלינדן קלאַסן-עגאָאיזם און זאָגן איידעס וועגן זייער פולשטענדיקן ניט פאַרשטיין דעם טאָך פון דער איצטיקער רעוואָלוציע.

אין דער „פּאָלקס-פרייהייט" לייענען מיר: „... די אומעגלעכקייט פון א שטרייק איז דערוויזן געוואָרן ניט נאָר און ניט אזוי מיטן פּעטערבורגער פּרואוו, ווי מיטן מאָסקווער. אַן אומעגלעכער נאָר געצוואונגענער שטרייק אָדער ער גיט זיך איינגאַנצן ניט איין, אָדער ער ווערט אומפאַרמיידלעך פאַרוואנדלט פון א פרידלעכן מיטל פאַר פּאָליטישן פּראָטעסט אין א בלוטיקן אויסברוך פון א באוואָפנטן אויפשטאנד".

דאָס, וואָס דער אלרוסלענדישער שטרייק האָט זיך פאַרוואנדלט אין אַן אויפשטאַנד ווערט געבראַכט אלס א באַווייז פון זיין מאַפּאָלע און זאָגאר אומעגלעכקייט. די אומפעאיקייט פון די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע אויפ־

צופּאַסן די רעוואָלוציע אין איר דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג טרעט דאָ קלאָר און בוילעט אַרויס. דאָס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר גאָר איין באַשטימטן מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, נעמט דער ליבעראַל אָן פאַר אן אייביקעס, איינמאָל פאַר אלע מאָל איינגעשטעלטעס, און ווען דאָס דאָזיקע „אייביקעס" אומדערוואַרטעט פאַר אים בייט זיין פאָרם, הויבט ער אָן צו שרייען וועגן איר „אוממעגלעכקייט".

ביז דער לעצטער צייט האָט דער אַלגעמיינער שטרייק געהאַט א כאראקטער פון א דעמאָנסטראַציע און געדינט אַלס מיטל פאַר א „פּאָליטישן פּראָטעסט". דאָס האָט געדאַרפט דויערן ביז יענער צייט, קאָלזמאַן די קויכעס פונם פּראָלעטאַריאַט זיינען געווען גענוג נאָר אָף דערזאָרגאַניזירן די רעגירונגס־מאַשין, אָבער ניט אָף איינגאנצן צעבּרעכן זי. אין דערדאָזיקער פּאזע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָבן מיר געהאט א „שטרייק מיט געקרייצטע הענט", וועלכער איז פּעאיק בלויז דערזאָרגאניזירן. נאָר אָט האָט זיך דער פאַנאַנדערפאַלונגס־פּראָצעס פון דער זעלבסטהערשנדיקער מלוכע אזוי ווייט אַנטוויקלט, דאָס לאַנד איז געקומען אין אַזאַ באַוועגונג, די רעוואָלוציאָנערקייט און אָרגאַניזירטקייט פון דעם פּראלעטאַריאַט האָבן דערגרייכט אַזאַ שטופּע, אַז עס איז געוואָרן אַן אָביעקטיווע מעגלעכקייט, שטיצנדיק זיך אָף דער גאַנצער דורכגעמאכטער דערזאָרגאניזירונגס־אַרבעט, מאַכן א פּרואוו איינגאַנצן אַרונטערצואווארפן די רעגירונג. און דענסטמאָל איז דער שטרייק אַריבער אין א באַוואָפנטן „בונט". די רעוואָלוציע האָט אין איר אָנגרייף־באַוועגונג געבוירן א נייע פאָרם, וועלכע האָט פאַר יעדן מער אָדער ווייניקער אויפמערקזאַמען באַאָבאַכטער ניט געקאָנט זיין קיין אומדערוואַרטעטע זאַך. די געשעענישן אין לאָדז, אָדעס און אַנדערע שטעט נאָך לאַנג פאַר דעקאַבער האָבן קלאָר באַוויזן, אז עס ווערט רייף א נייע פאָרם פון קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג.

דער דעקאַבער־אויפשטאַנד האָט געליטן א מאַפּאָלע. דאָס איז געווען אומפאַרמיידלעך דערפאַר, ווייל דער פּראָלעטאַריאַט האָט דאָ געמאַכט די ערשטע טריט אָף א נייעם וועג, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אומגעהויערע שוועריקייטן. לאָמיר זיך דערמאָנען די געשיכטע פון דעם אַלרוסלענדישן שטרייק. אָנגעהויבן זיך מיט ניט געלונגענע פּרואוון, איז ער דורכגעגאַנגען א לאנגן, פּיינלעכן וועג פון אנטוויקלונג און האָט זיך פארענדיקט מיט דער גראַנדיעזער, גלענצנדיקער אָקטיאַבער־ארויסטרעטונג. אין אָקטיאבער האָט דער „פרידלעכער" אלגעמיינער שטרייק דערגרייכט די העכסטע שטופּע פון זיין אנטוויקלונג, און האָט זיך אויסגעשעפּט, האַרט דערגייענדיק צו אן אויפשטאנד. פון דענסטמאָל אָן איז געוואָרן מעגלעך אן אלרוסלענדישער שטרייק נאָר ווי א האַקדאָמע צו א באַוואָפנטן אויפשטאנד.

ווער עס וועט דורכטראַכטן דידאָזיקע באלערבארע געשיכטע און וועט טיפער אריינדרינגען אין איר זין, יענער וועט אזוי ווינציק זיין פאַרצווייפלט אין דעם ניט געלונגענעם דעקאבער־אויפשטאַנד, פּונקט ווי ער האָט געהאַט קנאַפּ גרונד צו זיין באטריבט פון די ערשטע, ניט געלונגענע פּרואוון פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק. אזוי ווי דער לעצטער, אומאויפהערלעך אנטוויקלענדיק זיך

אין דער טיף און אין דער ברייט, האָט ער זיך פאַרענדיקט מיטן אָקטיאַבער-פינאַל, וועלכער האָט איבערראַשט די וועלט, אַזוי וועט אויך דער באוואָפנטער אויפשטאַנד, ווערנדיק מיט יעדן נייעם פּרואוו אַלץ גרויזאַמער און גרויזאַמער לויט זיין קראַפט און גרויס, וועט ער זיך ענדיקן מיט אַן אומגעהויערן שטורם, אין וועלכן עס וועט ענדגילטיק אומקומען דער רעזשים פון אומזין און שרעק.

די רוסישע רעוואָלוציע איז געצוואונגען צו דורכשלאָגן זיך אַ וועג דורך אַ לאַנגן ריי פון שטערונגען, איינע גרויזאַמער פאַר דער צווייטער. יעדער טריט אירער ווערט געקויפט פאַרן פרייז פון טויזנטער לעבנס און מיט יעדער נייער אָנשטרענגונג פון דער רעוואָלוציע וואַקסט דידאָזיקע פרייז אין אַ שרעקלעכער פּראָגרעסיע. און ניט נאָר דערפאַר, ווייל עס קומט אויס צו קעמפן מיט אַ רעגירונג, וועלכע עקזיסטירט שוין הונדערטער יאָרן און ווייזט ארויס אַ זעלטענע לעבנספעאיקייט, הויפטזאכלעך אויך דערפאַר, ווייל יעדן מאָל ווען עס קומט אָן דער אנטשיידענער מאָמענט און די זעלבסטהערשונג ווערט ארויסגעשלאָגן פון אירע הויפּט-פּאָזיציעס, פאַרלאָזט די בורזשואזיע דעם פּראָלעטאַריאַט און שאַפט מיט איר פאַראַט אזאַ געזעלשאַפטלעך-פּסיכאָלאָגישע אַטמאָספער, וועלכע ערלויבט דער רעגירונג אָנפאַלן אַף דער רעוואָלוציע אַף איר גאַנצן פראָנט און אָן וואַקלונגען אָנווענדן קעגן איר דעם איינציקן מיטל, וואָס זי פאַרמאָגט נאָך — די אַרמיי. און ווען דער אָנפאַל פון פּראָלעטאַריאַט איז שוין אָפּגעשלאָגן מיט גרויסע קאָרבאָנעס, ווען די רעגירונג באהערשט ווידער די לאַגע, בארימענדיק זיך פאַר אַלעמען מיט אירע ניצחונעס, דערגייענדיק אין איר פאַרשיקערטקייט פון די ניצחונעס ביזן ארויסטרעטן מיט פּאָליטישע בלעטלעך קעגן דער „סמוטע“ — דענסטמאָל טרעטן ארויס אַף דער סצענע די פאָלקס-קלאָגער פון דער בורזשואזיע און טראָגן ציניש ארויס זייער אורטייל איבער דער רעוואָלוציע.

און דערדאָזיקער אורטייל לויטעט: „דידאָזיקע רעוואָלוציע איז צעשלאָגן און אנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין, זי איז לעכאַטכילע געווען אַן אומזין“ („פאָלקס-פרייהייט“, נום. 2, אַרטיקל פון סטרואווע [37]). קימאַט דאָסזעלביקע האָט אויך געזאָגט דער גענעראַל דובאסאָוו אין זיין מיטיילונג וועגן דער דערשטיקונג פון מאָסקווער אויפשטאַנד. רירנדיקע אייניקייט!..

... די רעוואָלוציע גייט אַף אַ ריכטיקן וועג, זי וועט זיגן, און עס קאָן זיין, אַז אסאַך פריער, איידער דאָס דערוואַרטן אפילע אירע מער הייסע אָנהענגער. זי וועט זיגן און וועט זיך אויסלאַכן פון דער זינלאָזיקייט פון יענע, וועלכע האָבן אין זייער ניכטערער מעסיקייט און פּינקטלעכקייט ערקלערט די רעוואָלוציע אַלס אַן „אומזין“.

XXII. דער אנהויב פון דער רעאקציע.

155. דער ערשטער יאָרצייט פון 9־טן יאנוואר.

(„דער 9-טער יאנואר אין ראיאָן פונם בונד", „דער וועקער", נומ. 28 פון 29 יאנואר 1906).

...דער שטרייק פון 9-טן יאַנוואַר איז געווען א מין עקזאמען פאר די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, און א שווערער עקזאַמען. די רעאַקציע, וועלכע האָט זיך מיט אזא קויאך, מיט אַזא וואוט אַרויפגעוואָרפן אף די באפרייאונגס-באוועגונג, האָט אלע אירע פינסטערע קויכעס אָנגעשטרענגט צו שטערן דעם שטרייק פון 9-טן יאַנוואַר.

דער 9-טער יאנוואַר איז געוואָרן א שרעקנס-טאָג פאר די רעגירונג, א יאָם-האדין, ווען אלע אירע רעציכעס און אַכזאָריעס ווערן דערמאָנט און ס'איז קיין וואונדער ניט, אז זי שטרענגט אָן אלע אירע קויכעס דעם טאָג אויסצו-מעקן פון דער רוסישער געשיכטע.

דער שרעקלעכער ווייסער טעראָר פון דער רעגירונג האָט דערגרייכט ערעוו דעם 9-טן די העכסטע מאַדרייגע; די גאַנצע באפעלקערונג פון רוסלאנד איז אינגאנצן איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון ווילקיר און געוואַלט. גאנץ רוסלאנד האָט זיך געפונען ווי אין באלאגערונגס-צושטאַנד. צום 9-טן יאַנוואַר זיינען באזונדערע ספעציעלע פאַראָרדענונגען ארויסגעגעבן געוואָרן, וואָס אפילע אזאַ גאַען פון רעפרעסיעס ווי פלעווע האָט אזעלכע ניט געקענט אויסטראכטן. א שרעקנס-טאָג איז עס געווען. אין דער לופט האָט זיך געהערט פולווער און בלוט; די רעגירונג איז געווען גענרייט צו דערטרינקען דעם אלטן 9-טן יאַנ-וואר אין די בלוט פון א נייעם. אלע האָבן עס געפילט און פארשטאַנען.

די בורזשואזיע האָט זיך געשטעלט אין דעם טאָג אינגאַנצן אף דער זייט פון דער רעגירונג. אין מערערע ערטער האָבן די פאַבריקאַנטן געסטראשעט די אַרבעטער, אז זיי וועלן די פאַבריקן אינגאַנצן פאַרמאַכן, אויב מע וועט שטרייקן דעם 9-טן א. א. וו. דעם פּראָלעטאַריאַט איז אויסגעקומען דעם טאָג צו קעמפן אף צוויי פראָנטן: קעגן דער רעגירונג און קעגן דער געזעלשאַפט.

נאָך שווערער דורכצופירן דעם שטרייק איז געווען דעם אידישן פראָלע-טאריאט. די אידישע בורזשואַזיע, אָנגעשראָקן און טעראָריזירט פון די פאָגראָ-מען, איז די לעצטע צייט שטארק פיינדלעך געשטימט צו דעם אידישן פראָ-

לעטאַריאַט, וועלכער האַלט נאָך הויך די רויטע פאָן ווי פריער; די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך געשראָקן אין דעם טאָג פאַר א פּאָגראָם, און זי האָט געהאַט גענוג סיבּעס זיך צו שרעקן: די אַגיטאַציע פון די שוואַרצע מייעס, אונטערגעשטיצט פון דער פּאָליציי, האָט זיך געפירט אָפן, פראַנק און פריי. דער קריזיס, וואָס הערשט אין גאַנץ רוסלאַנד, איז אין דער „טשערטאַ" נאָך שרעקלעכער. די פּאָגראָמען האָבן געשאַפן טויזנטער עוויוינים, די אַרבעטסלאָזיקייט איז אזוי גרויס, אז מענטשן שטאַרבן איינפאַך פון הונגער, און דערצו נאָך דער טעראָר פון דער רעגירונג, וואָס איז אין „טשערטאַ" נאָך שרעקלעכער און נאָך גרויזאַמער; די הויז־זוכונגען, די מאַסן־אַרעסטן און שום סיבּעס. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט ניט ווייניק שווער געמאַכט דורכצופירן אן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק אין דעם טאָג פון 9־טן יאַנוואַר.

און איך לייען די בּריוו פון אַלע שטעט און שטעטלעך און זע, וואָס פאַר אן אַטמאָספערע דאָרטן איז געווען: אין ביאַליסטאָק האָט דער צענטער פון שטאָט אויסגעזען ווי אן עמעסער קריגס־לאַגער, די שטאָט איז געווען פול מיט מיליטער און אַרטילעריע איז געשטאַנען געגרייט. אין וויטעבסק האָט דער פּאָליצמייסטער געגעבן די קרעמער אָנצוהערעניש ווען א פּאָגראָם, אויב זיי וועלן האַלטן פעסט די קראָמען. מיט אייניקע טעג פריער פון 9־טן האָט מען שוין אָנגעפאַנגען אַרעסטירן, ווען מ'האָט נאָר געכאַפּט. אין מאָהילעוו האָט שוין די פּאָליציי מיט די קאָזאַקן דעם 7־טן אָנגעפאַנגען טרייבן פון די גאַסן און שלאָגן אָן ראַכמאָנעס. מ'האָט אַרעסטירט מענטשן דערפאַר, וואָס זיי האָבן געטראָגן א רויטן האַלזטוך. אין די קראָמען איז געגאַנגען דער פּאָליצמייסטער אַליין און האָט מאַסרע געווען, אז אויב זיי וועלן זיין דעם 9־טן פאַרמאַכט, וועלן קאַזאַקן זיי עפענען. אין מינסק האָט דער געוויסער קורלאָוו פאַרבאָטן שוין זונטיק דעם 8־טן אַרויסצוגיין שפּעטער ווי 8 אזייגער אין אָוונט אפן גאַס. שרעקן פון א פּאָגראָם האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. אין ווילנע האָט דער גובערנאַטאָר געקלעפּט מודאָעס אין שטאָט, וואו ער האָט מאַסרע געווען, אז קוים וועט זיין א שטרייק, וועט אין שטאָט איינגעפירט ווערן אויסערגעוויינלעכע אויפזיכט; די געשעפטן, וועלכע וועלן ניט זיין אָפן דעם 9־טן, וועלן בלייבן געשלאָסן פאַר די גאַנצע צייט פון די אויסערגעוויינלעכע אויפזיכט און דערצו וועלן זיי נאָך מוזן צאָלן 3000 רובּל שטראָף. אַזעלכע מודאָעס זיינען אויך געווען אין פיל אַנדערע שטעט. אין קאַטערינאָסלאַוו האָט מען שוין אָנגעפאַנגען מאַכן רעפּעטיציעס מיט די נאַגאַיקעס זונטיק דעם 8־טן. גיין אפן גאַס דעם 9־טן איז געווען א סאַקאָנע פאַרן לעבּן. אין פּינסק איז די באַפעלקערונג אָפּגעגעבן געוואָרן שוין פריער אינגאַנצן אין די הענט פון די קאַזאַקן, און וואָס זיי ווילן—טוען זיי. מע שלאָגט, מע האַרגעט און מע ראַבּירט. אין סלוצק איז נאָך 8 אזייגער אין אָוונט א סאַקאָנע צו גיין אין גאַס. די פּאָליציי קאָנפיסקירט די בּיכלעך פון פאַרלאַג „אַרבעטער־שטימע" [38], ווייל זיי האָבן רויטע פּאָדערבּלעטלעך. ערעוו 9־טן יאַנוואַר האָט זי קאָנפיסקירט דעם 11־טן נומער „וועקער". אין באָריסאָוו האָט די פּאָליציי געמאַכט הויז־זוכונגען קימאַט בּא אַלע אַרבעטער פון שטאָט. די ראַבּאָנים האָבן שאַבּעס

געהאלטן דראָשעס אין די שולן קעגן דעם שטרייק און האָבן מאסרע געווען אין נאָמען פון דער אדמיניסטראציע, אז מ׳וועט אין שטאָט איינפירן קריגס-צושטאנד. אין לובלין האָט די פּאָליציי אָנגעפאנגען מענטשן סטאם אין דער וועלט אריין און קיינער איז ניט געווען זיכער, אז מ׳וועט אים ניט ארעסטירן ערעוו דעם 9-טן. אין סעדלעץ, סואוואלק, פּעטראָקאָוו א. אז. וו. דיזעלבע מאיסעס. און וואָס ווייטער איך לייען, געפין איך אין אלע בריוו דעם זעלבן נוסעך: מאסן ארעסטן, פּאָליציי, קאָזאקן, איבערפולטע טורמעס, רויב און מאָרד, שרעקן פאר פּאָגראָמען און קריגס-צושטאנד. און עפשער נאָך דערמאָנען האָמעל?..*)

א שווערן עקזאמען האָט דער רוסלענדער פּראָלעטאריאט געהאט צו באַשטיין און נאָך א שווערערן—דער אידישער פּראָלעטאריאט. און דער אידישער פּראָלעטאריאט איז זיין עקזאמען גלענצנד באשטאנען.

אלע שטעט און שטעטלעך, וואו דער בונד האָט נאָר אן אָרגאניזאציע, האָט מען דעם 9-טן יאנוואר געשטרייקט. אומעטום איז דער שטרייק גיט לייכט אָנגעקומען, אומעטום האָט מען געמוזט קעמפן, און דאָך איז קימאט אומעטום דער שטרייק דורכגעפירט געוואָרן.

אין יעדער שטאָט און שטעטל זיינען פארזאמלונגען פאָרגעקומען אין דעם טאָג, אומעטום זיינען פּראָקלאמאציעס פארשפּרייט געוואָרן, אומעטום האָט די אָרגאניזאציע איר כויוו געטאָן.

און דער אידישער פּראָלעטאריאט האָט נאָך אמאָל באוויזן, און גלענצנד באוויזן, ווי הויך זיין פּאָליטישעס באוואוסטזיין שטייט און ווי שטארק אנטוויקלט ס׳איז זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט.

156. דער מיליטער-פּאָגראָם אין האָמעל.

(קאָרעספּאָנדענץ, „דער וועקער", נומער 19 פון 17 יאַנוואַר 1906).

דעם 9-טן יאַנוואַר אין אָוונט האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע סימאָנים פון דעם צוקונפטיקן פּאָגראָם. צום ערשטן מאָל האָט זיך דאָס ניט איינגעגעבן. דאָס פייער האָט מען איינגעלאָשן. דעם 11-טן האָט מען געהאַרגעט דעם פּאָם. פּריסטאַוו אָסאָנאָוון. דאָס איז געווען דער ענטפער פון די רעוואָלוציאָנערן אַף די אַלע יעסורים, וואָס ער פלעגט זיי אָנטאָן אין אוטשאַסטאָק. אין שטאָט איז גלייך געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניקע, מע האָט באַלד צוגעמאַכט אַלע קלייטן, יעדער האָט זיך געאיילט צו ראַטעווען. און אין דערעמעסן זיינען גלייך אַרויסגעפּאָרן טשערקעסן און לויט דעם באַפעל פון פּריסטאַוו האָבן זיי געשלאָגן און געשטאָכן יעדן פאַרבייגייענדן. 4 מאַן האָט מען געבראַכט אין שפּיטאָל. צווישן די פאַרוואונדעטע געפינען זיך: עווענטאוו, ראַוויקאָוויטש, גינזבורג און נאָך איניקע. אַף מאָרגן איז ווידער אין אָוונט גע-

*) זע דעם פּאָלגנדיקן דאָקומענט.

וואָרן אַ פּאַניקע, ווידער אַ געלאָף, ווידער פאַרמאַכט די קלייטן. דאָס האָט מען איבערגעפירט דעם געהאַרגעטן פּריסטאַוו אין סאָבאָר. אין שטאָט איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אומרואיקער. דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעפאַנגען פרייטיק 4 אַ האַלבע שאָ פאַרנאַכט. די פּאָליציי און די כוליגאַנעס אַן ערעך 30-20 האָבן זיך אַוועקגעקערט פון דער לעוואַיע גלייך אַפן רומיאַנצאָוועער גאַס. אַז די זאַך איז פאָרויס אָרגאַניזירט געווען, אין דעם איז ניטאָ קיין סאָפעק. 4 דעם זייגער איז צו לעווינען אין פאַבריקמאַכערסקע אַריין אַ פּריסטאַוו גאָלן זיך, צו אים איז אַריינגעלאָפן אַ גאָראָדאָוואָי, און האָט אַ געשריי געטאָן: „וואַשע בלאַגאָראָדיע! אוזשע נאַטשאַלאָס!“ מע גיט איבער, דאָס מיט צוויי שאָ פריער איז געקומען צו מיליאַעווען אין דרוקעריי אַ קריסט און האָט דערציילט, דאָס ער האָט געהערט אַ געשפּרעך צווישן פּריסטאַוו און פּאָליצמייסטער. דער לעצטער האָט זיך אויסגעדריקט:

„Надо погулять с молодежью, а потом потрепать лавки“
(מ'דאַרף אַ שפּיל געבן מיט דער יוגנט און נאָכדעם דורכטרייסלען די קראָמען“) דער קריסט האָט געבעטן דאָס אָפּדרוקן אין דער אָרטיקער צייטונג „טרוד“ [39]).

דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם, וואָס אייניקע כוליגאַנעס, די דינער פון שטאָטישן באַנק, שוואנט מיט זיין כעוורע האָבן געשלאָגן אין גאַס אייניקע אידישע באכערים. דערנאָך זיינען זיי אַריין צו סירקינען אין בוכהאַנדלונג, צעריסן די ביכער, באַגאָסן מיט קעראָסין און אונטערגעצונדן. זיי זיינען אַרויסגעלאָפן אין גאַס, אויסגעשאָסן. די פּאָליציי האָט זיך געלאָזן לויפן, קלוימערשט ניט קענענדיק ביישטיין. גלייך האָבן זיי אונטערגעצונדן אנטקעגן באַנאָוויקאָווסקען. דאָרטן האָבן זיי לעבנס-געפערלעך פאַרוואונדעט דעם פריקאַזטשיק שאפּירען, וועלכער איז שוין איצט געשטאָרבן. דער פּריסטאַוו האָט געטראָגן צו אים אַ פּערזענלעכן קאַאַס—מיט אייניקע טעג צוריק האָט שאַפּיראָ ניט אָפּגעגעבן דעם פּריסטאַווס פרוי אַזאַ קאָוועד, ווי עס פּאַסט פאַר איר, און דער פּריסטאַוו האָט אים צוגעזאָגט, דאָס ער וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען.

דאָ זיינען אָנגעקומען טשערקעסן, דראַגונער. אַלע געשעפטן האָט מען גלייך געשלאָסן, די דראַגונער און טשערקעסן זיינען געפאָרן איבערן שטאָט, געשאָסן, פאַרוואונדעט פיל מענטשן. איין מיידל איז פאַרוואונדעט מיט אַ קויל, וועלכער איז דורכגעלאָפן דורך דאָס אויג און אויער; די ליבאַוויטשער שול איז באַשפּריצט מיט בלוט. אומעטום האָט מען געהערט שרעקלעכע קוילעס. אַלע האָבן זיך באַהאַלטן, קיינער האָט ניט געוואַגט אַרויסצוגיין אין גאַס. קיינער האָט ניט געקענט אַפילע טראַכטן וועגן ווידערשטאַנד קעגן כוליגאַנעס, מע האָט קיינעם ניט צוגעלאָזן צו רומיאַנצאָוועער גאַס. און דאָס פייער איז געוואָרן פון מינוט אַלץ גרעסער, דער הימל איז געווען רויט. רומיאַנצאָוועער גאַס האָט געברענט פון דריי עקן.

שטייענדיק אַף מאָגילעווסקי, האָט מען געקענט באַקומען א גענויען בילד וועגן דעם, וואָס קומט פאָר אַף רומיאַנצאָוועער גאַס. דער טעראָר איז געוואָרן

שרעקלעך, מען איז שוין אַרויס אין גאַס, עס איז שוין 8 אַזייגער, אַפן ווינקל באַזאַרנע און מיאַסניצקע שטייען דראַגונער. זיי האַלטן זיך אײנגאנצן רואיק. אָט ווענדעט זיך אַ דראגון צו די אידן: „Драгунам погромы не нужны, драгуны от погромов не наживаются, нам лишь нужно, чтобы было тихо и спокойно“ — „די דראגונען זיינען ניט פאַריגטערעסירט אין פאָגראָם, זיי האָבן ניט פון דעם קיין פאַרדינסט, אונזער ציל איז, עס זאָל זיין שטיל און רואיק“. נאָר וואָס שטייען זיי דאָ? דאָס היטן זיי אָפּ די כוליגאַנעס פון אַן אָנפאַל, זיי לאָזן קיינעם ניט דורכגיין אף מיאַסניצקע און באזאַרנע. אָט הערט זיך אַ שרעקלעכע שיסעריי אין אַ מעשעך פון 5 מינוט. דאָס שיסט מען אין דאָס הויז, וואו עס געפינט זיך עווענטאָויוס געוועלב. וואָס מיינען זיי דערמיט? צי מיינען זיי די עלטערן עווענטאָווס, וועלכן זיי האָבן נעכטן געשטאָכן? און אף מאָרגן דערזועט מען, דאָס אַנטקעגן איז צעראבירט אַ גרויסער גאלאנטעריי-געשעפט.

די דראַגונער רופן צו א באָכער. מיט זיי שטייט אַ גאָראָדאוואי, ער איז טויט שיקער, ער פרעגט נאָר איין זאַך: „וואו איז דאָ ערגעץ נאָענט א גאָלדגעוועלב?“ אַף באַזאַרנע פלאקערט, דאָס פייער ווערט אלץ גרעסער. עס דערנעענטערט זיך אַ גרופע כוליגאַנעס פון סלאָבאָדע. דער גאָראָדאָוואי גייט צו זיי. אין אַ מינוט אָרום הערט זיך, ווי מע ברעכט א געוועלב, מע שיסט, מע פייפט. נאָך 10 מינוט, פון דארטן גייט שוין אַ רויך. די כוליגאַנעס טראָגן שוין צוריק פעקלעך. אַף איזוואָזטשיקעס פאָרן דראגונער, טשערקעסן, טראָגן און פירן גאנצע פעק טיט סכוירע.

נאָר זיי טראָגן פאַנאַנדער די סרייפע נאָך ווייטער. זיי מאַכן אַ פראָבע אונטערצינדן לוביגס געוועלב אף כוזנעטשנע, פון דעם קען זיך פאַרנעמען דער גאנצער „ראָוו“—דער אָרימכטער טייל פון גאַנצן שטאָט. מע גיט די טשערקעסן 6 רובל, און ליובינס געוועלב איז געראַטעוועט. אַף מאהילעווסקי קומען 12 באַנאַכט „אַן אָנשטענדיקע קאָמפּאַניע“. — אַ טשערקעס, אַ דראַגון, אַ כוליגאַן. פאַר מיר אין די אויגן שיסט דער טשערקעס אין דער לופטן, און דער כוליגאַן טוט שוין זיין אַרבעט. דאָס ברעכט מען אַ געשעפט פון אַ זייגערמייסטער, אין אַ מינוט ארום ברענט ער שוין, פון אים וואָלט פאַרברענט געוואָרן גאַנצע מאהילעווסקע, זיי גייען אַוועק, מע לעשט איין די סרייפע. 1 אַזייגער שטעלט מען זיך לעשן אַפן ווינקל זאַמקאָווע און באזאַרנע, מע פרואווט ארויסראטעווען די סכוירע פון די ארומיקע געשעפטן. די טשערקעסן שיסן אויס, אלע צעלויפן זיך. זיי לאָזן אין ערגעץ ניט לעשן, און דער פייער ווערט אלץ גרעסער. דריי באנאַכט איז די גאַנצע שטאָט באַדעקט מיט א רויטן מאַנטל.

די דראַגונער גייען פון הויז צו הויז, זיי זוכן דעמאָקראַטן. מע קויפט זיך אָפּ פון זיי פאַר 1 רובל, פאַר 3. זיי נעמען צו די זאַכן און גייען אַוועק. אט שטעלן זיי אָפּ אין גאַס אַ אידן: ער טראָגט אַ פעקל און דריי קינדער, זיי וואַרפן אַף אים אַ כשאַד, דאָס ער האָט דאָס געגאַנוועט אַף דער סרייפע. ציניש לייגן זיי אים פאַר אָפּטראָגן דאָס אין פאָליציי, זיי נעמען בא אים א

רובל, גייען אָפּ. שיקן אַנדערע, יענע נעמען ווידער א רובל. דער איד איז נעראטעוועט. זיי יאָגן זיך נאָך א אידישן סטודענט, ער לויפט אַריין אין גראנד-אָטעל, זיי לויפן אַריין נאָך אים, די ביקסן זיינען שוין אָנגעלאָדן, זיי זיינען גרייט צו שיסן. צום גליק געפינט זיך דאָ א פּאָלקאָווניק, ער הייסט זיי אוועקגיין.

די גאַנצע נאַכט האָט געברענט האָמעל, מע האָט ניט געלאָשן. אַף מאָרגן איז נאָך דאָס פייער געווען גרויס. עס האָט געברענט דער באזאר און שקאָל-ניקאָווס געשעפט, די פּאַזשארנע פון שטאָט זיינען ניט געקומען. דער בראנד-מייסטער זאָגט, דאָס ער האָט מוירע, מע זאָל אין אים ניט ווארפן קיין באָמבע. פּאָליציי פארשפרייט א קלאנג, דאָס די רעוואָלוציאָנערן האָבן אונטער-געצונדן די שטאָט, דאָס זיי האָבן געוואָרפן א באָמבע, און פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָגראָם. 10 אזייגער קומען אין שטאָט די ארבעטער פון דעפּאָ מיט די פּאָזשארנע מאשינעס. די פּאָליציי האָט זיי פריער ניט געלאָזן קומען, זי באגעגנט זיי איצט אויך זייער פריינדלעך, נאָר זיי זיינען שוין געקומען און דאָס פארבעסערט די שטימונג פון דער אידישער באפעלקערונג.

157. די שטראָף-עקספּעדיציע אין קרעסלאַווקע.

(קארעספּאָנדענץ, „פאלקס צייטונג", נומ. 16 פון 9 מארט 1906).

די שטראָף-עקספּעדיציע איז נאָך ניט אוועק און ווארפט נאָך אירע שרעקן אַף דער באפעלקערונג.

געקומען איז די עקספּעדיציע אומפּאַרהאָפט, קיינער האָט ניט געקענט רעכענען, אז זי וועט קומען, ווייל אין שטאָט איז אין א מעשעך פון 2 כאַ-דאָשים געווען גאַנץ רואיק; די ארבעטער האָבן רואיק געארבעט און געשאפן רייכטום פאר פרעמדע; עס איז אין קרעסלאווקע ביכלאל ניט פאָרגעקומען, אז מע זאָל אָפּנעמען געווער, ראבירן מאָנאָפּאָל-קראָמען, אָדער קאָנפיסקירן געלט א. א. וו. ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין אנדערע שטעט. נאָר קאשעס דאַרף מען ניט פרעגן.

באפאלן איז מען כורינס פאבריק פלוצלונג. די ארבעטער האָט מען שלאָגנ-דיק ארויסגעטריבן פון די שטיבלעך, וואו זיי ארבעטן; אפן הויף פון פאבריק זיינען געשטאנען אויסגעשטעלט צוויי רייען דראגונער און די ארבעטער האָבן געמוזט גיין אין מיטן צווישן די דראגונער, וועלכע האָבן מיט א ווילדע אכזאָריעס געשמיסן מיט זייערע נאגאיקעס, וואו זיי האָבן נאָר געטראָפן; שוין צעבלוטיקטע האָט מען די ארבעטער געבראכט אין שפּייז-צימער פון כורינס הויז. דאָרטן האָט מען צעטיילט די ארבעטער אַף צוויי גרופּעס: גרעסערע רעוואָלוציאָנערן און קלענערע, און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א שרעק-לעכע האריגע. דער פּריסטאוו האָט פּאָ-גע-ייענט פון א צעטל די נעמען, און דער אפיצער מיט די דראגונער האָבן געשלאָגן מיט די נאגאיקעס און מיט די פּריקלאַדן, ניט איבערקלייבנדיק פון קינדער ביז דערוואקסענע מענטשן.

דער אָפּיצער אליין האָט גענומען שלאָגן א קליינעם אינגל, ער זאָל אים אויסזאָגן, וואו עס ליגן באהאלטן די באָמבעס. דאָס אינגל פארשטייט קיין רוסיש ניט, און אנשטאָט צו זאָגן „איך ווייס ניט" האָט ער געזאָגט „איך ווייס"; גלייך האָט מען דאָס אינגל אוועקגעלייגט אף דער ערד, צוויי סאָלדאטן האָבן זיך געזעצט אף די פיס, צוויי אפן קאָפּ און מע האָט אָנגעהויבן שמייסן, ביז דאָס לייב פון אינגל איז געוואָרן אין וואונדן.

איין אינגל האָט געענטפערט, אז ער פארשטייט קיין רוסיש ניט, האָט דער אָפּיצער אים געהייסן שמייסן מיט נאגאיקעס דערפאַר, וואָס ער פארשטייט קיין רוסיש ניט. „רוסיש ברויט עסטו, און ריידן רוסיש פארשטייסט דו ניט, אָט וועסטו וויסן ווי ניט צו פארשטיין", — האָט דער אָפּיצער געזאָגט בעאייס מע האָט דעם אינגל געשלאָגן.

איין אַרבעטער איז שוין געלעגן אַף אַ דיוואַן אַ צעהאַרגעטער, אַ קראַנ-קער און איז שיר פון שוואכקייט ניט געכאלעשט, נאָר אַז ער האָט געבעטן אַ ביסל וואַסער, האבן די סאָלדאטן אים אָנגעפאַנגען שלאגן מיט די פריקלאַדן. אַז ער האט שוין פארשאָלטן די רעגע, אין וועלכער ער האט דאָס וואָרט „וואַסער" ארויסגערעדט.

אַז די אידענע, וואס דינט באַ כורינען אין הויז, האָט אַריינגעטראָגן אַן עמער וואסער, קעדיי אויפצומינטערן די געכאַלעשטע, האָבן איר די דראגונער שרעקלעך צעשלאָגן און ארויסגעטריבן.

די עקזעקוציע האָט געדויערט פון 10 אזייגער אין דערפרי ביז פיר אַזיי-גער פאַרנאַכט. דאס גאַנצע כורינס הויז איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. די געשרייען, די קוילעס פון די געשלאָגענע אַרבעטער זיינען געווען אַזוי שרעק-לעך, אַז שטיינער האבן געקענט פלאצן.

60 אַרבעטער האט דער אָפּיצער אַרעסטירט אָפּצושיקן אין דווינסקער טור-מע. פרייטיק דעם 17-טן האט מען זיי אָפּגעשיקט. די אלע ארעסטירטע זיינען געווען אַזוי צעשלאגן, אַז זיי האבן קיין גאנצן גליד ניט געהאַט. פירנדיק צום באַן, האט מען זיי געשלאגן, אריינזעצנדיק אין די וואגאָנעס—ווידער געשלאָגן, און אַז זיי זיינען געקומען אין דווינסק, האבן זיי איבערגענומען קאַזאַקן און פון דאסניי געשלאָגן.

אַז די עקספּעדיציע האט געענדיקט איר „ארבעט" אַף דער פאבריק, האָט די זיך גענומען צו דער שטאָט. מע האט קיין איינציקן מענטשן ניט דורכגע-לאָזן אין גאַס, וועלכן מע האָט ניט געשלאָגן.

פון אָוונט האבן זיך אָנגעהויבן הויז-זוכונגען און ארעסטן, געפונען האט מען גאָרניט. 15 קריסטן האט מען אַרעסטירט. די סצענעס, וואס זיינען פאָר-געקומען בא די הויז-זוכונגען, זיינען געווען שרעקלעכע. אין צוויי הייזער זיי-נען פאָרגעקומען האַרצרייסנדע סצענעס, וואו די סאָלדאטן האבן געוואָלט שענדן פרויען. אין איין הויז האָבן זיי געוואָלט שענדן אַ יונג מיידל; דאָס מיידל האט פון שרעק באקומען היסטעריקע.

שאַבעס דעם 18-טן באַטאָג האבן די סאָלדאטן אין מיטן גאס געשענדעט א אידישע פרוי פון 40 יאָר און אַ קריסטלעכע פון 25 יאָר.

אין דעמזועלביקן טאָג איז אין שטאָט געווען אויסגעקלעפּט מויראָעס פון נאטשאלניק פון אָטריאַד דאַנילאָוו, אין וועלכע ער פאָדערט אויף די איינוואוינער, אַז ווען זיי וועלן ניט אָפּגעבן דאס געווער אין א מעשעך פון 24 שאָ, וועט ער פארברענען די שטאָט.

די 24 שאָ זיינען אריבער און קיין געווער האט קיינער ניט געבראכט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן סרייפעס, אין שטאָט איז די פּאַניק געווארן נאָך גרעסער ווי פריער. מע האָט אָנגעפאנגען לויפן, וואוהין די אויגן האבן געטראגן. עס זיינען געבליבן אין שטאָט נאָר די עלטערע מענטשן און די גווירים.

דעם 23-טן פעוורואל האָט דער אָפיצער צונויפגערופן די קריסטלעכע באַפעלקערונג און געפאָדערט, אַז אלע זאלן שווערן, דאס ווען עס וועט קומען אַן אגיטאטאָר א רעוואלוציאָנער, זאָלן זיי אים גלייך ארעסטירן און איבערגעבן דער פּאָליציי; זיי זאלן אויך אַלע מאָל אָנזאָגן דער פּאָליציי, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן פון וועלכע עס איז ניט איז פארזאמלונג, אויב זיי וועלן ניט שווערן, — האט דער אָפיצער געזאגט, — וועט ער באָמבארדירן די שטאָט. די קריסטן האבן געשוואָרן. פאַר זיין אוועקגיין האט דער אָפיצער אָנגעזאגט די קריסטן, אז זיי זאלן קיין פארקער ניט האבן מיט די „זשידעס" און ניט מאכן מיט זיי קיין געשעפטן.

אַז ער איז מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג פארטיק געווארן, האט דער אָפיצער צונויפגערופן די אידישע איינוואוינער. ער האט געפאָדערט, אַכוץ וואס ער האט געפאָדערט באַ די קריסטן, אַז זיי זאלן אים ארויסגעבן די אָנפירער פון די קרעסלאוועקער רעוואלוציאָנערן, אפילע ווען זיי זיינען זייערע אייגענע קינדער.

אַז די אידן האבן געשווארן און האבן ארויסגעגעבן די מענטשן, האט דער אָפיצער געמעלדעט, אַז ער לייגט ארויף אַפן שטאט א קאָנטריבוציע פון 30.000 רובל, און אויב מע וועט ניט צאָלן, וועט ער באָמבאַרדירן. דערצו האט ער געפאָדערט, אַז מע זאָל מאכן פאר אים אַ באַל, אלס באווייז, אַז די איינוואוינער פון שטאָט זיינען צופרידן פון זיין קומען.

א דעפּוטאַציע פון די ביידע ראבאָנים און באלעבאטים זיינען געפארן צום גובערנאטאָר אין וויטעבסק, אָבער ער האט זיי געענטפערט, אַז ער קען דעם נאטשאלניק פון דער שטראָף-עקספּעדיציע קיין דייעס ניט זאגן, דערביי האט ער ניט פארגעסן צו זאגן אַ ביסל מוסער דער דעפּוטאציע וועגן אידישע כאַטאָאים.

... פאָרלויפיק איז מען נאָך פון דער עקספּעדיציע ניט פּאָטער און מע לעבט אין שרעק. דאס בילד פון דער שטאָט איז ווי פון א בייס-אוילאָם. די קראָמען זיינען געשלאסן, קיין פור-לייט פאָרן ניט, די גאסן זיינען ליידיק, נאָר ווען ניט ווען לויפט דורך א שאָטן פון אַן עלטערן מענטשן. די, וואס זיינען געבליבן אין שטאָט, גייען ארום מער טויט ווי לעבעדיק. שוין אייניקע נעכט, ווי קיינער מאכט מיט אַן אויג ניט צו, ווייל מע דארף היטן די הייזער, מע זאל זיי ניט אונטערצינדן, ווייל דער אָפיצער האט צוגעזאגט צו פארברע-

בען עטלעכע הייזער, וואו די רעוואלוציאנערן האבן געוואוינט, און די שול וואו עס פלעגן פֿאָרקומען מיטינגען.

... צוויי וואָכן צייט איז שוין אריבער ווי די עקספעדיציע איז צו אונז געקומען און מע זעט נאָך ניט קיין ענד פון אומגליקן און פון צאָרעס. א באפעלקערונג פון 8 טויזנט מענטשן זיינען ארייגעוואָרפן געוואָרן אין הונגער און אין נויט, הונדערטער מענטשן האבן ניט וואו דעם קאָפּ אנידערצולייגן, אין אלע ארומיקע שטעט באגעגנט מען קרעסלאווקער אידן גייען ארום אין די גאסן פארהונגערטע און פארשמאכטע מיט אויסגעלאָשענע אויגן און מיט שרעק אָפן געזיכט. 300 בערשטער זייגען ארויסגעוואָרפן געווארן אָפן גאס און האבן ניט וואוהין א קער צו טאָן זיך. די פרויען און די קינדער ווייסן ניט, וואו זייערע מאנען און טאטעס זייגען אהינגעקומען. מ׳איז געלאפן, וואו די אויגן האבן געטראגן.

158. די אידישע קליי-קוידעש צו הילף דער קאָנטר-רעוואָלוציע.

(„פון דער אידישער גאַס", „פאלקס-צייטונג", נום. 4 פון 22 פעיוראַל 1906)

די מאַכנעס פון די שווארצע מייעס ווערן פולער, עס איז צוגעקומען צו זיי אַ נייער עלעמענט: אידישע ראַבאָנים און שיינע יוסטע באַלעבאַטים.

אַ מילכאָמע מיט דער קראמאלע אין אידישע שטעט און שטעטלעך פון 2 פראָנטן: פון איין זייט, פאָליציי, און פון דער אַנדערער — דער ראָוו מיט די „פניי-האָאיר".

און דער מיטל צום קאַמף זייגען בא אידישע שוואַרצמייעניקעס פאַרשיידענע. אין אַנדערע ערטער פּאָשעטע כוליגאַנסקע מיטלען, מיט דעמזעלביקן נוסעך, וואָס בא די רוסישע שוואַרצע מייעס; און אין אנדערע ערטער — ריין אידישע.

אין טשערניכאוו און גאָראָשקע (וואָלינער גובערניע) — לויט ווי עס שרייבט אונז א. שניידער פון זשיטאָמיר, — האָבן זיך געגרינדעט פאַריינען אונטער דעם נאָמען „כאַוויירים קאָל איסראָעל" און אונטער דער אָנפירונג פון פאָליציי שלאָגט מען און מע אַרעסטירט די אַרבעטער. אין גאָראָשקע האָט מען ארעסטירט אף דעם אויפן 4 אַרבעטער. אין טשערניכאָוו האָט מען אַרעסטירט אלע אַרבעטער, וועמען מע האָט נאָר געטראָפן, אַפילע קינדער פון 10-12 יאָר. דיזעלבע קאָל-איסראָעלניקעס האָבן זיך אַריינגעריסן בא די אַרבעטער אף די קווארטירן און געמאַכט דאָרטן א פולשטענדיקן פּאָגראָם. די אַרבעטער האָבן געהאַט אַן אָוונט-שול, וואו מע פלעגט זיי לערנען לייענען און שרייבן. האָבן די אידישע כוליגאַנעס זי אינגאַנצן כאָרעוו געמאַכט.

די אַרבעטער, וועלכע זיינען זיך צעלאָפן און מע האָט זיי ניט געקענט שלאָגן, האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיט זייערע עלטערן. אין זשיטאָמיר האָט מען געבראַכט 2 פאַרוואונדעטע.

און אויב די אידישע שוואַרצע מייעס אין טשערניכאָוו און גאָראָשקע האָבן

פאָשעט נאָכגעטאָן זייערע רוסישע כאַווײרים און געמאכט פאָגראָמען מיט דעם אַלטן נוסעך, קעדיי אויסצוראַמען די קראַמאלע, האָבן די אידישע שוואַרצמייעניקעס אין ראַדין (וואָלינער גוב.) זייערע אייגענע מיטלען, ריין אידישע, אַזעלכע מיטלען, וואָס מע האָט שוין פון זיי לאַנג ניט געהערט.

דאָס שטעטל ראַדין האָט איר אייגנס א ראָוו, און שוין איין מאָל א ראָוו! רעב איסראָעל-מייער דער ראַדינער איז א מעפורסעם מיט זיין סייפער „כייפעץ כאַיים", וואָס ער האָט געשריבן וועגן די האַרבע אַווײרעס, וואָס מע טוט מיט דער צונג. ער ווייס פון זיך, וואָס פאר א קויעך די צונג האָט, וועלכע צאָרעס זי קען אָנמאַכן, ווען זי ליגט אין א שלעכט מויל. אָט דערזעלביקער ראָוו האָט זיך גענומען צו דעם אַלט פאַראָסט ראַבאָניש געווער — דער איסער, דער כיירעם — און איז ארויס אף מילכאָמע מיט דער אידישער קראַמאלע.

אין דעם שטעטל ראַדין איז א איסער און א כיירעם נאָך א שטאַרקעס געווער, און אז רעב איסראָעל-מייער האָט א סטראַשע געטאָן דעם ראַדינער אוילאַם מיט א כיירעם, אויב זיי וועלן האָבן א פאַרקער מיט די קראַמאלניקעס, האָט דאָס מער געהאָלפן ווי א גאַנצער טוץ זאַקאָנעס וועגן אכראַנע. מע שרייבט אונז פון ראַדין: „דער ראָוו רעב איסראָעל-מייער האָט ארויפגעלייגט א איסער אף פאַרזאַמלונגען. עס איז אומעגלעך אפילע פאר 3 מענטשן זיך צו פאַרזאַמלען אין א הויז. אויב עס קומען וואו עס איז צונויף דריי יונגע לייט, פארלאַנגט דער באַלעבאָס פון קוואַרטיר, אַז מע זאָל זיך פאַנאַנדערגיין, ווייל ער האָט מוירע פארן כיירעם. מאַסערן אַרבעטער אין דער פאָליציי איז שוין גאָר א קלייניקייט.

דאַרף קומען אין ראַדין א לערער, און רעב איסראָעל-מייער איז אים כוישעד, אז ער איז פון די „יעניקע" (וואָרום ווי איז דאָס א לערער ניט פון די „יעניקע"?), שיקט ער זאָגן דעם באַלעבאָס פון קוואַרטיר, אז ער זאָל דעם לערער בא זיך ניט האַלטן און איז דערביי מוידיע אין שטעטל, אַז קיינער זאָל דעם קראַמאלניק קיין קוואַרטיר ניט פארדינגען. און אז רעב איסראָעל-מייער זאָגט, וועט שוין א ראַדינער באַלעבאָס פאָלגן, אַז ניט — א כיירעם...

פון וואַנען די ראַדינער באַלעבאַטים האָבן גענומען, אז 3 איז א פאַרזאַמלונג, איז שווער צו וויסן, עפשער איז דאָס אויך אן ערפינדונג פון זייער ראָוו, אָבער ווער האָט זיי געזאָגט, אַז מע מעג מאַסערן? עפשער אויך דער ראָוו? א קאַשע אף רעב איסראָעל-מייערן! ער שרייבט דאָך עפעס ספאָרים מיקויעך „אַווײרעס פון צונג", עפשער האָט ער טאַקע געפונען א העטער אף מעסירע! אַ ראָוו אַ לאַמדן קען אלץ געפינען. ביפראַט אז עס איז נויטיק אין דער מילכאָמע-צייט מיט דער קראַמאלע.

פאר די אַרבעטער אין טשערניכאָוו און גאָראָשקע האָבן זיך אָנגענומען זייערע כאַווײרים פון אַנדערע שטעט. א טשערניכאָווער און גאראשקער „קאָל-איסראָעלניק", אז ער קומט וואו עס איז אין א דערבייאיקע שטאָט אָדער שטעטל, לאָזט מען אין א הויז ניט ארײן, עס איז אזוי ווייט געקומען, אז די שיינע כעוורע „כאַווײרים קאָל-איסראָעל" פון דיביידע שטעטלעך האָט געשיקט דעלעגאַטן אין זשיטאָמיר איבערריידן מיקויעך א שאָלעם! אָבער פאר

די ראַדינער האָבן זיך נאָך פאָרלויפיק קיין כאַווײרים ניט געפונען, ווער עס זאָל זיך פאר זיי אָננעמען און די דאָרטיקע שווארצע מייע מיט רעב איסראָעל מייערן בעראָש פירן די מעמשאָלע, אַז די ראַדינער יוגנט איז דאָס לעבן ניט מעס געוואָרן.

און דורנאָוואָ אין פעטערבורג ווייס געוויס ניט, וואָס פאר א טייערן העלפער ער האָט אין דעם ראַדינער ראָוו, אין דעם מעכאַבער פון „כייפעץ כאַים”, אַ ראכמאָנעס אָף רעב איסראָעל-מייערן. ער וואָלט געוויס שוין לאנג א נאַגראַדע באקומען, ווען מע וואלט פון זיינע מאַיסים אין פעטערבורג זיך דערוואוסט.

נאָר — טאַטע, דו לאַכסט — אַז אָך און וויי דיין געלעכטער... אַז ראַבאָנים האַלטן מילכאָמע מיט דער רעוואָלוציע, איז קיין וואונדער ניט. פון קלעריקאַלן קען מען וואָס אנדערש ניט וואַרטן: אין דעם פראַט איז א ראָוו ניט אנדערש פון א גאלעך, נאָר אַז עס געפינען זיך שטעטלעך בא איצטיקער צייט, וואו א כיירעם און א איסער איז נאָך א שטארקעס געווער, דאָס איז געוויס טרויעריק.

159. „די רעאַקציע און די רעוואלוציע”.

(אויפרוף פון פוילישן ראַיאָן-קאָמיטעט פון בונד)

דאָס מעכטיקע ארויסטרעטונג פון דעם פראָלעטאַריאַט אין די אקטיאבערטעג האָט געצווינגט דער רעגירונג ארויסצוגעבן דעם „באַרימטן” מאַניפעסט וועגן פאלקס־פרייהייט און פאָלקס-פארטרעטונג; און איצט סטאַרעט זיך די רעגירונג מיט אלע אירע טאַטן אויסצואוואָרצלען יעדע ערינערונג וועגן אים.

אין דעם מאַניפעסט איז געווען צוגעזאָגט פרייהייט פון וואָרט—און יעדע פרייע וואָרט ווערט געשטיקט און געדריקט, די אָפאָזיציאָנעלע צייטונגען ווערן פארמאַכט, די דרוקערייען פאַרכאַסמעט; אף דער פרעסע איז ווייטער אויפגעהאנגען געוואָרן דער שווערער שלאָס פון דער צענזור.

דער מאַניפעסט האָט צוגעזאָגט פרייהייט פון פאַריינען און פאַרזאמלונגען — און די פאָליטישע קלובן ווערן פאַרמאכט, אַלע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען ווערן צעשטערט, די ביכער און די געלט קאָנפיסקירט, די פארזאמלונגען ווערן צעיאָגט, און גאַנץ אָפט ענדיקן זיי זיך מיט בלוטפאַרגיסונגען.

דער מאניפעסט האָט צוגעזאָגט אומבאַרירלעכקייט פון פערזאָן — און גאַנץ רוסלאַנד איז פאַרוואנדלט אין א קריגס-לאַגער; די רוסלענדישע באַפעלקערונג איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רעשוס פון פארשיקערטע גענעראלן, וועלכע דארפן איינשטעלן אָרדענונג אין לאַנד. די „הייליקע” ארמיי, וועלכע האָט געהאט די גרויסע מאַפאָלע אָפן ווייטן מיזרעך, צייכנט זיך גוט אויס אין דעם קאַמף מיט דעם אינערלעכן סוינע; ווי רויבער און מערדער, גאנצע מאכנעסווייז, באפאלן זיי אף שטעט און דערפער, און ס'איז אומעגלעך איבערצוגעבן זייערע אכזאָריעסדיקע מאַיסים. אין די דערפער, וואו עס קומען פאָר פויערים-

אומרוען, פאלן אָן ווי היישעריקן די קאָזאַקן, מע ארעסטירט די פויערים מאסנווייז, מע שיסט יונג און אַלט, מענער און פרויען. מע קאָנפיסקירט פארמעגנס, מען לייגט ארויף גרויסע געלט-שטראָפן.

אין האָמעל איז ווידער א פּאָגראָם, עס טרעטן ארויס באנדעס טשערקעסן, דראגונער מיט דעם פּאָליצמייסטער אין דער שפּיץ און צעראבירן צענדליקער אידישע קראָמען, צינדן אונטער הייזער און מאַכן אין שטאָט א כורבן.

אין קאַווקאַז, אין דעם באלטישן געגנט קומען פאָר שרעקלעכע הארינעס: מע שמייסט, מע פייניקט, מע שיסט הונדערטער אומשולדיקע מענטשן אָן סוד, אָן מישפּעט, לויט דעם פרייען ווילן פון די בלוטדורשטיקע אָפיצערן.

גאנץ פוילן איז אָפּגעגעבן אין דעם רעשוס פון דעם אומזיניקן סקאלאָן און זיינע אגענטן, וועלכע מאכן דעם לעבן אין פוילן אומערטרעגלעך. אין טשענסטאכאוו שיסט מען אין גאַס מענטשן נאָר דערפאר, וואָס באגעגענדיק דעם פּאטרול, נעמען זיי אזוי גיך ניט ארויס די הענט פון די קעשענעס; דער קאלישער גענעראל-גובערנאַטאָר גיט ארויס א באפעל, אַז מע וועט שיסן יעדערן, בא וועמען מע וועט געפינען געווער. אויב מע וועט געפינען בא ניט דערוואקסענע קינדער, וועט מע שיסן זייערע עלטערן. אין מעזעריטש מאכן קליינע קינדער א מאניפעסטאציע און די סאָלדאטן באַשיטן מיט קוילן די רואיק שפּאצירנדע פּובליקום — און עס פאלן פיל ראנירטע. אין סעדלעץ אַרעסטירט מען מענטשן אין א קאוויארניע און צעהארגעטע פירט מע זיי אָפּ אין שפּיטאל. און אזוי אומעטום. מע פּאקט די טורמעס, מע שמייסט, מע פייניקט, מע שיסט, מע הענגט, מע מאכט כאָרעוו שטעט און דערפער.

און דאָס אלץ, סטארעט זיך איינשמועסן די רעגירונג, איז נויטיק קעדיי וואָס גיכער צוזאמענרופן די גאָסודארסטווענע דומע, דורכצופירן אין לעבן די אַלע צוגעזאָגטע רעפאָרמען.

נאָר וועמען וויל די רעגירונג נארן? אויב בא אייניקע שיכטן פון דער בורזשואזיע איז נאָך ניט אויסגעלאָשן געוואָרן די האָפענונג אף דער גאָ-סודארסטווענער דומע, דערפאר אָבער האָט דער פּראָלעטאריאָט קימאט ווי ניט אָנגעהויבן גלויבן אין די האפטאָכעס פון דער רעגירונג. ווי דער מאניפעסט איז פארעפנטלעכט געוואָרן, האָט די סאָצ.-דעמאָקראטיע אויסגענוצט די פריי-הייטס-טעג און ערקלערט די ברייטסטע מאסן, אַז זיי טאָרן ניט גלויבן אין די צוגעזאָגטע פרייהייטן, קאלזמאַן די פּאָליטישע מאכט געפינט זיך ניט אין די הענט פון די פּאָלקס-פארטרעטער, נאָר אין די פארבלוטיקטע הענט פון דער גאנצער באנדע זעלבסטהערשער.

דער פּראָלעטאריאט בינדט ניט צוזאמען זיינע האָפענונגען מיט דער אי-בערגעניצעוועטער גאָסודאַרסטווענער דומע, וועלכע קען אים גאָרניט געבן און דינט דער רעגירונג אַלס מיטל צו דערלענגערן איר זינדיקע עקזיסטענץ. ער גלויבט נאָר אין דער רעוואָלוציע, וועלכע וועט אינגאנצן פארניכטן די זעלבסט-הערשונג און וועט איבערגעבן די פּאָליטישע מאכט אין די הענט פון דער גרינדונגס-פארזאַמלונג.

די ווילדע רעפּרעסיעס פון דער רעגירונג קאָנען ניט שווער מאכן די

הערצער פון די פראָלעטאריער, זיי טאָרן ניט אַריינפאלן אין א פארצווייפלונג. דעם דעקאבר-שטרייק האָבן מיר פארשפילט. מיר האָבן אָבער ניט פארשפילט די רעוואָלוציע. אַ רעוואָלוציע איז ניט קיין איינאַקטיקער שלאכט, נאָר דאָס איז אָ לאנגדויערנדער שטורמדיקער קאמף, וועלכע פריער אָדער שפעטער מוז זיך ענדיקן דערמיט, וואָס די פאָליטישע מאכט גייט איבער אין די הענט פון די נייע אויסגעוואקסענע פאָליטישע קויכעס. ס׳קען פארשפילט ווערן די אָדער יענע אַרויסטרעטונג, די רעוואָלוציע אָבער גייט זיך מיט איר גאנג — קיין קראפט קען איר ניט אָפשטעלן.

דער רעגירונג האָט זיך איינגעגעבן אף א ווײַלע אָפשוואכן די רעוואָלוציע, זי האָט אָבער ניט פארניכטעט די אורזאכן, וועלכע האָבן די רעוואָלוציע אַרויסגערופן; פארקערט, מיט אירע לעצטע מאיסים האָט זי זיי נאָך פאר-גרעסערט. דער עקאָנאָמישער לעבן איז צערודערט; דער האנדל שטייט; אין דער אינדוסטריע הערשט א קריזיס; צענדליקער טויזנטער ארבעטער גייען אָן ארבעט; דער הונגער צווישן די פויערים פארשטארקט זיך, און ווי מע קען שוין איצט פאָרויס זעען, וועט אין דער נאָענטער צוקונפט אויסברעכן אַן אלגעמיינער פויערים-אויפשטאַנד. די צאָל פאַפירענע געלט וואקסט, דער גאָלד-פאָנד ווערט אלץ קלענער און דער באנקראָט פון דער רעגירונג איז נאָענט. אין דערזעלבער צייט רעוואלוציאָניזירן די רעפרעסיעס די ברייטע פאָלקס-מאַסן. ווען אין גאַנצן לאנד איז א כורבן, ווען ס׳גיסן זיך טייכן אומ-שולדיקע בלוט און א שווארצע כמארע פון שרעק און פאַכאד הענגט איבערן גאַנצן לאנד, ווען קיינער איז ניט זיכער אין זיין פאַרמעגן, אין לעבן, — דאן ווערט יעדער איינוואוינער א רעוואלוציאָנער.

און טאָג צו טאָג קלייבט זיך די רעוואלוציאָנערע ענערגיע, ס׳וואקסן די קויכעס פון פראָלעטאַריאַט, און נאָענט איז דער מאָמענט, ווען ער וועט ווידער מעכטיק ארויסטרעטן און געבן דעם לעצטן קלאַפּ דער זעלבסטהערשונג.

ניט אראפלאָזן די קעפּ, ניט מיט שווערע הערצער דארפן מיר ערווארטן די צוקונפט, נאָר מוטיק, דרייסט דארפן מיר זיך גרייטן צום באוואפנטן אויפשטאַנד.

און ער איז נאָענט.
נידער מיט דער בלוטיקער זעלבסטהערשונג!
עס לעבע די רעוואָלוציע!
עס לעבע די דעמאָקראטישע רעפובליק!
עס לעבע דער סאָציאַליזם!

דער פוילישער ראַיאָנער קאָמיטעט פון „בונד“.

פינפטער טייל.

די ערשטע דומע.

א יי נ ל יי ט ו נ ג.

די רעוואָלוציע איז אַפן שייד-וועג.

זי פּרואווט דורכן אַקטיוון באַיקאָט פון דער ערשטער דומע אַראָפּראַמען איר פון וועג, אַזוי ווי דאָס איז געווען מיט בוליגינס דומע. דידאָזיקע טאַקטיק העלפט באַקעמפן די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס און צוזאַמענקלייבן דעם פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד אַרום דעם אַלטן לאָזונג פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד. די דומע קומט זיך אבער צונויף און פארוואנדלט זיך אין א פלאץ פאר דער דעמאָנסטרירונג פון פּויערשער אומצופרידנהייט און ליבעראַלער קאַדעטישער [40] פּאָליטיק. לויט איר צונויפשטעלונג קאן ניט די דומע פארוואנדלען זיך אין אן אקטיוון רעוואָלוציאָנערן צענטר, וואָס זאָל ווייטער פארזעצן דעם באוואָפנטן קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. זי טויג אָבער אויך ניט פאר דער צאַרישער מאכט, וועלכע האט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער אידייע פון פולשטענדיקער רעסטאַוראַציע. די קאַדעטן פירן א פּאַרלאַמענטאַרישן קאמף און הינטער-קוליסן-פּאָליטיק פאר א קאדעטישן מיניסטעריום. די מענשעוויקעס מיט פּלעכאַנאָוון בעראָש שטיצן אונטער אָט דעם לאָזונג. קעגן דער אידייע פון שטיצן די גאנצע דומע און די קאַדעטן רוקט דער באָלשעוויזם ארויס דעם לאָזונג פון ארבעטער-פּויערשן לינקן בלאָק.

אין דער אידישער ארבעטערשאפט איז די אלגעמיינע פּאָליטישע שטימונג אויסגעשפּראָכן אנטי-מענשעוויסטיש. אַלע ריכטונגען מיטן „בונד“ צוזאַמען האָבן באָיקאָטירט די ערשטע דומע און זאָגן זיך שאַרף ארויס קעגן דעם לאָזונג פון קאדעטישן מיניסטעריום. די אָביעקטיווע באדינגונגען האָבן זיך אין „טכום“ גאָרניט געענדערט. גאנץ פּוילן איז אונטער מיליטערישער אָקופּאַציע און פילט ניט קיין פרייהייטן. אין גאַנצן „טכום“ ברייטערט זיך די פּאָגראָם-העצע, וועלכע ברענגט צום ביאַליסטאָקער מיליטער-פּאָגראָם.

אין דומע אין די רייען פון דער קאַדעטישער פראקציע זיצן די אידישע בורזשואזע דעפּוטאטן, וואָס האָבן געוואָלט פירן א קאמף קעגן דער אידישער רעכטלאָזיקייט. די פּרעסע האָט זי שוין געגעבן דעם נאָמען „גרויסע שווייגער“,

אין דומע זעצן זיי פֿאַר די אַלטע אידישע שטאַדלאָנעס־פּאָליטיק און האָבן נאָר
איין ציל און איין טאַקטישע ליניע: ניט אַריינבריינגען אין קאַאָס דעם פֿאָרעץ.
דאָס איז די אידישע אויפֿלאַגע פֿון קאַדעטן און אַזאַ קאַדעטישן מיניסטעריום
זאָלן דאָס די אידישע אַרבעטער אונטערשטיצן?.. דער רעוואָלוציאָנערער פּראָ־
צעס אין לאַנד איז נאָך אָבער שטאַרק. די אידישע אַרבעטער פֿילן זיך פֿאַר־
בונדן מיטן גאַנצן רוסישן פּראָלעטאַריאַט. עס זיינען ניטאָ קיין יאוש־שטימונ־
גען. די שטימונג איז, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, באָלשעוויסטיש.

אין פּאַרטיי־לעבן פֿון אַלע פּאָליטיש־דענקנדע שיכטן פֿאַרנעמט אַ בעקאָ־
וועדן אָרט די פֿראַגע וועגן פֿאַרייניקונג פֿון „בונד" מיט דער ר. ס. ד. א. פּ.
געשטעלט איז די פֿראַגע אַלס אַן אויספֿירונג פֿונם אַלגעמיינעם לאָזונג פֿון קאָנ־
צענטרירן אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפֿטן. דער דראַנג פֿון אונטן האָט געשטויסן
אַף אָט דעם וועג פֿון פֿאַרייניקונג. די פֿאַרקלענערונג פֿון דער פּאָליטישער
ראָלע פֿון „בונד", ריכטיקער געזאָגט, די רעאַלע קרעפֿטן־פֿאַרהעלטעניש, וועל־
כע מע האָט פֿריער ניט געוואָלט זען, האָבן געשטויסן צו פֿאָלגן דעם באַפֿעל
פֿון אונטן. פֿאַר דער נאַציאָנאַל־קליינבירגערלעך געשטימטער אידישער געזעלשאַפֿט־
לעכקייט איז דאָס געווען אַ פֿראַגע וועגן נאַציאָנאַל־פּאָליטיק. דער לאָזונג פֿון
אַ אידישער קאָלאָ אין דומע האָט געפֿאָדערט, אַז אויך די אידישע אַרבעטער
זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון זייער קלאַסנפּאָליטיק. אַלס נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, האָט דער
„בונד" געגעבן פֿיל האָפֿענונגען, אַלס אַ טייל פֿון ר. ס. ד. א. פּ. האָט ער גע
קאָנט ווערן אַן אָפּגעזונדערטער צווייג, אַ נאַציאָנאַלער פֿאַרטרעטער. אין דער ריכ־
טונג האָט געפֿירט איר קאַמפּאַניע די גאַנצע אידישע און אידיש־רוסישע פּרע־
סע: ציאָניסטן, קאַדעטן, ס. ס., „פּויאַלע־ציאָן", י. ס. און ד. גל. אינדערזעל־
בער ריכטונג האָט אייגנטלעך געאַרבעט די אינעווייניקסטע בונדישע אָפּאָזי־
ציע קעגן פֿאַרייניקן. מיט גרויזאַמע בילדער פֿון אומפֿאַרמיידלעכן אונטערגאַנג
פֿון „בונד" האָבן זיי געשראָקן די נאַציאָנאַל־אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער —
זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל. — די „יאָ־זאָגער" האָבן אָנגעהויבן די קאַמפּאַ־
ניע מיט אַ פֿיל שטאַרקערן אימפּעט. עס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן פֿאַר
אַלעמען, אַז די פֿאַרייניקונג איז אומפֿאַרמיידלעך. דער אַלגעמיינער ציל איז
געוואָרן „ראַטעווען דעם בונד" אין דער נייער סיטואַציע. די רעזאָלוציע פֿון
צוזאַמענפֿאָר רעדט וועגן „פֿאַנאַנדערגעוויקלטע פֿאָנעס" און צייכנט אָן אַ גאַנ־
צע סטראַטעגיע פֿון אינעווייניקסטן קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַל־אָפּגעגרעניצטער עק־
זיסטענץ. דער נאַציאָנאַליזם האָט נאָר געענדערט זיין טאַקטיק. ס'איז ניט קיין
צופֿאַל, וואָס אָט די רעזאָלוציע איז געווען אָנגענומען אַף דעמזעלבן צוזאַמענ־
פֿאָר פֿון „בונד", אַף וועלכן ס'איז אָפּן געמאַכט געוואָרן אַ קער צו מענשע־
וויסטישער פּאָליטיק אין אַלגעמיינע פּאָליטישע פֿראַגן.

XXIII. באָיקאָט פון די וואַלן אין דער ערשטער דומע.

160. „נידער מיט דער גאָסודאַרסטווענער דומע!"

(אויפרוף פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד).

דעם צאַרס רעגירונג האָט ווייטער געשטעלט אַ נעץ אַפן וועג פון די פאָלקס-מאַסן. דעם 11-טן דעקאַבר האָט מען ארויסגעגעבן אַ נייעם געזעץ וועגן די וואַלן אין גאָסודאַרסטווענע דומע.

עס איז דער אַלטער בוליגינס געזעץ. מיט אַלע זיינע שפּיצלעך און האַמ-צאָעס. מע האָט אים אַביסל אויסגעפּוצט, מע האָט אים צוגעגעבן א נייע געשטאלט, דער אינהאלט איז געבליבן דער אַלטער... דער ציל האָט זיך ניט געביטן.

ווי פריער, וועלן די אַרבעטער ניט האָבן אין דומע זייערע דעפּוטאטן. ווי פריער, איז די דומע אפּגעגעבן אין די הענט פון אַלע סאָרטן רעאַקציאָנערן, ווי פריער, איז באַוואָרנט אלעס, אַז די דומע זאָל ניט זיין קיין עמעסע פאַר-טרעטונג פונם פאָלק.

אַלע אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן, וואו עס איז דאָ ווייניקער פון 50 מאַן, האָבן גאָרניט קיין שטים-רעכט. דערמיט האָט מען אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פון די וואַלן אַ גרויסן טייל אידישע אַרבעטער. אַלע איבעריקע האָט מען געשאָנקען דריישטופּיקע וואַלן. די אַרבעטער ווערן איבערגעזיפּט אין דריי זיפּן. מע לאָזט זיי ניט אויסקלייבן די סאַמע אויפגעקלערטע און רעוואָלוציאָנערע. מע לאָזט זיי ניט האָבן אין דומע קיין אייגענע דעפּוטאַטן. די צאָל פון די אויסגעקליבענע ארבעטער אין יעדער גובערניע ווערט פאַרשוואונדן צווישן די בורזשואזע דעפּו-טאטן. יעדער קלאס קלייבט באזונדער דעפּוטאטן פון דער גובערניע. יעדער קלאַס באַקומט שטימען ניט וועדליק די צאָל פון די ווײלער, נאָר וויפל עס טויג דעם צאַר מיט זיינע באַהעלפער, קעדיי צו פאַרהיטן זיך פאַר עמעסע פאָלקס-פאַרטרעטער.

עס איז די אַלטע פּאָליטיק פון דעם אַלטן רוסישן צאַריזם.

ווען דער פּראָלעטאריאַט האָט אַרויפגעלייגט זיין אייזערנע האַנט אַפן האלז פון די אַלטע טיראַנען, האָבן זיי אין טויט-שרעק פאַרשפּראָכן רעפאָרמען, ווען

עס איז געקומען די צייט צו ערפילן, האָבן זיי געשטעלט אַ מאַציייווע אַף זייערע אַלע האַווטאָכעס.

דעם צאַרס רעגירונג וויל באַשאַפן אַ דומע נאָר לעפּאָנים. זי וויל צונויפרופן אַזאַ פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל טאָן געהאַרכזאַם דעם ווילן פון דער אויבערפאָליציי.

אָט צוליב דעם לאָזט זי ניט צו אין דומע קיין אַרבעטער און קיין ראַדיקאַלע עלעמענטן. אָט צוליב דעם זעצט זי אין טורמעס טויזנטער פאָליטישע טוער און פאַרמאַכט איין צייטונג נאָך דער צווייטער. אָט צוליב דעם פירט זי איין אויסערגעוויינלעכע אויפזיכט און קריגס-צושטאַנד, וואָס מאַכן ניט מעגלעך קיין שום פאָליטישע אַגיטאַציע. אָט צוליב דעם האָט זי געשטעלט די וואַלן אינעם רעשוס פון פאָליציי און באַאַמטע, אָט דעריבער האָט זי פאַקטיש פאַרבאָטן פאַרזאַמלונגען, פאַריינען און פאָליטישע פּאַרטייען, און דער קולאַק פון אַ פאָליציי-מאַן איז געוואָרן דער איינציקער געזעץ.

די זעלבסטהערשונג האָט איינגעשמידט רוסלאַנד אין אַ פאַנצער פון ביקסן און שווערדן, זי האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דער געזעלשאַפט אַן אָפענע מויל פון אַ האַרמאַט און הייסט אין אַזאַ לאַגע גיין קלייבן פאָלקס-פאַרטרעטער.

וואָס פאַר אַ טייוואָלישער כויזעק!

עס איז דאָ געבליבן דער אַלטער ציל. באַרויִקן די צערודערטע בורזשואַזיע מיט אַ קלוימערשטן פאַרלאַמענט, געבן איר אַ האָפענונג, אַז אירע פאָרשטייער וועלן זאָרגן פאַר איר טויווע, פאַרשטאַרקן איר שטרעבן צו אָרדענונג און רו, פאַרטיפן איר פיינדשאַפט צו דער רעוואָלוציע און די רעוואָלוציאָנערן און מיט דער הילף פון סאָלדאַטן, זשאַנדאַרמען און פאָליציסטן דורכפירן די וואַלן אַזוי, אַז אין דומע זאָלן זיך פאַרזאַמלען די ערגסטע פיינד פונם פאָלק, אַלע טיפּסטע רעאַקציאָנערן.

אַ שטיקל מאַטאָנע — אַ שאָטן פון מאַטאָנע! — דער בורזשואַזיע, אַ שטיצע אין אַלע ווילדסטע טאַטן — דעם צאַריזם, און רעכטלאָזיקייט און אונטערדריקונג ווי פריִער — דעם פּראָלעטאַריאַט. אָט דאָס דאַרף געבן די נייע גאָסודאַרסטווענע דומע!

צי איז מעגלעך, כאַוויירים, אַז איר זאָלט מיטהעלפן דערצו? צי איז מעגלעך, אַז איר זאָלט גיין צו די וואַלן, אַז דורך אייערע שטימען זאָלן די דעפּוטאַטן אין דומע באַקומען דאָס אויסזען פון פאָלקס-שילוכים? צי דען וועט איר געבן דער רעגירונג אַ מעגלעכקייט צו יאָגן אייך אינעם נאָמען, קלוימערשט, פון אייערע אייגענע אויסגעקליבענע? צי דען וועט איר געבן אייער סוינע אַ געווער אין האַנט צו מילכאָמע האַלטן קעגן דער רעוואָלוציע?

ניין, כאַוויירים! מיר האָבן פאַר זיך איין וועג — **דעם וועג פון דער רעוואָלוציע**. מיר האָבן פאַר זיך איין פאָדערונג: **אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אַפן גרונט פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און געהיימען וואַל-רעכט**. מיר האָבן נאָר איין מיטל דאָס צו דערגרייכן: **אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד**. מיר דאַרפן ניט און קענען ניט אונטערשטיצן מיט אונזער אייגענעם ווילן דעם צאַריזם; מיר דאַרפן אָפּשאַפן אין

רוסלאַנד די מעמשאָלע פון אַ מיילעך און איינפירן אַ דעמאָקראַטישע רע־פובליק.

און ניט דערויף האָט דער פּראָלעטאַריאַט בעראָש פון אַלע פאָלקס־מאַסן געגאָסן זיין בלוט היינטיקס יאָר אין אַלע גאַסן, אַז ער זאָל באַשאַפן דער בורזשואַזיע אַ שטיקל פּאַרלאַמענט און אַליין בלייבן אָן רעכט, אָן פרייהייט, אָן אַ מעגלעכקייט צו פירן אָפן זיין קלאַסן־קאַמף. ניט דערויף האָט די רעוואָ־לוציע געשטורעמט דאָס גאַנצע יאָר מיט אַזאַ גרויסן פייער, אַז זי זאָל זיך ענ־דיקן מיט אַ פּאַרלאַמענט אַף קאַטאָוועס, מיט אַ פאַרשטאַרקטער צאַרישער מעמ־שאָלע, מיט דער אַלטער הערשאַפט פון פּאָליציי, מיט די אַלע פריערדיקע און נאָך נייע נאַציאָנאַלע רעדיפעס.

ניין, כאַווירים! די רעוואָלוציע איז ניט געענדיקט! דער קאַמף דויערט ווייטער. דער ציל איז באַ אונז דער פריער־דיקער.

מע וויל אונז שטעלן אָפן וועג די דומע — נידער מיט דער דומע! מע וויל אונז פאַרנאַרן צו די וואַלן — נידער מיט די וואַלן, נידער מיט די צאַרישע האַמצאָעס!

מיר טוען אונזער פריערדיקע אַרבעט — די אַרבעט פון דער רעוואָלוציע. מיר פאַרייניקן אונזערע קרעפטן און גרייטן זיך צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. פאַר אונז איז ניטאָ קיין דומע! מיר פאַרשרייבן זיך ניט אין די רייסטערס, אַפילו ווער ס'האָט יאָ רעכט; מיר ווילן ניט וויסן פון קיין פּאָליצייאישע קאַנצעליאַריעס, מיר פאַרנעמען זיך ניט מיט דער שעדלעכער שפּיל פון די וואַלן. נידער מיט אַלע אַזוינע נידער־טרעכטיקע שפּילן!

מיר פירן ווייטער אונזער רעוואָלוציאָנישע מילכאָמע, דידאַזיקע מילכאָמע פאָדערט פון אונז, אַז די וואַלן פון דער בורזשואַזיע זאָלן אויך ניט פאָרקומען, אַז די דומע זאָל גאָר ניט באַשאַפן ווערן, אַז דער צאַר מיט זיינע מיניסטאָרן זאָלן ניט באַקומען קיין שטיצע. מיר דאַרפן ניט דערלאָזן בויען אַ צוים פאַר דער רעוואָלוציע! מיר דאַרפן ניט דערלאָזן שמידן געווער קעגן אונז אַליין.

מיר דאַרפן רופן די גאַנצע באַפעלקערונג זיך אָפּזאָגן פון די וואַלן אין דומע. מיר דאַרפן אויך ווייזן אַלעמען, אַז ניט די דומע וועט באַפרייען דאָס לאַנד, אַז ווער עס פאַרנעמט זיך מיט וואַלן אין איצטיקער צייט, דער העלפט נאָר דעם צאַריזם צו פאַרשטאַרקן זיין מאַכט. מיר דאַרפן רופן אַלע פריינט פון פרייהייט — באָיקאָטירן די דומע.

מיר דאַרפן דערמאָנען, אַז מיט די וואַלן אין דומע פאַרקויפט מען די פרייהייט פון פאָלק.

וועלן זיך אָבער געפינען אַזוינע פאַרעטער, וואָס וועלן גיין צו די וואַלן, וועלן מיר זיי ניט לאָזן! זיי וועלן זיך צוזאַמענריידן, ווי בעסער זיך באַדינגען מיט דער רעגירונג, — מיר וועלן קומען מאַסנווייז (און דאַפקע ניט פאַרשריבענערהייט) אַף זייערע פאַרזאַמלונגען און זיי דערווייזן, אַז זיי זיינען פאָלקס־פיינד! זיי וועלן אַרומריידן זייערע פּראָגראַמען — מיר וועלן אַף דיזעל־

בע פארזאמלונגען ארויסשטעלן אונזערע פאליטישע פאדערונגען, מיר וועלן זיי ניט דערלאָזן רואיק און פרידלעך פארקויפן די רעוואלוציע, מיר וועלן מאכן, אז זייערע פארזאמלונגען זאלן זיי ניט ברענגען קיין פרוכט, און לאזן זיי, אדעראבע, רופן קאזאקן און סאלדאטן, לאז איבער יעדן פון זיי, בעאייס ער וועט גיין צום וואל-קעסטל, שטיין אן אקאלאדאטשניק מיט א רעוואלווער, לאזן זייערע פארזאמלונגען ווערן באהיט פון פאטרולן.

דאן וועלן אלע זעען, אז זיי זיינען יאַד-אַכאַס מיטן צאריזם. דאן וועט דאָס פאלק וויסן, אז דאס איז ניט זיינע פארטרעטער.

און מיר וועלן דאן ניט אויפהערן צו פראָטעסטירן—אפן גאס, מאסנווייז. און אונזער קאמף קעגן די פארעטער — די בורזשואזיע—וועט זיין אין דערזעלבער צייט א קאמף קעגן זייער שוטעף — דער רעגירונג.

די אינטערעסן פון דער רעוואלוציע הייסן אונז באיקאטירן די דומע אף אלע שטופן, פון די ערשטע ביז די לעצטע וואלן, באיקאטירן מיט אונזערע רעוואלוציאנערע טאטן, באיקאטירן אקטיוו.

אלזא צום קאמף, כאוויירים! צום קאמף קעגן דער גאסודארסטווענע דומע! צום קאמף פאר א גרינדונגס-פארזאמלונג!

דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד".

יאַנואַר 1906.

161. די באַציאונג פון די פראָלעטאַריש-סאָציאַליסטישע גרופּי־רונגען צו דער ערשטער דומע.

א) די צ. ס. א. פּ.

(„ערעוו דומע", „דער נייער וועג", נומ. 28, אַפּרעל 1906)

...די אַקטיווסטע און אַמבעסטן אָרגאַניזירטע עלעמענטן פון דעם נייעם אויפוואַכנדן רוסלאַנד, דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט און אַ געוויסער טייל פונם באַוואוסטזיניקן, פּאָליטיש אָרגאַניזירטן פויערטום האָט די וואַלן אין דומע באָיקאָטירט, באַטראַכטנדיק זיי מער אַלס אַ וויכטיקן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווי אַלס אַ רינג אין דער גרויסער רעוואָלוציאָנס-קייט...

...דער ערשטער אַקט פון דער ליבעראַל-ביוראָקראַטישער דומע-קאָמעדיע, די וואַלן, איז געענדיקט.

ווער ווייס, עפשער איז דאָס דער לעצטער אַקט פון דער שרעקלעך-טראַגישער צאַריש-קאָדעטישער קאָמעדיע?! דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-פאָלק פאַרלירט ניט זיין גלויבן און קאַמפּס-לוסט.

ב) י. ס. ד. א. פ. „פּויאַליי-ציאָן“.

(פונם אויפרוף פונם צ. ק. „דער ארבעטער-מאי און די צאַרישע דומע“. אַפּרעל 1906)

...די קאַדעטן מיינען, אַז זיי האָבן די רעוואָלוציע אויך בייגעקומען, זיי שטעלן זיך פאָר, אַז פון איצטער אָן האָט די קאַדעטישע „אָרגאַנישע אויפבוי-אונגס-אַרבעט“ קלוימערשט אינגאַנצן אָפּגעשטויסן אָן אַ זייט דעם רעוואָלו-ציאָנערן „מעטאָד“, אַז די „רעאַלע פּאָליטיק“ וועט שוין קלוימערשט באַקומען די הערשונג איבער דער „אַנאַרכיע“. און מיט אַ פּאָנים פון געניטע פּאָליטישע טוער זאָגן זיי אונז, סאָציאַל-דעמאָקראַטן, מוסער, באַווייזן אונז די פאַלשקייט פון דער באָיקאָט-טאַקטיק און לערנען מיט אונז כאָכמאס-האַמלוכע. נאָר זיי האָבן אַ טאָעס געהאט אין זייערע כעשבוינעס.

... דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט בלייבט די איינציקע שטיצע פונם רוסלענדישן פּראָגרעס און אַף אים קוקן ווידער מיט ליכטיקע האָפענונגען אַלע געדריקטע, אַלע דערשטיקטע אין לאַנד. און אין איין צייט מיט די וואַלן אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע, אין אָט דער העסלעכער באַשעפעניש פון כיט-רער קאַנצעלאַרישער שאַפונג און קאַדעטישער קורצזיכטיקייט, גרייט זיך דער אַרבעטער-קלאַס פון אַלע פעלקער פון רוסלאַנד צום מאַי-יאָנטעוו...

ג) י. ט. א. פּ.

(פונם אויפרוף פון באָברויסקער קאָמיטעט)

...מע רופט אייך צונויפצוקלייבן זיך אונטערן שוץ פון די צאַרישע גע-טרייע דינער אַף אויסצוקלייבן וואַל-מענער. באַטראַכט זיך, אידישע וויילער! וואוהין שיקט איר אייערע דעפּוטאַטן? איר שיקט זיי אין דער שטיקנדיקער אַנטיסעמיטישער אַטמאָספער פון דער שוואַרצמייעדיקער צאַרישער דומע, פון וועלכער זיי וועלן דערוואַרטן די לייזונג פון דער אידן-פראַגע. איר שיקט איי-ערע פאָרשטייער צו שווערן געטרייקייט דער בלוטדורשטיקער רעגירונג, וועלכע האָט געצונדן, געראַבעוועט, דערהאַרגעט און געשענדעט אייערע ברידער און שוועסטער. איר קלייבט זיך צונויף, קעדיי צו באַפלעקן מיט שאַנד דאָס איי-גענע פאָלק, פאַראַטן אים. איר דאַרפט וויסן, אַז ניט די אָפּשטאַרבנדיקע זעלבסטהערשונג און איר דומע וועלן באַשטימען דעם גוירל פונם אידישן פאָלק. ניט פון די הענקער דאַרפן מיר דערוואַרטן אונזער יעשועס.

באָיקאָטירט, בירגער, די צאַרישע דומע. באַזוכט ניט די שענדלעכע וואַל-פאַרזאַמלונגען. דערלאָזט ניט, אַז עטלעכע פאַלשע וואַל-מענער זאָלן אויסקלייבן „אין אייער נאָמען“.

162. די „דערגרייכער“ וועגן די וואַלן אין דער ערשטער דומע.

(רעזאָלוציעס פון III-טן צוזאַמענפאָר אין פעברואַל 1906, „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 5 פון 23 פעבר-ראַל 1906).

1) צו דער פראַגע וועגן די באַציאונגען צו די וואַלן אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע: „נאָכדעם, ווי דער צוזאַמענפאָר האָט

אויסגעהערט די מעלדונגען פון די פּראָווינציעלע דעלעגאַטן, קאָנסטאַטירט ער, דאָס די אָנגעהויבענע וואַל-קאַמפּאַניע קומט פאַר בײַ די שווערסטע, אומערטרעגלעכסטע באַדינגונגען פונם פּאָליטישן לעבן. דער קריגס-צושטאַנד, די באַזונדערע און פאַרשטאַרקטע אויפזיכט, די אומצאָליקע אָביסקן, אַרעסטן און דאָס אַרויסשיקן אין ווײַטע ערטער, די אומדערהערטע אַכזאָריעסדיקע פּאָגראָמען, וועלכע זײַנען שוין געווען, און די פּאָגראָמען, אַף וועלכע אידן ריכטן זיך מיט גרויס אײמע, זעענדיק ווי זיי ווערן געשטיצט פון דער רעגירונג מיט די רעאַקציאָנערע עלעמענטן,—דאָס אַלץ אינײנעם, אויסער די גרויסע פעלערן פון דעם וואַל-געזעץ אַליין, שטערן דעם רעגלמעסיקן גאַנג פון די וואַלן און לאָזן ניט, עס זאָל זיך אויסדריקן אין זיי דער גאַנצער פאָלקס-ווילן. די אידישע באַפעלקערונג, וועלכע איז טעראָריזירט דורך אַלגעמײנע און ספּעציעלע רעדיפעס, פירט די וואַל-קאַמפּאַניע אָן אַ שום גלויבן, אַז זי וועט קענען אַרײַנברענגען אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע אַ געוויסע צאָל נאָכן ערעך נאָך פון זײַערע פרײַ-אויסגעקליבענע פאָרשטייער, פון דער באַשווערלעכער אָנערקענונג, דאָס די דומע אַליין וועט ניט שטימען מיט די פאָדערונגען פון די עמעסע פאָלקס-פאָרשטייער.

פונדעסטוועגן האָט דער צוזאַמענפאָר געפונען פאַר זײַן נאַציאָנאַלן כויוו בענויגייע צו דעם שוץ פון די רוסישע אידן—„צו באַטייליקן זיך ווי מעגלעך ענערגיש אין דער וואַל-קאַמפּאַניע".

2) צו דער פראַגע וועגן די באַציאונגען צו די פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען: „דער צוזאַמענפאָר געפינט פאַר מעגלעך אַרײַנצוטרעטן צוליב דער וואַל-קאַמפּאַניע אין אַ פאַרבינדונג מיט יענע פּאָליטישע גרופּן, וואָס לויט זייער פּראָגראַם און זייער טעטיקייט דאַרפן בענויגייע צו דער אידן-פראַגע אָנגענומען ווערן אַלע פּרינציפּן, וועלכע זײַנען אנערקענט געוואָרן אין דער ווילנער פּלאַטפאָרם פונם פאַרבאַנד, און בענויגייע צו די אַלגעמײנע פּאָליטישע פראַגן שטייען זיי פאַר דער אײַנפירונג פון אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג אַף די יעסוידעס פון אַלגעמײנע, גלײַכע, דירעקטע און געהײמע וואַל-רעכט און פאַר די גאַראַנטיעס פון אַלערלײ פרײַהייטן. אין פאַל, אַז עס וועט אומעגלעך זײַן דורכצופירן אין דער דומע קאַנדידאַטן פון דידאָזיקע פּאַרטייען, דאַרפן די מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד אָפּגעבן זײַערע שטימען פאַר די מער פּראָגרעסיווערע פון די קאָנקורירנדע פּאַרטייען".

3) צו דער פראַגע וועגן בילדן אין דער דומע אַ נאַציאָנאַלע אידישע גרופּע: „דער צוזאַמענפאָר געפינט פאַר נויטיק, דאָס די צוקונפטיקע אידישע דעפּוטאַטן פון דער דומע, ווי זיי זאָלן ניט פאַרשיידן זײַן אײנער פון דעם אַנדערן לויט זײַערע אַלגעמײנע פּאַרטייאישע פּראָגראַמען, דאַרפן זיך אין דעם פעסטן באַוואוסטזײַן פון זייער נאַציאָנאַלער אײניקייט, אין דער צײַט, וואָס עס ווערן אַרומגערעדט אַלע פראַגן, וועלכע זײַנען געוויסער מאָסן נויגייע די רעכטן פונם אידישן פאָלק, פאַרײניקן צוזאַמען, קעדיי צו באַטראַכטן און ווי ווײַט מעגלעך אויך צו אַרבעטן אינײנעם פאַר דער

דערגרייכונג פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די אידן אין רוסלאַנד. מיט דעם געפינט דער צוזאַמענפאָר, אַז אידן דאַרפן ניט אַריינטרעטן אין ניט-אידישע נאַציאָנאַלע גרופּן".

4) צו דער פראַגע וועגן דער וואַל-קאַמפּאַניע: „אין די שטעט, וואָס רעכענען זיך אַלס באַזונדערע וואַל-קרייזן, ווערן די בוירערים-קאַנדידאַטן פאָרגעלייגט דורך דעם שטאָטיקן ווילער-קאָמיטעט פון גלייכבאַרעכטיקונגס-פאַרבאַנד און ווערט נאָכדעם באַשטעטיקט פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אַלע אידישע שטאָטיקע אויסקלייבער, און אויב דאָס איז אומעגלעך, דאַרף דאָס געטאָן ווערן דורך אַ דעלעגאַטן-פאַרזאַמלונג פון די ווײַלער פון באַזונדערע וואַל-אָפּטיילונגען אין דערדאָזיקער שטאָט".

5) צו דער פראַגע וועגן די פאָדערונגען, וועלכע דער פאַרבאַנד דאַרף פאָרלייגן פאַר די דומע-קאַנדידאַטן, וואָס ווערן פון אים געשטיצט: „1) צו האַלטן זיך בײַ זיין טעטיקייט אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע אָן דער פּראָגראַם מיט די האַכלאָטעס פונם גלייכבאַרעכטיקונגס-פאַרבאַנד; 2) האַלטן זיך פעסט בײַ דער מיינונג, אַז די אידן-פראַגע זאָל באַקומען אין דומע איר ענטפער נאָר אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט די גרונד-געזעצן פון דער קאָנסטיטוציע און מיט די פראַגן וועגן די עלעמענטאַרע אַלגעמיין-בירגערלעכע פרייהייטן; 3) ניט קיין אידישן קאַנדידאַט, וואָס ווערט געשטיצט פון אידן, דאַרף מען, כוץ דעם 2-טן פונקט, פאָרלייגן נאָך אַן אַלגעמיינע פאָדערונג, אַז ער זאָל שטענדיק אונטערשטיצן אין דומע די בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פון די אידן".

163—165. די וואַל-קאַמפּאַניע אף די ערטער.

א. א וואל-פארזאמלונג פון דער אידישער בורזשואַזיע אין ביאַליסטאָק.

(קאָרעספּאָנדענץ, „דאָס לעבן", נומ. 60, 1906).

מע האָט אָנגעהויבן טראכטן וועגן די וויבאָרעס אין גאָסודאַרסטווענע דומע.

עס האָט דאָ געזאלט פאָרקומען א פארזאמלונג פון די פאָרשטייער פון אלע אויעזדן אין גראָדנער גובערניע, עס זיינען אָבער געקומען צו דער פארזאמלונג נאָר 4 מענטשן אָנשטאָט 9, וואס האָבן געדארפט קומען לויט די אויעזדן, וואס אין גראָדנער גובערניע געפינען זיך, און די 4 האָבן געהאט א זיצונג און אויסגעארבעט קלאָלים ווי די פאָרבארייטונג צו די וואלן דאַרף פאָרקומען.

און דינסטיק דעם 28-טן פעברואר, אין אָוונט, איז געווען א פארזאמלונג אין הויז פון דער כעוורע „לינאס כוילים"*) וועגן די האכאָנעס צו די וויבאָרעס, און וועגן אויסקלייבן די 7 באפולמעכטיקטע, וואָס ביאליסטאָק דאַרף געבן אין גובערניע.

*) פילאנטראָפּישע כעוורע צו באזאָרגן די אָרימע אידן מיט מעדיצינישער הילף.

צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען בערעך 70 מענטשן, אַנשטאָט איינ־געלאַדענע 300.

פון אָנהויב זיצונג האָט איינער א וויכטיקער געקומענער אוירעך*) געהאַלטן א רעדע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט, ווי אידן דאַרפן זיך האַלטן בע־נויגייע צו די וויבאָרעס; ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין, וואס פאר אן איינ־דרוק דאָס אויסקלייבן קאָן האָבן אף די אידישע אינטערעסן.

דערנאָך זיינען פאָרגעקומען דעבאַטן וועגן דער פראַגע, צי מע זאָל נאָכ־געבן די קריסטן פון זייערע אויך אויסקלייבן איינעם א ווילער.

אייניקע האָבן געזאָגט, אז מע דאַרף גיין מיט זיי האַנט־בא־האַנט, און אנ־דערע האָבן פאַרזיכערט, אז זיי האָבן פון די קריסטן האַוטאָכעס צו „טאָן טוי־וועס אידן" און וועלן גוט און פרום זיין. אנדערע האָבן אויך דערקלערט, אז אזא שאָלעם קאָן זיי אָפּהאַלטן פון צו טאָן „שלעכטס" אידן.

דער גרעסטער טייל איז געווען קעגן דעם „שאָלעם", און די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן, אז די 7 דאַרפן זיין נאָר אונזערע, און אף קיין טויוועס פון זייער זייט דאַרף מען זיך ניט פאַרלאָזן.

נאָכדעם איז פאָרגעקומען א געהיימע שטימען־אָפּגעבונג דורך צעטלעך, און עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 7 מענטשן, פאר וועלכע מע דאַרף אגיטירן, זיי זאָלן אויסגעקליבן ווערן, בעאייס דער גרויסער אסיפע, וואָס דאָ דאַרף זיין דעם 10־טן מערץ.

אין די 7 זיינען אריין 2—3 מענטשן נייע, וואָס מען קאָן פון זיי עפּעס האָפן, די איבעריקע אָבער זיינען אַלץ טאקע אונזערע „אלטע באקאנטע", „פריווילעגירטע", וואס האָבן אן אלטע כאַזאָקע אויסגעקליבן צו ווערן אין אלע שטאָט־אנשטאלטן.

ווי די קומענדיקע פאַרזאַמלונג וועט זיך פאַרהאַלטן צו די אויסגעקליבענע, פאר וועלכע מע האָט באשטימט, אז מע דאַרף אגיטירן, וויים מען ניט; עס וואָלט ניט קרום געווען גוט צו באטראַכטן, אויב די מענטשן, וואָס קאָנען זיך וויפל עס איז מישן אין די איניאָנים פון איין שטאָט, זיינען אויך פעאיק, אז זייער דייע זאָל אָנגענומען ווערן, ווען עס האַנדלט זיך איבער קלאל־אינטע־רעסן, וואָס זיינען נויגייע דעם גאַנצן פאָלק, דאָרט וואו „פריווילעגיעס" קאָנען ניט און דאַרפן ניט אָנגיין...

ב. די באַיקאָט־אַגיטאַציע פון די ס.אָצ.־דעמאָקראַטן אין אָדעס.

(א בריוו פון אָדעס, „דער וועקער", נומ. 29 פון 30 יאַנוואר 1906).

...נאָך דעם 9־טן יאַנוואַר און באַזונדערס אין די לעצטע טעג האָט זיך בא אונז אָנגעהויבן די וואַל־אגיטאַציע אין דער גאָס. דומע. צוויי פּאַרטייען נעמען דעם גרעסטן אנטייל אין דער אגיטאַציע: די רעאַקציאָנערע פאַרטיי „פּראַוואָ־וואַי פּאָריאַדאָק" [41] און די קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי [42]. דער

*) וואָרשיינלעך, א פאַרשטייער פון „דערגרייכער־פאַרבאַנד".

„פראוואָוואָי פאַריאַדאָק" האָט בא אונז אָנגעהויבן ענערגיש צו ארבעטן בא דער מיטווירקונג פון דער אדמיניסטראציע טייקעף נאָך דעם דעקאבר-שטרייק. דער קריגס-צושטאנד, די ארעסטן האָבן אָפּגעשוואכט די רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס. דער ארבעטער-דעפּוטאטן-ראט איז טיילווייז ארעסטירט, טיילווייז טעראָריזירט געוואָרן. די ארבעטער-מאסע, באזונדערס די רוסישע, וועלכע איז פריער געווען ענג פארבונדן מיט די סאָצ.-דעמ. אָרגאניזאציעס דורך דעם ארבעטער-דעפּוטאטן-ראט און די מיטינגען, איז ווידער אָפּגעריסן געוואָרן פון דער סאָציאל-דעמאָקראטישער ווירקונג. דער צוטריט צו דער מאסע, דאָס רעכט צו מאכן פארזאמלונגען, צו אגיטירן — איז געוואָרן א מאָנאָפּאָל פון דעם „פּראוואָוואָי פאַריאַדאָק", וועלכער באנוצט זיך דערמיט זייער ברייט, מאכנדיק אָפט פארזאמלונגען און ארויסלאָזנדיק אלע מאָל פּראָקלאמאציעס, אין וועלכע זיי שטעלן ארויס די אידן און די רעוואָלוציאָנערן, אלס די גרעסטע פיינט פון דעם פאָלק, וועלכע טרייבן די ארבעטער אונטער קוילן צעשטערן דאָס לאנד, זיינען גוירעם דערצו, אז עס זאָלן פארמאכט ווערן די פאבריקן א.א.וו., א.א.וו.

די צווייטע „פּראָגרעסיווע" פּארטיי, די קאדעטן, האָבן אויך ניט לאנג אָנגעהויבן צו ארבעטן בא אונז. די הויפּט-אָנפירער באשטייען פון אייניקע פּראָפעסאָרן, אדוואָקאטן און אייניקע געוועזענע „לעגאלע מארקסיסטן" (צווישן זיי אויך דער שרייבער איזגאָיעוו [13]), וועלכער רופט זיך איצט אָן „פרייער סאָציאליסט" און רעקאָמענדירט אלע „פרייע סאָציאליסטן" זיך צו פאראייניקן מיט די קאדעטן). אָט די פּארטיי האָט אין די לעצטע טעג אָנגעהויבן ענערגיש צו פירן די וואל-אגיטאציע.

זונטיק, דעם 22-טן, האָבן די קאדעטן אָרגאניזירט, מיט דער דערלויבעניש פון דעם גענ.-גובערנאטאָר, 3 גרויסע פארזאמלונגען: איינע אין שטאָט און צוויי אין די ארבעטער-קווארטאלן. ארויסגעטראָטן זיינען אף זיי די פּראָפעסאָרן שטשעפּקין [14]) און לאנגע, דער פּריסיאזשנע פּאָוו. פערגאמענט [15]) און נאָך אנדערע. כאראקטעריסטיש זיינען די רעדעס פון די קאדעטן. ניט דערמאָנענדיק מיט איין וואָרט די איבערגעלעבטע בלוט-טעג אין דעם איצטיקן מאָמענט, האבן זיי זיך נאָר אפּגעשטעלט אף דעם וואל-געזעץ פון דעם 11 דעקאבר און אף זייער פּראָגראם. מיט ווייכע און זיסע רייד האבן זיי גערעדט וועגן די כעסרוינעס פון דעם געזעץ און וועגן די מאָילעס פון זייער פּראָגראם. זיי האבן דערקלערט, אז זיי זיינען גרייט צו גיין אין דער גאָס. דומע, קעדיי דורכצופירן אלגעמיינע וואל-רעכט און דעמאָקראטישע רעפאָרמען פאר די פויערים און די ארבעטער. געענדיקט האָבן אלע מיט איינע און דיזעלבע ווערטער: גייט זיך פארשרייבן, וואָרום די צייט גייט אוועק א.א.וו. דאָס פּובליקום האט זיי אויסגעהערט קאלטבלוטיק, ס'האָבן זיך געהערט שוואכע אפּלאָדיסמענטן. נאָר אט טרעטן ארויס די סאצ.-דעמ. אָראטאָרן פון „בונד" און פּארטיי *) און דאָס בילד ענדערט זיך אינגאנצן. מיט שטארקע ווערטער, מיט העלע פארבן מאָלן זיי די איצטיקע לאגע אין רוסלאנד, די בילדער פון מאָסקווע, האָמעל... זיי באווייזן די פאלשקייט פון די קאדעטן און זייער פּראָ-

*) ר. ס. ד. א. פּ.

גראם און ענדיקן: „פארשרייבט זיך ניט אין די וואל-ליסטן, באָיקאָטירט די דומע!" די פאַרזאמלונג באַגעגנט זייערע ווערטער מיט גרויסן ענטוזיאזם און שטורעמדיקע אפּלאָדיסמענטן. און ווען די קאדעטן טרעטן ארויף ווידער אַף דער בימע, מאכן זייערע רעדעס שוין קיין שום ווירקונג אַף די פארזאמלונג. דער פאָרזיצנדער פארמאכט די פארזאמלונג. נאָך די פארזאמלטע פאָדערן א רעזאָלוציע. די קאדעטן צעבייזערן זיך און פארלאָזן דעם זאל. דאן טרעט ארויס דער רעדנער פון „בונד" און לייגט פאָר די רעזאָלוציע פון אָדעסער קאמיטעט פון „בונד" צו באָיקאָטירן די דומע. די רעזאָלוציע ווערט איינשטימיק אָנגענומען. קימאט דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען אַף די צוויי אנדערע פארזאמלונגען, אומעטום האבן די סאציאל-דעמאקראטישע אָראטאָרן געהאט א גרויסן דערפאָלג.

אַף די פארזאמלונגען זיינען פארשפּרייט געוואָרן בלעטלעך פון דעם אָדעסער קאמיטעט פון „בונד": „פארשרייבט אייך ניט!"

צו דער וואל-אגיטאציע טרעטן צו אויך די אָפיציעלע „פאָרשטייער" פון אידישן פאָלק: די ציאָניסטן (ציוני-ציון), די ראבאָנים און די אָדעסער אָפּטיילונג פון די „כעוורע מעפיצעי האסקאָלע"[46]. אלע האבן ארויסגעלאָזן אויפרופן צו נעמען אן אנטייל אין די וואלן. הייגטיקע וואָך גייען שוין ארום מענטשן אין אלע אידישע קווארטירן און בעטן „צו פארשרייבן זיך אין דער גאָס. דומע" (דאָס זעלבע טוען אויך די קאדעטן דורך געדונגענע סטודענטן) און די ראבאָנים גייען פון איין בעס-מעדרעש אין דעם אנדערן און באַווייזן מיט „פאקטן" פון דער אידישער געשיכטע אין שפּאניען, מיט פּסוקים פון דער סעדרע און מאמאָרים פון מעדרעש און טאלמוד, אז די אידן דארפן זיך פארשרייבן אין דער גאָס. דומע. אזעלכע דראָשעס קומען געוויינלעך פאָר שאַבעס באם דאווענען און אינדערוואָכן צווישן מינכע און מאַירעוו. דער אוילאָם הערט אויס זייער קאלטבלוטיק די דראָשעס און זאָגט — קאַדעש. נאָך פלוצים טרעטן ארויס די רעדנער פון „בונד" און די פארזאמלונג ווערט אַביסל לעבעדיקער. די קליי-קוידעש מאכן א ליארם, זיי האָבן מוירע, פּאָליציי זאָל ניט אָנקומען. נאָך פיל שרייען, אז זיי ווילן הערן, און דעם אָראטאר גיט זיך מער אָדער ווייניקער איין צו דערקלערן, וואָס איז דאס אזוינס די „גאָס. דומע" און ווי נויטווענדיק ס'איז זי צו באָיקאטירן.

אַף אזא אויפן קומט בא אונז פאָר די וואל-אגיטאציע. וואס פאר א פּאקטישע רעזולטאטן זי וועט האָבן — וועלן מיר זעען שפּעטער.

ג. דער באָיקאָט פון די וואַלן אין די ארבעטער-ראַיאָנען פון ווארשע.

„די וואלן צו דער צארישער דומע אַף די ווארשעווער פאבריקן". „דער ארבעטער", נומ. 20 פון 7 אפּרעל 1906).

דעם 28-טן מאַרט האָט דער ארבעטער-קלאס פון גאנץ ווארשע מיט זיין מעכטיקן פּראָטעסט קעגן דער נידערטרעכטיקער צארישער קאָמעדיע, וואָס

רופט זיך דומע, באוויזן, אז ער איז א שטארקער, אָרגאניזירטער און באַוואוסטזיניקער געזעלשאפטלעכער קלאס, וואָס פארשטייט זיינע אויפגאבן און צילן און וועט זיך ניט לאָזן אַראָפפירן פון דעם רעוואָלוציאָנערן וועג, ניט דורך די אינטריגעס פון די אלע סאָרטן קלוימערשטע דעמאָקראטן און ארבעטער-אפעטראפסים און ניט דורך די אכזאָריעסדיקע פארפאָלגונגען פון דער צארישער רעגירונג.

דעם 28-טן מארט האָט אין ווארשע דער סאָציאליזם אָפגעהאלטן א גלענצנדן ניצאָכן. אף אונזערע אויפרופן צום באָיקאָט פון דער דומע האָט קימאט דער גאנצער ארבעטער-קלאס פון ווארשע געענטפערט דערמיט, וואָס פון 114 פאבריקן, וועלכע האָבן געהאט דאָס וואלרעכט, האָבן זיך די ארבעטער אין 106 פאבריקן איינשטימיק אָפגעזאָגט פון די וואלן.

דעם 28-טן מארט האט דער ווארשעווער פראָלעטאריאט באוויזן, אז ס'קאָן ניט זיין קיין שאָלעם און פשאָרע צווישן אים און צווישן דער זעלבסטהערשונג, אז זיין רעוואָלוציאָנערער קאמף וועט ניט אויפהערן, ביז פון דעם צאַריזם וועט ניט בלייבן קיין זייכער. ער האָט באוויזן, אז ער פארשטייט גוט די קאוואָנע פון דער צארישער רעגירונג, וואָס וויל מיט דער דומע רעטן די זעלבסטהערשונג און רופט צוזאמען די קלוימערשטע פאָרשטייער פון פאָלק, קעדיי זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט מיט דעם געלט פון די אויסלענדישע באנקירן די רעוואָלוציע צו דערשטיקן און דאָס גאנצע פאָלק נאָך פעסטער אין די אייזערנע קייטן צו פארשמידן. ער האָט ענדלעך באוויזן, אז דער קלאַל ווארשעווער ארבעטער שטייט פעסט אף דעם קלאַסן-שטאנדפונקט, אז ער איז אָרגאניזירט און גרייט צום לעצטן זיגרייכן קאַמף מיט דעם צאריזם.

9*

XXIV. דער אידישער ארבעטער-קלאס און די ערשטע דומע.

166. צי איז געווען ריכטיק די טאַקטיק פון באיקאָט?

(ארטיקל פון פ. אנמאן (ראָזענטאל). „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 61 פון 9 מאי 1906).

... אפן ערשטן בליק קען אויסקומען, אז פאַרנעמען זיך איצטער מיט דער-דאָזיקער פראַגע איז גאָר אַן איבעריקע זאַך. דער פּאָליטישער מאָמענט, וועלכן מע האָט איבערגעלעבט אין דעקאַבר, ווען עס איז פאַרעפנטלעכט גע-וואָרן דער נייער וואל-געזעץ, וועט זיך דאָך, דאַרף מען רעכענען, נאָכאמאָל ניט איבערכאזערן אין דער צוקונפט פונקט אזוי ווי ער איז דאַן געווען, און וויבאַלד די באַדינגונגען וועלן זיין אַנדערע, וועט דאָך אויסקומען אויסצואר-בעטן א נייע טאַקטיק. צי קענען אונז דעריבער צוניץ קומען די דערפאַרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט? ווען מיר דען ניט פאַרלירן אומזיסט די צייט מיט דעם גריבלען זיך אין דער אלטער טאַקטיק?

דאָס איז אבער פונדעסטוועגן ניט ריכטיק.

אויב די פּאָליטישע לאַגע פון דעקאַבר וועט זיך עפשער קיינמאָל ניט אי-בערכאזערן אין דער צוקונפט אין איר ריינער געשטאַלט, וועט דאָך דער טאָך, דער אינהאַלט פון דער שווערער פראַגע, וועלכע די סאָציאל-דעמאָ-קראַטיע פון רוסלאַנד האָט דאַן געמוזט פאַרענטפערן, נאָך אסאך מאָל ארויסשווימען פאַר איר. דאָס איז—די אלטע הארבע פראַגע וועגן דעם, צי קען מען אָנעמען אין דער רעוואלוציאָנערער עפּאָכע די, אדער יענע האַנאָכעס פון דער רעגירונג אָדער פון די הערשענדע קלאַסן.

... אַף דרייערליי אויפאַנים פאַרענטפערן געווײנלעך די פאַרשיידענע פּאָ-ליטישע פאַרטייען דידאָזיקע שווערע פראַגן.

מע דאַרף נעמען, וואָס מע גיט פון אויבן, אז ניט וועט מען אין קאַעס ווערן פאַר די צו גרויסע פאָדערונגען און מע וועט גאָר אָפּזאָגן זיך פון האַ-נאָכעס,—אזוי האָבן ליב צו ריידן די ליבעראַלן, די קאַדעטן, און אַף דערדאָ-זיקער מיינונג איז אונז דאָ גאָרניט קעדאַי אפּצושטעלן זיך.

האַנאָכעס דאַרף מען נעמען און מע דאַרף זיך סטאַרען אויסנוצן זיי פאַר דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דעם באוואוסטזיין און פון דער ארגאַניזאַציע פון די מאַסן און בעמיילע אויך פאַר דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער רעוואלוציע,—דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פון די „מענשעוויקעס“.

מע דאַרף זיך מיט פאַראַכטונג אפקערן פון דעם ביין, וועלכן מע וואַרפט
אונז, מע דאַרף זי „באַיקאָטירן", הארטנעקיק אָנפאַלן ווייטער אָפן סוינע, —
דאָס איז אין אלגעמיין געווען דער שטאַנדפונקט פון די „באָלשעוויקעס", ווי
אויך פון דעם בונד, פון פּ. ס. ד. און פון דער לעטישער סאָצ.-דעמ. מיר
זאָגן א י ן א ל ג ע מ י י ן, ווייל קיין פולקומע פרינציפּיעל אויסגעהאַלטע-
נע קען דידאַקטישע טאַקטיק ניט זיין. זי זאָגט זיך אָפּ ניט פון יעדער האַ=
נאָכע, נאָר בלויז פון יענע, וועלכע עס קענען אַן א סאָפעק ברענגען א שאָדן
דער רעוואלוציע, ווען מע זאָל זיי אָננעמען.

... אליין דער מעכאַבער פון דעם אויבנדערמאָנטן ארטיקל אין דער „נעוו-
סקאיא גאזעטא" *) האָט אויך ריכטיק אפגעשאַצט דעם ציל, וועלכן די רע-
גירונג האָט זיך געשטעלט בא דער צונויפרופונג פון דער דומע: „דורך
פאַרפאַלשטע און שווינדלערישע וואלן, וואָס וועלן פאַרקומען בא דער הערשאפט
פון קריגס-צושטאַנד, האָט די רעגירונג געהאָפט צונויפקלאפּן ווי ניט איז א
שווארץ-מייעדיקע דומע, וועלכע וועט אין נאמען פון רוסישן פאָלק זינגען
שירע דעם ביוראָקראַטישן רעזשים".

דאָס איז געווען דער ציל, וועלכן די רעגירונג האָט זיך סוביעקטיוו גע-
שטעלט.

... מע האָט געמוזט פירן אַן ענערגישן קאַמף קעגן אָט דעם קאָנטער-רע-
וואלוציאָנערן פּלאַן. ווי האָט מען דאָס געזאָלט פאַרווירקלעכן, ווען עס זיי=
נען ניט געווען קיין רעאלע באדינגונגען פאַר א נייער שטורמדיקער רעווא-
לוציאָנערער ארויסטרעטונג? אָף צוויי וועגן. אדער דיסקרעדיטירן די צו-
קונפטיקע שווארץ-מייעדיקע דומע דורך דער טאַקטיק פון באָיקאָט, אדער
ארייננלאָזן זיך אין דער וואל=אגיטאַציע (וואָס איז אגעוו בא די דעמאלדיקע
באדינגונגען אומעגלעך געווען פאַר די רעוואלוציאָנערע פאַרטייען), סטאַרען
זיך צו מאַכן די דומע פאר אַן אָפּאָזיציאָנעלע. פאַרן צווייטן מיטל האָבן זיך
גענומען די קאדעטן. נאָר ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן ווירקלעך געגלויבט
אין דער מעגלעכקייט צו דערשלאָגן זיך צו אַן אָפּאזיציאָנעלע מערהייט, נאָר
דערפאַר, ווייל א קאַדעט קען קיין אַנדער טאַקטיק ניט האָבן, ווי נאָר נעמען
דאָס, וואָס מע גיט.

מיט דעם ערשטן וועג זיינען געגאנגען, ווי עס איז באקאנט, דער בונד, די
פּ. ס. ד., די לעטישע ס. ד. און די „באָלשעוויקעס". זיי האָבן ניט געקענט
נעמען זיך פאַרן צווייטן מיטל, ווייל דאָס וואל-רעכט, וועלכן די ארבעטער
האָבן באַקומען, איז געווען זייער א קלאָגעדיקער, די מעגלעכקייט פון דער
אַגיטאַציע א העכסט צווייפלהאפטע און דער סאָף פון דער גאַנצער וואל-
קאַמפּאַניע בא דער הערשאפט פון קריגס=צושטאַנד איז צוגעדעקט געווען מיט
א געדיכטער פינסטערניש. אין דערזעלבער צייט איז די סאקאנע צו גיסן
וואסער אף דער מיל-ראָד פון דער רעגירונג געווען זייער א גרויסע.

מע דאַרף נאָך אויך ניט פאַרגעסן — און דאָס איז העכסט וויכטיק — די רע-

*) מענשעוויסטישע צייטונג, דערשינען אין פּעטערבורג אין דער צייט פון דער ערשטער
דומע.

וואלוציאָנערע שטימונג פון די ארבעטער: דער ווייט־גרעסטער טייל פון זיי וואלט בעשום אויפן ניט געקענט באטייליקן זיך אין די וואלן פון אזא דומע. „קיין איינציקער סאָציאל־דעמאָקראט, — שרייבט דער ארגאַן פון פ. ס. ד. „טשערוואָני שטאנדארט״,—וואלט ניט געקענט אויפהאלטן אין פאָלק די עמונע, און דאָס פאָלק וואלט ניט געשטימט פאר דעם, ווער עס זאָגט צו אים, אז דורך דער דומע און אין דומע ווען מיר זיך גאָרניט דערשלאָגן״. אין דעם ראיאָן פון בונד וואלט דער אנטייל אין די וואלן בא די דעמאָלדיקע באדינגונגען אָן א סאָפעק געקענט פארטרייבן פון דער ארגאַניזאציע א באדייטנדן טייל פון די ארבעטער, געווינען וואלטן דערביי די אנארכיסטן, וועלכע עס טרעטן ביכלאַל ארויס קעגן פארלאמענטאריזם.

די „מענשעוויקעס״ האָבן אויך פארשטאנען, וואס פאר א סאקאנע עס קען ברענגען די קאָמעדיע פון דער דומע, נאָר זיי האָבן ניט געקענט אפזאָגן זיך פון זייער געליבטער טאקטיק אויסצונוצן די האנאָכעס פאר דער אנטוויקלונג פון דער ארגאניזאציע און פון דעם באוואוסטזיין פון די מאסן. אָט פארוואס זיי האָבן צוגעטראכט עפּעס א מין פשאָרע, א מעשונעדיקן פלאן: אין די וואלן באטייליקן זיך, אבער בלויז אף די ערשטע צוויי סטאדיען.

די וואלן האָבן אומגעריכטערהייט געגעבן אַן אָפּאָזיציאָנעלע מערהייט. פאַרוואָס? די וויכטיקסטע סיבע ליגט אָן א סאָפעק אין דעם אומדערהערטן ווילדערווען פון דעם ווייסן טעראָר. דער טעראָר פארפעלשט די רעזולטאטן פון די וואלן מיט דעם, וואָס ער שרעקט אָן די וויילער. אָבער דער ווייסער טעראָר פון דער פולער האַנט, אזוי ווי מיר האָבן אים אין רוסלאנד, ווירקט שוין פונקט פאַרקערט, ווייל ניט נאר גלייכגילטיקע, נאָר אפילע פריינט מאכט ער פאר סאָנים. די רעגירונג האָט אף אזויפיל אָנגעצויגן די סטרונע פון דער רעאקציע, פון דעם דרוק אף די וואלן, אז זי האָט געפלאצט, און די ווירקונג איז געווען פונקט א פארקערטע. דאָס איז איין סיבע.

נאָר עס איז קיין סאָפעק ניטאָ, אז אויך די טאַקטיק פון באָיקאָט, בא וועלכער די סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט זיך געהאלטן, האָט געהאָט א גוטן איינפלוס אף דעם רעזולטאט פון די וואלן, ניט קוקנדיק, וואָס זי האָט זיך דערביי געשטעלט פונקט א פאַרקערטן ציל. ערנסט אָפּרופן זיך אף דער פארטרעטונג פון די ארבעטער האט דידאָזיקע טאקטיק פון באיקאָט ניט געקענט, ווייל בא דער פארפלאָנטערטער און פארפעלשטער סיכטעם פון די וואלן האָבן די ארבעטער אליין אייגנס ניט געקאָנט האָפן אף א וועלכער ניט איז באַדייטנדער פארטרעטונג אין דומע. נאָר די ענערגיע, וואס די סאָציאל־דעמאקראטיע האט ארויסגעוויזן אין דער פראָפּאגאנדע פון באָיקאָט, די הארטע אנטשלאָסענע קריטיק פון דער דומע, אן קיינערליי פשארעס, אָן „אבערס״ — האָבן געמאכט א שטאַרקן איינדרוק אף די לעזער און צוהערער פון די ברייטע געזעלשאפטלעכע שיכטן, און ניט איבערצייגנדיק זיי אין דער נוצלעכקייט פון באיקאָט, האָט זי זיי געטריבן לינקס און האָט דערוועקט צו שטימען פאר אָפּאָזיציאָנעלע קאנדידאַטן.

באטראכטנדיק אף אזא אויפן אביעקטיוו אונזער טאקטיק אין דער נאר

וואָס פאַרגאַנגענער צייט, זיינען מיר געצוואונגען מוידע צו זיין, אז זי איז דורכויס צוגעפּאַסט געווען צו דער דעמאָלדיקער לאַגע, אז זי איז געווען לאָגיש קאָנזעקווענט און שטרענג אויסגעהאלטן*), אז זי האָט די גאנצע צייט אויפגעהאלטן אין די פּראָלעטאַרישע מאַסן און אין די אנדערע ברייטע געזעלשאפטלעכע שיכטן דעם רעוואלוציאָנערן פייער, וואס קען ניט אויסגעלאָשן ווערן, די פּאראכטונג צו די נעבעכדיקע האָנאָכעס און צו פשארעס, די עמונע, אז די רעוואָלוציע קען מען ניט בייקומען. קורץ גערעדט, דאָס איז געווען א ריכטיקע טאַקטיק.

168-167. די באַציאונג צו דער דומע נאָך איר צונויפרופונג.

א. צירקולאַר פון צענטראַל-קאָמיטעט פון בונד.

(„פאָלקס-צייטונג" נומ. 78 פון 1 יון 1906)

די גאָסודאַרסטווענע דומע, ווי קראָפּטלאָז זי איז ניט אַנטקעגן דער באַוואָפנטער מאַכט פון דער פּאַקטישער אַליין רעגירנדער זעלבסטהערשאַפט, ווי קלאָר זי באַווייזט ניט די ריכטיקייט פון דער באיקאָט-טאַקטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו אָנווייזן, אז די רוסלענדער רעוואָלוציע איז נאָך ניט געענדיקט און אַז קאָל זמאַן דאָס פאָלק האָט ניט אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשלאָסענעם ניצאָכן אין אָפענעם צוזאַמענשטויס, וועט יעדע פאַרטרעטונג מוזן בלייבן נאָר אַ קאָנסטיטוציע אָף פּאַפּיר; ווי גלענצנד זי האָט ניט באַשטעטיקט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע כאַראַקטעריסטיק פון די ליבעראַלע קאַדעטן, וועלכע האָבן שוין איצט זיך אָפּגעזאָגט צו ערפילן דעם גרעסטן טייל פון די האַפטאָכעס, וואס זיי האָבן צוגעזאָגט פאַר די וואַלן, דאָך פאַרנעמט זי (די גאָסודאַרסטווענע דומע) אַ וויכטיקן אָרט אין דעם איצטיקן פּאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד. די באַדייטונג פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע ליגט אין דעם פּאַקט, וואָס ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג האָבן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנהייט אָף אַזא אויפן, אַז זיי האָבן אויסגעקליבן אין דומע אפּאזיציאָנעלע דעפּוטאַטן; ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג האַלטן איצט אויך זייערע אויגן געריכטעט אָף דער דומע און ערוואַרטן פון איר, אַז זי זאָל איבערבויען רוסלאַנד אָף נייע יעסוידעס.

אָט אין דעם קעגנזאַץ צווישן די אומגעהויער גרויסע פאָדערונגען, וואָס אַ באַדייטנדער טייל פון דער באַפעלקערונג שטעלט אַרויס דער גאָסודאַרסטווענער דומע, און צווישן איר פּאַקטישער מאַכטלאָזיקייט, ליגט די מעגלעכקייט פון קאָנפליקטן צווישן דער גאנצער דומע אָדער אַ טייל דומע און דער רעגירנדער זעלבסטהערשאַפט, פון איין זייט, און די אומפאַרמיידלעכקייט פון קאָנפליקטן

---

*) די פראגע וועגן געוואלד-אקטן בא די וואלן לאָזן מיר דערביי אן א זייט. דאָ איז געווים ניט אלץ געווען אויסגעצייכנט גוט און גלאט 47). (באמערקונג פון אווטאָר פונם ארטיקל).

צווישן פאַרשיידענע גרופּן און פּאַרטייען אין דומע גופא, פון דער אַנ־דערער זייט.

די באַפעלקערונג ווערט אומגעדולדיק, אַפילו די, וואָס לייגן נאָך גרויסע האָפענונגען אַף דער דומע, הויבן שוין אָן צו פילן אַן אַנטוישונג. די אומ־אַנטשלאָסנהייט פון דער דומע וועקט אַן אומצופרידנהייט אין די מאַסן. די אויפרעגונג וואַקסט. דער פּראָלעטאַריאַט פון זיין זייט איז שוין אַ ביסל צו זיך געקומען פון די גרויסע קלעפּ, וועלכע עס האָט אים דערלאַנגט די זעלבסט־הערשאַפט נאָך דעם דעצעמבער־אויפשטאַנד.

די אַלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן מ אַ ר דער דומע געשפּייזט די רעוואָלוציע: די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט, דער ווילקיר פון דער רעגירונג, די אַרבעטס־לאָזיקייט, דער קריזיס, דער הונגער, די נויט פון די פּויערים, דער ערד־מאַנגל, די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונגען א. אז. וו. — די אַלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אַ קורצע צייט ניט אַרויסגעוויזן זייער ווירקונג, אַדאַנק די מווירעדיקע רעפּרע־סיעס פון דער זעלבסטהערשאַפט, פון איין זייט, און דעם ביטאָכן אַף דער דומע בײַ אַ גרויסן טייל באַפעלקערונג — פון דער אַנדערער זייט, — די אַלע פאַקטאָרן הויבן איצט ווייטער אָן צו פאַנאַנדערבלאָזן דעם פייער פון דער רעוואָלוציע מיט אַ באַזונדערע קראַפט.

די שטימונג אין לאַנד ווערט שטאַרקער, ערטערווייז פלאַקערן שוין אויף אומאָרגאַניזירטע מאַסן־אַרויסטרעטונגען, עס קומען פאָר מאַסן־שטרייקן, מילי־טער־בונטן — די אַלע סימאָנים פון נאָענטע גרויסאַרטיקע פּאָליטישע געשעענישן. אין דידאָזיקע געשעענישן קען אַ טייל פון דער דומע — דער טייל, וואָס איז בעאיק צו שטעלן זיך אַפן רעוואָלוציאָנערן וועג, שפּילן אַ געוויסע ראָלע, פאַרשטאַרקנדיק די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און פאַרגרינגערנדיק דעם זיג פונעם פאָלק איבער דער אַלטער אָרדענונג.

דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיין גרייט צו דידאָזיקע קומענדיקע געשעענישן. ער דאַרף זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וועכעשבן וועגן דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אַף דער פּאָליטישער סצענע פון רוסלאַנד. ער דאַרף אויסניצן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, קעדיי צו מאַכן נעענטער דעם לעצטן אַנטשלאָסענעם שטרייט. דאָס, וואָס ער האָט באַיקאָטירט די וואַלן אין דומע, דאָס וואָס ער האָט ניט געוואָלט — און מיט רעכט ניט געוואָלט — נעמען קיין אַנטייל אין דערדאָזיקער פּאַרלאַמענטאַרישער קאָמעדיע, דאַרף אים ניט שטערן צו אויסנוצן איצט די לינקע, אַנטשלאָסענערע רעוואָלוציאָנערע גרופּן פון דער דומע, טרייבנדיק זיי צו רעוואָלוציאָנערע טריט און מאַכנדיק זיי פאַר אַ געצייג פון דער רע־וואָלוציע.

די דיפערענצירונג אין דומע צווישן אירע פאַרשיידענע עלעמענטן האָט זיך שוין אָנגעהויבן און וועט מוזן גיין ווייטער. די קאַדעטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט פאַרייניקט אונטער אַ מאַנטל פון אומבאַשטימטע און אומקלאָרע פאָדע־רונגען אַזוינע פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן, ווי די פאָרשטייער פון גרויסע ערד־באַזיצער און קאַפּיטאַליסטן, די פאָרשטייער פון שטאָטישער קליין־בורזשואַ־זיע און פון אַ טייל דאָרפישער קליין־בורזשואַזיע (פּויערשע דעפּוטאַטן) און די

פאָרשטייער פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, — די קאַדעטישע פּאַרטיי וועט זיך ווייטער ניט קענען באַהאַלטן אונטער דעם מאַנטל פון נעבלהאַפטע צוזאָגונגען. פון איין זייט, די וואַקסנדע שטימונג אין לאַנד, פון דער אַנדער זייט, די לינקע עלעמענטן, וועלכע שטעלן אַרויס שאַרפערע פאָדערונגען און פירן אַן אַנטשלאָסענערע פּאָליטיק, וועלן טרייבן די קאַדעטן אַלע מאָל מער זיך דיפערענצירן, און דער פּויעל-יוצא וועט מוזן זיין אַזאַ, אַז אַ טייל קאַדעטן וועט זיך אָפּרוקן רעכטס און וועט נאָך מער ארויסווייזן זייער קעגן-רעוואָלוציאָנערע געשטאַלט, אַ געוויסער טייל אָבער, האַגאַם ער איז בעעצעם ניט פעאיק אַף אַ רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיוו, וועט דאָך צוגיין נעענטער צו די לינקע עלעמענטן און וועט זיי אונטערהאַלטן אין זייערע אַנטשלאָסענע טריט. די לינקע עלעמענטן (די טרודאָוויקעס גרופּע [48], די אַרבעטער-דעפּוטאַטן [49]), וועלכע האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די קאַדעטן, נאָר וועלכע הערן זיך אויפמערקזאַם צו צו אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אין די פאָלקס-מאַסן, און פילן זיך ענגער צוזאַמענגעבונדן מיט זיי, הויבן אָן איצט, אונטער דעם איינפלוס פון דער וואַקסנדער אומגעדולדער און אומרואיקער שטימונג פון זייערע ווילער — די פּויערים און די שטאָטישע קליין-בורזשואַזיע, — ווי אויך אונטער דער ווירקונג פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, אַרויסשטעלן שאַרפערע פאָדערונגען, זיינען גרייט זיך אָפּזאָגן פון דעם וועג פון אָפּמאַכונגען און פשאָרעס און זיך שטעלן אַפן רעוואָלוציאָנערן וועג.

אין דעם עפנט זיך אַ מעגלעכקייט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט צו אַריינמישן זיך און אויסנוצן די לאַגע צוליב די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע.

ניט פאַרגעסנדיק אַף איין מאָמענט, אַז נאָר מיט געוואַלט און אָפענעם שטרייט וועט קענען באַזיגט ווערן די אַלטע אָרדענונג און באַשאַפן ווערן אַן עמעסע קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדענונג, ניט פאַרבלענדנדיק זיך די אויגן מיט קיין שום קאָנסטיטוציאָנעלע כאַלוימעס, קאָל זמאַן דער אַלטער רעזשים איז נאָך ניט באַזיגט דורך די פאַרייניקטע קויכעס פון פּראָלעטאַריאַט און די איבעריקע רעוואָלוציאָנערע שיכטן פונם פאָלק, — דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט זאַמלען קויכעס צום אַנטשלאָסענעם שטרייט און מיט זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט טרייבן די לינקע עלעמענטן פון דער דומע אַלע מאָל ווייטער, טאַקע קעדיי צוצוגרייטן אַ גינסטיקן באָדן פאַר דעמדאָזיקן אַנטשלאָסענעם שטרייט. ער דאַרף פאָדערן פון זיי, זיי זאָלן פולקום אייגרייסן מיט דער זעלבסטהערשנדער רעגירונג, זיי זאָלן זיך לאַכלוטן אָפּזאָגן פון יעדער מין פשאָרע מיט דער הערשנדער דעספּאָטיע, זיי זאָלן זיך ניט פאַרנעמען אין דער דומע מיט די ניט וויכטיקע קליינלעכע געשעפטן, זיי זאָלן זיך אָפן און ערלעך ווענדן צום פאָלק, דערקלערן אים די לאַגע, מוידע זיין זיך, אַז זיי, די דעפּוטאַטן פון דומע, אליין זיינען אַנמעכטיק אָן דער הילף פונם פאָלק, אַז קיין קאָנסטיטוציע אין רוסלאַנד איז ניטאָ, אַז די איצטיקע דומע וועט ניט געבן ניט קיין ערד, ניט קיין פרייהייט, און אַז דאָס פאָלק דאַרף אליין מיט זיין קאַמף זיך דערוווערבן אַן עמעסע פאָלקס-פאַרטרעטונג. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף פאָדערן פון די לינקע עלעמענטן אין דומע, זיי זאָלן זיך אָפן שטעלן אַף דער

זייט פון דער רעוואָלוציע, זיי זאָלן זיין גרייט אין דעם פּאַסנדן מאָמענט צו פאַרכאַפּן אין זייערע הענט די פּאָליטישע מאַכט און צו באַשאַפן די נויטיקע באַדינגונגען אַף צוזאַמענרופן א גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

פון דעמדאָזיקן בליק אַף דער ראָלע פונם פּראָלעטאַריאַט איז שוין קלאָר די טאַקטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע בענוגייע צו דער דומע ביכלאל און צו אירע לינקע עלעמענטן ביפראַט.

אונזערע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן פירן די אַרבעט בענוגייע צו דער דומע אין צווייערליי אויפגאַבן: 1) אגיטאַציע. מיר דאַרפן אויסנוצן אַלעס, וואָס עס טוט זיך אין דומע, אַלס א רייכן מאַטעריאַל צו אויפקלערן דעם באַוואוסט-זיין פון די ברייטסטע אַרבעטער-מאַסן. מיר דאַרפן זיי אַף קאָנקרעטע פאַקטן באַקאַנט מאַכן מיט די שטרעבונגען און וואונשן פון פאַרשיידענע גרופן און פּאַרטייען אין דומע און מיט די קלאַסן-אינטערעסן, וועלכע ליגן אין גרונט פון דער טאַקטיק פון יעדער פּאַרטיי. מיר דאַרפן קלאָר מאַכן פאַר די אַרבע-טער-מאַסן די פּאָזיציע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע בענוגייע צו יעדן פאַקט פון דער טעטיקייט אין דומע און די באַדייטונג פון דעם פאַקט, די פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע, פאַר דעם אינטערעס פון דער רעוואָלוציע. 2) איינפלוס אַף די לינקע עלעמענטן אין דומע. מיר דאַרפן אָרגאַניזירן מאַסן-פאַרזאַמ-לונגען, אַרומקלערן אַף זיי די מאַיסים פון דער דומע, אָננעמען רעזאָלוציעס מיקויעך דידאָזיקע מאַיסים, אָפּשאַצן די טעטיקייט פון די לינקע עלעמענטן, קרי-טיקירן אַפן שאַרפסטן אויפן דידאָזיקע טעטיקייט, אויב זי וועט זיין ניט גענוג אַנטשלאָסן און ענערגיש, פאָדערן אַנטשלאָסענע רעוואָלוציאָנערע טריט, וועלכע וועלן פון זייער זייט פאַרגרעסערן די אויפרעגונג צווישן די פאָלקס-מאַסן. טרייבנדיק דעם לינקן טייל פון דער דומע אין דער זייט פון רעוואָלוציע, צווינגענדיק איר צו ווערן אַן אָרגאַן פון רעוואָלוציאָנערע אגיטאַציע צווישן די קליין-בורזשואַזע עלעמענטן אין לאַנד, וועלכע לייגן נאָך האָפענונגען אַף דער דומע און קוקן מיט אויפמערקזאַמקייט אַף יעדן פון אירע טריט, וועלן מיר אויך דערגרייכן געוויסע רעזולטאַטן אין אונזער דירעקטער אויפגאַבע: אָרגאַני-זירן דעם פּראָלעטאַריאַט. עס איז ניטאָ קיין צווייפל, אַז אונזער אגיטאַציע וועגן דער דומע און צוליב דער דומע וועט אויפמונטערן ברייטע אַרבעטער-שיכטן, דערוועקן אין זיי א פּאָליטישן אינטערעס, מאַביליזירן די קרעפטן, וועלכע זיינען נויטיק צום לעצטן אַנטשלאָסענעם שטרייט.

ווען אונזערע אָרגאַניזאַציעס וועלן אַף אַזא אופן זיך באַציען אַקטיוו צו דעם אַלעם, וואָס עס קומט פאָר אין דומע, ווען אונזער אגיטאַציע וועט ווידקלעך אַרומכאַפּן ברייטע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלן מיר, אויסער אַלעם, קענען ווייטער ערווערבן א רעוואָלוציאָנערע ווירקונג אויך אַף דער אידישער קליין-בורזשואַזיע, וועלכע האָט אין די אָקטיאַבער-טעג מיט אַזוי פיל סימפּאַטיע זיך צוגעהערט צו אונזערע לאָזונגען: אין דער צייט פון קאָנסטיטוציאָנעלע כאַלוימעס, בעאייס די וואַלן און נאָך די וואַלן, איז די אידישע קליין-בורזשואַזיע געווען זיכער, אַז די פראַגע וועגן גלייכבאַרעכטיקונג וועט שוין ניט היינט — מאָרגן געלייזט. אונזער באָיקאָט-טאַקטיק האָט זי גע-

רעכנט פֿאַר אומזיניק און שעדלעך. די פּראַקטיק פֿון דער דומע האָט שוין געוויסער-מאסן געמוזט אָפּקילן אירע הייסע האָפֿענונגען. אונזער רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע דאַרף איצט צעשטערן אירע לעצטע פֿאַנטאַזיעס און זי איבערציגן, אַז עס איז געווען און עס בלייבט נאָר איין וועג צו ערווערבן בירגערלעכע רעכט — דער וועג פֿון קאמף. אונזער אגיטאַציע דאַרף וועקן דידאָזיקע מאַסע און העלפֿן באַשאַפֿן די יעניקע געהויבענע שטימונג, בײַ וועלכע עס קענען נאָר פֿאָרקומען גרויסארטיקע רעוואָלוציאָנערע אַקטן. מיר דאַרפֿן שטרעבן צו קאָנצענטרירן אַרום זיך אַלע אומצופֿרידענע עלעמענטן און ווייטער אמאָל זיך שטעלן בעראָש פֿון דער גאַנצער פּאָליטישער באַוועגונג אין אידישן פֿאָלק.

דער צענטראַלער קאָמיטעט פֿון בונד.

ב. אויסצוגן פֿונם צירקוליאַר פֿון צ. ק. פֿון דער צ. ס. א. פּ. (ס. ס.).

(„דער נייער וועג‟, נומ. 11 פֿון 7 יולי 1907)

1) די דומע, אַלס גאַנצעס, שטייט ניט אויף דעם וועג, ווענדעט ניט אָן די טאַקטיק, וועלכע קען אײנציק ברענגען צו פֿולער פּאָליטישער פֿאָלקס-הערשאַפֿט, ד. ה., זי ווענדעט זיך ניט צום פֿאָלק, זי אָרגאַניזירט ניט אַרום זיך די מאַסן, זי שטרעבט ניט דערצו, אַז די מאָראַלע קראַפֿט פֿון דער געזעלשאַפֿט זאָל געפֿינען איר אויסדרוק אין אָרגאַניזאַציאָנס-פֿאָרמען, זי זאָל פֿיזיש אונטערגעהאַלטן ווערן. יעדער מאָראַלע מאַכט קען אָבער זיגן נאָר דערפֿאַר, וואָס אונטער איר שטייען אירע לעבעדיקע טרעגער, גרייט צו קעמפֿן פֿאַר איר.

2) די מערהייט פֿון דער דומע, די קאַדעטישע פּאַרטיי. איז אויסער דעם ניט פֿעאיק זיך צו שטעלן אויף אַזאַ רעוואָלוציאָנערן וועג. די פּאַרטיי איז אַלע מאָל גרייט זיך אויסצוגלייכן מיט דעם אַלטן רעזשים, זאָל ער נאָר וועלכע ס'איז האַנאָכעס מאַכן, אום צוזאַמען נאַכהער „איינשטילן‟ (און דאַן שוין דאַפֿקע ניט מיט „מאָראַלע‟ רייד בלויז) די „אַנאַרכיע‟, ד. ה. די רעוואָלוציע. די פּאַרטיי איז גיריק נאָך רו און אָרדענונג ניט ווייניקער, ווי נאָך פֿרייהייט — און איז דאַרום גרייט צו קויפֿן די ערשטע פֿאַר דער צווייטער.

3) די איינציקע רעוואָלוציאָנערע פֿראַקציעס אין דער דומע זיינען די ערשט-געבילדעטע ס"ד פֿראַקציע און די טרודאָוויאַ גרופּאַ, אַלס אויסדריקערין פֿון רעוואָלוציאָנערן פּויערטום; ניט זייענדיק קיין דעפּוטאַטן פֿון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט און פּויערים-קלאַס, ווייל די וואַלן זיינען געווען ניט קיין אַלגעמיינע א. אז. וו., דריקן זיי דאָך אויס די עמעסע אינטערעסן פֿון דידאָזיקע קלאַסן און זיינען גרייט זיי צו פֿאַרטיידיקן אויף אַלע אויפֿאַנים.

דערפֿון פֿאָלגט:

1) אַז די דומע אַלס גאַנצעס דאַרפֿן מיר אונטערהאַלטן נאָר אין איינצלנע

אַקטן, ווען זיי זיינען אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, שטענדיק אָבער זי אויסנוצן. מיר דאַרפן אף איר פּאָליטיש דערציען די ברייטע מאַסן, אויפּדעקנדיק פאר זיי איר מאַכטלאָזיקייט און ברענגענדיק זי אף אזא אויפן צו דער איינציקער אויספירונג, אז נאָר א באוואָפנטער אויפשטאנד פון פאָלק קען פאַרטיליקן דעם אלטן געוואלט=רעזשים.

2) אז מיר דאַרפן אונטערהאַלטן אין דומע די אַרבעטער און אַרבעטס=גרופּע. מיר דארפן קאָנצענטרירן ארום זיי די געזעלשאַפטלעכע אויפמערקזאַמקייט, אָרגאַניזירן און אונטערהאַלטן אף די ערטער אלע זייערע פאָדערונגען און באַשלוסן אין דומע, צוגרייטנדיק אף אזא אויפן א גינסטיקע אטמאָספער פאר זיי, פאר א ווענדונג צום גאַנצן פאָלק. דערביי דארפן אויסגענוצט ווערן אלע פּראַקציעס-קאָנפליקטן אין דער דומע, וועלכע ווייזן ארויס די עמעסע פּי=זיאָנאָמיע פון די בורזשואזי-ליבעראַלע קאַדעטן און דעם רעוואָלוציאָנערן אינ-האלט פון די פּראָלעטאַרישע און פּויערשע דעפּוטאטן. דאָס וועט אויך ברענ-גען דערצו, אז די טרודאָ. גרופּא וועט ווערן אויסגעהאַלטענער און אנטשלאָ-סענער אין איר טאַקטיק, זי וועט זיך איינגאנצן באפרייען פון דער אפּיעקע פון דער קאַדעטן=מערהייט און וועט שטיין אין איר גאנצער טעטיקייט אונטער דעם איינפלוס פון דער ס"ד פּראַקציע.

3) אז א קאַדעטישער מיניסטעריום קען ניט ווערן קיין קאמפּס-לאָזונג פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאט. באשאפנדיק אן אילוזיע פון פרייהייט, וואָלט אזא מיניסטעריום אָפּשטויסן די בורזשואזע שיכטן פון לאנד פון דער רעוואָ-לוציע, דער געפאלענער פּרעסטיזש און צוזאַמען דערמיט אויך דער פינאַנצי-עלער צושטאנד פון דער רעגירונג וואָלטן זיך ווידער אויפגעהויבן — די קא-דעטישע מיניסטאָרן וואָלטן זיך אָבער אָן סאָפעק גלייך גענומען באַרויאיקן דאָס לאנד, ד. ה. דערשטיקן די רעוואָלוציע, און שטיצנדיק זיך אף דער גע=שאַפענער פרייהייטס-אילוזיע, וואָלט זיי גרינגער געווען זיך צו ראַנגלען מיט דער איזאָלירטער רעוואָלוציע, איידער איצט, ווען די רעוואָלוציע האָט צו זיך די סימפּאטיע קימאַט פון דער גאנצער באפעלקערונג.

בעכיין, אונזער אויפגאַבע איז צו שאפן פון אויסן אן אָרגאניזירטן דרוק און פאָדערן, זי זאָל וואַרפן איר שפּיל אין פּאַרלאַמענטאַריזם, זי זאָל אויפ=הערן אין איין קאָל איינריידן דאָס פאָלק, אז מיט אירע רעזאָלוציעס וועט זי אים שאפן ערד און פרייהייט; זאָל די דומע אפן דערקלערן דעם פאָלק די לאַגע, אז נאָר מיט קאַמף אויסער דער דומע וועט ער באקומען דאָס, וואָס די דומע איז מאכטלאָז אים צו געבן.

XXV. אין די טעג פון דער ערשטער דומע.

169. פרואוון אנצוהעצן קריסטלעכע אַרבעטער אף אידישע[50].

(אויסצוגן פונם בלעטל פון 1-טן ביאַליסטאָקער וועבער-פאַריין. „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 56 פון 3-טן מאַי 1906).

... עס איז פארביי דער בייזער כאָלעם, עס האָט געמיטן נאָך א געפערלעכע פאר אונז, ארבעטער, דערשיינונג, די שווארצמייעדיקע אַגיטאַציע, די שעדלעכע אַגיטאַציע פון אלע פינסטערע קויכעס האָט זיך ניט אַיינגעגעבן; ס'האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרניט... און די באַדינגונגען זיינען דאָך געווען גאָר ווי געוואונשן — אָנרייצן איין טייל ארבעטער אף דעם צווייטן. וואָס פאַר א שיינער בילד עס וואָלט זיך דאָס פאָרגעשטעלט פאר דער רעגירונג, אין דער צייט ווען די גאַנצע באַפעלקערונג טרייסלט זיך פאר שרעק פון זיין בלוטיקן טעראָר.

נאָר די פראָוואָקאציע האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרניט! די אידישע ארבעטער פון פארעצקיס פאבריק זיינען ניט ארויסגעטריבן געוואָרן; זיי זיינען געבליבן אף זייערע ערטער.

אין אונזער פאַריקן בלעטל האָבן מיר געזאָגט: די אידן דארפן בלייבן אין פארעצקיס פאַבריק און זיי וועלן בלייבן. מיט גרויס מאַטערניש איז דאָס אנגעקומען אונזער פאריין, עס איז אויסגעקומען צו פירן א קאמף אף צוויי פראָנטן: פון איין זייט, מיט פאַרשיידענע נאַציאָנאַליסטישע פארטייען, ווי, לעמאָשל, די ציאָניסטן, וועלכע האָבן זיך קימאַט געפרייט, און דערמיט נאָך מער פארשטארקט די זיכערקייט פון די קריסטן, אז זיי זיינען גערעכט, און האָבן אַ ביסל אָפגעשוואכט בא די אידישע כאַווייריִם דעם גלויבן אין זייער מאַכט, פון דער אנדער זייט — מיט די ארגאַניזירטע קרעפטן פון דער „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע“, וועלכע פלעגן, געשיצט מיט דעם פאָליצייאישן פליגל, מאכן פאַרזאַמלונגען אף דעם פאָזשאַרנעם הויף אונטער דער פארזיצונג פון פאָליציסטן און אונטער דער באַשיצונג פון מיליטער. קעגן אזא מאכט האָבן מיר בא *איצטיקן מאָמענט* געקענט ארויסשטעלן נאָר אויך אזא מאַכט, ד. ה. באַוואפנטע אָטריאדן, וועלכע זייגען שטענדיק געווען גרייט אף א ווידערשטאַנד. מיר האָבן געהאט גענוג קרעפטן און מיר האָבן זיך מיט זיי געקענט

באנוצן בא יעדער מינדעסטער נויטיקייט, בא יעדן מינדעסטן שריט ארויסצו־טרייבן די אידן, בא יעדן מינדעסטן וואונש ארויסצורופן א פאָגראָם אף אידן.

נאָר אין דערזעלבער צייט האָבן מיר זיך געסטארעט מיט אלע מעגלעכקייטן אפצוהאלטן די כאוויירים פון אָנצופאלן אף די קריסטן, מיר האָבן זיך געווענדעט צו זייער פארשטאַנד — און די כאוויירים האָבן זיך געהאלטן מיט זעלבסטאכטונג. נאָר א טיפער באוואוסטזיין, נאָר א הייסער וואונש זיך ניט ארייַנצולאָזן אין א ברידערלעכער מילכאָמע מיט די קריסטלעכע ארבעטער, נאָר פאַרשטייענדיק די געפאר פארן גאנצן ארבעטער־קלאַס פון אזעלכע צוזאַמענשטויסונגען — נאָר דאָס האָט געבראכט אונזערע כאוויירים זיך צו האַלטן מיט אזא זעלבסטאכטונג און אזוי מוטיק. אונז האָט זיך איינגעגעבן צו פארמיידן דירעקטע צוזאַמענשטויסן.

נאָר די לאַגע איז געוואָרן אלץ שווערער. שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך געצויגן איבער די אידישע אַרבעטער, די לופט האָט אָנגעהויבן צו שטיקן. מע האָט געשפּירט, אז אָן א בלוטפארגיסונג וועט דאָס ניט דורכגיין. אום צו פארמיידן א צוזאמענשטויס, האָבן מיר באַשלאָסן אפצוגעבן 2 שטולן פון פארעצקיס פאבריק פאר די קריסטן און 4 זאָל בלייבן פאר די אידן און די באַשטימונג דורכפירן אף אן אלגעמיינער פארזאמלונג פון דעלעגאטן פון אלע אידישע וועבער.

אף דער פארזאַמלונג, וועלכע ס'איז פאָרגעקומען דעם 12־טן מאַרט, איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

נעמענדיק אין אכט: 1) אז דער צוזאַמענשטויס צווישן די קריסטלעכע און אידישע ארבעטער קען זיך שלעכט אפרופן אף דער אַנטוויקלונג פון באפרייאונגס־קאַמף פון גאנצן ארבעטער־קלאַס; 2) אז די כוליגאַנישע אַגיטאַציע קען באַ דעם פראַוויטעלסטווענעם און פּאָליצייאישן טעראָר, וואָס הערשט איצט, האָבן א גוטן ערפאָלג בא דעם ניט באוואוסטזיניקן טייל פון די קריסטלעכע וועבער; 3) אז אזעלכע צוזאמענשטויסן קענען אף לאנג אפהאלטן די פאריייניקונג צווישן אידישע און קריסטלעכע ארבעטער ביכלאַל; נעמענדיק דאָס אלץ אין אכט, האָט די ביוראָ באשלאָסן שאָלעם צו מאַכן די קריסטלעכע מיט די אידישע ארבעטער, מיט דעם טנאַי, אז בא די אידישע זאלן בלייבן 4 שטולן און די קריסטן זאָלן האָבן 2 שטולן, נאָר דער באַשלוס קען אף קיין פאל ניט דינען אלס ביישפּיל אף דער קומענדיקער צייט.

די ביוראָ האָט די באַשטימטע פונקטן דורכגעפירט אין לעבן, און דעם 14־טן האָט געגנומען א סאָף צו אלע מאַכלויקעס.

כאוויירים! מיר לעבן איצט איבער שווערע צייטן, דער בלוטיקער פּאָליטישער טעראָר פון דער זעלבסטהערשונג פאלט מיט זיין גאנצן שווערן לאַסט, מער ווי אף אלעמען, אף אונז ארבעטער, מיר מוזן א נ ו ע נ ד ן אונזערע גאַנצע קויכעס נאר אף דעם צו פארהיטן און איינצוהאַלטן אונזערע פריערדיקע, מיט אזויפיל מי' אויסגעקעמפטע, פּאָזיציעס...

אונזער אייניקייט וועט געבן אן ענטפער אלעמען, דער גאנצער בורזשואַזער וועלט.

אונזער ארבעטער-באוועגונג ווייס ניט פון קיין אידן און קריסטן, זי ווייס נאָר פון כאַוויירים. וועלכע ברענען פון פייערדיקן וואונש צו דערגרייכן א בעסערן, א גליקלעכערן לעבן.

טאָ קומט זשע אין אונזערע רייען, איר אלע כאוויירים ארבעטער, אידן, רוסן, פּאָליאקן און א. וו., קומט אליין און רופט מיט זיך אייערע כאַוויירים, זאָל אונז אלעמען פאריייניקן דער אלטער, נאָר שטענדיק נייער לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער, פאריייניקט אייך!“

170. פּאָליצייאישער טעראר.

(פון א בריוו פון האמעל. „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 57 פון 4 מאַי 1906).

...גלייך נאָכן פּאגראם איז די זאגענאנטע „געזעלשאַפט“ געווען איבערצייגט, אַז פון בונד איז קיין זייכער ניט געבליבן, זי האָט געמיינט, אַז צוזאמען מיט די הייזער און סכוירע האָט דאָס בלוטיקע פּאגראם-פייער פארניכטעט דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דער סאָציאַליסטישער מאַסע. און אין אַ געוויסער מאָס האָבן זיי געהאַט רעכט אַזוי צו קלערן. אין גאַס, אין שטאָט האָט זיך אַ היפּשע צייט נאָכן פּאגראם, מע קען זאָגן מער אָלס צוויי מאַנאַטן, די באַוועגונג ניט געלאָזט הערן. ווער עס איז אַוועקגעפאָרן אין אמעריקע אָדער אין אַנדערע שטעט, ווער ס'האָט זיך אפּגעשראָקן, ווער ס'איז מיט פאַרביסענע ליפּן און פארקוועטשטע פויסטן געזעסן אין שטוב, אין גאַס אָבער איז געווען שטיל. די סקעלעטן פון די אפּגעברענטע ביניאָנים האָבן מיט זייער טויטער שווערקייט געדריקט די גאַנצע שטאָט. אין לופט האָט זיך געפילט דאָס פליגל-רויש פון מאַלכאַמאָוועס.

אין באשאפן, ווי אין אונטערהאַלטן דידאָזיקע ביים-אוילאָם-שטימונג האָט די הויפּט-ראָלע, פאַרשטייט זיך, געשפּילט די ארטיקע נאטשאלסטווע. נאכדעם, ווי דער אַלטער פּאָליצמייסטער טשעשקא האָט זיין אַרבעט אָפּגעטאָן און אַ האלבע שטאָט איז געוואָרן צערואינירט, האָט מען אים אַוועקגעפירט ערגעץ אנדערש וואו, און אף זיין אָרט האָט מען אוועקגעזעצט דעם מאהילעווער געהילף-פּאָליצמייסטער מיזגאלאוון. אויב עס נויטיקט זיך ווער אין אַ לעבעדיקער פארקערפּערונג פון אונזער רעגירונג, זאָל ער לערנען די פּסיכאלאגיע און מאיסים פון האָמלער פּאָליצמייסטער. אכזאָריעס פון אַ געבארענעם טאַליען און ציניזם פון אַ זוינע, הערשאַפטס-לוסט פון אַן אזיאַטישן דעספּאָט און קליינקעפּלדיקייט פון אַ רוסישן טשינאווניק,—דאָס זיינען די מאילעס פון האָמלער הערשער. און אָט צווישן די צוויי קרעפטן—דער באלעבאטישער רעאקציע און פּאָליצייאישן „קולאַק“— איז אויסגעקומען אנצוהויבן ווידער די אַרבעט.

די באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרקער פילן ערשט מיט 5—6 וואָכן פארן ערשטן מאַי. ס'האָבן אנגעהויבן פארצוקומען „מאַסאָווקעס“, פריער קלענערע, נאָכדעם גרעסערע, ס'האָט זיך אנגעפאנגען ווייזן אן אוילאם אפן בירזשע, ס'איז ארויס אן אָרטיקע פּראָקלאמאציע, די מאַסן האָבן זיך גענומען אינטערעסירן מיטן פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, עס האָט זיך ווידער געפילט.

אז דער „בונד“ לעבט. דער אַקטיווערער און באַוואוסטזיניקערער טייל פֿון דער אַרבעטער־מאַסע האָט זיך ווידער צוזאַמענגעקליבן אַרום דער אָרגאַניזאַציע. ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער 1-טער מאַי און מע האָט באַשלאָסן צו פֿייערן דעם טאָג מיט אַן אײנטאָגיקן אַלגעמיינעם שטרייק. די האַכאָנעס פֿון דער פּאָליציי צו דעם טאָג זיינען געווען אַזעלכע, ווי איר וואָלט פֿאָרשטיין אַ קאַמף מיט דער גאַנצער רוסלענדער „קראַמאָלע“: שאַבעס פֿאַר דעם 1-טן איז איבער די הויפּט־גאַסן פֿון שטאָט דורכגעפֿאָרן „מיט טרומייטערן און שאַלן“ דער גאַנצער היגער כאַיל „פֿון דריי מינים געווער“; אַ ביסל פֿאַר דעם זיינען אָנגעקומען נייע קוילן־וואַרפֿער און האַרמאַטן, ווי מע זאָגט, מיט דעם האַמלער אָרלאָוו בעראָש; דעם דאָנערשטיק פֿאַר דעם ערשטן האָט פּאָליציי מיט קאָזאַקן אַרומגערינגלט „ניי־אַמעריקאַ“ *) און האָט אַרעסטירט אַ מאַן 150 אַלט און יונג. מע איז געגאַנגען איבער אַלע קראָמען און וואַרשטאַטן און געשריבן און געכאַסמעט און געזידלט און, וואו מע האָט געדאַרפֿט, — געשלאָגן און אַרעסטירט.

דעם ערשטן מאַי גופֿא האָט די שטאָט אויסגעזען ווי אַ מיליטער־לאַגער: פּעכאָטע, קאָזאַקן, סטראַזשניקעס מיט ביקסן, סטראַזשניקעס אָן ביקסן, גלאַט פּאָליציייסקע האָבן פֿאַרפֿלייצט די גאַנצע שטאָט און פֿאַרנומען בוכשטעבלעך אַלע גאַסן. ווייזן זיך מאַסנווייז אויפֿן גאַס, ניט האַבנדיק ביעכוילעס צו „ענטפֿערן“, איז געווען אוממעגלעך, דאָך איז דער שטרייק דורכגעגאַנגען גאָר ניט שלעכט, וואָרום עס האָט געקענט זיין ערגער.

די גאַנצע אָרגאַניזירטע מאַסע און דער גרעסטער טייל פֿון די ניט אָרגאַניזירטע האָט פֿולקום געשטרייקט; געאַרבעט האָבן קימאַט אַלע פּריקאַזטשיקעס, אַ גרויסער צאָל שוסטער און אייניקע גאָר קליינע פֿאַכן, ווי פּאַריקמאַכערס א. ד. ג. פֿון די, וואָס זיינען אָרגאַניזירט פֿון „בונד“, אָדער געפֿינען זיך אונטער זיין ווירקונג, האָט געשטרייקט אַן ערעך 450—500 מאַן. אַרעסטירט האָט מען אין דעם טאָג פֿיל, געשלאָגן אויך פֿיל, „געטראָפֿן, ווי געוויינלעך, מיטן פֿינגער אין הימל“ און מע האָט קימאַט אַלעמען געמוזט אַרויסלאָזן.

נאָך דעם ערשטן מאַי האָבן די רעפּרעסיעס ניט נאָר ניט אויפֿגעהערט, נאָר האָבן זיך זשאַגאַר פֿאַרגרעסערט. מאַסאָווקעס איז געוואָרן אוממעגלעך צו מאַכן, דאָך איז דער אוילאַם געגאַנגען אויפֿן בירזשע און ס׳האָט זיך געוואָלט אָנהייבן אַ ברייטע אינעווייניקסטע אַרבעט, וועלכע זאָל פֿאַרשטאַרקן און פֿאַרענדיקן די אַרבעט פֿאַר די לעצטע וואָכן. נאָר דאָ האָט זיך געטראָפֿן אַ פֿאַקט, וואָס האָט קיין גלייכן ניט אין זיין גרויזאַמקייט.

מאָנטיק, דעם 24-טן אין אָווגוסט, איז פּאָליציי באַפֿאַלן די קוזנעטשנע גאַס, וואו ס׳האָבן ווי געוויינלעך געשפּאַצירט גרופּעס אַרבעטער, און האָט אָנגעהויבן צו שניידן און שמייסן מיט אַן אוממענטשלעכער אַכזאָריעס. אַלס רעזולטאַט פֿון דעם בלוט־באָד זיינען געווען אייניקע ערנסט פֿאַרוואונדעטע און איינער, וועלכער איז פֿון די וואונדן געשטאָרבן. איך דאַרף צוגעבן, אַז נאָכדעם האָט פּאָליציי אַ גאַנצע נאַכט געבושעוועט איבערן שטאָט, שלאָגנדיק

*) אַן אַרבעטער־קוואַרטאַל.

אַלעמען מאקעס־רעצעך. די שטימונג איז געוואָרן אן אנגעשטרענגטע, אַ צארנדיקע. ניט אפרופן זיך אַף דעם פאַקט איז געוואָרן אומעגלעך, ניט קוקנדיק אַף די אומגינסטיקע באדינגונגען.

דינסטיק באַטאָג האָבן 8 באוואפנטע ארבעטער זיך ארייַנגעריסן אין אַ דרוקערײַ און האָבן אפּגעדרוקט א פּראקלאמאציע, וועלכע רופט אין דעם נאָמען פון קאמיטעט אלע האמלער אַרבעטער צו אן אײַנטאָגיקן אלגעמײַנעם שטרײַק. א גרויסער טייל פון דער געזעלשאפט איז אויך געווען אויפגערעגט פון דער שרעקלעכער רעציכע און מע האָט געקענט האָפן, אז דער שטרײַק וועט אריבער גוט. מע האט קיין טאָעס ניט געהאט. אלע האָמלער אַרבעטער און א גרויסער באדייטנדער טייל פון די פּריקאזטשיקעס האָבן געוואָרפן די אַרבעט, אלס צייכן פון טרויער נאכן געהארגעטן כאווער און פּראטעסט קעגן די מערדערײַען פון דער רעגירונג און אירע דינער.

עס פארשטייט זיך, אז דער פּאָליצמייסטער האָט נאָר געזוכט א מעגלעכקייט אַף אפּצוצאָלן די רעוואָלוציאָנערן אי פאַר דעם אנפאל אַף דער דרוקערײַ, אי פארן שטרײַק, וואָס האָט זיך זייער גוט אײַנגעגעבן, און אזא מעגלעכקייט האָט זיך אים געמאכט.

דאָנערשטיק אָוונט האָט פּאָליצײַ ארעסטירט אַ קריסטלעכן אַרבעטער מיט א באָמבע. נאכדעם האָט זי קענטיק געשמעקט, פון וואנען זי נעמט זיך און האָט באנאכט געמאכט א הויז־זוכונג אפן בייס־אוילאם־גאַס, וואו זי האָט געפונען נאָך 2 באָמבעס און א ביסל געווער.

פאר דיזעלביקע הויצאָעס האָט מען זיך „אפּגערעכנט" סאַי אין שטוב, וואו מע האָט געפונען די באָמבעס, אַזוי אויך אין די שכײַנישע הײַזער. מע האט געמאַכט אן עמעסן פּאגראם: צעריסן דאָס בעטגעוואנט, צעבראכן, צעשטאָכן, געשלאָגן און געשמיסן, ווער ס'האָט זיך נאָר געמאכט אונטערן האנט, ארויסגעשלאָגן אויגן, געמאכט וואונדן...

אין דער לופט שוועבט עפּעס וואָס, אַלע ווארטן—עס דארף עפּעס זײַן.. עס קאָסט פיל מי אײַנצוהאלטן די צערייצטע מאַסע און אײַנצלנע אירע אקטיווערע פארשטייער פון געפערלעכע ניט גינסטיקע טאטן.

171. הינטער די אײַזערנע גראטעס.

(דער 1־טער מאי אין ווארשעווער ציטאדעל, „פאלקס־צײַטונג", נומ. 66 פון 15 מאי 1906).

... מיר, אַ גרופּע אַרעסטירטע כאַווירים, באַטראַכטנדיק אַף אַ רײַ זיצונגען די פראַגע, אין וואָס עס קען זיך אויסדריקן אונזער מאַי־יאָנטעוו, האָבן באַשלאָסן צו מאַניפעסטירן דורך עפנטלעכע מיטינגען און רעוואָלוציאָנערע לידער בעשאַס „פּראָגולקע". מיר האָבן געגרינדעט אַ קאָמיסיע צו אָרגאַניזירן דעם מאַי־פייער. די לעצטע האָט אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע צו אַלע אַרעסטירטע אַרבעטער אין וואַרשעווער ציטאַדעל און האט אָרגאניזירט אַ פאַרזאַמלונג, אַף וועלכע זי האָט אַגיטירט פאַר דער נויטווענדיקייט צו פייערן דעם 1־טן מאַי

אין ציטאַדעל. די אַגיטאַציע האָט געבראַכט גוטע פרוכטן. נאָך ערעוו־יאָנטעוו האָט זיך אָנגעפאַנגען צו קאָכן אין די קאַזעמאַטן: פאַר די אויגן פון דעם מי־ליטער האָט מען מיט גרויס באַגייסטערונג גענומען צוגרייטן פאָנען. נאָר אָט קומט אָן דער 1־טער מאַי. ווי אַ באַצויבערטע קראַפט הויבט ער אויף די אַרעסטירטע, די שמוציקע קאַזעמאַטן ווערן פיין צוגעקליבן און דעקאָרירט מיט רויטע פאָנען. די אַרעסטירטע מיט פריילעכע געזיכטער און פאַרפוצט יאָנטעוו־דיק מיט רויטע שלייפן זינגען אונטער דער רויטער פאָן: „די שוואוע", „די מאַרסעליעזע" א. א. וו. געזונגען האָט מען אין אַלע קאַזעמאַטן מיטאַמאָל. און דאָס מיליטער, וועלכע האָט זיך פון אָנפאַנג פארהאלטן אַזעסדיק, ווערט וואָס ווייטער אַלץ ווייכער.

מע לאָזט ארויס אַף „פראָגולקע". די אַרעסטירטע באַגריסן איינער דעם צווייטן יאָנטעוודיק, די שטימונג איז אַ געהויבענע, אַלע וואַרטן אַף עפעס אומגעוויינלעכעס... דאָ אַפן אָרט עפנט אונזער קאָמיסיע אַ מיטינג, און עס לאָזט זיך הערן אַ פרייער קאָל, אַ קאָל, וואָס רופט צום לעבן, צום קאַמף, צו פרייהייט און גליק.

אונזער ערשטער רעדנער רעדט אין אידיש וועגן די באַדייטונג און פאָדע־רונגען פון דעם 1־טן מאַי און וועגן דעם איצטיקן מאָמענט. דער צווייטער רעדנער רעדט אין רוסיש. ער ווענדעט זיך צו אַלע „כאַווייריםׂ אַרבעטער און ברידער סאָלדאַטן". עס קומט אָן אַ זשאנדאַרם און דער פאַטרול נעמט אונז טרייבן, נאָר אונזער רעדנער רעדט ווייטער. עס קלינגט זיין שטימע און פאַרהילכט די שטיקנדע אַטמאָספערע פון וואַרשעווער קרעפאָסט. עס הערט זיך אַ מעכטיקער אויסרוף: „עס לעבע די פאַרייניקונג פון די סאָלדאַטן מיט די אַרבעטער!" „עס לעבע דער 1־טער מאַי!" „עס לעבע די רעוואָלוציע!" און א. וו., א. א. וו. מיט רויטע פאָנען און אויסרופן מאַניפעסטירט מען אומקערנדיק זיך צוריק אין די קאַזעמאטן. דער מיטינג האָט געמאכט אַ גוטע ווירקונג אויף אַף די סאָלדאַטן, זיי האבן געזעטן, מע זאָל זיי דערקלערן די פוילישע און אידישע אויפשריפטן, מע האָט געזונגען דעם גאַנצן טאָג ביז שפעט אין דער נאַכט.

אָט אזוי האבן מיר, די קאָרבאָנעס פון דער זעלבסטהערשונג, געפייערט אונזער אַרבעטער־יאָנטעוו. אָט אזוי האבן מיד געשיקט, דורך די אייזערנע גראַטעס, אונזער ברידערלעכן גרוס צום אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט.

די מאַי־פייער־קאָמיסיע פון „בונד" אין וואַרשעווער ציטאַדעל. 4 פראָנט, נום. 2.

172. צום אנדענקען פון א העלד.

(נעקראָלאָג אפן 20־יאריקן וואַרשעווער אַרבעטער באַרעך שולמאַן, וועלכן מע האט געהאנגען פאַר האָרגענען א פאָליציי־קאָמיסאַר. „דער אַרבעטער", נום. 25 פון 25־טן מאַי 1906).

באַ דעם קעמפנדן אַרבעטער־קלאַס איז ווידער אַרויסגעריסן געוואָרן אַ טייער אָפּפער. אין דעם מאָמענט, ווען ער גרייט זיך צום אַנטשיידענעם זיגרייכן

קאַמף מיט דעם בלוטדורשטיקן צאַריזם, האט ער פארלאָרן פון זיינע רייען איינעם פון זיינע בעסטע און טרייסטע זין... דעם 14-טן מאַי איז געפאַלן ווי אַ העלד אַף דעם קאַמפס-פּלאַץ דער כאוועער באַרעך שולמאַן.

20 יאָר איז ער ערשט געווען. אין דעם מאָמענט, ווען זיין יונג וועזן האט זיך מיט אַ פולער ברוסט געריסן צום לעבן, אין אַזאַ מאָמענט איז ער געגאַנגען אַף אַ געוויסן טויט, געגאַנגען רואיק און מיט א פולער באוואוסטהייט, אַז ער אָפּפערט זיין יונגן לעבן דער ארבעטער-זאַך.

אַלס ארבעטער און דערצו נאָך אַ איד, האט דער כאוועער שולמאַן געהערט צו די, וואס גייען שוין פון קינדהייט אָן דורך די גרויסע און טרויעריקע שול פון עלנט, נויט און פארשקלאפונג. אַרום זיך האט ער אייביק געזעען אויסגעמאַטערטע פּענימער, קינדער, וואס גייען אויס אין די קעלער-הייזער פון הונגער און נויט, טויזנטער ברידער זיינע, וואָס שטארבן ביסלעכווייז אָפּ פון עלנט און איבעראַרבעטן זיך, און ווען ער איז עלטער געוואָרן און געקומען צום פארשטאנד, ווען ער האָט געזעען, ווי די מענטשלעכע ווערדע ווערט אַף יעדער שריט און טריט געשענדעט און געטראָטן מיט די פיס פון אַן ערשטן בעסטן פּאָליציאַנט, האָט אים אָנגעהויבן פארפּאָלגן די פראגע: פארוואָס? און אַף איר האָט ער געזוכט אַן ענטפער. ניט איין מאָל האט ער געזעען, ווי מענטשן זיינען געפּייניקט געוואָרן פאר זייער שטרעבן צו פרייהייט. ניט איין שווערן זיפץ, ניט איין טרויעריקע דערציילונג פון יעסורים און ליידן האָט ער אויסגעהערט, און הערנדיק און זעענדיק דאס אַלץ, האט ער זיך געלערנט ליבן און האַסן. געהאסט האט ער די אַלע נידערטרעכטיקע אונטערדריקער, געהאַסט די שענדלעכע הייניטיקע אָרדענונג, געהאַסט די אַלע, וואס האבן זיך רואיק געקענט צוקוקן צו די נידערטרעכטיקייטן און אַכזאַריעסקייטן. דער האַס אָבער פון א יונג הארץ איז נאָר אַן אויסדרוק פון אַ הייסער ליבע. זעענדיק די טויזנטער קאָרבאָנעס פון געוואַלד און אויסבויטונג, האט ער דערפילט אין זיין הארצן אַן אומגעהויערע ליבע צו די אלע פארפּאָלגטע, אונטערדריקטע און אויסגעבויטעטע; ער האט געוואָלט זוכן פאַר זיי עמעס און יוישער, און ווען ער איז באקענט געוואָרן מיט דער ליכטיקער סאָציאליסטישער אידייע, האט ער זיך מיט זיין גאנצן ליבנדן און האסנדן וועזן איבערגעגעבן דעם באפרייאונגס-קאמף. ווייל ער האט פעסט געגלויבט דערין, אַז די אונטערדריקונג און אונטעריאָכונג מוזן זיך ענדיקן, אַז דער פּראָלעטאריאט וועט מיט זיינע געמיינשאפטלעכע קרעפטן צעברעכן די אייזערנע קייטן, מיט וועלכע מע האט אים פארשמידט, און וועט מיט זיין קאמף דערנעענטערן דעם מאָמענט, אין וועלכן עמעס און יוישער וועלן זיגן.

אלס ארבעטער און אלס איד איז ער אויך פעסט איבערצייגט געווען, אַז די אלע, וואס ליידן און ארבעטן צוזאמען, מוזן אויך צוזאמען קעמפן. ער איז אריינגעטראָטן אין די פּוילישע סאָציאליסטישע פארטיי און געקעמפט אין אירע רייען אין פארלויף פון 2 יאָר. אַ רואיקע אלטעגלעכע אַגיטאציאָנס-ארבעט האט אים אָבער ניט געקאָנט אינגאנצן באפרידיקן, מיט אַלע זיינע יונגע קרעפטן האט ער געוואָלט דערנעענטערן דעם ליכטיקן טאָג פון דער באפריי-

אונג: ער האָט געוואלט קעמפן אַף לעבן און טויט. ער איז שוין מיט אַ האלב יאָר צוריק אריינגעטראָטן אין די רייען פון אונזער קאמפּס-אָרגאניזאציע און אלס איר מיטגליד האט ער אויסגעפירט דעם טויט-אורטייל איבער דעם טאַליען קאָנסטאנטינאָוו און גענומען ראַכע פאר הונדערטער, טויזנטער ארבעטער. ער איז געגאנגען מיט דער פולער באוואוסטהייט, אַז ער טוט דאָס, וואס ער ברויכט צו טאָן, אַז ער גייט באשטראָפן אַ טאליען, וועלכער האט דערמאָרדעט און אומבערעכנדיק געפייניקט טויזנטער מענטשן. ער איז געגאנגען רואיק, ווי א מענטש, וואס טראָגט אין זיך ניט איין הארץ, נאָר מיליאָנען ליידנדיקע הערצער, וואס האט אין זיין הארץ צוזאמענגענומען דאָס ליידן און דאס שמערץ פון דעם ארבעטער-קלאס.

ער איז געפאלן נאָכדעם, ווי ער האט דערפילט א העלדישן קאַמף!

כאוויירים! פארפלוכט זאלן זיין די צייטן, אין וועלכע דער ארבעטער-קלאס מוז פארלירן זיינע בעסטע און איידלסטע זין, קעדיי צו דערגרייכן אַ בעסערע צוקונפט.

פארפלוכט זאָל זיין די אָרדענונג, אין וועלכער ס'מוזן ברענגען די שווערסטע קאָרבאָנעס, די קאָרבאָנעס פון יונגע לעבנס, די, וואס קעמפן פאר יושער און גליק פאר אלע. נעבן אָקרזשעיאַ, דזשערזביצקי[51] און אנדערע מארטירער פון דער רעוואלוציע שטייט איצט דער כאווער שולמאן. ער האָט ראכע גענומען פאר די ליידן פונם גאנצן ארבעטער-קלאס, ער, דער יונגער העלד, וואס האט געהאט אַזא הייס-ליבנדן הארץ און אַזא ריינע נעשאָמע. ער איז ארויסגעריסן געוואָרן פון אונזערע רייען אין א מאָמענט, ווען מיר נויטיקן זיך אמערסטנס אין אזעלכע העלדן!

כאוויירים! דער העלדישער מארטירער-טויט פון דעם כאווער שולמאן וועט פאר אונזערע אויגן שטיין אימער און אייביק. ער וועט אונז קיין רו ניט געבן, ער וועט ניט דערלאזן דערצו, אַז מיר זאָלן דעם קאמף אף א ווײַלע אונטערברעכן!

זאלן מיר געדענקען, אז דער כאווער שולמאן איז געפאלן פאר אונזער באפרייאונג און אז עס וועלן נאָך מוזן געבראכט ווערן פיל קאָרבאָנעס אף דעם מיזבייעך פון דער ארבעטער-זאך!

מיר זעגנען דיר, אונזער ברודער אין קאמף, מיר זעגנען דיר, מארטירער פון דער ארבעטער-זאך! דיין טויט — איז א גרויסע פארלוסט פאר דעם ארבעטער-קלאס. מיר האבן דיר ניט געקענט ארויסרעטן פון די מערדערישע הענט. מיר וועלן אבער פאר דיר ראכע נעמען דערמיט, וואָס מיר וועלן ווייטער קעמפן פאַר דער רעוואָלוציע, פאר דער הייליקער ארבעטער-זאך, פאר וועלכער דו ביסט אזוי העלדיש געפאלן.

ערע דיר, ברודער און כאווער!

ערע דיר און אייביקער אָנדענק, דו יונגער העלד! *)

---

*) ווי מע זאָגט, געהערט דערדאָזיקער נעקראָלאָג דער פען פון באוואוסטן פוילישן שרייבער זעמאָיעיסקי, וועלכער האָט דענסטמאָל סימפּאַטיזירט דער רעוואָלוציע.

173. דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם.

(פונם באַריכט, וואָס ס'האָט צוגעשטעלט די קאָמיסיע פון דער גאָסוד. דומע 32),

„דאָס לעבן“, נומער 137, 1906)

...דעם 1-טן יוני האָט זיך אין ביאַליסטאָק אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם, וועלכער האָט געדויערט ביז צום 3-טן יוני, און בעאייסן פּאָגראָם זיינען אסאַך מענטשן דערהאַרגעט געוואָרן, אסאַך פאַרוואונדעט געוואָרן און אידיש האָב-און-גוטס צערויבט געוואָרן. ביז היינטיקן טאָג ווייסט מען נאָך ניט פּינקטלעך, וויפל עס זיינען געווען דערהאַרגעטע און וויפל פאַרוואונדעטע. וואָרום אַ טייל פון די דערהאַרגעטע האָט מען ארויסגעפירט פון שטאָט און ניט געבראַכט אין אידישן שפּיטאָל, און אסאַך פאַרוואונדעטע האָבן זיך געהיילט באַ זיך אין דערהיים. אין אידישן שפּיטאָל האָט מען געבראַכט 82 דערהאַרגעטע אידן (דעריגען דריי פאַרברענטע קערפּער) און ביז 70 פאַרוואונדעטע. אין קריסטלעכן שפּיטאָל האָט מען געבראַכט 6 דערהאַרגעטע ניט-אידן און 12 פאַרוואונדעטע.

די אומשטענדן, באַ וועלכע דער פּאָגראָם איז פאָרגעקומען, זיינען פאָלגנדע:

נאָך מיט עטלעכע טעג פאַרן 1-טן יוני האָט מען אין ביאַליסטאָק גערעדט דערפון, אז מע ריכט זיך אין ביאַליסטאָק אף אַ פּאָגראָם. דעם קומענדיקן פּאָגראָם האָט מען געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן טויט פונם ביאַליסטאָקער פּאָליצמייסטער, דערקאַטשאָוו, וועלכן מע האָט דעם 28-טן מאַי דערהארגעט.

...די האַריגעס פון פּאָליציי-באַאַמטע, וואָס זיינען פריער פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָק, האָט אויפגעבראַכט די פּאָליציי אף אלע ביאַליסטאָקער אידן, וועלכע זי האָט באַשולדיקט אין די האַריגעס. אכוץ דעם, האָט די אָרגאַניזאַציע פון די „עמעס-רוסישע לייט“ ניט אויפגעהערט צו דאַרשענען, אז די אידן זיינען סאָנים פון דער רוסישער מלוכע, אז אל דאָס בייז, די גאַנצע מעהומע און אומאָרדענונג נעמט זיך פון אידן, אָדער פון דער אידישער אגיטאַציע. דערפאַר איז „דער שטרייט מיטן אידנטום — אַ שטרייט מיט דער „קראַמאָלע“, וואָס מאַכט אומגליקלעך דאָס לאַנד; איינעמענדיק דאָס אידנטום — נעמט מען איין די „קראמאָלע“, און נאָכדעם וועט זיין שאָלעם און רו“. אָט די מיינונגען זיינען פריער איינגעוואָרצלט געוואָרן באַ די פּאָליציי-באַאַמטע און פון דאָרט זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו די פינסטערע מאַסן, וועלכע זיינען אָנגעפירט געוואָרן פון דער פּאָליציי. אַ קורצע צייט פאַרן פּאָגראָם האָבן זיך געבילדעט צוויי לאַגערן: אין איינעם די פּאָליציי מיט דער „שוואַרצער מייע“, אין דעם אַנדערן — אידן און יענע מענטשן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער פרייהייטס-באַוועגונג. די לעצטע האָט מען געהאַלטן פאַר אלגעמיינע סאָנים פון רוסלאַנד און פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, און די פּאָליציי, ווי אירע אַגענטן, האָט זיי אלעמען גלייך פיינט געהאַט. דאָס, וואָס אכוץ דעם „בונד“, האָט נאָך אין ביאַליסטאָק עקזיסטירט אן אַנאַרכיסטישע פּאַרטיי, איז

קיין סאָד ניט געוועזן פּאַר דער פּאָליציי, וועלכע האָט די גאַנצע עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי געשטעלט אַף אידישער רעכענונג. דאָס וואָרט „איד" און דאָס וואָרט „קראַמאָלניק" איז באַ דער פּאָליציי געוועזן איינס און דאָסזעלבע, און ביידע האָט זי אויסגעדריקט מיט איין נאָמען: „רעוואָלוציאָנערן".

און עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט די רעוואָלוציאָנערן דאַרף מען שטרייטן, זיי דאַרף מען אויסראָטן — צו דעם צוועק האָט מען אויך אָנגעגרייט שטרייט-מאַטעריאַל צווישן כאַיעל דורך דער שווארצמייעדיקער אגיטאַציע. צווישן די סאָלדאַטן האָט מען אָנגעהויבן זעען פּראָקלאַמאַציעס, אין וועלכע עס איז געוועזן געשריבן, אַז די קראַמאָלניקעס דאַרף מען אויסהאַרגענען, אַז די גאָסודאַרסטווענע דומע איז א זשידאָווסקע, אַז די רעוואָלוציאָנערן גייען קעגן קייסער א. אז. וו.

נאָך דעם 30-טן מאַי האָט מען אין איינער פון די פּאָלקאָוואָיע קאַזאַרמעס אָנגעזאָגט די פעלדפעבלס, אַז זיי זאָלן מודיע זיין די סאָלדאַטן, דאָס דעם 1-טן יוני וועט זיין א קאָטויילישע פּראָצעסיע, אַז די אידן וועלן וואַרפן אַ באָמבע און עס וועט זיין א פּאָגראָם.

איינייגעט דערמיט האָבן די גאָראָדאָוויע פאַרשפּרייט איבערן שטאָט יעדיעס וועגן דעם קומענדיקן פּאָגראָם; צוליב דעם האָבן שוין באַצייטנס גערעדט דערפון אלע באַדינטע, האָט באַצייטנס גערעדט דערפון די ביאַליסטאָקער באַפעלקערונג. אנדערע זיינען אזוי זיכער געוועזן, אַז עס וועט זיין א פּאָגראָם, אַז זיי האָבן זייערע פאַמיליעס ארויסגעשיקט פון שטאָט.

...דעם 31-טן מאַי האָט מען ארויסגעגעבן אַן אלגעמיינעם באַפעל דער 16-טער פּעכאָטנער דיוויזיע, אַז דעם 1-טן יוני זאָל מען אין ביאַליסטאָק פּאַנאַנדערשיקן מער סאָלדאַטן, ווי אין אלע אַנדערע טעג.

די שטאָט ווערט איינגעטיילט אין צוויי-ראַיאָנען: אַ צאָפן-ראַיאָן און אַ דאָרעם-ראַיאָן. אַפן ערשטן ראַיאָן ווערט באַשטימט פּאַר א נאַטשאַלניק דער פּאָלקאָווניק וואָיצעכאָווסקי, אַפן צווייטן — דער פּאָלקאָווניק בוקאָווסקי, די הויפּט-פאַרוואַלטונג לאָזט דער נאַטשאַלניק פון דער דיוויזיע פּאַר זיך. אין דעם אייגענעם פּריקאַז ווערן אויך אויסגערעכנט די קלאָלים, אָן וועלכע די סאָלדאַטן דאַרפן זיך האלטן.

עס איז געקומען דאָנערשטיק, דער 1-טער יוני. אין שטאָט זיינען אריינגעקומען פּראַוואָסלאַוונע פּראָצעסיעס פון די ארומיקע דערפער, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אין איין גרויסע פּראָצעסיע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו גיין דורך די גאַסן: ליפּאָווער, ניקאָלאַיעווער און אלעקסאַנדראָווער. אַף דעם אייגענעם טאָג איז אויך באַשטימט געוואָרן א קאטוילישע פּראָצעסיע פונם קאָסטיאָל ביז דער „קלאדבישטשע" סוו. ראָכע. עס איז זיך צונויפגעקומען א גרויסער עולם. בעאייס די פּראַוואָסלאַוונע פּראָצעסיע האָט אָנגעהויבן צו פאַרקירעווען פון דער אלעקסאַנדראָווער אַף אינסטיטוטסקער גאַס, האָט מען באַ ראַהיטעסעס הויז, וואָס אַפן ראָג, אָדער בא די דערבייאיקע הייזער, מאַקאָווסקי און פּאָלמאַן, ארויסגעשאָסן און נאָכדעם האָבן אייניקע קלוימערשט

געזעען אויך, אז „מע האָט עפּעס געוואָרפן און דאָס געוואָרפענע האָט געשיפּעט". עס איז געוואָרן א מעהומע און אסאך האָבן אוועקגעוואָרפן די איקאָנעס און אַנדערע הייליקע בילדער אף די טראָטוארן. ווי עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, זיינען דאָ, אף אלעקסאַנדראווער גאַס, פּאַרוואונדעט געוואָרן מינקאָווסקאַ (אַ פרוי) און דעמידיוק. באַלד זיינען אהער געקומען סאָלדאַטן, וואָס זיינען — ווי עס ווייזט אויס — געשטאנען דערביי, אין הויף פון גאָסודאַרסטווענע באַנק, און האָבן אָנגעהויבן שיסן אזוי גיך, אז דער עולם האָט נאָך אפילו קיין צייט ניט געהאַט זיך פאַנאנדערצולויפן פון דער מעהומע.

...באַלד נאָך די ערשטע שאָסן איז א האַמוין כוליגאנעס באַפאַלן די קריסטלעכע אפּטייק, וואָס אף דעם ראג, און האָבן זי צערויבט. דאָס אייגענע האָבן זיי אויך געטאָן מיט די דערבייאיקע אידישע וואוינונגען און קראָמען און דאָ האָט מען אויך אָנגעהויבן צו האַרגענען אידן.

און אז די רעשטן פון דער פּראָצעסיע האָבן זיך שוין געהאט אומגעקערט צוריק אין צערקווע און א האַמוין גראָמילעס האָט זיך אוועקגעלאָזט צו דער סוראַזשער גאַס, האָט מען אַפן ראָג פון דער גאַס און דעם פּלאַץ, וואָס אַנטקעגן, געוואָרפן א באָמבע, פון וועלכער עס האָט דאך קיינער ניט געליטן. ווי עס שיינט, האָט מען זי געוואָרפן דערפאַר, קעדיי אָפּצוהאַלטן די כוליגאַנעס, וועלכע זיינען זיך טאַקע באַלד נאָכן אויפרייסן צעלאָפן פון דאָרטן. אף דער גאַס זיינען ניט געגאַנגען ניט די גאָראָדאָוויע, ניט די סאָלדאַטן, נאָר פונם מאַרק-פּלאַץ האָבן די סאָלדאַטן געשאָסן אהין. ווי נאָך אַ סיגנאַל, האָט זיך באַלד אין איין צייט אָנגעהויבן דער פּאָגראָם אין פאַרשיידענע ערטער. מיט אן אומגעווײנלעכער גיכקייט האָט זיך פאנאנדערגעשפּרייט די לעגענדע וועגן דעם, אז א פּראוואָסלאַוונער גאַלעך און א פּוילישער קסיאָנדז זיינען דערהאַרגעט געוואָרן; אַז אידן האָבן געשאָסן אין די איקאָנעס, אז זיי האָבן דערהאַרגעט א קריסטלעכע פרוי און נאָך אזעלכע מוירעדיקע זאַכן.

...כוליגאנעס מיט פּאָליציאַנטן צוזאמען האָבן גערויבט קראָמען, געשלעפּט סכוירע, און סאָלדאַטן זיינען זיך געגאַנגען פון הינטן און געשאָסן אין יעדן אידן, וואָס האָט זיך נאָר באַוויזן אף דער גאַס. די כוליגאַנעס האָבן די קוילן קיינמאָל ניט געשאַדט, און די כוליגאַנעס האָבן אומגעשטערט זייערס געטאָן. עס האָבן געראַבעוועט ניט נאָר פּאָליציאַנטן און כוליגאַנעס, אָבער אפילע סאָלדאַטן. עס האָט זיך געטראָפן אזא מאַיסע: א סאָלדאט האָט אָנגערויבט אזוי פיל זאַכן, אז ער האָט ניט געקאָנט אוועקטראָגן, האָט ער געבעטן א כאַווער זיינעם, ער זאָל אים פאַרגארטלען דעם שינעל, ביכדיי די אָנגערויבטע זאכן זאָלן ניט ארויספאלן.

פון דאָנערשטיק אָן ביז שאַבעס איז אין שטאָט געווען אן עמעסע קאַנאָנאַדע, א שיסעריי ווי אף א מילכאָמע, כאָטש קיין סוינע איז אין ערגעץ ניט געווען צו מערקן. געשאָסן האָט מען נאָר אין אידן. איז זיך אין גאַס געגאנגען א קריסט, האָט מען אין אים ניט געשאָסן; ווי אָבער עס האָט זיך געוויזן א איד, זיינען אף אים פון אלע זייטן געפלויגן קוילן, אין שטאָט זיינען דאָ אַסאך צעשאָסענע הייזער. מע האָט געשאָסן

אַן אַ ציל, גלאַט אין דער וועלט אריין. דאָס איז ניט געווען אַ געפעכט צווישן צוויי קעגנער. דאָס איז געווען אַ יאַגד פון באוואָפנטע מענטשן נאָך אומבאוואָפנטע. האָט עמיצער ערגעץ-וואו געשאָסן, אזוי זיינען טייקעף זיך צונויפגעקליבן סאָלדאַטן און גענומען שיסן אין גאס און אין די הייזער. פרייטיק האָט דערהויפט געאַרבעט די פאָליציי. זי זוכט דערהויפט אין די הייזער, וואו עס האָבן זיך געווען באהאַלטן אידן. אין אַזעלכע הייזער האָט מען, אף דער אָנווייזונג פון דער פאָליציי, טכילעס געשאָסן, דערנאָך זיינען סאָלדאַטן אריין אין די הייזער, ארויסגעשלעפט די באַהאַלטענע אידן און דערשאָסן די מענער.

די מיליטערישע פאַטרולן זיינען געגאַנגען געוויינלעך אונטער דער פירונג פון פאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן די באפעלן צו שיסן. אָפט אָבער האָבן סאָלדאטן פון אייגענעם ווילן פאנאנדערגעשאָסן אידן.

אין די טעג האָט מען זיך קעסיידער באנוצט מיט שיסערייען פון פראָוואָקאטאָרן, ביכדיי צו האָבן אַ טערעץ, אז מע זאָל שיסן אין הייזער און אין מענטשן. עס האָט אויך געטראָפן, אז געשאָסן האָבן פאָליציאנטן, און זאָגנדיק, אז דאָס האָבן געטאָן אידן, האָבן זיי גערופן סאָלדאַטן און געהייסן שיסן. יעדער איד, ער האָט זיך געמעגט זיין אפילע אַ זאָקן, האָט זיך גערעכנט פאַר אַ רעוואָלוציאָנער. און האָט מען איינעם אָנגערופן „רעוואָלוציאָנער“, איז שוין דאָס גענוג געווען, מע זאָל אים טויטן, אַלץ איינס צי דעם אידן האָט אָנגערופן רעוואָלוציאָנער אַ פאָליציאַנט, אַ סאָלדאַט אָדער סטאַם אַ כוליגאַן. שפּעטער איז שוין דאָס וואָרט „רעוואָלוציאָנער“ אויך געווארן איבעריק, עס איז גענוג געווען אויסצושרייען „זשיד“ און אָנווייזן אַ סאָלדאַט עפּעס אף אַ אידן, וואָס איז געלאָפן אין גאַס אדער געזעסן ערגעץ-וואו באַהאלטענערהייט, האָט דער סאָלדאט אָן טאַינעס אומאינעס געשאָסן. די טעג, דאָס הייסט פרייטיק און שאַבעס, האָט דאָס רויבן געשפילט גאָר אַ קנאפּע ראָלע: מע האָט דערהויפט געסטאַרעט זיך, וואָס מער נעפאשעס צו טויטן. אָנשטאָט די גראַמילעס, ווערן די הויפּט-טוער די פאָליציי און דאָס מיליטער. אף אלע האַרוגים אין די צוויי טעג זיינען דאָ וואונדן פון קוילן און פון שטיקעס און זייער זעלטן — פון טעמפן געווער. עטלעכע האַרוגים האָבן וואונדן אי פון טעמפן געווער, אי פון קוילן און שטיקעס.

174. לענין וועגן ביאַליסטאקער פאָגראָם.

(„די רעאַקציע הויבט אויף אַ באוואָפנטן קאַמף“. געזאַמלטע ווערק, באַנד VI).

שוין לאַנג האָט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּרעסע אָנגעוויזן אַף דער קורציאָריקייט און באָדנלאָזיקייט פון דעם גוט באַקאַנטן רוסישן „קאָנסטיטוציאָנאַליזם“. קאָלזמאַן עס האַלט זיך די אַלטע מאַכט און האַלט אין אירע הענט די גאַנצע אומגעהויערע מאַשין פון דער מלוכע-פאַרוואַלטונג — קען מען אפילע ערנסט ניט ריידן וועגן אַ וועלכע ניט איז באַדייטונג פון דער פאָלקס-

פאַרטרעטונג, וועגן דער מעגלעכקייט צו באפרידיקן די אָנגעווייטיקטע באדערפענישן פון די מיליאָנען פונם פאָלק.

ווי נאָר עס האָבן זיך אָנגעהויבן די זיצונגען פון דער גאסודאַרסטווענער דומע, ווי נאָר עס האָבן זיך ווי א ברויזנדיקער שטראָם א גאָס געטאָן די ליבעראַל-בורזשואַזע רעדעס וועגן א פרידלעכן קאָנסטיטוציאָנעלן וועג, — האָבן זיך אָנגעהויבן און גענומען אלץ פאַרשטאַרקן די מאַסן-האריגעס פון פרידלעכע דעמאָנסטראַנטן, די אונטערצינדונגען פון הייזער מיט פאָלקס-פאַרזאמלונגען און, לעסאָף, פאָשעטע פאָגראָמען, וואָס ווערן אָרגאַניזירט דורך די רעגירונגס-אגענטן.

און די פויערים-באַוועגונג וואַקסט. די אַרבעטער-שטרייקן ווערן אַלץ שאַרפער, אָפטער און ברייטער. די אָפגעשטאנענסטע מיליטערישע טיילן, די פוס-גייער-מיליטער אין דער פראָווינץ און די קאזאַקן הויבן זיך אן צו באוועגן.

צו פיל ברען-מאטעריאַל איז פאַראן אינם רוסישן לעבן. צו גרויס און שאַרף איז דער קאַמף, וועלכן עס האָבן ארויסגערופן די הונדערטער יאָרן פון די שרעקלעכסטע אין דער געשיכטע געוואַלטן, פייניקונגען, רויבערייען און עקספלואַטאַציע. דער קאַמף פון דער דומע פאַר אַזאַ אָדער אַנדער מיניסטעריום איז ניט אימשטאנד אַרומצונעמען דעמדאָזיקן קאַמף פונם פאָלק מיט דער אַלטער מאכט. מע קען ניט איינהאַלטן די דערשלאָגנסטע און פינסטערסטע „אונטערטאנער" פון אַרויסצושטעלן די פאָדערונגען פון דער אויפוואכנדיקער מענטשלעכער און בירגערלעכער פערזענלעכקייט. מע קען ניט מיטן רופן צו געזעצלעכקייט איינהאַלטן די אלטע מאַכט, וועלכע האָט אַלעמאָל אליין צוזאַמענגעשטעלט געזעצן, וועלכע קעמפט פאַר איר עקזיסטענץ מיט די לעצטע פאַרצווייפלטסטע און ווילדסטע מיטלען.

דער פאָגראָם אין ביאַליסטאָק איז אַ באַזונדערס בוילעטער. א פאַקט, וואָס באַווייזט, אַז די רעגירונג האָט אָנגעהויבן אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן פאָלק. די אלטע, נאָר אייביק נייע, — אייביק ביזן ניצאָכן פונם פאָלק, ביז די אַלטע מאַכט וועט אינגאַנצן ארונטערגעשליידערט ווערן — געשיכטע פון די רוסלענדישע פאָגראָמען! אָט זיינען עטלעכע אויסצוגן פון דער טעלעגראַמע, וועלכע עס האָט געשיקט דער וואַל-מאַן פון די ביאַליסטאָקער בירגער, צירין: „עס האָט זיך אָנגעהויבן א אידישער פאָגראָם, וועלכער איז פאָרויס צוגעגרייט געוואָרן". ניט קוקנדיק אף די קלאנגען, וואָס זיינען געווען פאַרשפרייט, איז פונם מיניסטעריום אין מעשעך פון א גאנצן טאָג קיין שום פאראָרדענונגען ניט אָנגעקומען. „פאַר אַ פאָגראָם האָט מען שטאַרק אַגיטירט שוין צוויי וואָכן; אף די גאַסן, באזונדערס אָוונט-צייט, האָט מען געטיילט פראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבן גערופן שלאָגן ניט נאָר די אידן, נאָר אויך די אינטעליגענץ; די פאָליציי האָט דאָס אַלץ געזעען און געשוויגן".

אַן אַלטע באַקאַנטע בילד! די פאָליציי גרייט צו פאָרויס דעם פאָגראָם. די פאָליציי העצט אויף; אין די רעגירונגס-דרוקערייען דרוקן זיך אויפרופן צו שלאָגן די אידן. די פאָליציי טוט גאָרניט, ווען דער פאָגראָם הויבט זיך אָן. די מיליטער קוקט רואיק אף די העלדנטאטן פון דער שוואַרצער מייע. און

דערנאָך, — דערנאָך שפּילט דיזעלביקע פּאָליציי ווייטער אָפּ די קאָמעדיע פון געריכט און אויספאָרשונג איבער די פּאָגראָמשטשיקעס. דאָס געריכט און די אויספאָרשונג פון די רעגירונגס-באַאַמטע פירן שטענדיק צו איין רעזולטאַט: דער פּראָצעס פאַרציט זיך, קיין שולדיקע פּאָגראָמשטשיקעס ווייזן זיך ניט אַרויס, ווען ניט איז ציט מען צו צום געריכט אַפילע די צעמאַזיקטע און פאַרוואונדעטע אידן און אינטעליגענטן, עס גייען דורך גאַנצע כאָדאָשים, — די אַלטע, נאָר אייביק נייע געשיכטע ווערט פאַרגעסן ביז — דעם צווייטן פּאָגראָם.

א נידערטרעכטיקע העצעריי, אַן אונטערקויפונג און פאַרשיקערונג פון די אויסוואורפן פון אונזער פאַרפלוכטער קאַפּיטאַליסטישער „ציוויליזאַציע”, אַכזאָריעטדיקער שלאָגן אומבאַוואָפנטע דורך באַוואָפנטע, אַ קאָמעדיע פון געריכט און אויספאָרשונג, וואָס עס פירן די שולדיקע אליין. און עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע מענטשן, וועלכע, באַאָבאַכטנדיק דיזאָזיקע דערשיינונגען פונם רוסישן לעבן, טראַכטן און זאָגן, אַז עמיצנס „לייכטזיניקייט” רופט קלוימערשט דאָס פאָלק „צו עקסטע מיטלען”. ניט נאָר לייכטזין איז נויטיק, מע דאַרף האָבן א לומפּיקע נעשאָמע, עס איז נויטיק א פּאָליטישע פאַרדאָרבנקייט, קעדיי צו ריידן אַזעלכע זאַכן, ווען עס קומען פאָר אַזעלכע געשעענישן, ווי דאָס פאַרברענען פונם פאָלקס-הויז אין וואָלאָגדע[53] (דער אָנהויב פון די זיצונגען פון דער גאָסודאַרסטווענע דומע), אָדער דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם (א כוידעש זיצונגען פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע). מיליאָנען אויפרופן וועלן ניט מאַכן אָפּן פאָלק אפילע קיין הונדערטכיילעק פון דער ווירקונג, וועלכע עס קען מאַכן איינע פון דידאָזיקע געשעענישן. און צו ריידן וועגן „לייכטזיניקייט” פון די אויפרופן — איז פונקט אַזאַ האָפענונגסלאָזער פעדאַנטיזם, אַזאַ פּאָליטישער פּאַראַליטש, ווי דאָס טאַדלען דעם ווילדן געשריי פון נעקאָמע, וואָס טראָגט זיך פון די וואָלאָגדער און ביאַליסטאָקער שלאַכט-פעלדער.

די גאָסודאַרסטווענע דומע האָט געטאָן זייער גוט, וואָס זי האָט גלייך גענומען באַהאַנדלען די אָנפראַגע וועגן דעם ביאַליסטאָקער פּאָגראָם און אַוועקגעשיקט מיטגלידער פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע, קעדיי אויסצופאָרשן די זאַך אָפּן אָרט. נאָר ווען איר לייענט דיזאָזיקע אָנפראַגע, ווען איר פאַרגלייכט מיט איר די רעדעס פון די דומע-דעפּוטאַטן און די אַלעמען באַוואוסטע פאַקטן פון די פּאָגראָמען, באַקומט זיך א געפיל פון א טיפער אומצופרידנהייט, אַ געפיל פון אויפרעגונג פון דער אומאַנטשלאָסענער שפּראַך פון דער אָנפראַגע.

באַטראַכט נאָר אליין. די מעכאַברים פון דער אָנפראַגע זאָגן בלויז: די באַפעלקערונג האָט מוירע, אַז די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע און אַגיטאַטאָרן זאָלן זיך ניט פּרואוון פאַרצושטעלן די זאַך אַזוי, אַז די געליטענע זיינען אליין שולדיק אין דעם אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן... „אין דערדאָזיקער ריכטונג ווערן פאַרשפּרייט פאַלשע ידיעס”. יע, יע, די דערשלאָגענע און געפייניקטע אידישע באַפעלקערונג האָט מוירע און האָט גענוג גרונדן אָף מוירע צו האָבן דערפאַר. דאָס איז עמעס. אָבער דאָס איז דאָך ניט דער גאַנצער עמעס, הערן דומע-מיטגלידער און מעכאַברים פון דער אָנפראַגע! איר, פאָלקס-דעפּוטאַטן, וועלכע מע האָט נאָך דערווייל ניט געשלאָגן און ניט גע-

פּייניקט, ווייסט דאָך זייער גוט, אַז דאָס איז ניט דער גאַנצער עמעס. איר ווייסט, אַז די דערשלאָגענע באַפעלקערונג וואַגט ניט אָנצורופן די עמעסע שולדיקע פונם פּאָגראָם. איר אָבער דאַרפט זיי אָנרופן. אַף דעם זייט איר דאָך פאָלקס-דעפּוטאַטן, אַף דעם האָט איר — אַפּילע לויט די רוסישע געזעצן — פולשטענדיקע פרייהייט פונם וואָרט אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע. אַלזאָ, שטעלט זיך ניט צווישן דער רעאַקציע און דעם פאָלק אין אַזעלכע מינוטן, ווען די באַוואָפנטע רעאַקציע שטיקט, שלאָגט און קאַליעטשעט דעם אומבאַוואָפנטן פאָלק. שטעלט זיך דירעקט און אינגאַנצן אַף דער זייט פונם פאָלק. באַגרעניצט זיך ניט מיטן איין איבערגעבן די באַלעבאַטישע מוירע, אַז די נידערטרעכטיקע שולדיקע זאָלן ניט אַנערקענען פאַר שולדיקע די געהאַרגעטע. טרעט אַרויס מיט דירעקטע באַשולדיקונגען קעגן די דאָזיקע שולדיקע — דאָס איז אייער דירעקטער כוויוו פאַרן פאָלק. פרעגט די רעגירונג ניט וועגן דעם, צי ווערן אָנגענומען מיטלען אַף צו פאַרטיידיקן די אידן און אַף ניט צו דערלאָזן קיין פּאָגראָמען, נאָר וועגן דעם, צי וועט נאָך לאַנג די רעגירונג באַהאַלטן די עמעסע שולדיקע, וואָס געהערן צו דער רעגירונג. פרעגט וועגן דעם, צי מיינט די רעגירונג, אַז דאָס פאָלק וועט נאָך לאַנג לעבן אין טאָעס בענוגייע צו די דאָזיקע עמעסע שולדיקע. באַשולדיקט די רעגירונג אָפן, אַז אַלע זאָלן הערן, רופט דאָס פאָלק צו אָרגאַניזירן מיליציע און זעלבסטשוץ, ווי צום איינציקן מיטל אַף צו פאַרטיידיקן זיך פון פּאָגראָמען.

דאָס אַנטשפּרעכט ניט די „פּאַרלאַמענטאַרישע מינהאָגים", וועט איר זאָגן. און איר שעמט זיך ניט אַפּילע איצט אַרויסצורוקן אַזעלכע אַרגומענטן? און איר פאַרשטייט ניט, אַז דאָס פאָלק וועט אייך פאַרורטיילן דערפאַר, וואָס אין אַזאַ מאָמענט אַפּילע הערט איר ניט אויף צו שפּילן זיך אין פּאַרלאַמענטאַריזם, וואָס אַפּילע אין אַזאַ מאָמענט האָט איר ניט קיין דרייסטקייט צו זאָגן גלייך, אָפן, הויך דאָס, וואָס איר ווייסט און טראַכט אין דערעמעסן?

און אַז איר ווייסט דעם עמעס וועגן די פּאָגראָמען, זעט מען פון די רעדעס פון די דומע-דעפּוטאַטן. דער קאַדעט נאַבאָקאָוו זאָגט: „מיר ווייסן, אַז אין אַסאַך פאַלן האָט זיך דער אַדמיניסטראַציע בעשום אויפן ניט איינגעגעבן אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם כשאַד אין דעם, אַז דאָס, וואָס די פּאָגראָמען הויבן זיך אָן אין איין צייט, נעמט זיך אָדער דערפון, וואָס די שוואַרצמייעדיקע אָרגאַניזאַציעס אַרבעטן מיטן וויסן פון דער אָרטיקער מאַכט, אָדער אַדאַנק איר סיסטעמאַטישער אומטעטיקייט".

אויב איר ווייסט דאָס, הערן קאַדעטן, האָט איר דאָס געדאַרפט זאָגן אין דער אָנפראַגע. און אַזוי טאַקע דאַרף מען שרייבן: „מיר ווייסן אַט דאָס, און מיר פרעגן אַט וועגן דעם". און אויב איר ווייסט „בעסערע" פאַלן, איז ניט שיין פאַר פאָלקס-דעפּוטאַטן צו שווייגן וועגן ערגערע פאַלן, וועגן דעם, אַז די פּאָליציי אָרגאַניזירט דירעקט פּאָגראָמען, לויטן באַפעל פון פּעטערבורג.

„ביאַליסטאָק איז ניט קיין אויסנאַם-פאַל", — האָט לעווין[51] ריכטיק גע-

זאָגט, — „דאָס איז איינע פון די פאָלגן פון דער סיסטעם, מיט וועלכער איר ווילט קעמפן". ריכטיק, בירגער לעווין! נאָר אויב מיר אין א צייטונג קענען ריידן מער ניט וועגן דער „סיסטעם", דאַרפט איר אין דומע ריידן אָפענער און שאַרפער.

„די פּאָגראָמען — דאָס איז א גאַנצע סיסטעם. אין די אָקטיאַבער־טעג... האָט די רעגירונג... ניט געפונען קיין אנדער מיטל זיך צו קעמפן מיט דער באַפריי־אונגס־באַוועגונג... איר ווייסט, מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט דאָסדאָזיקע קאַפּיטל פון דער געשיכטע... איצטער כאַזוערט זיך איבער דיזעלביקע זאַך... דידאָזיקע סיסטעם איז טייוולאָניש צוגעגרייט און פאַרטראכט געווען און אַף אזויפיל טייוולאָניש ווערט זי אויסגעפירט. אין צאַך פאַלן ווייסן מיר אויסגעצייכנט, ווער עס גרייט צו דידאָזיקע פּאָגראָמען, מיר ווייסן אויסגע־צייכנט, אַז די פּראָקלאַמאַציעס ווערן פאנאַנדערגעשיקט דורך די זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונגען".

נאָך אמאָל ריכטיק, בירגער לעווין! און אין דער אָנפראַגע האָט מען גע־דארפט אָנשרייבן: צי מיינט דאָס מיניסטעריום, אַז די דומע ווייס ניט דעם אַלעמען באַקאַנטן פאַקט, אַז די פּראָקלאַמאַציעס ווערן פאנאַנדערגעשיקט דורך די זשאַנדאַרמען און דער פּאָליציי?

דעפּוטאַט ריזשקאָוו[55] האָט אָפן געזאָגט, אַז דערקלערן די פּאָגראָמען מיט פאָלקס־סינע הייסט זאָגן א ליגן, אַז דערקלערן זיי מיט דער שוואַכקייט פון דער מאַכט הייסט נידערטרעכטיק אויסטראַכטן. דעפּוטאַט ריזשקאָוו האָט געבראכט א ריי פאַקטן, וואָס באַווייזן די „מיטאַרבעטערשאַפט" פון דער פּאָ־ליציי, פּאָגראָמשטשיקעס און קאזאַקן. „איך וואוין אין א גרויסן אינדוסטריעלן ראַיאָן — האָט ער געזאָגט — און איך ווייס, אַז דער פּאָגראָם, לעמאָשל, אין לוגאַנסק, האָט ניט אָנגענומען קיין שרעקלעכע פאָרמען נאָר דערפאַר (הערט זיך צו גוט, מיינע הערן!) נאָר דערפאַר, וואָס די אומבאַוואָפנטע אַרבעטער האָבן מיט הוילע הענט געטריבן די פּאָגראָמשטשיקעס, אונטער דער געפאַר דערשאָסן צו ווערן דורך דער פּאָליציי".

„די באשולדיקונג קעגן דער רעגירונג" — אונטער אַזאַ קעפּל דרוקט די צייטונג „רעטש"[56] דידאָזיקע אָפּטיילונג פון די דומע־דעבאַטן. אַ גוטער קעפּל. נאָר אַזאַ קעפּל דארף זיין ניט אין א צייטונג, נאָר אינם טעקסט פון דער דומע־אָנפראַגע. אָדער מע דארף שרייבן די אָנפראַגן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין א פייערדיקע באשולדיקונג קעגן דער רעגירונג פארן גאַנצן פאָלק, — אָדער, אויב ניט, וועט איר ארויסרופן ביטערע באמערקונגען און שפּאָטערייען דערפאַר, וואָס די קאַנצעליאַריש־באַשיידענע אָנפראַגן פאַרשווייגן אַזעלכע מוירעדיקע פאַקטן. נאָר דענסטמאָל, ווען די דומע וועט זיך שטעלן אַפן ערשטן וועג, וועט זי אָפּגעוואוינען די רעאַקציאָנערן פון צו לאַכן פון איר. און די רעאקציאָנערן לאַכן פון איר טאַקע גאַנץ אָפן. לייענט אַדעראַבע די היינטיקע „נאָוואָיע וורעמיאַ"[57]. דידאָזיקע לאַקייען פון די פּאָגראָמשטשיקעס לאַכן הויך אפן קאָל און זיינען פריילעך. זיי שרייבן: „מע מוז באַצייכענען מיט א באזונדערן פאַרגעניגן (!!) די גיכקייט, מיט וועלכער די דומע האָט אָנ־

געפרעגט דעם מיניסטער וועגן דעם אידישן פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק". איר זעט: די פּאָגראָמשטשיקעס זיינען באַזונדער צופרידן, — דער לאַקיי פּלוידערט אויס דעם עמעס. די רעאַקציע איז צופרידן סאַי מיט דעם ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, סאַי מיט דעם, וואָס די דומע קען מען איצט זידלען אלס „אידישע" דומע. די רעאַקציע זאָגט אייך מיט שפּאָט: „אויב מע דאַרף מויכל זיין די פּאָגראָמען פונם פּריצישן אייגנטום אין די רוסישע גובערניעס, ווי מע האָט היינט געזאָגט אין דומע, דאַרף מען אויך מויכל זיין די פּאָגראָמען פון אידישן אייגנטום אין מאַירעוו-קאָנט".

איר זעט, הערן דומע-לייט: די רעאַקציאָנערן זיינען אָפנהערציקער, איידער אייערע רעדעס אין דומע. די רעאַקציאָנערן האָבן קיין מוירע ניט צו פאַרבינדן די דומע מיטן פויערשן קאַמף פאַר פרייהייט. האָט זשע איר אויך קיין מוירע ניט צו פאַרבינדן די רעאַקציאָנערע מאַכט מיט די פּאָגראָמשטשיקעס.

175. אין דערוואַרטונג פון א נייער פּאָגראָם-כוואַליע.

(פּ. באָגראַוו [58] (ד. זאַסלאַווסקי): „1327 טעלעגראַמעס", „פאָלקסצייטונג", נום. 107 פון 5 יולי 1906).

אַ טרויעריקע סטאַטיסטיק!.. 1327 טעלעגראַמעס האָט באַקומען דער מיני-סטער פון אינערן פאַר איין כוידעש יון וועגן פּאָגראָמען, וואָס ווערן צוגעגרייט אין די פאַרשיידענע שטעט.

1327 טעלעגראַמעס! דאָס באַדייטעט, אַז ס'איז ניטאָ ניט איין שטאָט, ניט איין קליין שטעטל, וואו די אידן זאָלן ניט איבערלעבן טויט-שרעקעניש. דאָס באַדייטעט, אַז ס'איז געקומען די וואַסער ביזן האַלז, דאָס באַדייטעט, אַז מענטשן זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן צום טויט, און זיי ווייסן ניט ווי צו ראַ-טעווען זיך.

טרויעריקע טעלעגראַמעס... מ'האָט זיי געשיקט, ווייל דאָס איז געווען די איינציקע שטרייעלע, פאַר וועלכע עס כאַפּט זיך דער מענטש, בעאייס ער פילט, אַז די לעצטע קויכעס פאַרלאָזן אים, און אָט-אָט גייט ער צום גרונד. מ'האָט זיי געשיקט, האַגאַם קיינער האָט אין זיי ניט נעגלויבט. פון אַלע עקן רוסלאַנד טראָגן זיך די טעלעגראַמען, ווי די הילכיקע שאַרפע קוילעס פון ווייטאָק און אינואים, אין איין שטאָט, צו איין מענטשן, און בעטן טאַכנונים — העלפט!

„די זשידעס יעלה'ן!" אָט אַזוי האָט מיט אַ קאַלטן שמייכעלע, מיט פאַר-אַכטונג און נייגער געזאָגט ניט איין טשינאָווניק אין ביאַליסטאָק, צוהערנדיק זיך צו די האַרץ-רייסנדע קוילעס פון די געפּייניקטע אידן.

— זשידאָווסקע יעלה'ס, זאָגט מיסטאָמע קאַלטבלוטיק אַ טשינאָווניק פון מיניסטעריום, צונויפלייגנדיק די אלע טעלעגראַמעס אין אַ גרויסער קופּע.

צי עפנט מען אַפילע אָפּ אָט די אַלע טעלעגראַמעס? אָדער מע גיט בלויז אַ קוק, פון וועלכער שטאָט הערט זיך דאָס דער זשידאָווסקער געשריי?

און דער מיניסטער גיט אַלעמען די אייגענע האַפטאָכע, באַרואיקט אַלעמען מיט איין נוסאָך.

— מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן.

יע, מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן. באַלד וועט מען זיי דערזעען. ס'גייען אַרום פעסטע קלאַנגען וועגן אַן איינטאָגיקער בלוט-באָד אין גאַנץ רוסלאַנד. מע זאָגט, אז די באָד איז אָנגעגרייט אַף יענעם טאָג, ווען ס'וועט באַשטימט ווערן אַ קאַדעטיש מיניסטעריום.

1327 טעלעגראַמעס אין יון... וויפיל אַזעלכע טעלעגראַמעס וועלן זיין אין יול?

176. די אַלרוסלענדער סאָצ. דעמ. קאָנפערענץ צו קעמפן קעגן די פּאָגראָמען.

(פון פּאַרטיי-לעבן. „פאָלקסצייטונג", נומ. 102 פון 29 יון 1906).

לויט דער איניציאַטיוו פון צ. ק. „בונד", איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון די פאָרשטייער פון די צענטראַלע קאָמיטעטן פון דער רוס. סאָצ.-דעמ. אַרב. פּאַרטיי, די ליטווישע סאָצ. דעמ.-אַרבעטער פּאַרטיי, די סאָצ.-דעמ. פון פּוילן און ליטע, „בונד", די פּאַרטיי ס. ר. און פּ. פּ. ס., קעדיי צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן די מיטלען פון קאַמף קעגן דער פּאָגראָם-קאַמפּאַניע פון דער רעגירונג. אַף דער ערשטער זיצונג האָט מען באַשטימט איינצולאַדן אַף דער קאָנפערענץ דעם פאָרשטייער פון דעם רוסלענדישן פויערים-פאַריין [59].

אַף דער קאָנפערענץ זיינען איבער אומבאַקאַנטע אומשטענדן ניט געקומען די פאָרשטייער פון פּ. ס. ד. און פּ. פּ. ס.; דער פאָרשטייער פון דער לעטישער ס. ד. אַרב.-פּאַרטיי האָט געמוזט אָפּפאָרן, ניט דערוואַרטנדיק זיך ביז דער ענדע פון דער קאָנפערענץ.

אַרויסגייענדיק פון דער נויטיקייט אָנצונעמען עקסטרענע מיטלען קעגן דער פּאָגראָמען-קאַמפּאַניע פון דער זעלבסטהערשנדער רעגירונג, האָט די קאָנפערענץ אָנגענומען די פאָלגנדע רעזאָלוציעס:

1) אויפווייזנדיק אַף דעם, אַז עס פעלט קימאַט אינגאַנצן פּאָפּולערע ליטעראַטור קעגן דער פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, מאַכט די באַראַטונג אויפמערקזאַם אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אַף דער נויטיקייט אָנצוהויבן אַרויסגעבן און וואָס ברייטער פאַרשפּרייטן פּאָפּולערע ליטעראַטור, וועלכע זאָל באַקענען מיט דער רעכטלאָזיקייט פון דער אידישער באַפעלקערונג, מיט איר עקאָנאָמישער לאַגע און מיט דער פּאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג אין דער באַציאונג צו אידן.

2) די באַראַטונג ווייזט אָן אַף דער נויטיקייט צו אָרגאַניזירן אַ קאַמפּאַניע אין גאַנץ רוסלאַנד קעגן דער פּאָגראָם-פּאָליטיק פון דער רעגירונג און לייגט פאָר צו מאַכן אומעטום פאַרזאַמלונגען, מיטינגען און אָנצונעמען דאָרט רעזאָלוציעס, וועלכע זאָלן אין יעסאָד האָבן, ווי די באַראַטונג רעקאָמענדירט, די פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„מיר... וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין דער צאָל פון... און נאָך דעם, ווי מיר האָבן באַטראַכט די פראַגע וועגן אידישע פּאָגראָמען, ערקלערן:

אין קאַמף מיטן פּאָלק שטרעבט די זעלבסטהערשנדע רעגירונג צו פּאַנאַנ-דערטיילן אים, אָפּצואווענדן פון זיך דעם פּאָלקס-צאָרן און דערמיט אפּצו-האַלטן די מעכטיקע באַוועגונג פון פּאָלק, וועלכער פּאָדערט פרייהייט און ערד.

צוליב דעם ציל רייצט זי אויף פאַרשידענע טיילן פון דער באָפעלקערונג איינעם אָפן צווייטן, באַזונדערס אָבער פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן.

אַוועקנעמענדיק בא די אידן אַלע בירגערלעכע רעכטן, אונטערהאַלטנדיק דערמיט באַם פּאָלק דעם געדאַנק, אַז בענוגייע צום אידן איז אַלץ ערלויבט, פּרובירט די רעגירונג צו שאַפן פון דער רעכטלאָזער אידישער באַפעלקערונג אַ בליץ-אָפּלייטער פאַר דער סטיכיינער אומצופרידנהייט, וועלכע ס'האָט זיך אָנגעקליבן באַ די פינסטערע מאַסן, און מיט דער הילף פון פּאָליציי, כאַאיל און אָנגעדונגענע ראַצכים אָרגאַניזירט זי אידישע פּאָגראָמען.

מיר ערקלערן, אַז אונזער פייַנד און דער פיינד פון גאַנצן פּאָלק זיינען ניט די אידן, אָדער אַוועלכע ניט איז אַנדערע נאַציאָן, נאָר די זעלבסטהערשנדע רעגירונג, וועלכע איז באַשפריצט מיט בלוט פון אומשולדיקע קאָרבאַנעס, און יענע, וועלכע העלפן איר אין אירע שענדלעכע מאַיסים.

פאַר אונז... זיינען מענטשן גלייך אָן אן אונטערשייד פון נאַציאָן און גלויבן; מיר האָבן געקעמפט און וועלן קעמפן און מיר רופן אַלע בירגער צום קאַמף פאַר דעם, אַז מע זאָל טייקעף ערקלערן די אידן פאַר גלייכבאַרעכ-טיקע בירגער פון רוסלאַנד, אַז מע זאָל אָפּשאַפן אַלע אויסנאַמס-געזעצן קעגן די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן.

אין די הענט פון דער זעלבסטהערשנדער רעגירונג דינט דער כאַאיל ניט אַלס א מיטל צו פאַרטיידיקן די באַפעלקערונג, נאָר אַלס אַ געווער פון רע-ציכע און רויב. מיר רופן אויף דעם באַוואוסטזיניקן טייל פון כאַאיל צו אַן ענערגישן פּראָטעסט קעגן דער ראָלע פון שענדלעכע רויבער, געוואַלט-טעטער און ראַצכים, וועלכע די זעלבסטהערשנדע קליקע צווינגט אים צו שפּילן. זאָל די אַרמיי באַ יעדן פאַרזוך צו אָרגאַניזירן א פּאָגראָם אָנווענדן אירע געווער אָף צו פאַרטיידיקן די אונטערדריקטע באַפעלקערונג קעגן די אויפהעצער און פּאָגראָמשטשיקעס.

מיר ערקלערן, אז נאָר די אלגעמיינע באַוואָפענונג פון פּאָלק איז אין שטאַנד צו פארהיטן דאָס לעבן און די ערע פון די בירגער. מיר רופן אויף אַלע בירגער צו באַוואָפנטן זעלבסטשוץ און דער אָרגאַניזירונג פון אַ בירגער-לעכער מיליציע.

מיר פאָרערן אויף די גאָסוד. דומע (אָדער דעם אָדער יענעם טייל פון איר *) אַנצונעמען אַנטשידענע מיטלען קעגן די פּאָגראָמען, וועלכע זיינען דער לעצטער קאָרט אין די הענט פון דער גויסעסער ריאַקציע.

---

*) ס'ווערט געמיינט די ארבעטער-און פויערים-פראקציעס („טרודאָוואיא גרופּע").

צוליב דעמדאָזיקן צוועק לייגן מיר פאָר דער גאָס. דומע (אָדער א טייל פון איר):

1) ווענדן זיך מיט אן אויפרוף צו אלע רוסלענדער בירגער, אין וועלכן מע זאָל ערקלערן די אורזאַכן און די צוועקן פון די פּאָגראָם־שרעקן און אויפפאָדערן צו אָרגאַניזירן א מיליציע, קעדיי ארויסצואווייזן אַ באַוואָפנטן ווי־דערשטאַנד די גוואַלט־טעטער און ראַצכים.

2) ווענדן זיך צו דער אַרמיי מיט אַן אויפרוף, אין וועלכן זאָל ווערן ערקלערט, מיט וואָס פאר אַ שאַנד זי באַדעקט זיך, ווען זי נעמט אַן אַנטייל אין פּאָגראָמען-קאַמפּאַניע פון די זעלבסטהערשערישע גוואַלט־טעטער, און וועלכע זאָל איר רופן צו באַשיצן די פרידלעכע בירגער.

3) פאנאנדערשיקן עמיסאַרן אין יענע ערטער, וואו מע ריכט זיך אַף פּאָ־גראָמען, קעדיי באַצייטנס צו אָרגאַניזירן א ווידערשטאַנד דורך די אַגיטאַציע צווישן דער באַפעלקערונג און דורך די אויפדעקונג פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק.

יעדע פּאַרטיי און אָרגאַניזאַציע האָט דאָס רעכט צו מאַכן אין דער רע־זאָלוציע די אָדער יענע אומענדערונגען, אָדער הויסאפּעס.

4) די באַראַטונג מאַכט אויפמערקזאַם אַף די נויטיקייט צו פירן אין דער אַרמיי אַן אַגיטאַציע קעגן פּאָגראָמען, קעדיי ניט צו דערלאָזן איר אַנטייל אין פּאָגראָמען.

5) די באַראַטונג ווייזט אָן אלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אַף דער נויטיקייט צוזאמענריידן זיך בא דער אָרגאַניזירונג פון דער זעלבסטשוץ און בא צוזאמענרופן אַף די ערטער באַראַטונגען פון פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס צוליב טעכנישע פראַגן, וועלכע זיינען פארבונדן מיט דער אָרגאַניזירונג פון זעלבסטשוץ.

177. דער פּראָטעסט פון די ס. ס. קעגן דעם ניט איינלאַדן זיי אַף דער אַנטיפּאָגראָם־קאָנפערענץ.

„אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנקורענץ אָדער רעוואָלוציאָנערע אַרבעט". „דער נייער וועג", נומ. 11 פון 7 יולי 1906)

אין דיזן פּאָגראָם-מאָמענט, ווען עס איז אַזוי נויטיק די פאַרייניקונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, קעדיי צו באַשיצן די אידישע באַפעלקערונג פון „שווערד און פייער", פון די צעווילדעטע מערדער און הענקער, אין דיזן ערנסטן מאָמענט פאַרגעסט דער „בונד" ניט זיינע פּאַרטיי-כעשבוינעס און לאַ־דעט ניט איין די צ. ס. א. פ. אַף די באַראַטונג, וועלכע ער האָט צונויפגערופן פון די פאָרשטייער פון רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, אום צו באַקלערן די קאַמפּס־מיטלען קעגן די פּאגראָם-טאָקטיק פון דער רעגירונג, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס צווישן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס איז די צ. ס. א. פ. גלייך מיט דעם „בונד" די אַמדיר־עקטעסטן פאַרינטערעסירטע אין דעם קאַמף

קעגן די פּאָגראָמען. דער בונדישער צ. ק. ווייס גאַנץ גוט, אַז די צ. ס. א. פּ. איז נאָכן „בונד“ די אקט־ווסטע און וויכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע בא דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אז זי שפּילט א באדייטנדע ראָלע אין דער זעלבסטשוץ און אז איר ניט-אנטיילנעמען אין דער באראטונג קען נאָר ברענגען שאָדן דעם קאַמף מיט די פּאָגראָמען. דער „בונד“ קען זיך דאָס מאָל אויך ניט פארענטפערן מיט דעם שטרעבן קלוימערש'ט אָפּצוהיטן די ריינקייט פון די סאָציאל-דעמאָקראטישע פּרינציפּן, מיט וועלכן ער פארדעקט אָפטמאָל קליינלעכע, ריין-אָרגאניזאציאָנעלע אינטערעסן, דען דאָס מאָל זיינען איינגעלאדן געוואָרן רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאציעס. דיזער טאט פון צ. ק. באווייזט נאָר, אז ער האָט פאר דעם יאָר „קיין זאך ניט פארגעסן און קיין זאַך זיך ניט אויסגעלערנט“. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אן אַלט געווער פון אלטן ארסענאל פון באקאנטע מעטאָדן און קאמפּס-אויפאנים קעגן אונזער פּאַר-טיי. עס לעבן נאָך, ווייזט אויס, די טראדיציעס פון די אלטע גוטע צייטן, ווען דער „בונד“ האָט ענערגיש פארשפּרייט די באָבע-מאַיסע וועגן אַ הייפל רעאקציאָנערע שאָוויניסטישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך א נאָמען געגעבן ציאָניסטן-סאָציאליסטן! עס איז געבליבן דיזעלבע אלטע טאקטיק, וועלכע פארפאָלגט דעם צוועק צו באקומען א „פּאטענט“ אף מאנאָפּאָל איבער דעם אידישן פּראָלעטאריאט, די טאקטיק, וואָס באשטייט אין פּאַראַקשנטן פאר-שוויגן דעם עמעסן כאראקטער פון דער ציאָניסטיש-סאָציאליסטישער באוועגונג, אין פארשפּרייטן די גרעסטע בילבולים און פארשטארקן די לעכערלעכסטע פארורטיילן וועגן איר, אלץ קעדיי אָפּצוטיילן אונז מיט א כינעזישער וואנט פון דער אינטערנאציאָנאַלער סאָציאל-דעמאקראטיע. זייענדיק ערצויגן אף דער קליינלעכער פּארטיי-קאָנקורענץ, מאכן די בונדישע אנפירער אין זייער פאנאטישער פארבלענדונג פון א רעוואָלוציאָנערער ארבעט, וואָס פאָדערט די איינִיקייט פון גאנצן פּראָלעטאריאט, אַ געצייג אים צו דעזארגאניזירן, אַ מילכאָמע-פּלאַץ צוליב א קלוימערשטן ניצאָכן איבער דעם ניט-אנגענעמען קעגנער. מיט וואָס-זשע דען, אויב ניט מיט דעם שטרעבן צו פארקלענערן די פּאָליטישע באדייטונג און אָפּצושוואכן די פּאָזיציע, וואָס דער קעגנער האָט פאר-נומען—ערקלערט זיך דער דיפּלאָמאטישער שאך-גאנג פון בונד, ווען ער האָט די צ. ס. ניט איינגעלאדן אף די באראטונג, ניט קוקנדיק אף די מעכטיקע פּאָדערונגען פון לעבן, וועלכע האבן געבראכט די פאקטישע קאָאליציעס צווישן ס. ס. און בונד בא דער זעלבסטשוץ פון פילע שטעט? צי האָט איר ניט פאר-לאָרן, הערן מיטגלידער פון בונדישן צ. ק. יעדן רעאלן געפיל פון דער ווירק-לעכקייט אדאנק דער איינגעוואָרצלטער איבערצייגונג, אז עס איז נויטווענדיק יעדעס מאל, וואו מע דארף און וואו מע דארף ניט, צו קעמפן מיט די ס. ס.? הייסט עס, מיינט איר, רעוואָלוציאָנער האנדלען, ווען איר טרייבט אין אזא מאָמענט אייער געוויינלעכע קאָנקורענץ-פּאָליטיק און שטרעבט אפצוזונדערן די ס. ס. פון דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, קעדיי צו פארשארפן אייער געווער אינם אָרגאניזאציאָנס-קאמף קעגן זיי? וואָס האָט אייך געצוואונגען צו דעם אקט, אויב ניט די אינערלעכע מוירע פאר דעם קויעך פונם קעג-

נער, אויב ניט די שרעקעדיקייט, וואָס שטערט אייך צו פירן א דרייסטן און אָפּענעם קאמף. וועלכער איז דער איינציק פּאסנדער פאר סאָציאַליסטן, אויב ניט די טעמפּקייט און באגרעניצטקייט, וועלכע כאראקטעריזירן נאָר קליינלעכע אינטערעסן און וועלכע האבן געבראכט דערצו, אז איר האָט פארגעסן אייערע רעוואָלוציאָנערע פליכטן?

אפן וואָגשאָל זיינען געוואָרפן געוואָרן די זאך פון דער רעוואָלוציע און די אָרגאניזאציאָנס-קאָנקורענץ. וואָס האָט אריבערגעוואויגן אין אייער פּאָליטיק? ענטפערט, ה. ה. מיטגלידער פון בונדישן צ. ק.!

178. די אידישע דעפּוטאַטן אין דער דומע.

(„פאָלקסצייטונג", נומ' 106 פון 4 יולי 1906).

...די שטוב איז אָנגעפּאַקט, עלטערע און אינגערע, מיט בערד און ראַזירטע, ציאָניסטן און אַסימילאַנטן — אַלע האָבן זיך צונויפגעקליבן טאָן זייער כויוו קעגן קלאַל-איסראָעל, שיקן אַ שיליאַך ציבור אין דער דומע. אַלע האָבן זיי ניט געקוקט אף די געפאַר פון רעכטס און לינקס, אַלע האָבן זיך מויסער נעפעש געווען און געקומען אויסהערן זייער קומענדן דעפּוטאַט.

און ער רעדט מיט היץ, ער דערציילט זיי באַוואוסטע, אָבער עמעסע צאָרעס, די אַלטע און אימער נייע מאיסע מיקויעך דער אידישער עלנד. „שרייען מוזן מיר", האט געטא-נעט דער רעדנער, זאָלן אַלע וויסן פון אונזערע צאָרעס, פּראָקוראָרן מוזן מיר זיין, מיר מוזן פּאָדערן אַלעמען צום געריכט, פּאָדערן אַ דין און כעשבן פון דער רוסישער געזעלשאַפט, וואָס האָט זי געטאָן צוליב די אידן.

ער האָט גערעדט מיט היץ, און דער עולאם האט זיך אויך דערוואַרימט; מיט אַ רואיקע האַרץ האבן די אויסקלייבער געקרוינט דעם רעדנער פאַר אַ דעפּוטאַט, געשיקט אים זיין אַ מייליץ יוישער פאַר קלאַל איסראָעל.

...עס גייט דורך עטלעכע כאַדאָשים, ווידער אַ פאַרזאַמלונג, ווידער דערגרייכער, און ניט איין דעפּוטאַט, נאָר גאַנצע עלף; אלע דעפּוטאַטן גיבן אַ דין און כעשבן פאַר דער פאַרזאַמלונג.

זשאַבאָטינסקי[60], ווי אַ קלאָג-מוטער רייסט קוואָרים מיט זיין געשריי: אַלע ווי איינער מוזן מיר אויפשטיין, איינער פאַר אַלעמען, אַלע פאַר איינעם. מיר זיינען קלאַל איסראָעל, מיר זיינען זיינע פאָרשטייער, מיר האָבן איין געשעפט, איין געדאַנק, איין ציל—פולבארעכטיקונג. עס טאָר ניט זיין קיין מיינונג-דיפערענץ צווישן די אידישע דעפּוטאַטן — זיי האָבן איין אינטערעס און אים דאַרפן זיי דינען.

די דעפּוטאַטן הערן און הויבן זיך אָן פילן אין דער עמעסן אלס אויסדערוויילטע, אַלס בכירי-איסראָעל און מיט גרויס היספּאַילעס פאַרייניקן זיך די ציאָניסטן און אַסימילאנטן אין איין צונויפגעבאַקענע אידישע גרופּע. וואָס האָט אויפגעטאָן פון דאַן אָן די אידישע גרופּע, מיט וואָס האט זיך ארויסגעוויזן איר אויסדערוויילטקייט?

עס ווערט אויסגעאַרבעט דער ענטפער אַף דער טראָן-רעדע. יעדע גרופּע, יעדער קלאַס פילט זיין כּיווּן אַריינטראָגן אין אַלגעמיינעם סכום פאָדערונגען זיינע צילן, זיינע באַדערפעניש, ער ווענדעט אָן אַלע קויכעס מאַכן זיי פאַר צאָרעס-האַקלאַל, פאַרינטערעסירן אַלעמען אין דעם ענטפער, וועלכן ער גיט.

און די אידישע דעפּוטאַטן?

זיי שווייגן, זיי באַמיען זיך ניט אַף וויפל עס איז אויפדעקן דעם טיפן עלנד, אין וועלכן די אידישע מאַסע לעבט.

נאָר עפּשער האָט בעסער געפּאַסט צו שווייגן? עפּשער האָט מען געשוויגן מיט אַ מיין? אוודאַי. ווינאַווער אַליין האָט געזאָגט, אַז ווען די מיניסטאָרן פאַרשטייען ניט אַלע מאָל, וואָס זיי ריידן, פאַרשטייען זיי אָבער גוט, וואָס זיי פאַרשווייגן.

די אידישע דעפּוטאַטן האָבן געוואַרט אַף אַ גינסטיקן מאָמענט.

מיטאַמאָל — דער ביאַליסטאָקער כורבן. אין דעם פינסטערן רוסישן לעבן, וואו ס'שמאַכטן די אידישע מאַסן, האָט אַ בליץ אַף אַ מינוט באַלויכטן דעם טיפן כהוים פון די „פאַריער צווישן די פּראָלעטאַריער“ *). אַלע האָבן דערזעען דעם כאַלעף פון דער שטראָף-עקספּעדיציע, וועלכער הענגט איבערן האַלז פון די אידן, די שטראָף-עקספּעדיציע, וועלכע איז נאָך שרעקלעכער, איידער די שטראָף-עקספּעדיציע אין באַלטישן געגנט, צענטראַל-רוסלאַנד און קאַווקאַז דערמיט, וואָס דאָ האָט זי געטאָן די בלוטיקע מאַיסים אין אַן אַטמאָספערע פון אַ גלייכגילטיקער, ווען ניט מיטפילנדער, באַציאונג פון דער אַרומיקער אַטמאָספערע; דאָ האָט מען אַגעוו צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער שטראָף-עקספּעדיציע קעגן די אידן דורך אַ לאַנגער העצע און דורך דער אַנטיסעמיטישער פרעסע. אַלע האָבן אָפן און קלאָר געזען, ווי די „שטערן-פּאַלאַטע“ **) מיט דער אָפיציעלער רעגירונג גרייטן צו אַ בלוט-באָד.

וואָס האָבן געטאָן אונזערע אידישע דעפּוטאַטן?

זיי האָבן באַשלאָסן — שווייגן, ריידן זאָלן אַנדערע. אָנשטאַט אויפצורודערן די גאַנצע לאַנד, נוצן די דומע אָנצונעמען ענערגישע מיטלען, האָבן זיי געוואַרט אַף אַ גוט וואָרט, אַף אַ ראַכמאָנעס-פּאָנים פון די קאַדעטן. עכטע גאָלעס-אידן, וואָס האָפן אַפן גוטן האַרצן פון פּאָריץ!

און ווען דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם האָט דאָך אָנגעמאַכט אַזאַ ראַעש אין דער גאַנצער וועלט, זיינען דעריבער געווים ניט שולדיק די אידישע דעפּוטאַטן, נאָר די זעלבסטהערשונג, וואָס האָט אַריבערגעכאַפּט די מאָס, און די אויסלענדישע בירזשע, וועלכע האָט געענטפערט אַף איר לאָשן אַף דער ביאַליסטאָקער טראַגעדיע.

אָבער ביאַליסטאָק איז פאַר דער זעלבסטהערשונג נאָר אַ האַקדאָמע צו אַ גאַנצער סעדרע פּאָגראָמען. אין אַלע אידישע שטעט פירט זיך אָפן אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע ווי צווישן דער באַפעלקערונג, אַזוי אַ יך צווישן כאַיל. וואָס האָבן מיקויעך דעם געטאָן אונזערע אידישע דעפּוטאַטן?

*) אַזוי האָט קאַוטסקי אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען אָנגערופן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

**) מלוכע-ראַט, די אויבערשטע פּאַלאַטע, וואו ס'זיינען געזעסן לויטער אַלטע ביוראָקראַטן, באַפּוצטע מיט „שטערן“-אָרדענס.

דאָ האבן זיי שוין ניט געשוויגן: זיי האָבן... זיך מישטאַדל געווען פאר דעם הויפט-אָרגאניזאטאָר פון די פּאָגראָמען, פאַר סטאָליפינען [61].

...און דאָס טוען ניט סטאם אידן, אָנגעשראָקענע, אונוויסנדע, דאָס טוען די דעפּוטאַטן, דאָס ווערט געטאָן אין דער צייט, ווען בא זיי אין די הענט איז פאראַן א בעסער־ער און שענערער מיטל — באָמבאַרדירן די דומע מיט אָנפראגן, נויטן דער דומע איבערלעבן די לאגע פון דער אידישער מאַסע, נויטן דער דומע אָנעמען א דרייסטערע טאַקטיק קעגן דער פּאָגראָמען-טאַק־טיק, ווי עס האָבן געטאָן די קאָיוקאַזער דעפּוטאַטן מיקויאַך באַטום. ניין, ניט פאַר אונזערע דערגרייכער איז אזא טאַקטיק!

אָט האט זיך אויפגעהויבן אין דומע די פראגע מיקויאַך גלייכבארעכטי־קונג. דאָ, דוכט זיך, האָבן זיי שוין אַוואַדע געדארפט ארויסרוקן זיך מיט ווערטער.

ווי האָבן זיי זיך אויפגעפירט?

פאר דער דומע איז געשטאנען א גאנץ קאָמפּליצירטע זאַך. די פראגע איז ניט באשטאנען לויטער אין דעם, אז מען זאָל מערוצע ווערן אין דומע פארגלייכן אין רעכטן אלע בירגער פון רוסלאנד. די פראגע איז באשטאַנען אין דעם, אז די גלייכבארעכטיקונג בענויגייע צו אידן ספּעציעל זאָל זיין צו־גענומען מיט פריידן פון גאַנצן פאָלק.

ווען די הערן אידישע דעפּוטאטן וואָלטן פעאיק זיין צו פארשטיין די גאנצע פּאָליטיק פון דער רעגירונג בענויגייע צו אידן, ווי מע דרעמלט אין דער ברייטער פויערים-מאַסע, אז אלע צאָרעס נעמען זיך פון אידן, וואָלטן זיי וויסן, וואָס מען דארף און מע קען טאָן, ווי ווייט ס'איז נויטיק צו פירן קעגן דער אַגיטאַציע פון דער רעגירונג א קאָנטר־אגיטאַציע און באַקענען דאָס פאָלק מיט דער אידישער לאגע. זיי אָבער, אונזערע „פאָרשטייער", זיצן און קלייבן נאַכעס פון ראָדיטשעוס [62] דיבורים, אז מען דארף אָל פּי יושער געבן די אידן רעכט; אליין שווייגן זיי, און העלפן מיט, אז די פראגע זאָל איבערגעגעבן ווערן אין קאָמיסיע.

וואו זיינען אייערע האַפּטאָכעס, ראַבויסאי?

וואו איז אייער מוירע פאר „עבדות בתוך חירות"? צי דען זשע מיינט איר, אז דעם פּאָלק דארף מען אין דעם איניען ניט פרעגן, אז ס'איז גענוג צופריידן זיך מיט די קאדעטן, אויסצומאנטשען בא זיי די בכוירע — און דערנאך זאלן די פויערים שרייען כאַי וויקאַיעם? צי דען זשע האט איר זיך אַד האַיאָם ניט אָפּגעוויינט פון דער אלטער געטא-מאָדע — בויגן די קאָפּ בע־שאַס מע שלאָגט, פארשטיקן זיך אין אַ ווינקל, קיינער זאל אייך ניט באַ־מערקן?...

...האט איר דען די טעג גופע ווייטער ניט ארויסגעוויזן אייער גלייכ־גילטיקייט צום אידישן לעבן אין דעם, וואס נאר איר אליין האט געשוויגן און ניט דערמאָנט, אז אף די פארזאמלונגען אין לאנד מעג מען ריידן אף וועלכע שפראַך מען וויל?

ניין, א־מזיסט איז די האפענונג אף אייך; א הויקער קען דעם רוקן ניט אויסגלייכן, א קנעכט קען די קאפ גלייך ניט האלטן.

נאר ווען אין דער אויפירונג פון אונזער אידישער גרופע שפילן א גרויסע ראלע די פערזענלעכע מידעס פון אונזערע „פארשטייער", שפילן נאך דאָ א גרעסטע ראָלע אייניקע אלגעמיינע סיבעס. די ערשטע באשטייט אין דעם, וואס די גרעסטע ראָלע אין דעם בורזשואזן לאגער שפילן די ציאניסטן. יאָרנלאנג האבן די ציאניסטן געטאינעט, האבן באוויזן מיט אויסעס אומויפסים, אז די סינע צו אידן איז איינגעווארצלט טיף אין דער קריסטלעכער נעשאמע, אז ס'איז ניטא קיין שום האפענונג, אז ווען ס'איז זאל זיך איינגעבן איבערבייטן זייער באציאונג צו אידן. און מיטאָמאל מוזן דיזעלבע ציאניסטן נעמען אף זיך די אויפגאבע — צוגרייטן דאס רוסישע פאלק צו א נייע באציאונג צו אידן; זיי, וועלכע פלעגן שטענדיק זיין גרייט ווענדן זיך צו דער זעלבסט-הערשונג, אום צו העלפן זיי קעגן דעם פאלק, דארפן ווענדן זיך צום רוסישן פאָלק, ער זאל זיי באשיצן קעגן דער רעגירונג. די לאגע איז אזא, אז די ציאניסטן קענען דא ניט פירן קיין קאנסעקווענטע פאליטיק; זיי זיינען גרייט אויסבעטן די רעפארמע בא די קאַדעטן, זיי האפן דורכפירן דעם געזעץ באַ-האלטענערהייט אונטערן מאנטל פון אַלגעמיינע גלייכבארעכטיקונג פון אַלע בירגער, קעדיי איניינעם מיט די גלייכבארעכטיקונג פון די פויערים—דעם אָפשאפן פון שטאנדן-פריווילעגיעס, זאל דורכגיין אויך די גלייכבארעכטיקונג פון די אידן. אף דערויף זיינען זיי נאך מעסוגל, זיי קאנען אבער ניט פירן דעם קאמף אָפן, נויטן דער דומע אפן פאַרגלייכן די אידן אין אלע רעכט.

די אנדערע סיבע פון דער דערגרייכערס מאַיאָפּיס-מאַקטיק באשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען אויסגעקליבן געווארן פון א איינערטנער מאסע. ווען דערזעלביקער דערגרייכער, א מיטגליד פון דער אידישער גרופע, קאצענעלסאן, פרואווט א ווארט ניט אויסריידן מיקויעך דער אידישער לאגע, פארגעסנדיק אף די אלע קינעס, וואס ער האט געערעדט און געהערט אף די קאָנגרעסן— און אין דערזעלבער צייט טרעט דערזעלביקער דעפוטאט ארויס מיט א הייסן וואָרט וועגן די לאגע פון זיינע וויילער, די לעטן, מוזט איר דערפון דרינגען, אז דער „פארשטייער" קאצענעלסאָן צילט, אז פאר די לעטן וועט ער מוזן אָפגעבן דין וועכעשבן, וועט ער אלס אַ שעליאך-ציבור מוזן באווייזן, וואס ער האט אויפגעטאָן, אבער פאַר אידן וועט ער אלע מאָל יויצע זיין, פאר זיי איז נאָך א קאָוועד, וואס ער איז אין דער אידישער גרופע.

179. קעגן קאדעטישן מיניסטעריום.

(פ. אנמאן (ראָזנטאל): „וועגן קאַדעטישן מיניסטעריום", „פאָלקסצייטונג", נומ. 101—102 פון 28 און 29 יוני 1906)

„פאַר דער דומע—קעגן דער קאמארילִיע!" *) אונטער אַזאַ קעפל איז אָפגעדרוקט אין דעם אָרגאַן פון די מענשעוויקעס „גאָלאָס טרודאַ" אַ לייט=אַר-

*) צאַרישע הויף-באַנדע.

טיקל, וואו מע פּאַרטיידיקט שוין דעם צענטן אָדער דעם צוואַנציקסטן מאָל דעם געדאַנק, אַז פאַר אונז איז אומבאַדינגט נויטיק די „אונטערשטיצונג" פון אַ קאַדעטישן מיניסטעריום.

...איז דאָס עמעס, אַז ווען דער קייסער וועט באַשטימען אַ נייעם מיניסטעריום פון קאַדעטן, וועט דאָס שוין באַדייטן, אַז דורך דעם ווערט די מאַכט אַרויסגעריסן פון די הענט פון די „מיניסטאָרן פון קישינעוו און ביאַליסטאָק"? האָבן דען טאַקע די מענשעוויקעס פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירט די קאַמארילע?...

...די עקזיסטענץ פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מיניסטעריום גיט נאָך ניט איבער די מאַכט דער דומע. די קאַמארילע קען פאַלן נאָר דורך אַ מעכטיקן קלאַפּ פונם פאָלק. נאָר אָט דער קלאַפּ וועט שוין, פאַרשטייט זיך, אויך ניט אויסמיידן די דומע גופא מיט איר קאַדעטישן מיניסטעריום.

נאָך מער. קען דען אַ קאַדעטישער מיניסטעריום סעריאָז וואָס ניט איז טאָן פאַר דער פרייהייט און פאַר די פאָלקס-אינטערעסן, קאָלזמאַן עס עקזיסטירט דער איצטיקער אַפּאַראַט פון די באַאַמטע און אָפיצערן פון אַלערליי סאָרטן? און וועט דען די קאַמארילע לאָזן אים מאַכן אַף דעם געביט ראַדיקאַלע אומענדערונגען?

...און ווידער אַמאָל, נאָר דער מעכטיקער שטורם פון דער רעוואָלוציע און איר ניצאָכן קען אָפּרייניקן די שטאַל פון דעם איצטיקן ביוראָקראַטישן מעכאַניזם. אָבער צי וועט דען דאַן זיין אַן אָרט פאַר דעם קאַדעטישן מיניסטעריום?

דאָס קאַדעטישע מיניסטעריום איז לויט דער מיינונג פון „גאָלאָס טרודא" דער איבערגאַנג פון אַ קלוימערשט-קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג צו אַן „עמעסע קאָנסטיטוציע". איז דאָס טאַקע אַזוי?

צי דער קלוימערשטדיקער קאָנסטיטוציאָנאַליזם פון אונזער דומע באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס דאָס מיניסטעריום איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר? און דאָס, וואָס עס פעלן אַלע קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן, און וואָס מע איז געבונדן דורך די אַלע „צייטווייליקע טאַקאָנעס"[63] און גרונדגעזעצן? אָן דעם ווילן פון גאָסוד. סאָוועט און דעם קייסער קענען דאָך ניט דורכגיין קיין שום נייע געזעצן וועגן פרייהייטן, אַפילע שוין פון דעם קאַדעטישן מין. די „קאָנסטיטוציאָנעלע מיניסטאָרן" דאַרפן דאָך האַלטן זיך שטרענג פאַר די עקזיסטירנדע געזעצן, קאָלזמאַן מע האָט זיי ניט מעוואַטל געוועז. און וועלן דען די הערן מוראַמצעוו'ס[64] טאַקע ניט האַלטן זיך פאַר זיי מיט פאַרגעניגן, פרייוויליק, אין נאָמען פון געזעצלעכקייט?

און דער קריגס-צושטאַנד און די אויסעראָרדענטלעכע אויפזיכט? איז דען דאָס ניט אַ קלוימערשטדיקער קאָנסטיטוציאָנאַליזם, וואָס דער קייסער קען אַפילע גאַנץ רוסלאַנד דערקלערן אין אַ קריגס-צושטאַנד און איבערגעבן זי אין די הענט פון מיליטער? און דאָס, וואָס די אָרימע דומע האָט ביכלאל אַן אַרומגעצופּטע קליינטשיקע קאָמפּעטענץ, דאס די האַלוואָעס, די איניאָנים פון מיליטער און פלאָט, די באַציאונגען מיט אויסלאַנד, דערקלערן אַ מילכאָמע און ד. גל. און ד. גל. -- דאָס אַלץ געפינט זיך אין די הענט פון דער ניט פאַראַנטוואָרטלע-

כער קאַמאַריליע — צי איז דען דאָס ניט אַ קלוימערשטדיקער קאָנסטיטוציאָנאַליזם ?

ניין, דער גרונד-געדאַנק פון „גאָלאָס טרודא“ איז דורכויס פאַלש.

...עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ קאַדעטישעס מיניסטעריום וועט ניט אָפּשטעלן, וועט ניט אָפּהאַלטן דעם פּראָצעס פון דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער רוסישער מלוכע. עס איז זייער מעגלעך, אַז ער וועט אים נאָך, פאַרקערט, פאַרגיכערן, און דעריבער וואָלט עס געווען אַ הוילע דאָקטרינערסטווע אַרויסצוזאָגן זיך קעגן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מיניסטעריום. נאָר מאַריש אוילאָם זיין צוליב אים, נאָר פירן צוליב דעם אַ ספּעציעלע אַגיטאַציע, נאָר שרייען, אַז ס'איז נויטיק אונטערשטיצן אַזאַ מיניסטעריום — איז לעכאָל האַפּאָכעס איבעריק. די דומע צילט זיך צו מאַכט — זאָגן די מענשעוויקעס — און מיר מוזן איר אונטערשטיצן אין דעראָזיקער שטרעבונג. נאָך מער, „דער פּראָלעטאַריאַט מוז אָנווענדן אַלע קויכעס“, אַז די דומע זאָל באַקומען אַ „ריין“ פאַרלאַמענטארישן מיניסטעריום און ניט אַ געמישטן. אַזוי פאַרשמעלערן די אויפגאַבן קען נאָר יענער, ווער ס'איז טיף איבערצייגט, אַז די רעוואָלוציע האָט ניט קיין אנדערע וועגן פאַר איר אַנטוויקלונג, ווי נאָר דורך דער דומע. ווי אַזוי זיינען די מענשעוויקעס געקומען צו אַזאַ איבערצייגונג — איז גאָרניט צו פאַרשטיין. דאָס ווירקלעכע לעבן באַווייזט, פאַרקערט, אַז די דומע האָט נאָך דערווייל לאַכלוטן גאָרניט אַרויסגעריכן בא דער קאַמאַריליע און האָט נאָך, פאַרקערט אין אסאך זאַכן נאָכגעגעבן איר. די רעוואָלוציע אָבער אויסער דער דומע איז אויסגעוואַקסן אומגעהויער הויך. אין דער געשיכטע געפינען מיר אויך ראַיעס נאָר קעגן דער פעסטער איבערצייגונג פון די מענשעוויקעס. ווען איז דען די רעוואָלוציע געגאַנגען דורך דער פאַרטרעטונגס-פאַרזאַמלונג? האָט זיך דען אין פראַנקרייך דער פּראָצעס פון דער דעמאָקראַטיזירונג ניט אָפּגעשטעלט אין 1790 יאָר, ווען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט גענומען אַף זיך צו דערפירן די רעוואָלוציע ביזן סאָף? און האָט זי דען ניט אויפגעפלאַקערט מיט אַ נייעם פלאַם פייער, ווען די מאַסן האָבן דעם 10-טן אווגוסט 1792 יאָר פאַרנומען דעם קייזערלעכן פּאַלאַץ, האָבן פאַרטריבן די געזעצגעבנדע פאַרזאַמלונג און צונויפגערופן דעם קאָנווענט? [65] עס האָט פאַר אונז קיין שום זינען ניט אַרויסצושטעלן אַזאַ לאָזונג, ווי אַ קאַדעטישעס מיניסטעריום. „אַלע קויכעס דאַרפן מיר אָנווענדן“ ניט אַף צו דערקעמפן אַזאַ מיניסטעריום, נאָר אַף צו אָרגאַניזירן די רעוואָלוציע.

180. „די רעוואלוציע גייט זיך איר וועג“.

(אויסצוגן פון דער פראקלאמאציע פונם ריגער „פעדעראציון קאמיטעט“ וועגן דער פאנאנדערטרייבונג פון דער ערשטער דומע).

...מיט דעם פאַנאַנדערלאָזן פון דער דומע האָט דער צאר קלאָר און דייטלעך באַוויזן, דאָס עס קען ניט זיין קיינע פארבעסערונגען, קיין רעפאָרמען

אין לאנד, ווי לאנג די זעלבסטהערשונג א י ז נ י ט פולשטענדיק באזיגט גע־וואָרן דורך דער רעוואָלוציע. ער רופט אונגעזעצלעך אלע טריט פון דער דומע, וועלכע האָבן געפונען אן אפקלאנג אינם פויערטום, ארימע און אנדערע שיכטן פון פאָלק. דער צאר באשטעטיקט זיין סאלידאריטעט מיט די הענקער, די פאוולאווס 66) און טרעפאווס. ציניש און פרעך רופט ער אלע כוליגאנעס צום קאמף מיט דעם רעוואלוציאנערן פאלק—די ארבעטער און פויערים. ער האָט אראפגעוואָרפן די מאסקע און זאָגט די פויערים, דאָס קיין ערד וועלן זיי ניט קריגן, דאָס מיט אלע מיטלען פון אַ פעסטער מאכט וועט ער אפהיטן די אונ־באריר לעכקייט פון פריוואטע אייגנטום. צעשטערט זיינען די אילוזיעס, אַ סאָף צו די זיסע כאליימעס. דער צאר זאָגט קורץ און שארף, דאָס ער וועט ניט דערלאָזן קיין ענדערונג אין די גרונד־געזעצן פון לאנד.

די זעלבסטהערשונג זעט, דאָס די רעוואָלוציע גייט זיך איר וועג, סטא־רעט זי זיך נאָך אַ מאָל אריבעריאָגן זי און ראטעווען דאָס, וואָס עס איז נאָך מעגלעך. זי נעמט זיך פאר איר אלטן, אויסגעפרואווטן מיטל—פאר פּראוואקא־ציע. זי לאָזט פאנאנדער די דומע און מאכט זיך באררייט אליין איינפירן רע־פאָרמעס, געבן גלייכבארעכטיקונג און אלגעמיינע וואלרעכט. און צו דערזעל־בער צייט רופט זי צו הילף די כוליגאַנישע שווארצמייעס, און אין אָדעס מאכט זי א האסכאָלע פון א נייע רייע פאגראמען.

נאָר די רעוואָלוציע גייט זיך איר וועג.

נישט איין מאָל האָט דער פראָלעטאריאט פון גאנץ רוסלאנד אפגעשלאָגן די ווילדע אנפאלן פון דער זעלבסטהערשונג. דאָס וועט ער אויך איצט טאָן. צוזאמען מיט דער רעוואלוציאנערן טייל פון דעם פויערטום און דער ארמיי וועט ער דערגרייכן אַ פיל גרעסערן ניצאָכן, אלס אין אלע פאריקע פאלן. עס ווערן שוין כארעוו די זיכערסטע יעסוידעס פון דער זעלבסטהערשונג. אין דער געגנט פון דעם דאנישן כאיל פירט מען איין קריגס-צושטאנד, אליין אין צארסקאָיע סעלא קומען פאָר מיטינגען פון די גווארדייצעס.

אָט אזוי גייט די רעוואָלוציע אין איר וועג.

די זעלבסטהערשונג זוכט צו פּראוואצירן דאָס פאָלק אף אַ פריצייטיקן אויפשטאנד, זי גיט א פאטש אין פּאָנים דעם פויערטום. זי פאַלט אָן אף די ארבעטער, מאכט צו זייערע צייטונגען, ארעסטירט זייערע רעדנער און שריי־בער, טרייבט פאנאנדער פאַרזאַמלונגען און פארפאלגט די שטרייקנדע.

נאָר דער פראָלעטאריאט איז שוין ניט דער זעלבער, וואָס אין פאָריקן יאָר. ער איז שוין געעניט אין קאמף, ער האָט ניט פארגעסן די דעצעמבער־טעג. ער וועט זיך ניט אפרופן אף דער פּראוואקאציע פון דער רעגירונג מיט אן אומבאטראכטן שריט. ער וועט אנווענדן אלע קויכעס, אום אפצוהאלטן פון אזא שריט די ווייניקער באוואוסטזיניקע כאַווירים און פארברייטן זיי ווי גע־העריק איז צו יענעם גרויסן טאָג, ווען דער קאמף וועט זיך פארשפרייטן, ווי א בליץ, איבערן גאַנצן ברייטן לאנד פון איין עק ביזן אנדערן און וועט אינגאַנצן אראפשווענקען די זעלבסטהערשונג מיט אלע אירע שרעקן און רע־ציכעס. ער וועט זיך שטעלן אין די ערשטע רייען פון די קעמפער פאַר פריי־

הייט, ווען עס וועט פארקומען די אנטשיידענע שאָ. ער וועט אויפהויבן הויך און שטאלץ די פאנע פון קאמף פאר אַ גרינדונגס=פארזאמלונג, פאר דעם 8-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג, פאר אלגעמיינע, גלייכע דירעקטע און געהיימע וואל-רעכט, פאר די אומבאגרעניצטע מאכט פון פאָלק, פאַר אַ דעמאָקראַטישער רע-פובליק.

די רעוואלוציע גייט זיך איר וועג! דאָס פאָלק גייט צו זיין ניצאכן!
נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!
עס לעבע די רעוואלוציע!
עס לעבע די גרינדונגס=פארזאמלונג!
עס לעבע די דעמאקראטישע רעפובליק!

דער פעדעראטיווער קאמיטעט פון די ריגער סאצ. דעמ. ארגאניזאציעס.

181. די ס. ס. וועגן דער פאנאנדערטרייבונג פון דער ערשטער דומע.

(„די דומע איז פאנאנדערגעלאָזן“. „דער נייער וועג“, נומ. 12 פון 21 יולי 1906).

... די רעגירונג פראוואצירט די רעוואָלוציע; זי האָט זיך יעצט שטאַרקער דערפילט און זי ווייס, אז די רעוואלוציאָנערע מאַכנעס זיינען נאָך ניט גאָר גרייט צו א געפעכט, — און זי וויל דאַפקע יעצט ארויסרופן אן אויפשטאַנד; יעצט וועט זי קענען לאזן בלוט דעם פאָלק, דעם אויפשטאַנד אונטערדריקן, און אומגעשטערט פארציען דעם שטריק איבערן גאַנצן לאַנד. זי גלויבט אף אזא אופן אויסמיידן דעם אפגרונט, רעטן איר עקזיסטענץ אף א געוויסער צייט.

די פאָליטיק איז אונז, לינקע, אלעמאָל געווען קלאָר; פון דער נאַאיווי-הייט פון די קאַדעטן, אז די העגקער, וואָס רופן זיך רעגירונג, וועלן מיט גוטן אָפטרעטן זייערע ערטער דעם פאָלק און זיינע פאַרטרעטער, זיינען מיר קיינמאָל ניט געווען אָנגעשטעקט; מיר האָבן אלעמאָל געוואוסט, אז ניט קיין קאָנסטיטוציע איז בא אונז אין לאַנד, נאָר פאָגראָם=צושטאַנד, אז ניט די דומע וועט לייזן דעם קאָנפליקט, וואס ערשיטערט דאָס גאַנצע לאַנד, אז אויסער-דומישע קרעפטן מיט אויסער-דומישע אויפאנים און קאמפס-מעטאָדן וועלן דעם קריג אנטשיידן.

פאַר די ברייטע מאַסן אבער איז דער דומע-קאַפיטל אין דער געשיכטע פון דער רעוואלוציע א וויכטיקער און נוצלעכער אוראָק; די ברייטע מאַסן האָבן אלע זייערע האָפענונגען קימאַט פאַרבונדן מיט דער לעגאַלער, פרידלע-כער ארבעט פון רוסישן פאַרלאַמענט; פון אים האָבן זיי ערווארטעט ברויט און פרייהייט; ער האָט זיי ניט געגעבן ניט קיין ברויט, ניט קיין פרייהייט; פון דער געזעלשאפטלעכער „מיינונג“ האָבן זיי גליקן ערווארטעט; די געזעלשאפט-

לעכע מיינונג האָט זיי גאָרניט געשאַפן; די אילוזיעס זיינען מיטן שוירעש אויסגעריסן; די מאַסן שטייען יעצט פּאָנים על פּאָנים מיטן פיינט; קיין פאַר־בלענדקייט, קיין אילוזיע! קיין גלויבן, קיין האָפענונג! עס קומט די צייט נאָך כוח טאָטן, נאָך פון טאָטן!..

צי וועלן די פּאָליטיקער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי כאָטש יעצט פאַר־שטיין, ווי לעכערלעך ס׳קלינגען זייערע געשרייען מיקויעך פרידן, רו, געזעצ־לעכקייט און פּאַרלאַמענטאַריזם!? וועלן זיי כאָטש יעצט פאַרשטיין, אַז פּאָ־ליטיק שטיצט זיך אויף מאַכט און ניט אויף „מיינונג"!? און אַז פרידיקן רו און געזעצלעכקייט, בעאַיים דער טייוול לאַכט בייז און טוט זיינע ווילדע פאַרברעכן, הייסט טראָגן געוויסער מאַסן די אַכריאַיעס פאַר די פאַרברעכן, הייסט דינען דער קאָנטער־רעוואָלוציע? די פאַרגאַנגענהייט פון די הערן קאַ־דעטן גיט קליינע האָפענונגען דערויף.

ווען מיר גלויבן ווייניק אין דער פּאָליטישער צוקונפט פון די קאַדעטן, גלויבן מיר אָבער פעסט, אַז די ברייטע מאַסן האָבן יעצט אויסגעלעבט די אילוזיע פון „קאָנסטיטוציע"—און אויפן עמעסן וועג וועלן זיי זיך שטעלן, אויפן וועג פון דער אָפענער רעוואָלוציע. אויס טרוימען, אויס גלויבן! דער פּראָלעטאַריאַט בעראָש, נאָך אים דאָס פויערטום און די ברייטע שיכטן פון דער שטאָטיקער באַפעלקערונג אין איין אַרמיי, די רעגירונג אין דער צווייטער אַרמיי—אַן אָפענער האַרטער שטרייט וועט ברעכן די מאַכט פון די רויבער און וועט שאַפן אַ ווירקלעכע פאָלקס־הערשאַפט.

אַ גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט שטייט נאָך פאַר דעם רעוואָלוציאָנס־לאַ־גער; די רעגירונג וועט די אַרבעט שטערן און פאַרפאָלגן; זי וועט איר פּראָ־וואָקאַציאָנס־פּאָליטיק ווייטער טרייבן; די ערפאַרונג אָבער פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, זיין אָרגאַניזירטהייט, אויסגעהאַלטנקייט און אַנטשיידנהייט זיי־נען אונז אַ גאַראַנטיע, אַז דער קאַמף וועט פאָרקומען ווען און ווי דאָס וועט זיין גינסטיק פאַר דער רעוואָלוציע.

182. דער בונד און דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק[67].

וול. ק. (אָסאָווסקי)—לעווינסאָן[68]: „פאַרוואָס האָט זיך ניט איינגעגעבן דער אַלגעמיינער שטרייק?" „פאָלקס־צייטונג", נומ. 123 פון 30 יולי 1906).

דער אַלגעמיינער רוסלענדער שטרייק האָט זיך ניט איינגעגעבן. פון פעטערבורג האָט דער פּאָליטישער שטרייק איבערגעוואָנדערט אין מאָסקווע, וואו ער האָט געפונען בלויז אַ שוואַכן אָפּקלאַנג. די פּראָווינץ, אויסער אַסטראַכאַן, האָט זיך ניט אָפּגערופן.

...ווען מיר וועלן באַטראַכטן די אורזאַכן פון דעם, וואָס דער שטרייק איז ניט געלונגען, מוזן מיר קוידעמקאָל אָפּשטעלן זיך אויף דער פראַגע, ווי אַזוי איז ער באַשלאָסן און דערקלערט געוואָרן.

...נאָכן פאַנאַנדערטרייבן די דומע איז נאַטירלעך אויפגעשוואומען די פראַגע,

ווי אַזוי זאָל מען רעאַגירן אַף דעם נייעם געוואַלד-אַקט פון דער רעגירונג. אָט
דידאָזיקע פראַגע איז אַרומגעטראַכט געוואָרן אַף אַ באַזונדער קאָנפערענץ, אין
וועלכער ס'האָבן אָנטייל גענומען ווי די פאַרטרעטער פון די סאָציאַליסטישע
פאַרטייען, אַזוי אויך פון די ליבעראַל-דעמאָקראַטישע גרופּן, פון אייניקע דומע-
פראַקציעס און פון פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, צווישן וועלכע ס'זיינען אגעוו
געווען פאָרשטייער פון דעם אייזנבאַן-פאַריין און דעם פּאָסט-און טעלעגראַף-
פאַריין. אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַכוץ איינער, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן
אַן אומגעזוימטער אַרויסטרעטונג, געפינענדיק דעם איצטיקן מאָמענט פאַר אומ-
גינסטיק אַף צו לאָזן זיך אין אַן אָפענעם געפעכט מיט דער זעלבסטהערשאַפט.
אַ דעמאָנסטראַטיווער שטרייק, וועלכער וואָלט בלויז פאַנאַנדערגעבונדן די הענט
דער רעגירונג אַף נויקעם צו זיין זיך אין דעם פראָלעטאַריאַט, איז אויך פאַר-
וואָרפן געוואָרן.

די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געשטאַנען פאַר דער אַרויסטרעטונג,
איז געווען דער „מענשעוויסטישער" פליגל פון דער ר. ס. ד. א. פּ., וועמעס מיי-
נונג ס'איז פאַרטראָטן געוואָרן אַף דער קאָנפערענץ דורך דעם צ. ק. פון דער-
דאָזיקער פאַרטיי. איר שטאַנדפּונקט בענויגייע צו דער אומגעזוימטער אַרויס-
טרעטונג דערקלערט זיך ניט דורך דעם, וואָס זי האָט אַ טאָעס געהאַט אין
דער אָפּשאַצונג פון דער פּאָליטישער לאַגע און די שטימונג פון לאַנד; ניין,
ער שטאַמט פון איר טעאָרעטיזירונג. דאָס זעט מען דייטלעך פון דעם בלעטל,
וואָס דער קאָמיטעט פון דער פאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזן „צו אַלע פאַרטייאישע
אָרגאַניזאַציעס", אין וועלכן ס'ווערט אַנטוויקלט אַ שפּאָגל נייע טעאָריע וועגן
„פאַנאַנדערבינדן די אַלגעמיינע פאָלקס-באַוועגונג" דורך איינצלנע אַרויסטרע-
טונגען. די נייע אַרויסטרעטונג הייסט אַפּאַנים געזאָלט זיין, לויט דער אידייע
פון דעם צ. ק. פון דער ר. ס. ד. ר. פּ., די ערשטע האַסכאַלע, די ערשטע
פּראַקטישע אָנווענדונג פון זיין נייער טעאָריע וועגן „פאַנאַנדערבינדן". פון
דעמזעלביקן בלעטל ווערן מיר געוואָר, אַז דערדאָזיקער קאָמיטעט האָט געמוזט
קעגן זיין ווילן אָפּלייגן די אַרויסטרעטונג, ווייל די איבעריקע אַנטיילנעמער פון
דער קאָנפערענץ האָבן זיך לאַכלוטן אָפּגעזאָגט דערפון.

דער באַשלוס פון דער קאָנפערענץ איז צוליב צופעליקע אורזאַכן ניט אי-
בערגעגאַנגען אין דער פאָרם פון אַ באַשטימטער רעזאָלוציע. דערווייל האָט
אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד אין סוועאַבאָרג און האָט זיך געשווינד אַריבער-
געטראָגן קיין קראָנשטאַדט 69). דער פּעטערבורגער קאָמיטעט פון דער ר. ס.
ד. א. פּ. האָט דערקלערט אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין פּעטערבורג. צוליב וואָ-
סער צוועק איז אַרויסגערופן געוואָרן דידאָזיקע אַרויסטרעטונג: צוליב דעם,
קעדיי אונטערצוהאַלטן די אויפגעשטאַנענע סאָלדאַטן און אויסדריקן זיי די סאָ-
לידאַריטעט פון דעם פּעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט, אָדער צוליב דעם, קעדיי
אַרויסצורייסן באַ דער רעגירונג וועלכע ניט איז פּאָליטישע האַנאָכעס, אָדער
אַלס אַ סיגנאַל צו אַן אלגעמיין רוסלענדער אַרויסטרעטונג, צו אַן אַנטשיידע-
נעם קאַמף פון דער רעוואָלוציע מיטן אַלטן רעזשים אַפן גאַנצן שעטעך פון

רוסלאנד — איז ביז איצט ניט אויפגעקלערט געוואָרן, ווייל קיין באשטימטער לאָזונג איז, ווי ס'ווייזט אויס, ניט געגעבן געוואָרן.

אין סאַמע מיטן פון דידאָזיקע געשעענישן האָט די איבערמאנטע קאָנ־פערענץ ווייטער אָפּגעהאלטן אירע זיצונגען, אָבער איצט זיינען געווען פאר־טראטן ווייניקער אָרגאַניזאַציעס: מע האָט באזייטיקט די ליבעראַל-דעמאָקראַ־טישע גרופּן און די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דאָס איז געווען דער ערשטער אומגליקלעכער פעלער פון דער קאָנפערענץ. דעקאַבר האָט דייטלעך באוויזן, — אז ווען דער פּראָלעטאַריאט איז איזאָלירט, ווען אים פעלט דאָס מיטגעפיל און די שטיצע פון דער „געזעלשאַפט”, דעמאָלט קען ער בעשום אויפן ניט האבן קיין ערפאָלג.

עמעס, די קאָנפערענץ האָט געהאט פאָרשטייער פון די פויערים — די „טרודאָוואַיאַ גרופּאַ”, — נאָר שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, וואָס דידאָזיקע גרופּע האָט פאַר דער קורצער צייט פון דעם דומע-פּעריאָד קוים צייט געהאט צו פאַרבינדן זיך פעסט מיט דער פויערים־מאַסע — איז דאָס געווען נאָך ווייניק: די דיקטאטור פון דעם פּראָלעטאַריאט און די פויערים, וועגן וועלכער ס'דאַר־שענען די „באָלשעוויקעס”, איז אַ הוילע אוטאָפּיע, די זעלבסטהערשונג באַ־זיצט אַזוינע שרעקלעכע פעסטונגען, אַז זי קען פאַלן נאָר אונטער די פאַריי־ניקטע קלעפּ פון דעם פּראָלעטאַריאט, פויערים און ברייטע שיכטן פון שטאָ־טישן בירגערטום. און דעריבער, בעאייס ס'האלט באַם לייזן די פראַגע פון אַן אַל־געמיין-רוסלענדער אַרויסטרעטונג, מוז מען יעדער מאָל צוציען אויך יענע גע־זעלשאַפטלעכע גרופּן, וועלכע דריקן אויס מער אָדער ווייניקער די מיינונג און די שטימונג פון דעם שטאָטישן בירגערטום. אין דעם פאַל, וועגן וועלכן מיר ריידן דאָ, איז ניט נאָר וואָס מע האָט דאָס ניט געטאָן, נאָר מע איז זיך באַ־גאנגען פונקט פאַרקערט.

אַכוץ דעם האָט מען ניט געטאָן אַלץ, וואָס מע האָט געקענט טאָן, אַף צו דערגיין די מיינונג און די שטימונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער פּראָ־ווינץ. אין דערינען ליגט דער צווייטער אומגליקלעכער פעלער פון דער קאָנ־פערענץ. אַף די זיצונגען, וואו די פראַגע איז אנטגילטיק באַשלאָסן געוואָרן, האָט מען ניט איינגעלאַדן די פאָרשטייער פון די איבערמאנטע פּראָפעסיאָ־נעלע פאריינען, האגאם יעדערער ווייסט, אַז אָן זייער הילף איז אומעגלעך דורכצופירן ווי געהעריק אַן אַלגעמיינעם שטרייק. אַף דער קאָנפערענץ האָבן געפעלט אייניקע אָרגאַניזאציעס, וועלכע פאַרשפּרייטן זייער איינפלוס אַף ברייטע שיכטן פון דעם פּראָלעטאריאט: די לעטישע ס. ד. א. פּ. און די פּ. ס. ד. ענדלעך, ווען די קאָנפערענץ האט שוין יאָ באַשלאָסן די ארויסטרעטונג, האט זי ניט געטארט טייקף פּראקלאמירן זי, זי האט געדארפט פריער איבערגעבן די פראגע אף צו באטראכטן אין די ארגאניזאציעס: קיין פארזאמלונג פון פארשטייער האט ניט געטארט נעמען אף זיך די פאַראַנטווארטלעכקייט פאר אַזאַ אומגעהויער וויכטיקן אַקט, ווי די אַלגעמיין רוסלענדער אַרויסטרעטונג, שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, וואס דידאזיקע פארשטייער — לעכאל האפאכעס אייניקע פון זיי — האבן ניט געהאט קיין פולמאכט אַף אַזאַ טריט.

די נויטיקע באדינגונגען אַף צו לייזן ריכטיק די פראַגע זיינען ניט אפגעהיט געווארן. ווארשיינלעך אונטער דעם אומיטלבארן איינפלוס פון די סוועאבארגער און קראנשטאדטער געשעענישן, ווי אויך צוליב דעם אלגעמיינעם פעטערבורגער שטרייק, האט די קאנפערענץ זיך געאיילט ארויסצוזאגן זיך פאר דאס, וואס זי האט פריער געוועסט פארווארפן, — פאר אן אלגעמיין-רוסלענדער ארויסטרעטונג אין דער פארם פון „אַן אַלגעמיינעם פאלקס-שטרייק״ און האט אים טייקעף פראקלאמירט, ארויסלאזנדיק דעם באַקאנטן אויפרוף „צום פאלק״[70].

אפשטעלנדיק זיך אַף דער פראַגע, צי וואלט דער שטרייק געהאט אַן ערפאלג, ווען ער וואלט ווי דער סיידער איז ארגאַניזירט געוועו, מוזן מיר ענטפערן: ניין. ווען ס'וואלט גענומען געווארן אין באטראכט די אויבנאנגעוויזענע באדינגונגען, וואלט ער ביכלאל ניט ארויסגערופן געווארן, נאר לאָמיר אנעמען אן אומגלויבלעכע זאַך, אז אפילע אין דעם פאל וואלט מען אים דערקלערט, קיין דערפאלג וואלט ער פארט ניט געהאט צוליב צוויי אורזאכן.

ערשטנס, האט ער זיך געשטעלט א ציל, וועלכער קען ניט טייקעף פארווירקלעכט ווערן בא די איצטיקע פארהעלטענישן פון די קרעפטן צווישן דער רעגירונג און דעם פאָלק, ד. ה. דעם ציל צו פארכאפן די פאליטישע מאכט, קעדיי צונויפצורופן א גרינדונגס-פארזאלונג; פאר דער אומיטלבארער דערגרייכונג פון אזא ציל וואלט זיך די מאסע, וועלכע שטעלט זיך שטענדיק בלויז מעגלעכע אויפגאבן, ניט געווארפן אין קאמף מיט דעם גלויבן און מיט דער באַגייסטערונג, וועלכע בילדן איינע פון די נויטיקע באדינגונגען פאר א דערפאלג.

צווייטנס , יעדערער וואלט אויך געזאגט: „ס'איז ניטא קיין פאסנדע שטימונג, ס'פילט זיך, אז קיין דערפאלג קען עס בעשום אויפן ניט האבן״. אט דאס איז די זייער און זייער ריכטיקע באמערקונג, וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו הערן אויך ערעוו דעם דעקאבר-שטרייק. אָט דידאזיקע באמערקונג, אף וויפל ס'איז מיט איר מאסקים די ווייט גרעסטע מערהייט — און אין אונזער פאל איז דאס אזוי — איז דער סוביעקטיווער אויסדרוק פון די אביעקטיווע באדינגונגען, וועלכע שליסן אויס אין דעם איצטיקן מאָמענט די מעגלעכקייט פון א דערפאלגרייכער אלגעמיין רוסלענדער ארויסטרעטונג, צוליב וועלכן ציל זי זאל ניט פארגענומען ווערן.

XXVI. די פֿאַרייניקונג פֿונם „בונד“ מיט דער ר. ס. ד. א. פּ.

183. די אולטימאַטיווע פֿאַרייניקונגס־באַדינגונגען פון „בונד“.

(רעזאָלוציע פון דער VII-טער קאָנפֿערענץ*). „פֿאָלקס-צייטונג“, נומ. 52 פון 28 אַפּרעל 1906).

1) דער „בונד“ איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז ניט באַגרעניצט אין איר טעטיקייט מיט קיינע ראַיאָנע ראַמען.

2) דער „בונד“ האָט אַ פֿאַרטרעטונג אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי.

3) די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד“ שיקן אָף די אַלגעמיינע פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָרן און קאָנפֿערענצן זייערע פֿאָרשטייער לויט דיזעלביקע פּרינציפּן, ווי די אָרגאַניזאַציעס פון ר. ס. ד. א. פּ.

4) דאָס פּראָגראַם פון דער רוסלענדער פּאַרטיי איז אויך דאָס פּראָגראַם פון „בונד“; נאָר דער „בונד האָט דאָס רעכט צו בלייבן באַ זיין פּראָגראַם בענוגע צו דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, באַ דעם פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אָף דעם 4-טן צוזאַמענפֿאָר פון „בונד“.

5) באַם „בונד“ בלייבט דאָס רעכט זעלבשטענדיק צו פֿירן אַלע איניאָנים פון זיין אָרגאַניזאַציע.

6) אַלע אויסגערעכנטע פּונקטן קענען אומגעענדערט ווערן דורך די אַלגעמיינע צוזאַמענפֿאָרן פון דער פּאַרטיי נאָר מיט דעם הסכּם פון „בונד“.

די קאָנפֿערענץ שטעלט פֿעסט, אַז ניט אריינעמענדיק דעם פּונקט וועגן דער איינציקער פֿאָרשטייערשאַפֿט, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן אָף דעם V-טן צוזאַמענפֿאָר, אין די אולטימאַטיווע באַדינגונגען פון דער פֿאַרייניקונג מיט דער ר. ס. ד. א. פּ., שטייט זי פֿונדעסטוועגן איינגאַנצן פֿאַר דער פֿאָדערונג, וועלכע איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דעמדאָזיקן פּונקט, און זי דערקלערט, אַז די נאָרמאַלע פֿאַרבינדונג צווישן דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג און דער גאַנצער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע קען איינגעשטעלט ווערן נאָר דאַן, ווען דער „בונד“ וועט זיין אין דער פּאַרטיי דער איינציקער פֿאָרשטייער פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט, וועט זיין יענע איינציקע

---

*) פֿאָרגעקומען אין צוריך דעם 22 מאָרט — 7 אַפּרעל 1906.

אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט פירן צווישן אים די מאַסן-אַרבעט און דורך וועל-
כער די פּאַרטיי וועט אָנפירן דעם קאַמף פון אידישן פּראָלעטאַריאַט און דורך
וועלכער דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט קענען פאַרווירקלעכן דעם איינפלוס,
וואָס איז אים נויטיק צו האָבן אָף דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון די פּאַרטיי-
איניאָנים.

184. די פאַרייניקונגס-באַדינגונגען פון שטאָקהאָלמער צוזאַמענ-פאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ.[71]

(רעזאָלוציע פון פאַרייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. אין שטאָקהאָלם אין אפּריל 1906
„א בריוו צו די פּעטערבורגער ארבעטער" 1906. ז. 94).

1. דער „בונד" גייט אריין אין ר. ס. ד. א. פּ., אַלס א סאָציאַל-דעמאָקראַ-טישע אָרגאַניזאַציע פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז ניט באַגרעניצט אין איר טעטיקייט מיט קיין ראַיאָנע ראַמען.

2. דער „בונד" נעמט אָן די פּראָגראַם פון ר. ס. ד. א. פּ.

באַמערקונג: די פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם בלייבט אָפן, ווייל דער פאַרייניקונגס-צוזאַמענפאָר האָט זי ניט באַטראַכט.

3. אַלע באַשטימונגען פון די אַלגעמיין-פּאַרטייאישע צוזאַמענפאָרן זיינען אָבליגאַטאָריש אויך פאַרן „בונד".

4. אין די גרעניצן פון די אַלגעמיינע באַשטימונגען פון די צוזאַמענפאָרן פון ר. ס. ד. א. פּ. און פון די אַלגעמיינע דירעקטיוון פונם צ. ק. פון דער פּאַרטיי בלייבט באַ דעם „בונד" זיין זעלבשטענדיקייט בענוגנע צו די פּראַגן פון אַגיטאַציע, אָרגאַניזאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

5. דער „בונד" האָט זיינע אייגענע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, צענטראַל-קאָמיטעט און צוזאַמענפאָרן און פירט אָן מיט אַלע אָנגעלעגנהייטן פון זיין אָרגאַניזאַציע.

6. אַלע אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אריין אין דער ר. ס. ד. א. פּ. בילדן אַפן גרונד פון אלגעמיינע וואלן, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט פון די פּאַרטיי-מיטגלידער, אַן אַלגעמיינעם אָנפירנדן אַלשטאָטישן קאָמיטעט פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

באַמערקונג: דערדאָזיקער קאָמיטעט באַשטימט אַלע פּראַגן, וואָס האָבן א שאַיכעס צום גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון דער געגעבענער שטאָט. דער אויפן, אף וועלכן עס ווערט אויסגעקליבן דער אלשטאָטי-שער קאָמיטעט, ווערט באַשטימט דורך די אַלגעמיינע פּרינציפּן, וואָס זיינען אָנגענומען אין דער פּאַרטיי.

7. די אָרגאַניזאַציעס פונם „בונד" שיקן אָף די אַלפּאַרטייאישע צוזאַמענ-פאָרן און קאָנפערענצן זייערע פאָרשטייער, לויט דיזעלביקע פּרינציפּן, ווי די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

באַמערקונג: לויטן אָפּמאַך פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס קענען דערלאָזט ווערן וואַלן אַפן צוזאַמענפאָר אַף געמיינזאמע וואַל־פארזאמלונגען.

8. דער „בונד" האָט זיין פאָרשטייערשאַפט אינם צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

באמערקונג: דער אויפן פון דער בונדישער פאָרשטייערשאַפט אינם צ. ק. פון דער פארטיי ווערט באַשטימט דורך אן אָפּמאַך פונם צ. ק. פון „בונד" מיטן צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

אין דער דעלעגאַציע פון דער ר. ס. ד. א. פּ. אף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן שיקט דער „בונד" זיינע פאָרשטייער.

185—187. די דיסקוסיע אין „בונד".

א. אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דער דיסקוסיע.

(מ. ראפעס: „צו דער געשיכטע פון בונד", ז. ז. 182—183).

...לייזן די פראגע וועגן דער פארייניקונג פון „בונד" מיט דער ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע האָט ארויסגערופן שאַרפע כילוקע־דייעס, האָט געדארפט דער 7־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד". דער גאַנצער צ. ק. איז געשטאַנען דערפאר, אַז דער „בונד" דאַרף צוריק אריינטרעטן אין דער ר. ס. ד. א. פּ. אַפן גרונד פונם באשלוס פון שטאָקהאָלמער צוזאמענפאָר, נאָר רעכענענדיק זיך מיט דער ערנסטער מינדערהייט אין „בונד", וועלכע איז נאָך דערצו געווען פארטראָטן דורך א גרופּע פאראַנטוואָרטלעכע טוער, האָט דער צ. ק. גענומען אף זיך אָרגאַניזירן די דיסקוסיע, פאנאנדערשיקנדיק אין אלע שטעט פאָרטרעגער פון דער מערהייט און דער מינדערהייט און זיכערנדיק דער לעצטער אַ פּראָפּאָר־ציאָנעלע פארטרעטונג אפן צוזאַמענפאָר.

דידאָזיקע דיסקוסיע איז געוואָרן דער לעבנס־נערוו פון דער בונדישער אָרגאַניזאציע אינם מעשעך פונם גאנצן זומער פון 1906־טן יאָר. אַלע פּאָלי־טישע פראגן זיינען אָפּגעטראָטן אָן א זייט: דער „בונד" האָט איבערגעלעבט דעם פּראָצעס פון זעלבסט־באַשטימונג, ער האָט געהאלטן אין באשטימען זיין אָרט צווישן די געזעלשאפטלעכע קרעפטן פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע. די דיסקוסיע האָט פארכאפּט ניט נאָר די פארטייאישע קרייזן, נאָר אויך די ברייטע מאַסן-אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז באשטאנען צו יענער צייט פון אַן ערעך 40 טויזנט מיטגלידער. זי איז זאגאר אריבער די גרעניצן פון דער פארטיי. די פראגע וועגן דער פארייניקונג פון „בונד" מיט דער ר. ס. ד. א. פּ. האָט געדינט אלס א וואסער-שיידונג צווישן די אידישע געזעלשאפטלעכע שטרעמונגען. דער אידישער נאציאָנאליזם האָט באטראכט דידאָזיקע פראגע, ווי א פאראט מיצאד דעם „בונד" קעגן זיינע נאציאָנאלע אידעאלן; ער איז געווען צופרידן און זיך געגרייט צו פארנעמען דעם אָרט פון א נאציאָנאַל-סאָציאליסטישע פארטיי, וואָס האָט זיך געדארפט באפרייען נאָכן „בונד". בא-

זונדערס אסאך אויפמערקזאמקייט האָט אָפּגעגעבן דערדאָזיקער פראַגע די ליטעראַטור פון די ציאָניסטן-סאָציאַליסטן, „פּויאַלײ-ציאָניסטן", „סיימיסטן", וואָס עס האָט אויך געמוזט ווירקן אַף דער אַנטוויקלונג פון דער דיסקוסיע אין „בונד" גופא.

דער עצעם שטרייט האָט אָפּטמאָל אָנגענומען סכאָלאַסטישע פאָרמען, מע האָט זיך פאַרנומען מיט קלייניקייטן און מיט פאָרמעלע פּירושים מאַכן צו פאַרשיידענע פּונקטן פונם פאַרייניקונגס-פּראָיעקט פונם שטאָקהאָלמער צוזאַ-מענפאָר. נאָר די גרונד-ליניע פונם שטרייט איז שטענדיק געבליבן דיזעלביקע: צי דאַרף מען בלייבן אינגאַנצן זעלבשטענדיק און איזאָלירט, אָדער מע דאַרף זיך פאַרבינדן מיט די רעוואָלוציאָנערע אַלגעמיין-פּראָלעטאַרישע צענטרען.

ב. די פּאָזיציע פון די „האַרטע"*).

(ס. זעלצער (ב. גראָסער 72) : „צו דער פראַגע וועגן פאַרייניקונג". „נאַשע סלאָוואָ". נומ 3 פון 6 יול 1906).

...מען מוז קלאָר מאַכן, פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען די דאָזיקע פּלוצלונגדיקע שטרעבונג צו א קאָמפּראָמיס. דער ערשטער ענטפער, וואָס בעט זיך פון זיך אליין, איז דאָס קליינע, נאָר גראַנדיעזע וואָרט: „די רעוואָ-לוציע". נעמענדיק אין אַכט דעם רעוואָלוציאָנערן מאָמענט, גיט צו די „מער-הייט" א באַזונדערע באַדייטונג דער נויטיקייט צו פאַרייניקן אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אין לאַנד, און די אַנערקענונג פון אָט דער פאַריי-ניקונג מאַכט זי זייער פריידלעך געשטימט און נאָכגעביק. אַזאַ איינפאַכע דער-קלערונג האַלט איך אינגאַנצן פאַר ניט ריכטיק... ערשטנס, איז דאָך די רעוואָלוציע פאַראַיאָרן אויך געווען, פונדעסטוועגן זיינען די מיינונגען וועגן דערדאָזיקער פראַגע געווען דעמאָלט גאָר אַנדערע, איידער איצט; צווייטנס, וועך עס קאָן די בונדישע סוויווע, דער וויס, אַז איך כאַראַקטעריסטישער שטריך איז אַלעמאָל געווען א לעבהאַפטע און הייסע שטרעבונג צו פאַרייניקן.

...אונז דוכט זיך, אַז אין דעם פאַל, אַזוי ווי אַלע מאָל, איבעריקנס, איז דער עמעסער מאָטיוו פון קאָמפּראָמיסן — דאָס אינערלעכע געפיל פון אָנמעכ-טיקייט. צי שטימט אַזאַ געפיל מיט דער ווירקלעכקייט, דאָס, פאַרשטייט זיך, איז אַן אַנדער פראַגע...

...א נאַאיוון אויסדרוק האָט דעמדאָזיקן געפיל פון אָנמעכטיקייט געגעבן דער כאַווער זאַרכין אין זיין אַרטיקל אין „פאָלקס-צייטונג": „די פאַרייניקונג איז נייטווענדיק, דער „בונד" האָט אָנגעוואָרן זיין פריערדיקע פּאָליטישע באַ-דייטונג. דעמאָנסטראַציעס, אַלס א קאַמפּס-מיטל טויגן שוין ניט. און אָרגאַני-זירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק אָדער א באַוואָפנטן אויפשטאַנד איז דער „בונד" אַליין ניט בעקויעך". עמעס, דער כאַווער זאַרכין האָט אויסגעדריקט זיין

*) קעגנער פון דער פאַרייניקונג.

געדאנק אין אזא פאָרם, אז אסאך כאווייריִם פון דער „מערהייט" וועלן זיך ניט אנטשליסן אונטער דעם צו אונטערשרייבן: נאָר מיר נעמען פונדע־סטוועגן אף זיך די דרייסטקייט צו באהויפטן, אַז דעם כאווער זארכינס שטימונג איז די שטימונג פון „דער מערהייט". באוואוסטזיניק, צי אומבאַוואוסטזיניק, נאָר די גאנצע „מערהייט" געפינט זיך בליסאָפעק אונטער דעם פארצויבערטן איינפלוס פון אָט די ווערטער: „דער „בונד" האָט אָנגעווארן זיין פריערדיקע פאָליטישע באדייטונג", און דאָס באשאפט בא זיי א געפיל פון אָנמעכטיקייט און שטופט זיי אף האַנאָכעס. און אָט דאָ טאקע ליגט דער שליסל אף צו פארשטיין די ענדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען ניט אין די אנשויאונגען — זיי זיינען געבליבן אומגעענדערט — נאָר אין דער קראפט, מיט וועלכער מע האָט דידאָזיקע אנשויאונגען פארטיידיקט. עס איז קיין סאָפעק ניטאָ, אז די אומגעהויערע צאָל עפיזאָדן, גלענצנדיקע אויסערלעך, מיט וועלכע עס איז געווען אזוי רייך דאָס פארגאנגענע רעוואָלוציאָנערע יאָר, און אין וועלכע עס האָבן געשפילט א באשליסנדיקע ראָלע די פילטויזנטיקע מאסן, די גאס און די שטארקע פויסטן, האָבן פארשטעלט דעם „בונד" פאר די זייטיקע צושויער. די אָרגאניזאַציע, וועלכע האָט אסאך יאָרן נאָכאנאנד אַרויסגערופן בא אלעמען פארוואונדערונג, איז אפגעטראָטן אַפן צווייטן פלאץ; דעם ערשטן פלאץ פון דער געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאמקייט האָבן פארנומען די מאָסקווער און ראסטאָווער באריקאַדן, וועלכע האָבן געברענט אין פייער און זיינען געווען באפלעקט מיט בלוט, די קלאנגפולע טעראָריסטישע אקטן, די סאָלדאטן-בונטן, דער אויפשטאַנד אין פלאָט, די כוואליע פון דער אגראר-באוועגונג, וואָס האָט זיך ברייט צעגאָסן, די גרויזאַמע אויפשטאנדן אף קאווקאז און אין דער באַל־טישער געגנט.

...עס איז קיין סאָפעק ניטאָ, אַז אויב דידאָזיקע גרונט-לאגע וואָלט געווען ריכטיק, וואָלט יעדער גראד נאָכגעביקייט געווען געזעצלעך; נאָך מער, מיר מיינען, אַז דעמאָלט וואָלט ביכלאל געווען איבעריק צו ריידן וועגן וועלכע ניט איז באדינגונגען פון פארייניקונג. דאָס וואָלט געווען אָדער אן אנאכראָניזם, אָדער צוויעס.

מיר וועלן דערפאר טאקע נעמען באטראכטן אָט דעם טעזיס, וואָס איז אויסגעוואקסן אַף דעם פרעמדן איסקריש-ציאָניסטישן באָדן, און וועלכן מע האָט ערשט ניט לאנג אַריבערגעטראגן צו אונז.

...אָפלייקענען דעמדאָזיקן טעזיס הייסט אין דערזעלביקער צייט צעשטערן דאס אלץ, אַף וואָס עס איז געבויט די גאנצע טאקטיק פון דער „מערהייט".

מע דארף אראָפטרייסלען פון זיך דעם היפנאָטיזירנדיקן איינפלוס פונם געפיל פון אנמעכטיקייט, און נאָר דאן, פון אן אַ נ ד ע ר שטאנדפונקט, און אין אַן א נ ד ע ר שטימונג, וועט מען קענען ריכטיק אָפשאצן די באדינגונגען פון דער פארייניקונג.

דער אנגעוויזענער טעזיס איז, לויט אונזער מיינונג, ניט נאָר ניט קיין סאָציאל-דעמאקראטישער אן און פאר זיך, נאָר די עצעם שטעלונג פון אזא

פראגע ווידערשפּרעכט דער גאנצער סיסטעם פונם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן דענקן.

...די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז אלע מאל געשטאנען אף דעם שטאנד־פונקט, אז די רעוואָלוציע אין רוסלאנד וועט מאַכן ניט איין טייל פון רוסלענדישן פּראָלעטאריאט — דער אידישער, פּוילישער אָדער דער רוסישער — נאָר אַלע טיילן צוזאמען, דער גאנצער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאט.

...געוויס, ווען מע זאָל רעכענען, אז דער סאָף פון דער רעוואָלוציע וועט זיין אָפּהענגיק פון עפעקטע גאסן-אַרויסטרעטונגען, און האַלטן זיך באַ דער מיינונג, אַז אַ רעוואָלוציע קען זיך ביכלאָל „איינגעבן", אָדער „ניט איינגעבן", קען מען דענסטמאָלריידן וועגן דעם, אז די רעוואָלוציע וועלן „מאכן" די פּעטערבורגער אַרבעטער, ווען זיי וועלן אויסבויען באריקאַדן אָדער וועלן פארכאַפּן אין זייערע הענט די „מאכט".

נאָר די סאָציאַל-דעמאקראטיע האָט אלע מאָל געלערנט, אַז דער אויסגאַנג פון דער רעוואָלוציע ווערט פּאָרויס באשטימט פון דער באציאונג צווישן די געזעלשאפטלעכע קרעפטן אין לאנד און דערפאר רעכנט זי, אַז אַזעלכע אנשויאונגען האָבן קיין זין ניט.

...איבערפּראזירנדיק פּלעכאנאָווס באוואוסטן טעזיס קאָן מען זאָגן: „דער רוסלענדישער פּראָלעטאריאט וועט זיגן ווי אן איינהייטלעכעס גאנצעס, אָדער ער וועט גאָר ניט זיגן".

קיין אלגעמיינעם שטרייק און באוואָפנטן אויפשטאנד, וועגן וועלכע עס רעדט דער כאַוּער זארכין, וועט ניט קענען דורכפירן מיט אייגענע קרעפטן קיין איין באזונדער טייל פונם רוסלענדישן פּראלעטריאט. עס קען זיך האנדלען נאר וועגן דער ראָלע, וואָס דער פּראָלעטאריאט פון איין נאַציאָנאַליטעט שפּילט, אין פארגלייך מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, וועגן דעם, וואָס פאַר א ביילעק אינם אַלגעמיינעם זיג עס האָט יעדער קעמפנדיקער טייל.

נאר אפילע אזא שטעלונג פון דער פראַגע, וועלכע איז, אַפן ערשטן בליק, דערלאָזבאר, איז לאכלוטן אומגעזעצלעך פונם סאָציאַל-דעמאקראטישן שטאנד־פונקט.

...איך רעזומיר.

די רייד וועגן דעם, אַז „דער בונד האָט אָנגעוואָרן זיין פּאָליטישע באדייטונג", האָבן קיין שום גרונד ניט:

1) דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט אליין ניט מאכן און מאַכט ניט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. נאָר דאָס מאכט ניט אַליין אויך קיין שום אַנדער טייל פונם פּראָלעטאַריאט פון לאַנד.

2) אויסטיילן די ראָלע פון באזונדערע טיילן פון פּראָלעטאריאט אינם אַל־געמיינעם קאמף איז אומעגלעך. אָן יעדערן פון זיי וואָלט די סיטואציע געווען אַן אַנדערע, נאר די לעצטע קענען מיר זיך ניט פאָרשטעלן.

3) די קולטורעל און אָרגאַניזירונגס-טעטיקייט פון „בונד" האָט אין איצטיקן מאמענט, אַזוי ווי פריער, אן אומגעהויערע פּאָליטישע באדייטונג. קאָלזמאַן די־

דאָזיקע טעטיקייט וועט עקזיסטירן, וועט באַם „בונד" בלייבן אויך זיין פּאָליטישע באַדייטונג.

— אָט אין וואָס עס באַשטייט סאָפּסקאָלסאָף דער גרונד-טעזיס פון אונזער „מערהייט", איך מיין, אַז צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן טעזיס דאַרף אויך איינפאַלן זייער גאַנצער ביניען.

ג. די פּאָזיציע פון די „ווייכע" *)

(וו. מעדעם: „די פאַראייניקונג פון בונד מיט ר. ס. ד. א. פּ.". „נאַשע סלאָווא", נומ. 3 פון 6 יולי 1906)

...פון דער צייט אָן, וואָס דער בונד איז אַרויסגעטראָטן פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי, האָט זיך אין זיין לאַגע אָנגעהויבן אָנמערקן אַן ערנסטער איבערלעכער ווידערשפּרוך צווישן דעם, וואָס ער איז, און צווישן דעם, וואָס ער מוז זיין.

מיר האָבן באַטראַכט דעם בונד, אַלס דעם אָרגאַניזירטן אידישן פּראָלעטאַריאַט. מיר האָבן באַטראַכט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַ טייל פון דעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט זיין קאַמף אַלס אַ טייל פונם קאַמף פונם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס פון רוסלאַנד. נאָר דער פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ רוסלאַנד, גענומען אַלס אַ גאַנצער, שטעלט מיט זיך פאָר יענע סוויווע, וועלכע איז פעאיק צו נעמען אַף זיך און לייזן אין פולן אומפאַנג פּאָליטישע פראַגן;... נאָר גענומען אַלס אַ גאַנצער, קען ער אַרויסרוקן פון זיין אייגענער סוויווע די קויכעס, וועלכע עס זיינען נויטיק פאַר אַ פּאָליטיש רייפער באַוועגונג, און טראָגן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע עס וועדט אַרויפגעלייגט אַף אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי. אַזאַ פּאַרטיי קען בילדן מער ניט ווי דער פּראָלעטאַריאַט פונם גאַנצן לאַנד. לויט זיין מעהוס קען דער בונד און דאַרף דערפילן די פונקציעס פון אַ טייל פון דער פּאַרטיי. און דאָך האָט די געצוואונגענע איזאָלירטקייט געניטיקט דעם בונד צו נעמען אַף זיך די ראָלע פון אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי, וועלכע מאַכט די רעוואָלוציע אַף איר אייגענע אַכראַיעס.

דאָס איז דער הויפּט-ווידערשפּרוך. נאָר ער האָט זיך געפילט שוואַך אין דער צייט, ווען די פּאָליטישע פּאַרטייען—ריכטיקער, זייערע עמבריאָנען (שפּראָצונגען)—האָבן זיך פאַרנומען דערהויפּט מיט רעוואָלוציאָנערע און קולטורעלע צוגרייטונגס-אַרבעט, ווען דער בונד איז געווען דערהויפּט אַ גרופּע—אַ גראָנדיעזע—פון פּאָליטישער זעלבסטבילדונג און רעוואָלוציאָנערער דערציאונג (איך זאָג „דערהויפּט", ווייל די דערציאונגס-אַרבעט האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט דורכגיין אָן אַקטיווע פּאָליטישע טאַטן; און זי פלעגט טאַקע דערגרייכט ווערן דורך דעם אַריינמישן זיך אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד; אָרעם נאָר איז געווען דאָסדאָזיקע לעבן).

ער פילט זיך, אָט דער ווידערשפּרוך, אין אַ שאַרפערער פאָרם, ווען עס

*) אָנהעונגער פון פאַרייניקונג.

קומט אָן די צייט פון עמעסע פּאָליטישע פּאַרטייען, פון טעטיקע פּאַרטייען, וואָס מישן זיך אַריין אין דאָס סאַמע געדיכטע פונם קאָכיקן, רייכן, קאָמפּליצירטן פּאָליטישן לעבן.

ער ווייזט זיך אַרויס קאָנקרעט אין צוויי פאָרמען: ערשטנס, די אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נאָמינעל אַ זעלבשטענדיקע, איז פּאַקטיש אָפּטמאָל אָן אָפּהענגיקע.

...און אויב איין טייל וואַרפט זיך אונטער דעם צווייטן, ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט פון זיין זייט צו האָבן אַף אים אַ גענוגנדיקע ווירקונג—איז דאָס אַ אומנאָרמאַל, אַ שווער. און דאָס האָט זיך דייטלעך גענומען פילן אינם בונד פון די אָקטיאַבער-נאָיאַבער-טעג אָן, און דאָסדאָזיקע געפיל באַשאַפט אַ באַדערפעניש אין „לעגאַלע" אָרגאַניזאַציאָנעלע וועגן פון שטענדיקן איינפלוס אַף די אַלגעמיינע פּאָליטישע איניאָנים. עס באַשאַפט זיך אַ באַדערפעניש צו טאָן אַזוי, אַז די באַשלוסן, מיט וועלכע עס קומט אויס מער אָדער ווייניקער צו רעכענען זיך, זאָלן זיין ניט „זייערע" באַשלוסן, נאָר „אונזערע"; עס באַשאַפט זיך אַ שטרעבונג אַרויסצוגיין פון דער לאַגע פון איזאָלירטקייט.

און דערווייל האַלט די איזאָלירטקייט נאָך באַ גרעסער צו ווערן. די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז שוין אַריינגעטראָטן, אַלס אַ טייל, אין דער רוסלענדישער פּאַרטיי, די לעטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי—האַלט באַם אַריינטרעטן. דער בונד בלייבט אַליין, פּאָנים על פּאָנים מיט די פאַראייניקטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון זיין ראַיאָן. דאָס מאַכט די סיטואַציע פאַרוויקלט, רופט אַרויס אַ פּשאָרעסדיקע שטימונג.

דאָס איז איין זייט; נאָר עס איז פאַראַן נאָך אַ צווייטע. זייענדיק אָביעקטיוו ביז אַ געוויסן גראַד אָפּהענגיק, איז סוביעקטיוו דער בונד פונדעסטוועגן געצוואונגען צו אויספירן אַלע פונקציעס פון אַן אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי, וואָס אַרבעט אויס זעלבשטענדיק און פירט איר אייגענע פּאָליטיק און וועלכע טראָגט אַף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איר. צוזאַמען אַפילע—דער גאַנצער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָלט זיך אויך איינגעגעבן נאָר מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג דורכצומאַכן זיך אַ וועג דורך דעם פּאָליטישן לאַבירינט. נאָך שווערער אָבער איז דאָס, ווען יעדן טייל באַזונדער קומט אויס צו טאָן אַלץ אַליין, פאַרלירנדיק, אַף אַזאַ אופן, איבעריקע—פונם שטאַנדפּונקט פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיע—קרעפטן.

...עס האָט זיך געטראָפן נאָך עפּעס. עס האָט זיך געענדערט די לאַגע פון בונד אינם אידישן לעבן.

עס זיינען פאַראַן כּאַווירים, וואָס זיינען גרייט איינצוגיין אַף די אומבאַקוועמלעכקייטן פון דער איזאָלירטער לאַגע אַף דער אַלגעמיין פּאָליטישער אַרענע; זיי זעען די „מיסיע" פון בונד אין דער שאַפונגס-אַרבעט, וואָס ער פירט אַף דער אידישער גאַס: אין דער דערציאונג פונם פּראָלעטאַריאַט און אין דער איבערבויאונג פון אירע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען און קרעפטן. מיר דוכט, אַז אָט די כּאַווירים פאַרגעסן איין וויכטיקע זאַך. מע קאָן ניט אָפּטיילן די ראָלע פון בונד אין דעם אידישן לעבן פון זיין ראָלע אין דעם

אַלגעמיין־פּאָליטישן לעבן פֿון לאַנד. אי די ערשטע, אי די צווייטע זיינען ענג צוזאַמענגעבונדן צווישן זיך. אויב די וואָג פֿונם בונד אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק איז אַלץ גרעסער, וואָס אַ גרעסערן טייל פֿון דער אידישער מאַסע ער פֿירט נאָך זיך, איז אויך פֿאַרקערט, וואַקסט אַלץ מער און פֿאַלט זיין ווירקונג אינם אידנטום, ווי עס וואַקסט און פֿאַלט זיין ווירקונג אַף דער אַלגעמיין־פּאָליטישער סצענע. וואָס אַנגעזעענער און איינפֿלוסרייכער דער בונד איז אַלס אַ פּאָליטישע קראַפֿט אין לאַנד, אַלץ גרעסער איז זיין פּרעסטיזש, אַלץ גרעסער איז זיין צוציאונגס־קראַפֿט פֿאַר די אידישע מאַסן.

עס איז געווען אַ צייט, ווען דער בונד האָט פֿאַרנומען אַן אויסשליסלעכע לאַגע. אַפֿן פֿאַרבלאָזן פֿאָן פֿונם פּאָליטישן לעבן בכלל, אַפֿן גרויען פֿאָן פֿונם אידישן לעבן בפֿרט, האָט ער זיך אויסגעטיילט אומגעהויער בוילעט און שטאַרק. אין דער רוסלענדישער רעוואָלוציע איז ער געווען דער אַוואַנגאַרד, צייטנווייז, אַן אַוואַנגאַרד אָן אַרמיי, אינם אידנטום האָט ער צוגעצויגן צו זיך די סימפּאַטיעס פֿון אַלץ, וואָס עס איז געווען לעבעדיק און אָרנטלעך. דאָס איז געווען די עפּאָכע פֿון לעגענדאַרישן איינפֿלוס און פּרעסטיזש, די העראָאישע עפּאָכע אין דער געשיכטע פֿון בונד. נאָר אַף וויפֿל עס האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעוויקלט די פֿאַרשיידענע פֿאַזן פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַף אַזוי פֿיל האָט זיך די לאַגע געביטן. עס איז אַרויסגעטראָטן דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט, דאָס פּויערטום, די ליבעראַלן. און אויב ביז יענער צייט איז דער בונד מער אָדער ווייניקער איינזאַם געשטאַנען אַף די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס, אַריבערטראָגנדיק אַף זיינע פּלייצעס די שווערסטע קלעפּ און באַשאַפֿנדיק זיך אַ לעגענדאַרן נאָמען, האָבן זיך איצט אין איין ריי מיט אים געשטעלט אַנדערע, זיי האָבן געטיילט מיט אים די שוועריקייטן פֿון קאַמף. זיי האָבן אָבער אויך געטיילט דעם איינפֿלוס און דעם פּרעסטיזש. אונז דאַרף דאָס נאַטירלעך ניט פֿאַרדריסן. פֿאַרקערט, ווי בעקאָוועדיק עס איז ניט געווען די פֿריערדיקע לאַגע, איז זי געווען אינגאַנצן אומנאָרמאַל און פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון די אינטערעסן פֿון דער רעוואָלוציע—ניט צוועקמעסיק. מיר האָבן אַלע מאָל געגאַרט, אַז אַנדערע זאָלן אונז דעריאָגן, און מיר זיינען צופֿרידן, וואָס ענדלעך דערנענטערן זיי זיך צו דעם. נאָר די בעקאָוועדיקע ראָלע פֿון אַן איינזאַמען קעמפֿער האָט אונז אַביסל צופּיעשטשעט, און דער אַריבערגאַנג צו אַ נאָרמאַלער לאַגע מוז אַרויסרופֿן אַביסל אַ קרענקלעכן געפֿיל.

...דערצו דאַרף מען נאָך אויך צוגעבן די לאַגע, וואָס עס האָט זיך באַשאַפֿן פֿאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בכלל, און פֿאַר דעם בונד בפֿרט נאָך די אָקטיאַבער־נאָיאַבער־טעג. דער פּעריאָד פֿון דערדריקטקייט נאָך דעם פּעריאָד פֿון אַן אומגעווינלעכער אויפֿלעבונג; די ניט געלונגענע דעקאַבער־אַרויסטרעטונגען, די שאַרפֿע איינרייסונג מיט דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע אַפֿן באָדן פֿון באָיקאָט־פּאָליטיק, די פֿאַרביטערטע העצעריי פֿון די ליבעראַלן גלייך נאָך די צו גרויסע שוואָכים אין די אָקטיאַבער־טעג, די ניצכוינעס פֿון די קאַדעטן אין די וואַלן, די פּאַגראָמען,—אָט די אַלע קלעפּ, וואָס האָבן זיך געשאָטן אַף דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איינער נאָכן אַנדערן, האָבן געמוזט

טרייבן צו פאררייניקן. אף אָט אזא פּאָן איז די פּאָליטישע איזאָלירטקייט פון בונד ארויסגעטראָטן אלץ שארפער, געוואָרן אלץ פילבארער.

...דאָס איז די דערקלערונג. נאָר דאָס איז נאָך ניט קיין ענטפער אף דער גרונט-פראגע: צי דארף מען אָנעמען דעם פאָרגעלייגטן סטאטוט.

אָט יענער אינערלעכער הויפט-ווידערשפּרוך צווישן דער נאטירלעכער ראָלע פון בונד און דער געצוואונגענער ראלע פון א זעלבשטענדיקער פּאליטישער פּארטיי, וועלכן מיר האבן אויבן פעסטגעשטעלט,—א ווידערשפּרוך, פאַרשטייט זיך, ניט קיין צופעליקער,—וואקסט און וועט אלץ מער וואקסן. אייביק דויערן, פארשטייט זיך, קאָן ער ניט און דארף ניט. פריער אָדער שפּעטער דארף מען צו אים מאכן א סאָף.

צי איז צוועקמעסיק דאָס צו טאָן, ארייַנגעטרעטנדיק אין דער פּארטיי אף ניט קיין גוטע באדינגונגען? דאס ווענדט זיך דערפון, ווען און ווי אזוי... אין 1903 יאָר *) האָט זיך דער ווידערשפּרוך, וואס שטויסט צו פאררייניקן, געקענט אָנמערקן נאָר אין אַ קוים באמערקבארער פאָרם, די באדינגונגען אבער פון פאָררייניקונג זייַנען געווען אומגעהויערע; קלאָר, אז בלייבן אין דער פּארטיי וואָלט געווען אן אומזין. אין 1906-טן יאָר האט זיך דער ווידערשפּרוך פאנאנדערגעוואקסן און פילט זיך שארף. די באדינגונגען פון פאררייניקונג, פון זייער זייט, האָבן בליסאָפּעק דורכגעמאכט א גרויסע עוואָלוציע צו גוטן צו. אי דאָס ערשטע, אי דאָס לעצטע איז בליסאָפּעק א מאילע פאר דער פאררייניקונג.

נאר צי איז גענוג דידאזיקע מאילע, צי קען זי האבן א באשליסנדיקע קראפט? צי איז ניט קעדיי נאך צו ווארטן?

...דער ראדיקאלסטער ענטפער וואלט געווען: ווארטן ביז דאן, ביז וואנען דער ארגאניזאציאנעלער סטאטוט וועט ניט געבן דעם בונד די אלע גאראנטיעס, וועלכע זאלן אים פארזיכערן פון אלערליי סאקאָנעס מיצאד דער פּארטיי, אזעלכע גאראנטיעס, וועלכע זאָלן געבן די מעגלעכקייט צו פאררייניקן זיך אָן קיין שום ריזיקע. אנדערש גערעדט, וואָלט דאס געהייסן: ווארטן ביז דאן, ביז וואנען די פּארטיי וועט ניט געפינען פאר מעגלעך צו אנעמען, אויב ניט דעם גאנצן ארגאניזאציאנעלן „אני-מאמין" פון בונד, איז לעפּאכעס דעם וויכטיקסטן טייל, די אידייע פון נאציאָנאלע ארגאניזאציעס... אנדערש גערעדט, דער ניצאכן פון אונזערע נאציאנאלע אנשויאונגען ווערט געשטעלט אלס א פּרעלימינארע באדינגונג פון פאררייניקונג... דאס הייסט, אז די פאררייניקונג ווערט אָפּגעלייגט אף א גאנצן היסטארישן פעריאד... איך מיין, אז עס איז גענוג אזוי אוועקצושטעלן די פראגע, קעדיי צו באקומען אף איר אן ענטפער: נאָר אזוי לאנג ווארטן דארף מען ניט. אף דעם ווארטן טאָר מען ניט.

...די אייַנגעשפּארטע כאוויירים-בונדיסטן ווילן אזא סטאטוט, וואָס זאָל באפעסטיקן דעם ניצאָכן, וועלכן מיר האבן שוין אָפּגעהאלטן איבער דער פּארטיי; זיי שטעלן—באוואוסטזיניק, אָדער ניט—דעם ניצאכן איבער די אנשויאונגען פאַר א פּארויסיקע באדינגונג פון דער פאררייניקונג. דערפאר זייַנען זיי קעגן דעם פארגעלייגטן סטאטוט.

*) צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ.

די איינגעשפּאַרטע „איסקראָווצעס“, פון זייער זייט, ווילן אַזאַ סטאַטוט, וועלכער זאָל באַפעסטיקן דעם ניצאָכן, וועלכן זיי האָבן שוין אָפּגעהאַלטן איבער דעם בונד; פאַר זיי איז דער ניצאָכן איבער די בונדישע אַנשויאונגען — אַ פּאָרויסיקע באַדינגונג פון דער פאַרייניקונג. דערפאַר זיינען זיי אויך קעגן דעם פאָרגעלייגטן סטאַטוט. אָבער דערדאָזיקער סטאַטוט באַווייזט דעם וואונש פון די מעסיקע עלעמענטן פון ביידע צדאָדים צו פאַרייניקן זיך ביז אַ וועלכן ניט איז ניצאָכן. דער גרונד-געדאַנק, וואָס גייט דורך דורך דער גאַנצער פאַרייניקונגס-קאמפּאַניע איז: אַריבערטראָגן דעם קאַמף אין דער פּאַרטיי-גופע. דער סטאַטוט באַצייכנט מיט זיך אַ באַשטימטן עטאַפּ, וועלכער איז פונקט אַזוי ווייט פון דעם 1903-טן יאָר, ווי פון דעם נאָך אומבאַוואוסטן מאָמענט, ווען — מיר גלויבן אַלע אין דעם — עס וועלן טריאומפירן אונזערע אַנשויאונגען. דער יעסאָד, אַף וועלכן ער ווערט געבויט, איז — געבן אַ מעגלעכקייט ביידע צדאָדים צו פאַרטיידיקן זייערע פּלענער. דערפאַר איז ער ווידערשפּרעכנדיק. דערפאַר שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ ריזיקע פאַר ביידע צדאָדים. קיין אַנדערער קען ער לויט זיין מעהוס ניט זיין. עס קענען פאָרקומען טיילווייזע אומענדערונגען צום בעסערן, נאָר קיין פעסטע גאַראַנטיעס קען מען פון אים ניט וואַרטן; אַ פעסטע גאַראַנטיע קען זיין נאָר די מיינונגס-איינהייט.

און אויב אַזוי, שטעלט זיך די פראַגע: צי איז קעדיי צו וואַרטן אַף אָט די טיילווייזע אומענדערונגען, וועלכע זיינען ניט אימשטאַנד אומצובייטן די לאַגע אין טאָך און אין איקער.

...און אין דערעמעסן, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער פערטער *) צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער פאַרטיי איז ניט פאָרגעקומען, אָדער אַז די פראַגע וועגן פאַרייניקונג האָט זיך אַף אים ניט אויפגעהויבן, אָדער אַז ער האָט ניט אָנגענומען אַזאַ פיל ניט איז „ליבעראַלן“ סטאַטוט; וואָלטן מיר דאָך נאָך געוואַרט?

די זאַך איז אָבער אין דעם, וואָס דער פערטער צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי איז געווען, וואָס באַשטימטע באַשלוסן זיינען אָנגענומען, וואָס אַ באַשטימטער סטאַטוט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן. די פראַגע איז אַוועקגעשטעלט.

...מע דארף דאָך מוידע זיין, אַז די שאַרף אַוועקגעשטעלטע פראַגע האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנעלע לעבן פון בונד. אין וועלכער זייט זי זאָל ניט געלייזט ווערן, איז מיט איר לייזונג פאַרבונדן א קריזיס, אַ דערשיטערונג פון פאַרטיי-אָרגאַניזם. איך שטרייך אונטער — אין וועלכער זייט זי זאָל ניט געלייזט ווערן, ווייל פון ערשטן קוק קען זיך דוכטן, אַז דאָס ניט אַריינטרעטן באַשאַפט קיין שום נייס ניט, בייט ניט אום די סיטואַציע, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ פאָרזעצונג פון דעם סטאַטוס-קוואָ (פון דער ביזאיצטיקער לאַגע). דאָס איז ניט ריכטיק; די פראַגע איז אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז לויט איר כאַראַקטער איז דאָס ניט אַריינטרעטן דאָס זעלביקע, ווי א צווייטן מאָל ארויסגיין פון דער פאַרטיי. און מע דארף געדענקען, אַז איצט איז ניט

*) שטאָקהאָלמער

דאָס 1903-טע יאָר, און אז דאָס, וואָס האָט זיך איינמאָל געגעבן לייכט און גלענצנדיק, גייט ניט אלע מאָל דורך אזוי לייכט.

...נעמענדיק דאָס אלץ אין באטראכט, געפין איך, בלייבנדיק פולקום „הארט" לויט דעם גאנצן בוי פון מיינע מיינונגען וועגן דער אָרגאניזאציאָנעלער פראגע, פונדעסטוועגן פאר נויטווענדיק אָפּצוגעבן מיין שטים פאר דער אריינטרעטונג אין דער רוסלענדישער פארטיי אפן באָדן פון דעם סטאטוט, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן אפן פערטן פארטיי-צוזאמענפאָר.

נאָר איך זאָג: מיר גייען ניט, קעדיי צו פירן א אידילישן לעבן, נאָר קעדיי צו קעמפן... דער בונד דארף אריינטרעטן אין דער פארטיי באוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. פון דעם, אף וויפל פעסט עס וועט זיך ארויסווייזן זיין געווער, העגנט אָפּ זיין צוקונפט.

188. די באַשטימונג פון VII-טן צוזאַמענפאָר פון בונד *).

(„פאָלקס-צייטונג", נומער 157 פון 1906).

נעמענדיק אין אנבאַטראַכט, אז די באַדינגונגען פון דעם געזעלשאַפטלעכן און פאָליטישן לעבן פון רוסלאַנד ווערן שטענדיק פאַרוויקלטער און רוקן ארויס פאַר דער סאָצ.-דעמאָקראַטיע אלץ ערנסטערע און שווערערע אויפגאַבן, וועלכע פאָדערן א פלאַנמעסיקע און איינהייטלעכע לייזונג;

אַז לייזן מיט דערפאָלג אזעלכע אויפגאַבן קען נאָר אן איינהייטלעכע פאַרטיי, וועלכע פאַראייניקט אונטער דער פאָן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דעם באַוואוסטזיניקן פראָלעטאריאַט פון גאַנצן לאַנד;

אז דער איצטיקער רעוואָלוציאָנערער מאָמענט מאַכט נאָר דרינגנדער די נויטיקייט צו פאַראייניקן אַלע קאַמפס-קרעפטן פונם באַוואוסטזיניקן פראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, —

האַלט דער צוזאַמענפאָר פאַר נויטיק, ווי פאַרן בונד אזוי אויך פאַר דער רוסל. פאַרטיי, צו שאַפן דורך קעגנזייטיקע האַנאָכעס די מעגלעכקייט אריבערצוטראָגן די וויקוכים וועגן דער נאַציאָנאַלער און אָרגאַניזאַציאָנס-פראַגן, וועלכע עס פירן זיך צווישן זיי, אינעווייניק, אין דער איינהייטלעכער פאַרטיי גופע.

ארויסגייענדיק פון דעם, אז די איינהייטלעכע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטיי פונם רוסלענדישן פראָלעטאַריאַט דאַרף זיין צוזאַמענגעשטעלט פון נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, ווייל נאָר אזאַ אויפבויאונג גיט דער פאַרטיי די מעגלעכקייט צו נעמען פולקום אין באַטראַכט באַ איר גאנצער טעטיקייט די לעבנס-און קאַמפס-באַדינגונגען פונם פראָלעטאַריאַט פון פאַרשיידענע נאַציעס;

אז באַ אזאַ נאָרמאַלער אויפבויאונג פון דער פאַרטיי דאַרף יעדע נאַציאָנאַלע סאָצ.-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע עס גייט אריין אין איר, האָבן די מעגלעכקייט, אלס די איינציקע פאָרשטייערין פון דעם באַטרעפנדן פראָלעטאַריאַט:

---

*) פאָרגעקומען אין לעמבערג (גאַליציע) דעם 15—26 אַווגוסט 1906.

א) צו האָבן א שטענדיקן אָרגאַניזאַציאָנס איינפלוס אף דער אלגעמיינער פּאָליטיק פון דער גאַנצער פּאַרטיי ווי אויך אף דער אָנפירונג פון די אלגעמיינע פּאַרטיי-איניציאַנים אף די ערטער;

ב) זעלבשטענדיק דורכצופירן אין לעבן די אלגעמיינע באַשטימונגען פון דער פּאַרטיי, צופּאַסנדיק זיי צו דער באַזונדערער לאַגע פון דער באַטרעפנדער נאַציאָנאַלער גרופּע און צו די אייגנאַרטיקע קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די געזעלשאַפטלעכע קרעפטן אין איר גופּע;

ג) זעלבשטענדיק צו לייזן די פראַגן, וועלכע ווערן ארויסגערוקט דורך דידאָזיקע ספּעציעלע לעבנס-באַדינגונגען פון דעם באַטרעפנדן פּראָלעטאַריאַט.

נעמענדיק ווייטער אין באַטראַכט, אז דער פאַרייניקונגס-סטאַטוט פון דעם פּארייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. ארב. פּאַרטיי האָט דעם כיסאָרן, וואָס ער איז ניט אויסגעהאַלטן און האָט אין זיך ווידערשפּרוכן;

אַז פּאַרייניקנדיק זיך מיטן בונד ווי מיט א סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, זאָגט זיך די פּאַרטיי אָפּ אין דערזעלבער צייט דורכצופירן אין דער פּארטיי-אויפבויאונג דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, און באַשטעטיקט אף אזא אופן, אז אלע איבעריקע אָרגאַניזאַציעס זאָלן האָבן די אויפגאַבע צו פירן די ארבעט צווישן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט אָן אן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און אונטערשטיצט די דעזאָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט פון אייניקע טיילן פון דער פּאַרטיי צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט;

אז דער אויפן, אף וועלכן עס דארפן זיך בילדן די אלגעמיין שטאָטישע קאָמיטעטן אנטשפּרעכט ניט דער פּאָדערונג, אז די איינצלנע אָרגאַניזאַציעס זאָלן דאָרטן האָבן א פארטרעטונג;

אז צווישן די באַדינגונגען פון דער פּאַרייניקונג פעלט דער פּונקט, וועלכער זאָל באַוואָרענען דעם בונד זיין פּראָגראַם וועגן דער נאַציאָנאַל-פּראגע;

אז דער סטאַטוט באוואָרנט ניט, דאָס די גרונט-פּונקטן פון דעם אָפּמאַך זאָלן ניט ווערן געענדערט אָן דעם העסקעם פון בונד, —

האַלט דער צוזאַמענפאָר, אז דער פאָרגעלייגטער סטאַטוט שאפט ניט די באַדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיק, קעדיי איינצושטעלן א נאָרמאַלן פּארטיי-לעבן.

נעמענדיק פונדעסטוועגן אין באַטראַכט, אז דער אָנגעוויזענער סטאטוט זעט צו באַפרידיקן די הויפּט-פּאָדערונג פון דעם בונד — אריינצוטרעטן אין דער פּאַרטיי אלס א זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט;

אַז די פּאַרטרעטונג אף די צוזאַמענפאָרן און אין דעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי, וועלכע דער בונד וועט האָבן לויט דעם סטאַטוט (פּ. פּ. 7 און 8 *), פארשאַפט דעם אידישן פּראָלעטאַריאט, וואָס איז אָרגאַניזירט אין די רייען פון בונד, אן איינפלוס אף דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי און אף דער אלגעמיינער אָנפירונג פון דער באַוועגונג;

*) זע ז. ז. 175—176.

אַז, פון דער אנדערער זייט, לאָזן איבער דעם בונד די פּ. פּ. 4 און 5, אין די גרעניצן פון די אלגעמיינע באַשטימונגען פון דער פּאַרטיי און פון די אַל־געמיינע דירעקטיוון פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי, די זעלבשטענדיקייט אין די פראַגן פון פּראָפּאַגאַנדע, אַגיטאַציע און אין דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט;

אַז וואָס מער עס וועט וואַקסן די ארבעטער־באַוועגונג און וואָס מער דער איינפלוס פון דער פּאַרטיי וועט זיך פארשפרייטן אף אלץ ברייטערע מאַסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון פארשיידענע נאַציעס, וועט אלץ מער די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנס־אויפבויאונג פון דער רוסל. פּארטיי אומפארמיידלעך מוזן צוגעפּאַסט ווערן צו דער אָנפירונג מיט דער באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט פון פארשיידענע פעלקער, און וואָס מער די פּאַרטיי וועט זיך צופּאַסן צו די באַדערפעניׇשן פון דער מאַסן־באַוועגונג, אלץ מער וועט זי געצוואונגען זיין צו גיין ווייטער מיטן וועג פון נאַציאָנאַלער פּאַנאַנדערגרעניצונג;

אַז ווי באַלד אין דער רוסל. ס. ד. אַרב. פּארטיי וועלן זיך געפינען די אָרגאַניזאַציעס פון פּויליׇשן, לאַטווישן און אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועט דער־דאָזיקער פּראָצעס פון דער פּאַנאַנדערגרעניצונג לויט די נאַציאָנאַליטעטן אומ־פארמיידלעך מוזן פארגיכערט ווערן;

אַז די דעמאָקראַטיזירונג פון דער פּארטיי־אויפבויאונג וועט עפענען אלץ אַ ברייטערן פעלד אף צו פירן אַ קאַמף אין דער פּאַרטיי גופא פאַר דער דורכפירונג פון די פּרינציפּן פון בונד בענוגייע צו דער נאַציאָנאַלער און אָר־גאַניזאַציאָנס־פראַגן;

אַז דער זעקסטער פּונקט, וועלכער פּרוּווט זיך אויפבויען די אלגעמיין שטאַטישע קאָמיטעטן ניט אף די יעסוידעס פון דער פאַרטרעטונג לויט די אָר־גאַניזאַציעס, איז ניט נאָר קעגן די עלעמענטארע פּאָדערונגען פון דעם ווירק־לעכן דעמאָקראַטיזם, נאָר אויך קעגן דעם אלגעמיינעם כאַראַקטער פון דעם גאַנצן סטאַטוט און ער וועט מוזן פארביטן ווערן מיט אנדערע, מער לעבנס־פעאיקערע באַשטימונגען, —

זעט דער צוזאַמענפאָר אין דעם פאָרגעלייגטן סטאַטוט אזא איבערגאַנגס פאָרם פון פאַראייניקונג, וועלכע עפנט פאַרן בונד די מעגלעכקייט מיט ערפאָלג צו פירן אין דער פאַרטיי אַ קאַמף פאַר דעם פולקומען ניצחון פון זיינע פּרינציפּן בענוגייע צו דער נאַציאָנאַלער און אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע.

ארויסגייענדיק פון דעם, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן, באַשטימט דער 7־טער צוזאַמענפאָר פון „בונד״: צו באַשטעטיקן די באַדינגונגען פון פאַריי־ניקונג, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אף דעם פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון דער רוסל. ס. ד. א. פּ. און דערקלערט, דאָס דער בונד האָט זיך פאַריי־ניקט מיט דער רוסל. ס. ד. א. פּ.

דער צוזאַמענפאָר רופט אלע אָרגאַניזאַציעס פון בונד צו פירן ענערגיש אין דער פּאַרטיי גופא אַ קאַמף פאַר דער איבערבויאונג פון דער רוסלענדער

פארטיי לויט די ארגאניזאציאָנס-פרינציפּן פון בונד און פאר דעם, אז די פארטיי זאָל אָנעמען די פּראָגראַם פון בונד בענויגייע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

דער צוזאמענפאָר דערקלערט אלס די נאָענטסטע אויפגאבע:

1) צו בויען די אלגעמיין-שטאָטישע קאָמיטעטן אף די יעסוידעס פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואלן און שטרעבן דורכצופירן אף דידאָזיקע וואַלן דעם פרינציפּ פון פּראָפּאָרציאָנעלער פארטרעטונג לויט די אָרגאַניזאַציעס;

2) ניט צו דערלאָזן קיינע פּראָבעס צו פארשפרייטן די קאָמפּעטענץ פון די אלגעמיין פארטייאישע איינריכטונגען (אָרטיקע און צענטראַלע) אף די פראַגן, וואָס געהערן דער קאָמפּעטענץ פון די אנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציעס פון בונד.

דער צוזאמענפאָר דערקלערט, דאָס אריינטרעטנדיק אין דער רוסל. פארטיי און אָנעמענדיק איר פּראָגראַם, בלייבט דער בונד בא זיין פּראָגראַם בענויגייע צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און דאָס דידאָזיקע פּראָגראַם, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אפן 6-טן צוזאמענפאָר פון בונד, קען ווערן געענדערט אָדער אָפּגעשאַפט נאָר דורך דעם צוזאמענפאָר פון בונד גופע.

189—191. די פּראָלעטאַריש-ציאָניסטישע גרופּירונגען וועגן דער פאראייניקונג פונם „בונד" מיט דער ר.ס.ד.א.פּ.

א) י. ס. א. פּ.

(„בונד און די רוסישע ס.ד.א.פּ." ווילנע, 1906, ז. 23—20.)

...קעדיי ניט אויפצודעקן דעם טהאָם, וואס ליגט צווישן זיי, האָבן ביידע צדאָדים מוירע מער ווי אלץ — דערפירן זייערע געדאַנקען ביז דעם לאָגישן קאָנסעקוועצן סאָף און ווילן, אַפּאָנים, איינריידן זיך און לייטן, אז אין „בונד" קומט איצט פאָר ניט א שווערער אינעווייניקסטער קריזיס, נאָר עס גייט א פּאָשעטע פּאלעמיק וועגן א געוויינלעכער ארגאניזאציאנס-פראַגע. און דעריבער אָנשטאָט צו לייטערן דעם הויפּט-פּונקט, דעם פּרינציפּיעלן באזיס, וועלכער דאַרף ליגן אין גרונט פון דער אָרגאניזאציאנס-פראַגע, איז מען זיך בעסער מעפּאַלפּל וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנס-פראגע זעלבסט. און דאָ קען מען לייכט שאַרפן די פּאָלעמישע שווערדן אָן אָן אויפהער און ניט אריבערטרעטן כאָלילע באוואוסטע גרעניצן, וואו מע קען זיך דערריידן צו געפערלעכע אפּיקאָרסעס... די פראַגע וועגן עצעם מעהוס פון „בונד" געפינט זיך אַף אזא אויפן אויסער די דאלעד אמעס פון דער דיסקוסיע, אזוי ווי מעקויעד דער פראַגע וואָלטן אלע געווען איינשטימיק... ווען די בונדיסטישע פאָרשטייער וואלטן האָבן דעם מוט צו בארירן טיפער די פראַגע, וואָלטן זיי זיך אליין איבערצייגן, אז קיין פּשאָרעס צווישן די צוויי צדאָדים קענען ניט געמאָלט זיין. אָבער דערווייל, ווי געזאָגט, רעדט זיך וועגן דעם עצעם מעהוס פון „בונד" ווי פון א דאָוואָר יאָדוא, וועגן וועלכן עס זיינען, אין פלוג, איינשטימיק אלע בונדיסטן. אָבער טאקע אָט דאס גופע, דאָס אָפּאָרטוניסטישע ניט דערריידן, די

האַלבע ווערטער, מיט וועלכע מע מוז זיך באַנוצן, באַשאַפן בעעמעס אַזאַ טויהו וואוואויהו אין די קעפּ סאַי פון די נאַציאָנאַליסטן, סאַי פון די אַסימי־לאַטאָרן, אַז סאָפּקאָלסאָף דאַרפן זיי זיך אַליין ניט קענען אָפּגעבן קיין רע־כענונג, פאַרוואָס זיי זאָגן זיך אַרויס פאַר אָדער קעגן דעם אָדער יענעם באַשלוס.

אָט, לעמאָשל, ה׳ ליטוואַק זאָגט זיך אַרויס קאַטעגאָריש קעגן דעם פאַריי־ניקונגס־פּראָיעקט און מאָטיווירט דאָס אָפּן פאָלגנדן אויפן: „דער „בונד" איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, ד.ה. אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט נויטיקט זיך אין אַזאַ באַזונדערער אָרגאַני־זאַציע, אַז נאָר די אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אויסגעוואַקסן פון דעם „דעק" פון דער אידישער מאַסע, וועלכע לעבט מיט איר לעבן, פילט, וואָס זי פילט, טיף פאַראינטערעסירט אין די זעלביקע פראַגן, וואָס זי, נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע קען זיך צופּאַסן צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דער אידישער מאַסע, צו די באַזונ־דערע באַדינגונגען, אין וועלכע די געשיכטע האָט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אוועקגעשטעלט, נאָר אַזאַ אָרגאַניזאַציע קען קעמפן קעגן אַלע בורזשואַזע שטרעבונגען און ריכטונגען, וועלכע אַנטשטייען אין דער אידישער נאַציע, וואָס פאַר אַ פאָרם דיזאָזיקע שטרעבונג זאָל ניט אָננעמען, נאָר זי קען געבן אין דער רעכטער צייט דעם רעכטן ענטפער אויף אַלע פראַגן, וועלכע דאָס אי־דישע לעבן רופט אַרויס" („פ.־צ". № 75).

דאָ, אין פלוג, שטעלט זיך פאַר אייך אַרויס ה׳ ליטוואַק אַלס אַ קאָנסעק־ווענטער סאָציאַל־דעמאָקראַט נאַציאָנאַליסט. אָבער דער אייגענער ה׳ ליטוואַק איז דאָך אויך אינגאַנצן איינשטימיק מיט דעם פּונקט פון דעם פאַראייניקונגס־פּראָיעקט, וועלכן עס האָט אויסגעאַרבעט דער VI צוזאַמענפאָר פון „בונד" *), וואו עס ווערט באַהויפּטעט, דאָס די פּראָגראַם פון דער ר.ס.ד.א.פּ. איז אויך די פּראָגראַם פון „בונד". פון איין זייט קומט אויס, אַז דער „בונד" איז אַן אָרגאַניזאַציע, „וועלכע איז אויסגעוואַקסן פון „דעק" פון דער אידישער מאַסע, וועלכע לעבט מיט איר לעבן", וועלכע איז צוגעפּאַסט „צו די באַזונדערע באַ־דינגונגען, אין וועלכע די געשיכטע האָט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אוועק־געשטעלט" און פון דער צווייטער זייט לאָזט זיך אויס, אַז אין סאָציאַל־פּאָלי־טישער הינזיכט, ד.ה. בענוגייע צום יעסאָד פון יעדער פּראָלעטאַרישער באַ־וועגונג, טיילט זיך ניט אָפּ די פּראָגראַם פון „בונד" אפילו אין אַ מינדעסטן פּונקט פון דער פּראָגראַם פון דער ר.ס.ד.א.פּ. שוין־זשע ווייסט איר ניט, ה׳ ליטוואַק, אַז די באַזונדערע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, מוזן שאַפן בײַ אים באַזונדערע אויפגאַבן, און באַזונדערע אויפ־גאַבן פאָדערן אַ באַזונדער פּראָגראַם? ווי האַלטן זיך בעשאָלעם בײַ אייך אין מויעך אַזעלכע ווילדע סטירעס? און צי דען זעט איר אויך ניט, אַז דאָס באַ־שאַפט די גאַנצע מאַכטלאָזיקייט, די פולקומע שוואַכקייט פון אייער פּאָזיציע אין דער מילכאָמע מיט אייערע קעגנער בענוגייע צו דער פאַראייניקונגס־

*) ס׳איז אַ טאָעס: דעם פאַראייניקונגס־פּראָיעקט האָט אויסגעאַרבעט די 7־טע קאָנפערענץ פון בונד.

פראַגע? ווען איר וואָלט געהאַט דעם מוט דערפירן אייערע געדאַנקען ביז זייער לאָגישן סאָף, ד.ה., ווען איר וואָלט מוידע געווען, אז דער אידישער פראָלעטאריאט מוז האָבן טאקע זיין באַזונדער פראָגראַם, וועלכע דאַרף אָפּשפּיגלען אין זיך אלע אייגנאַרטיקע לעבנס-פאָרמען פון אידישן פראָלעטאַריאַט, וועלכע דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט אלע זיינע באַזונדערע ספּעציפישע אויפגאַבן, — דאַן וואָלט אייער פּאָזיציע זיין פעסטגעשטעלט אַף א מעכטיקן פרינציפּיעלן יעסאָד, דאַן וואָלט אייך ניט אויסגעקומען פאַרצווייפלט זיצן אַף צוויי שטולן...

פון דער אנדער זייט, הערן אנמאן, ר. און זייערע כאַווײרים, אונטערגראָבנדיק זיך אונטערן יעסאָד פון קיעם פון „בונד", הערן ניט אויף צו שווערן אים טרייהייט. דאָס, וואָס זיי נעמען בא אים די נעשאָמע ארויס, וואָס זיי ווילן אים פאַטערן בעמיסאַס נעשיקע — איז דאס טאקע נאָר צוליב זיין טויווע ווענן, טאַקע צוליב די גאַנצקייט און זעלבשטענדיקייט פון „בונד". אָט דורך דער אָפּאָרטוניסטישער שפּיל באַקומען זייערע מאַימאָרים עפּעס א מעשונעדיקן פּאָנים: פון איין זייט, מוז דער „בונד" בלייבן א זעלבשטענדיקע סאָציאַל-דעמאָקראטישע פארטיי, און פון דער אַנדער זייט איז די אָרגאַניזאַציאָנס-זעלבשטענדיקייט פון „בונד" נאָר א באַוואוסטע פאָרם, און „פאָרמען בייטן זיך" א.א.וו.

מע קען ניט זאָגען, אז אזא מין פּאָלעמיק וועט ארייַנברענגען פיל ליכט אין די מויכעס פון די מיטגלידער פון „בונד"...

אָבער צו מעכטיק איז דער לעבנס-גאַנג, צו קעגנזעצלעך זיינען אין עצעם די טענדענצן, וועלכע הערשן אין „בונד", אז זיי זאָלן סאָפּקאָלסאָף ראַשעדיק און האסטיק ניט שטירצן די אָפּאָרטוניסטישע פעסטונג, וועלכע איז מיט אַזוי פיל מי געבויט געוואָרן פון די בונדיסטישע פאָרשטייער, — און דאַן וועלן די פאַרשיידענע עלעמענטן פון „בונד" מוזן אַוועקגיין יעדער אין זיין וועג: די אַסימילאַטאָרן, וועלכע געפינען בעעמעס קיין שום זין ניט אין זייער עקזיסטענץ באַזונדער פון דער ר.ס.ד.א.פּ., וועלן זיך פולקום צונויפגיסן מיט דער לעצטער; די נאַציאָנאַליסטן אָבער וועלן מוזן מוידע זיין, אז דער „בונד" דאַרף אויסאַרבעטן פאַרן אידישן פראָלעטאריאט א ספּעציעלע פּראָגראַם, וועלכע דאַרף זיין שטרענג צוגעפּאַסט צו זיינע באַזונדערע לעבנס-באַדינגונגען, און דאַן, פאַרשטייט זיך, וועט קענען געמאָלט זיין נאָר איין פאַרייניקונגס-פאָרם צווישן אים און דער רוסלענדישער פאַרטיי — דער שטרענג פעדעראַטיווער בונד.

צו אַזאַ סאָף טרייבט די לאָגיק פון לעבן און דער אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פון די טענדענצן, וועלכע זיינען באַהאַלטן אין „בונד" גופע.

ב) צ. ס. א. פ.

(ל-ים: „צו דער פאַרייניקונג פון בונד מיט ר.ס.ד.א.פּ.", ווילנע, 1906 ז.ז. 15-16, 16-17 און 4-36)

און „דער שיגאָען אָדער אומגליק", פאר וועלכן עס האָט אַזוי מוירע געהאַט דער ה׳ זעלצער, איז געשעען. ס׳איז געשעען דאָס, וואָס געשעען האָט גע-

מוזט: דער „בונד“ איז אַריין אין די ר.ס.ד.אַ.פּ. אַף די באַדינגונגען, וועלכע זיינען פאָרגעלייגט געוואָרן אַף דעם פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון דער לעצטער. מיט איין „הערָאָאישער רעזאָלוציע“ מאַכט דער בונד צו ניט דאָס אַלץ, פאַרוואָס ער האט מיט אַזאַ ליאַרם און געפּילדער געקעמפט איינציקע יאָר, ער זאָגט זיך אָפּ פון אַלץ, וואָס האט געבילדעט דעם איינציקן יעסאָד פון זיין זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ.

ער איז מעוואַטער אַף צו זיין דער איינציקער פאָרשטייער פונם אידישן פּראָלעטאַריאט אין דער ר.ס.ד.אַ.פּ., מיט וואָס ער זאגט זיך פאַקטיש אָפּ פון זיינע קלוימערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן; ער גיט איבער אלע זיינע אָרגאַניזאַציעס „אַף די ערטער“ אין די הענט פון אזא „נאַטשאַלסטוואָ“, וועלכע „זיי וועלן מוזן פאָלגן, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט זי צו קאָנטראָלירן און אַף איר צו ווירקן“ (וו. מעדעם „Наше слово“ № 2), אָבוואָל דיזע „נאַטשאַלסטווא“ באַשטייט, נאָך דער מיינונג פון די בונדישע אָנפירער, פון „זייער ניט סימפּאַטישע עלעמענטן“, פון „מיעסע טשינאָווניקעס“ א.ד.גל. (די פּראָטאָקאָלן פון דער VII קאָנפערענץ פון „בונד“). נאָך דעם, ווי מע האָט געמאכט אזא סאכאקל פון די „אָרגאַניזאציאָנעלע קוקן“ גייט מען שוין מיט א לייכטערן געוויסן איבער צו דער „טעאָריע“, און מע שטעלט אַוועק אונטער אַ פּרוכטבארן פראַגע-צייכן די אייגענע „נאציאָנאלע פּראָגראַם“: יעדער קינפטיקער צוזאַמענפאָר פון דער ר.ס.ד.אַ.פּ. קען ניט בלויז די פאַראייניקונגס-באַדינגונגען אומענדערן, ווי ס'וועט זיך אים פאַרוועלן, נאָר אויך מאַכן א סאָף צו דער אזוי אויך שווינדזיכטיקער נאַציאָנאל-קולטורעלער אַווטאָנאָמיע פון „בונד“...

מיר האָבן שוין אין קורצן אָנגעוויזן אַף די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וועלכע האָבן ארויסגערופן באַ די אָנפירער פון „בונד“ אזא ליידנשאַפטלעך שטרעבן זיך צו פאַראייניקן מיט דער ר.ס.ד.אַ.פּ. quand méme (וואָס ס'זאָל ניט זיין) ...די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אי פון אידישן, אי פון ניט-אידישן לעבן האָבן געבראַכט דעם „בונד“ צו א פולשטענדיקן באַנקראָט, און קעדיי דאָס צו באהאלטן פאר דער אויסערער וועלט, קעדיי צו רעטן דאָס געבליבענע ביסל קאָוועד, איילט ער זיך אומבייטן די שילד אַף זיין „פירמע“. „דער „בונד“ האט פארלאָרן זיין איינציקע פאָרשטייעריי“, ער איז שוין ניט דער איינציקער פאָרשטייער פונם אידישן פּראָלעטאריאט: „עס איז אויסגעוואקסן אַ נייע מאַכט אַף דער אידישער ארבעטער-וועלט, די צ.ס.אַ.פּ. ער האָט אויך פאַרלאָרן זיין באַדייטונג אין דער רעוואָלוציע: „ס'איז ארויסגעטראָטן אַף דער קאַמפּס-ארענע דער רוסישער פּראָלעטאריאט“. „און ער שטרעבט מיט אלע מיטלען אריינצוטרעטן אין דער „פּאַרטיי“, וועלכע דאַרף אים העלפן איצט, בעאייס צאָרע. אַריינטרעטנדיק אין דער פּאַרטיי, געפינט ער א מעכטיקע שטיצע אין זיין קאַמף קעגן אנדערע שטרעמונגען אין דער אידישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע; אַריינטרעטנדיק אין דער פּאַרטיי, געניסט ער פון איר רעוואָלוציאָנערן פּרעסטיזש און פאַרמאסקירט זיין איצטיקן אומפאַרגלייכלעך קלענערן ווערט אין דער רעוואָלוציע“.

...נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, צוריק מיט 5 יאָר, האָבן דיזעלבע העלדן אַף זייער IV צוזאַמענפאָר אָנגענומען זייער נאַציאָנאַלע „פּראָגראַם". אין דער רעוואָלוציע וועגן דעם איניען ווערט געזאָגט, אז „רעכענענדיק פאר פּריציייטיק באַ איצטיקע באַדינגונגען די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע פאַר אידן, געפינט דער צוזאַמענפאָר פאַר גענוגנד צו קעמפן איצט פאַר די אָפּשאַפונג פון אַלע אויסנאַמס-געזעצן קעגן אידן... און רעכענעדיק פאַר „פּריצייטיק" דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע, האט דער „בונד" דאָך פאַר איר העפּטיק „געקעמפט" און ארויסגעטראָטן פון דער „פּאַרטיי". און איצט, ווען דער קאַמף איז באַזונדערס ווייכטיק, ווען ס'איז שוין געקומען די רעכטע צייט פאַרן דאָזיקן קאַמף, — איצט גייט דערזעלביקער „בונד" אריין צוריק אין דער פּאַרטיי, זיך אפילע ניט פאַרזיכערנדיק די מעגלעכקייט איינצוהאַלטן זיין נאַציאָנאַלע „פּראָגראַם"...

און מיר פאַרשטייען זיי גאַנץ גוט, די העלדן פון „בונד". דעמאָלט אין דער צייט פון IV צוזאַמענפאָר, האָבן זיי געקענט שפּילן א פּאָליטישע ראָלע אין לאַנד, זיך שטיצנדיק נאָר אַפן אידישן פּראָלעטאַריאַט, און דארום האָבן זיי דעמאַגאָגיש גערעדט וועגן נאַציאָנאַלע „פּראָגראַמען". איצט אָבער האט שוין דער אידישער פּראָלעטאריאט פאַר זיי קיין באַזונדער ווערט ניט, איצט קענען זיי שוין „מאַכן פּאָליטיק", נאָר עקספּלואטירנדיק די ענערגיע פון רוסלענדישן פּראָלעטאריאט... מיר האָבן זיי דערקענט, די פּאַראזיטישע גאָלעס-אידעלעך!...

א פאַרבלאָנדזשעטער טייל פונם אידישן פּראָלעטאריאט האט געשטרעבט צו מאַכן א העראָאישע פּראָבע צו לייזן זיין פראַגע ניט אף דעם טעריטאָריאַלן אויפן, זיך שטיצנדיק אף דערדאָזיקער פאַרבייגייענדיקער אומוויסנהייט, האָט א געוויסער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ מיט אַסימילאַטאָרישער צוויעס געוואָלט אָראָפּפירן דעם אידישן פּראָלעטאריאט פון זיין היסטאָרישן וועג צו עמעסער נאַציאָנאַלער פרייהייט. און דורך אַן אָפּמאַך צווישן דערדאָזיקער אומוויסנהייט און דערדאָזיקער צוויעס איז דער „בונד" אַנטשטאנען. איצט האָט דער אידישער פּראָלעטאַריאט זיין וועג דערקענט, און די אינטעליגענץ זוכט צו פאַרבאָרגן איר היסטאָרישע פאלשקייט און שאַנדע אונטער די פליגלען פון דעם גרויסן רוסלענדישן פּראָלעטאריאט...

און דער בונד פאַרשווינדט...

שיין לעבן האָבן זיי ניט געוואָלט, איצט זיינען זיי ניט בעקויעך אַפילע שיין צו שטאַרבן!...

ג) י. ס. ד. א. פּ. „פּויאַליי-ציאָן".

(צ. ק. פּ. צ.: „וועגן דעם אריינטרעטן פון בונד אין ר. ס. ד. א. פּ. ווילנע 1906 ז. ז. 3 און 29—22)

ענדלעך איז געשעען דאָס, וואס ס'האט געמוזט געשעען. נאָך אַ דריי-יאָריקער מילכאָמע, זינט דער בונד איז אַרויסגעטראָטן פון ר. ס. ד. א. פּ., ביז

איצטיקן מאָמענט, האט ער זיך ענדלעך אונטערגעגעבן דער פּאַרטיי און איז אַריינגעטראטן אין אירע רייען לויט די טנאָאים, וואס די לעצטע האט אויסגעאַרבעט. דער שטאָלץ-אויפגעהויבענער קאָפּ פון דעם איינציקן אָפּעקון פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, כאַפּנדיק אַ קלאַפּ פון דער אַכזאריעסדיקער ווירקלעכקייט, האט זיך געמוזט איינבויגן און אַרונטערגיין אונטערן יאָך פונם זיגער. דער בונד האט שוין קיין קויעך קיין ניט געהאט צו באַשיצן זיין פּאָזיציע. פון אַ זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַל-אידישער אָרגאַניזאציע איז ער פאַרוואנדלט געוואָרן אין גאָרניט, פאַרלירנדיק אַפילע די ענלעכקייט צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי.

... ער איז געפאלן — און עס איז מיט אים מעניע ווייניקער געוואָרן אַפּן וועג פון דער כאָציאַל-דעמאָקראטישער באַוועגונג פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, דער בונד האָט ניט געקאָנט באַשיצן די אינטערעסן פון דעם אידישן אַרבעטער. און ווייל ער האט ניט געקאָנט אַרויסשטעלן קעגן דער פּאַרטיי אַזאַ מאַכט, וועלכע זאָל זיך שטיצן אַף די רעאַלע פאָדערונגען פון די אידישע מאַסן — האט ער געמוזט מאכן די פלייטע פון דער געזעלשאפטלעכער טריבונע. ער האט ניט קאָנצענטרירט און ניט געקאָנט קאָנצענטרירן אין זיך די באַדערפנישן און פאדערונגען פון אידישן פּראָלעטאריער — אַף אַזאַ אויפן איז ער געוועזן אַ שעדלעכער אויפוואוקס אַפּן קערפּער פון אונזער פּראָלעטאַריאט. דער בונד האט פארטיידיקט די מיינונג פון די „פּארטייניקעס” „דער בונד און דער אידישער פּראָלעטאריאט זיינען צוויי פארשיידענע זאכן”! נאָר די „פּארטייניקעס” האבן אויך אַ גרויסן טאָעס, ווען זיי האלטן, אַז דער אידישער פּראָלעטאריאט האָט ניט קיין באַזונדערע היסטאָרישע אויפגאַבע, אַז ער מוז לאַכלוטן זיך צונויפשמעלצן מיט די ניט-אידישע מאַסן. ניין! דער באוואוסטזיניקער אידישער פּראָלעטאריאַט האט שוין לאַנג אָנגעצייכנט און באַשטימט זיין וועג צום סאָציאַליזם. ער ווייס, וואס ער האט צו טאָן, וואס און ווי צו פאָדערן. שטארק דורך דעם באוואוסטזיין פון דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט צו באַפרידיקן די סאציאלע באַדערפענישן פון אידישן פּראָלעטאריאַט דורך דער טעריטאָריעלער לייזונג פון דער אידן-פראגע, שטאָלץ מיט דער גראַנדיעזער, ערהאבענער אויפגאבע, וועלכע איז געפאלן אין אונזער גורל — ראַדיקאַל אומצוּווענדערן דאס שיקזאַל פונם אידישן פאָלק, — גייען מיר דרייסט און מוטיק איבער דעם אָנגעצייכנטן וועג, מארשירן מיר אונטער דער ערהאַבענער פאָן פון סאָציאַליזם צום ענדפּונקט פון די אידישע וואנדערונגען, צום ענדפּונקט פון די אידעאַלן פון אידישן ארבעטער... מיט א מינע פון ניצאָכן וועלן זיי (די פירער פון בונד) זיך סטארען צו פאנאנדערפּויקן: „מיר האבן אויסגעפירט” איינרייזנדיק דעם פראָלעטאריאט, אַז זיי האבן דאס, אייגנטלעך, געטאָן צוליב דעם גליק און קיוועד פון זייער „גע-מיינדע”, נאָר פונדעסטוועגן קענען מיר ארויסזאָגן אונזער טיפע איבערצייגונג, אַז דיזע „געמיינדע” וועט זיך דאַרויף אָפּרופן מיט אַ ביטערן פאָרוואורף, מיט אַ טיפע פאראכטונג צו אירע געוועזענע גאַבאָאים און געשאָמעס-פארזארגער. „אייך וועט זיך ניט איינגעבן דורך פּילפּול אונז דערקלערן אייער מאַדכע זיין אָן אַ זייט אונזערע פאָדערונגען און באַדערפענישן, וועלכע איר קאָנט ניט באַ-

פרידיקן" — וועט דעמאָלט קלינגען דער פאָרוואורף פון די אידישע ארבעטער
פון די געוועזענע בונדאָוצעס, און מיט פאַראכטונג וועלן זיי פארלאזן דעם
לאָגער, וואוהין זיי זיינען געווען פארפירט, און וועלן קומען צו אונז — צו
די, וואס מיט זייער טעטיקייט און פראָגראַם וועלן געבן דעם איינציק ריכ־
טיקן ענטפער אַף די רעאַלע באדערפעונישן פון אידישן פראָלעטאריאט; צו די־
וועלכע ווייזן אָן דעם אידישן פראָלעטאריאט זיין סאָציאַל-דעמאָקראטישן וועג
דורכצופירן און לעבן זיינע אידעאלן — צו דער אידישער סאָציאַל-דע־
מאָקראטישער ארבעטער-פארטיי „פּועלי-ציאָן".

זעקסטער טייל.

בארג-אַראָפּ.

איינלייטונג.

דער יאָר 1906–1907 — צווישן דער ערשטער דומע און דעם 3-טן יון — צייכנט זיך אויס מיט אַן אומאויפהערלעכן און העפטיקן קאַמף צווישן די רעוואָלוציאָנערע און קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע קרעפטן פון לאַנד. קיין שטילשטאַנד איז ניטאָ. דער קלאַסן-קאַמף נעמט אָפּ אָן די פאָרמען פון אָפענעם בירגער-קריג. די גאָסודאַרסטווענע דומע אַליין איז אַן אַרענע פון העפטיקן קאַמף און טראָגט אויך ניט אַריין קיין באַרויִקונג, אַדאַנק די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון דעם לינקען טייל פון דומע. *און דאָך גייט די רעוואָלוציע באַרג אַראָפּ*. די קרעפטן פון דער רעאַקציע קאָנצענטרירן זיך אַלץ מער די ווידערשטאַנדס-קראַפט פון דער רעוואָלוציע ווערט אָפּגעשוואַכט.

דער אָנגריף פון דער צאַרישער רעאַקציע פאַלט צונויף מיטן אָנגריף פון קאַפּיטאַל. דורך אַ ריי לאָקאַאוטן שטרעבט דער קאַפּיטאַל אויפצושטעלן די צעשטערטע דיסציפּלין פון די אַרבעטער-מאַסן. די בורזשואַזיע אָרגאַניזירט זיך פּאָליטיש, אויסנוצנדיק די דומע און די פאַרשיידענע „פרייהייטן". איר פראָנט איז געריכטעט קעגן פּראָלעטאַריאַט. די אידישע בורזשואַזיע איז גע-קומען צו זיך און הויבט אָן אַן ערנסטן קאַמף קעגן דער דיקטאַטור פון די אי-דישע סאָציאַליסטן. בעראָש פון קאַמף קעגן די ארבעטער גייען די ציאָניסטן און ראַבאָנים. עס באַווייזן זיך אידישע „שוואַרצע כעוורעניקעס". דאָס אידישע קליינבירגערטום לעכצט נאָך רו און אָרדענונג. די יעשועס פון דער רעוואָלוציע איז ניט געקומען. די רעוואָלוציע דויערט צו לאַנג. די אידישע סאָציאַליסטן זיינען שוין ניט מער קיין העלדן, מע ווענדעט זיך ווידער צו יענע אַלטע פירער צו דער אידישער פּלוטאָקראַטיע, וועלכע זיצט שוין הונדערטער יאָרן אין די קעהילעס און איז די באַרופענע פאַרטרעטערין פון אידישן פאָלק. די וואַלן צו דער צווייטער דומע ווייזן בולעט ארויס די געענדערטע סיטואַציע.

אין די יאָרן 1906–1907 האָט זיך געהאַנדלט ניט אין דעם, צו געבן אַן

אַנטשיידענעם שלאַכט דער צאַרישער דעספּאָטיע. איצט ווייסן מיר, אַז דער דעקאַבער-אויפשטאַנד פון 1905 איז געווען די העכסטע שטופע פון דער ערשטער רעוואָלוציע. די שטרעבונג פון די באָלשעוויקעס צו פירן די רעוואָלוציע ווייטער איז געווען גאַנץ גערעכטפאַרטיקט, ווייל אַנדערש טאָר ניט האַנדלען די פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי אין אַ מאָמענט מיט אַ וואַקלדיקע סיטואַציע, ווען די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע איז נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט. נאָר ווען אַפילו די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי שאַצט אָפּ די סיטואַציע ניט ווי אַ דירעקט-רעוואָלוציאָנערע, בלייבט די אויפגאַבע אָפּצוהיטן און ווייטער צו זאַמלען די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן צום צווייטן אָנגריף. אין קיין פאַל ניט אָפּצוזאָגן זיך פון די רעוואָלוציאָנערע צילן, ניט פאַרבינדן זיך מיטן לאַגער פון פיינט, ניט פּריידיקן קיין ליקווידאַטאָרישע אידייען. די מענשעוויקעס שטעלן זיך אָף אָט דעם לעצטן וועג. פון סאָף יאָר 1906 גייט דער „בונד" אַריבער אין מענשעוויסטישן לאַגער. אין די קאָמיטעטן פון ר. ס. ד. א. פּ. אין צאָפן-מאירעוויראָן זיגן אויך די מענשעוויקעס. דער נאַציאָנאַליזם באַהערשט אַלע אידישע פּאָליטישע ריכטונגען. דערצו העלפט מיט אויך די וואַל-קאַמפּאַניע צו דער 2-טער דומע און די טאַקטיקעס פון דער צאַרישער רעגירונג וועגן דער רו פאַר די האַנטווערקער-אַרבעטער און האַנדלס-אָנגעשטעלטע.

דאָס וואַל-געזעץ אין די גאָסודאַרסטווענע דומע איז באַזונדערס אומגינסטיק פאַר די אידישע אַרבעטער. זיי קענען ניט אויסנוצן די אַרבעטער-קוריע, ווייל זיי אַרבעטן אין קליינע וואַרשטאַטן. דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט איז באַזייטיקט פון די וואַלן, צוליב דעם דירע-צענז אָדער צוליב עלטער. בײַ דער ווענדונג אין די שטימונגען פון קליינבירגערטום האָט אייגנטלעך ניט דער „בונד" קיין באַזע, אָדער ער מוז זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון זיין קלאַסן-פּאָזיציע. די רעוואָלוציע גייט באַרג אַראָפּ און דער „בונד" זאָגט זיך אָפּ ניט מיטאַמאָל, נאָר ביסלעכווייז פון זיינע באָלשעוויסטישע נייגונגען. אויפן 7-טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (אויגוסט 1906) מערקט זיך ערשט אָן די נייע ווענדונג. אויפן 5-טן (לאָנדאָנער) צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. (מאַי 1907) גייט שוין דער „בונד" אין אַלע אַנטשיידענע פראַגן אין בלאָק מיט די מענשעוויקעס.

די הויפּט-פראַגע איז די באַציאונג צו די בורזשואַזע פּאַרטייען. כ' לענין האָט געגעבן אַ פולע אָפּשאַצונג פון דער בונדישער טאַקטיק בעת די וואַלן צו דער צווייטער דומע (זע ווייטער כ' לענינס אַרטיקל): די מענשעוויקעס שטייען קאָנסעקווענט פאַר אַ בלאָק מיט די קאַדעטן, דער „בונד" דערלאָזט אויך בלאָקן מיט די קאַדעטן, ער וועט נאָך אָבער גיין אויך מיט די לינקע. דערדאַ-

זיקער אונטערשייד איז אבער אין א גרויסער מאָס פאַרשוואונדן בעאַיס די וואַלן, ווען דער „בונד" האָט אין פיל ערטער ארויסגעשטעלט זיינע קאַנדידאַטן אין די אלגעמיינע ליסטן פון די אידישע קאָמיטעטן אָדער אַראָפּגענומען זיינע קאַנדידאַטן לעטויוועס די קאַדעטן. עס זיינען געווען אָבער אויך אַזעלכע ערטער, וואו ס'איז געווען דורכגעפירט די טאַקטיק פון א לינקן בלאָק (מינסק), אָדער די איינהייטלעכע ארויסטרעטונג פון אלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס (ווילנע).

אייגנאַרטיק אין דער וואַל-קאַמפּאַניע אין „טכום" זיינען געווען די אַזוי גערופענע „אידישע וואַל-קאָמיטעטן". אונטערן לאָזונג „דורכפירן אַ אידישן דעפּוטאַט" זיינען דאָ געווען מאָבילירט אַלע אַלטע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און טראַדיציעס. די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון דער רעגירונג, די צוויי נייע גרויסע מיליטערישע פּאָגראָמען אין ביאַליסטאָק און סעדלעץ און דער אַלגעמיינער אַנטיסעמיטישער אָנגריף האָבן באַנייט די אַלטע נאַציאָנאַלע געשלאָסנקייט. דער וואַל-געזעץ, וועלכער האָט באַזייטיקט פון די וואַלן די אונטערשטע פאָלקס-שיכטן און האָט אָפּגעגעבן דאָס פּוילישע און רוסישע קליינבירגערטום פון „טכום" אין די הענט פון דער רעאַקציע, האָט נאָך פאַרשטאַרקט די געשלאָסנקייט פון דעם אידישן קליינבירגערטום. דאָרט, וואו דער „בונד" האָט געפירט אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטיק אָדער ער איז אַרויסגעטראָטן אין אן ענגן בלאָק מיט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען (ווילנע, מינסק), האָט זיין ארויסטרעטונג געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג. ווייל דערמיט איז צעריסן געוואָרן די נאַציאָנאַלע אכדעס.

די וואַל-טאַקטיק פון די ס. ס. און י. ס. האָט געהאַט אין זיך אלע פעלערן פון דער בונדישער טאַקטיק. די „סיימאָווצעס" זיינען געווען מער נאַציאָנאַל, זיי האָבן פיל אָפטער אונטערגעהאַלטן די נאַציאָנאַל-אידישע ליגיע און דערפאַר האָבן זיי געהאַט אן אונטערשטיצונג מיצאַד דער אידישער בורזשואַזיע (זע דעם אַרטיקל פון ציאָניסטישן זשורנאַל). די ס. ס. האָבן פון איין זייט געשטרעבט דורכצופירן זייערע קאַנדידאַטן אין אלגעמיין-אידישע צעטלען (קאָוונע), פון דער אַנדער זייט, האָבן זיי געזוכט צו גיין האַנט בא האַנט מיט די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען, פריער פאַר אלץ מיט דער ר. ס. ד. א. פּ. די באָלשעוויקעס, שטעלנדיק די פראַגע פּאָליטיש, האָבן זיך ארויסגעזאָגט פאַר דער צוזאַמענאַרבעט פון די ס. ס. צו די לינקע בלאָקן. דער „בונד" האָט אָט די פראַגע געלייזט נעגאַטיוו און געשטעלט שטענדיק אולטימאַטיוו פון שטאַנדפּונקט פון זיין קאַמף פאַר די העגעמאָניע אף דער אידישער גאַס. די ס. ס. האָבן געענטפערט דעם „בונד" מיט דערזעלבער פאַרשאַרפונג. ס'איז קלאָר, אַז אָט די פּאָליטיק איז

געווען פאַלש דורך און דורך: מע האָט באַדאַרפט פאַרייניקן און ניט צעשיידן אַלע רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, וואָס זיינען געשטאַנען אָפן באָדן פון באוואָפנטן אויפשטאַנד און גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

מיר ברענגען ווייטער גענוג דאָקומענטן וועגן לאָנדאָנער פאַרטיי-צוזאַמענפאָר און דערפאַר וועלן מיר זיך דאָ ניט אָפשטעלן גענוי אַף דעם וויכטיקן מאָמענט. די בונדישע דעלעגאַציע צַף אָט דעם צוזאַמענפאָר פארנעמט דעם פּלאַץ פון צענטער, נאָר דאָס איז נאָר דערפאַר, וואָס זי שטיצט ניט קאָנסעקווענט די מענשעוויקעס אין אייניקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן (דאָ אויך די פראַגע וועגן אַרבעטער-צוזאַמענפאָר) און באַקעמפט די פראַקציאָנעלע צאנקערייען מיצאַד די מענשעוויקעס. אָבער אין די וויכטיקסטע *פּאָליטישע פראַגן*, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, גייט די בונדישע דעלעגאַציע צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס. דערמיט ווערן אין „בונד" פולשטענדיק ליקווידירט די באָלשעוויסטישע נויגונגען פון 1905 און אָנהויב 1906 יאָר. דער „בונד" גייט געשווינד צו דער ליקווידאַטאָרישער פּאָזיציע פון 1911-1912 יאָר.

אין דערזעלבער צייט רוקט ער זיך אַלץ נעענטער צום אידישן נאַציאָנאַליזם.

ווי א פרישער שטראָם האָט זיך דורכגעטראָגן דורכן אידישן „טכום" די רעוואָלוציאנערע כוואַליע פון 1905-1906. די ווענט פון אידישן געטאָ, וואָס זיינען צעשאָקלט געוואָרן דורך דער אידישער ארבעטער-באוועגונג נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, האָבן איצט געקאָנט אויפגעריסן ווערן. די אידן באַקומען צוזאַמען מיט אַלעמען שטיקלעך פּאָליטישע רעכט און ווערן אריינגעצויגן אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן. די אידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פילן ווי בירגער פון לאַנד. די אויפגאַבע פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי איז געווען ניט צו דערלאָזן צו דער רעסטאַווראַציע פון די אַלטע געטאָ-באַציאונגען, ניט לאָזן דער אידישער בורזשואזיע אויפצושטעלן די אַלטע אידישע געשלאָסנקייט. דער „בונד" האָט בעאייס די וואַלן נאָר אין א קליינער מאָס אויסגעפירט אָט די אויפגאַבע; פאַרלירנדיק אין די וואַלן, גייט ער אַף צוריק. ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין פריערדיקער ליניע צעשטערן דעם אידישן געטאָ און רוקט ארויס א נייעם לאָזונג — *באַהערשן ראָס געטאָ פון אינעווייניק*, אַריינדרינגען אין די אידישע קעהילעס און אַלע אירע אַנשטאַלטן (זע דעם ארטיקל פון סאנאגאָ); אַנשטאָט דער פארניכטונג פון געטאָ, קומט דער לאָזונג פון מאָדערניזירן דעם געטאָ. דער „בונד" שפּאַנט זיך איין אין אידישן נאַציאָנאַלן וואָגן.

דאָסזעלבע פּאַסירט אויך ארום געזעץ פון 1906 וועגן דער רו פאַר האַנדלס-אָנגעשטעלטע און האַנטווערקער-אַרבעטער. אין דער בונדישער קאַמ-

פּאַניע אַרום אַט דעם געזעץ רעדט מען שוין ניט וועגן אויסנוצן די קאַמפּאַניע צוליב אַגיטאַציע. דער צירקוליאַר פון צ. ק. פון „בונד" רופט צו פּאָזיטיווע אַרבעט—דאָס אַנטשפּרעכט דער אַלגעמיינער מענשעוויסטישער ליניע. עס ווערן אָבער אויך אָפּגערוקט אָפּן הינטערשטן פּלאַן די אַלע אַלגעמיינע פראַגן פון סאָציאַלער געזעצגעבונג. די גאַנצע פראַגע ווערט פאַרשאַרפט אויף שאַבעס-און זונטיק-רו. אַ ל ע אידישע פּאַרטייען און גרופּן באַנעמען דעם געזעץ ווי אַ „אידישע גזירה", וואָס גראָבט אונטער דעם קיום פון דער גאַנצער ווירטשאַפט. עס שאַפט זיך אַ נאַציאָנאַלער פראָנט.

די ערשטע רעוואָלוציע איז געווען פאַרשפּילט, ווייל זי האָט ניט געקענט אַרויסשטעלן אַנטקעגן דער זעלבסטהערשונג קיין איינהייטלעכן פראָנט פון אַרבעטער און פּויערים. די פּויערשע רעזערוון זיינען ניט געקומען צו דערצייט—דער צאַריזם האָט זיך געוויסערמאָסן „סטאַבּיליזירט". דער אַנטשיידענער שלאַכט איז געווען אָפּגעלייגט אויף גאַנצע 12 יאָר. דער פּעריאָד פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשוואונג האָט געדויערט צו ווייניק צייט, אַז ער זאָל קאָנען אונטערגראָבן די עקזיסטענץ פון די באַזונדערע אידישע רעוואָלוציאָנערע גרופּירונגען. זיי זיינען געבליבן און רעסטאַווירט זייער גאַנצע נאַציאָנאַליסטיש-מענשעוויסטישע אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט זיי געשטויסן אויפן וועג פון פשאָרעס מיט דער בורזשואַזיע בכלל, מיט דער אידישער בפרט. די צייט פון דער רעאַקציע האָבן זיי ניט אויסגענוצט ווי די באָלשעוויקעס—צו שטאַרקן די רעוואָלוציאָנערע פּאָזיציעס, און דערפאַר זיינען זיי שפּעטער, באַם אויסברוך פון דער מלחמה און רעוואָלוציע, אַריבער אין לאַגער פון דער בורזשואַזיע, באַקעמפנדיק צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס די רעוואָלוציע פון פּראָלעטאַריאַט.

מ. ר.

XXVII. די פאַרשטאַרקונג פון דער רעאַקציע

192. דער אָנגרייף פון קאַפּיטאַל.

(ד. ז. (זאַסלאַווסקי): „לאָקאַאוטן“, „נאַשאַ טריבונאַ“, נומ. 5 פון 10 יאַנוואַר 1907)

...„די ידיעות, וואָס קומען אָן פון אַלע עקן פונם אידישן „תּחום“, דערציילן אַלע מאָל איין זאַך: דער קאַפּיטאַל אָרגאַניזירט זיך. די גרויסע און די קליינע קאַפּיטאַליסטן פאַראייניקן זיך אין גרויס אייניקייט אין באַלעבאַטישע פאַראיינען, ניט באַגעגענענדיק קיין שום שטערונג מיצד דער פּאָליציי, און אומעטום, וואו דאָס קומט פאָר, הויבן אָן צירקולירן זייער ניט קיין פריילעכע קלאַנגען וועגן אַ לאָקאַאוט.

פון מינסק שרייבט מען: „עס האָבן זיך אָרגאַניזירט די שניידער־באַלעבאַטים, און עס גייען אַרום קלאַנגען וועגן אַ לאָקאַאוט. אַלע טאָג קומען פאָר בײַ די באַלעבאַטים פאַרזאַמלונגען, און די שטימונג איז בײַ זיי אַ קריגערישע. עס האָבן זיך באַוויזן „שוואַרצע ליסטן“, און דעם אַרבעטער, וועלכן מע האָט אָפּגעזאָגט פון איין וואַרשטאַט, נעמט מען שוין ערגעץ אין מינסק ניט צו“.

„אין בערדיטשעוו באַמערקט זיך די לעצטע צייט אַן אויפגעהויבענע שטימונג צווישן די באַלעבאַטים און אַ גרייטקייט צו לאָקאַאוט. צוויי לאָקאַאוטן אויף דער פּאַפּיראָסן־און טאַבאַק־פאַבריקן זײַנען שוין דערקלערט“.

אינם מעשעך פון איין כוידעש דעקאַבר האָבן די קאָרעספּאָנדענטן פון „פאָלקס־צייטונג“ מודיע געווען וועגן לאָקאַאוטן פון די פאָלגנדיקע ערטער: מינסק, בערדיטשעוו, מאָזיר, סמאָרגאָן, וואַרשע, קרעמענטשוג, וויטעבסק, אדעס און פון אַ גאַנצער ריי קליינע שטעט און שטעטלעך פון מאָהילעווער, מינסקער, גראָדנער, קיעווער, וויטעבסקער און אַנדערע גובערניעס. אין אייניקע שטעט רעדט מען שוין וועגן אַן „אַלגעמיינעם שטרייק“ פון די באַלעבאַטים.

צווישן דער גאַנצער מאַסע פון דיזאָזיקע לאָקאַאוטן צייכנט זיך אויס, מיט זיין גרויס קאַמפּס־פאַרביטערטקייט און אָרגאַניזירטקייט פון די קעמפנדיקע צדדים, דער לאָקאַאוט, וואָס עס האָבן דערקלערט די אייגנטימער פון די בערשטער־פאַבריקן אינם פוילישן ראַיאָן. אין דעמדאָזיקן פּראָדוקציע־געביט עקזיסטירן שוין לאַנג אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע עס האָבן זיך איצט ווידער פאַראייניקט אין אַן אַלגעמיינעם צענטראַל־פאַרבאַנד, וואָס שליסט זיך אָן

אן דעם „בונד". קעגן אָט דעם פֿאַרבאַנד האָבן אָנגעהויבן צו פֿירן אַן ענערגישן קאַמף די באַלעבאַטים, וועלכע עס האָבן זיך פֿאַראייניקט און האָבן אָרגאַניזירט אַ סינדיקאַט. אין אייניקע ערטער זיינען די באַציאונגען צווישן די אַרבעטער און די באַלעבאַטים געווען אָנגעשטרענגט ביזן לעצטן גראַד. די באַלעבאַטים האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט, קעדיי צו דערקלערן אַ קאַמף די אַרבעטער. נאָכן צוזאַמענפֿאָר פֿון די בערשטער־פֿאַבריקאַנטן, האָבן אַלע באַלעבאַטים גלייכצייטיק געמעלדעט, אַז זיי שטעלן אָפּ די אַרבעט אינם גאַנצן ראַיאָן. די פֿאָדערונגען, וואָס די באַלעבאַטים האָבן אַרויסגעשטעלט, זיינען באַשטאַנען: אינם ניט אַנערקענען די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען פֿון די אַרבעטער און אינם אומקערן זיך צו דער פֿריערדיקער לוין־סיסטעם (פֿון פֿוד)

אויף זייער צוזאַמענפֿאָר האָבן זיך די באַלעבאַטים פֿאַרפֿליכטעט ניט צוצונעמען אויף אַרבעט די אַרבעטער־אָנפֿירער און די אַקטיווע טוער פֿונם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין. אין דעמועלביקן טאָג, ווען עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַרבעט, האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן אַרויסצושיקן אַלע ניט־היגע אַרבעטער.

דער לאָקאַאוט פֿון די בערשטער־פֿאַבריקאַנטן אין פּוילישן ראַיאָן האָט זיך גלייך אָפּגעשפּיגלט אויפֿן ליטווישן ראַיאָן. אין וויטעבסק, ווי עס טיילט מיט די „פֿאָלקס־צייטונג", איז אין די לעצטע טעג פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון די בערשטער־פֿאַבריקאַנטן פֿון ליטע, וועלכע עס איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פֿון איינעם כאַים כורין. די קאָנפֿערענץ האָט אָנגענומען פֿאָלגנדיקע באַשטימונגען: „1. שטיצן איינע די אַנדערע בעאַיים די קאָנפֿליקטן מיט די אַרבעטער, 2. ניט נעמען איינע בא די אַנדערע קיין אַרבעטער, אַכוץ אין יענע פֿאַלן, ווען די אַרבעטער ברענגען מיט זיך אַ בריוו פֿון זייער פֿריערדיקן פֿאַבריקאַנט, 3. אָפּזאָגן די פּוילישע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אויפֿן פֿאַבריק, ווייל אין פּוילן קומט פֿאָר אַ לאָקאַאוט, 4. פֿאַראייניקן זיך צום לאָקאַאוט אין פּוילן".

...די לאָקאַאוטן האָבן זיך שוין אין אייניקע ערטער אָנגעהויבן. כאַים כורין האָט שוין זיין פֿאַבריק אָפּגעשטעלט. די צאָל פֿון די אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון די פֿאַבריקן, דערגרייכט שוין 2000. צווישן די פֿאָדערונגען, וואָס די פֿאַבריקאַנטן האָבן אַרויסגעשטעלט, איז פֿאַראַן אויך אַ פֿאָדערונג „ניט צו פֿירן קיין אונטערהאַנדלונגען מיט דער ביוראָ פֿונם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין".

אין אייניקע ערטער שטעלן די פֿאַבריקאַנטן גאָר קיין שום פֿאָדערונגען ניט אַרויס. אַזוי, לעמאָשל, האָט אין נעוועל (וויטעבסקער גובערניע) אַ פֿאַבריקאַנט אויס „סימפּאַטיע" צו די פּוילישע פֿאַבריקאַנטן אָפּגעשטעלט זיין פֿאַבריק אויף דריי וואָכן, ניט אַרויסשטעלנדיק קיין שום פֿאָדערונגען.

אָט אַזאַ מין לאָקאַאוט, וואָס כאַפּט אַרום די גאַנצע פּראָדוקציע און גייט איבער פֿון איין געגנט אין דער צווייטער, הויבט זיך אָן אויך אין דער לעדער־אינדוסטריע. אויך דאָ זיינען די איניציאַטאָרן געווען די פֿאַבריקאַנטן פֿונם פּוילישן ראַיאָן. דעם לאָקאַאוט האָט מען פֿריער דערקלערט אין סובאַלקער גובערניע און די אַדמיניסטראַציע האָט ליבנסווירדיק פֿאַרגעלייגט די באַלעבאַטים

סאָלדאטן אף צו פארבייטן די ארבעטער אין די פאבריקן. אינגיכן אָבער לייענען מיר שוין אין א קאָרעספּאָנדענץ פון סמאָרגאָן: „דער לאָקאאוט אין סואוואלקער גובערניע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אף דער שטימונג פון די אָרטיקע לעדער-פאבריקאנטן, וועלכע הויבן זיך אָן צו אָרגאניזירן און דראָען די ארבעטער מיט א צייטווייליקער אָפּשטעלונג פון די פאבריקן. דער פאריין פון די לעדער-פאבריקאנטן שטרעבט צו פאראייניקן אלע באלעבאטים און גרייט זיך ענערגיש צום קאמף".

אינטערעסאנט זיינען די צירקולארן, וועלכע עס שיקט פאנאנדער דער אָנפירער פונם דאָזיקן פאריין, דער דווינסקער פאבריקאנט גריליכעס, צו די באלעבאטים, וואָס זיינען נאָך ניט אריין אינם פאריין: אין די דאָזיקע בריוו לייגט זיי דער הער גריליכעס אין א קאטעגאָרישן טאָן פאָר געבן אים דערקלערונגען, פארוואס זיי טרעטן ניט אריין אין פאריין.

די לאָקאאוטן, ווי אלעמאָל, רופן ארויס פארשטארקטע פאָליציייאישע רעפרעסיעס קעגן די ארבעטער. די ליבעראלע אידישע בורזשואזיע, די מיטגלידער פון „דערגרייכערישע" און ציאָניסטישע קאָמיטעטן, ווענדן זיך צו פאָליציי יעדן מאָל, ווען זיי קלייבן זיך אָפּצורעכענען זיך מיט זייערע ארבעטער.

די צענטראל-ביורא פונם פראָפעסיאָנעלן בערשטער-פאריין ווייזט דירעקט אָן אין אירן אָן אויפרוף, אז די פאבריקאנטן גיבן איבער דער פאָליציי די פירער פונם פאריין. אין קרעמענטשוג האָבן די באלעבאטים בעאייס דעם שטרייק אין די קאָנדיטעריי-פאבריקן ארויסגעגעבן די ארבעטער דער פאָליציי. אין מינסק האָבן זיך די שניידער-באלעבאטים געווענדעט נאָך הילף צום גובערנאטאָר. אין אָדעס „קומען אומעטום פאָר לאָקאאוטן פון די פאראייניקטע באלעבאטים בא א שטארקער מיטווירקונג פון דער אדמיניסטראציע". אין ראָמאנאווע (וואָלינער גובערניע) האָט דער פראָפעסיאָנעלער פאריין פון די לעדער-ארבעטער געמוזט אָפּשטעלן זיין טעטיקייט, צוליב די רעפרעסיעס און די פּראָוואָקאטאָרישע געננג פון די באלעבאטים".

באזונדערס צערעמאָניען זיך ניט די באלעבאטים אין ווארשע. דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָלקס-צייטונג" דערציילט: „די רעפרעסיעס, וואָס רואינירן דעם בעקער-פאריין, העלפן מיט דער אָרגאניזירונג פון די באלעבאטים. זייער פאריין מאכט זייער אָפט זיצונגען מיט דער ערלויבעניש פונם פאָליצמייסטער און ווייזט ארויס אלץ מער דרייסטקייט בענוגייע צו די ארבעטער. איין באלעבאָס האָט די לעצטע טעג ארעסטירט אן ארבעטער בלויז דערפאר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט ארבעטן מער פון דער באשטימטער צייט. אין דער לעצטער צייט האָט מען ארעסטירט אלע בעסערע מענטשן, מע האָט קאָנפיסקירט דאָס געלט, מע רעדט וועגן א לאָקאאוט, וואָס האלט זיך אין אָרגאניזירן".

אין דערזעלביקער ווארשע האָט ניט לאנג א באלעבאָס פון א זייגער-מאגאזין ארויסגעגעבן דער פאָליציי צוויי מיטגלידער פון דער ביוראָ פון פריקאזטשיקעס-פאריין. די באלעבאטים פון די זייגער-מאגאזינען גרייטן איצט צו א לאָקאאוט, כדיי צו צעברעכן דעם פריקאזטשיקעס-פאריין. און צוליב דעם זיינען זיי אריין אין פארבינדונגען מיט דער פאָליציי".

דער עמעסער כאַראַקטער פון דידאָזיקע לאָקאַאוטן ווערט נאָך בולעטער ווען מע דערמאָנט זיך, אַז דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווענדעט ניט קעגן די אָדער יענע צו גרויסע פאָדערונגען פון די אַרבעטער, נאָר קעגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. צעברעכן די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, אַריינטראָגן אַ צעשפּאַלטונג אין זייערע רייען, מאָראַליש אָפּשוואַכן זיי — אָט וואָס עס איז דער הויפּט-ציל פון די לאָקאַאוטן, סײַ פון די גרויסע, סײַ פון די קליינע.

... אין מאָזיר איז דער לאָקאַאוט אויף דער שוועבל-פאַבריק „מאָלניאַ" דערקלערט געוואָרן נאָך אַ דריי צוזאַמענשטויסונגען צווישן די אַרבעטער מיט דער אַדמיניסטראַציע, דערביי איז די הויפּט-סיבה פון די צוזאַמענשטויסונגען געווען די אַקשאָנעסדיקע שטרעבונג פון דער אַדמיניסטראַציע ניט צו רעכענען זיך מיט דער ביוראָ פונם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

דאָס אָפּזאָגן זיך צו האָבן באַציאונגען מיט די אַרבעטער דורך זייער פאַריין איז אויך געווען איינע פון די סיבעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם לאָקאַאוט פון די לעדער-פאַבריקאַנטן.

...די עפּידעמיע פון לאָקאַאוטן שטייגט אַלץ מער און מער. אונטערן שוץ פון דער רעאַקציע ווערן די קאַפּיטאַליסטן דרייסטער. אין די קליינע שטעטלעך וואו מע האָט אויסגעקעמפט אַ 12-שאָאיקן אַרבעטס-טאָג, פאַרלאַנגען די באַלעבאַטים אומצוקערן זיך צו די אַמאָליקע צייטן, ווען מע האָט געאַרבעט צו 16—18 שא אין מעטלעס.

אָפטמאָל נוצן די באַלעבאַטים אויס דעם לאָקאַאוט, כּדי צו מאַכן פּאַטעט געשעפט. אַזוי, למשל, האָבן די באַלעבאַטים פון 6—7 וואַרשטאַטן אין אַ קליין שטעטל פון מאָהילעווער גובערניע געפאָדערט פון די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אָרגאַניזירן אַ שטרייק זייערע קאָנקורענטן; ווען די אַרבעטער האָבן זיך פון דעם אָפּגעזאָגט, האָבן די באַלעבאַטים דערקלערט אַ לאָקאַאוט...

* * *

...דער לאָקאַאוט ווילדעוועט אויף דער אידישער גאַס. אין רעכטן ווינטער בלייבן טויזנטער אַרבעטער מיט זייערע פאַמיליעס אָן ברויט און אָן אַ וואוינונג... אויף דער שפּראַך פון דער פּוילישער נאַראָדאָווער דעמאָקראַטיע איז דער אַרבעטער-הונגער אין לאַנד אַ מיטל צו ראַטעווען די פּוילישע נאַציאָנאַלע אינדוסטריע. אויף דער שפּראַך פון די ציאָניסטישע שרייבער איז דער אַרבעטער הונגער אינם אידישן „סכום" אַ מיטל צו ראַטעווען די אידישע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט.

די פּוילישע נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן און די אידישע ציאָניסטן דערלאַנגען איינע די אַנדערע די הענט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרטיידיקן די „נאַציאָנאַלע" אינטערעסן פונם קאַפּיטאַל...

193. דער ווייסער טעראָר אין וואַרשע.

(א בריוו פון וואַרשע, „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 134 פון 11 אויגוסט 1906).

די בלוטיקע געשעענישן פון די לעצטע טעג האָבן קימאַט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט אונזער אָרגאַניזאַציאָנס-מעכאַניזם. ס'איז אומעגלעך צו מאַכן פאַרזאַמלונגען, אַפילע זיך צוזאַמענקומען אַף איינריכטונגען. 7-8 אַזייגער איז שוין געפערלעך צו גיין אַף די גאַסן, באַזונדערס אין די אידישע קוואַרטאַלן. דאָרט ווייזן אַרויס זייערע ווילדע אינסטינקטן און איינפאַך אַן אומענטשלעכע בלוטדורשטיקייט די צאַרישע דינער, מער פון אַלעמען זיינען זיך נויקעם אין דער פרידלעכער אידישער באַפעלקערונג די סאָלדאַטן פון דעם באַוואוסטן וואָלינסקען פאָלק. די לעצטע האָבן באַ אונז אַזאַ שעם ווי די סעמיאָנאָווצעס *). ס'גייט ניט אַוועק דער טאָג, ס'זאָלן ניט געהאַרגעט ווערן עטלעכע מענטשן, מ'שיסט אין מענטשן, וואָס גייען אַרויס אַפן באַלקאָן, מע שיסט אין דורכגייער, גלאַט אַזוי, אָן קיין אורזאַכן. די באַפעלקערונג איז שטאַרק טעראָריזירט, מאַסן מענטשן האַלטן זיך אַף די נאָענטע זומער-וואוינונגען. יעדן אָנגעקומענעם צוג באַשיט מען פון אַלע זייטן מיט פראַגעס: וואָס הערט זיך אין וואַרשע? צי איז שוין רואיק? צי איז ניט געפערלעך צו קומען אין שטאָט?

א גאַנצן טאָג גייען אַרום איבערן שטאָט שטאַרקע פאַטרולן פון אַלערליי מינים מיליטער, מע שטעלט אָפּ, מע רעווידירט, און זייער זעלטן דרייט מען זיך אויס אָן סאָלדאַטסקע פריקלאַדן. אַרום 7½ אין אָוונט איז שוין אַלעס צו: פאַרמאַכט די טויערן, די קראָמען, די קאַפע-הייזער, ניטאָ קיין לעבעדיקער נעפעש אַפן גאַס, אַלץ איז ווי אָפּגעשטאָרבן, ס'גייען נאָר אַרום פאַטרולן און טוען זייער בלוטיקע אַרבעט. אַף די קריסטלעכע גאַסן איז ניט צו באַמערקן אַזאַ פאַניק. דאָרטן קומען ניט פאָר אַזוינע מערדערייען. דאָרט האַלט מען זיך מיט דערען ערעך. דער גאַנצער צאָרן קימאַט, דער גאַנצער מיליטער-פאָגראָם האָט זיך אויסגעגאָסן אַף די אידישע גאַסן: פאַוויא, גענשע, דזיקע, סמאָטשע און אַנדערע. וואָס עפּעס אַ טומל, שליסט מען דאָרט באַלד די קראָמען און מע צעלויפט זיך. דער שרעקלעכער מיליטער-רעזשים האַלט שוין דאָרט 6 טעג, און מע זעט גאָר ניט קיין ענדע. שאַבעס איז אַף די אַרבעטער-בירזשעס קימאַט ניט געוועזן קיין מענטשן. קלייניקע גרופּקעס אַרבעטער זיינען אַרומגעגאַנגען, איינער האָט באַגריסט דעם צווייטן, דערציילט ניסים, ווי ער איז ניצל געוואָרן פון אַ שטיק אָדער פון אַ קויל. באַ יעדן טריט קוקט מען זיך מיט שרעק אַרום, צי גייט ניט קיין פאַטרול. די שטימונג באַ די מאַסן איז גאָר ניט קיין געהויבענע. די אָנפאַלן אַף פאָליציי מיטוואָך [72] אין דער פרי, וואָס זיינען אויסגעפירט געוואָרן מיט אַ זעלטענער העלדישקייט און געשיקטקייט, האָבן באַ דער מאַסע אַרויסגערופן אַ שטאַרקע צופרידנהייט, נאָר ווי באַלד מע האָט זיך דערוואוסט פון די צענדליקער אומשולדיקע קאָרבאָנעס, איז גלייך פאָרגעקומען א רעאַקציע אין דער שטימונג. פון אַלע זייטן איז נאָר צו הערן: ס'איז ניט צו פאַרצייען וואָס מ'האָט געהאַרגעט סאָלדאַטן, זיי האָט מען ניט געטאָרט טשעפּען. ווען איך האָב א פרעג געטאָן אַ פאָר אַרבעטער: טאָ ווי

*) דער גוואַרדייאישער פאָלק, וואָס האָט דערשטיקט דעם מאָסקווער אויפשטאַנד.

דען קען מען האַרגענען אַ רעוואָלוער, ווען ער גייט פאָרט אין באַגלייטונג פון סאָלדאַטן? האָב איך באַקומען פאַלגנדען ענטפער: „און ווער הייסט עס דאַפקע האַרגענען רעוואָלווערס?"...

אין „ראַבאָטניק" פון 18-טן אויגוסט איז אָפגעדרוקט אַ מעלדונג פון צ. ק. פון פּ. פּ. ס., אַז די אַלע אָנפאַלן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי, אַלס אַ פּראָטעסט קעגן די ווילדע רעציכעס פון דער רעגירונג. די פּאַרטיי באַדויערט, וואָס ס'איז פאַרגאָסן געוואָרן אומשולדיקעס בלוט פון דער באַפעלקערונג, וואָס זיינען געהאַרגעט געוואָרן קעגן איר ווילן סאָלדאַטן א. א. וו. צווישן די לאָזונגען, מיט וועלכע ס'ענדיקט זיך דאָס אַרטיקל, געפינט זיך פּאָלגנדעס: עס לעבע דער שאַרפער רעוואָלוציאָנערער קאַמף!...

194. די אינקוויזיציע אין די צאַרישע טורמעס.

(א בריוו פון וואַרשע. „ליסטקי כליעב אי וואָליא"*), נומ. 5 פון 28 דעקאַבר 1906).

...דעם 31-טן דעקאַבר באַטאָג האָט אַ פּאַטרול אונטער דער אָנפירונג פון אַ זשאַנדאַרמען-אָפיצער אַרעסטירט אַפן גאַס צוויי כאַווערים, וועלכע האָבן געהאַט בא זיך אַ באָמבע: קאַראָל סקרוזשן און איגנאַץ קאַרנוויס. ווען מע האָט זיי געבראַכט אין פּאָליציי-צירקל, האָט דער אָפיצער באַפוילן, מע זאָל זיי שלאָגן, קעדיי זיי זאָלן זאָגן, וואו זיי האָבן גענומען די באָמבע. ווען איך האָב זיי אַף מאָרגן דערזען אין קאַנצעלאַריע, האָב איך זיי ניט דערקענט. זיי זיינען געווען שרעקלעך צעמאַזיקט, די פּענימער צעריסן, און בא קאַראָל סקרוזשן איז איין אויג איבגאַנצן געווען אַרויסגעשלאָגן.

אין דערזעלביקער נאַכט האָט דערזעלביקער אָפיצער געמאַכט אַ זוכונג אין דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר פון אונזער גרופּע. דאָרטן האָבן אין יענער נאַכט גענעכטיקט סאָלאָמאָן ראָזענצווייג, אַבראַם ראָטקאָפּף (פון לאָדז), יאַנקל פּעפּער און דער זון פון דער קוואַרטיר-באַלעבאָסטע, לייב קריסטאָל. דאָרטן האָט מען געפונען אַ בריוו מיט אונזער שטעמפּל און אַ ביסל שריפט. יאַנקל פּעפּער, וועלכער איז געווען דער באַלעבאָס פון אַן אַנדער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, האָט זיך אַף אזוי פיל פּאַרלאָרן, אַז ער האָט געגעבן איר אַדרעס און דאָרט האָט מען געפונען 21 באָמבעס, 2 מינעס און דינאַמיט. אַף אַט דער צווייטער קוואַרטיר האָבן אין יענער נאַכט אויך גענעכטיקט עטלעכע כאַווערים. מע האָט זיי אָבער באַצייטנס אָנגעזאָגט, און זיי האָבן באַוויזן צו באַהאַלטן זיך. אַף דער קוואַרטיר פון איינעם פון די אַרעסטירטע האָט מען צוגענומען יאַקאָוו גאָלשטיין, לייב פּורצייגן און אַ כאַווערטע. געפונען האָט מען נאָר צוויי רעוואָלווערן.

מיר האָבן זיך אַלע באַגעגנט אין יענער נאַכט אין 3-טן צירקל. אַפן צווייטן טאָג זיינען געקומען אַפן „דזשפּראַס" שפּיאָנען מיט זייער נאַטשאַלניק גרין *). פּאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון אונז האָט גאָרניט געענטפערט. דעמאָלט האָבן זיי אָנגעהויבן צו שלאָגן פּעפּערן, דערנאָך האָבן זיי אים אוועקגעזעצט אין אַ

*) אנארכיסטישע צייטשריפט.

באזונדער צימער. אין צירקל האָבן מיר ניט געקענט ריידן צווישן זיך; אונז האָבן געהיט באוואפנטע סאָלדאטן און מע האָט זיי באפוילן, אז אויב מיר וועלן אָנהויבן צו ריידן צווישן זיך, זאָלן זיי זיך נעמען פאר די שטיקעס. איינער פון די כאווירים האָט געוואָלט אָנהויבן ריידן, האָט ער באקומען עטלעכע קלעפּ מיטן פריקלאד. מיר איז אויסגעקומען אין דער זעלביקער נאכט צו זעען פּעפערן, וועלכער איז געווען אזוי צעמאזיקט, אז מע האָט אים ניט געקאָנט דערקענען. נאָכדעם, ווי מע האָט מיך ארומגעזוכט, האָט מען ווייטער אָנגעהויבן מיר אויסצופרעגן — איך האָב ווידער ניט געענטפערט און מע האָט מיך געלאָזט צורו.

דעם 1-טן יאַנואר 1906 ארום האלבע נאַכט האָט מען אונז אריבערגעפירט אין א פארמאַכטן וואָגן אין פּאָליצײ-הויז. באַגלייט האָט אונז א דרייענדיקער קאָנוואי: איינער אינעווייניק און צוויי פון דרויסן, איינער צו פוס און דער צווייטער רייטנדיק. דער פּריסטאַוו האָט זיך געווענדעט צו די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געזעסן אינעווייניק, ווייזנדיק אָף אונז: „איך גיב זיי איבער אָף אייער פאראנטוואָרטלעכקייט; זיי טאָרן ניט ריידן צווישן זיך; אז ניט, קענט איר אָנווענדן די שטיקעס“.

ווען מע האָט אונז אריינגעפירט אין קאַנצעלאריע, האָב איך דערזעען נאָך א כאַווער, איסאַק שאפּיראָן, וועלכער איז געווען ארומגערינגלט מיט סאָלדאטן. דערנאָך האָט מען אונז פאַנאַנדערגעזעצט איבער איינצלנע קאַמערן און מע האָט צו יעדערן צוגעשטעלט א גאראדאווא. דאָ האָט מען אונז ווייטער אָנגעהויבן שלאָגן. מיך האָט מען אװעקגעזעצט נעבן דעם אָרט, וואו מע האָט אַלעמען געשלאָגן, און איך האָב געקענט הערן די קרעכצן פון יעדער כאווער. אָט דאָס אַלץ האָט מיך געבראכט אין אזא צושטאַנד, אַז איך בין שיר ניט מעשוגע געווארן. באַלד איז געקומען מיין צייט. פאַרשטייט זיך, אז מיר האָט מען אויך שטאַרק געשלאָגן. עטלעכע שאָ האָט מען אונז אזוי געפּייניקט.

אָף מאָרגן איז געקומען דער אָפיצער, וועלכער האָט אונז אַלעמען ארעסטירט און עס האָבן זיך ווייטער אָנגעהויבן די „דאָפּראָסן“... אזוי האָט דאָס געדויערט פינף מעסלעס. באַנאַכט האָט מען אונז געשלאָגן, און באַטאָג האָט מען אונז אויסגעפרעגט. עס איז געווען שרעקלעך. פּעפּערן, לעמאָשל, האָט מען אזוי צעשלאָגן, אַז ער איז אינגאנצן געווען געשוואָלן. און אָף אווראָם ראָטקאָפּן האָב איך פון שרעק ניט געקאָנט קוקן. בײַ איינעם זיינען געווען ארויסגעשלאָגן די אויגן. איך האָב קיין ווערטער ניט אָף צו באַשרייבן דעם גאַנצן שרעק. מע האָט אונז געבראַכט אין א צושטאַנד פון באוואוסטלאָזיקייט. מיר זיינען געווען ווי מעשוגאָאים, איך האָב ניט געוואוסט, וואס מיט מיר טוט זיך. אינם מעשעך פון אלע אויספרעגונגען האָב איך ניט געגעסן און ניט געשלאָפן. מיט די איבעריקע, מיסטאָמע, איז אויך אַזוי געווען. די לעצטע נאָכט פון דער אויספרעגונג האָב איך זיך געלייגט אָף דער פּאָדלאָגע און קוים האָב איך אָנגעהויבן דרעמלען, האָט מען מיך אויפגעוועקט און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער פארהער. אזוי האָט זיך איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל. פון די קלעפּ איבערן פּאָנים האָבן מיר שרעקלעך וויי געטאָן די באַקן,

און איך האָב אַ לאַנגע צייט ניט געקענט עסן. נאָכן פֿאַרהער האָט מען אונז אויסגעזעצט אין שמוציקע איינצלנע קאַמערן און מע האָט צו אונז ניט צוגעלאָזט ניט קיין וועש, ניט קיין עסן. אין קאָרידאָר האָבן געהיט אונזערע טריט 8 גאַראַדאָוואָיעס.

נאָך אַ פֿאַרהער האָט מען אונז געזאָגט, אַז מע וועט אונז איבערגעבן צום פֿעלד-געריכט, דאָס הייסט, אַז מע וועט אונז צעשיסן. אין עטלעכע טעג אַרום זיינען אַרעסטירט געוואָרן די כאַווייריִם פֿישל גרוימאַן, קובא אײַגלסאָן, וועלכער איז געווען פֿאַרוואונדעט בעת אַן עקספּראָפּריאַציע מיט אייגענע ראַשינערן, וועלכער איז דערהאַרגעט געוואָרן אויפֿן אָרט. גרוימאַנען האָט מען אַזוי געפּייניקט, אַז ער איז משוגע געוואָרן; מע האָט אים געוואָלט מיט אַ צוואַנג אַרויסרייסן די צינגער. דערנאָך זיינען אַרעסטירט געוואָרן מאַשעק פֿוגאַטש און סימכע מענזשעלעווסקי (פּיניע). אַזוי ווי מענזשעלעווסקי איז אַן אַנאַרכיסט, האָט מען שוין בײַ דער געלעגנהייט אַרעסטירט אויך זיין ברודער. און מע האָט אים געהאַלטן אין טורמע 4 כאַדאָשים. סימכע האָט גאָרניט ניט געוואָלט זאָגן. מע האָט אים שרעקלעך צעשלאָגן. זעקס מאָל האָט מען אים געלייגט אויפֿן טיש און דער גאַראַדאָוואָי, וואָס האָט געהאָלפֿן שלאָגן, האָט אָן אים צעבראָכן זיין שווערד. ער איז געפֿאַלן אין כאַלאַשעס, האָט מען אים געגעבן וואַסער, אָפּגעמינטערט און ווידער גענומען שלאָגן. פֿוגאַטשן האָט מען אַזוי געשלאָגן, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט רירן פֿון אָרט.

בײַ איינגאָך קאָרנבוימען האָט מען געפֿונען אויפֿן קוואַרטיר אַ פֿאַרדעכטיקן צעטעלע און מע האָט אַרעסטירט זיין מוטער, אַ 60-יאָריקע זקיינע. מע האָט זי אויך געשלאָגן, כדי זי זאָל אויסזאָגן, וואָס זי ווייסט, נאָר זי האָט גאָרניט ניט געוואוסט. זי איז געזעסן אין טורמע עטלעכע כאַדאָשים.

צו איין כאַווער איז מען געקומען מאַכן אַ זוכונג און מע האָט אַרעסטירט זיין אַלטן טאַטן, וואָס האָט אַ גרויסע פֿאַמיליע. מע האָט אים אָפּגעהאַלטן אין טורמע 4 כאַדאָשים, און די פֿאַמיליע האָט געהונגערט. מע האָט אויך צוגענומען אַ 15-יאָריקן ברודער און ער איז געזעסן צוזאַמען מיטן פֿאָטער. עס זיינען אויך אַריינגעפֿאַלן נאָך אומשולדיקע: אַ דוואָרניק, אַ שוסטער מיט זיין פֿרוי, זיי האָט מען אויך אָפּגעהאַלטן צו 4 כאַדאָשים.

דעם 15-טן יאַנוואַר האָט מען אַריבערגעפֿירט אין פֿעסטונג 9 כאַווייריִם און דעם 16-טן יאַנוואַר זיינען צעשאָסן געוואָרן לויט סקאַלאָנס באַפֿעל סאַלאָמאָן ראָזנצווייג, גאָלשטיין, כאַיִם ריווקינע (ער איז געווען פֿריער אַרעסטירט און האָט זיך אַנערקענט פֿאַר אַן אַנאַרכיסט), לייב פֿורצייג, לייב קרישטאַל—ניט קיין אַנאַרכיסט, אַן אומשולדיקער, נאָר דערפֿאַר וואָס זיין מוטער האָט געגעבן אַ קוואַרטיר, פֿעפֿער (זומערדיקער), שליאָמע שייער, ער האָט אויך געהייסן נאַראַדאָוואָלעץ. קאַראַל סקוריזשאַ, איגנאַץ קאָרנבלום און איסאַק שאַפּיראַ. די איבעריקע האָט מען דערווייל געלאָזן, רעכענענדיק, אַז ס'וועט זיך איינגעבן אַרעסטירן די גאַנצע גרופּע, נאָר מער האָט מען שוין קיינעם ניט אַרעסטירט.

דעם 26-טן יאַנוואַר זיינען דערשאָסן געוואָרן, ווידער אָן אַ וועלכן ניט

איז געריכט: מאָשעק פוגאַטש, סימכע מענדזשעלעווסקי (ער האָט אויך געהייסן פינע), גרוימאַן, קובאַ איגלסאָן און איזראַיל בלומענפעלד (ער האָט אויך געהייסן לאָדזשער).

אַלץ, וואָס איך האָב געוואוסט, האָב איך דאָ דערציילט. דאָס שרעקלעכע בילד וועט בא מיר אייביק בלייבן אין האַרצן. ווער עס האָט אַזויפיל איבערגעלעבט, וועט דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און ווער עס האָט מיט זיינע אויגן ניט געזען, יענעם איז שווער איבערצוגעבן דעם גאַנצן שרעק.

195. דער מיליטער-פאָגראָם אין סעדלעץ*).

(פון די מאַטעריאַלן, געזאַמלטע דורך אַ יוריסט. „פאָלקסצייטונג“ נומ. 157, פון 6 סעפּטעמבער 1906).

דער פאָגראָם אין סעדלעץ איז דער איינציקער אין זיין אַרט. די האַריגעס, פאַרגעוואַלטיקונגען און רעציכעס פון דעמדאָזיקן פאָגראָם האָבן איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס איז ביז אַהער באַקאַנט געווען אין דער בלוטיקער פאָגראָם-געשיכטע. דער פאָגראָם איז געווען דורכויס אַ מיליטערישער. קיין אַנדערע עלעמענטן האָבן אין אים קיין אַנטייל ניט גענומען.

די געשיכטע פון דעם פאָגראָם איז אַזוי. זייט מע האָט איינגעפירט דעם קריגס-צושטאַנד, זיינען אין סעדלעץ פאָרגעקומען אייניקע אַטענטאַטן אַף די באַאַמטע פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע. דעם לעצטן מאָל האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע מיט אַ וואָכן דריי צוריק אין דעם פּאָליצמייסטער גאָלצעוו, וועלכער איז אין אַ האַלב שעה אַרום געשטאָרבן. די מיליטערישע מאַכט און אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט צוגעשריבן דידאָזיקע אַלע טעראָריסטישע אַקטן דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין סעדלעץ. אין דערעמעסן האָט אין סעדלעץ, ווי עס פאַרזיכערן די אָרטיקע מענטשן, קיין בונדישע אָרגאַניזאַציע ניט עקזיסטירט פאַר דעם לעצטן האַלב יאָר. אַלע מיטגלידער פון דער געוועזענער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“ האָט מען אָדער פאַרשיקט, אָדער פאַרשפאַרט אין געפענגניס, אָדער זיי זיינען געצוואונגען געווען צו אַנטלויפן. זייט מע האָט געהאַרגעט דעם פּאָליצמייסטער, איז דאָס לעבן אין שטאָט אומערטרעגלעך געוואָרן. לויט דעם באַפעל פון דער מיליטער-נאַטשאַלסטווע פלעגט די שטאָט אָפּשטאַרבן פון 8 אַזייגער אין אָוונט. די באַפעלקערונג, וועלכע באַשטייט פון 16 טויזנט אידן, 4 טויזנט פּאָליאַקן און 600 רוסן (אינגאַנצן געפינען זיך אין שטאָט צוזאַמען מיטן כאַיל ביז 25 טויזנט איינוואוינער), האָט געלעבט אין שרעק און איימע. מיט אַ וואָך פאַרן פאָגראָם איז צום גובערנאַטאָר געקומען אַ דעפּוטאַציע מיט אַ באַקאַשע, צו דערלייכטערן דעם קריגס-צושטאַנד, אָפּשוואַכן זיין שטרענגקייט, צונעמען דעם גרעסטן טייל פון די פּאַטרולן און אַז. וו. דער גובערנאַטאָר האָט אַזוי ווי צוגעזאָגט צו ערפילן דידאָזיקע באַקאָשע, נאָר שאַבעס אין דערפרי האָבן זיך אַף אַלע גאַסן באַוויזן אַסאַך פּאַטרולן פון סאָלדאַטן און דראַגונער. דאָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן

*) דער סעדלעצער מיליטער-פאָגראָם איז פאָרגעקומען דעם 26—27 אויגוסט, 1906.

דער באַפעלקערונג. בייזע קלאַנגען האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן איבערן שטאָט און האָבן געוואָרפן אן אײמע אַף דער אידישער באַפעלקערונג.

ווי איר ווייסט שוין, זאָגט מען אין שטאָט, אז דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן קלוימערשט איבער דעם, וואָס אימיצער האָט געשאָסן פון דריי זייטן אין אַ מיליטערישן פּאַטרול. ווי ווייט אָבער די פאַקטן, וואָס מע האָט ביז איצט צונויפגעקליבן, באַווייזן, איז עס אַזוי פיל ווי געוויס, אַז פון די אײנוואוינער האָט קײנער ניט געשאָסן אין מיליטער. לויט ווי דער נאַטשאַלניק פון דער אָכראַנע זאָגט, האָט מען אַף דער וואַרשעווער גאַס געשאָסן אין מיליטער פון אידישע הײזער. אָבער, אַז מע באַקוקט דעם אָרט, וואו דער פּאַטרול איז געשטאַנען, האָט מען אין אים ניט געקענט שיסן פון די הייזער, און האָט מען נאָר געשאָסן, אַזוי האָבן עס געקאָנט טאָן נאָר פאַרבייגייער אָדער פאַרבייפאָרער אַף וואַרשעווער גאַס. מע זאָגט אויך, אַז אין מיליטער האָט מען געשאָסן פון די דעכער דעם גאַנצן טאָג שאַבעס און זונטיק. אַלע אײנוואוינער זײנען אבער איבערצייגט, אַז פון פּובליקום האָט קײנער די טעג ניט געשאָסן, ווייל, ווי עס איז פעסטגעשטעלט, האָט מען געשאָסן פון דער פּאָסט-קאָנטאָר, פון מיליטערישן שפּיטאָל,—אַזוינע ערטער, הייסט דאָס, וואו קיין זייטיקע מענטשן (אויסער מיליטער און באַאַמטע) האָבן ניט געקענט זיך געפינען. מע ווייס אויך, אַז געשאָסן האָבן סטראַזשניקעס, בעאײס זיי האָבן געפירט די אַרעסטירטע אין טורמע אַריין, און באַלד דערויף איז אָנגעקומען מיליטער און געשאָסן אין די הייזער. עס האָט אויסגעשאָסן דער שוימער (דער סטאָראָזש) פון מענער-גימנאַזיום, נאָכדעם איז אָנגעקומען אַן אָטריאַד סאָלדאַטן און געשאָסן ווידער אין אידישע הייזער. עס האָט אויסגעשאָסן אַ גאַלעך און דער געוועזענער סודעבני פּריסטאַוו. און עס איז ווידער אָנגעקומען אַן אָטריאַד און מעכאַבעד געווען מיט א רעכטער פּאָרציע קוילן די אידישע הייזער. מע קען אַפילע ניט זאָגן, אַז עס האָבן געשאָסן פּראָוואָקאַטאָרן, ווייל זיי שיסער האָבן גאַנץ אָפן, פאַר אלעמען אין די אויגן, געטאָן זײערס, מע האָט אַלזאָ געוואוסט, ווער עס שיסט, פונדעסטוועגן האָט עס קײנעם ניט געשטערט אַרויפצוואוואַרפן די שולד גראָד אַף אידן.

קיין כוליגאַנעס האָט מען אַפילע אין די רויבערייען אין די אידישע קראָמען ניט באַנוצט. פיל אידן האָבן אָפּגעקויפט דאָס לעבן מיט געלט, אַמאָל אָבער האָט דאָס געלט אויך ניט געהאָלפן. אין עטלעכע הייזער איז מען געקומען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד בעטן געלט און מע האָט געמוזט געבן, אום זיך צו ראַטעווען. אַזעלכע געלט האָבן אידן אײנגאַנצן אָפּגעגעבן ביז 150 טויזנט רובל. ווער עס האָט קיין געלט ניט געהאַט, דעם האָט מען אָן טאַינעז דערהאַרגעט מיט דער גרעסטער אַכזאָריעס. ווער עס האָט געפּרואווט ריידן און טאַינען, דעם האָט מען געשלאָגן מאַקעס מאָוועס מיט שטיקעס און מיט פּריקלאַדן פון די ביקסן. די דערהארגעטע האָט מען אָנגעטאָן די גרעסטע איבּואים פאַרן טויט, אַזוי. אז מע קען ניט דערקענען אַפילע ווער זיי זײנען. מע האָט אויך מעאַנעס געווען. פיל פרויען. אײנע אַ פרוי, בּאַ וועלכער מע האָט דערהאַרגעט דעם מאַן, האָט מען מעאַנעס געווען 9 מאָל נאָכאַנאַנד. אז אין

שטאָט איז אָנגעקומען דער לובענער פּאָלק, איז געוואָרן אַביסל רואיקער. דער פּאָלק האָט זיך אויפגעפירט פיל מעיושעוודיקער און, ווי מע זאָגט, האָבן די סאָלדאַטן פון דעם לובענער פּאָלק געפּרואווט זיך צו באַרואיקן די סאָלדאַטן פון דעם ליבויער פּאָלק.

אז מע האָט געוואוסט פון דעם קומענדיקן פּאָגראָם, זעט מען אויך דערפון, וואָס פיל הויז־געזינדן פון אָפיצערן זיינען ערעוו פּאָגראָם אָפּגעפאָרן פון סעדלעץ. דעם פּאָלק־דאָקטאָר אידעלסאָן האָט מען אויך געגעבן אן אַזהאָרע, ער זאָל אַרויספאָרן פון שטאָט. עס איז וויכטיק, וואָס די סעדלעצער אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפיציעל אלע מוידיע געווען, אַז זיי האָבן קיין שום שאַיכעס ניט צו דער האריגע פון פּאָליצמייסטער גאָלצעוו. אין די אָרגאַניזאַציעס גלויבט מען, אַז די באָמבע האָט געוואָרפן א פּראָוואָקאַטאָר, קעדיי אַרויסצורופן א פּאָגראָם. דער מאָרד גאָלצעווס האָט שטארק אויפגעבראַכט די גאַנצע באַפעלקערונג, ווייל דער פּאָליצמייסטער האָט גראָד געהאַט בא דעם אוילאָם אַוטאָריטעט.

די שרעקן, וואָס ס'האָבן איבערגעלעבט די אידן, וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אין די בוידעמס און אין די קעלערס, איז ניט צו באַשרייבן. קינדער, וואָס זיינען שיר ניט געשטאָרבן פון דורשט, האָט מען געפּרואווט געבן טרינקען די האַשטאַנע. איינער א איד האָט געפּרואווט ברענגען וואַסער פאַר זיינע דורשטיקע קליינע קינדער, האָט אים א פּאַטרול געכאַפּט און געהייסן אויסגיסן דאָס וואַסער. דער איד איז ווידער געגאַנגען נאָך וואַסער און ווידער האָט מען דאָס וואַסער אויסגעגאָסן. ער האָט קיין וואַסער זיינע קינדער ניט געבראַכט.

די אַכזאָריעס זיינען געווען איימעדיקע. און עס איז דארום קיין כידעש ניט, אַז די סעדלעצער אידן גייען נאָך איצט אויך צערודערטע, צעדולטע און זיי ציטערן פאַר זייער אייגענעם שאָטן.

196. די אידישע שווארצע־מייעניקעס בא דער ארבעט.

(פּראָקלאַמאַציע פון ראדאמער ארגאניזאציע פון בונד „באיקאטירט די שידלאָוויצער שווארצמייעניקעס“. „פאלקסצייטונג“, נומ. 106 פון 4 יולי 1906).

די זעלבסטהערשנדע רעגירונג, די רויבער־באַנדע האָט אין גאַנץ רוסלאַנד זייער אַסאַך מעשאָרסים, וועלכע טוען איר פארלאנג און גייען מיט איר האנט בא האַנט אום צו דערשטיקן דעם מוירעדיקן פּלאַן פון דער רעוואָלוציע. זי האָט פּאָליציי, זשאנדארמען, שפּיאָנען, פּראָוואקאטאָרן, „עכט רוסישע לייט“ — שוואַרצע מייעניקעס. אין פוילן האָט זי אָבער אויך אידישע שווארצע מייעניקעס. די רוסישע שוואַרצע־מייעניקעס צוזאַמען מיט די איבעריקע מעשאָרסים פון דער רעגירונג מאכן פּאָגראָמען אף אידן און אינטעליגענץ — די אידישע שווארצע־מייעניקעס אין פוילן מאַכן פּאָגראָמען אף אידישע אַרבעטער און גיבן זיי איבער אין די הענט פון פּאָליציי און זשאנדארמען.

מיט אַזעלכע פּאָגראָמשטשיקעס, מיט אַזעלכע מאסרים און שוואַרצע-מייעניקעס איז באַזונדער רייך דאָס קליין שטעטל שידלאָוועץ אין ראַדאָמער גובערניע. אָט זיינען זייערע נעמען:

1) יעכיעל מענדל וואקסשלאַך (קאנטאר), 2) נאָטקע שטערן (קאלאָניאַל געשעפט), 3) אווראָם יאַנקל ראַנצקע (קנאָפּן פאַבריק), 4) הערש מענדל קאַץ (דראַזער), 5) יוינע קויפמאַן (שניט-סקלאַד), 6) הערשל קויפמאַן (שניט-סקלאַד), 7) לייבוש רויזענבערג (אייזן-האַנדל), 8) מאָישע בלומבוים (זאַלץ און נאַפט האַנדל), 9) מאָישע גאָלדמאַן, 10) זיין זון איסראָעל גאָלדמאַן און 11) לייזער יאַנקעל דימאַנט (פאַדריאַדטשיקעס פון ברויז), 12) געצל מאַרגאַליעס (מעל-האַנדל), 13) יאַשוע העלער (קאָלאָנ. האַנדל), 14) יאַנקל שאָעל דאָווידס (פורמאַן), 15 שמועל קאַץ (מעלער), 16) עליעזער מאַרגוליס (שניט האַנדל), 17) יאַנקל הורוויץ (גאַלאַנטעריי האַנדל), 18) מענדל הורוויץ (וואַלד סויכער), 19) בערל סענדער גאָגאָלמאַן (פורמאַן), 20) כאַים מאַטיסיאַן אַלפּער, 21) מאָניש קופּערמאַן (קלעזמער), 22) יעקל קאַוואַל, 23) פּינכאָס שער, 24) לאָזער בעקער (זיין נאָמען און פאַמיליע איז אונז ניט באַוואוסט, נאָר אין שידלאָוועץ איז ער באַוואוסט אונטער דעמדאָזיקן נאָמען).

מיט 6—7 מאָנאַטן צוריק, אין די „פרייע טעג", נאָך דעם, ווי עס איז פאָרגעקומען אין שטעטל אַ דעמאָנסטראַציע, זיינען אָט די אַלע אויבנדערמאָנטע פּערזאָנען באַפאַלן אַף אַלע אַרבעטער פון שטעטל און זיי געשלאָגן מאַקעס אכזאָריעס; נאָכדעם אָבער, ווען די אַרבעטער האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ תיירערשטאַנד און זיי פּאַריאַגט, האָבן די אידישע שוואַרצע-מייעניקעס אַוועקגעשיקט דריי מעסירעס: צום גענ.-גוב. סקאַלאָן, צום ראַדאָמער גובערנאַטאָר און צום נאַטשאַלניק פון אויעזד. אין איין שיינעם פרימאָרגן זיינען אין שטעטל אַראָפּגעקומען דראַגונער מיט פּאָליציי און האָבן אַרעסטירט 60 אַרבעטער. די דראַגונער מיט די פּאָליציי זיינען געגאַנגען איבערן שטעטל מיט דער באַגלייטונג פון די שוואַרצע-מייעניקעס און די לעצטע האָבן אָנגעוויזן יעדנס אַרבעטערס וואוינונג. די אַרעסטירטע האָט מען שרעקלעך געשלאָגן, דעם גרעסטן טייל פון זיי האָט מען שוין באַפרייט און איצטער זיצן נאָך פון זיי אין ראַדאָמער טורמע עלף מאַן. די לעצטע טעג האָבן די מאסרים ווידער אַרויסגעגעבן צוויי אַרבעטער. מיט איין וואָרט, די שידלאָוויצער אידישע רעגירונגס-גוואַרדיע האָט אָנגעמאַכט אַזאַ כורבן צווישן דער שידלאָוויצער אַרבעטער-באַפעלקערונג, אַז די לעצטע איז איצט אומעגלעך צו פירן ווײַטער ניט איר עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף. ניט קוקנדיק אַף פאַרשיידענע פרידלעכע מיטלען, וועלכע מיר האָבן אָנגעווענדעט, ניט קוקנדיק אַף פילע און פילע אונטערהאַנדלונגען, וואָס מיר האָבן געפירט מיט די מויסרים אין אַ משך פון 6—7 כאָדאָשים, ניט קוקנדיק אַף זייערע פילע האַפטאָכעס זיך סטאַרען צו באַפרייען די אַרעסטירטע און אַף ווייטער זיין גוט און פרום, האָט איצט די-דאָזיקע שוואַרצע מייע אָפן דערוויזן, אַז זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ ציל, די קראָמאָלע אויסצוראָמען פון שטעטל ביזן וואָרצל.

מיר ווענדן זיך דעריבער מיט דער פאָדערונג צו דער גאַנצער געזעל-

שאַפט, צו די, בא וועלכע עס איז נאָך ניט אויסגעלאָשן געוואָרן קיין פונק פון מענטשלעכקייט און אָרנטלעכקייט, וועד עס האָט נאָך אַ ברעקל געפיל פון בירגערלעכקייט, וועד עס וויל נאָך אליין ניט זיין קיין שווארצער מייע־ניק, די אלע אויבן אויסגערעכנטע פערזאָנען צו באָיקאָטירן, פארקויפט און קויפט בא זיי ניט קיין סכוירע, באָרגט זיי ניט קיין געלט און האָט מיט זיי איבערהויפט קיין שום מאגע און מאַסע ניט. אגיטירט פאַר דעמדאָזיקן באָיקאָט צווישן אלע אייערע באקאנטע און זאָל זייערע נידערטרעכטיקע מאיסים אויפוועקן בא יעדערן א געפיל פון טיפער פאראכטונג, זאָלן זייערע נעמען צו־געשלאָגן ווערן צום שאנד־סלופ, שטענדיק דערמאָנט ווערן מיט אַ פלוך, מיט אַ האַס!

ראדאָמער סאָצ. דעמאָקראט. אָרגאניזאציע פון „בונד".

ראדאם, 10 יוך, 1906 יאר.

197. באָיקאָטן און אנטשולדיקונגען, אלס פאָרמען פון עקאנאָ־מישן קאמף *)

א. באָיקאָטן.

(„פאָלקסצייטונג", נומ. 104, 114 און 127 פון 2 און 13 יול און 3 אוגוסט 1906).

1. דאָס ביוראָ פון לאָדזער פראָפ. טעקסטיל־ארבעטער פאַריין פון „בונד" און דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראָפ. טעקסטיל־אַרבעטער פאַריין פון פ. ס. ד. מיט דער צושטימונג פון די ארבעטער האָבן ארויפגעלייגט א באָיקאָט אף דער ארבעט און דער סכוירע פון דער פירמע ב. גליקסמאן עט פריש־מאַן (פראָמענאדע) פאַר זייער אונמענטשלעך באגיין זיך מיט די ארבעטער.

שוין 5 מאָל האָבן די ארבעטער דעם סעזאָן בא אים געשטרייקט און גע־פאָדערט, מע זאָל זיי געבן גענוג צו ארבעטן, יעדעס מאָל גיט ער גלייך נאָך, און ווי נאָר די ארבעטער שטעלן זיך צו דער ארבעט, ערקלערט ער, אז ער דארף ניט קיין סכוירע און ער קען ניט געבן צו ארבעטן מער ווי 1—2 טאָג אין וואָך. און דערביי גיט ער גאנץ אפן אָנצוהערן, ווען מע זאָל ארויס־לאָזן די ערקעמפטע פארבעסערונגען, וועט ער געבן צו ארבעטן פולע וואָכן. דער „שפּיל אין שטרייקן" האָט געבראכט די ארבעטער אין אַזאַ לאַגע, אז זיי האָבן באשלאָסן בעסער ניט צו ארבעטן בא גליקסמאנען ביז ער וועט גאראנ־טירן, אז דאָס שפּיל וועט אויפהערן.

2. דאָס ביוראָ פון ווילנער 1־טן בוי־ארבעטער פאַריין באָיקאָטירט דעם זגאקיען־מאליאר אווראַהאָם הייזעריקער אף דייטשער גאַס, פאַר זיין ריין כולי־גאנישן באגיין זיך מיט די לער־אינגלעך, ניט איבער די מענטשן, וואָס קומען צו אים פירן פארהאנדלונגען, דער פאָליציי און ד. גל. אויך מאכט דאָס ביוראָ

*) דידאָזיקע מאטעריאלן ווערן געבראכט אין צוזאמענהאנג מיטן פאלגנדיקן דאקומענט („די סאָציאליסטן רופן צום קאמף קעגן דער בונדישער דיקטאטור").

אויפמערקזאם די געזועלשאפט, אז דער „העלד" הייזעריקער האָט אן אקטיוון אנטייל גענומען אין דעם יעליזאוועטגראדער פאָגראָם. דאָס ביוראָ ווענדעט זיך צו דער געזעלשאפט שטרענג אונטערהאלטן דעם באָיקאָט, וועלכן ער האָט קאָשער פארדינט.

3. דאָס ביוראָ פון ווילנער ערשטן פראָפעס. פון פערזענלעכע דינסט-אר-בעטער און ארבעטערינען פאַריין פון בונד באָיקאָטירט הערן וויגאָצקי (פּאָגו-ליאנקע, זאַראָכאָוויטשעס דאטשעס), דעם גאבאי פון דער אידישער באָגאדעל-ניע, פאר דער שלעכטער באהאנדלונג מיט דער קעכין, און אז אַ ביוראָ-מיט-גליד איז געקומען אויספאָרשן דעם סיכסעך, האָט הער וויגאָצקי מיט זיי שענדלעכסטע זידלערייען ארויסגעטריבן אים צוזאמען מיט דער קעכין. דעם 17 איז מען פון ביוראָ געקומען אָפּנעמען דעם פאס פון דער קעכין און דאָס געלט, וואָס איר קומט, און געהאלט פאר אַ כוידעש; ה. וויגאָצקי האָט געמאכט געוואלדן, אז מע וויל אים הארגענען, איז געלאָפן צו די סאָלדאטן, וועלכע שטייען דערביי אף דער וואך און צו אַ גאָראָדאָוואָי, מ'זאָל די מענטשן ארעסטירן, נאָר זיי האָט זיך אייַנגעגעבן אוועקצוגיין. מיר מאכן נאָך אויפ-מערקזאם, אז אין „סעווערא-זאפאדני גאָלאָס" און „דאָס לעבן" האָט ה. וויגאָצקי ניט ריכטיק געשריבן, אז מ'האָט באַ אים געפאָדערט פאר 3 כאדאָשים און געפאָדערט האָבן דאָס אנארכיסטן.

ב. אַנטשולדיקונגען.

(„פאלקסצייטונג", נום. 107, 128 און 130 פון 5 יול, 4 און 7 אווגוסט 1906).

עס בעט אנטשולדיקונג:

1) איסראָעל לערמאן (זשיטאָמיר) באַ די צוויי כאַווירים פון קלעפּער-פאַריין, ברידער גארבער, און באַ דעם גאנצן פאַריין. 2) איסראָעל באשוק באַ דעם פראָפ. שניידער פאַריין און דער אָרג. פון בונד אין פינסק פאַר די גראָבע אויסדריקן. 3) בערל זיישער באַ דער וולאָדאווער אָרג. פון בונד און אלע ארבעטער דערפאר, וואָס ער האָט אומבאוואוסטזיניק ערלויבט צו מאכן באַ זיך אין הויז אַ פארזאמלונג פון די שווארצמייעדיקע באלעבאטים צוזאמען מיט פאָליציאנטן, וואָס עס האָט דערנאָך געבראכט צו ארעסטן בא די ארבעטער. ער גיט 100 רוב. אף די ארעסטירטע און פארשפרעכט, אז מער וועט דאָס באַ אים ניט פאָרקומען. 4) צווי מאָרדכאי קאטשאָ א שוסטער בא דער פאָלאָנאָער (וואָלינ. גוב.) אָרגאניזאציע פון בונד דערפאר, וואס ער האָט געוואָלט רופן פאָליציי ארעסטירן אַ זאגאָטאָווטשיק.

* * *

1) ביאליסטאָקער פאבריקאנט א. י. ניטופסקי באַ דעם וועבער יאקאָוו פון דער ליין-פאבריק ל. געגישוער, וואָס דורך א טאָעס האָט ער אים באשול-דיקט, אז ער ארבעט ניט רעעל און נעמט אף זיך אַ קליינעם שטראָף פאַר

דעם ביאַליסטאָק. 1-טן פראָפ. וועבער-פאַריין. 2) מאָטל ווייזוויך באַ דעם לאָדזער פראָפ. שוסטער שטעפּער-פאַריין פון בונד דערפאַר, וואָס ער האָט געשלאָגן אַ מיטאַרבעטער פון וואַרשטאַט. 3) לאָזער ראַלעווסקי (אַרבעטער) באַ דעמזעלבן פאַריין דערפאַר, וואָס ער האָט געבראָכן די באַשטימונג פון ביוראָ. 4) מוישע פרימער באַ דעמזעלבן פאַריין דערפאַר, וואָס ער האָט באַשמוצט דאָס ביוראָ מיט די שענדלעכסטע ווערטער. 5) שלוימע בערנשטיין (לאָדז) באַ אַלע אַרבעטער פון שוסטער-פאַך און באַ זיין אַרבעטער דערפאַר, וואָס ער האָט אים געשלאָגן. 6) לייזער דער שמוקלער באַ דער ביוראָ פון וואַרשעווער שמוקלער-פאַריין פון בונד, דערפאַר וואָס ער האָט אויסגעטראַכט פאַלשע זאַכן אַף איינציקע מיטגלידער פון ביוראָ און דערמיט באַשמוצט דאָס גאַנצע ביוראָ. 7) זאַלמען וואָלף (לאָדז, קאַמענאַיא 16) באַ דעם אַרבעטער, וועלכן ער האָט געשלאָגן און באַ דעם פראָפ. פּירמאַנעס פאַריין פון בונד, ער גיט 2 רובל אַף דעם פאַריין. 3) אריע יאַקאָוו ליסוגורסקי (זשעלודאָק ווילנ. גוב.) באַ דעם אַרבעטער בעצאַלעל, וועלכן ער האָט געשלאָגן. די זשעלודקער גרופּע פון בונד נעמט אַראָפּ דעם באָיקאָט.

* * *

1) „פּרץ יאַקובאָוויטש עט זאָנע" באַ די ברעזינער אַרבעטער און דער אָרג. פון „בונד" דערפאַר, וואָס זיי האָבן געגעבן אַרבעט דעם באָיקאָטירטן שניידער מייסטער שלוימע לייב קאַליש, וועלכער האָט באַגאַנגען אַ שענדלעכן פאַרברעכן קעגן די אָרטיקע אַרבעטער; זיי פאַרזיכערן, אַז מער וועלן זיי ניט ברעכן די באַשטימונג פון דער אָרגאַניזאַציע און צום באַווייז פון כאַראַקטע גיבן זיי מיטן גוטן ווילן 20 רובל אַף ביאַליסטאָקער אַרבעטסלאָזע, 20 אַפן רויטן קרייץ 74), 20 אַף ברעזינער אַרבעטסלאָזע און 20 אַף ז"ש (דער באָיקאָט פון דער פירמע איז אַראָפּגענומען).

198. די ציאָניסטן רופן צום קאַמף קעגן דער בונדישער „דיקטאַטור".

(ש. ד—וויטש: „ביז וואַנען ?" „קאָדימאָ", נומ. 9 פון 15 יולי 1906).

... ניט נאָר פון אויסערלעכן דרוק, פון די אויסערלעכע ערשיטערונגען ליידן אונזערע מאַסן. מיט גרויס באַדויערן קומט אויס צו קאָנסטאַטירן, אַז דער אידישער אָרגאַניזם ווערט אומבאַראַכמאָנעסדיק צעשמעטערט מיט דער ליידנשאַפט פון מעשוגאים, מיט פאַרביסענעם בלינדן פאַנאַטיזם דורך אידן זעלבסט.

פאַרשיידענע אידישע פאַרטייען קעמפן פאַרביטערט צווישן זיך, קעדיי צו פאַרכאַפּן די איבערהאַנט אין הינזיכט פון צעשטערן די אַזוי אויך געניג קלאָגעדיקע יעסוידעס פונם אידישן לעבן. פאַר דער לעצטער צייט אָבער האָבן זיי אָנגעהויבן איבערשטייגן יעדער מאָס. זיי באַנוגענען זיך שוין ניט

מיט דעם עקאָנאָמישן טעראָר, נאָר פאַרשפּרייטן זייער דיקטאַטור אויך אויף דער געשאַמטע פון דעם אידן, מאָראַלישע דערנידעריקן די אידישע באַפעלקערונג ביז צו דער שטופע פון שטומע שקלאַפן, וועלכע טראָגן איבער האַכנאָעדיק די מאָראַלע פייניקונגען פון די אידישע אינקוויזיטאָרן.

ווי עס ווייזט אויס, איז דעם „בונד“, וועלכער האָט אויך פריער געשפּילט די ערשטע פידל אין דער סיסטעמאַטישער רואינירונג פון די אידן, שיינט צו זיין ניט גענוג ווירקלעך אַלע זיינע פריערדיקע קאַמפּס-מעטאָדן קעגן דער אידישער „בורזשואַזיע“. טעאָרעטיש באַגרעניצט, איז דער „בונד“ דערפאַר זייער באַגאַבט אין פראַגע פון אויסטראַכטן נייע פּראַקטישע מעטאָדן אויף צו קעמפן קעגן די אידישע אָרימע לייט. נעמט א וועלכן ניט איז נומער פון דער בונדישער צענטראַל-צייטונג „די פאָלקס-צייטונג“, לייענט איבער אויף דער 4-טער זייט די מעלדונגען וועגן די אַלע צענדליקער און הונדערטער באָיקאָטן, וואָס דער „בונד“ לייגט אַרויף אויף די פאַרשיידענע „בורזשויען“ — שוסטערס, שניידערס, שמידן, קרעמערס און ביכלאַל „באַלעבעטים“; לייענט די פאַרשיידענע בריוו אין די אידישע צייטונגען, אין וועלכע זייערע שרייבער בעטן מיט טרערן, בעטן ראַכמים, אַז מע זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיי און אויף זייערע מישפּאָכעס און אויסהערן זיי, פאַנאַנדערקלייבן זיך, צי האָבן זיי בעצעמעס פאַרדינט דעם באָיקאָט, און איר וועט באַקומען א פאַרשטעלונג וועגן דער איצטיקער טעטיקייט פון אָט דערדאָזיקער אונזער אידישער פּאַרטיי. עס העלפט אָבער קיין זאַך ניט! ניט קיין באַקאַשעס, ניט קיין פאַרזיכערונגען. „דער זעלבסט-הערשנדיקער מוישל“, וועלכער האָט זיך זעלבסט געקרוינט מיטן נאָמען „דער איינציקער פאָרשטייער פונעם אידישן פּראָלעטאַריאַט“ בלייבט טויב און שטום צו די שטימען פון די באָיקאָטירטע אָן א געריכט, אָפט זאָגאַר — אָן א שולד. די האָר שטעלן זיך קאַפּויער, עס לאָזט זיך גאָרניט גלויבן, אַז א פּאַרטיי, וועלכע האַלט זיך פאַר א דעמאָקראַטישער, זאָל זיין אַזוי אומענטשלעך האַרט און אומגערעכטיק, זאָל פאַרורטיילן אַזוי אַגול, ניט פאַנאַנדערקלייבנדיק זיך, מיט איין קריץ פון דער פעדער... די עלעמענטאַרע געזעצן פון גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט פאָדערן, אַז יעדן שולדיקן זאָל געגעבן ווערן דאָס רעכט אויסגעהערט צו ווערן.

דער באָיקאָט — דאָסדאָזיקע שרעקלעכע און ראַדיקאַלסטע געווער פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, דאָס געווער, מיט וועלכן מע דאַרף זיך באַנוצן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט, ווענדעט דער „בונד“ אָן פאַר יעמווידער קלייניקייט, אָן קיין שום אויספאָרשונג. די טאַקטיק פון בונדישן באָיקאָט — איז א באַרבאַרישער מינהעג, וועלכן א קולטורעלער מענטש קאָן זאָגאַר ניט באַגרייפן.

... ווען די אידישע צייטונגען וואָלטן זיין אַביסל דרייסטער און וואָלטן פאַרעפנטלעכט יעדן פאַקט, יעדער אוולע קעגן די שוצלאָזע, וואָלט דידאָזיקע פּאַרטיי עפּשער געמוזט אָנהויבן זיך אַנדערש פירן. די סאָלידאַרע שטים, וועלכע, צום באַדויערן, לאָזט זיך ניט הערן פון די אידישע צייטונגען, וואָלט געקאָנט כאָטש טיילווייז פּאַראַליזירן דידאָזיקע באַרבאַרישע סיסטעם. נאָר

צוליב לאַכלוטן ניט פאַרשטענדלעכע סיבעס. פאַרשווייגן אונזערע צייטונגען אַלע ענלעכע פאַקטן, און ווען זיי ערלויבן זיך שוין אַמאָל ארויסצוזאָגן זייער פאַרצאָרנטן וואָרט, ווערט דאָס געמאַכט אין אַזאַ טאָן, אַז אומווילק פילט זיך אַ פּאַכדאָנעס.

אַכוץ דער טאַקטיק פון אַפּעליאַציאָנסלאָזן באַיקאָט פאַר אַלערליי עמעצס און אויסגעטראַכטע אַוולעס, האָט דער „בונד" די לעצטע צייט אָנגעהויבן שטעלן צום שאַנד-סלופּ יעדן אידן, וועלכער איז אים צוליב די אָדער יענע סיבעס אומסימפּאַטיש. קימאַט אין יעדן נומער פון דער „פאָלקס-צייטונג" טרעפט איר די אָפּטיילונג „אנטשולדיקונגען". אַפּטמאָל וויס מען מיט אַ רע-וואָלווער אין די הענט עפנטלעך אַנטשולדיקן זיך אין דער „פאָלקסצייטונג" ניט נאָר פאַר יענעם בונדיסט, קעגן וועלכן יענער האָט לויטן בונדס מיינונג זיך פאַרזינדיקט, נאָר אויך פאַרן גאַנצן פאַך אַרבעטער, פאַר דער גאַנצער בונדי-שער אָרגאַניזאַציע, פאַר דער גאַנצער וועלט... מיט אַ געפיל פון אַ וואַקכאַ-נאַליע-בעקאָמע געוועלטיקט דער „בונד" איבער דער ערע און גוטן נאָמען פון זיין קאָרבן.

אַלע אַזעלכע נידערטרעכטיקע פאַקטן וואָלטן געדאַרפט אויפהויבן די גאַנצע אידישע פּרעסע, מע וואָלט באַדאַרפט קעמפן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, קע-דיי צו פּאַראַליזירן דידאָזיקע דעמאָראַליזירנדיקע און שענדלעכע טאַקטיק. ליידער אָבער הערט מען עפעס דערווייל ניט קיין פּראָטעסטירנדיק קאָל. בלויז דער אין „דער וועג" (ה) האָט ענדלעך באַמערקט דידאָזיקע פאַקטן און צוזאַמען מיט די בריוו פון די „פאַרורטיילטע" דורכן „בונד", האָט ער אָפּגע-דרוקט אַן אַרטיקל קעגן דערדאָזיקער טעראָריסטישער טאַקטיק. די צייטונג האָט זיך דערוואוסט באַ די באַשולדיקטע גופא וועגן די סיבעס, וואָס האָט זיי געצוואונגען עפנטלעך זיך אַנטשולדיקן. דידאָזיקע „באַשולדיקטע" מאַכן אַ שרעקלעכן איינדרוק. נאָך אַ דזיעהראַפּטן באַיקאָט, וועלכער ברענגט אַ גרויסן מאַטעריעלן היזיק, צווינגט מען דעם מענטשן „אַנטשולדיקן זיך" אויף די זייטן פון „פאָלקסצייטונג" פאַר דער גאַנצער וועלט.

דער אַרטיקל אין „וועג" ענדיקט זיך מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „עס איז זייער טרויעריק, ווען פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע דאַרפן זיין די טרעגערינס פון פּראָגרעס אין אַלע זיינע פאָרמען, באַנוצן זיך אַזוי גערן און אָן אַ מאָס מיט אַזאַ ברוטאַלן געוועלטשאַפטלעכן מיטל. דאָס אַנטדעקט אַ געפערלעכע טענדענץ אין דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס. זיי שטרעבן איינצופלאַנצן אין דער געזעלשאַפט אַ פאָרשטעלונג וועגן זיך, ווי וועגן אַ מעשונעדיקער אום-באַגרענעצטער, זעלבסטהערשנדיקער און ניט פאַראַנטוואָרטלעכער מאַכט, וועלכע מעג טאָן אַלץ, וואָס זי וויל, וועלכע לאַכט זיך אויס פון אַלע פּרינציפּן פון גערעכטיקייט; אַ מאַכט, קעגן וועלכער יעדער־ער מוז שקלאַפיש בויגן זיין קאָפּ, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי ער איז גערעכט, צי ער איז אומגערעכט. „די אָר-גאַניזאַציע שטייט העכער פון יעדער אומגערעכטיקייט! די אָרגאַניזאַציע קאָן ניט זינדיקן! פּונקט ווי דער רוימישער פּאַפּסט, איז די אָרגאַניזאַציע פריי

פֿון זינד און פֿעלערן אין אַלע אירע טאָטן!״—אַזוי קומט אויס לויט די ראַזיקע „אַנטשולדיקונגען״.

נאָר באַגרעניצן זיך מיט אַן אַרטיקל, וועלכער אַפּעלירט צום געפֿיל פֿון גערעכטיקייט און צו דער ערע „פֿון בונד״, אַנטשפּרעכט ווייט ניט, לויט מיין מיינונג, די באַדערפֿענישן פֿון צוועקמעסיקן ווידערשטאַנד. קעדיי צו פּאַראַליזירן אין שווירעש יעטווידער פּאַרזוך פֿון אומאָטיווירטער באַשטראָפֿונג די שוצלאָזע פּאַרמישפּעטע, זיינען נויטיק ראַדיקאַלערע קאַמפּט-מיטלען, איידער א ווערטער-פּאַרוואורף, פֿון וועלכן א בונדיסט ווערט ווייניק וואָס ניסבאָעל. וועגן אזא ראַדיקאַלן קאַמפּס-מיטל דאַרפֿן ערנסט א טראַכטן אַלע עקזיסטירנדיקע אידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס—און וואָס גיכער, וועט אַלץ זיין בעסער.

XXVIII. די וואַלן אין דער צווייטער דומע.

199. רעזאָלוציע וועגן דער טאַקטיק פונם VII־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד“

(„פאָלקס-צייטונג“, נומ. 175 פון 6 סעפּטעמבער 1906).

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דאָס פאַנאַנדערטרייבן די דומע, וועלכע האָט פאַרענדיקט אַ ריי פון שאַרפע קאָנפליקטן צווישן דער פאָלקס-פאַרטרעטונג און דער רעגירונגס-מאַכט, האָט דערשיטערט אַפילע בײַ די ווייניק באַוואוסטזיניקע שיכטן פון פאָלק דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט צו פאַרייניקן די צאַרישע מאַכט... מיט דער מאַכט פון פאָלק, האָט מיט אַ קלאָרן ביישפּיל באַוויזן די אומעגלעכקייט פאַר אַ וועלכער ניט איז פאָלקס-פאַרטרעטונג צו באַפרידיקן די צייטיק געוואָרענע באַדערפענישן פון פאָלק, קאָלומאַן דער אַפּאַראַט פון דער רעגירונגס-מאַכט געפינט זיך אין די הענט פון דעם אַלטן רעזשים, און האָט ביז צו אַ באַדייטנדן גראַד אונטערגעגראָבן די האָפענונג אין אַ פרידלעכן פאַרלאַמענטאַרישן אויסוועג פון דעם קאַמף;

אַז, אויף אַזאַ אויפן, האָט די לאָגיק פון די פּאָליטישע פאַסירונגען אין דעם איצטיקן מאָמענט אויפגעשטעלט מיט אַ באַזונדער קראַפט פאַר די ברייטע פאָלקס-מאַסן די נויטווענדיקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג — דעם פולמעכטיקן און איינציקמעכטיקן אָרגאַן פון דעם פאָלקס-ווילן, —

זעט דער 7-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד“ די נאָענטסטע אויפגאַבע פון דער סאָצ.-דעמאָק־אַטיע אין דעם איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט דערין:

אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דעם קעסיידערדיקן וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער אַלץ וואַקסנדער אַגראַר-באַוועגונג, אויפשטאַנדן אין כאַיל און אין דער אומאויפהערלעכער גערונג צווישן די אַרבעטער-מאַסן, אַרויסצושטעלן דעם לאָזונג פון אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין דעם מיטל-פּונקט פון דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, אָרגאַניזירן צוליב דער פאַרווירקלעכונג פון דעמדאָזיקן לאָזונג די ברייטע פאָלקס-מאַסן, אַנטוויקלנדיק צווישן זיי דעם באַוואוסטזיין פון דער אומעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן אים אָן אַ זיגרייכן פאָלקס-אויפשטאַנד.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אז די ערשטע גאָסודאַרסטווענע דומע, וועלכע האָט געדינט פאַר א מיטל-פונקט פון דער אויפמערקזאַמקייט און האָפענונגען פון פאָלק און אלס א פאָלקס-טריבונע פאַר דער פאָליטישער דערציאונג פון די מאַסן, האָט ניט געקענט שפּילן און האָט ניט געשפּילט די ראָל פון א רעוואָלוציאָנערן צענטער אין קאַמף פון פאָלק פאַר דער מאַכט צוליב דעם, ווייל די ברייטע שיכטן פון פאָלק, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל געשיקט זייערע אויסדערוויילטע אין דער פאָרטרעטונגס-פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער מדינה, האָבן זיך דורכויס געהאַלטן פעסט באַם גלויבן, ווי בעאייס די וואַלן, אַזוי אויך פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס די דומע האָט עקזיסטירט, אין דער מעגלעכקייט, אַז זייערע פאָרטרעטער וועלן קענען דורך א פרידלעכער ארבעט אין דומע באַפרידיקן די צייטיק געוואָרענע פאָלקס-באַדערפענישן — א גלויבן, וועלכער האָט, פון איין זייט, פאַראַליזירט זיין רעוואָלוציאָנערע זעלבסטעטיקייט, און פון דער צווייטער זייט — באַשאַפן א באָדן פאַר דער בילדונג אין דומע א קאָדעטישע מערהייט, וועלכע האָט באַוואוסטזיניק אונטערגעהאַלטן אין פאָלק דעם-דאָזיקן גלויבן און האָט געשטערט יעטווידער פּרוּוו פון די לינקע עלעמענטן פון דומע צו אָרגאַניזירן אַרום איר די פאָלקס-מאַסן;

אַז די פאָליטישע לערע, וועלכע דאָס פאָלק האָט אַרויסגעטראָגן פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער ערשטער דומע און דעריקער פון דעם פאַקט, וואָס מע האָט זי צעטריבן, באַווייזט אים דייטלעך די אומעכטיקייט פון דומע, וועלכע איז ניט אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך רעוואָלוציאָנערע אַקטן פון פאָלק גופא, שטויסט אים אַפן וועג פון רעוואָלוציאָנערער זעלבסטעטיקייט און גרייט צו א באָדן פאַר א נייער פאָרשטעלונג וועגן דער דומע, אלס איינעם פון די געווער פון פאָלק אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער מאַכט, —

אַנערקענט דער 7-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד",

אַז די דאָזיקע אומענדערונג אין דער שטימונג פון די פאָרשטעלונגען פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, אָפשפּיגלענדיק זיך ווי אַף די רעזולטאַטן פון די וואַלן, אַזוי אויך אַף דער אויפפירונג פון פאָלק אין דער צייט פון דער דומע-אַרבעט, באַשאַפט באַדינגונגען, וועלכע זיינען גינסטיק אויך די דומע צו פאַרוואַנדלען אין א שטיץ-פונקט פאַר דער רעוואָלוציע און מאַכט אַזוי אויך מעגלעך פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אויב סיוועלן ניט זיין קיין אויסערע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן ניט דערלאָזן איר אָנטייל אין די וואַלן, אלס א זעלבשטענדיקע פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט, צו פירן, ניט אַריינטרעטנדיק אין א קאָמפּליקט מיט דער שטימונג פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן, א וואַל-קאַמפּאַניע, אַרויסשטעלנדיק קעגן די ליבעראַלע אויפפאָדערונגען צו א פרידלעכן קאַמף, דעם לאָזונג פון א רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר א גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

200. די פּאָזיציע פונם „בונד“ אויף דער אַלרוסלענדער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין נאָיאַבר 1906. [76]

(אויסצוגן פון ר. אַבראַמאָוויטשעס פּאָרטראַג וועגן וואַל־אָפּמאַכן, „פאָלקס־צייטונג“, נומ. 228, 1906).

...די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס... זיינען ליבלעכע ברידער, זיי האַלטן זיך פאַר דער אייגענער מעטאָדע. איינס פון די ביידע: אָדער מיר זיינען אַן אַקטיווע פּאָליטישע קראַפט צווישן אַלע איבעריקע ווירקנדע פּאָליטישע קרעפטן, אָדער מיר קוקן אויף זיך ווי אויף עפּעס אַ זאַך, וואָס שטייט אויסער דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף; די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס שטייען אויף דער לעצטער פּאָזיציע, זיי באַקלערן ניט ווי צו שפּילן אַן אַקטיווע ראָליע, נאָר ווי אויסצונוצן די לאַגע, קעדיי איינצוגיסן אין די מאַסן באַוואוסטזיין. אַזאַ לאַגע — אַ קוואַרט באַוואוסטזיין, אַן אַנדער לאַגע — צוויי קוואַרט באַוואוסטזיין...

ווען מיר האָבן באָיקאָטירט די דומע, האָבן מיר זיך ניט געוואָלט אָפּרוקן אַ זייט, נאָר אַקטיוו זיך אַריינמישן, אַ קער טאָן דעם ראָד פון דער געשיכטע אין דער זייט פון אָביעקטיווען גאַנג פון דער אַנטוויקלונג. איך רעכן, אַז ס'איז זייער וויכטיק דורכצופירן אַ ליניע, וואָס זאָל פאַרבינדן אונזער איצטיקע טאַקטיק מיט דער פריערדיקער. די טאַקטיק פון באָיקאָט האָט זיך געקענט אַרויסווייזן ווי אַ טאָעסדיקע, אָבער די, וואָס האָבן ניט געוואָלט בײַ יענע באַדינגונגען באָיקאָטירן די דומע, האָבן געמאַכט אַ דאָפּלטן טאָעס.

דער שווער־פּונקט פון דער וואַל־קאַמפּאַניע דאַרף זיין די אַנטקעגנשטעלונג פון רעוואָלוציאָנערן ווענ קעגן קאָנסטיטושן. מרידלעכן. די פראַגע איז ניט אין פּראָגראַם, נאָר אין אונזער טאַקטיק, אין דער רעאַלער אויפפירונג. מיר וועלן דאַרפן אויסנוצן די גאַנצע טעטיקייט פון דער דומע און איר פאַנאַנדערטיילונג, קעדיי צו העלפן, עס זאָל זיך פאַרענדיקן דער פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר אין די מאַסן, די הויפּט־אויפגאַבע — איז זען אַריבערצורוקן דעם געזעלשאַפטלעכן שווער־פּונקט וואָס מער אויף לינקס. אונזער איצטיקע טאַקטיק דאַרפן מיר באַרעכענען ניט נאָר אויף דער צייט ביז דער דומע, נאָר אויך אויף דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער דומע; מע דאַרף אויסקשטעלן אין איין ליניע די גאַנצע וואַל־קאַמפּאַניע און אירע רעזולטאַטן. מיר מוזן אָרגאַניזירן אַרויך אַ רעוואָלוציאָנערן קערן אין דער דומע גופא. אָפּלייקענען די באַדייטונג פון דער דומע, וועלכע איז פּאָפּולער אין די ברייטע מאַסן (עמעס דידאָזיקע פּאָפּולאַריטעט איז אַ פאַלש פאַרשטאַנענע), אַלס אַ קלייזאַיען פון דער רעוואָלוציע, קען מען ניט, און דעריבער איז פאַר אונז ניט גלייכגילטיק איר צוזאַמענשטעלונג. אויף וויפל די רייד גייט וועגן אָפּמאַכונגען, אַלס אַ מיטל צו בילדן אַזאַ רעוואָלוציאָנערן קערן, קען מען ניט די פראַגע אַזוי לייכט אוועקמאַכן מיטן האַנט.

ס'איז עמעס, די אָפּמאַכונגען האָבן אַ שלעכטע, נעגאַטיווע זייט, זיי צעשטערן די גאַנצקייט פון דער וואַל־פּסיכאָלאָגיע. אָבער דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך, כאָטש זייער אַ טרויעריקע.

(ווייטער פאַלט אבראַמאָוויטש אָן אף דער צעמישונג פון דער טערמינאָלאָגיע, וועלכע עס טראָגן אריין די קעגנער פון אָפּמאַכונגען)

אַ בלאָק באַדייט אַ פאַרבאַנד פון פאַרטייען אין דער פירונג פון דער וואַל-קאַמפּאַניע, בא וועלכן מע טרעט ארויס מיט אן אַלגעמיינע וואַל-פּלאַטפאָרמע. א בלאָק באדייט — נא דיר, גיב מיר. בא אונז גייט די רעדע ניט וועגן א פאַרייניקטער אגיטאַציע, נאָר וועגן אן אָפּמאַך צווישן צוויי קעמפנדע צדדים קעגן אן אַלגעמיינעם, א שטאַרקערן סוינע. אזוינע אָפּמאַכונגען רעקאָמענדירן מיר ניט אלס אן אַלגעמיינעם רעגל, נאָר אלס אן אומפאַרמיידלעכן טרויעריקן אויסנאַם.

וועד האָט אין די מאַסן די העגעמאָניע? אין דער קליין-בורזשואזיע האָט די העגעמאָניע ניט די קאַדעטישע פּארטיי, נאָר די קאַדעטישע טאַקטיק. דאָרט וועלן מיר קעמפן קעגן די קאַדעטן, מיר וועלן אויפדעקן די האלבקייט פון זייער טאַקטיק, אַנטקעגנשטעלנדיק קעגן זייער פרידלעכן וועג אונזער רעוואָלוציאָנערן, זיך באַמיענדיק אף אזא אויפן ארויסצוציען די קליינבירגערלעכע עלעמענטן פון אונטער דער ווירקונג פון די קאַדעטן; דאָרט וועלן מיר רופן צו שטימען פאר אונז, ס.-ד. אין די ארבעטער-מאַסן, וואו מיר האָבן די העגעמאָניע, וועלן מיר דורכדעם ניט ארייַנטראָגן קיין פּארטונקעלונג: די ארבעטער וועלן אונז פארשטיין און וועלן מיט א פארביטערטער האַרץ שטימען פאר אן אלגעמיינער קאַנדידאַטן-ליסט, פילנדיק, אז מיט דעם העלפן זיי צו בילדן א רעוואלוציאָנערן קערן אין דומע. עס איז עמעס, אונזער בורזשואזיע איז א פאַרעטערישע, אבער קיין אנדערע האָבן מיר דאָך ניט, ווער עס ווייס, וואָס עס באדייט די שטאַטישע קוריע, וועט זיין איינשטימיק, אז פון דער ס.-ד. הענגט אָפּ קימאט א דריטל פון דער דומע. און דאָס איז לייכט צו באַווייזן מיט ציפערן. אויב מיר וועלן אומעטום ארויסטרעטן זעלבשטענדיק, וועלן מיר, צום ביישפּיל, אין צאָפּן-מאַירעוו רוסלאנד שיקן אין דומע אַגראַריער-רעאַקציאָנערן. יע, מיר וועלן שיקן. דערפאַר מיר, וואָס מיר זיינען איבערגאַל די מינדערהייט. און וואָס אונז האָט מען פאָרגעלייגט ארייַנצוגיין אין אָפּמאַכונגען. מע וועט אונז זאָגן, די קאַדעטן האָבן געוואָלט אָפּמאַכונגען, איר האָט ניט געוואָלט, די גאַנצע שולד וועט פאַלן אף אונז. מיר זיינען א קראַפט, און אף וויפל מיר זיינען א קראַפט, קענען מיר מאכן, אז, לעמאָשל, אין גאַנץ צאָפּען-מאַירעוו רוסלאַנד זאָל ניט דורכגיין קיין איין קאַדעט? מיר זיינען ניט גענוג שטארק דורכצופירן אייגענע דעפּוטאַטן, אָבער מיר זיינען א קראַפט ניט דורכצולאָזן קיין שווארץ-מייעניקעס. ווען מיר זאָלן זיך האַלטן פאר דער טאַקטיק ניט ארייַנצוגיין אין אָפּמאַכונגען, וועט די בורזשואזיע אין דערין באַקומען א קלייזאַיען אונז צו דיסקרעדיטירן אין די אויגן פון די ווײלער, וועלכע סימפּאַטיזירן אונז; אנשטאָט צוצוציען צו זיך די מאַסן, וועלן מיר זיך אָפּשטויסן פון זיך, מיר וועלן בלייבן א סעקטע. די אינטערעסן פון דער רעוואלוציע, פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג און פון דער אָרגאַניזאַציע פון די מאַסן פאָדערן פון אונז, מיר זאָלן אריינגיין אין אָפּמאַכונגען דאָרטן,

וואו עס איז פאראן א שווארץ-מייעדיקע געפאַר, וואו עס איז ניטאָ קיין אנדער אויסוועג.

201. „די פלאַטפארמע פון דער וואַל־קאמפאַניע"

(ארטיקל פון מ. „פאָלקסצייטונג" נומ. 208 פון 19-טן נאיאבר 1906).

... דער VII-טער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האט באשטימט אין אַלגעמיינע שטריכן אונזער טאַקטיק *). דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אַזוי געטראכט: דאָס פאנאנדערטרייבן די דומע האט באוויזן די אומעגלעכקייט צו דערשלאָגן זיך אַפן פרידלעכן וועג ערד און פרייהייט און האט געבראכט די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג צום באַוואוסטזיין וועגן דער נויטיקייט צו דערשלאָגן זיך עס דורך אַ באוואָפנטן אויפשטאנד. באַ אַזעלכע אומשטענדן וועט ניט הייסן, דאָס די וואַלן אין דומע פאַרבייטן די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק אַף דער פרידלעך קאָנסטיטוציאָנעלער, ווייל די וואַלן אין דומע גופא וועלן פאָרקומען באַ דער אַנערקענונג פון דער נויטיקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק. דער ווילער וועט פאָדערן פון זיין פאַרטרעטער אומצוואוואַנדלען די דומע אין אַן אָרגאַן פון אַ רעוואָלוציאָנער'ער אָרגאַניזאַציע פון די פאָלקסמאַסן. און אונזער אויפגאַבע באַ די וואַלן דאַרף באשטיין אין דעם צו דערקלערן די לאַגע, וועלכע פאָדערט אומצוואואנדלען די וואַלן אין אַ קאַמפּסּפּלאַץ, פאר דער רעוואָלוציאָנערער מאָביליזאציע פון די מאַסן.

די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען האָבן גערעכנט, אַז דאָס לאַנד האָט פאַר דעם פעריאָד צייט פון דער דומע, ביפראַט בעאייסן פאַנאנדערטרייבן די דומע, געמאַכט אַ געוויסן שריט פאָרווערטס אין זיין פאָליטישער אַנטוויקלונג. און טאַקע אַף דעמדאָזיקן שריט פאָרווערטס האָבן זיך די פאַרטייען סוימעך געווען, האלטנדיק פאר מעגלעך צו האָבן אַן ערפאָלג באַ די צווייטע וואַלן. באַ די ערשטע וואַלן האָט דער קליין-בורזשואַזער ווילער אָפּגעגעּבן זיין שטימע פאַר די קאַדעטן, אַלס אַ פייערדיקן פראָטעסט קעגן דעם שרעקלעכן קאַמף פון דער רעגירונג; אַף דער פראַגע, צי וועלן אים די קאַדעטן קענען געבן ערד און פרייהייט, האָט ער געענטפערט מיט יאָ, ווייל באַ אים האָבן נאָך געלעבט די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס. די דומע-טאַקטיק האָט צעקלאַפּט זיינע האָפענונגען, און ער האט זיך געמוזט איבערצייגן, אַז אַפן פרידלעכן וועג וועט ער זיך קיין ערד און פרייהייט ניט דערשלאָגן, אַז דאָס דאַרף מען זיך דערקעמפן. פאַר אים האט זיך איצט געמוזט שטעלן די פראַגע, ווי אַזוי זאָל מען עס דערקעמפן און ווער קען עס טאָן: צי די קאַדעטן מיט זייער דיפּלאָמאַטישער פארלאמענטעריי און אין בעסטן פאַל מיט זייער געוועהר פון אַ פאַסיוון ווידערשטאַנד, אָדער די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען מיט זייער קאַמפּס-

*) די אלגעמיין-רוסלענדער סאָצ.-דעמ. קאָנפערענץ, וואס איז ניט לאנג פארגעקומען, האט זיך ביכלאל געשטעלט אף דעמזעלבן שטאנדפונקט, ווי דער 7-טער צוזאמענפאָר פון בונד (באמערקונג פון דער רעדאקציע פון „פ. צ.").

טאַקטיק. אין דעם מאָמענט, ווען פאַר די ווייַלער וואָלט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן דער מעטאָדע פון דערקעמפן פרייַהייטן און ד. גל, וואָלטן באַ זיי געמוזט אויסנעמען די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און ניט די קאָנסטיטוציאָנעלע.

די קאַדעטן פאַרשטייען עס. און דעריבער גייען זיי אַרויס פון די קיילים, סטאַרענדיק זיך אַוועקצומאַכן אונטערן האַנט די גאַנצע לערע, וועלכע דאָס לעבן האָט געגעבן; זיי סטאַרען זיך אויסצומעקן און אויסצוקריצן פון דער רוסישער געשיכטע דעם פּראָגרעס, וועלכן עס האָט דורכגעמאַכט דער פּאָליטישער געדאַנק פונם לאַנד; זיי פּרוּבירן אָפּצוזעצן די אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד ביז צו דער מאַדרייגע, אַף וועלכער עס האט זיך געפונען אין דעם פּעריאָד ערעוו דער דומע. „קיין טריט פאָרווערטס“! שרייען די קאַדעטן, „פאַרגעסט די לערע, וועלכע די געשיכטע האָט געבראַכט“!

„די אויפגאַבן פון די נייע וואַלן, שרייבן זיי, וועט זיין צו שאַפן ווידער יענע פּאָליטישע באַדינגונגען, אונטער וועלכע ס'האָט געאַרבעט די ערשטע דומע, די נאַציע דאַרף שיקן אין דומע די פריערדיקע מערהייט... דערמיט וועט זי ברענגען צוריק די פּאָליטישע לאַגע צו דעם מאָמענט, ווען עס איז געווען דער אייַנציקער אויסוועג — דאַס מיניסטעריום פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער מערהייט“ („רעטש“, נ. 189). „אויב רוסלאַנד דאַרף האבן אַן עמעסע קאָנסטיטוציע, זאָגט זיך אין אַן אַנדער אָרט („רעטש“, 196), אַן עמעסע פּאָלקס-פאַרטרעטונג... דאַן וועט דאָס פּאָלק שיקן אַזעלכע פאָרשטייער, וועלכע וועלן איבערכאַזערן דאָס, וואָס די ערשטע דומע האָט ארויסגעזאָגט אין איר ענטפער אַף דער טראָן-רעדע און וועט זיך ווידער נעמען פאַר דאָס, וואָס מע האט ניט געלאָזן טאָן דער ערשטער דומע“. עס רוקט זיך אַרויס, פארשטייט זיך, די פראַגע, וואָס וועט זיין, ווען מע וועט די צווייטע דומע אויך ניט „לאָזן“ טאָן דאָס, וואס עס האט גערעכנט צו טאָן די ערשטע. נאָר די קאַדעטן האָבן אויך באַ אַזאַ פראַגע זייער געניטקייט, וועלכע באַשטייט אין פּאָלגנדעס: פאַר דעם פעסטן, רואיקן געזעצלעך-אויסגעדריקטן ווילן פון די ווייַלער וועט (דער רעגירונג) „פּאַשעט אויסקומען צו בויגן זיך“ („רעטש“, 195). די קאַדעטן פארשטייען, אַז זיי זייַנען שטאַרק נאָר אַזן באָרן פון די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס, און דעריבער סטארען זיי זיך ווידער אייַנצוואָרצלען אין לאַנד, יעדנפאַלס אין באַוואוסטזיין פון די ווייַלער, די פריערדיקע מיינונג, וועלכע עס האָט געהערשט ערעוו דער דומע און אייַנצופלאַנצן דעם גלויבן אין דער אַלמעכטיקער קראַפט פון דעם „פעסטן, רואיקן, געזעצלעך-אויסגעדריקטן ווילן פון די ווייַלער“. די קראַפט פון די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען דריקט זיך אויס ניט אין דעם גלויבן, נאָר פונקט פאַרקערט אין דעם ניטגלויבן פון דעם ווייַלער אין דער אַלמעכטיקער ווירקונג פון דעם „רואיקן, געזעצלעך אויסגעדריקטן ווילן“ און אין דעם פאַרשטיין די נויטיקייט פון דער דערקעמפונג מיט גוואַלד. אונזער אויפגאַבע בעגויגייע צו דעם ווייַלער דאַרף, הייסט עס, באַשטיין אין אויסצושטעלן פאַר אים שאַרף די פראַגע: צי וויל ער, אַז די מערהייט פון דער דומע זאָל בלייַבן די

„פריערדיקע“, מיט איר טאַקטיק, וועלכע איז ניט אימשטאַנד צו דערקעמפן זיך וואס ניט איז, צי וויל ער, אַז די נייע דומע זאָל ניט „איבערכאַזערן“ דאָס, וואס עס האָט גערעדט די ערשטע, אָדער זי דאַרף זיך ניט באַנוגענען נאָר מיט פוסטע דיבורים און מוז זיך נעמען פאר מער ווירקנדיקע מיטלען; צי דארף די נייע דומע „ברענגען צוריק די פּאָליטישע לאגע“ צו דעם מאָמענט פון די מאַנאַטן יון און יול, וועלכער האט ניט געבראכט קיינע רעזולטאַטן. אָדער זי דאַרף מאַכן אַ נייעם טריט פּאָרווערטס, אַפן וועג צו דעם עמעסן ניצאָכן פון פאָלק.

דידאָזיקע פראגע מוז אונזער פּאַרטיי מאכן פאַר דער פלאטפאָרמע פון דעם וואַל־קאַמף, מע מוז שאַפן אַרום דער קאַדעטישער פּאַרטיי די אַטמאָספע־רע פון דעם גרעסטן אומגלויבן אין זייער פעאיקייט צו דערקעמפן ערד און פרייהייט. מע דאַרף אָן ראַכמאָנעס קריטיקירן יענעם קאַמפּס־מיטל (?), וועלכן ס'האבן צוגעטראַכט די קאַדעטן אַף דעם העלסינגפאָרסער צוזאמענפאָר (דער פּאַסיווער ווידערשטאנד) און אויפדעקן זייער גאנצע מאכטלאָזיקייט און אומזיניקייט.

נאָר באַ אַזאַ באַדינגונג וועט עס הייסן, אַז דער פעריאָד פון דער צוויי־טער דומע האט געמאכט אַ טריט פּאָרווערטס אינם פארגלייך מיטן פעריאָד פון דער ערשטער דומע *).

202. לענין וועגן דער בונדישער וואַל־טאַקטיק.

(„וועגן אַן אַרטיקל אין בונדישן אָרגאַן“. געזאמלטע ווערק. באנד VIII. ז. ז. 60—60).

...ניט לאַנג האָט אונז אַ כאַווער צוגעשיקט אַן איבערזעצונג פונם אַרטיקל: „די פלאטפאָרם פונם וואַל־קאַמף“. וואָס איז אָפּגעדרוקט געווען מיט דער אונטערשריפט מ. אין 208 נומ. פונם אָרגאַן פון בונד „פאָלקס־צייטונג“. מיר האָבן ניט קיין גרונדן צו אורטיילן, אַף וויפיל דערדאָזיקער אַרטיקל דריקט אויס די מיינונגען פון דער גאַנצער רעדאַקציע, נאָר יעדנפאַלס שפּיגלט ער אָפּ באַשטימטע שטרעמונגען צווישן די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. און די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע זיינען געוואוינט געוואָרן צו נאָר אַ באָלשעוויסטישער, אָדער מענשעוויסטישער שטעלונג פון דער פראַגע, דארפן זיין באַקאַנט מיט אַזעלכע שטרעמונגען.

...ווען מיר לייענען אויפמערקזאַם דעמדאָזיקן אַרטיקל, זעען מיר אין אים אַ גאַנץ געטריע אָפּשפּיגלונג פון די מיינונגען פון דער בונדישער דעלעגאציע אַף דער אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון ר. ס. ד. א. פּ. ווי באַוואוסט, האָט דידאָזיקע דעלעגאַציע געשטימט, פון איין זייט, צוזאמען מיט די מענשעוויקעס דערפאַר, אַז בלאָקן מיט די קאַדעטן קענען דערלאָזט ווערן, און פון דער אַנדער זייט, צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, אַז דער צעקיסטישער „פּראָיעקט

*) זע די באַלייכטונג פונם דאזיקן אַרטיקל פון וו. לענין אַף די פאלגנדיקע זייטן.

פון דער פּלאַטפאָרם" דאַרף גרינדלעך אויסגעבעסערט ווערן (עס דאַרף צוגעגעבן ווערן דער לאָזונג פון אַ רעפּובליק, אַן אָנווייזונג אַף אַן אויפשטאַנד, אַ גענויע כאַראַקטעריסטיק פון די פּאַרטייען, מע דאַרף קלאָרער מאַכן דעם קלאַסן-מעהוס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי א. א. וו.)

דער אַרטיקל פונם כאַווער מ. ווייזט זיך דערפאַר אַרויס אַזוי באָלשעוויסטיש, ווייל מיר זעען אין אים נאָר די „לינקע" האַנט פון בונד, זיין „רעכטע" האַנט אָבער איז באַהאַלטן אין די אַרטיקלען, וואָס פּאַרטיידיקן די בלאָקן מיט די ק. ד.

יעדנפאַלס באַטראַכטן די בונדיסטן די בלאָקן מיט די קאדעטן ניט אַפן מענשעוויסטישן שטייגער. זייער ביישפּיל באַרעכטיקט באַזונדערס בוילעט דעם באוואוסטן שפּרוך: „ווען צוויי טוען איינס און דאָס זעלביקע, איז דאָס שוין ניט דאָס זעלביקע". צווישן אָט די צווייען איז פאַראַן אַ באַוואוסטער אונטערשייד, און דער אונטערשייד מוז זיך אַרויסווייזן אין זייער ארט טאָן דאָס זעלביקע, אין זייערע גענג אינם רעזולטאַט פון זייער „טאָן איינס און דאָס זעלביקע". די בלאָקן מיט די קאדעטן באַ די מענשעוויקעס און די בלאָקן מיט די קאדעטן באַ די בונדיסטן זיינען ניט איינס און דאָס זעלביקע. באַ די מענשעוויקעס האָבן די בלאָקן מיט די קאדעטן אַ פאַרבינדונג מיט זייער אַלגעמיינער טאַקטיק, באַ די בונדיסטן האָבן זיי קיין שום פאַרבינדונג ניט און דערפאַר באַווייזן אַזעלכע אַרטיקלען באַזונדערס קלאָר די ניט קאָנסעקווענטקייט, די ניט-אויסגעהאלטנקייט פון די בונדיסטן, וועלכע האָבן נעכטן דורכגעפירט דעם באָיקאָט, היינט באַרעכטיקן זיי נאָך דעם באָיקאָט פון וויטעס דומע און אין דער זעלביקער צייט דעלאָזן זיי בלאָקן מיט די קאדעטן. באַ די מענשעוויקעס טרעטן אַרויס די בלאָקן מיט די קאדעטן פריי און אומגעצוואונגען, אַלס אידייאישע בלאָקן. באַ די בונדיסטן ווערן דידאָזיקע בלאָקן פּראָיעקטירט נאָר אַלס „טעכנישע".

נאָר די פּאָליטיק האָט איר אייגענע אָביעקטיווע לאָגיק, וועלכע איז אומאָפּהענגיק פון די פּראָיעקטן פון די אָדער אַנדערע פּערזאָנען און פּאַרטייען. דער בונדיסט טראַכט, אַז דער בלאָק וועט זיין נאָר אַ טעכנישער, און די פּאָליטישע קרעפטן פון גאַנצן לאַנד מאַכן אַזוי, אַז דער בלאָק קומט פּאַקטיש אַרויס אַ אידייאישער. נאָך דער קאדעטישער אנטציקונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם מענשעוויסטישן באַשלוס פון דער קאָנפערענץ און נאָך פלעכאַנאָווס באַרימטן העראָסטראַטישן בריוו אין „טאָוואַרישטש" וועגן אַ „פולמעכטיקער" דומע איז קימאַט ניט נויטיק דאס צו באַווייזן.

באַטראַכט נאָר גוט די ווערטער פונם אַווטאָר פון דעם אַרטיקל: „די קאַדעטן פאַרשטייען אויסגעצייכנט, אַז זייער קראַפט האַלט זיך אַף די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס, און דערפאַר באַמיען זיי זיך איינצופלאַנצן באַ די ווילער אַט די אילוזיעס".

„די קראַפט פון די קאדעטן האלט זיך אַפן באָדן פון קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס". איז דאָס ריכטיק. און וואָס אייגנטלעך באַווייזט דאָס? אויב דאָס

איז ניט ריכטיק, אויב די קראַפט פון די קאַדעטן האַלט זיך אַף דעם, וואָס זיי זיינען אַנגעזועענע פאָרשטייער פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע און פון דער בורזשואזער רוסלענדישער רעוואָלוציע, דענסטמאָל איז ריכטיק די אַלגע-מיינע טאַקטישע ליניע פון דעם מענשעוויזם, אָדער פון דעם סאָציאַל=דעמאָ-קראַטישן רעכטן פליגל. אויב דאָס איז ריכטיק, אויב די קראַפט פון די קאַדעטן באַשטייט ניט אין דער קראַפט פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע, נאָר אין דער קראַפט פון די אילוזיעס פון פאָלק, דענסטמאָל איז ריכטיק די אַלגעמיינע טאַקטישע ליניע פונם באָלשעוויזם, אָדער פונם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן לינקן פליגל.

אין אַ בורזשואזער רעוואָלוציע מוז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע שטיצן די בורזשואזע דעמאָקראַטיע — אָט דאָס איז דער הויפט-טעזיס פון פלעכאַנאָוו און זיינע אָנהענגער; און אָט פון דעם טעזיס מאַכט מען דירעקט און אומיטלבאַר דעם אויספיר וועגן שטיצן די קאַדעטן. מיר אָבער זאָגן דער טעזיס איז ריכטיק, נאָר דער אויספיר טויג לאַכלוטן ניט, וואָרום מע דאַרף נאָך פאַנאַנדערקלייבן, וועלכע פּאַרטייען און שטרעמונגען שטעלן מיט זיך איצט פאָר די קראַפט פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע, וואָס איז ווירקלעך פעאיק צום קאַמף. אי די קאַדעטן, אי די טרודאָוויקעס, אי די עסערן, — זיי אַלע זיינען „בורזשואזע דעמאָקראַטיע" פונם מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט, ד. ה. פון דעם איינציק וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. די „קראַפט" פון די קאַדעטן, דאָס איז ניט די קאַמפּס-קראַפט פון דער בורזשואזער פאָלקס-מאַסע (פויערטום און שטאָטישער בירגערטום). דאָס איז ניט די עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע קראַפט פון די גוטס-באַזיצער (שוואַרץ-מייעניקעס) און קאַפּיטאַליסטן (אָקטיאַבריסטן): דאָס איז די „קראַפט" פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ, וועלכע איז ניט קיין זעלבשטענדיקער עקאָנאָמישער קלאַס און שטעלט דער-פאַר ניט פאָר קיין שום זעלבשטענדיקע פּאָליטישע קראַפט. דאָס איז אַן אוזורפּירטע קראַפט, וועלכע איז אָפּהענגיק פונם איינפלוס פון דער בורזשו=אזער אינטעליגענץ אַף די אַנדערע קלאַסן, אַף וויפיל די לעצטע האָבן נאָך קיין צייט ניט געהאַט אויסצואַרבעטן זיך אַ קלאָרע זעלבשטענדיקע פּאָליטישע אידעאָלאָגיע, אַף וויפיל זיי וואַרפן זיך אונטער דער אידייאישער אָנפירונג פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ. דאָס איז פריער ווי אַלץ די „קראַפט" פון יענע פעלערהאַפטע מיינונגען וועגן דעם מעהוס פון דער דעמאָקראַטיע און פון דעם אַרט קעמפן פאַר איר — מיינונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט און קולטיווירט אין דער בורזשואזער פאָלקס=מאַסע דורך דער בורזשואזער אינטעלי-גענץ. אָפּלייקענען דאָס — הייסט קינדערש-נאַאיוו ניספּאָעל ווערן פון דעם ווערטערקלאַנג: „די פּאַרטיי פון פאָלקס-פרייהייט", דאָס הייסט פאַרמאַכן די אויגן אַף די אַלגעמיין באַוואוסטע פאַקטן, אַז הינטער די קאַדעטן שטייט ניט ניט די מאַסע און ניט דער באַשליסנדיקער טייל פון די פּריצישע און קאַפּיטאַליס-טישע עלעמענטן.

אַנערקענען דאָס — הייסט אַנערקענען, אַז די טאָג=פראַגע פאַר דער אַרבע-טער=פּאַרטיי איז דער קאַמף מיט דעם קאַדעטישן איינפלוס אַפן פאָלק — אַנערקענען

דעמדאָזיקן קאַמף ניט דערפאַר, ווייל מיר האָבן געטרוימט וועגן אַ בורזשואזער רעוואָלוציע אָן דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע (נאַרישקייט, וועלכע עס שרייבן אונז צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון רעכטן פליגל), — נאָר דערפאַר, ווייל די קאַדעטן דערלאָזן ניט, אַז עס זאָל זיך פאַנאַנדערוויקלען און ווערן טעטיק דיווירקלעכע קראַפט פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע.

אין דער קאַדעטישער פאַרטיי גייט אַריין די מינדערהייט פון דער פריצישער רוסלאַנד (די מאַסע פריצים זייגען שוואַרצמייעדיק), די מינדערהייט פון די קאַפּיטאַליסטן (זייער מאַסע זיינען אָקטיאָבריסטן); אין איר גייט אַריין די מערהייט, די מאַסע בלויז פון דער בורזשואזער אינטעליגענץ. דערפון באַקומט זיך די עפעקטפולע קאַדעטישע פאַליטיק, וואָס פאַרפירט פאָליטישע אויפּעלעך און פאָליטישע אָפּגעשוואַכטע זקיינים, זייער ראַאש און טומל, דער טריאומף פון זייערע ביליקע ערפאָלגן, זייער הערשאַפט אין דער ליבעראַלער זשורנאַליסטיק, אין דער בורזשואזער וויסנשאַפט און אז. וו. און דערפון באַקומט זיך די אויפגעבלאָזנקייט פון דערדאָזיקער פאַרטיי, וואָס עס דעמאָראַליזירט דאָס פאָלק דורך דעם פאַרעטערישן פּרינציפּ פון אַן אָפּמאַך מיט דער מאָנאַרכיע, נאָר זי האָט קיין שום קראַפט ניט צו דערשלאָגן זיך אין דער ווירקלעכקייט אַ וועלכן ניט איז אָפּמאַך.

די קאַדעטן זייגען ניט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, נאָר דער פאַרקערפּערטער פאַראַט פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע — פּונקט ווי, לאָמיר זאָגן, די פראַנצויזישע ראַדיקאַל-סאָציאַליסטן אָדער די דייטשישע סאָציאַל־ליבעראַלן — זיי זיינען ניט קיין סאָציאַליסטן פון דער אינטעליגענץ, נאָר אַ פאַרקערפּערטער פאַראַט פון דער אינטעליגענץ קעגן סאָציאַליזם. דערפאַר, קעדיי צו שטיצן די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, מוז מען אויפדעקן די גאַנצע אויפגעבלאָזנקייט פון דעם קאַדעטישן פאַלשן דעמאָקראַטיזם.

דערפאַר ברענגען דעם גרעסטן שאָדן דער רעוואָלוציע און דער זאַך פונם אַרבעטער קלאַס די פלעכאַנאָוצעס, וועלכע שרייען צו אונז אָן אַן אויפהער: מע דאַרף קעמפן מיט דער רעאַקציע, נאָר ניט מיט די קאַדעטן!

ליבע כאַווירים! אין דעם באַשטייט טאַקע אייער פעלער, וואָס איר פאַרשטייט ניט די גאַנצע באַדייטונג פון אונזער קאַמף מיט די קאַדעטן. אין וואָס באַשטייט דער איקער און מעהוס פון דעמדאָזיקן קאַמף? צי אין דעם, וואָס די קאַדעטן געהערן צו דער בורזשואַזיע? געוויס ניט, נאָר אין דעם, וואָס די קאַדעטן זיינען פוסטע פלאַפּלער וועגן דעמאָקראַטיע, פאַוּעטער פון דער קעמפנדיקער דעמאָקראַטיע. דערנאָך: צי ווירקן די קאַדעטן אַף דער פאָלקס-מאַסע, אַף דער בורזשואַזי-דעמאָקראַטישער פאָלקס-מאַסע? פאַרשטייט זיך, אַז זיי ווירקן זייער ברייט, דורך אַ מאַסע צייטונגען א. א. וו. א. א. וו. איצט זעט אָדעראַבע: קען מען דען רופן די בורזשואַזי־דעמאָקראַטישע פאָלקס-מאַסע צום קאַמף מיט דער רעאַקציע, ניט אויפדעקנדיק דעם עמעסן פאַרצוף פון די איצטיקע אידייאישע פירער פון דערדאָזיקער מאַסע, וואָס שאָדן דער זאַך פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע? ניין, מע קען ניט, ליבע כאַווירים.

קעמפן מיט דער רעאַקציע הייסט פריער ווי אַלץ אָפּרייסן די מאַסן אי-

דייאיש פון דער רעאַקציע. אָבער די קראַפּט און די לעבענספּעאיקייט פונם אידייאישן איינפלוס פון דער „רעאַקציע" אַף די מאַסן ליגט ניט אינם שוואַרצמייאיקייט, נאָר טאַקע אינם קאַדעטישן איינפלוס. דאָס איז ניט קיין פּאַראַדאָקס. דער שוואַרצמייעניק איז אַ סוינע אַן אָפּענער, אַ ברוטאַלער, וואָס קען צינדן, האַרגענען, ברעכן, אָבער ער קען ניט איבערצייגן אַפילע דעם פּראָסטן פּויער. דער קאַדעט אָבער איבערצייגט אי דעם פּויער, אי דעם שטאָט-באַלעבאָס — און אין וואָס איבערצייגט ער? אין דעם, אַז דער קייסער איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך, אַז מ'קען זיך אָפּן פרידלעכן אויפן (דאָס הייסט לאָזנדיק די מאַכט פאַר דער מאָנאַרכיע) דערשלאָגן זיך פרייהייט, אַז דער ערד אויסקויף, וואָס איז אויסגעאַרבעט דורך די פּריצים, איז דער בעסטער מיטל אַף איבערצוגעבן די פּויערים די ערד.

דערפאַר קען מען ניט איבערצייגן אין דער נויטיקייט פון ערנסטן קאַמף ניט דעם נאַאיוון פּויער, ניט דעם נאַאיוון שטאָט-באַלעבאָס, ניט אונטערגראָבנדיק דעם איינפלוס, וואָס עס האָבן אַף זיי די קאַדעטישע פּראַזן און די קאַ- ע אידעאָלאָגיע, און ווער עס זאָגט: „מע דאַרף קעמפן מיט דער רעאַקציע, אָבער ניט מיט די קאַדעטן", דער פאַרשטייט ניט די אידייאישע אויפגאַבע פונם קאַמף, בײַ יענעם באַשטייט דער איקער פון קאַמף ניט אין איבערצייגן די מאַסן, נאָר אינם פיזישן ווירקן, דער פאַרשטייט וואולגאַריש דעם קאַמף: די רעאַקציע, הייסט דאָס, „שלאָג", נאָר דעם קאַדעט שלאָגן איז ניט קעדאַי.

פאַרשטייט זיך, שלאָגן מיט געווער אין די הענט וועלן מיר דערווייל ניט דעם קאַדעט און אַפילע ניט דעם אָקטיאַבריסט, נאָר בלויז די רעגירונג און אירע דירעקטע מעשאָרסים, און ווען מיר וועלן זיי ווירקלעך צעשלאָגן, וועט דער קאַדעט פּונקט אַזוי קריכן פון דער הויט צוליב דער רעפּובליקאַנישער דעמאָקראַטיע, ווי ער קריכט איצט פון דער הויט (פאַר דעם פּראָפעסאָרישן אָדער פאַר דעם אַדוואָקאַטישן האָנאָראַר) צוליב דער מאָנאַרכישער דעמאָקראַטיע. נאָר קעדיי אַף אַן עמעס צו שלאָגן די רעאַקציע, דאַרף מען באַפרייען די מאַסן פון דעם אידייאישן איינפלוס פון די קאַדעטן, וואָס שטעלן פאַלש פאָר פאַר די דאָזיקע מאַסן די אויפגאַבן און דעם טאָך פונם קאַמף מיט דער רעאַקציע.

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו די בונדיסטן. צי דען קענען זיי איצט ניט זעען, אַז די „טעכנישע" בלאָקן מיט די קאַדעטן, וועלכע זיי האָבן דערלאָזן, זיינען שוין געוואָרן פאַקטיש אַ מיטל אַף צו פאַרשטאַרקן דעם צוטרוי צו די קאַדעטן (אָבער ניט צו באַשאַפן אַן אַטמאָספער פון אומצוטרוי) אין די פאָלקס-מאַסן? בלויז בלינדע קענען דאָס ניט זעען. דער אידייאישער בלאָק פון אַלע מענשעוויקעס סאָציאַל-דעמאָקראַטן, און אויך פון די בונדיסטן, מיט די קאַדעטן איז אַ פאַקט, און אַזעלכע אַרטיקלען ווי דעם כאַווער מ. — ס'זיינען גוטע, אָבער אומשולדיקע פּאָליטישע טרוימען.

205-203. די וואַל-טאַקטיק פון בונד און פון די פּראָלעטאַרישע ציאָניסטן.

א) בונד.

(„פאָלקסצייטונג“, נומ. 214 פון 23 נאָיאַבר 1906).

1) די רעזאָלוציע פון דער אַלגעמיין-פּאַרטייאישער קאָנפערענץ [77] האָט ניט פאָרויסגעזעען איין פאַל, ווען אָפּמאַכונגען קענען דערלאָזט ווערן, ווען דעהיינע מיט דער הילף פון אלע פאַרייניקטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען קען מען אָנשטאָט אַ קאַדעט דורכפירן אין דומע אַ לינקן קאַנדידאַט, וועלכער אנערקענט די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק. דער צ. ק. פון בונד געפינט, דאָס אין אַזאַ פאַל איז ערלויבט אַן אָפּמאַכונג צווישן רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

2) די פראַגע וועגן אָפּמאַכונגען מיט די קאַדעטן ווערט באַשלאָסן ניט פאַר דער גאַנצער גובערניע, נאָר אין יעדן וואַל-פונקט באזונדער, אָפּהענגיק פון די אָרטיקע באַדינגונגען. אנדערש גערעדט — די פראַגע, צי ס'עקזיסטירט וואו ניט איז אַ שווארצמייעדיקע געפאר בא די וואַלן, איז ניט קיין אַלגעמיין-גובערנסקע פראַגע, נאָר אן אָרטיקע.

3) באַ די אָפּמאכונגען מיט די אידישע וואַל-קאָמיטעטן דאַרף מען באטראַכטן יעדן פאַל באזונדער און באַשליסן די פראַגע אָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַר אַ כאראקטער עס טראָגט די ליסטע פון די וואל-מענער (וויבאָרשטשיקעס) און פון די קאַנדידאַטן אין דומע.

4) מיט די ס. ס. און די סיימיסטן, ווי מיט אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען, איז ערלויבט צו שליסן אָפּמאכונגען נאָר אין די אויסנאמלעכע צופאלן, ווען אָן אזוינע אָפּמאַכונגען קען דורכגייען א שווארצמייעניק. אַנדערש גערעדט, ווע פון דער שווארצמייאישער געפאר קענען מיר זיך ראטעווען מיט אן אָפּמאַך מיט די קאדעטן אליין, דארפן מיר מיט די ס. ס. און די סיימיסטן קיינע פאר-האנדלונגען ניט פירן.

ב) צ. ס. א. פ. („ס. ס.“)

(„דער נייער וועג“, נומ. 24 פון 4 דעקאַבר 1906).

...גייענדיק אין דומע אונטער דעם לאָזונג פון אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, ניט אנערקענענדיק די מעגלעכקייט זיך צו באַשעפטיקן אין דומע מיט אָרגאַנישער אַרבעט און באטראכטנדיק די דומע נאָר אַלס אן אָרגאניזירונגס-צענטר פון דער רעוואָלוציע, טרעטן מיר אַריין אין פאַרייניקונג אַף דער גאַנצער צייט פון דער וואַל-קאַמפּאַניע און אַף אַרויסשטעלן אלגעמיינע קאַנדידאַטן נאָר מיט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, וועלכע גייען אין דומע אונטער דעמזעלבן לאָזונג און מיט דיזעלבע צילן ווי מיר, און וועלכע

באַטראַכטן די דומע אויך אַזוי ווי מיר באַטראַכטן זי. אַלס אַזוינע פּאַרטייען קענען באַטראַכט ווערן אַלע באַשטאַנד-טיילן פון דער „רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי", די פּאַרטיי „סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן", די אוקראַאינישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי „ספּילקאַ" און אַנדערע ענלעכע.

אין די ערטער, וואו מיר שטעלן קיין אייגענע דעפּוטאַטן ניט אַרויס, און וואו אַזאַ פאַרייניקונג איז ניט פאַראַגעקומען, דאַרף אונזער פּאָליטיק זיין געריכטעט אַף דורכצופירן וואָס מער אונזערע וואַל-מענער, איינערזייטס, און צו שטיצן אַנדערע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע קאַנדידאַטן, אַנדערזייטס. די גראַדאַציאָן, לויט וועלכע מיר שטיצן די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען איז פאָלגנדע:
אין דער ערשטער ריי שטייט די „רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פּאַרטיי" און אַלע אירע נאַציאָנאַלע באַשטאַנד-טיילן (מיט דער אויסנאַמע פונם „בונד"), און אַנדערע נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. ווייטער גייען: דער „בונד", די פּאַרטיי „סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן", אַנדערע סאָציאַליסטישע און שליסלעך רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

מיט דיזע אַלע פּאַרטייען טרעטן מיר אַריין אין אָרטיקע און ראַיאָנע אָפּמאַכונגען, אַנווענדנדיק, פאַרשטייט זיך, דערביי אַלעס מעגלעכעס, אום דורכצופירן אין די סאָציאַליסטישע וואַל-מענער-רייסטערס אויך אונזערע וואַל-מענער. נאָר ווען עס ווייזט זיך אַרויס אַלס אומעגלעך דאָס דורכפירן פון סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע קאַנדידאַטן און די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען זיינען אַזוי שטאַרק, אַז עס איז מעגלעך די געפאַר פון זייער זיג, נאָר דאַן טרעטן מיר אַריין אין אָפּמאַכונגען מיט די אָפּאָזיציאָנעלע און פּראָגרעסיווע פּאַרטייען.

וואָס אַנבאַטרעפט אונזערע באַציאונגען צו די אַזוי אָנגערופענע „אַלגעמיין-שטאָטישע קאָמיטעטן", קענען מיר וועגן זיי זאָגן פאָלגנדעס:

באַטראַכטנדיק דיזע קאָמיטעטן ניט אַלס אַלגעמיינע (אַזוי ווי אין זיי גייען אַריין נאָר אידן און ניט רעכטערע, ווי קאַדעטן) נאָר אַלס קאָמיטעטן פון בלויז געוויסע שיכטן און דאָס נאָר פון דער אידישער באַפעלקערונג, געפינען מיר פאַר אומעגלעך אין דיזע קאָמיטעטן אַריינצוגיין. דיזע שטאָטישע קאָמיטעטן באַטראַכטן מיר אַלס אַן ענגען בלאָק פון די בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג און אַף וויפל דיזע קאָמיטעטן זיינען ניט רעכטער אַלס קאַדעטישע, קענען מיר באַ די אויבנאָנגעוויזענע באַדינגונגען אַריינגיין מיט זיי אין אָפּמאַכונגען.

די גרינדונג פון אַזעלכע קאָמיטעטן איז דערלאָזבאַר נאָר אין די שטעט, וואו די באַפעלקערונג איז נאָך ניט אויפגעוואַכט צום פּאָליטישן לעבן, און ווען קאָמיטעטן קענען דאָרט דינען אַלס מיטל דורכצופירן סאָציאליסטישע דעפּוטאַטן. נאָר אויך אין דיזע פאַלן קען דאָס אַריינטרעטן אין דיזע קאָמיטעטן פאָרקומען בלויז מיט דער איינשטימונג, אין יעדער באַזונדערן פאַל, פון דעם צענטראַלן וואַל-ביוראָ.

עס בלייבט אונז נאָך צו ריידן וועגן אונזערע באַציאונגען צו אָפּמאַכונגען אין די אַרבעטער־קוריען.

אין דיזע קוריען טרעטן מיר אריין אין אָפּמאַכונגען נאָר מיט סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

שליסלעך וועלן מיר נאָך אויפמערקזאַם מאַכן די כאַווירים, אז אין די אינטערעסן פון אונזער זעלבשטענדיקער פּאַרטיי־אַגיטאַציאָן איז עס, אז אין אָפּמאַכונגען מיט ניט־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זאָלן מיר אריינטרעטן ערשט אין די אויסערסטע מאָמענטן.

צענטראלע וואל־ביוראָ באַם צ. ק.

ג) י. ס. א פּ. („ס ע ר פּ״).

(„פאָלקס־שטימע״, נומ. 1 פון דעקאַבר 1906).

1) די י.ס.א.פּ. טרעט ארויס אף די וואַלן אלס א זעלבשטענדיקע פּאַרטיי פונם אידישן אַרבעטער און פירט זעלבשטענדיק איר אַגיטאַציע.

באַמערקונג: דאָס איז ניט נויגייע צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, מיט וועלכע די י.ס.א.פּ. וועט אריינטרעטן אין אַ מער אָדער ווייניקער דויערנדן בלאָק צוליב אלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע צוועקן.

2) די טאַקטיק בענויגייע צו די „לינקע״ (די סאָציאליסטישע פּאַרטייען, דער פויערן־פאַרבאנד, די טרודאָוויקעס):

א) דאָרט, וואו די י.ס.א.פּ. שטעלט ארויס אייגענע קאַנדידאַטן אין דער דומע, טרעטן ארויס די אָרטיקע אָרגאַניזאציעס פון דער י.ס.א.פּ. גאנץ זעלבשטענדיק.

ב) דאָרט, וואו די י.ס.א.פּ. שטעלט קיין אייגענע קאנדידאַטן ניט אַרויס, דאָרט טרעטן אריין די אָרטיקע אָרגאניזאַציעס אין בלאָק פון די „לינקע״ און פירן די אַלגעמיינע טאַקטיק פונם „בלאָק״.

ג) דאָרט, וואו ס׳קומט פאָר אויסקלייבן צווישן שטיצן א בונדיסטישן אָדער ציאָניסטיש־סאָציאליסטישן קאַנדידאַט, דאַרפן די אָרטיקע אָרגאניזאַציעס שטיצן דעם בונדיסטישן.

3) בענויגייע צו די קאַדעטן. א בלאק מיט די קאַדעטן אַפן גאַנצן מעשעך פון די וואַלן איז אומעגלעך. איינצלנע אָפּמאַכן אין באַשטימטע קאָנקרעטע פאַלן אַף צעטיילן פּראָפּאָרציאָנעל די מאַנדאַטן אָדער אף שטיצן אַ מער פּראָגרעסיוון קאַנדידאַט קעגן א רעאַקציאָנערן זיינען מעגלעך אפילע ביז איינייגעם צוזאַמענשטעלן א באַשטימטן ליסט פון די וואַל־מענער (וויבאָרשטשיקעס), אין אלע פאַלן פירן די אָרטיקע אָרגאניזאַציעס זייער אַגיטאציע גאנץ זעלבשטענדיק, קיין שום פּראָגראַמנע אָדער טאַקטישע באַגרעניצונגען און האַנאָכעס זיינען אומעגלעך.

4) בענויגייע צו די אידישע וואַל־קאָמיטעטן. די אידישע

וואַל-קאָמיטעטן שטעלן ניט פאָר קיין באַשטימטע פּאַרטיי, קיין באַשטימטע פּאָליטישע ריכטונג, אַן אָפּמאַך מיט זיי איז מעגלעך אַף די אייגענע גרונדן, ווי מיט די קאַדעטן, נאָר בענויגייע צו באַשטימטע מענער, וועלכע באַפרידיקן דעם נויטיקן מינימום פון דעמאָקראַטיזם און וועלן אונטערהאַלטן די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אַווטאָנאָמיע.

206. די וואַל-טאַקטיק פון די בורזשואזע (אַלגעמיינע) ציאָניסטן.

(צירקוליאַר פון ציאָניסטישן צ. ק. „דאָס יודישע פאָלק“, נומער 29, 1906).

...דאָרט, וואו ציאניסטן קאָנען זעלבשטענדיק [דורכפירן זייערע קאַנדידאַטן אין דומע, דאַרפן זיי מיט קיינעם ניט אריין אין בלאָקן. אָפּט וועלן אָבער אידישע פּאַרטייען מוזן אריינטרעטן אין בלאָקן. אין אזוינע פאַלן מוז מען זיך האַלטן אָן פאָלגנדע קלאָלים: נעענטער ווי אַלע שטייען צו אונז די אידישע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע אָנערקענען, פון איין זייט, אונזערע אלגעמיין-דעמאָקראַטישע, און, פון דער אנדער זייט, אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. מיט זיי צוזאַמען קאָנען מיר לייכט בילדן אַ פאריייניקטן וואַל-קאָמיטעט, און פאַר אַ קאַנדידאַט וועט ארויסגעשטעלט ווערן א מיטגליד פון יענער גרופּע, וועלכע האָט דאָ פאַר זיך אַ מערהייט ווילער.

אָבער בעשום אויפן טאָרן מיר זיך ניט פאַראייניקן מיטן „בונד“, מיט אידישע מיטגלידער פון דער רוסלענדער סאָציאל-דעמאָקראַטיע און מיט די סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן (וועלכע רופן זיך אָן ניט ריכטיק ציאָניסטן-סאָציאַליסטן).

אָט די אלע פּאַרטייען האָבן א גאַנץ-קליינע צאָל ווילער. ווען זיי שטעלן ארויס זייערע קאַנדידאַטן, איז דאָס ניט, ווייל זיי האָפן אַף דעם קויעך פונם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אַף דעם, וואָס דער מיטעלער אידישער ווילער איז ניט באַקאָנט מיט זייערע פאַרלאַנגען. מע מוז דערקלערן, אז אַ בונדיסט, א אידישער סאָציאַל-דעמאָקראַט, אָדער אַ ס"ס'אָוועץ וועט 1) אין דומע ארויסטרעטן ניט מער ווי אין נאָמען פון איין קלאַס — פונם פּראָלעטאַריאַט, האַגאַם ער וועט אויסגעווילט ווערן פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג; 2) אזאַ דעפּוטאַט קאָן ניט אָדער וויל ניט באַשיצן די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פונם אידישן פאָלק: א אידישער ס. ד. טרעט ארויס אָפן פאַר אסימילאַציע, א בונדיסט מוז זיך אונטערגעבן דער דיסציפּלין פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אַ ס"ס'אָוועץ האָט קיין רעכט ניט ארויסצושטעלן נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, ווייל זיין פּראָגראַם דערלאָזט דאָס ניט; 3) די אידישע מאַסע איז פאַרינטערעסירט אין דעם, אַז די פולבאַרעכטיקטע דומע זאָל זיך פאַרנעמען מיט א בויענדער אַרבעט, אין דער צייט ווען די עקסטע פּאַרטייען וועלן קעמפן קעגן די אָרגאַנישע אַרבעט פון דער דומע.

נאָר אין דעם אויסערסטן פאַל, ווען מיר וועלן ניט האָבן קיין אייגענעם דעפּוטאַט, מעגן מיר ארויסשטעלן א קאַנדידאַטור פון די סיימיסטן*). די סיי-

*) י. ס. א. פּ. („סערפּ“).

מיסטן האָבן אויך א קליינע צאָל ווײלער, נאָר דאָס פּראָגראַם פון זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען נעענטערט זיך צו אונזערע, און די גרעסטע צאָל פון זייערע כאַוויירים זיינען גוטע אידישע נאַציאָנאַליסטן. איבעריקנס, האַנדלט זיך דאָ וועגן 2—3 קאַנדידאַטן, וואָס פאַרדינען אויסגעקליבן צו ווערן אין דומע. נאָר איינס מוזן מיר געדענקען: מיר דאַרפן פאָדערן פון אלע אידישע קאַנדידאַטן, אז א כויך וואָס זיי דאַרפן אנערקענען אונזערע דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, דאַרפן זיי נעמען אף זיך די היסכאַיוועס „אריינצוטרעטן אין דער אידיש-נאַציאָנאַלער פאַרלאמענטאַרישער גרופּע, וועלכע ווירקט אף פעדעראַטיווע יעסוידעס". אונזערע דעפּוטאַטן דאַרפן אין דומע גופע מיט זייער גאַנצן ארויסטרעטן ווייזן, אז עס עקזיסטירט א אידישע נאַציע; אלע אונזערע דעפּוטאַטן מוזן זיך איינע מיט די אנדערע באַראָטן אין אלע פראַגן, וואָס זיינען נויגייע די אינטערעסן פונם אידישן פאָלק.

207. די בונדישע וואַל־פּלאַטפאָרמע צו דער 2-טער דומע.

(פון פאַרטיי-לעבן. „פאָלקסצייטונג", נומער 233, 1906)

...באַם קנאַלן פון שיסערייען, אונטער דער שטרענגער האשגאָכע פון פּאָליציי, זעענדיק פאַר זיך דעם שאָטן פון טורמע און סיביר, וועלן די רעכטלאָזע בירגער קלייבן זייערע פאָרשטייער אין אַ רעכטלאָזע דומע. דאָס וועלן זיין וואַלן אָן פרייהייט, דאָס וועט זיין א דומע אָן א קאָנסטיטוציע.

...אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין קאָנסטיטוציע, אין רוסלאַנד איז פאַראַן א מאַכטלאָזע דומע און אַ זעלבסטהערשנדע מאַכט. און דאַן ווען די ערשטע דומע האָט הויך און ליידנשאפטלעך פאַרורטיילט די רעגירונג פון אבסאָלוטיסטישע מיניסטאָרן, איז די הערשנדע באַנדע געבליבן אף אירע ערטער און האָט געטאָן איר ארבעט. די דומע האָט באַטראַכט געזעצן, די רעגירונג האָט געהאַנגען און געמאַכט פּאָגראָמען, דאָס איז די פרייהייט, וועלכע מ׳האָט געשענקט רוסלאַנד.

אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין קאָנסטיטוציע, זייט דאָס וויסן און געדענקט דאָס, בירגער, בעשאַס איר וועט קלייבן אייערע פאָרשטייער אין גאָסודארסטווענע דומע. זייט וויסן, אז פרוכטלאָז וועט בלייבן יעדע ארבעט אין דומע, ביז וואַנען דער עמעסער באַלעבאָס אין לאַנד וועט בלייבן זיין אלטער פיינד — די זעלבסטהערשנדע מאַכט. מאַכטלאָז וועלן זיין די פאַרלאנגען פון דער דומע, אין קאַנצעליאַרעס וועלן פוילן די געזעצן, וואָס עס וועלן שרייבן די פאָרשטייער פון פאָלק, ווייל ניט אין די הענט פון פאָלק געפינט זיך די מאַכט.

די זעלבסטהערשנדע רעגירונג האַלט דידאָזיקע מאַכט איצטער, ווי פריער, אין אירע הענט, זי וועט זיך פרייוויליק פון איר ניט אָפּזאָגן. מיט געוואַלט דאַרף מען ארויסרייסן די מאַכט פון דידאָזיקע קלעפּעדיקע הענט. דאָס פאָלק אַליין, נאָר דאָס פאָלק, וואָס וועט אויפשטיין קעגן זיינע אונטערדריקער, וועט

מיט א מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע קענען אראָפּשווענקען די אלטע אָרדענונג, נאָר נאָכן אַראָפּשווענקען זי װעט ער ווערן דער באַלעבאָס פֿונם לאַנד. נאָר דאַן װעט איבערגיין אין זיינע הענט די מאַכט, ארויסגעריסן פֿון די הענט פֿון די אלטע הערשער.

...א גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג — אָט וואָס רוסלאַנד דאַרף האָבן. פֿאַר אַ גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג דאַרפֿן קעמפֿן די אלע, ווער עס וויל, אז די אלטע אָרדענונג זאָל אינגאַנצן אונטערגיין. פֿאר א גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג דארף קעמפֿן די גאָסודארסטווענע דומע, און צו דעם דאָזיקן קאַמף דארפֿט איר שיקן אין דומע אייערע אויסגעוויילטע.

מיט אייניקע באַזונדערע צילן גייט אין דומע יעדער פֿאַרטיי. עס זיינען פֿאַראַן פֿאַרטייען, וועלכע ווילן דורכפֿירן אין דומע זייערע מענטשן, כדי זיי זאָלן, ערפֿילנדיק דעם ווילן פֿון דער הערשנדער באַנדע, אף שטענדיק פֿאַרפֿעסטיקן די אלטע אָרדענונג, אף שטענדיק דערשטיקן דעם קאַמף פֿון דעם פֿאָלק, וואָס הויבט זיך אָן צו באַפֿרייען...

...עס זיינען פֿאַראַן פֿאַרטייען, וועלכע שרייבן די פֿאָדערונג פֿון פֿרייהייט אף זייער פֿאָן, אָבער זיי שטייען אפֿן האַלבן וועג צווישן פֿאָלק און דער זעלבסטהערשונג. ...אזאַ איז די פֿארטיי פֿון די „קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן" („קאַדעטן"), זי גייט אין דומע כדי פֿרידלעך צו שרייבן געזעצן, פֿרידלעך מאַכן אָנפֿראַגן די מיניסטאָרן, און נאָר צוליב דעם... דידאָזיקע פֿאַרטיי שטייט אפֿן גרונט פֿון געזעץ און האַלט זיך פֿאַר דעם געזעץ, זי וויל קעמפֿן מיט דער זעלבסטהערשנדער מאַכט, אַכטנדיק די זעלבסטהערשנדע געזעצן. זי וויל קעמפֿן מיט דער רעגירונג, אָנעמענדיק נאָר די מיטלען, וועלכע די רעגירונג גופֿא האָט דערלויבט, ווייל זי האָט מוירע פֿאַר אַן אַנטשלאָסענע פֿאָלקס-באַוועגונג, וועלכע פֿאַרניכטעט ביזן גרונט די אַלטע אָרדענונג.

...אונזערע צילן זיינען אַנדערע, אַנדערע זיינען אויך אונזערע וועגן.

...ניט פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג דאַרף מען. פֿאַרניכטן דאַרף מען די אלטע מאַכט. ניט אונטערגעבן זיך די געזעצן פֿון דער זעלבסטהערשונג — צערייסן זיי, די קייטן, וואָס די אבסאָלוטיסטישע מאַכט האָט אָנגעטאָן אפֿן פֿאָלק. אַן אונטערטעניקע דומע, א אונטערטעניקעס פֿאָלק, דאָס איז אַ טעל צו דער פֿרייהייט, אַן אומגליק פֿאַרן לאַנד. א קעמפֿנדעס פֿאָלק, א קעמפֿנדע דומע — דאָס איז די איינציקע אָרוועס פֿון זיג.

מיר שיקן אונזערע דעפּוטאַטן אין דומע, כדי זיי זאָלן מיט אַן אנטשלאָסענעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף העלפֿן דעם פֿאָלק צו פֿאַרניכטן ביזן גרונט די רעגירונג פֿון זעלבסטהערשנדע פּאָגראָם-מאַכער.

...וועמען וועט איר אויסקלייבן פֿאר אייערע פֿאָרשטייער? וועמען וועט איר טרויען אייערע שטימען?

וועט איר זיי טרויען די, וועלכע רופֿן אייך בעשאַס די וואַלן פֿון א דעפּוטאַט נאָכפֿרעגן זיך נאָר וועגן איין זאַך — אויב ער איז א איד? די, ווער עס רופֿן לאָזן אַן א זייט אלע פֿאַרטייאישע כלוקע-דייעס, פֿאַרגעסן די פֿאַרשיידנ-

הייטן פון די פּאָליטישע צילן און מיטלען, און קלייבן דעם, וועמען מע לייגט אייך פאָר נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ איד?

אזוי האָט איר געקליבן אין די ערשטע דומע, פאָלגנדיק דעם צורוף פונם „פאַריין פון פולבאַרעכטיקונג", איר האָט ניט געפרעגט באַ אייערע קאַנדידאַטן וועגן זייערע פאַרטייען, איר האָט נאָר געפרעגט וועגן זייער נאַציאָנאַליטעט, האָבן אייך דידאָזיקע וואָלן אסאַך געגעבן? האָבן אסאַך אויפגעטאָן אייערע דעפּוטאַטן? גאָרניט.

...מ׳וועט פאַר אייך ריידן וועגן אידישע אכדעס, מ׳וועט פאַר אייך ריידן וועגן טויוועס-האַקלאַל, מ׳וועט שרייען צו אייער אידיש האַרץ. זייט וויסן, דאָס איז די פּאָליטיק פון די שטאָט-גווירים, זיי פירן דורך אייגענע מענטשן אין דומע, אָט די פּניי האָאיר, און זיי ווילן, אז איר זאָלט מיט אייערע שטימען אונטערשטעניק און איינשטימיק העלפן זייערע מענטשן פאַרנעמען די ערטער אין דומע. פאַר זיי זיינען נויטיק די אלע דראָשעס וועגן אידישע אכדעס, וועגן טויוועס-האַקלאַל, מיט אזעלכע רייד פאַרטומלען זיי אנדערע, די וויכטיקסטע, די נויטיקסטע פראַגע: ווי פאַרשטייט דידאָזיקע „טויוועס-האַקלאַל" זייער דע-פּוטאַט. ווי וועט ער זי פאַרטיידיקן, פאר וועלכער פּאָליטיק האַלט ער זיך, צו וועלכער פאַרטיי געהערט ער?

...צו אייך וועלן קומען אויך די, וועלכע האָבן אין מעשעך פון א לאַנגע ריי יאָרן צוגעזאָגט א ניי פריי לעבן אין א פריי אידיש לאַנד, די פאָרשטיי-ער פון ציאָניזם אין אלע זיינע מינים און אנשטאַלטן. איינע פון זיי שרייבן אף זייער פאָן ערעץ-איסראָעל, די אנדערע שטרעבן אין אן אומבאַוואוסטע לאַנד, איינע פאַרבן זייער פאָן מיט דער רויטער פאַרב פון סאָציאַליזם און רעוואָלוציאָניזם, אנדערע זיינען מעסיקער און געלאַסענער.

אָבער זיי אלע זאָגן אייך דאָסזעלבע: ניט דאָ, ניט אין רוסלאַנד וועט זיך אַנטוויקלען דאָס אידישע לעבן. זיי רופן אייך אף יענער זייט יאָם, אין וויטע לענדער, אהין זיינען געווענדעט זייערע בליקן, מיט דעם קינפטיקן לעבן פון קינפטיקע מלוכעס לעבן זיי.

דאָ זיינען זיי פרעמדע, געסט זיינען זיי אין לאַנד, צי וועלן זיי דאָ קעמפן פאַר א נייעם לעבן?

...ניט קעדיי צוצוגרייטן די אויסוואַנדערונג פון די אידן פון רוסלאַנד וועט איר שיקן אייערע דעפּוטאַטן אין גאָסודאַרסטווענע דומע, און אין קאַמף פאַר אַ בעסערע צוקונפט דאָ אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין אָרט פאַרן ציאָניזם, פאַר זיינע פאָרשטייער.

נאָר די פאַרטיי, וועלכע האָט פארבונדן איר שיקזאַל מיט דעם שיקזאַל פון דעם זיך באפרייענדן רוסלאַנד, נאָר די פארטיי, וועלכע שטייט אין די רייען פון די באַפרייאונגס-קרעפטן פון לאַנד, נאָר די פאַרטיי, וועלכע איז גרייט אָן ווייגערונגען צו גיין ביזן סאָף אין דעם באַפרייאונגס-קאַמף, אין דעם קאַמף מיט דעם יאָך, וואָס הערשט אין לאנד, אין קאַמף מיט דער רעכטלאָזי-קייט, וואָס דריקט די אידן, — נאָר זי קען באַשיצן אייערע אינטערעסן און באַ-דערפעניש, בירגער.

בירגער! דער אלגעמיינער אידישער ארבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד, דער טייל פון דער רוסלענדער סאָצ.-דעמאָקראטישער ארבעטער-פּאַרטיי רופט אייך צו שטיצן אים אין דעם וואַל-קאַמף.

מיר זיינען די פּארטיי פון אַרבעטער-קלאַס. דער אונטערדריקסטער פון אלע שיכטן פון פאָלק, הויבט אויף דער ארבעטער-קלאַס פריער פאַר אלע די פאָן פון באַפרייאונגס-קאַמף, האַלט העכער פאַר אלעמען דידאָזיקע פאָן, לאָזט זי אָפּ שפּעטער פאר אלעמען, זיין ענדציל איז — איבערבויען דעם גאַנצן ביניען פון לעבן אָפּן גרונט פון סאָציאַליזם, דער קלאסנקאַמף פירט אים צו דעמדאָזיקן ציל. די נאָענטסטע אויפגאַבע אפן וועג צו דעמדאָזיקן ציל — איז צו דערשלאָגן זיך צו א פרייע דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין לאַנד. די פּאַרטיי פון דעם קלאַס, וועלכער האָט ניט וואָס צו פאַרלירן אין קאמף, אכוץ זיינע קייטן, קעמפט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דרייסטער פאר אלעמען, אנטשלאָסע-נער פאַר אלעמען פאַר די באפרייאונג פון דעם גאַנצן לאנד, פון אלע אונ-טערדריקטע שיכטן, פון אלע אונטערדריקטע נאַציאָנען.

...שטייענדיק בעראָש פון די באַפרייאונגס-שטרעבונגען פון אלע לעבעדיקע קרעפטן פון אידנטום, פאָדערט ער איינינעם מיט דער פולשטענדיקער אָפּשאַ-פונג פון אלע באַגרעניצונגען און אויסנאַם-געזעצן פאר אידן, אויך די גלייכ-באַרעכטיקונג פון דער אידישער שפּראַך און דאָס איבערגעבן פון די קולטורע-לע איניאָנים אין די הענט פון די נאַציע זעלבסט: ער שטעלט ארויס די פּאָדערונג פון קולטורעל-נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע.

איינינעם מיט דער גאנצער סאָציאל-דעמאָקראַטיע אָנערקענט ער, אז נאָר איין אלרוסלענדישע גרינדונגס-פאַרזאַמלונג קען פארווירקלעכן דידאָזיקע פּאָ-דערונגען פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. די גרינדונגס-פארזאמלונג — דאָס איז זיין קאַמפּס-לאָזונג.

208. פון דער וואל-פּלאַטפּארם פון דער צ. ס. א. פּ. („ס. ס.")

(„דער נייער וועג", נומ. 25 פון 12 יאַנוואר 1907).

בירגער!

ווידער ווערט איר גערופן צו קלייבן פּאַרטרעטער אין די גאָסודאַרסטווענע דומע.

די ערשטע דומע איז צעטריבן געוואָרן, ווייל די ביוראָקראַטישע רעגירונג האָט אין איר דעם גרויזאַמען רואף פון דער רעוואָלוציע דערשפּירט. נאָר די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך וואָס ווייטער אלץ ברייטער און טיפער צעוואַקסן. אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון פאָלקס-לעבן זיינען די קויכעס פון דער רעאַקציע וואָס ווייטער אלץ מער איזאָלירט געוואָרן, און פאַרכאַ-לעשט, אָפּגעמאַטערט פון אירע אייגענע זינד און פאַרברעכן, מוז די רעגירונג

ווידער רופן צו די פעלקער פון רוסלאַנד, זי מוז ווידער זוכן זייער שטיצע אין דער פאָלקס-פאַרטרעטונג...

דאָס וואָרט געהערט אייך, בירגער, איר דאַרפט איצט קלאָר און דייטלעך דערקלערן פאַר וועמען איר שטייט. איר ווייסט גוט, בירגער, אַז ס'איז ניטאָ אין רוסלאַנד קיין קאָנסטיטוציע, ניטאָ קיין געזעץ, נאָר טליעס פאַר ליבע, קאַזעמאַטן פאַר עמעס, הונגער פאַר פויערים און אַרבעטער, שפּיזן פאַר שוואַכע, קוילן פאַר ליידנדע און פאָגראָמען, פּאָגראָמען פאַר אידן. איר דאַרפט איצט זאָגן אייער וואָרט, אָבער ניט דאָס וואָרט, וואָס די רעגירונג דערוואַרט פון אייך, נאָר דאָס וואָרט, וואָס עס דערוואַרט פון אייך די זאַך פון פאָלקס-באַפרייאונג. און זאָלן אייערע וואַל-צעטלען אויסדריקן אייער שטרענגן פסאַק-דין איבער די הענקער פון פאָלקס-פרייהייט.

אָבער ניט בלויז צוליב מאַניפעסטאַציעס, נאָר איבערהויפּט צוליב מאַסים דאַרפט איר שיקן שילוחים אין דומע. ניט בלויז צוליב מוידיע זיין פון אייערע פרומע וואונשן, נאָר צו פירן אַ ביטערן קאַמף דאַרפט איר זיי שיקן. באַ די ערשטע וואַלן, ווען איר האָט נאָר וואָס דערוואַכט צום פּאָליטישן לעבן, האָט איר נאָר געאײַלט אויסצודריקן אייער טיפע סינע צום אַלטן רעזשים. איר האָט נאָך דעמאָלט באַ אײַערע אויסדערוויילטע ניט געפרעגט, פאַר וואָס שטייען זיי, נאָר בלויז קעגן וועמען גייען זיי.

...איצט איז דאָס ווייניק. איצט מוזט איר וויסן, נאָך וואָס שיקט איר אייערע פאַרטרעטער אין דומע. ניט צוליב מעליצעדיקע דראָשעס קעגן מיניס-טעריום, נאָר צוליב א שטורמישן אָנפאַל אַפן גאַנצן אַלטן סיידער...

קאָלזמאַן די אַלטע אָרדענונג איז ניט פאַרניכטעט, קאָלזמאַן עס עקזיסטירט דער ביוראָקראַטישער גאַס. סאָוועט אַף צו שטערן די אַרבעט פון דער פאָלקס-פאַרטרעטונג; קאָלזמאַן דידאָזיקע פאָלקס-פאַרטרעטונג איז איינגעבונדן און פאַרפלאָנטערט אין א נעץ פון „גרונט-געזעצן", וועלכע די ביוראָקראַטיע האָט אויסגעטראַכט, און די פאָלקס-שילוחים ווערן אויסגעקליבן לויטן אומזיניקן וואַל-געזעץ, וועלכער ווערט געטייטשט, דערפילט און פאַרקירצט נאָכן „פרו-מען" סייכל פון דעם פאַרשימלטן סענאַט, — מיט איין וואָרט, קאָלזמאַן עס זייגען נאָך דאָ שפורן פון לייב-קנעכטשאַפט און אליינהערשאפט, קאן דאָס פאָלק ניט פריי זיין...

...נאָר אַזעלכע, וועלכע זייגען גרייט צו קעמפן פאַר די פולע אנטוואָפע-נונג פון דער אַלטער מאַכט און פאַר די אויפרופונג פון א פולמעכטיקער אַל-רוסלענדישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, דאַרפט איר שיקן אין דומע.

בירגער, אידן! איר האָט אייערע — גאָר באַזונדערע בלוטיקע כעשבוינעס מיט דער אַלטער אָרדענונג... אידן זייגען אין די אויגן פון דער רעגירונג פון שטענדיק אָן אַ פרעמד פיינטלעך פאָלק, וואָס רעכטלאָזיקייט און פאַראַכטונג איז זיין גוירל. און אף דעם קאַמף קעגן אידן וואַרפט זיך די רעגירונג מיט אלע אירע פינסטערע קויכעס... אָנהויבנדיק פון שענדלעכע אויסנאַם-געזעצן און ענדיקנדיק מיט די ווילדע אָנפאַלן אין פאָרם פון אומגעהערטע בלוט-בע-דער-פאָגראָמען, האָט די רעגירונג רואינירט די אידישע מאַסן, האָט אָפּגע-

שוואַכט זייערע אַזוי אויך שוואַנקנדע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, האָט פאַרשטאַרקט און דעזאָרגאַניזירט דעם שטראָם פון דער שטענדיקער עמיגראַציע, דערפירנדיק אים צו אַזאַ שטופע, באַ וועלכער ס'איז שווער פאַר די מאַסן צו פירן אַן אָרגאַניזירטן קאַמף.

און איצט איז געקומען די צייט, ווען איר, בירגער, דאַרפט אַרויסטראָגן אייער פסאַקדין איבער די היסטאָרישע טאַליאָנים, ס'איז געקומען דער טאָג, ווען איר דאַרפט אויסדריקן דעם קאַעס און צאָרן פון דוירעס, דעם שמערץ און ווייטאָק פון יאָר-הונדערטער: איר דאַרפט שיקן אייערע פאָרשטייער אין דומע...

וועמען זשע וועט איר שיקן אין דומע, בירגער=אידן?

...דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז דער קלאַס, וועלכער, אנשטויסנדיק זיך אין זיין שמערצפולער מילכאָמע אָן דער אומנאָרמאַלער לאַגע פון אידישן פאָלק, האָט ער טיף און ערנסט אַנערקענט די נויטיקייט צו שאַפן אַ זעלבשטענדיקע אידישע געזעלשאַפט. און די פּאַרטיי פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע נעמט אַרום אלע זיינע היסטאָרישע אינטערעסן, דאַרף און וועט ווערן די רעוואָלוציאָנערע אָנפירערין און שיצערין פון דעם אידישן אונטערדריקטן פאָלק. זי קעמפט אין די רייען פון דער אינטערנאַציאָנאלער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, די פּראָגראַם און די טאַקטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז אויך איר פּראָגראַם און טאַקטיק. שטרעבנדיק, אלס די פּאַרטיי פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער, איבערצובויען דאָס אידישע לעבן אַף נאָרמאַלע יעסוידעס, צו פאַרזיכערן פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט דעם אומגעשטערטן גאַנג צום סאָציאַליזם, קעמפט זי אין יעדן לאַנד צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער סאָציאַל=דעמאָקראַטיע פאר דער ווירקונג אַף די מלוכע, צוליב דער דעמאָקראַטיזירונג פון די לעבנס-פאָרמען, צוליב די אינטערעסן פון סאָציאַליזם. די ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי, וועלכע פאַרטרעט די אינטערעסן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, וויקלט ברייט פאַנאַנדער איר פּאָן באַזונדערס איצט אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע. זי רופט צו גיין אין דומע, זי מאַכט זיך אָבער קיינע אילוזיעס ניט אין איר אָפּשאַצן דידאָזיקע דומע. פון דער דומע צו דער פולשטענדיקער פאָלקס=הערשאַפט — דאָס איז איר לאָזונג. און נאָר, ווען די גאַנצע מאַכט וועט איבערגיין אין די הענט פון פאָלק, וועט זי זיין בעקויעך צו דערפילן איר היסכאַיוועס צום פּראָלעטאַריאַט און די ברייטע פאָלקס=מאַסן. דאָס פּראָגראַם, וואָס די פּאַרטיי פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט שטעלט ארויס אין איר קאַמף, איז געריכטעט צו פאַרטיידיקן ניט נאָר זיינע אינטערעסן, נאָר די אינטערעסן פונם גאַנצן פאָלק...

די צ.-ס. א.=פּ. קעמפט פאַר די פאָדערונגען פון דער גאַנצער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אויסער די... אלגעמיינע פאָדערונגען, שטעלט זי אָבער נאָך אַרויס אירע ספּעציעל אידישע פאָדערונגען. זי פאָדערט די באַלדיקע אָפּשאַפונג פון אלע אויסנאַמס=געזעצן קעגן אידן און די פולשטענדיקע גלייכבארעכטיקונג פונם אידישן פאָלק און פון דער אידישער שפּראַך. אָנווענדנדיק דאָס רעכט פון נאַציאָנאלער זעלבסט-באַשטימונג אַף די אידישע ווירקלעכקייט,

טיילט די פּאַרטיי ארויס א געוויסן סכום אינטערעסן, וועלכע זי שטרעבט צו פארטיידיקן אפן פּאַסנדן אויפן. זי פאָדערט, אַז די אידישע פאָלקס-בילדונג זאָל אַפּן כעשבן פון דער מלוכע איבערגעגעבן ווערן אין רעשוס פון אידישע שול-פאַריינען, אין וועלכע עס וועלן זיך אָרגאַניזירן אידישע געזעלשאַפטלעכע גרופּן לויט דער שפּראַך, וועלכע זיי אַנערקענען פאַר דער שול. ווענדנדיק זיך ווייטער צו דער אידישער עמיגראַציע, וועלכע ווערט אלץ גרעסער און רירט אן דאָס גאַנצע אידישע פאָלקס-לעבן, פאָדערט די צ.-ס. א.-פּ. אפּן געביט פון סאָציאַלער געזעצגעבונג די געזעצלעכע באַשיצונג פון די אינטערעסן פון דער אידישער עמיגראַציע.

דאָס אלץ וועט אבער קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך א גרינג-דונגס-פאַרזאַמלונג, פאַר וועלכער די פּאַרטיי קעמפט צוזאַמען מיט דער גאַנצער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

209. פון דער וואַל-פּלאַטפאָרם פון דער י. ס. א. פּ. („סערפּ").

(וואַל-אויפרוף פון צ. ק. פון י. ס. א. פּ. „פאָלקס-שטימע", נומ. 2, 25 דעקאַבר 1906).

...דאָס גיין אין דער דומע איז פאַר אונז, סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, אַ שווערער, האַרטער „מוז", אויסגעשמידט פון דער שווערער, האַרטער צייט. מיר מוזן זעען, לעבאָל האפּאָכעס, אַז ער זאָל ווערן אין אונזער האנט צו אַ שאַרפן קליינאיען, מיט וועלכן מיר זאָלן קענען ברענגען דער רעגירונג אַלע די וואונדן, וועלכע מע קען איר ברענגען אין דעם ענגן שעטעך פון דעם הויקערדיקן פאַרלאַמענט.

אידן! דערזעלביקער שווערער האַרטער „מוז" צווינגט אויך אונז, די י. ס. א. פּ., צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער וועלט פאַנאַנדערדוויקלען אונזער פאָן אין דער „גאָסודאַרסטווענע דומע". ניט פאַר אַזאַ פאַרלאַמענט און ניט אין אַזאַ לאַגע, ווי די איצטערדיקע, וואָלט זיך אונז געוואָלט אָפּן אַרויסזאָגן אונזערע צילן — אָפּן, אָן אַן אויפהער, ניט אָפּצולאָזן איין קווינט פון די פאָדערונגען, וועלכע מיר מוזן אַרויסשטעלן, קעדיי צו באַפרייען דעם פאַרשקלאַפטן אַרבעטער, די אונטערדריקטע שיכטן און קלאַסן, קעדיי צו באַפרייען אונזער אידיש פאָלק פון זיין אייביקן גאָלעס און געבן אים די מעגלעכקייט אליין איינצוּאָרדענען זיין לעבן נאָך זיין סייכל און נאָך זיין יוישער.

אָבער אַף אונז ליגט די שווערע היסכאיוועס אומעטום און צו איטלעכער צייט צו קעמפן פאַר דעם וועג, אין וועלכן מיר זיינען זיכער, אַז ער וועט אונז ברענגען צום ציל: דעם וועג פון פאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען און דעם אידישן נאַציאָנאַלן סיים. מיר טאָרן ניט פאַרשווייגן ערגעץ ניט, ביפּראַט מוזן מיר געדענקען, אַז אין דעם איניען פון פאַרטיידיקן אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן קענען מיר אונז אַף אַנדערע אידישע און ניט אידישע פאַרטייען בעשום אויפן ניט פאַרלאָזן.

קיין איין ניט אידישע פּאַרטיי, סאַי די מער, סאַי די ווייניקער לינקע, סאַי די קאַדעטן, סאַי די סאָציאַליסטן, קענען ניט נעמען אַף זיך אויסצודריקן די באַדערפעניש פון דעם אידישן לעבן, אלץ, אין וואָס עס נויטיקט זיך אונזער פאָלק. די בורזשואַזע קאַדעטישע פּאַרטיי, וואָס באַמיט זיך צו מאַכן שאָלעם צווישן דער רעגירונג און דעם רעוואָלוציאָנערן פאָלק האט קיין קויכעס ניט צו גיין אליין אַף דעם וועג פון ראַדיקאַל-דעמאָקראַטישע איבערבויאונגען, ניט אָנגעטריבן פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. נאָך איר גאנצן אינעווייניקסטן מעהוס נאָך פעלט איר די קראַפט ארויסצוטרעטן אין דומע מיט אַ ברייטער האָזעדיקער פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער גלייכבארעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער. דידראָזיקע פּאָליטישע מעקלער וועלן געוויס פריער פאַר אַלץ אַראָפּלאָזן אין זייערע פּאָדערונגען בענויגייע צו דער אידישער פראַגע.

די ניט אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטייען, וואָס ווייסן די אידישע פראַגע נאָך די יעדיעס פון זייערע פּאַרטיי-כאַווײרים — אידישע אינטעליגענטן — אסימילאַטאָרן, זיינען אויך ניט מעסוגל נעמען אין זייערע הענט דעם גוירל פון דעם אידישן פאָלק. זיי מעגן זיין די שענסטע מענטשן, די בעסטע סאָציאַליסטן און די רעוואָלוציאָנערסטע קעמפּער, אָבער זיי זיינען ווייט פון דער אידישער וועלט, אירע צאָרעס און נויטן, איר ווילן און אירע האָפענונגען. געוויס ווילן זיי באַפרייען דאָס פארפאָלגטע אידישע פאָלק; אָבער זייער אומוויסנהייט אין אונזער לעבן און דער פאַלשער קוק אַף אים, וואָס זיי האָבן באַקומען פון אונזערע אסימילאַטאָרן, וועלן מאַכן אַ טעל פון זייער גוטן ווילן.

אין דומע מוז אַרויסטרעטן א אידישע פּאַרטיי, וואָס זאָל הויך אויפהויבן דעם קאָל פון דער אידישער גאָס, און קלאָר אַרויסזאָגן זייער ווילן בענויגייע צו די אינטערעסן פון דער אידישער נאַציע. נאָר א אידישע סאָציאַליסטישע פראַקציע אין דומע, וואָס זאָל גיין מיט דעם קויעך פון דעם אָרגאַניזירטן אידישן אַרבעטער-קלאַס און וואָס זאָל צוציען צו זיך די סימפּאַטיע פון אַלע אָרימע פאָלקס-מאסן, וועט קענען האפעדיק אַרויסטרעטן מיט די פּאָדערונגען פון אונזער פאָלק.

ניט די אידן, וואָס האָבן מוירע אַרויסצוזאָגן אָפן זייער ווילן; ניט די אידן, וואָס זיינען געוואוינט צו שטאדלאנעס און בעטלען; ניט די אידן, וועלכע באַמיען זיך מיט זייער פּאָליטישער טעטיקייט אָפּצושוואַכן דעם גאנג פון דעם באַפרייענדן רעוואָלוציאָנערן קאַמף; ניט די אידן, וועלכע האָפן צו געווינען אונזער פרייהייט מיט שיינע רייד, און נאָך מער מיט שיינעם שווייגן — ניט זיי קענען איינשטעלן זיך פאַר דאָס ליידנדע אידישע פאָלק אקעגן דער רעגירונג, וואָס וויל אונז דערטרינקען אין דעם יאַם פון אונזער אייגן בלוט.

ניט די אידן, וואָס באַהאלטן זייער אידישקייט, וואָס גיסן זיך צונויף מיט די ניט אידישע פּאַרטייען, וואס האסן דעם אייביקן אידישן וואַנדערער און באַוואַרפן מיט שמוץ דעם הייליקסטן און טיף איינגעוואָרצלטן אידעאל פון אונזער פאָלק סאָפקאָלסאָף פּאָטער צו ווערן פון לאנגן גאָלעס און איבערבויען דאָס גאנצע אידישע לעבן אַף נייע יעסוידעס פון א נארמאלער נאַציאָנאלער אַנטוויקלונג, — ניט די אידן, וועלכע שווינדלען מיט דעם אידישן נאַציאָנאליזם,

שווערן טרייהייט צו דעם אידישן פּאָלק און בייסמאיסע רייסן זיך אָפּ פון אים מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער, — ניט די אידן קענען ריידן אין נאָמען פון דעם אידישן ארבעטער-קלאַס, דעם אוואנגארד פון דעם גאנצן אידישן פּאָלק.

דאָס קעמפנדע פּאָלק וויל פולע און גאנצע בירגערלעכע נאציאָנאלע רעכט. נאָר די אידישע סאָציאליסטישע ארבעטער-פּארטיי, וואָס אָרגאניזירט זעלבּ-שטענדיק דעם אידישן ארבעטער און לאָזט ניט צו, ער זאָל פארטרונקען ווערן אין דעם יאם פון אנדערע, ניט אידישע פארטייען, — נאָר די אידישע סאָציא-ליסטישע ארבעטער-פּארטיי האָט אָנגעשריבן אף איר פאָן איינינעם מיט די אינטערעסן פון דעם ארבעטער-קלאס די נאציאָנאלע אינטערעסן פון דעם גאנצן אידישן פּאָלק. נאר זי, וואָס גייט האנט אין האנט מיט אלע איבעריקע סאָציאליסטישע און רעוואָלוציאָנערע ארבעטער-פּארטייען אין קאמף פאַר דער פּאָלקס-מאכט, קען שיקן אין דומע אזעלכע דעפּוטאטן, וועמען דאס אידישע פּאָלק קען זיכער אָנפארטרויען זיין גורל, און וועלכע עס וועלן געוויס ערפילן זייערע האוטאָכעס און איינינעם מיט אלע קעמפנדע עלעמענטן אין לאנד דערשלאָגן זיך עכטע פּאָליטישע פרייהייט, וואָס וועט אונז געבן די מעגלעכ-קייט ענערגיש צו קעמפן פאר אונזערע נאציאנאלע און סאציאליסטישע צילן.

210. די קלאל-איסראָעל קאָמיטעטן.

(מ. א-ר (עסטער) 77א: „די אידישע וואל-קאָמיטעטן און זייער קלאל-איסראָעל-פּאָליטיק״. פּארלאג „די וועלט״, ווילנע).

אַ באַקאַנטעס בילד.

אַ זאַל. אַ טיש, באַדעקט מיט א גרינעם טישטעך. באַם טיש זיצן עטלעכע שטאָטישע גווירים, באַקאַנטע פּענימער, דיזעלבע, וואָס גייען אין אַן אייס צארע צום גובערנאַטאָר; דיזעלבע, וואָס באַלעבאַטעווען אין אַלע שטאָטישע צדאָקע-אַנשטאלטן; דיזעלבע, וואָס פאָרן אין דעפּוטאַציעס, טראָגן אונטער ברויט און זאַלץ,—בעקיצער, די „פּניי״ פון שטאָט. ווייטער זיצט דער ראַבינער, אָפּטמאָל אויך דער שטאָט-ראָוו אין זיין שטריימל; די רעדל פירן עטלעכע „אינטעליגענטן״ פון די, וואָס טאַנצן אף אלע כאַסענעס, לעבן גוט מיט די „פּניי״ און קאָמאַנדעווען מיט זיי — אַ דאָקטער, א אינזשענער, אַ באַנק-פּאַר-וואַלטער — אַלץ שיינע מענטשן.

אין זאַל געפינען זיך עטלעכע צענדליק, און אַמאָל אַ פּאָר הונדערט באַ-לעבאַטים. מ׳זיצט, מ׳גענעצט און מ׳הערט זיך צו צו דיבורים פון די „פּניי״.

דאָס איז א פארזאמלונג פון אידישע שטאָטישע וויילער.

און עס הערן זיך באַקאַנטע דיבורים. קוידעמקאָל דערקלערט מען דער פארזאמלונג, אַז העיויס ווי דער אומגליקלעכער אידישער פּאָלק דאַרף האָבּן אין דומע זיינע נאַציאָנאַלע פאָרשטייער, וועלכע זאָלן פאַרטיידיקן זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, פירן א נאציאָנאַלע פּאָליטיק, מוז מען דורכויס דורכפירן אין דומע אַ אידן. דערצו דאַרף מען האָבן א אידישן קאָמיטעט. אין

די פאראיאָריקע וואלן האָט דער קאָמיטעט געארבעט אויסגעצייכנט; איצט דארף מען קלייבן א נייעם. מע דארף ניט מאכן קיין שיעס, — די צייט איז טייער, — און מ'דארף טייקעף אומיאד נעמען זיך פאר דעם קלייבן.

עס הויבט זיך אויף עמיצער פון דער פארזאמלונג און זאָגט, אז אַזוי קען מען דאָך ניט קלייבן, מ'דארף זיך צונויפריידן וועגן דער פלאטפאָרמע, וועגן דער פּראָגראם, הייסט דאָס, וועגן די פּאָדערונגען, וועלכע דער אידישער קאנ-דידאט וועט פאַרטיידיקן אין דומע, וועגן דעם, ווי אזוי וועט ער זיי פאר-טיידיקן.

אף דעם ענטפערט מען: וואָס פלאטפאָרמע, וועלן פלאטפאָרמע? מיר דארפן דאָ ניט קיין דיסקוסיעס; אַ איד דארף ער זיין, א וואַרים אידישן הארץ דארף ער האָבן, א איד וועט קיין שווארצמייעניק ניט זיין. אָט לאָמיר זיך בעסער נעמען מיטן איקער, מיטן קלייבן.

עס הערן זיך שטימען, אַז מ'דארף ריידן וועגן באַציאונגען צו פארשיידענע פארטייען, צו די „לינקע", וועגן דעם, מיט וועמען מע מעג און מיט וועמען מ'טאָר ניט שליסן קיין אָפּמאכונגען, בלאָקן.

נאָר באם גרינעם טיש געפינט זיך אף אלץ אן ענטפער.

„פּארטייען! וואָס האָבן מיר דאָ צו ריידן וועגן פּארטייען? מיר האָבן דאָ צו טאָן מיטן קלאל איסראָעל, מיט די אינטערעסן פון גאנצן פאָלק. דער קאָ-מיטעט איז אַן אלגעמיין-אידישער, ער וועט זיין אן אומפּארטייאישער. מיט די „לינקע" איז גאָר ניטאָ וואָס זיך צו רעכענען. בא זיי איז רעכט צוליב זייערע פּארטייאישע צילן צו פּאַטערן די גאַנצע אידישקייט. און גלאט, וואָס זיינען זיי, די „לינקע"? וויפל איז דאָס פאראן בא זיי „אָרגאניזירטע"? איין פּראָצענט פון גאנצן פאָלק? פאראן וועגן וואָס צו ריידן!"

„בלאָקן? אָט, ס'וועט קומען די צייט, וועט דער קאָמיטעט זעען. מ'קען דאָס איצטער וויסן? ווער מען קענען, וועט מען מאַכן אַ בלאָק מיט די פּאָ-ליאַקן, מיט די ליטאָווצעס. וועט מען קענען מיט פויערים, איז מיט פויערים, וועט מען קענען מיט פריצים, איז מיט פריצים. דאָס איז שוין א שפּעטערדיקע זאך. אָט לאָמיר זיך בעסער נעמען צום קלייבן".

און אויב מ'פּרובירט זיך נאָך צו אמפּערן, שפּרינגט אויף א הייסער קלאל-טוער און הויבט אָן צו שרייען.

— „אידן! די צייט איז קורץ, מיר טאָרן ניט פארנעמען זיך מיט פוסטע רייד. די פּארטייען ווילן אונז פארדרייען די קעפּ מיט זייערע פּלוידערייען. לאָמיר זיך נעמען צום קלייבן"!

די אַזעספּעניסער ווערן פארשטומט.

מ'קלייבט אויס אלעמען, ווער ס'זיצט באַם גרינעם טיש, און נאָך א צענד-ליק אַזעלכע.

אַזוי קומען פאָר „די וואלן" פון קאָמיטעט קימאט אין אלע שטעט פון אידישן טכום.

איצט זיינען דאָך אָבער נייע צייטן, מ'שמועסט דאָך עפּעס וועגן דעמאָ-קראטיזם. לייגן אייניקע פאָר מאכן פארזאַמלונגען פון די ווילער, יעדע פּאַר-

זאמלונג זאָל קלייבן מיטגלידער אין קאָמיטעט, און דער איצטיקער קאָמיטעט זאָל זיין נאָר אַ דערווייליקער.

די קלאל=טוער זיינען אַלע גרויסע דעמאָקראטן; דער פּלאַן געפעלט אלעמען, נאר... עפּעס קומט סאָפּקאָלסאָף פאָרט ארויס, אַז דער דערווייליקער קאָמיטעט בלייבט אַ קאָמיטעט און די פּארזאמלונגען פון די ווילער בלייבן אַפן פּאַפּיר.

און קעדיי דער קאָמיטעט זאָל פאָרט האָבן א דעמאָקראטישן אויסזעען, קלייבט מען מענטשן אין די שולן. שאַבעס באם דאַוונען גייט דער גאַבאַי אַרויף אף דער בימע; מ׳„רייט אויס: „אידן, מ׳דאַרף קלייבן מענטשן אין קאָמיטעט!“ מ׳רופט אָן אַ פּאָר שיינע מענטשן פון מיזראך און אזוי בלייבט דאָס. אָפּטמאָל דערגייט דאָס אַפּילע צו אלע דאַוונער אויך ניט. די גאבאָאים קלייבן שוין אַליין אויס צווישן זיך, וועמען זיי געפינען פאר נויטיק.

איז פאַראַן אין שטאָט אַ כעווורע באלמעלאָכעס, הייסט מען זיי אויך קלייבן. פאר וואָס ניט? זאָלן טאקע זיצן אין קאָמיטעט אַ פּאָר פראָסטערע באלעבא-טים — א שוסטער, אַ שניידער-מייסטער, קלאל איסראָעל איז קלאַל איסראָעל, און דערעכערעץ פאר די „פּניי“ ווילן זיי דאָך האָבן.

אָט אַזוי ווערט צוזאמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט, וועלכער טרעט שוין אַרויס אין נאָמען פון דער גאַנצער אידישער באפעלקערונג, פון גאנצן קלאל איסראָעל.

און ס׳הויבט זיך אָן אַן אַרבעט.

211. די קלאל־איסראָעל קאָמיטעטן באַ דער אַרבעט.

(מ. ג-לי: איבערזיכט—„נאשא טריבונאַ“, נומ. 1. 13 דעקאבר 1906)

דער „אויסערפּאַרטייאישער“ אידישער וואַל-קאָמיטעט, דאָס איז די פירמע, אונטער וועלכע „די זיילן פון דער געזעלשאַפט“ האָבן צוגעצויגן צו זיך די שטימען פון דער אומבאַוואוסטזיניקער אידישער מאַסע.

אַ ריי פאַקטן פון פאַרשיידענע שטעט באַווייזט בוילעט די פיזיאָנאָמיע פון דידאָזיקע קאָמיטעטן.

אַן אַנדערשמאָל אַנטשטייט דער „אידישער וואַל=קאָמיטעט“ פון אויבן. אין לאָדז, לעמאָשל, איז אויפגעשטאַנען טכיאַס-האמייסים דער פאַראַיאָריקער וואַל-קאָמיטעט און האָט אף זיך גענומען די שליכעס פאָרצושטעלן אַף די וואַלן די אינטערעסן פונם „אידישן פאָלק“. נאָר אף איינער פון זיינע זיצונגען האָט זיך געפונען אַ גאַסט, וואָס האָט דערקלערט, אַז דער קאָמיטעט האָט קיין רעכט ניט אָנצורופן זיך „אידישער וואַל-קאָמיטעט“, ווייל קיינער האָט אים אַף דעם ניט באַפולמעכטיקט. דידאָזיקע באַמערקונג האָט שרעקלעך אויפגעבראַכט די מיטגלידער פונם קאָמיטעט. דעם גאסט האָט מען געקרוינט מיטן נאָמען פון אַן „עקסטן“ און דער קאָמיטעט איז איבערגעגאַנגען צו באַהאַנדלען די „אידישע פלאַטפאָרמע“.

אין אַנדערע ערטער ווערן די „וואַל-קאָמיטעטן“ אויפגעבויט אַף וואַל-יע-סוידעס: אין ביאַליסטאָק, לעמאָשל, האָט די „צייטווייליקע ביוראָ“ געמעלדעט אין איר אויפרוף, אַז זי גיט איבער די וואַלן אין די הענט פון דער „ווילער-

מאַסע״. דערביי האָט זיך די ביוראָ באַזאָרגט צו געבן דער „ווייער=מאַסע״ אַ פאַרטיקע פלאַטפאָרם: די אידן דאַרפן קוקן אַף דער דומע, ווי אַף אַ מיטל צו פאַרבעסערן זייער לאַגע און דאַרפן אויסקלייבן אידישע וואַל=מענער און אידישע דעפוטאַטן. און צוליב דעם טאַקע דאַרף מען אויסקלייבן אַ אידישן קאָמיטעט; און מע איז צוגעטראָטן צום קלייבן דעם קאָמיטעט. געווײנלעך ווערט דער קאָמיטעט אויסגעקליבן לויט דער צווייסטופיקער אָפּשטימונג: אין די שולן און צדאָקע-כעווורעס ווערן „אויסגעקליבן״ באפולמעכטיקטע, און די לעצטע קלייבן אויס דעם קאָמיטעט. דער דעמאָקראַטישער ווײלער, וואָס איז ניט קיין מיטגליד פון אַ צדאָקע-כעוורע און האָט אין שול אַן אָרט אַרום טיר, פאַרלירט פאַקטיש זיין וואַל-רעכט. דערפאַר אָבער שטימען די „אָנגעזעענע בירגער״ צוויי מאָל — אי אין שול, אי אין דער צדאָקע-כעוורע. נאָר אין ביאַ-ליסטאָק האָבן אפילע די צדאָקע-כעווורעס ניט געקליבן. אַלס באפולמעכטיקטע פון די צדאָקע-כעווורעס זיינען אַרויסגעטראָטן די מיטגלידער פון זייערע פאַר-וואַלטונגען. בעאייס די וואלן האָט זיך אַפילע ניט באהאנדלט די פראַגע וועגן דירעקטיוון פאַרן קאָמיטעט. וועגן דעם דאַרף שוין טראַכטן דער קאָמיטעט אַליין.

וואו-ניט-וואו האָט זיך די לינקע פאַרטייען איינגעגעבן ניט צו דערלאָזן ויסצוקלייבן אַזעלכע קאָמיטעטן. אין האָמעל, לעמאָשל, האָבן די קאַדעטן איינגעלאדן די אידישע באַפעלקערונג אויסצוקלייבן אַ קאָמיטעט. נאָר די בונ=דיסטן האָבן צעשטערט זייער פּלאַן.

אין אנדערע ערטער קומט אויס די „אידישע וואַל-קאָמיטעטן״ זיך צוזאַ-מענשטויסן מיט די פאַרטייאישע סאָצ.-דעמ. קאָמיטעטן.

אַ טיפּישן בילד פון אזא צוזאַמענשטויס גיט קאָוונע. דאָ האָט מען אין די שולן און מיניאָנים אויסגעקליבן באַפולמעכטיקטע, וועלכע האָבן זיך דערנאָך צוגויפגעקליבן אַף אויסצוקלייבן דעם „אידישן וואַל-קאָמיטעט״. די לינקע עלע-מענטן אין קאָוונע שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַדייטנדע קראַפט, און דערפאַר האָט מען איינגעלאדן אַף דער פאַרזאַמלונג אויך די פאָרשטייער פונם „בונד״. אַף דערזעלביקער פאַרזאַמלונג זיינען אויך געווען פאָרשטייער פון אַנדערע אידישע פאַרטייען. דער פאָרזיצער, הער פיינבערג, האָט געעפנט די פאַרזאַמ-לונג מיט אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט גערופן די אידן גיין צו די וואַלן אונטער דער פאָן פונם „דערגרייכער-פאַריין״. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דעבאַטן, האָט דער פאָרשטייער פון „בונד״ געמעלדעט, אַז דער „בונד״ קען ניט נעמען קיין אנטייל אינם „דערגרייכערישן קאָמיטעט״. ער האָט אויך מודיע געווען דער פאַרזאַמלונג, אַז אין שטאָט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ וואַל=קאָמיטעט פון „בונד״ און ר. ס. ד. א. פ., אין וועלכן עס ווילן אריינ-טרעטן אויך די פ. פ. ס. און די ל. ס. ד. דער כאַווער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז דערדאָזיקער קאָמיטעט וועט גרופירן ארום זיינע לאָזונגען די אַרבעטנדיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג פון אלע נאַציעס.

דעם כאַווערס רעדע האָט אַרויסגערופן א שטאַרקע אומצופרידנהייט פון די דערגרייכער, וועלכע האָבן געטאַינעט, אַז די אידן דאַרפן ניט צעברעקלען

זייערע שטימען. קעגן די בונדיסטן זיינען ארויסגעטראָטן די ס.-ס. דער באַוואוסטער דאַניעלי [78] איז אין זיין רעדע באַשטאַנען אַף דעם, „אַז מע דאַרף ניט צונויפמישן די ס. ס. מיטן „בונד". „די ס. ס., האָט ער געזאָגט, ווילן אריינגיין אינם אידישן קאָמיטעט. זיי ווילן נאָר, אַז אינם קאָמיטעט זאָלן זיין פאָרגעשטעלט אַלע קלאַסן"... „און אויב די ס. ס.-ן וועט מען ניט אַריינעמען אינם אידישן קאָמיטעט, וועלן זיי זיין געצוואונגען אַרויסצוטרעטן זעלבשטענדיק און אַפילע אַריינטרעטן אינם סאָציאַליסטישן קאָמיטעט, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ טריט וועט פאַלן אַף די דערגרייכער".

דעם הער דאַניעלי׳ס רעדנער-קונסט האָט מען אָפּגעשאַצט ווי געהעריק. מע האָט אים אויסגעקליבן אין אידישן קאָמיטעט. און צוזאַמען מיט אים עטלעכע „פרידלעכע באַנייער" [79] און עטלעכע קאַדעטן—רעכטע און לינקע, אינייגעם 21 מענטשן, וועלכע וועלן אונטער דער פאָן פונם דערגרייכער-פאַריין אַרויסטרעטן אַף די וואַלן אינם נאָמען פון די אידן.

קאָמיש איז דער סאָף פון דערדאָזיקער געשיכטע, אין עטלעכע וואָכן אַרום איז דער הער דאַניעלי אַרויסגעטראָטן פונם קאָמיטעט. ער האָט זיך פריער, הייסט עס, ניט פאָרגעשטעלט ווי געהעריק דעם עמעסן מעהוס פון קאָמיטעט..

ניט קיין ווייניקער טיפּישן בילד פון אונזערע וואַל-זיטן גיט אויך מינסק.

אויך דאָ, ניט אזוי ווי אין פיל אַנדערע שטעט, רעכענען זיך די „זיילן פון דער געזעלשאַפט" מיט די לינקע פאַרטייען. אַף דער פאַרזאַמלונג פון די שול-באַפולמעכטיקטע האָט מען אויך איינגעלאַדן די לעגאַלע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. נאָר די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן באַשלאָסן בעסער צו גרופּירן די אַרבעטנדיקע מאַסן אַרום קלאָרע פּראָגראַמען און ניט לויט די נאַציאָנאַליטעטן, און האָבן זיך אָפּגעזאָגט אריינצוטרעטן אין אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען מיטן „בורזשואזן בלאָק".

אָט ווי די „פאָלקסצייטונג" באַשרייבט די אנטשטייאונג פונם „אידישן וואַל-קאָמיטעט" אין מינסק:

אין דער קאָר-שול האָט מען געקליבן באַפולמעכטיקטע... אַף דער בימע באַווייזט זיך דעם הער כורגינס [80] הויכע פיגור. „קלייבט", זאָגט ער, „און אויב איר ווייסט ניט, וועמען צו קלייבן, וועלן מיר אייך העלפן. און דער הער כורגין לייגט פאָר א צעטל פון קאַנדידאַטן. דער צעטל ווערט אָנגענומען פון דער גאַנצער פאַרזאַמלונג.

דעם 14 נאָיאַבר איז שוין פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונג פון די באַפולמעכטיקטע. די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דער הער נייפאַך.

אינם נאָמען פונם פאַראיאָריקן קאָמיטעט מעלדעט ער, אַז די פאַרזאַמלונג דאַרף אויסקלייבן אַ נייעם קאָמיטעט. דערביי גיט ער צו, אז דער אלטער קאָמיטעט האָט אויך היי-יאָר פאָרגעזעצט זיין פרוכטבאַרע טעטיקייט, פאַרשריבן ווילער א. א. וו... דער הער נייפאַך האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַלטן פאַר איבעריק צו דערמאָנען, אַז דער אלטער קאָמיטעט איז אַריין אין אונטערהאַנדלונגען מיט די רעאַקציאָנערע פריצים וועגן אַן אָרט פאַר אַ אידישן דעפּוטאַט.

ער האָט דאָס ניט געטאָן מיסטאָמע דערפאַר, ווייל וועגן דעם ווייס שוין די גאנצע שטאָט.

נאָך דעם הער נייפאך האָט גענומען אַ וואָרט דער ראָוו: „פאראיאָרן האָבן מיר אַריבערגעכאַפּט די מאָס, אָבער איצטער זיינען מיר שוין קליגער”... א. א. וו.

דערנאָך לייגט פאָר דער פרעזידיום צוצוטרעטן צו די וואלן פונם קאָמיטעט.

אַזוי גיך? — איז אויסער זיך דער הער קאַמינסקי [81] — מע דאַרף דאָך אויס־אַרבעטן דירעקטיוון פאַרן קאָמיטעט. אָנווייזן אים, ווי אַזוי צו באַציען זיך צו פארשיידענע פּאַרטייען?

דער געוועזענער דומע-דעפּוטאַט ש. ראָזענבוים [82] דערקלערט:

— צו וואָס דאַרף מען דאָ די דעבאַטן וועגן פּראָגראַמען? וואָס פאַר אַ שאיכעס האָבן אהער די פּאַרטייען? דער קאָמיטעט איז דאָך אַן אויסערפּאַר־טייאישער! דער קאָמיטעט שפּילט דאָך מער ניט ווי א טעכנישע ראָלע (יאָ!), אָבער באַשטימען, באַשטימען דאָך אַלע אידן.

און די פארזאמלונג באַשליסט צוצוטרעטן צו די וואַלן פון קאָמיטעט.

— ערלויבט נאָר, דער קאָמיטעט דאַרף דאָך אָפּשפּיגלען אַלע מיינונגען און די אינטערעסן פון אַלע קלאַסן! — שטייט אויף דער „פאָרשטייער פונם פּראָלע־טאַריאַט”, דער „פּויאַליי-ציאָניסט” רובענטשיק.

— און אַזוי איז דאָס טאַקע: דידאָזיקע פארזאַמלונג שפּיגלט אָפּ די אינ־טערעסן פון אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג — בארויקט אים דער הער נייפאך מיט אַ באַלערנדיקן טאָן.

און די פארזאַמלונג קלייבט אויס דעם „קאָמיטעט”.

נאָך אינטערעסאַנטער איז די געשיכטע פונם זשיטאָמירער וואַל-קאָמיטעט.

אין זשיטאָמיר האָט זיך נאָך פאראַיאָרן אין אָקטיאבער געגרינדעט אַ פאריין פון „עכט אידישע לייט” — „א פאַריין פון באַרויקונג”. בעראָש פונם „פאַריין” שטייט איצט דער אַדוואָקאַט מייזליטש. פאראיאָרן איז ער געווען אַ וואַל-מאַן און האָט געראטן די אידן צו פאַראייניקן זיך מיט די פּריצים קעגן די פּויערים. דער הער מייזליטש איז איינער פון ווייניקע, וואָס האָבן אָפּגע־שאצט ווי געהעריק סטאָליפּינס פּאָליטיק און איז מאַסקים מיט די פעלד-גערישטן [83].

דער „פאריין” האָט באקומען אַ דערלויבעניש צו אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען, נאָר דערווייל רופט ער קיין פארזאמלונגען ניט צונויף, און אַלע פראַגן ווערן באהאַנדלט אָף די זיצונגען פון וואַל-ביוראָ.

אף איין זיצונג האָט עפּעס עמיצער פאָרגעלייגט ריידן וועגן אַ פּלאטפאָרם פאַר דער פאָרשטייענדיקער וואַל-קאמפּאַניע. דער פאָרשלאַג האָט אַרויסגערופן אַ שטורמדיקן קאַעס: „פּלאטפאָרם — דאָס איז אַ מאָדע, מע דאַרף ניט פאַרלירן קיין צייט אף נארישקייטן!”.

האָבן זיך אָבער געפונען אויך פאַרטיידיקער פון אַ פּלאַטפאָרם. איין רעד־נער האָט זיך צעלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט פאַרן „דערגרייכער־פאַריין”.

— די דערגרייכער האָבן ניט קיין באשטימטע פּראָגראַם, און מיר האָבן אויך ניט קיין פּראָגראַם. איז דאָך קלאָר, אַז באַ אונז ביידן איז איין פּראָ-גראַם. די דערגרייכער ווילן גלייכבאַרעכטיקונג און מיר ווילן דאָס אויך מיטן גאַנצן האַרצן.

...די פאַרזאַמלונג האָט מיט אן אומגעהויערער מערהייט פון שטימען געפונען, אז א פלאַטפאָרם איז ביכלאַל אַן איבעריקע זאַך, און דערפאַר האָט זי באַ=שלאָסן... אָנצונעמען די דירעקטיוון פונם צ. ק. פונם דערגרייכער=פאַריין.

...אין זשיטאָמיר אַרבעטן ענערגיש די ציאָניסטן און פאַראַיאָרן זיינען זיי אַרויסגעטראָטן אף די וואַלן אין וואָלינער גובערניע מיטן לאָזונג: „בעסער דער ערגסטער איד, איידער דער בעסטער גאָי”! מיט דעמזעלביקן לאָזונג טרעטן זיי אַרויס אויך איצט און שטעלן ארויס אַן אייגענעם קאַנדידאַט.

...אין ביאַליסטאָק זיינען די ציאָניסטן אַרויסגעטראָטן אין דער אָנוועזנהייט פונם מיליטערישן גענעראַל-גובערנאַטאָר, וועלכער איז געקומען אַף דער פאַרזאַמלונג פון די שול-באַפולמעכטיקטע. „מיר דאַרפן אויסקלייבן אידישע אידן, אַזעלכע, וואָס זאָלן פאַרטיידיקן דעם אידן אינם אידן”, האָבן געדאַרשנט די הערן ציאָניסטן. „מיר ווילן זיך ניט שמאַדן”... „די פּאָליטיק פון די קאַדעטן און די סאָציאַליסטן פירט דערצו, אַז אַלע אידן ווערן גאָים”. האָבן געשראָקן די ציאָניסטן די שול-באַפולמעכטיקטע, און די אָנוועזנהייט פון דער נאַטשאַל-סטווע האָט צוגעגעבן דער פּאָלעמיק קעגן די לינקע פּאַרטייען אַ באַזונדער כיין און באַדייטונג. אינם קאָמיטעט זיינען אריין קימאַט אויסשליסלעך רעאַק-ציאָנער-ציאָניסטישע עלעמענטן.

...„קלאַל-איסראָעל”=פּאָליטיק פאַרפאָלגן אויך די אָדעסער „פרידלעכע באַנייער”. די באַראַטונג פון די אָדעסער שול-פאַרוואַלטונגען האָט זיך אנגע=שלאָסן אָן גראַף היידענס פּאַרטיי *), ווייל דאָס איז „אין די אינטערעסן פונם אידישן פאָלק”. די אָדעסער שול=פאַרוואַלטונגען ווייסן דאָס גוט, ווייל „זיי שטייען נאָענט צו די אידישע דעמאָקראַטישע מאַסן”, „ווייל דאָס אידישע פאָלק איז קעגן דעם וויבאָרגער אויפרוף” [84]). אויך די אָדעסער אידן, פאַרשטייט זיך, האַלטן אין איין טאַינען, אַז „אַלע אידן דאַרפן גיין צוזאמען”, „אַז די אידן טאָרן ניט צעברעקלען זייערע שטימען”.

212. „ווער איז נאַציאָנאַל?”

(ארטיקל פון מ. ר. (ראַפעס). „פאָלקסצייטונג” נומ. 216, 1906).

נאַציאָנאַל וועט זיין געפאַרבט די וואַל-קאַמפּאַניע אף דער אידישער גאַס. דער מאַנאָפּאָליסט אף נאַציאָנאַליזם וועט צו אייך צושטיין מיט אַ מעסער צום האלז און וועט אייך פאָדערן צום פאַרהער: „איר זייט אַ נאַציאָנאַליסט”?

און אַ שרעקלעכער וואָרט איז דער וואָרט „נאַציאָנאַל”, און מוירעדיק עקספּלואַטירן אים די רייכע קלאַסן. אָט זעט—אין דער גאַנצער וועלט: שרעקלעכע ליידן טראָגן איבער די קוילנגרעבער אין די שוואַרצע לעכער

*) „פרידלעכע באַנייער”.

פון אונטער דער ערד, מוירעדיקע אשירעס ברענגען זיי ארויס אף דער גאַנצער וועלט, רייך ווערן פון זייער אַרבעט זייערע באַלעבאַטים. נאָר אָן קרעפטן בלייבט דער קוילנגרעבער אונטער דער ערד, און ער הויבט זיך אויף, ער וואַרפט די אַרבעט, ער פאָדערט 8 שאָ אַרבעט, ער וויל אויך רוען. און קעגן אים שיקט די פראַנצויזישע רעגירונג אַרויס באוואָפנטע כאַיעל, מע שיסט אים און שטעכט, מע „באַרואיקט“ אים. און די צייטונגען, וועלכע שטייען פאַר די רייכע, שרייען אין איין קאָל: „די ארבעטער זיינען מערדער, זיי ווילן רואינירן, צעשטערן די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט, זיי פאַרגעסן גאָר אן די אינטערעסן פון זייער פאָטערלאַנד!“

מיט אַ שווערער לאסט לייגן זיך אף דער אָרימער מאַסע די גרויסע נאַלאָגן, זיי נעמען אפּ באַ איר די לעצטע קאָפּיקע, עס בלייבט ניט אף ברויט. און אָט שטייען אויף די דייטשישע פּאָמעשטשיקעס, זיי פאָדערן ארויפלעגן נאָך אַ נאַלאָג אף די אויסלענדישע ברויט. אַ שטורם הויבט זיך אויף אין לאַנד, מיטינגען, פּראָטעסטן, דעמאָנסטראַציעס—דער אַרבעטער-קלאַס קעמפט פאַר ביליקע ברויט, ברויט אָן אַ נאַלאָג. „איר נעמט ניט אין אַכט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן“ שרייט דער פאָרעץ אין זיין פּרעסע: „מע מוז ראטעווען די לאַנדווירטשאַפט פון דייטשלאַנד, איר האָט ניט קיין פאָטערלאַנד, איר זייט קאָמוניסטן“.

ווי געפעלט אייך דער בילד? זיי, די פּריצים, גיבן שטיינער אנשטאָט ברויט—זיי זיינען נאַציאָנאַל; מיר, אַרבעטער, פאָדערן ביליקע ברויט—מיר זיינען קעגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן!

אָט פארפירט זיך אַ שרעקלעכער קאַמף צווישן די רייכע פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך. פאַראַן אַ לאַנד מאראקע—עס איז אַ פעטער ביסן, די אַפּעטיטן פון די רייכע זיינען גרויס געוואָרן און עס פאַרברענט זיך אַ האַס, מע שלייפט שוין די שווערדן, מע רופט שוין סאָלדאַטן, מע גרייט זיך צום קאַמף. דאָס איז דאָך לייכט; די אָרימע מאַסע, זי גיט דאָך דאָס געלט אַף מילכאָמעס, זי גיט דאָך סאָלדאַטן. עס וועט רואינירט ווערן דאָס גאנצע לעבן פון לאַנד, עס וועלן אָרים ווערן די אָרימע מאַסן, איז וואָס? דאָס פאָדערן די נאַציאנאלע אינטערעסן.

נאָר אָט פארן זיך צוזאמען די סאָצ. דעמ. דעפּוטאַטן פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד. זיי גיבן זיך ביידע די הענט, זיי פּראָטעסטירן קעגן דער מעגלעכער מילכאָמע, זיי וועלן ניט שווייגן, זיי, די ארבעטער, זיינען ברידער, זיי ווילן ניט שעכטן איינער דעם אנדערן, זיי ווילן ניט גיין אומזיסט פאַלן אַ קאָרבן פאַר די רייכע. די רעגירונגען האָבן זיך דערשראָקן פאַרן ארבעטערס צאָרן, זיי מאַכן שאָלעם צווישן זיך, נאָר עס ברומט נאָך די בורזשואזע פּרעסע: „באַ אייך פעלט דער נאציאָנאַלער געפיל, איר זייט קעגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן!“

* *
*

אין רוסלאנד:

הויך האַלט די רעגירונג די רוסישע רוט און שרעקלעכע פייניקונגען ליידן

פון איר די אָרימע מאַסן. מע שמייסט אומעטום, מע שמייסט דעם געהאַרכ־זאַמען רוסישן פויער, מע שמייסט די בונטאָווששיקעס, מע שמייסט אין זלאַטאאוסט און אין כאַרקאָוו, מען שמייסט אין ווילנע און אין מינסק, און מעש־צערסקי [85], דער רוסישער פירסט, שרייבט אין זיין „דניעווניק": „די רוסישע רוט—זי איז „נאַציאָנאַל".

אַ בונד האָבן געשלאָסן די צוקער־פאַבריקאַנטן מיט דער רעגירונג. זיי פירן אַרויס פון לאַנד מיליאָנען פודן און פאַרקויפן דאָס פאַר די ענגלישע כאַזיירים פאַר 5 קאָפּ. א פונט. און דער רוסישער איינוואוינער צאָלט 15 און 16. רייך ווערט די קעשענע פון פאַבריקאַנט; פּראָוווט קעגן דעם פּראָטעסטירן, מע ווערט אייך אויפוואַרפן: און די נאַציאָנאַלע אינטערעסן? די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער פאַבריקאַציע?

נאַציאָנאַל איז געווען די פּאַנשטשיזנע, אַזוי האָבן געטאַינעט די רוסישע פּריצים, נאַציאָנאַל איז די זעלבסטהערשונג זעלבסט, דאָס איז די נאַציאָנאַלע פּאָליטישע פאָרם פון דעם רוסישן פאָלק. נאַציאָנאַל זיינען די פּאָגראָמשטשי־קעס, ווען זיי שלאָגן די אידן, נאַציאָנאַל איז דער אנטיסעמיטיזם, נאַציאָנאַל איז די פּוילישע בורזשואזיע, ווען זי שרייט צו די אידן: „ווערט אַ פּאָליאַק, אויב ניט—פּאָגראָם".

נאָר אָט קומט די רוסישע רעוואָלוציע: ערד און פרייהייט פאָדערט זי פאַרן פאָלק. קעגן די אָרגאַניזירטע און באוואפנטע מאַכט פון דער זעלבסטהערשונג שטעלט זי אַרויס די אָרגאַניזירטע און באוואָפנטע מאַכט פון דעם ארבעטער־קלאַס. זי פירט אים אין קאַמף פאַר זיינע עקאָנאמישע אינטערעסן, זי רופט אים צו ברעכן די קייטן פון שקלאַפישן לעבן: „ערד און פרייהייט!" „רעכט און ברויט!"—האט זי אָנגעשריבן אף איר פאָן. הערט זיך נאָר צו, וואָס מע זאָגט וועגן איר, וועגן דער רעוואָלוציע: זי איז ניט נאציאנאל, דאָס האָט מען אריבערגעטראָגן פון אויסלאַנד צו אונז, דאָס האָבן די זשידעס געמאַכט. זי איז ניט נאציאָנאַל, ווייל זי רעכנט זיך ניט מיט די נאַציאָנאַלע אייגנ־שאַפטן פון רוסישן פאָלק, זי איז ניט נאַציאָנאַל, ווייל זי וויל צעברעכן די „נאציאָנאלע" קייטן, זי וויל פאַרניכטן דעם „נאַציאָנאַלן" יאָך".

* * *

און נעמט אין דער אידישער גאַס:

שוין מער ווי 10 יאָר, ווי עס האָט זיך צעגאָסן איבערן טכום די אַרבע־טער־באַוועגונג. און אַ וואונדערלעכע איבערקערעניש האָט זי געמאכט אין די מויכעס. אָנשטאָט דעם אַלטן יאוש—אַ גלויבן אין קאַמף פאַר די ליכטיקע אי־דעאַלן, אָנשטאָט אן איינגעבויגענעם רוקן—אַ שטאָלצער פּאָנים, אַ שטאָלצער קעמפער, וועלכן עס האסן די פיינט. פאַרלאָרן געגאַנגען די פאראכטונג צו אים, צו דעם אידן. עס האָט זיך אומגעענדערט דער נאציאָנאַלער פּאָנים פון דער אידישער נאַציע. נאָר דאָס איז ניט קיין נאַציאָנאַלע אַרבעט! אזוי זאָגן די ציאָניסטן, און מיר מוזן זיי גלויבן.

פּראָוווט מאַכן אַ שטרייק באַ די גרויסע און קליינע מייסטערס, פּראָוווט אָנהויבן אַ קאמף קעגן זייערע צו גרויסע אפּעטיטן—איר זייט ניט נאציאָנאַל,

איר רואינירט די נאציאָנאַלע ווירטשאַפט. נאָר זאָלן די מייסטערס אַ לאָקאוט מאַכן, זאָלן זיי ארויסוואַרפן אפן גאַס הונדערטער ארבעטער, זאָלן זיי פּאָליציי רופן צו הילף, און צעברעכן דעם לעבן פון צענדליקער מישפּאָכעס,—אָט דאָס איז נאַציאָנאַל.

די רעוואָלוציע גייט. און דער אידישער בונד אָרגאַניזירט די אידישע אַר-בעטער-אַרמיי. ער רופט זיי, צוזאַמען מיט די רוסישע כאַווירים, העלפן אונ-טערגראָבן די מאַכט פון דער דעספּאָטיע, צעברעכן די קייטן פון שקלאַפעריי, פאַרניכטן די זעלבסטהערשונג, וועלכע פאַרגיסט טייכן אידישע בלוט—דאָס איז ניט קיין נאַציאָנאַלע אַרבעט.

נאציאָנאַל זיינען געווען נאָר די ציאָניסטן, ווען זיי האָבן גערופן ניט קעמפן קעגן פיינט, זיין רואיק און שטיל און קושן די רוט פון די דעספּאָטן. נאציאָ-נאַל זיינען אויך איצט די ציאָניסטן, ווען זיי רופן שליסן אַ בונד מיט די פּריצים, די שרעקלעכע פיינט פון דעם אידישן פאָלק. דאָס פאָדערן די נאציא-נאַלע אינטערעסן!

גלייכע בירגערלעכע און נאציאנאלע רעכט, פולע עמעסע דעמאָקראַטיע, גלייכהייט און ברידערלעכקייט האָט אָנגעשריבן דער בונד אף זיין פאָן. אַ קאַמף מיט אַלע בורזשואזע פּאַרטייען, ברידערלעכקייט מיט די רוסישע, פּוי-לישע אַרבעטער, קעדיי צוזאַמען פארניכטן דעם שרעקלעכן יאָך—דאָס איז ניט נאציאָנאַל!

אַ קאַמף מיט די פּאָליאקן און רוסן, מיט דעם רוקן שטעלן זיך צו דער רוסישער רעוואָלוציע, צו דער רוסישער באפרייאונגס-באוועגונג, זאָל זיין אַ רעאקציאָנער, זאָל זיין אַ פיינט פון דער ברייטער מאַסע, אַ פיינט פון אירע רעכט און פרייהייט,—זאָל זיין!—אַבי נאָר אַ איד, דאָס איז נאציאנאל, דאָס איז די נאציאנאלע פּאָליטיק.

* *
*

פאָרזיכטיק זייט, ווען איר הערט דעם וואָרט „נאציאנאל"—האלט פעסט אייער קעשענע, מע וויל אייך פארנארן, מע וויל אייך מיט שיינע ווערטער בלינד פירן קעגן אייער באַפרייאונג, און געדענקט:

נאַציאנאל איז ניט דער, וואס ברויכט צו אָפט דעם וואָרט נאַציאנאַל, נאָר נאציאנאל איז דער, וואָס ט ו ט פאַר דער באַפרייאונג פון די מ א ס ן פון דער נאַציע.

נאציאָנאַל איז ניט דער, וועלכער פריידיקט סינע און האַס צו די פרעמדע פעלקער, נאָר דער, וועלכער רופט צו אכדעס פון אלע אונטערדריקטע אין זייער קאַמף פאַר באַפרייאונג.

נאַציאָנאל איז ניט דער, וועלכער שטעלט אפן ערשטן פּלאַן די הויכע „נא-ציאָנאלע" אינטערעסן פון אַ הייפל קאפּיטאליסטן, נאר דער, וועלכער פירט אַ קאַמף פאַר דער פולער דעמאָקראַטיע.

א נ ט י נ א צ י א נ א ל איז די נ א צ י א נ א ל י ס ט י ש ע בורזשואזיע! ע מ ע ס נ א צ י א נ א ל איז די אינטערנאציאנאלע סאציאל-דעמאקראטיע!

213. די וואַלקאַמפּאַניע אין ווילנע.

(„קארעספאנדענץ. „פאָלקסצייטונג״, נומ. 257, 1907).

ווי אזוי באַקעמפּט מען די רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַ-ליסטן.

בא אונז אין ווילנע, אזוי ווי אויך אומעטום איבער דער גאַנצער גרויסער רוסלאנד, האבן די וואַלן אין דער גאָסודארסטווענע דומע ארויסגערופן אַ שאַרפן קאַמף צווישן פארשיידענע און זאָגאַר קעגנזעצלעכע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן, א קאמף צווישן די, וואס שטעלן זיך פאַר אַ ציל איינגאנצן כאַרעוו צו מאַכן דעם פארפוילטן ביניען פון דעספּאָטיזם און דערשלאָגן זיך די פולע פרייהייט פאר דער גאנצער רוסלענדער באפעלקערונג און צווישן די, וועלכע ווילן זיך באַנוגענען מיט וועלכע ניט איז האַנאַכעס, וואָס די אָפּגעלעבטע פארגיפטעטע מלוכע-אָרדענונג וועט צואוואַרפן ווי אַ ביין דעם אויסגעמאַטערטן פאָלק.

נאָר צו דער זעלבער צייט האט נאָך בא אונז אין ווילנע דער וואַלקאַמף אָנגענומען אַ נאציאָנאליסטישן כאַראקטער און איז געוואָרן דערמיט מער פּילזייטיק און מער פאַרוויקלט ווי אנדערשוואו. און דאָס פאָדערט, מע זאָל זיך אין אים קלאָרער פאַנאַנדערקלייבן.

די ערשטע, וועלכע האבן ארויסגעשטעלט די נאציאָנאַליסטישע פאָן, זיינען בא אונז די פּוילישע רעאקציאָנערן-אנטיסעמיטן, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דער שטאָטישער אופראַווע; קעדיי צוצוציען אַף זייער צאַד די ברייטע שיכטן פון די ווייניק באוואוסטזיניקע פּוילישע ווילער, האָבן זיי ארויסגעצויגן אַף זיך אַ מאַסקע פון הייסע פּאַרטיידיקער פון „זייער״ אונטערדריקטער נאַציע, פאר וועלכע זיי נעמען זיך אָן אויסצודינגען, וואו מע דאַרף, פאַרשיידענע רעכטן און פארבעסערונגען, אַף דעם כעשבן פון דעם אַנדערן אונטערדריקטן פאָלק, ווי, צום ביישפּיל, אידן אָדער ליטאָווצעס; זיי היטן אַגעוו אָפּ, אז די אנדערע שכיינישע פעלקער זאָלן כאָס וועכאָלילע ניט האָבן א שעדלעכע ווירקונג אַף זייער נאציע און ביכלאַל זיינען זיי פעאיק צו פאַרטיידיקן דאָס „זייערע״ נאָר מיט דער אונטערדריקונג פון דעם „פרעמדן״. פאַרשטייט זיך, אז זיי ווילן האבן א דעפּוטאַט אין דומע, דאווקע אַ פּאָליאַק און, פאַרשטייט זיך, א רעאקציאָנערן פּאָליאַק. אַדהאַיאָם לאזט זיי ניט רוען דער פאַקט, וואס פאַראַיאָרן האט ווילנע געשיקט אַ אידישן דעפּוטאַט, און מוירע האָבנדיק, עס זאָל היי-יאָר אויך ניט פּאַסירן דאָס זעלבע, קריכן זיי פאָשעט פון דער הויט אָפּצושטופּן אָן א זייט דעם אידישן ווילער און פאַרצאַמען אים, וויפל מע קען, דעם וועג, ער זאָל קיין באדייטנדע ראָלע אין פּאָליטישן לעבן ניט שפּילן. און ניט גענוג נאָך אונזער קלאָגעדיקער וואַל-געזעץ, ניט גענוג נאָך די „פּאָטערלעכע״ דערקלערונגען פון דעם יושערדיקן סענאַט, האבן נאָך אונזערע „שטאָט-פאָרשטייער״ געזועכן מיט אַלע פאַלשקייטן און שווינדלערייען צו פאַרקלענערן דעם צאָל פון די אידישע און פאַרגרעסערן דעם צאָל פון די קריסטלעכע ווילער.

דעם עמעס דארף מען זאָגן, אז בענויגייע צו דעם קאַנדידאט זיינען זיי טאַקע געשטרויכלט געוואָרן; ארויסשטעלנדיק פאר אַ דעפּוטאַט דעם גאַלעך מאצייעוויטש, דעם באַרימטן יעזואיט, וועלכער דאַרשנט אין קלויסטער מיקויעך פּאָליטיק און סאָציאַליזם און פארגיפטעט דערביי דעם פאַנאַטישן האַמוין מיט דעם סאַם פון דעם אַנטיסעמיטיזם, האבן זיי אין גיכן געמוזט אראָפּנעמען דעם טאָכשיט, ווייל ער האט צו שטאַרק אויפגערעגט די ווינציקער רעאַקציאָנערע פּאָליאַקן; מע האָט דעריבער געזוכט אַ מער פּאָפּולערן נאָמען און אַביסל ווייניקער שרייענדן רעאקציאנער און מע האָט זיך אָפּגעשטעלט אף דעם „קאָפּ" פון שטאָט, דעם גאָלאָווא בענצלאווסקען. און אזוי ווי די גאנצע רעגיסטראציע פירט די אופּראווע אליין, האט מען גענומען ארבעטן אַף טיש און אַף ביינק, קעדיי עס זאָל אויסקומען, אז אין ווילנע וואוינט א הייפּעלע אידן און זי איז געפּאַקט דורכויס מיט פּאָליאַקן, און אויסער דעם, וואָס מע האט אפילע אידן ניט אריינגעטראָגן אין די וואַל-ליסטן, האָט מען די אידישע נעמען בעקיוון צעדרייט און צעמישט ווי אין דעם דויר האַפלאָגע.

עס פאַרשטייט זיך, אז די אידישע וויילער האבן ניט אומזיסט אויפגעהויבן אַ ליארם קעגן אזוינע מאיסים. מען האָט אָנגעגעבן אָנקלאַגן אַף די אַלע פאַלשקייטן. נאָר ערשטנס איז די צאָל אָנקלאַגן אזוי גרויס (פון דעם 6-טן אוטשאַסטאָק אַליין איז איבער 1000 אידישע און איבער 1000 קריסטלעכע אָנקלאַגן) און עס קען פארבייגיין דער טערמין פון די וואַלן, איידער מע וועט זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די אַלע אָנקלאַגען, און ביכלאַל האָבן אַ שטאַרקן טאָעס די, וועלכע מיינען, אז מיט פארבעסערונגען פון די ליסטן טוען זיי מי-יעדייע וואָס, און אז מיט דעם אליין וועט מען קענען בייקומען די פּוילישע רעאַקציאָנערן. פאר אַזאַ מיינונג האלט זיך די גאנצע צייט דער אידישער וואַל-קאמיטעט, וועלכער פירט ניט קיין שום אגיטאַציע קעגן די פּוילישע רעאקציאנערן און פאר זייער אייגענע, קלוימערשט דעמאָקראטישע פּלאַטפאָרם, וועגן וועלכער זיי האבן אזוי פיל גערעדט אף די פארבאַרייטונגס-פארזאַמלונגען. ער וויל גאָרניט טאָן פאר דער אַנטוויקלונג פון דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין פון די אידישע וויילער. און גאָר אומזיסט באַקלאָגט זיך דער ווילנער קאָרעספּאָנדענט אין דער קאַדעטישער צייטונג „רעטש", אַז די אַדמיניסטראציע דערלויבט ניט קיינע פארזאמלונגען דעם קאָמיטעט. דער אידישער אַלגעמיינער וואַל-קאָמיטעט האט דאָך גאָר ניט געשטרעבט צו מאַכן פארזאמלונגען, צוליב אַ פּאָשעטן טאַם: עס זאָלן ניט קומען אף זיי די רעדנער פון די לינקע פּארטייען מיט אַ לעבעדיקן וואָרט צום אוילאָם. „מיר דארפן ניט שאַפן קיין טריבונע פאר די לינקע, מיר זיינען ניט מעכויעוו צו ארבעטן פאר פרעמדע",—אזוי טראַכט זיך דער אידישער וואַל-קאָמיטעט, און דעריבער רירט ער זיך ניט פון אָרט, עס פארשטייט זיך, אז ווען די „פּנייי" פון קאָמיטעט וואָלטן געווען עכטע דעמאָקראטן, וואָס ווילן טאַקע אָפּרייניקן דעם וועג דער עמעסער פאָלקס-פרייהייט, וואָלטן זיי זיך געשטעלט פאַר א ציל אָפּצורייסן פון די פּוילישע רעאַקציאָנערן די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און וואָלטן ניט געפירט קיין אונטערהאנדלונגען

מיט די עכטע רוסישע לייט און אָקטיאַבריסטן; זיי וואָלטן געפינען צו וועמען צו ריידן. נאָר זיי זיינען ניט אימשטאַנד צו ערפילן אַזאַ וויכטיקע אויפגאַבע, ווי אָפּצושוואַכן די פוילישע רעאַקציע אין ווילנע.

דידאָזיקע אויפגאַבע האט זיך געשטעלט אין זיין וואַל-קאַמפּאַניע דער וואַל-קאָמיטעט פון „בונד", וועלכער האָט אָנגענומעןווירקלעכע מיטלען אָפּצושוואַכן דעם שעדלעכן פוילישן נאַציאָנאַליזם. אויפווייזנדיק, אַז אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון אַלע אונטערדריקטע נאַציאָנען דאַרפן זיך פאַרייניקן אַרום אַ לינקן קאַנדידאַט, האט זיך דער „בונד" באַוואָרנט מיט דער אונטערשטיצונג פון די ליטאָווצעס, וועלכע געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון דער ליטווישער ס. ד. א. פּ. אויסער די ליטאָווצעס, איז פאַראַן אין ווילנע אַ באַדייטנדיקער טייל פון די נידעריקערע רוסישע באַאַמטע, ווי, צום ביישפּיל, די אייזנבאַנער, וואס זיינען ראַדיקאַל געשטימט; צוליב סטאָליפּינס צירקוליארן, וועלכע פאַרבאָטן די באַאַמטע צו באַטייליקן זיך אין אַלע פאַרטייען, אויסער, פאַרשטייט זיך, דעם פאַרבאַנד פון רוסישע כוליגאַנעס, האבן זיי ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט ארויסצוטרעטן אַף פאַרזאמלונגען. נאָר עס איז קיין ספק ניט, אַז זיי וועלן שטימען נאָר פאַר אַ ראַדיקאַלן קאַנדידאַט; נאָר צוזאמענבינדנדיק זיך מיט אלע אויבנדערמאָנטע דעמאָקראטישע עלעמענטן, צונויפזאַמלענדיק ארום זיך אלע אונטערדריקטע, וואס שמאכטן אונטער דעם אומדערטרעגלעכן יאָך, קען מען ווירקלעך האָפן, אַז עס וועלן זיך געפינען קרעפטן צו צעקלאַפּן די רעאַקציאָנערן און אָפּשוואכן דעם אַנטיסעמיטיזם.

פּאָליטיקער אָדער דיפּלאָמאטן?

מיר האבן שוין געזען, ווי אַזוי דער אידישער אלגעמיינער וואל-קאָמיטעט, וועלכער באשטייט אמייסטן פון דערגרייכער און ציאָניסטן, ווי אָט די קלאַל איסראָעל באַלטויוועניקעס פירן זייער וואַל-קאַמפּאַניע. מע דאַרף נאָך מער ניט צוגעבן, אַז זיי זיינען מוירעדיקע דיפּלאָמאטן דערצו. „אָט די בונדיסטן האָבן זיך אָנגענומען אַ פּאָדריאַד קריכן צו יעדן ווילער מיט זייער אַנקעטע", מיר וועלן זאָגן די ווילער: „קלייבט אונזער דעפּוטאַט, און זיי וועלן אַ פּיפּס ניט טאָן און וועלן קלייבן; אַזוי האט מען געהאנדלט פאַראַיאָרן און אַזוי איז מען גרייט צוטאָן הײַאָר אויך". אָ! זיי זיינען דערפאַרענע דיפּלאָמאטן: פאַראַיאָרן האט מען אַרויסגעשטעלט פריער ווינאַווערן און דערנאָך צו דעם לעצטן ברעגענדיקן מאָמענט ארויסגערוקט לעווינען און הײַאָר קען דאס אויך געמאָלט זיין; עס איז גוט באוואוסט, וואס א פאָרשטייער פון אידישן קאָמיטעט האָט געענטפערט אַף די אָנפראגע פון די רוסישע ווילער, וועמען שטעלט ער ארויס פאר אַ קאנדידאַט. ער האָט געענטפערט, „דערווייל שטעלן מיר אַרויס גרוזענבערגן"[86]. דערווייל, הייסט דאָס, ביז וואַנען מיר וועלן צוציען וואס מער ווילער אונטער אונזער פליגל, און נאכהער מאכט זיך אַ נעס גראד, אַז גרוזענבערגס קאנדידאַטור ווערט אָראָפּגענומען און מע רוקט אַרויס אַ ציאָניסט, צום ביישפּיל... שוין זשע ארבעטן גאָר אומזיסט די ציאָניסטן מיט די קאַדעטן

אין איין קאָמיטעט? אין דעם פאַל, ווען גרוזנבערג, אַלס אַ קאַדעטישער קאַנ-דידאַט וועט ניט דורכגיין, וועלן זיי דען ניט טאינען צו די דערגרייכער: מיר האָבן פריער געאַרבעט פאר אייך, דאַרפט איר איצט טאָן פאַר אונז; און די דערגרייכער וועלן זיך אַמפּערן און ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס אין ווילנע הערשט א שאַרפע אַנטיציאָניסטישע שטימונג, וועט דער אומפּארטייאישער קאָמיטעט זיך סטארען דורכצופירן א ציאָניסט, און אנשטאָט א פוילישן רעאַק-ציאָנער וועט ווילנע שיקן אַ אידישן שאָוויניסט אין דומע. נאָר אונזערע דיפּ-לאָמאטן גייען נאך ווייטער.

די קלאַל-איסראָעלניקעס פירן פארהאנדלונגען מיט די אָקטיאבריסטן.

מע דארף זיך באוואָרענען, מע דארף זיכער זיין מיט דעם קאנדידאט, ער זאָל דורכגיין אַף געוויס, און דעריבער האלט מען זיך ניט אָפּ אריינצוגיין אין פארהאנדלונגען מיט די פארביסנסטע סאָנים פון פאָלקס-פרייהייט ביכלאל און די ערגסטע דאַם-סאָנים פון אידישן פאָלק, מיט די רוסישע „פּאַטריאָטן" און אָקטיאַב-ריסטן. אונזערע באלטויוועס זיינען גרויסע פּראקטיקער; אַלע מיטלען זיינען גוט, אַבי זיי זאָלן פירן צום ציל; מע קאָן זיך פאראייניקן מיטן טייוול אליין, ווען מע דארף, — אזוי רעכענען אונזערע לאנדס-כאַכאָמים. און אָט ווי זיי האבן מאָטיווירט זייערע היסקארוועס: „אויב איר, געאַכטעטע הערן רוסישע לייט, וועט אונז ניט העלפן דורכפירן אונזער קאַנדידאט, וועלן מיר דארפן אריינגיין אין אָפּמאכונגען מיט די לינקע. איר מוזט אונז ראטעווען, אויב ניט, וועלן מיר זיך מוזן שמאַדן און צוזאמען מיטן „בונד" גיין אונטערהאלטן אַ מער לינקן קאנדידאט, און אויב איר גייט מיט אונז, זיינען מיר גוט, פרום און קאָשער".

עס פארשטייט זיך אָבער, אַז די אָקטיאבריסטן וועלן פאר א קאדעט ניט שטימען (און גרוזנבערג האט זיך גערעכנט פריער פאר א מער לינקערן ווי אַ קאדעט, און נאָר איצט האט ער זיך געמעלדעט פאר אן איינפאכן קאדעט), נאָר די קלאל-איסראָעלניקעס ווערן ניט ניספּאָעל: דערוויייל שטעלן מיר אַרויס גרוזנבערגן, און אויב איר, רוסישע העלדן, ווילט ניט, וועט מען דורכקומען עפּשער אף שלאָסבערגן, מע דארף זיך אביסל צודינגען, און דער וואַל-מיסכער וועט אוועקגיין ווי געשמירט. מע גיט איבער טאקע אַזא פאַקט, אַז א באראטונג פון פארשטייער פון רוסישע ווילער האבן זיך מעיאַשעוו געוועזן, וואס פאר א קאנדידאט אונטערצוהאלטן און מיט 12 שטימען קעגן 2 האט מען אנגענומען שלאסבערגן און מיט דיזעלבע 12 קעגן 2 פארווארפן גרוזנבערגס קאנדידאטור. הייסט דאָס, אז דער האנדל גייט ניט שלעכט!

די קאדעטן שאדכענען זיך צו די מאסן.

צו דערזעלבער צייט שמירט מען זיך צו צו דעם האמוין מיט פארשיידענע

דעמאגאָגישע מיטלען, און, ערשטנס, אַגיטירט מען קעגן „בונד“: דער „בונד“ האט קיין ווײַלער ניט, דאָרטן זייַנען נאָר יונגע אינגלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן גאָר ניט קיין וואַל־רעכט — העצן די קאַדעטן, און אָט ווערט מען שוין מעכוטאָנים מיט די עלטערע פּריקאַזטשיקעס, וועלכע מע דרומלט איין אין קאָפּ, אַז דער „בונד“ וועט צעברעקלען די שטימען און נאָר צוליב זיין אַקשאָנעס וועט מוזן דורכגיין אַ רעאַקציאָנער, האגאם די קאדעטן ווייסן גאַנץ גוט די מיינונג פון בונד“, אַז ער וועט שטימען אפילע פאר א קאדעט, ווען עס וועט נאָר זיין אַן ערנסטע געפאר פון דער רעאקציאנערער מאכנע, נאָר פון דערפון מאכט מען זיך קעלויאָדע. און אז מע געפינט באַ זאלקינדן אין געשעפט אייניקע עלטערע פריקאזטשיקעס, וואס זאָגן צו צו שטימען פאר גרוזנבערגן, טרומייטערט מען וועגן דעם גלענצנדן ניצאָכן און מע באפוצט די געשיכטע אזוי, אז די פריקאזטשיקעס, מיטגלידער פון בונדישן פּראָפעסיאָנעלן פאריין, וועלן שטימען פאר א קאדעט! מיט אזוינע מיטלען וויל מען דערנידעריקן דעם שוואכינקן „בונד“.

די אויסזיכטן פון „בונד“.

דער „בונד“ פירט זיין וואל־קאמפאניע צוזאמען מיט דער אָרגאניזאציע פון דער רוסל. ס. ד. א. פ. און איז באוואָרנט מיט דער אונטערשטיצונג פון די איבעריקע לינקע עלעמענטן; עמעס, אונזער צאָרעדיקער וואל-געזעץ און די פירושים פון סענאט צו אים האבן אויסגעשלאָסן פון דער וואל-קאמפאניע א באדייטנדן טייל פון אונזערע אקטיווע אָרגאניזירטע מיטגלידער; עמעס, דער אידישער האנטווערקער און ארבעטער-קלאס אין ווילנע איז ווייניק קאָנצענטרירט אין אייניקע ראיאָנען און איז איבערהויפּט צעשפּרייט איבער דער גאנצער שטאָט, נאָר ניט קוקנדיק אף דעם, רעכענען מיר, אז אין דעם אכטן צירקל וועט מען קענען דורכפירן אַ גאנצע ליסטע פון לינקע וואל-מענער און אין די איבעריקע אויך א באדייטנדע צאָל. שוין ניט ריידנדיק וועגן דער ארבעטער-קוריע, וואו אין אייניקע פאבריקן און דרוקערייען וועלן באשטימט דורכגיין פאר באפולמעכטיקטע בונדיסטן, וועלן שטימען פארן בונדישן קאנדידאט אלע פריקאזטשיקעס, קאצאווים, פורמאנעס, בוי-ארבעטער און ניט נאָר די ארבעטער אליין, נאָר א טייל קליינע באלעבאטים אויך; געוויס וועט שטימען פאר אונז א טייל אינטעליגענץ, לעמאָשל, א באדייטנדער טייל פון די אידישע לערער און אויך זייערע קריסטלעכע כאוויירים. אז מיר האבן יאָ א פעסטן באָדן, האט אונז איבערצייגט די אנקעטע: ווי די קאדעטן זאלן זי ניט ארונטערמאכן אונטערן האנט, האט זי דאָך ארומגעכאפּט ביז 2000 ווײַלער און דעריבער שפּיגלט זי אָפּ די באציאונג פון דער באפעלקערונג צו אונז. די מאיסעלעך, אז מע זאגט צו שטימען פאר דעם „בונד“, ווייל מע האט מוירע פאר אים, און נאָך אזוינע, וואס עס פארשפּרייטן אונזערע קעגנער וועגן אונז, איז פארשטייט זיך א פּאָשעטער ליגן. די גאנצע באפעלקערונג פירט ניט קיין דיפּלאמאטיע, און עס איז דייטלעך, אז אויב זיי זאגן זיך ארויס,

ריידן זיי דאס, וואָס זיי מיינען. די נאָענטע צוקונפט וועט באווייזן, ווער עס איז גערעכט. עס הויבן זיך שוין אָן די פּאָרוואַל-פאַרזאמלונגען, וואו פאר דער באפעלקערונג וועט נאך קלאָרער ווערן אונזער ריכטיקע טאַקטיק, וואס באַשטייט אין דעם, אז אויב מיר ווען צעקלאַפּן די רעאקציאָנערע קעגנער, מוזן מיר זיך צוזאמענבינדן מיט אלע עמעס דעמאָקראטישע עלעמענטן סאי פון דער אידישער, סאי פון דער ניט אידישער באפעלקערונג. און וואס איז שאַיעך צו דעם „אומפּארטייאישן" אידישן וואַל-קאָמיטעט, קען דער „בונד" נאָר דאן מיט אים האבן פאַרהאנדלונגען, ווען ער וועט זיך קאטעגאָריש און אנטשלאָסן אָפּזאָגן פון זיין הינטער-דיפּלאָמאַטיע און וועט פאַרוואַרפן אינגאנצן זיינע באַציאונגען מיט די אָקטיאבריסטן.

214. פּראָטעסט פון די ליטווישע סאָצ. דעמ. קעגן דער טאַקטיק פונם בונד.

(אויפרוף פון שאַוולער ראַיאָן-קאָמיטעט פון דער ליטווישער סאָצ. דעמ. אַרבעטער-פּאַרטיי).

האַגאַם מיר ווענדן זיך צו אייך דעם ערשטן מאָל אין אייער מוטער-שפּראַך און גראַדע מיקויעך ניט קיין פריילעכן איניען, דאָס וועט אָבער געוויס ניט פאַרשאדן, איר זאָלט געדולדיק אויסהערן ביז צום סאָף אונזער ברידערלעכן וואָרט, מיט וועלכן מיר ווענדן זיך צו אייך, איר זאָלט אַרויסטראָגן אייער מישפּעט איבער אַזעלכע מוירעדיקע אומרעכטן, וועלכע קענען באַגאַנגען ווערן אַפילע פון „ריינע" סאָציאַל-דעמאָקראַטן.

...בעשאַס ס'האָט זיך אָנגעהויבן די וואַל-אַגיטאַציע, האָט זיך באַלד געפילט די נויטיקייט צו קאָאָרדינירן די גאַנצע באַוואוסטזיניקע קרעפטן פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון ליטע. מיר, פון אונזער זייט, האָבן עס ערפילט. ווען עלנדיק, ווי אַ טעריטאָריאַלע פּאַרטיי פון ליטע, אַרבעטן צווישן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, אַריינציען אים אין אונזערע רייען, אָבער ניט האָבנדיק צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן קיין מעגלעכקייט ביז איצט ערפילן אונזער וואונש, זיינען מיר אַריין אין באַציאונגען מיט דער שאַוולער אָרגאַניזאַציע פון בונד, און מיר האָבן אויפגעלייגט צוזאַמען אַ וואַל-ליסטע אַף די פאָלגנדע באַדינגונגען: מיר און דער בונד דאַרפן אַגיטירן פאַר זובאָוון און פרידמאַנען, זיי זאָלן אויסגעקליבן ווערן פאַר באפולמעכטיקטע, און אַגיטירן קעגן די רעכטע קאַנדידאַטן, וועלכע ווערן ארויסגעשטעלט ווי פון ליטווינער, אַזוי אויך פון די אידן.

דער בונד אָבער, וועלכער האָט אויפגעבויט זיין גאַנצע פּאַרטיי אַף אַ נאַציאָנאַלן גרונט, קען זיך בעשום אויפן ניט אָפּטרייסלען פון די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן, וועלכע זיינען די הויפּט סיבע פון זיין אנטשטייאונג. ער האָט שוין פאָרויס פאַר זיך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, לויט וועלכן דער בונד מוז אומבאַדינגט, אַפילע בלויז מיט די שטימען פון די אידישע בורזשויען, וועלכע ער האָט בעדייע מיט זיין וואַל-אַגיטאַציע מאַכן פאַר באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטן,

דורכפירן דאָווקע בונדאָווצעס אין דומע. ווי אַזוי עררייכט מען דאָס אָבער? מ׳נעמט און מ׳גייט אַריין אין אָפּמאַכן מיט די אידישע וואַל-קאָמיטעטן, וועלכע באַשטייען פון אַלערליי אויסוואורפן. דאָרטן פעלן ניט פון די רעכטסטע ציאָ־ניסטן ביז די בעסטע „דערגרייכער״, און אַפן וועג פון האַנדלונגען, פשאָרעס ווייזט מען אויס באַ זיי אַ פּאָר ערטער פאַרן בונד.

די אידישע בורזשואַזיע איז אָבער אינסטינקטיוו מער קלאַסנבאַוואוסטזיניק ווי דער בונד. זי זעט דעם אָפּגרונט, וועלכער טיילט איר אָפּ פון די אידישע מאַסן, דערום שפּאַרט זי אָפּ די פאָרשלאַגן פון בונד און אנטזאגט זיך אַריינ־גיין מיט אים אין אָפּמאַכונגען. אַזוי, לעמאָשל, איז אין ווילנע, גראָדנע און אַנדערע שטעט.

דאָ פאַלט אָבער דער בונד אַף אַ נייע האַמצאָע, ער לאָזט זיך אַזוי ווייט אַף קאָמפּראָמיסן, אַז ער ווערט מערוצע אַף דער פאָלגנדער פשאָרע מיט דעם קאָוונער אידישן וואַל-קאָמיטעט. זיי פון זייער צאַד זאָלן אים אָפּלאָזן אין קאָוו־נער גובערניע 2-3 ערטער, און ער פון זיין צאַד וועט אונטערהאַלטן אין דער גאַנצער גובערניע די קאַנדידאַטן, וועלכע ווערן אַרויסגעשטעלט פון דעם אי־דישן קאָמיטעט.

אַף אַזאַ אופן האָט די שאַוולער אָרגאַניזאַציע פון בונד פאַרעטעט דעם אָפּמאַך מיט זייער ברידערלעכער אָרגאַניזאַציע—פון ל. ס. ד., אָוועקגעוואָרפן זייער אייגענעם קאַנדידאַט פרידמאַנען און אויפגעהערט אַגיטירן פאַר דעם אַרויסגעשטעלטן דורך אונז זובאָוון. אָנשטאָט די דערמאָנטע קאַנדידאַטן, אַגי־טירן די בונדאָווצעס פאַר אַזעלכע קאָנסערוואַטיווע רעאַקציאָנערן, ווי צינקאָוו־סקי און פאַר דעם טיפּיטשנעם בורזשוי כאַראַנזשיצקע, וועלכע האָבן פריער געוואָלט אַריינגיין אין אַן אָפּמאַך מיט די פּוילישע פּריצים, בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען אַרויסגעשטעלט דורך דעם אידישן וואַל-קאָמיטעט.

אָט אַזוי האַנדלען סאָציאַל-דעמאָקראַטן!

כאַווײרים און ברידער! מיר גלויבן שטאַרק אין דעם ס. ד. באַוואוסטזיין פון אייך, אידישע אַרבעטער. מיר זיינען איבערצייגט, אַז אונזער לאָזונג: „פּראָ־לעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַרייניקט אייך!״ איז פאַר אייך ניט קיין פּוסטע פראַזע. ווי טייער דאַרף שוין זיין באַ אייך די סאָלידאַריטעט פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט אין איין לאַנד, אין איין שטאָט, וועלכער לעבט און קעמפט צוזאַ־מען? צי קען, כאַווײרים, עקזיסטירן אַן אַרבעטער-קלאַס אין אַן אַרבעטער-קלאַס? מיר אַלע בילדן איין סאָציאַליסטישע ארמיי, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס אונז אונטערשיידט באַזונדערע אָפּשטאַמונגען. דערום גלויבן מיר ניט, אַז אייך, אידי־שע אַרבעטער, זאָל דער שאָוויניזם אַזוי פיל בלינד מאַכן, איר זאָלט ניט דער־זען, ווער איז אייער פריינט און סוינע.

מיר אַפּעלירן אַלזאָ צו אייער סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין, מיר גיבן אייך איבער, איר זאָלט אַרויסטראָגן אייער מישפּעט אַף אַזאַ וועלט שרייענדן פאַרברעך!

דאָס ווענדן מיר זיך צו אייך—דער שאַוולער ראַיאָנער קאָמיטעט פון דער פאַרייניקטער ליטווישער ס. ד. פּ.—מיר האָבן לויט דעם אָפּמאַך אַגיטירט

פאַר פרידמאַנען און זובאָוון, ניט קוקנדיק אף דעם, צי זיי זיינען אידן, צי פּאָליאַקן, צי ליטווינער. איצט האָט די טעטיקייט פון בונד פאַרשווערט אונזער ארבעט אין דער פאַר אונז סאָציאַל-דעמאָקראַטן נויטווענדיקער ריכטונג.

צי קענט איר דערלאָזן אַזעלכע אומרעכטן? רופט זיך אָפּ, כאַווײרים און ברידער!!!

דער שאַוולער ראַיאָנער קאָמיטעט פון דער ליטווישער סאָצ.—דעמ. פּאַרטיי.

215. די צ. ס. א. פּ. אין וואַל-קאַמף.

(קאָרעספּאָנדענץ פון קאָוונע. „דער נייער וועג", נומ. 25, 12 יאַנוואַר 1907).

די וואַל קאַמפּאַניע דערגרייכט איר העכסטע שטופע. עס איז שוין זעלטן צו טרעפן אַ אידישן ווילער, אפילע פון יענע פּאַריאַגטע, ועמען די „קלאל-זאכן" קריכן ניט אין מויעך אלע טעג פון א גאנץ יאָר, אז ער זאָל ניט אונטערשיידן, וואָס איז אזוינס ס"ס, „בונד" און „דערגרייכער"...

פון דעם 23 דעקאבר האָט זיך אָנגעפאנגען אין אלע טיילן פון שטאָט די ברייטסטע אגיטאציע פון ס"ס,—אזוי אז פאר דער צייט האָט זיך די גאנצע שטאָט פאַרינטערעסירט מיט דער פראגע וועגן די אידישע פּראָלעטארישע פאַר-טייען. 12 ווילער-פאַרזאמלונגען אין פאַרלויף פון אכט טאָג, וועלכע האָבן געלאָזן טיפע וואָרצלען אין די מאסן. מע קען זאָגן, אז אונז האָט געלונגען צו באַגייסטערן די אידישע גאס. זי האָט איצט פון אונז דערהערט אונזער גרויסן עמעס און פּילגדיק אין אונז די ערנסטע איבערגעגעבענע שטרייטער פאר די נאציאָנאַלע פּערספּעקטיוון, וועלכע מיר האָבן אָנגעוויזן אין דער צו-קונפט, איז זי גרייט אונז פאַרטרויען איר קעגנוואָרט. מיט דער גרעסטער צו-פרידנקייט באַגעגנט דער אוילאָם איבעראַל אונזערע רעדנער. ס'טרעפט, אז דער אגיטאטאָר ווירקט אזוי אף די צוהערער, אז זיי דריקן אפן אָרט אויס זייער גרייטקייט צו שטימען פאַר דעם ס"ס-ישן קאנדידאט.

שאַבעס נאָך „לייענען" רעדט מען אין די באַטעמעדראָשים און אינטערע-סאַנט איז, ווי נייגעריק די דאַוונער באַגעגענען און הערן אויס דעם רעדנער. דער שאַבעס פון 30 דעקאבער האָט אין שטאָט געהייסן—„דער ס"ס-ישער", ווייל דורכויס אין אלע שולן און קלויזן פון קאָוונע און סלאָבאָדקע האָבן גערעדט אונזערע כאַווײרים. אין „קאָר-שול" האָט אונזער א כאַווער גערעדט פאר א גרויסן אוילאָם וועגן אונזערע קעגנער פון רעכטס און פון לינקס. זיין רעדע האָט געמאַכט א גרויסן רוישעם, אזוי, דאָס זאָגאר אין אנדערע עקן פון שטאָט האָבן אידן דעם גאנצן טאָג גערעדט וועגן איר. אין דער זעלבער צייט האָט דער כאַווער א. גערעדט אין גרויסן בעסמעדרעש (שוין צום צווייטן מאָל) פאר זייער א גרויסן אוילאָם. מער מענטשן האָט שוין די שול ניט געקענט אריינעמען, זאָגאר באַ די פּרויען אין דער הויף איז געווען איבערפולט. זיינע

רייד האָבן אף אזוי פיל געווירקט, אז ס'איז געגוג צו אויסריידן, דאָס דער כאוועד וועט ערגעץ וואו ריידן און אידן, אפילע אלטע, זיינען גרייט צו גיין הערן בא יעדער צייט.

אויסער פארזאמלונגען אין שולן און פריוואטע אין פארשיידענע ערטער, זיינען פאָרגעקומען אויך אָפיציעלע.

אין זאל פון דער „ביליקער קיך" איז צונויפגערופן געוואָרן מיט דער דער־לויבעניש פון פאָליציי א דעלעגאטן־פארזאמלונג, אף וועלכער עס זיינען איינ־געלאדן געוואָרן די „דערגרייכער" און דער „בונד". דער כאוועד ס. האָט גע־לייענט א קורצן שארפן רעפעראט אין רוסיש, וואו ער האָט אויסגעלייגט אונ־זער פראָגראם; נאָכהער האָט דער כאוועד א. געהאלטן א רעדע, אין וועלכער עס זיינען שארף קריטיקירט געוואָרן די „דערגרייכער" און דער „בונד": די פארזאמלונג האָט זיך געפונען אונטער א שטארקער ווירקונג פון די רייד, אזוי אז אייניקע פון די פארזאמלטע (פריער פיינט פון ס"ס) האָבן פאָרגעלייגט צו אויפרופן לעגאלע פארוואל־פארזאמלונגען אף דעם אויפן, אז אונזערע רעד־נער זאָלן קומען דאָרט ריידן. פון „בונד" איז קיינער אף דערדאָזיקער פאר־זאמלונג ניט ארויסגעטראָטן, און ווי עס ווייזט אויס ניט אלפי צופאל.

אין אלגעמיין פילט ער זיך אין קאָוונע ניט איבעריק פעסט (ווען מע זאָל ניט רעכענען די האָפענונג אף די „דערגרייכער"), כאָטש אף די אמודים פון „פאָלקס־צייטונג" טריאומפירט מען ניצאָכן. פאר דער גאנצער צייט איז געווען צו הערן נאָר פון איין פארוואל־פארזאמלונג אין סלאָבאָדקע און אויך ניט מיט אזא שיינעם שעם. אהין האָט זיך אונז מיט גרויס שוועריקייט איינגעגעבן צו ארייינפירן אונזערן א רעדנער, דען די בונדיסטן ניט נאָר וואָס זיי האָבן ניט איינגעלאדן, זיי האָבן זאָגאר געשטערט דעם ס"ס צו דורכגיין אין צימער, וואו די פארזאמלונג איז פאָרגעקומען. און ווען אונז האָט שוין געלונגען צו דורכקריכן און איינער פון די וויילער כ' א—אן האָט געבעטן א וואָרט פאר דעם רעד־נער פון ס"ס, איז פלוצלונג עפּעס געשעען. דער בונדישער רעדנער אין רעכטן היץ פון זיין רעדע אישעווט זיך אייניקע סעקונדן מיט זיין פאָרזיצנדן, נאָכהער... איז ער מויכל אף זיין אומקאָוועד,—ד. ה. אף דעם וואָס ער... מוז לאָזן איינ־מיטן (אף וואָס איז א בונדאָוועץ ניט מוכן, אבי נאר אויסמיידן א ס"ס־אָוועץ, וועלכער קען נאָך כאָלילע געבן א פאסנדן ענטפער ביפניי אם וועאיידע אף אלע בונדיסטישע רעכילעס, וועלכע ס'קומען בא היינטיקע צייטן אזוי צוניץ אין דער מילכאָמע פאר די בונדישע פאָזיציעס). און פונקט ווי א שעד וואָלט אים געטריבן—א זאָג געטאָן: „בירגער, איר ט'שוין געגוג געהערט, צייט גיין אהיים!" און כעוורע האָט גענומען שטופן דעם אוילאָם. אומזיסט האָבן אייני־קע אידן פראטעסטירט—גארניט, דידאזיקע לייט האבן דען בושע?!

...צווישן דעם האמוין הערשט אין קאָוונע זייער א גוטע שטימונג פאר די ס"ס, און דאס האט נאך אמאל באוויזן די פארזאמלונג פון 2-טן יאנוואר.

אינטערעסאנט איז אויך דער אינצידענט אף דערדאזיקער פארזאמ־לונג, וועלכער כאראקטעריזירט דעם „בונד" און זיין יאגעניש צו געפינען כיין

אין די אויגן פון די „גרויע בערד"... דאס באווייזט אונז נאך אמאל, ווי דער „בונד" בייט זיין צורע און לאזט זיך אזוי אראפ אין זיין ווען „זיך צופאסן". די מאיסע איז א קורצע, אבער א כאראקטערנע. נאָך דעם רעפערענט ה' אבר. האט דאט ווארט באקומען א „אידל", וועלכער האט גלייך איבערגעאנדערשט די שטימונג פון דער פארזאמלונג. ער האט זיך ארייגעלאזן אין מאגידעס, זאגאר געזונגען אף א ניגן (ווי אידן האבן ליב...), אזוי אז דער אוילאם האט זיך מיט מאטערניש איינגעהאלטן פאר געלעכטער, אלע האבן אייגנטלעך געמיינט, אז דאס רעדט עפעס א באטלען, א דערגרייכער, און פון דעם פובליקום האבן זיך דערהערט קוילעס (זאגאר בונדישע): „גענוג!" „אראפ!" דער פארזיצנדער האט אנגעהויבן צו בארואיקן די פארזאמלונג, דאס יעדערער מעג ווי ער קען זיין מיינונג ארויסזאגן, און פלוצלונג,—דער רעדנער שרייט, אז אין דומע מוז גיין א... בונדיסט... און א ראיע דערצו איז עפעס א מאַיסע מיט פויערים, בא וועלכע מע האט באשטימט א טארג אף זייערע קעלבער; זיינען אויפגעשטאנען די פויערים און זיינען גרייט געווען זיך ווענדן צום „איינציקן פארשטייער" (אלאָוואשאלעם!) זייענדיק זיכער, אז בא אים איז דער יוישער און דער קויעך, און נאך, און נאך... לאזט זיך אויס, אז דאס איז ניט קיין דערגרייכערישער מאגיד, נאר איינער פון די גרעסטע „בונדישע קרעפטן", וועלכע זיינען באליילא האהו „דעמאנסטרירט געווארן"...

עלע ט'איר פרעגן, ווי קומט א בונדישער ליטעראטאר זיך אזוי צו פארשטעלן, אז אפילע אייגענע מענטשן זאלן ניט דערקענען? איז קיין קאשע ניט, מע דארף דאס אויך קענען, ס'קומט צוניץ. און מיט אלץ צוזאמען הייסט עס טרייבן פאליטיק...

216. די י. ס. א. פ. אין וואל-קאמף.

(קארעספאָנדענץ פון פאדאלער גוב. „פאלקס-שטימע", נומ. 4. 23 פעווראל 1907).

איך וויל אייך דאָ איבערגעבן אין קורצן די רעזולטאַטן פון דער וואַל-קאַמפּאַניע אין אונזער קאַנט. אַגעוו, פאַר אונז איז זי שוין קימאַט ווי פאַרענדיקט. באַ אונז אין שטאָט און אין דער גאַנצער גובערניע איז די אָרגאַניזאַציע פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פאַרטיי די איינציקע, וועלכע האָט אַ באַדייטנדע ווירקונג באַ די אַרבעטער-מאַסן. דער „בונד" אַרבעט דאָ אויך, נאָר ניט אומעטום, און האָט אַ קנאַפּן ערפאָלג באַ די מאַסן.

...אַכוץ די אָרגאַניזירטע מאַסן, האָבן מיר אונטער אונזער אָנפירונג דעם גרעסטן פראָפעסיאָנעלן פאַריין פון פריקאַזטשיקעס און שפּילן אַ באַדייטנדע ראָלע אין די איבעריקע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

מיר האָבן אָרגאַניזאַציעס אין די וויכטיקסטע פונקטן פון דער גובערניע (וויניצע, באר, ליטין און אַז. וו.) און אין אייניקע פונקטן פון בעסאַראַביע. אַזאַ גינסטיקע לאַגע האָט אונז געגעבן די מעגלעכקייט פירן אַ זעלבשטענדיקע וואַל-קאַמפּאַניע און גרויסע שאַנסן אַף דורכפירן אונזער דעפּוטאַט אין דומע.

דער דעמאָקראַטישער טייל פון דעם היגן אידישן וואַל-קאָמיטעט האָט
אָנגעהויבן פירן מיט אונז פאַרהאַנדלונגען וועגן אַן אָפּמאַך. מיר האָבן דאָ אַרויס-
געשטעלט דעם כּאַוּוער באַזין [87]) פאַר אַ וויבאָרשטשיק. אַ פּאָר אידישע באַנקירן
פונם קאָמיטעט, וועלכע האַלטן סליאָזבערגס צאַד, האָט עס זייער ניט געשמעקט,
זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס שמעקט מיט אַ דעפּוטאַט, און סליאָזבערגס קאַנדי-
דאַטור איז אין אַ גרויסער סאַקאָנע. דער אייגענער סליאָזבערג, וועלכער איז
דאָ אַרויסגעטראָטן פאַראיאָרן און איז דורכגעפאַלן מיט אַ גרויסן סקאַנדאַל
דערפאַר, וואָס ער האָט געפּרואווט בלאָקירן מיט די אַגראַריער קעגן די פּויע-
רים, וועלכער איז פאַרהאַסט בּאַ דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָט היינטיקס
יאָר נאָך אַלץ געהאַט אַ כיישעק קריכן אין דער דומע. זיינע כסידים האָבן
געאַרבעט מאיסים קעגן אונז, נאָר ס'האָט זיי ניט געהאָלפן. דער כּאַוּוער באַזין
איז איינגעלאַדן געוואָרן אַפן ערשטן גובערנסקן צוזאַמענפאָר פון די אידישע
וואַל-קאָמיטעטן אין קיעוו מיט אַ באַראַטונגס-שטימע (נאָך זיין אייגענעם פאַר-
לאַנג). אַדאַנק זיין אָנטיילנעמען אין דעם צוזאַמענפאָר, זיינען אפּגעוואָרפן
געוואָרן אַלע רעאַקציאָנערע רעזאָלוציעס פון סליאָזבערגס קאמפּאַניע און אָנ-
גענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע אינם זין פון בלאָקירן אַף דער צווייטער
שטופע מיט די פּויערים. אין דעם צוזאַמענפאָר האָבן אויך גענומען אַן אַנטייל
צוויי סאָציאַל-דעמאָקראַטן (אידן פון דער „ספּילקא!” *) מיט באַשליסנדע שטימען,
מיט מאַנדאַטן פון די אידישע קעהילעס פון ט. און פון וו. אויעזד. אַפן צוזאַ-
מענפאָר איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ גובערנסקע ביוראָ, וועלכע דאַרף אָרגאַני-
זירן די וואַלן. אינם ביוראָ זיינען אויסגעקליבן געוואָרן איין ס.-ד. און דער
כּאַוּוער באַזין. דער לעצטער האָט זיך אָפּגעזאָגט, מאַכמעס זיינע פּאַרטיי-פּרינ-
ציפּן ערלויבן אים ניט. אָנטייל נעמען אין אַ בורזשואַזן ביוראָ, און האָט מאַסקים
געווען אנטייל נעמען אין די זיצונגען פונם ביוראָ מיט אַ באַראַטנדע שטימע,
אַלס פאָרשטייער פון י. ס.

די גובערנסקע ביוראָ איז זיך גיך צעפאַלן. איינער פון זיינע מיטגלידער,
ד״ר לאַנדער, האָט פאָרגעלייגט, אַז ער זאָל אַרבעטן אונטער דער פאָן פון די
„דערגרייכער”, און דאַן וועלן זיי געבן די מיטלען אַף אָרגאַניזירן די וואַלן.
דער כּאַוּוער באַזין האָט אויפגעוויזן, אַז דאָ זיינען פאָרשטייער פון אומפּאַר-
טייאישע שטאָטישע וואַל-קאָמיטעטן, און קיינער האָט ניט קיין רעכט אים
פאַרוואַנדלען אין א דערגרייכערישן ביוראָ. דאָס ראָוו האָט מאַסקים געווען, און
די ביורא איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

מיר האָבן אָנגעהויבן פירן אונזער אַגיטאַציע. דער כּאַוּוער באַזין און דער
כאווער מישא האָבן באַזוכט אייניקע פונקטן פון דער גובערניע (באָגאָפּאָל,
באַלטע, אָלגאָפּאָל א. אַז. וו.). אומעטום האָבן זיי דורכגעפירט, אַז אַפן ערשטן
פּלאַן שטייט אַ לינקער און קעגן סליאָזבערגן. מע האָט באַדאַרפט צוגרייטן די
פּויערים, אַז זיי זאָלן אַריינטרעטן אין אַן אָפּמאַך מיט דער שטאַט=קוריע. אַדאַנק
די ס. ר. האָבן מיר באַקומען פאַרבינדונגען מיט די מער באַוואוסטזיניקע פּויערים
און האָבן אַוועקגעשטעלט די אַגיטאַציע צווישן די פּויערים אַף אַ פעסטן פוס.

*) אוקראַינער אָרגאַניזאַציע פון ר. ס. ד. א. פּ.

דער כאַוועך באַזין האָט געלעזן עטלעכע רעפעראַטן, פּראָגראַמנע און פּאָליטישע, און האָט געמאַכט אַ גוטע ווירקונג. די קאַנדידאַטן אַף וויבאָרשטשיקעס אין באָגאָפּאָל, באַלטע, אָלגאָפּאָל א. אז. וו. האָבן צוגעזאָגט שטימען אַף דער צווייטער שטופּע פון די וואַלן פאַר אונזער קאַנדידאַט.

אין מאָהילעוו האָט דער כאַוועך באַזין דערקלערט פאַרן וואַל-קאָמיטעט זיין פּראָגראַם (קיין מאַסן-פאַרזאַמלונגען האָט מען ליידער ניט געקענט צונויפנעמען) און לויט דעם אָפּמאַך מיט די י. ס. האָט ער באַדאַרפט זיין איינער פון די דריי וויבאָרשטשיקעס פון מאָהילעוו (די איבעריקע צוויי — ארנאאוטאָוו און עפּלבוים).

נאָר ס'איז ניט באַשערט געווען... עס האָט זיך אריינגעמישט אַ פרעמדע האַנט.

דער כאַוועך באַזין האָט געהאַט אַ צענז פון א דירע-דינגער. כאָטש דער צענז איז געווען אַ קאָשערער נאָך די לעצטע פּערושים פונם סענאַט, דאָך האָט זיך די פּאָליציי עפּעס מאָדנע פאַרינטערעסירט מיט אים. דאָס איז געווען דער איינציקער צענז, וועלכן זי האָט כייקער וועדוירעש געווען. נאָכן לאַנגן אָפּציען און אמפּערן האָט אים די אויעזדנע קאָמיסיע אויסגעמעקט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע עמפּערונג און ערביטערונג אין דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט שוין געקוקט אַפן כאַוועך באַזין, ווי אַף אַ קינפטיקן דעפּוטאַט. איינִיקע וויבאָרשטשיקעס האָבן זיך געוואָלט אָפּזאָגן. אָנגעקוואָלן האָבן דערפאַר די אידישע באַנקירן.

אצינד איז שוין אַסאַך שווערער קעמפן מיט סליאָזבערגן, כאָטש מיר האָבן נאָך ניט אוועקגעלייגט דאָס געווער.

קיין גרויסע מאַסן-אַגיטאַציע האָבן מיר ניט געקענט אַנטוויקלען איבער די פּאָליצייאישע באַדינגונגען, נאָר אונזער וואַל-קאַמפּאַניע איז דאָ ניט אַוועקגעגאַנגען לעאיבעד. מיר האָבן ערוואָרבן די סימפּאַטיען פון דער באפעלקערונג און באַפעסטיקט אונזערע פּאזיציעס אין די אַרבעטער-מאַסן.

217. די אידישע פּארטייען אינם וואל־קאַמף.

(ארטיקל פון וו. מעדעם. „נאשא טריבונא", נומ. 9. 6 פעווראל 1907).

...די פּארטיי פון די אומפּארטייאישע, וואָס גייט אונטער דער פירמע פונם פולבארעכטיקונגס-פאריין, אדער אָן א שום פירמע, דאס זיינען די פריערדיקע באלעבאטים פון דער אידישער גאַס, די טרעגער פון דער קאָהאל-פּאָליטיק.

מיט וואָס זיינען זיי געקומען אין דער וואַל-קאמפּאניע? מיט גאָרניט. א פרומער ווונש פון גלייכבאַרעכטיקונג — אָנשטאט א פּראגראם; פורכטזאמע סימפּאטיע צו די קאדעטן — אנשטאט א טאקטיק; א בייסמעדרעש-אפּאראט — אנשטאט אן ארגאניזאציע. דאָס זיינען ניט קיין פּאליטישע טוער, דאָס זיינען פּאליטיק-מאכערס. אקטיוו האבן זיי אינם אידישן געזעלשאַפטלעכן געדאנק גאָרניט ארייננעטראָגן. אזא אויפגאבע האבן זיי זיך אפילע ניט געשטעלט

און ווען מע פלעגט זיי ארויסשטופן אף דער רעדנער-טריבונע, פלעגן זיי ריידן בלאסע אומפארשטענדלעכע ווערטער, וואס זיינען פרעמד פאר דער מאַסע. זייער ריידן איז געווען ערגער פון זייער שווייגן.

...די פּאַרטיי פון די אומפאַרטייאישע איז ארויס פונם קאַמף א צעקלאַפּטע.

...ווער עס זאָל ניט געווינען — צאָלן צאָלט זי. און אויב אימיצער האָט אָנגעקליבן א קאַפּיטאַל פון אידייאישער ווירקונג — איז דאָס אף איר כעשבן. אלע נייע געביידעס ווערן געבויט פון די ציגל, וואָס מע האט ארויסגעקלאַפּט פון דער אלטער געביידע — פון דער קאָהאלשער אומפּאַרטייאישקייט. אַפן שווארצן ברעטל, וואס ליגט בא איר צוקאָפּנס, איז אָנגעשריבן: מאָריטורא — זי מוז שטארבן.

... פאר די ציאָניסטן זיינען געשטאנען דרייערליי אויפגאַבן.

ערשטנס, דער קאַמף פאר אן אייגענעם ציאָניסטישן קאנדידאט — דאָס איז א פּאַרטייאישע אויפגאבע. צווייטנס, דער קאמף דערפאר, אז דער קאנדידאט זאָל יעדנפאלס ניט זיין קיין אסימילאַטאָר. דער קאנדידאט מעג זיך זיין ניט קיין ציאָניסט, נאָר קיין אסימילאטאָר טאָר ער ניט זיין; ער מוז זיין א נאציאנאליסט. אָט די אויפגאבע איז — א האלב-פּאַרטייאישע, אָדער, אויב איר ווילט, אויך א פּאַרטייאישע, אָבער ניט קיין ציאָניסטישע, נאָר פון א פּאַרטיי פונם ריינעם נאציאָנאַליזם (זאָל זיין אין גייסט פון דובנאָווס פּאַרטיי, „פון דער אידישער פאָלקס-פּאַרטיי", וואס האט זיך אגעוו אף די פריערדיקע וואַלן מיט קיין זאַך ניט ארויסגעוויזן). לעסאָף, די דריטע אויפגאבע: די באַשיצונג פון אידישן אָכדעס. דאס איז שוין... אן אנטיפּאַרטייאישע אויפגאבע, אן אויפגאבע פון קאָהאל-פּאָליטיק.

צווישן אט די דריי בוימער האָבן זיך די ציאָניסטן פאַרבלאָנדזשעט. און פאָרגעקומען איז דאָס אף אזא אויפן: די ערשטע אויפגאבע האָט באלד אָפּגעטראָטן איר אָרט דער צווייטער, און די צווייטע — דער דריטער: די האלב-פּאַרטייאישקייט האָט מענאַצייעך געווען די פּאַרטייאישקייט און די קאָהאלפּאָליטיק האָט בייגעקומען די האלב-פּאַרטייאישקייט.

די ערשטע אויפגאבע — דער קאמף פארן ציאָניזם, — איז שנעל פארשוואונדן געוואָרן און פאַרלאָרן איר באַדייטונג. דאָס פארמעסטן זיך איז געווען גרויס און שטאָלץ. נאָר פונם ערשטן שטויס איז פון דעם געבליבן א הייפל פראַזן און א שלעכט פארמאסקירטע צוריקציאונג. א גרויסער פאַרמעסטן זיך, שטאָלצע ווערטער וועגן דער פאָן... וועגן דעם, אז די ערשטע רעדע פונם ציאָניסטישן דעפּוטאט אין דומע וועט אים אָפּגרעניצן פון א געוויינלעכן נאציאָנאַליסט... דערנאָך — א סיגנאל אף צוריקציען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן אנדערע דיבורים: „פּוסטע רייד, ניט דאס האבן מיר געמיינט. אונטער דער אייגענער פאָן טרעטן מיר ארויס אף דער אידישער גאס, אָבער ניט אין דומע... אין דער דומע גייען מיר נאָר, קעדיי צו קעמפן פאר אונזערע רעכט. פאר די פאָדערונגען, וועלכע מיר שטעלן ארויס גלייך מיט די איבעריקע פּראָגרעסיווע גרופּעס פונם אידישן פאָלק, אכוץ די אסימילאַטארן"... שטעלט זיך דאָך די פראגע: צוליב וואָס דארף מען האָבן אין דומע ניט אנדערש ווי ציאָניסטן,

וויבאלד אז קיין ציאָניסטישע ארבעט וועט אין דומע ניט זיין? איז פאראן אַ טערעץ: „מיר ווילן, אז דאָס אידנטום זאָל געדענקען, אז אינם פּאַרלאמענטארישן קאמף פאר זיינע רעכט זיינען געווען ציאָניסטן". אז „מיר" ווילן דאָס, איז גאנץ פארשטענדלעך, אָבער צוליב וואס דארף דאָס אידנטום וועלן, אז גראָד די ציאָניסטן זאָלן זיין אין דומע, דאָס איז לאַכלוטן אומפארשטענדלעך. וואָרום עס איז דאָך קלאָר: וויבאלד אַז קיין אייגענע אויפגאבן רוקן די ציאָניסטן ניט ארויס, איז שיקן זיי, דאפקע זיי, ציאָניסטן, אין דומע איז ניטאָ צוליב וואָס. דערפאר איז אויך קלאָר, פאַרוואָס די ציאָניסטן, אלס צ י אָ נ י ס ט ן, גייען ניט דורך בא אזעלכע באַדינגונגען אין דומע. עס איז אויך קלאָר, אז דער ציאָניזם, אַלס אזעלכער, איז פונם וואַל-קאַמף באזייטיקט. און אזוי איז עס טאקע. וואָרום אף וויפל די ציאָניסטן האָבן געפירט אַ וועלכע ניט איז אַגיטאציע, האָבן זיי געפירט ניט ארום די לאָזונגען פונם ציאָניזם. דער גרונד-מאָטיוו פון זייער אגיטאציע איז געווען: דער קאַמף קעגן דער נאציאָנאלער זעלבסטאנטזאגונג. די אידן דאַרפן זיך פּראָקלאמירן אלס א נאציע. פון דעם טאָרן זיי זיך ניט אָפּזאָגן, צוליב בירגער-רעכט. דאָס איז, אין טאָך גענומען, דער אינהאלט פון זייער גאנצער אגיטאציע. קיין ציאָניזם איז דאָ ניטאָ. און אויב די ציאָניסטן האבן יא געארבעט פאר וועמען עס איז, איז ניט פאַר דער א י י ג ע נ ע ר פארטיי, נאָר פאר דער ניט-ציאָניסטישער פארטיי, פאר דער פארטיי פונם „ריינעם" נאציאָנאליזם, וואָס דארף ערשט אויסוואקסן.

...די ציאָניסטן-סאָציאליסטן. א געוויסע אגיטאציע האָבן זיי געפירט. כאָטש, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, מער ניט ווי אין איין קאָוונער גובערניע. אין אנדערע ערטער האָט מען זיי ניט באַמערקט.

צו די אלגעמיינע ציאָניסטן זיינען זיי געווען ענלעך אין איין זאַך: קיין טעריטאָריאליזם איז אין זייער אגיטאציע ניט געווען. אלס טעריטאָריאליסטן, זיינען זיי אין וואל-קאמף ניט ארויסגעטראָטן. ...ארויסגעטראָטן זיינען זיי אַף צווייערליי אויפאַנים. אָדער מיט גלאַט רעוואָלוציאנערע רעדעס, מיט פּאָלעמיק קעגן די רעכטע און מעסיקע (דאָס פלעגט פּאָרקומען מייסטנס דאַן, ווען זיי פלעגט ניט אויסקומען צו האָבן צו טאָן מיטן „בונד"). און דעמאָלט פלעגט מען זיי אָנעמען פאַר בונדיסטן, אָדער אלס קריטיקער פונם „בונד". און די קריטיק זייערע איז געווען אן עכט כאַראקטעריסטישע. מע האָט געדארפט זעען די דאָזיקע פאַרזאמלונגען פון די אידישע ווילער: באַיאָרנטע עלטערע מענטשן, קליינע קרעמער, באלמעלאָכעס, פורמאַנעס, פּראָסטע ארבעטער — א רויער, פּאָליטיש ניט אָנגערירטער אוילאָם... פארמאטערטע פון א גאנצן טאָג אַרבעטן, האָט ער זיך צונויפגעשטיקט אין איין הויפן אין דער שטיקנדיקער לופט פונם אָנגעפּאַקטן זאַל; די אויסגעמוטשעטע, פאַרטעמפּטע פּנימער דריקן אויס אַן אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט; מע סטארעט זיך צו פאַרשטיין; קוים וואָס מע כאַפּט די געוויינלעכסטע, עלעמענטארסטע געדאנקען, און אָט פאר אַזא אוילאָם טרעט ארויס א יונגער ס.ס.-ווער און הויבט אָן צו געבן א כיילעק דעם „בונד" דערפאַר, וואָס ער באַציט זיך ניט מיט גענוג אכטונג צו דער „עמיגראציע-פּראָבלעם", הויבט אָן צו ריידן וועגן דער „ניט-אינדוסטריאליזי-

רונג״, וועגן שפּרינגערס[88]) אווטאָנאָמיע און דער אומעגלעכקייט אויסצובויען אַ קולטורעלע געביידע אָן אַן עקאָנאָמישן פונדאמענט. דאָס איז ניט קיין שפּאַס. און אין דערעמעסן, וועגן וואָס נאָך האָבן זיי צו ריידן, און מיט וואס נאָך קענען זיי זיך אָפּגרעניצן פונם „בונד״?

קלאָר, אז קיין שום פּאָזיטיווע ארבעט האט דאָ ניט געקאָנט זיין. אין בעסטן פּאַל האָט מען דאָ געקענט איינפלאַנצן א וועלכן ניט איז אומצוטרוי צום „בונד״, צעקלאַפּן די גאַנצקייט פון דער שטימונג פונם צוגויפגעקליבענעם עולם. „קאַליע״ מאַכן דעם „בונד״ האָט מען נאָך געקענט, נאָר געווינען עפּעס פאר דער אייגענער פּאַרטיי — לאכלוטן ניט.

אויב די ס.ס.׳ן פלעגט זיך וואו-ניט-וואו שוין איינגעבן צו קריגן א שטיקל פּאָפּולאריטעט באַם עולם, פלעגט דאס פאַרקומען ניט דאָרט, ווען זיי פלעגן פּאָלעמיזירן מיטן „בונד״, נאָר דענסטמאָל ווען זיי פלעגן מיט אים איינשטימען. די פּאָפּולאַריטעט פלעגט מען קריגן אַף אזויפיל, אף וויפל דער עולם פלעגט זיי שטעלן אף איין פלאַץ מיטן „בונד״ — אפן פלאַץ פון די עקסט-לינקע, אלס „אויך א רעוואָלוציאָנערע פּארטיי״, אלס דעם צווייטן „בונד״, נאָר ניט אלס סאָציאליסטישן ציאָניזם. אלס ס. ס. האָבן זיי פון דער וואַל-קאַמפּאניע גאָרניט געקענט ארויסטראָגן.

און דאָס איז גאנץ פאַרשטענדלעך. וואָרום קיין ס.ס.-שע, ספּעציעל ס.ס.-שע פּאָליטישע פּראָגראַם איז ניטאָ. אין זייער אגיטאציע איז ניטאָ קיין ספּע-ציעל ס.ס.-שער פּאָליטישער אינהאַלט. פּאָליטיש איז דער ס.ס.-שער געדאנק איגגאנצן פרוכטלאָז (דאָס האט א שאַיכעס, פאַרשטייט זיך, ניט נאָר צו די ס.ס. אליין, נאָר אויך צו אלע סאָציאליסטישע פראקציעס אין ציאָניזם). ער איז נאָר פעאיק צו געבן ארבעט דעם קאָפּ, ארויסצורופן די אָנשטרענגונג פונם סייכל. און אינם ס.ס.-שן געדאַנק פילט זיך טאקע געמאָרע-שטיק. ער דער-מאָנט דעם קלאַסישן טיפּ פון א יעשיווע-באָכער, וואס עסט „טעג״ און נאָך מיטאָג האָרעוועט ער אפן האַרבן „פּילפּול״. און דערדאָזיקער געדאנק געפינט טאקע אָנהענגער גראָד צווישן דער אידישער האלב-אינטעליגענץ און צווישן קליינע שיכטן פון דער ארבעטער-יוגנט, וואָס שטייען נאָענט צו איר. די האלב-אינטעליגענץ — אָט דאָס איז די עמעסע פלאַנץ-שול פונם סאָציאליסטישן ציאָניזם.

...מיט וואס זיי זיינען געקומען אין דער וואַל-קאַמפּאניע, מיט דעם זיינען זיי אוועק. אויב מע זאָל ניט פאַרשרייבן אף זייער כעשבן עטלעכע קאָמפּראָ-מעטירנדיקע פאקטן: דעם קינדערשן אריין און ארויס פונם קאָוונער קלאַל-איסראָעלדיקן וואַל-קאָמיטעט, דעם אינצידענט מיטן מינסקער ס.ס., וואָס איז אריינגעפאלן אינם צעטל פונם „מעסיקן״ בלאָק קעגן די עקסט-לינקע, דעם אינצידענט אין פּאָנעוועזש, וואו די ס.ס., ניט ארויסשטעלנדיק קיין אייגענעם קאַנדידאַט, האָבן געשטיצט דעם דערגרייכער קעגן דעם בונדיסט: עס האָט זיך דאָך געוואָלט קאליע מאכן דעם קאָנקורענט!

די וואַל-קאמפּאניע האָט נאך אמאָל באַוויזן, ווי גערעכט עס זיינען די

וואָס ווילן זיך ניט רעכענען מיט די ציאָניסטיש-סאָציאַליסטישע גרופּעס, ווי מיט אן ערנסטער פּאָליטישער פּאַרטיי.

218. די רעזולטאַטן פון די וואַלן.

(„צי איז דאָס אַ מאַפּאָלע?" „פאָלקסצייטונג", נומ. 286, 1907)

...„צוויי אידישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן טעטיקער פאר אַלעמען אַגיטירט אין דער אירישער סוויווע, האָבן באַקומען אַ פולשטענדיקע מאַפּאָלע. דאָס זיינען די ציאָניסטן און די בונדיסטן. עס קען זיין, אז זייערע פּאַרטרעטער וועלן אָדער גאָרניט אַריין אין דומע, אָדער עס וועלן אין איר אַריינפאַלן נאָר איינצלנע פּערזאָנען". אַזוי זאָגט דער „יעוורייסקי גאָלאָס"[89] (נומ. 6). לאָזנדיק אָן אַ זייט די ציאָניסטן, וועגן וועלכע אַלע וועלן געוויס זיין איינשטימיק, אַז זיי האָבן געליטן באַ די וואַלן אַ פולקומע מאַפּאָלע, דאַרף מען זאָגן, אַז אַף וויפל עס רעדט זיך דאָ וועגן „בונד", באַווייזט נאָר דערדאָזיקער אורטייל, אַז די רעדאקציע פון „יעוור. גאָלאָס" האָט קיין שום יעדיע ניט וועגן די פאַקטן פון דערווירקלעכקייט.

באַ די וואַלן אין אידישן „טכום" איז פאָרגעקומען פאָלגנדעס: די אידישע קאַנדידאטן זיינען אומעטום דורכגעפאַלן, און וויבאלד אז ס'זיינען דורכגעפאַלן אידן ביכלאל, פאַרשטייט זיך שוין, אַז עס האָבן ניט געקענט דורכגיין פאַר דעפּוטאַטן בונדיסטן אויך. עס איז דעריבער קלאָר, אַז ראַיעס פון דער „מאַפּאָלע" פון „בונד" דאַרף מען זוכן אין אַן אַנדער אָרט, אין דער ראָלע, וועלכע ער האָט געשפּילט אין דער וואַל-קאַמפּאַניע. לאָמיר זעען, אויב עס זיינען אין דערעמעסן פאַראַן אַזעלכע ראַיעס...

...דעם „בונד" האָט זיך איינגעגעבן — און דאָס איז איינע פון זיינע גרעסטע וואַל-ניצאָכנס — דורכצוקלאַפּן, מאַכן אַ לאָך אין דער פעסטונג פון די „אידישע וואַל-קאָמיטעטן". ער האָט פון זיי אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון „אומפּאַרטיילעכקייט" און האָט זיי אַרויסגעשטעלט פאר דער גאַנצער וועלט, אַלס בלאָקן פון פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע שיכטן פון די פאַרמעגנדע קלאַסן. ער האָט זיי געצוואונגען פּאָליטיש זיך זעלבסטבאַשטימען און אַרויסצושטעלן אַ פּראָגראַם „ניט רעכטער פאר קאַדע"; ער האָט זיי געצוואונגען אויסצואַרבעטן פּלאַטפאָרמען פאַר זייערע קאַנדידאַטן; ער האָט זיי געטריבן אָן ראַכמאָנעס אַף דער ליניע פון פּאַרטיילעכקייט, ניט לאָזנדיק זיי פאַרבאָרגן זיך הינטער די צוואַרעשע פראַזן פון „אַלגעמיין-נאַציאָנאלן אינטערעס". ער האָט פאַרייניקט די לינקע קעגן דעם „אידישן וואַל-קאָמיטעט" אין מינסק און האט אים געגעבן אַ טויט-קלאַפּ; אַזא לינקן בלאָק האָט ער געגרינדעט אויך אין ביאַליסטאָק און נאָר אַדאַנק אַ גאַנצער ריי שלימאַזלדיקע צופעליקע אומשטענדן האָט דערדאָזיקער בלאָק ניט מענאַצייעך געווען. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס די אַדמיניסטראַציע פלעגט סיסטעמאַטיש אויסשטרייכן די קאַנדידאטן פון „בונד", האָט ער פונדעסטוועגן דורכגעפירט זיינע 30—35 וואַלמענער, וועלכע האָבן צוגעצויגן

צו זיך טויזנטער שטימען, וואָס איז צו זעען פון דעם פּאַקט אליין, וואס אין גראָדנע האָט דער בונדישער קאנדידאט באקומען אַריבער 1250 שטימען שוין נאָך דעם, ווי ער איז געווען אויסגעשלאָסן פון רייסטער, און ווי עס איז וועגן דערדאָזיקער אויסשליסונג פייערלעך געמעלדעט געוואָרן דורך ספּעציעלע מוידאָעס, וועלכע מע האָט אויסגעקלעפּט אין שטאָט...

219. שטימונגען אין „בונד“ נאָך די וואַלן.

(סאַנאַגאָ (ש. גאָזשאַנסקי 90) : „סאַכאַקלען און פּערספּעקטיוון“, „נאַשאַ טריבונא“, נומ. 12. 1-טן מאַרט 1907)

...איידער איבערצוגיין צו די באַאָבאַכטונגען פון איינצלנע מאָמענטן פון דער וואַל-קאַמפּאַניע, מוז איך ווענדן די אויפמערקזאמקייט אף איין דערשיינונג, וועלכע איז כאראקטעריסטיש ניט פאר איין וועלכן ניט איז מאָמענט, נאָר פאר דער גאַנצער וואל-קאַמפּאניע. איך וואָלט דידאָזיקע דערשיינונג אָנגערופן „ווידערשטאַנד פון דער וויילער-סוויווע“. מיר האָבן די גאנצע צייט געפילט די אומגעהויערע קראַפט פון דעמדאָזיקן ווידערשטאנד. ער האָט געווירקט סטיכייאיש, ריכטיקער געזאָגט, מעכאַניש, ווייל אונזער וואַל-סוויווע, די בורזשואזע דעמאָקראטיע, האָט ארויסגעוויזן א ווידערשטאנד אונזער פּאָליטישער אָנפירונג ניט דערפאר, וואָס אונזער פּאָליטישע פּראָגראם=מינימום, אונזער פּאָליטישע פּלאטפאָרמע, טאקטיק, וועלכע מיר האָבן גערעכנט דורכפירן אין דומע, האָט ניט אנטשפּראָכן די אינטערעסן און פּאָליטישע שטרעבונגען פון דער בורזשואזער דעמאָקראטיע. אקוראט פארקערט. גראָד אונזער פּראָגראם-און טאקטיק=פּלאטפאָרמע, דער באגריף, וואָס האָט זיך היסטאָריש אויסגעארבעט וועגן אונז, ווי וועגן די אנטשיידנסטע דעמאָקראטן, האָט צוגעצויגן צו אונז דאס מיטגעפיל פון דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, וועלכע האָט אונז געגעבן א פּאָר צענדליק טויזנט שטימען. נאָר איך מוז זאָגן אויפריכטיק: אָט דער ערפאָלג איז א נישטיקער אין פארגלייך מיט דעם, וועלכן מיר האָבן געדארפט באקומען, אויב מע זאָל נעמען אין באטראכט די פּאָליטישע סיטואציע, אין וועלכער מיר לעבן, און דעם ליידנשאפטלעכן דורשט נאָך „פרייהייט“, וועלכן עס פילט די אידישע בורזשואזע דעמאָקראטיע.

די סיבע פון אונזער נישטיקן דערפאָלג ליגט אין דעם, וואָס אונזער ריין-פּראָלעטארישע און אומלעגאלע אָרגאניזאציע איז ניט צוגעפּאסט צו דער ארבעט אין דער בורזשואז-דעמאָקראטישער סוויווע, און דערפאר האט די לעצטע אונז ארויסגעוויזן אזא שטארקן ווידערשטאנד.

אונזערע קעגנער, די דערגרייכער און ציאָניסטן, האָבן גלייך פארוואנדלט אלע צדאָקע-און קעהילע-אנשטאלטן, ווי: מישמערעס כוילים, צדאָקע גדוילע, ליגאס-האצעדעק א. א. וו. אין רעגיסטראציע-ביוראָען. מיר אָבער האָבן געמוזט דאס אלצדינג טאָן קאָנספּיראטיוו. ניט ווייניק האב איך מעקאנע געווען אונזערע קעגנער, וואס מאכן זייערע זיצונגען אין גרויסע צימערן, ארום לאנגע

טישן און פירן גאָר אָפן די רעגיסטראַציע פון די וויילער, אין דער צייט וואָס מיר, אָפּהיטנדיק אַלע קלאָלים פון קאָנספּיראַציע, האָבן געדאַרפט קריכן אַף בוידעמס און אַראָפּלאָזן זיך אין קעלערס, כּדי דורכצופירן דידאָזיקע פּולקום לעגאַלע אַרבעט.

נאָר ווי אַזוי האָט זיך דאָס איינגעגעבן אונזערע קעגנער צוצופּאַסן באַשטימטע גאָר נישט קיין פּאָליטישע אַנשטאַלטן צו פּאָליטישע צוועקן? דאָס זיינען דאָך אַנשטאַלטן אַלגעמיין-אידישע? פאַרוואָס האָבן מיר, אַלס אַ טייל פונם אידנטום, זיך ניט באַנוצט מיט זיי און איבערגעלאָזן זיי איינגאַנצן אונזערע קעגנער — דעם אַנדער טייל פונם אידנטום? פאַרוואָס איז צוגלייך מיטן טיש, בּאַ וועלכן עס זיינען געזעסן די רעגיסטראַטאָרן פון די „אידישע קאָמיטעטן“, ניט געשטאַנען אונזער טיש, בּאַ וועלכן עס וואָלטן זיצן אונזערע רעגיסטראַטאָרן?

די סיבּע פון דעם איז קלאָר. מיר האָבן קיין שום בּאַציאונג ניט צו דידאָזיקע צדאָקע—און ניט צו וועלכע ניט איז אַנדערע קעהילע-אַנשטאַלטן. מיר זיינען דאָרט פרעמדע. אונזערע קעגנער זיינען דאָרטן די בּאַלעבּאַטים. אויב די אידישע אַרבּעטער-מאַסע וואָלט געהאַט וואַל-רעכט, צווייפל איך ניט, אַז דאָס קאָנספּיראַטיווע פירן פון דער רעגיסטראַציע וואָלט זיך זייער ווייניק אָפּגעשפּיגלט אַף איר ערפאָלג. מיר וואָלטן געלאָזן אַרבּעטן אונזער פּאַרטייאישן מעכאַניזם, און אונז וואָלט זיך זיכער איינגעגעבן צו פּאַרעגיסטרירן די גאַנצע מאַסע. די אַרבּעטער מאַסע איז צוגעוואוינט צו קאָנספּיראַציע און צו אונזער קאָנספּיראַציע. די בּורזשואַזע דעמאָקראַטיע אָבער קען נאָר אירע צדאָקע-און קעהילע-אַנשטאַלטן, דעם בּייסמעדרעש. אַף וויפל זי איז ניט קיין געזעלשאַפטלעכע „שטויב“, און שטעלט מיט זיך פאָר וועלכע ניט איז קאָלעקטיווע גרופּעס, אַף אַזויפיל ווערט זי פּאַרייניקט דורך אָט די אַנשטאַלטן. קיין לעגאַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, אַכוץ די אָרגאַניזאַציעס פון די פּאָגראָמשטשיקעס, אַנערקענט נאָך דערווייל ניט אונזער רוסישע „קאָנסטיטוציע“. איז קלאָר, אַז בּאַ אַזאַ לאַגע ווערט יעדער אינסטיטוציע, בּיזן קלענסטן קלייזל, פּאַרוואַנדלט אין אַ מיטל צו פּאַרבּייטן די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און — אַף וויפל מיר געפינען זיך אויסער זיי — אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פּאָליטיש צו אונז פיינטלעך.

אפילע אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער וואַל-קאַמפּאַניע, ווען די דערגרייכער און ציאָניסטן האָבן זיך אין אַלגעמיין בּאַצויגן מיט מיטגעפיל צו אונזער אַרבּעט און האָבן אַפילע געהאָלפן אונז דורכצופירן די וויילער-מעלדונגען דורך די פּאָליציייאישע בּאַריערן, — אַפילע דענסטמאָל האָבן מיר זיך שוין בּאַגעגנט מיט אַן אומצוטרוי מיצאַד דער בּאַפעלקערונג, אַפילע מיצאַד פון איר דעמאָקראַטישער טייל, מיטן דערמאָנטן „ווידערשטאַנד פון דער סוויווע“. און בּלויז דערפאַר, וואָס גלייכצייטיק מיט אונז זיינען געגאַנגען די „אַרומגייער“ פון דער אידישער בּיוראָ, וועלכע פלעגן זיצן אין די פּאָפּולערע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן.

נאָר אָט האָט זיך געענדיקט די רעגיסטראַציע, און פאַר אונז האָט זיך
אַוועקגעשטעלט אין איר גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע וועגן וואַלמענער.

...ווי טראַגיש אונזער לאַגע איז ניט געווען, וואָס מיר זיינען די פּאַרטיי
פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט ניט קיין וואלרעכט, זיינען בײַ אונז אין
א סאַך ערטער פונדעסטוועגן געווען פּאַרטיי-מיטגלידער, וואָס האָבן געהאַט דעם
בויטיקן וואל-צענז, צווישן זיי פּאָליטישע טוער, וואָס האָבן געהאַט מער רעכט
אַף פּאָליטישן צוטרוי פון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע, איידער די „פּאָלי-
טיקער פונם 1905-טן יאָר", אָדער די פּאָשעט פאַרבלאָזע באַלעבאַטים, פאַר
וועלכע זי האָט געשטימט. די צאָרע איז אָבער געווען, וואָס אונזערע פּאַרטיי-
מיטגלידער, וואָס זיינען גוט באקאנט דער פּראָלעטאַרישער סוויווע און האָבן
איר צוטרוי און מיטגעפיל, זיינען לאכלוטן אומבאקאנט דער בורזשואזער דע-
מאָקראַטיע, זיינען פאַר איר אַבסאָלוט פרעמדע מענטשן, וועגן וועלכע עס האָט
זיך בײַ איר צוליב זייער אָנגעהעריקייט צו אן אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע אויס-
געבילדעט די מעשונעדיקסטע פאָרשטעלונגען. אזעלכע קאַנדידאַטן — פאַר-
שטייט זיך — האָבן ניט געהאַט קיינע שאַנסן אויסגעקליבן צו ווערן פאַר וואל-
מענער.

דער קאַנדידאַט פאַר א וואל-מאַן דאַרף זיין ניט קיין אָנגעפאָרענער
גאַסטראליאר, וואָרום ווי גוט ער זאָל ניט ריידן, ווי שטאַרק אים זאָל ניט
רעקאָמענדירן די פּאַרטייאישע עטיקעטקע, געטרויט פונדעסטוועגן ניט די מאַ-
סע אירע שטימען אזעלכע מענטשן, סאידן דאָס איז א אידישע באַרימטקייט,
וואָס איז באַרימט ווייט אויסער דער אייגענער שטאָט. אַזעלכע באַרימטהייטן
האָט אונזער פּאַרטיי, צום באַדויערן, קיין סאָך ניט.

דער קאַנדידאט פאַר א וואל-מאַן דאַרף זיין א טוישעוו אין דער שטאָט.
די באַפעלקערונג דאַרף אים קענען. און קענען וועט זי אים נאָר דאַן, ווען
ער וועט זיך באַטייליקן אין די אנשטאלטן, וועלכע פאַרייניקן די אידישע באַ-
פעלקערונג,—אין די קעהילע און-צדאָקע-אַנשטאַלטן. אַף וויפל אונזערע פּאַרטיי-
אישע מיטגלידער וועלן אין דידאָזיקע אנשטאלטן קעמפן פאַר זייער דעמאָ-
קראַטיזירונג קעגן דער קאָהאָלשער אָליגאַרכיע, אף אזוי פיל וועלן זיי איר זיין
באַקאַנט אלס בעסערע מענטשן און אַף אזויפיל וועט זי מיט זייערע פּאָליטי-
שע אנשויאונגען באקאנט ווערן ניט אין דעם כוידעש פון דער וואל-קאַמפּאַ-
ניע, ניט פון דער רעדנער-טריבונע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז אונזערע מענטשן דאַרפן דאָרט ניט זיין איינ-
זאַם. זייער שטים דארף דאָרט ניט בלייבן „קול קורא במדבר". צוזאַמען מיט
זיי דאַרף אהין אריינטרעטן אויך די אַרבעטער-מאַסע. נאר מיט אן אנגרייף
פון דער מאַסע אף אונזער קעהילע און אונזערע געזעלשאַפטלעכע אנשטאלטן
וועט מען זיי קענען דעמאָקראַטיזירן. נאר אף אזא וועג וועלן אונזערע פאָלקס-
אַנשטאַלטן פאַרוואַנדלט ווערן אין פּאָליטישע אנשטאלטן, וואָס וועלן זיין
פריינדלעך צו אונז. נאָר דורך זיי וועלן אונזערע פּאַרטייאישע מיטגלידער גע-
ווינען די פּאָפּולאַריטעט אין די ברייטע דעמאָקראַטישע קרייזן, וועלכע איז זיי

אַזוי נויטיק. פֿאַרשטייט זיך, אז די באַדערפֿעניששן פֿון דער וואַל-קאַמפּאַניע זיינען ניט די איינציקע סיבע, וואָס מאַכט פֿאַר אונז נויטיק דעם דאָזיקן טריט.

...ריידנדיק וועגן די עקזיסטירנדיקע פֿאָרמען פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע פֿון די אידן, מיין איך גאָר ניט, אַז די עקזיסטירנדיקע פֿאָרמען זיינען די איינציקע מעגלעכע באַ די איצטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען אין רוסלאַנד. אקוראַט פֿאַרקערט.

...עס איז נויטיק איניציאַטיוו. מיר מוזן ארויסרופֿן די באַדערפֿעניש צו באַשאַפֿן וואָס מער אידישע געזעלשאַפֿטן. נאָר אף אזא וועג וועט זיך אונז איינגעבן צוזאמענצובויען די ניט אָרגאַניזירטע אידישע מאַסע אין געזעלשאַפֿטלעכע קאָלעקטיוון. נאָר דענסטמאָל, ווען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט אנעמען בעטייליגונג צו די דאָזיקע קאָלעקטיוון די טאַקטיק, וועלכע איך לייג פֿאָר, וועט ער פֿאַרנעמען אין דער אידישער סוויווע יענעם אָרט, וועלכער געהערט אים אָביעקטיוו — דעם אָרט פֿונם אָנפֿירער פֿון דער בורזשואזער דעמאָקראַטיע אין דער בורזשואזער רעוואָלוציע פֿונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מע וועט מיר זאָגן, אז אין דידאָזיקע אנשטאַלטן קען מען אונז מאַיאָריזירן, און מיר וועלן זיך מוזן אונטערוואַרפֿן. אף דעם וועל איך ענטפֿערן, אז אף וויפֿל עס האַנדלט זיך וועגן די קעהילע-אנשטאַלטן, דערפֿילן זיי דאָך בעטייליגונג צו אידן באַשטימטע מלוכע-פֿונקציעס, און אף אזויפֿיל מוזן מיר זיך דאָך זיי סאַי ווי סאַי אונטערוואַרפֿן, ווען אפֿילע מיר נעמען אין זיי קיין אנטייל ניט. וואָס אנבאַלאַנגט די צדאָקע-אַנשטאַלטן, שטעל איך זיך ניט פֿאָר, אַז אינם געביט פֿון ניט פּאָליטישע פֿראַגן זאָל זיך די אונטערוואַרפֿונג געפֿינען אין א וועלכן ניט איז ווידערשפּרוך מיט אונזערע פּרינציפּן. אינם פּאָליטישן געביט אָבער בלייבן באַ אונז די הענט פֿריי, אף וויפֿל דידאָזיקע אנשטאַלטן זיינען פֿאָרמעל ניט קיין פּאָליטישע.

XXIX. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

220. די לעגאַליזירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

(צירקוליאַר פון צ. ק. פון „בונד". „פאָלקס־צייטונג". נומ. 83. 7 יון 1906).

דער צ. ק. פון „בונד" האָט אַף זיין לעצטער זיצונג באַשלאָסן פאָרצולייגן די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" זיי זאָלן לעגאַליזירן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

אָנעמענדיק אַזאַ באַשלוס, איז דער צ. ק. אַרויסגעגאַנגען פון פאָלגנדע באַטראַכטונגען:

1. אונזערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועלכע האָבן זיך געגרינדעט אין „די טעג פון פרייהייט" און האָבן אין אַ קורצער צייט אַרומגעכאַפּט ברייטע אַרבעטער־מאַסן, זיינען נאָכדעם, אין דער צייט פון דער רעאַקציע, אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אין די גאַנצע טעטיקייט זייערע איז אַמייסטן באַשטאַנען נאָר אין דער אַרבעט פון די „ביוראָען". עס פאַרשטייט זיך, אַז אַפילע באַ די בעסטע באַדינגונגען קאָנען אַזוינע „ביוראָען" ניט באַפרידיקן די באַדערפעני‌שן פון דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף; דאָס ווייזט זיך אַרויס באַזונדערס אין דער לעצטער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפלעבונג אין די אַרבעטער־מאַסן. אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע האָט נאָר דאַן אַ זין, ווען זי פאַראייניקט ברייטע מאַסן, און אַן אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע קאָן קיין מאַסן־אָרגאַניזאַציע ניט זיין. דעריבער, ווי ענג עס זאָלן ניט זיין די „לעגאַלע" ראַמען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אַפן גרונט פונם געזעץ פון 4־טן מאַרט, דאָך קאָנען זיי געבן אַ גרעסערע מעגלעכקייט צו אונטערהאַלטן דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף פון ברייטע מאַסן, איידער אונזערע „ביוראָען". זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר פון אונזער זייט דאַרפן אָנווענדן אַלע מעגלעכקייטן, קעדיי די פּ אַ ק ט י ש ע אַרבעט פון די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זאָל וואָס ווייניקער נעמען אין אַכט זייערע „געזעצלעכע" ראַמען.

2. אין דער צייט פון דער רעאַקציע זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן אונזערע פאַרבינדונגען מיט די ברייטע מאַסן, דער קרייז פון אונזער שטענדיקער ווירקונג איז געוואָרן פאַרקלענערט. איצט הויבט זיך אָן אַן אויפלעבונג אין לאַנד. מיר דאַרפן אויסנוצן יעדער מין מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן אַרום אונז, צו

אַוועקשטעלן אונטער אונזער איינפלוס די ברייטסטע אַרבעטער-מאַסן. איינע פון די אַזוינע מעגלעכקייטן איז די לעגאַליזירונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אין אַ לעגאַלן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין וועלן ווערן אַריינגעצויגן אַזוינע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע שטייען געוויינלעך אויסער אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע, מיר וועלן באַקומען אַ מעגלעכקייט צוזאַמענרופן לעגאַל גרויסע אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען און וועלן האָבן אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציאָנע פאַרבינדונג מיט אַ ברייטסטן אַרבעטער-קרייז. אין אַ צייט פון אַ געהויבענער רעוואָלוציאָנערער שטימונג וועלן מיר זיך קאָנען אָנשפּאַרן אַף אָט די פאַרבינדונגס-פונקטן, קעדיי צו אַרויסרופן גרויסע אָרגאַניזירטע אַרויסטרעטונגען פונם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט.

3. מוירע האָבן, אַז די „לעגאַלע" פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען וועלן אַראָפּ פונם רעוואָלוציאָנערן וועג, איז ניטאָ קיין גרונט. ווייל ערשטנס איז פאַראַן אין לאַנד אַן אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע אויפלעבונג, צווייטנס — זיינען אונזערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פעסט צוזאַמענגעבונדן מיט די מאַסן.

אַלזאָ — פון איין זייט די נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן בעסער דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף, פון דער אַנדערער — די נויטווענדיקייט צו באַשאַפן אַזוינע מיטלפונקטן, אַרום וועלכע עס זאָלן זיך קאָנען קאָנצענטרירן די אַרבעטער-מאַסן, — דאָס זיינען די צוויי גרונט-סיבעס, איבער וועלכע דער צ. ק. געפינט פאַר צוועקמעסיק אין איצטיקער צייט צו לעגאַליזירן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

221. „ס.-ס." וועגן די אויפגאַבן פון דער אידישער פּראָפ-באַוועגונג.

(„פון דער פּראָפ. באַוועגונג". ביילאַגע צום נומ. 4 „אונזער וועג". 16 סענטיאַבר 1907).

די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פון דעם אידישן אַרבעטער-קלאַס, די אידישע פּראָפ. פאַריינען זיינען נאָך גאַנץ יונג. אָנהויבנדיק פון איינציקע קליינע סיכסוכים מיט די באַלעבאַטים, דורכגייענדיק דורך אַ ריי געהיימע שטרייק-קאַסעס, שטרייק-קאָמיסיעס, עקאָנאָמישע און פאַך-סכאָדקעס באַ די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך דער עקאָנאָמישער קאַמף פון דעם אידישן אַרבעטער אינאיינעם מיט דער עקאָנאָמישער באַוועגונג פון דעם אַלרוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, צייט די אָקטיאַבער-טעג פון 1905-טן יאָר, אויסגעגאָסן אין דער פאָרם פון די איצטיקע אָפענע פּראָפ. פאַריינען. די נייסטע אידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין רוסלאַנד ציילט נאָך קיין דריי יאָר ניט. זי האָט נאָך קיין געשיכטע ניט. אַלע פראַגן, אַלע פּראָבלעמען, וואָס ווערן אַרויסגערופן אין איר לעבן, געפינען זיך נאָך אין פּראָצעס פון וואַקסן, פון רייף ווערן, קיין פראַגע איז נאָך ענדגילטיק ניט געלייזט, ניט אַלע פראַגן זיינען שוין געשטעלט געוואָרן, ניט אַלע פּראָבלעמען פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איבערהויפּט זיינען שוין אַנטשטאַנען אין די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

די אידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אנטוויקלט זיך אָבער מיט ריזן-טריט. יעדער געלונגענער קאַמף, ווי יעדער גיט געלונגענער, פאַרגרעסערט אין איר דאָס באַוואוסטזיין פון דער נויטיקייט צו קאָנצענטרירן די קויכעס. ניט היינט איז מאָרגן, פריער אָדער שפּעטער וועלן פאַר די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען מוזן ארויסשווימען דיזעלביקע פּראָבלעמען, וועלכע דאָס לעבן האָט שוין לאַנג אַוועקגעשטעלט פאַר די לענדער און מאַסן, בא וועלכע די פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג איז שוין עלטער, ברייטער און פעסטער, — פאַר דעם מאַירעוו-איירָפּעאישן און טיילווייז רוסישן אַרבעטער-קלאַס. די אידישע פּראָפעסיאָנעלע באוועגונג וועט זיך מוזן באַנוצן מיט זייער דערפאַרונג און אויסנוצן די מעטאָדן פון אָרגאַניזאַציע און קאַמף, וועלכע יענע האָבן אויסגעאַרבעט אין גאַנג פון זייער לאַנג-יאָריקער אַנטוויקלונג.

אָבער די אידישע פּראָפ. באַוועגונג אַנטוויקלט זיך אין אַן אייגנאַרטיקער סוויווע. זי איז א אידישע ניט נאָר דערפאַר, ווייל אין איר נעמען אנטייל „אידיש-שפּרעכנדיקע ארבעטער“, — ניין, זי איז א אידישע דערפאַר, ווייל זי אַנטוויקלט זיך בא א פּראָלעטאַריאַט פון א פאָלק, וואָס געפינט זיך אין א באזונדער סאָציאַלער לאַגע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און לעבט בא אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע שיידן זיך שאַרף אונטער פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן בא די ארומיקע פעלקער.

דאָס קאַמפּס-פעלד פון די אידישע פּראָפּ. פאַריינען איז ענג און באַגרעניצט. באַגרעניצט — דערמיט, וואָס די אידישע ארבעטער-מאַסן זיינען פאַרנומען נאָר אין איינציקע טיילן פון דער איצטיקער פּראָדוקציע און ניט אין אַלע טיילן; ענג דערפאַר, ווייל דידאָזיקע פּראָדוקציאָנס-צווייגן זיינען די נידעריקסטע און אָפּגעשטאַנענסטע אין דער געגנווארטיקער ווירטשאַפטס-אָרדענונג, און די פאַרונגען, וועלכע די אַרבעטער שטעלן אין זיי אַרויס, קאָנען ניט וואַקסן אומבאַגרעניצט, ווייל די פּראָדוקציאָנס-צווייגן זעלבסט, דאָס האנטווערק און קליין און מיטל-האנדל, זיינען זייער באַגרעניצט אין זייער אַנטוויקלונג.

פון דער אַנדער זייט אָבער געהערן דידאָזיקע פּראָדוקציאָנס-צווייגן צו דעם טייל פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט, וועלכער ווערט אַפּן געזעצגעבערישן אויף אַמווייניקסטנס געשטיצט, כוץ דעם, וואָס דאָס אויפזועען אף זיי און דורכפירן אין זיי די געזעצגעבערישע שוץ פון די אַרבעטער איז זייער פאַרשווערט איבער דער קליינלעכקייט פון די פּראָדוקציעס און די צעוואָרפנקייט פון די וואַרשטאַטן...

די פּראָפ. אָרגאַניזאַציעס קאָנען דערפאַר באַזונדערס פיל אויפטאָן אין אויפזועען אַף די אַרבעטס-באַדינגונגען און שיצן די אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַרנומען אין אַזעלכע פאַכן, ווי האַנט-אַרבעט, קליין-פּראָדוקציע און קליין און מיטל-האַנדל. די פּראָפּ. פאַריינען פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז גראָדע אין דידאָזיקע פּראָדוקציאָנס-צווייגן פאַרנומען, באַקומען דערפאַר אין זיין לעבן א באַזונדערע וויכטיקייט.

דאָס אידישע פאָלק לעבט ערגעץ ניט אין קאָמפּאַקטע, אָפּגעזונדערטע

מאַסן. אין די פּראָדוקציאָנס-צווייגן, אין וועלכע די אידישע אַרבעטער זיינען ספּעציעל פאַרנומען, גייען אריין אויך פיל ניט-אידישע ארבעטער. די קריסטלעכע ארבעטער זיינען ווייניקער אָרגאַניזירט און באוואוסטזיניק, ווי די אידישע. די באַלעבאַטים באנוצן זיך דערמיט און פאַרבייטן בעשאַס אַ פאַרבי-טערטן קאַמף די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער דורך די אומאָרגאַניזירטע קריסטלעכע.

די פראַגע וועגן ארייינציען די קריסטלעכע ארבעטער אין די פּראָפ. אָרגאַ-ניזאַציעס איז פאַר די אידישע אַרבעטער אין פיל ערטער א ברענענדיקע.

פון דער אַנדער זייט אָבער האָבן די פּראָפ. פאַריינען צו ערפילן אין דעם אַרבעטער-לעבן פיל וויכטיקע דערציענדע קולטורעלע אויפגאַבן: באם דערציען אָבער פון די אַרבעטער, באם פירן צווישן זיי א קולטורעלע ארבעט און אפילע בא א מער אָדער ווייניקער ברייטן שוץ פון די אַרבעטער-אינטערעסן מוזן זיי זיך צופאַסן צו די ספּעציעלע נאַציאָנאַלע באַדינגונגען.

פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען שטייט דערפאַר די וויכטיקע אויפגאבע צו שאַפן א פּראָפעס. אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין איינהייטלעך אין איר קאַמף און אין דערזעלביקער צייט צוגעפאסט צו די נאַציאָנאַלע באַדער-פעניש פון די פארשיידענע נאַציאָנאלע פּראָלעטארישע שיכטן, באַזונדערס שטייט די דאָזיקע אויפגאַבע פאַר דער אידישער פּראָפע-סיאָנעלער אָרגאַניזאציע ספּעציעל בענוגייע צו די אידישע ארבעטער-מאסן, וועלכע זיינען אין איר צוזאמענגעבונדן.

די פּראָפ. פאַריינען טאָרן זיך ניט אָפּשטעלן אפן שוץ פון די ענגע פאַכן-אינטערעסן. זיי דאַרפן ארומכאַפּן די אינטערעסן פון די אַרבעטער אין זייער גאַנצע גרויס און ברייט. די אידישע ארבעטער-מאַסע איז א פליסנדיקע מאַסע: בא דער לאַגע, אין וועלכער זי געפינט זיך, ווערן פון איר יעדער יאָר ארויס-געוואָרפן צענדליקער טויזנטער ארבעטער, וועלכע פאָרן איבערן יאַם זוכן ברויט. אָבער זיי ווייסן ניט וואוהין צו פאָרן, זיי פאָרן בלינד, זיי זיינען ניט באקאנט מיט די באַדינגונגען פון דעם ארבעטס-מאַרק אף דעם נייעם אָרט, און די לאַגע זייערע אף דעם נייעם אָרט ווערט אָפט נאָך ערגער. ווי אין לאַנד, פון וואנען זיי זיינען אוועקגעפאָרן.

...פאַר די אידישע פּראָפּ. פאַריינען שטייט דערפאַר אלס איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, די אויפגאבע אריינצומישן זיך אין די וואַנדערונגען פון די אידישע ארבעטער, צונויפצובינדן דעם אידישן ארבעטער-קלאַס, וואו און אין א וועלכער לאַנד ער זאָל ניט זיין; צו שאַפן א פעסטן פאַרבאנד פון די אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון אלע לענדער, וואו עס לעבט און קעמפט דער אי-דישער ארבעטער.

גרויס און פאַרוויקלט זיינען די פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַר דער אידישער פּראָפ. באַוועגונג; פאַרפלאָנטערט און אָפט זייער שווער זיינען די וועגן פון איר אנטוויקלונג. מיט דער פולער האַנט וועט זי מוזן אין איר קאמף

שעפן ערפאַרונג בא איר עלטערער שוועסטער, בא דער מאַירעוו-אייראָפעאי־שער פּראָפּ. באוועגונג. אָבער פאַרגרינגערן און דערלייכטערן איר דעם קאַמף וועט דאָס נאָר דאַן, ווען זי וועט דאָס טאָן מיט דעם פּולן באוואוסטזיין, געניי אָפּשאַצנדיק די ווירקלעכע לאגע און באַדערפענישן פון דעם אידישן ארבע־טער-קלאַס.

222. די קאָנפערענץ פון די פּראָפּאַריינען אין דווינסק.

(קאָרעספּאָנדענץ „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן", נומ. 2, 1907).

דעם 25-טן יולי איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די פּראָפּאַריינען אין דווינסק, וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון דעם אַלגעמיין שטאָטישן קאָמיטעט פון דער רוסל. פאַרטיי און אייניקע פּראָפּעס. פאַריינען. אַף דער קאָנפערענץ האָבן געגומען אַן אנטייל פאַריינען, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אויב נים אפן אָרגאַניזאַציאָנעם אויפן, איז אידייאיש. עס זיינען דאָרט געווען פאָרשטייער פון 11 פאַריינען. אַף איר האָבן אויך גענומען אַן אנטייל מיט באשטימונגס-רעכט 2 כאַווירים, פאָר־שטייער פון בונד און דער פאַרטיי און אַ פאָרשטייער פון דעם אַלגעמיין שטאָטישן קאָמיטעט. אינגאַנצן זיינען דאָרט געווען 25 מאַן מיט באַשטימונגס־רעכט.

עס איז אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדע טאגעס-אָרדענונג: 1) באַריכט 2) צענטראַל-ביוראָ און 3) די באַציאונג צו אינטערפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

פונם באַריכט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאָלגנדעס:

דער פאַריין פון די פּריקאַזטשיקעס איז אַ לעגאַלער. אינגאַנצן זיינען פאַ־ראַן אין שטאָט 1200 פּריקאַזטשיקעס. צווישן זיי 100 קריסטלעכע. דער פאַריין ציילט 323 מיטגלידער, צווישן זיי 20 קריסטלעכע. $^2/_3$ מיטגלידער צאָלן אין קאָסע רעגולער. דער ביודזשעט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ (פון סאָף 1905 יאָר) באַטרעפט 5000 ר. עס עקזיסטירט אויך אַן אומפּאַרטיי־אישער פאַריין, וועלכער האָט, לויט ווי ער גיט איבער, אויך אַזויפיל מיטגלי־דער. אונזער פאַריין האָט אַן אויטאָריטעט ווי אין די אויגן פון די פּריקאַז־טשיקעס, אַזוי אויך פון די באַלעבאָטים. נאָר דאָס ראָוו מיטגלידער באַציען זיך צום ביוראָ, ווי צו אַ שטרייק-קאָמיסיע און אינטערעסירן זיך מיטן פאַריין, אַף וויפל ער קלייבט פאַנאַנדער זייערע עקאָנאָמישע קאָנפליקטן. עס איז פאַראַן אַ ביבליאָטעק, נאָר צייטווייליק פונקציאָנירט זי נים. בא היינטיקן טאָג איז דער פאַריין פאַרנומען מיטן רעגולירן דעם אַרבעטס-טאָג: דערווייל קומט נאָך דעם טאַריין נים אויס באם דורכפירן זיינע באַשטימונגען אין לעבן אריינצוטרעטן אין פאַרבינדונגען מיטן אינטערפּאַרטייאישן פאַריין. דער פאַריין האָט גענומען אַ וויכטיקן אנטייל אין דער וואַל-קאַמפּאַניע און אין די געמישטע קאָמיסיעס

אַף צו רעגולירן דעם אַרבעטס-טאָג. עס איז נויטיק צו אַרבעטן צווישן די קריסטן, נאָר דער פאַריין באזיצט ניט די אַנטשפּרעכנדע קרעפטן.

דער פאַריין פון די שניידער איז אן אומלעגאַלער. ער איז געווען לעגאַליזירט, נאָר ניט לאנג האָט מען אים צוגעמאַכט, ווייל „אַף אַן אומלעגאַלער פאַרזאמלונג פון 400 מאַן האָבן זיך געפונען אויך 22 מיטגלידער פון פאַריין". די ביכער האָט מען קאָנפיסקירט און דעריבער זיינען די פאָלגנדע ציפערן ניט גאָר גענויע. אינגאַנצן געפינען זיך אין שטאָט 800—850 שניידער, צווישן זיי ביז 60 קריסטלעכע. מיטגלידער האָט געציילט דער פאַריין פון 400 ביז 450. מאַנאַטלעכע אָפּצאָלונגען פלעגן אַריינטראָגן 70—80 מאַן. זינט מע האָט אים צוגעמאַכט, איז זיין לאַגע געוואָרן נאָך ערגער.

די קאַסע איז פוסט. ווער עס זאָל אַרבעטן צווישן קריסטן, וואָס עס איז זייער נויטיק, איז ניטאָ. עס איז אויך פאַראַן אַ אינטערפּאַרטייאישער שניידער-פאַריין. בא אים געפינען זיך 90—100 מיטגלידער, נאָר ער האָט ניט קיין אַוטאָריטעט. אונזער פאריין אבער האט אַן אוטאָריטעט אי בא די ארבעטער, אי בא די באלעבאטים און דעם גאנצן קאמף קומט אונז אויס צו פירן קימאט אליין. די באלעבאטים שניידער האָבן אויך געגרינדעט אַן אייגענעם פאריין מיטן צוועק צו קעמפן קעגן די אַרבעטער.

דער בעקער-פאַריין איז אַ לעגאלער און עקזיסטירט פון 1905 יאָר. זיין צאָל מיטגלידער איז 166, צווישן זיי 12 ניט אָרטיקע. אינגאנצן געפינען זיך אין שטאָט 180 בעקער. פון זיי נאָר 30 אידן. רעגולער צאָלן מיטגלידס-געלט ביז 100 מאן, אין קאסע געפינט זיך 50 ר. בא די בעקער איז פאָרגעקומען אַן אלגעמיינער שטרייק, נאָר ער האָט זיך ניט איינגעגעבן איבער איינציקע שטרייק-ברעכער און ארעסטן.

דער דרוקער-פאַריין איז אַ לעגאלער, געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון ס. ד., נאָר ער רעכנט זיך פאר אַן אומפּארטייאישן. אין שטאָט געפינען זיך 83 איינבינדער, 60 דרוקער און 14 פאטאגראפן. קריסטן זיינען צווישן זיי — 16. אין פאריין זיינען פאראן 94 מיטגלידער. מיטגלידס-געלט צאָלן רעגולער 20 מאן, ניט רעגולער 50. אין קאסע געפינט זיך 12 ר.

דער שוסטער-פאַריין איז אַן אומלעגאלער. אידישע שוסטער זיינען פאראן 50—60, קריסטלעכע — 300—400, שאָרניקעס — 15 און מעכאנישע שוסטער — 30. אין פאריין זיינען פארשריבן קימאט אלע שאָרניקעס, 10 מעכאנישע שוסטער און 30 שוסטער, קימאַט אלע פון זיי זיינען אידן. צווישן די קריסטלעכע ארבעטער זיינען פאראַן אסאך אלקאָהאָליקער, און דעריבער איז שווער צו אַרבעטן צווישן זיי. מיטגלידס-געלט צאָלט מען ניט רעגולער. אין קאסע איז פאראן ביז 10 רובל.

דער ארבעטער-פאריין פון זאקס שוועבל-פאבריק (ברידער לוריע) עקזיסטירט 9 כאדאָשים, אַ לעגאלער. אינגאנצן ארבעטן אפן פאבריק 556 ארבעטער, צווישן זיי ביז 300 אידישע. די צאָל מיטגלידער פון פאריין — 300, צווישן זיי 1 קריסט (צווישן די קריסטן איז ניטאָ ווער עס זאָל אַרבעטן), 270 מיטגלידער צאָלן רעגולער. די ארבעטער זיינען איינגעטיילט לויט דעם אָרט

פון דער אַרבעט אַף אָרטעלן. דאָס ביוראָ שליסט מיטן באַלעבאָס קאָלעקטיווע קאָנטראַקטן; אַרבעט אויס אַ טאַריף. די אינערלעכע איינאָרדענונג אַפן פאַבריק געהערט דער ביוראָ: ער טיילט איין מענטשן אין די אָרטעלן, נעמט צו און זאָגט אָפּ אַרבעטער, דאָס ביוראָ האָט אַן אויטאָריטעט; צו אים ווענדן זיך אַלע — אַפילע די ניט אָרגאַניזירטע אַרבעטער. זינט דעם פאָריקן יאָר איז די פאַבריק אַריינגעטראָטן אינעם סינדיקאַט פון די שוועבל-פאַבריקן און די פרייזן אַף שוועבעלעך זיינען געשטיגן, די אַרבעטער האָבן געפאָדערט דאַן העכערע סכירעס. דער פאַבריקאַנט האָט איינגעשטימט צו געבן די אַרבעטער אַ טייל פונם רעווע פון די פאַרהעכערטע פרייזן, דיזעס יאָר האָט דער פאַבריקאַנט אָנגעוויזן אַף זייער אַ קליינעם רעווע. אַף דעמדאָזיקן גאָדן קומט איצט פאָר אַ שטאַרקע געראַנגל. בא די אַרבעטער פאַרשטאַרקט זיך דער וואונטש צו פאַרבייטן דעם אַנטייל אין רעווע אַף העכערע סכירעס.

דער פאַריין פון זאַקס מיל-אַרבעטער איז אַן אומלעגאַלער און האָט אַן אויטאָריטעט. פון די 86 זאַקס אַרבעטער זיינען פאַראַן 20 קריסטן. אין פאַריין געפינען זיך 40 אידן און 1 קריסט. די באַציאונגען צווישן דעם ביוראָ, די אַרבעטער און די באַלעבאַטים זיינען דיזעלבע, ווי אַף דער שוועבל-פאַבריק. דאָס מיטגלידס-געלט צאָלט זיך אין אַלגעמיין רעגולער. אין קאַסע געפינט זיך 225 ר. עס האָט זיך געפירט אַ שטרייק 4 וואָכן צייט, וועלכער האָט זיך געענדיקט מיטן זיג פון די אַרבעטער.

דער פאַריין פון די אַרבעטער פון נאַטאַנסאָנס און שטיינס קנעפל-פאַבריקן. בא נאַטאַנסאַנען אַרבעטן 225 מאַן (צווישן זיי 80 קריסטן); אין פאַריין געפינען זיך פון זיי 80 מאַן. אַף שטיינס פאַבריק זיינען פאַראַן 80 אַרבעטער, אַלע אידן. פון זיי גייען אַריין אין פאַריין 50 מאַן. די לאַגע פון נאַטאַנסאָנס אַרבעטער איז זייער אַ טרויעריקע און דאָס מיטגלידס-געלט ווערט איינגעצאָלט ניט רעגולער. אין קאַסע געפינט זיך 8 רובל.

דער לעדער אַרבעטער-פאַריין איז אַן אומלעגאַלער. אין שטאָט זיינען פאַראַן איבער 400 אַרבעטער, מיטגלידער אין פאַריין 25, אַלע קריסטן. דער פאַריין האָט זיך געגרינדעט מיט 2 וואָכן צוריק. אין דעמדאָזיקן פאַך איז פאַראַן אויך אַ קאָמיסיע, וועלכע איז איבער צופעליקע אורזאַכן ניט געוועזן פאָרגעשטעלט אַף דער קאָנפערענץ. עס איז נייטיק, אַז די קאָמיסיע און דער פאַריין זאָלן זיך צונויפגיסן.

דער פאַריין פון די געמישטע פאַכן איז אַן אומלעגאַלער. אין אים גייען אַריין פאַפיראָסן-אַרבעטער, קאָנפעקטן-אַרבעטער, קאַראַבאַטשניקעס און אַנד. אינגאַנצן זיינען דאָ פאַראַן 7 פאַכן מיט 300 אַרבעטער. די אַרבעטער אַרבעטן צו 15—20 מאַן אין אַ וואַרשטאַט; אַף צוויי פאַפיראָסן-פאַבריקן אַרבעטן 70 און 100 מאַן. מיטגלידער אין פאַריין זיינען פאַראַן 80; אין קאַסע צאָלן זיי ניט רעגולער. דער פאַריין, וועלכער איז געוועזן אָפּגעשוואַכט, פאַרשטאַרקט זיך איצט. אין קאַסע געפינט זיך 8 ר.

דער פאַריין פון די קעכינס איז אַ לעגאַלער. אינגאַנצן געפינען זיי זיך אין שטאָט ניט ווייניקער פון עטלעכע טויזנט, צווישן זיי אידישע 550—

600. אין פאַריין זיינען פאַרשריבן ביז 180, צווישן זיי עטלעכע קריסטלעכע. די לעצטע טרעטן ניט אריין אין פאַריין, ווייל די אַנפירער פון אים זיינען אלע אידן; עס איז נימאָ, ווער עס זאָל ארבעטן צווישן זיי. אין קאַסע ווערט זייער ניט רעגולער געצאָלט: דער מאָטיוו איז — „דער פאַריין וועט גאָרניט געבן", זיי פאָדערן פאַרזאמלונגען און אז. וו.

צווישן זיי און די באַלעבאַטים האָט דער פאַריין אַן אווטאָריטעט. די לעצטע צייט באַמערקט זיך אזא דערשיינונג, דאָס די אידישע קעכינס ווערן ארויסגעשטופט דורך די קריסטלעכע, ווייל די לעצטע זיינען ניט אָרגאַניזירט.

דער באַריכט אָפגעבער האָט אין קורצן אָנגעוויזן אף דער באַדייטונג פון צ. ב.*), אף זיינע אויפגאַבן און האט פאָרגעלייגט א פראָיעקט פון א סטאַטוט, וועלכן דער בונדישער קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט. מע האָט נאָך קורצע דעבאַטן באַשלאָסן צו בילדן א צ. ב.

עס איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדער סטאַטוט פון צ. ב.

דער סטאַטוט פונם צ. ב. פון די דווינסקער פראָפעסיאָנעלע ארבעטער-פאַריינען.

די צילן פון צ. ב.: דאָס צ. ב. טראָגט אריין אַן איינהייטלעכקייט אין דער ארבעט און נעמט אף זיך צו פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן, וועלכע זיינען געמיינזאַם פאַר אלע פאַריינען.

1) ער באַטראַכט אלגעמיינע פראַגן פון דער אלגעמיינער ארבעטער-באַוועגונג און נעמט אַן באַשטימונגען מיקויעך פראגן פון דער אָרטיקער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג; 2) העלפט מיט אגיטאַציאָנע און אָרגאַניזאַציאָנע קרעפטן די איינצלנע פאַריינען און אויפצושטעלן נייע פאַריינען; 3) העלפט מיט אויסצוארבעטן געניטע און גוטע אָנפירער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען; 4) ער שטעלט פאָר די אלגעמיינע פראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פאַר אלע אָרטיקע מלוכע און געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען; 5) ער אָרגאַניזירט געלט-זאַמלונגען פאַר די ארבעטסלאָזע און פאַר די, וועלכע ליידן פון לאָקאַוטן; 6) ער פאַרנעמט זיך מיט סטאַטיסטיק און אנקעטן מיטן צוועק אויסצופאָרשן די ארבעטס-באַדינגונגען אין פאַרשיידענע אינדוסטריע-צווייגן; 7) ער העלפט איינצושטעלן שולן, לעקציעס, דיסקוסיעס, אַן אלגעמיינע ביבליאָטעק, פאַרשפרייטן ליטעראטור; 8) ער אָרגאַניזירט מעדיציניסשע און יורידישע הילף; 9) ער לאָזט ארויס בלעטלעך מיקויעך אלגעמיינע פראַגן פונם ארבעטער-לעבן.

די אָרגאַניזאַציע פון צ. ב.

1) דאָס צ. ב. באַשטייט פון פאָרשטייער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, צו איין פאָרשטייער פון יעדערן, 2) אין צ. ב. גייען אריין מיט באשטימונגס-רעכט צו איין פאָרשטייער פון דער פארטיי און פון בונד.

אָנמערקונג: דאָס צ. ב. האָט רעכט איינצולאַדן מענטשן מיט באַראַטונגס-רעכט.

3) דער עקזעקוטיווער אָרגאַן פונם צ. ב. איז א סעקרעטאריאַט פון דריי מענטשן, וועלכער ווערט אויסגעוויילט אלע 3 מאָנאַט.

*) צענטראַל-ביוראָ.

4) אף צו דערפילן ספעציעלע פונקציעס, האָט דאָס צ. ב. רעכט צו אָר-גאַניזירן ספעציעלע קאָמיסיעס, ווי, צום ביישפיל, לעקטאָרישע, ביבליאָטעקאַ-רישע, סטאַטיסטישע און ד. גל.

5) אף צו לייזן מער וויכטיקערע פראַגן פין ארבעטער-לעבן רופט דאָס צ. ב. צונויף קאָנפערענצן פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

די מיטלען פון צ. ב.

1) אלע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען טראָגן אריין אלע כוידעש אין קאַסע פון צ. ב. 10 פראָצ. פון זייערע מיטגלידס-אָפּצאָלונגען.

2) קעדיי צו פאַרגרעסערן זייגע מיטלען מעג דאָס צ. ב. מאַכן ספעקטאַק-לען, קאָנצערטן און ד. גל.

223. די קאָנפערענץ פון די אומפּאַרטייאישע פּריקאַזטשיקעס-פאַריינען פון ליטע.

(קאָרעספּאָנדענץ, „דאָס וואָרט", נומ. 2, 25 מאַי 1907).

דעם 21—23 אַפּריל איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די אומפּאַרטיי-אישע פראָפעסיאָנעלע פּריקאַזטשיקעס-פאַריינען פון צאָפן-מאַירעוודיקן געגנט (פון ליטע).

פריער פון אַלץ וועגן דער געשיכטע פון דער קאָנפערענץ.

...דער מינסקער קאָמיטעט פון דער צ. ס. א. פּ. האָט פאָרגעלייגט דעם מינסקער אומפּאַרטייאישן פראָפעסיאָנעלן פאַריין פון פּריקאַזטשיקעס צו בילדן אַן אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיסיע אַף צוזאַמענרופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אומ-פּאַרטייאישע פראָפעסיאָנעלע פּריקאַזטשיקעס-פאַריינען. דער פאָרשלאָג איז אָנ-גענומען געוואָרן און ס'איז באַשאַפן געוואָרן די קאָמיסיע, אין וועלכער ס'זיי-נען אריינגעגאַנגען 4 מיטגלידער פון פאַריין און אויסער דעם צו איין פאָר-שטייער פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון די פּאַרטייען, וועלכע אַנערקענען דעם פּרינציפּ פון אומפּאַרטייאישע פאַריינען, ד. ה., ר. ס.-ד. א. פּ., צ. ס. א. פּ., ס.-ר. און י. ס. א. פּ. (פּויאַלי-ציאָן). נאָר גלייך ווי די קאָמיסיע איז צו-געטראָטן צו דער אַרבעט האָט זי דערזעען, אז די אַרבעט, וועלכע איז אַף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן—שאַפן אַ צוזאַמענפאָר—איז צו גרויס פאַר איר, און זי וועט ניט זיין בעקויעך זי אויסצופירן. דעריבער האָט די אָרגאַניזאַציאָנס-קאָ-מיסיע באַשלאָסן צוזאַמענרופן ניט מער ווי אַ קאָנפערענץ... שטעלנדיק איר די אויפגאַבע צו אָוועקלייגן דעם יעסאָד פאַר אַ גרעסערער פאַרבונדנהייט און אָרגאַניזירטהייט אין דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון די פּריקאַזטשיקעס אין ליטע, אָנהויבנדיק דידאָזיקע אַרבעט, פאַרשטייט זיך, פון פאַרבאַרייטן און צוזאַמענרופן אַ צוזאַמענפאָר...

ס'איז באַשטימט געוואָרן ווענדן זיך צו די פאָלגנדע פאַריינען מיט אַן איינלאַדונג נעמען אַן אָנטייל אין דער קאָנפערענץ: ווילנער און סמאָרגאָ-

נער; מינסקער און פּינסקער; וויטעבסקער און דווינסקער; מאָליעווער און האָמלער; גראָדנער און ביאַליסטאָקער; קאָוונער און שאַוולער אָדער פּאָניעוועזשער (רעכענענדיק זיך דערביי מיט פאָלגנדן מאָדוס: איין גובערנסקער פאַריין און איינער פון דער גרעסטער אויעזדנער שטאָט). דערביי איז פּאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן פאָלגנדער טאָג-אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ:

1) באַריכטן, 2) דער טאָג-אָרדענונג פון צוזאַמענפאָר, 3) די וואַל-סיסטעם אָפן צוזאַמענפאָר, 4) די צייט און דער אָרט פון צוזאַמענפאָר, 5) שאַפן אַן אָרגאַניזאַציאָנס-ביוראָ אַף פארבארייטן דעם צוזאַמענפאָר, 6) וועגן איבערגעבן אים צייטווייליקע אָנפירונגס-פונקציעס, 7) פינאַנסן. די אַלע פארייניען האָבן איינגעשטימט נעמען אַן אָנטייל אין דער קאָנפערענץ, אויסער ביאַליסטאָק, וואו ס'איז ניטאָ, ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן, קיין מאָדערנער פאריין (און אנשטאָט וועלכן ס'איז איינגעלאדן געוואָרן דער ברעסטער פאריין), און וויטעבסקער פאריין, מיט וועלכן דעם אָרגאַניזאציאָנס-קאָמיטעט האט זיך ניט איינגעגעבן צו קומען אין פאַרבינדונג. אויסער דעם זיינען אף דער קאָנפערענץ ניט געקומען שוין אויסגעקליבענע דעלעגאַטן פון קאָוונע און פּאניעוועזש און פון גראדנע, צוליב אָרטיקע צופעליקע אורזאַכן, וועגן וועלכע זיי האָבן געמעלדעט שריפטלעך דער קאָנפערענץ, באגריסנדיק זי און פאָרויס אַנערקענענדיק פאר זיך אירע באשלוסן. אַף אזאַ אויפן איז די קאָנפערענץ באשטאַנען פון 8 דעלעגאטן מיט באַשליסנדע שטימען (פון זיי: 6 ס. ס. און 2 ס. ד.), צו איין פארשטייער פון די אָרטיקע אָרגאניזאציעס פון ר. ס.-ד. א. פּ., י. ט. א. פּ. (פּ"צ), ט.-ר. און צ. ס. א.-פּ. און אַ פאָרשטייער פון באָברויסקער פריקאַזטשיקעס-פראָפ. פאַריין (א פּויאַליי-ציאָניסט) — מיט באראטונגס-שטימען.

די הויפּט-אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז, ווי אויבן געזאָגט, באַשטאנען אין פארבארייטן און ארגאניזירן דעם צוזאמענפאָר, און די גאנצע אָרגאניזירונג פון דער קאנפערענץ איז נאר צו דער ארבעט צוגעפּאַסט געווען. גלייך אָבער, ווי די זיצונגען האבן זיך אָנגעהויבן איז קלאר געווען, אז די דעלעגאַטן זיינען געקומען פון אזעלכע ארגאניזאַציעס, וואו צו אָפּט שטויסט מען זיך אן אַף פראגן פון דער אלטעגלעכער פּראקטיק, ווי אַף מער פּרינציפּיעלע טאקטישע פראגן, אף וועלכע מ'קען ניט געבן קיין ענטפער מיט אייגענע קויכעס און זיי בלייבן אָפן. ווי נאר ס'האט זיך אויפגעהויבן די פראגע וועגן באשטעטיקן דעם טאג-אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ, האט זיך אַ שאָט געגעבן עפּעס בעערעך א פראגן 20, וועלכע מע לייגט פאָר צוגעבן צו דעמדאזיקן טאג-אָרדענונג. דא האט איר געהאט פּונקטן, ווי נאָרמירן דעם ארבעטס-טאָג, וועגן מעדיצינישע הילף, וועגן קאַסעס פון קעגנזייטיקע הילף, עקאָנאָמישן טעראָר א. ד. גל. ביז קליינע און אָפּטמאָל ריין אָרטיקע, ווי וועגן פּריזיוויקעס, וועלכע ווערן אָן די שטעלעס א. ד. גל. ס'האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ טאָג-אָרדענונג אף 5—6 טאג ארבעט, בעאייס די דעלעגאַטן האבן געקענט פארבלייבן ניט מער ווי 2 טעג. נאָך לאנגע וויקוכים איז צוגעגעבן צו דעם אויבנדערמאָנטן טאג-אָרדענונג פאָלגנדע פּונקטן: 1) 2 פארטראגן וועגן דעם

טאָג-אָרדענונג פון צוזאמענפאר; 2) א פארטראג וועגן געזעץ פון פופצנטן נאָיאַבר און א רעזאָלוציע וועגן דעם לעצטן צו דער ס.-ד. פראקציע; 3) וועגן עקאָנאָמישן טעראָר; 4) מיטלען אַף צו פארמיידן אומזיסטע נעסיעס אַף זוכן אַרבעט; 5) וועגן שאַפן אָרטיקע צענטראלע ביוראָען פון אלע פאַריינען פון שטאט; 6) וועגן איינלאַדן פאַרטייאישע פאריינען אַפן צוזאַמענפאר.

די טעמע פונם ערשטן דאָקלאַד איז געווען די צילן און אויפגאַבן פון דער פראפעסיאנעלער באוועגונג בא פריקאַזטשיקעס... די גרונט-געדאנקן פון פאָרטראג זיינען פאלגנדע: די אומפארטייאישע פראפעסיאָנעלע ארגאניזאַציע מוז האָבן א וועלכע ניט איז פאָליטישע און הויפטזאַכלעך סאָציאלע וועלט-אָנשויאונג, ווייל די ארבעט פון די פראפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס איז זייער א קאָמפליצירטע. איר קומט אויס צו טאָן מיט פאַקטן און ערשיינונגען, וואָס זייערע וואָרצלען ליגן טיף אין די יעסוידעס פונם היינטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. און ניט האָבנדיק קיין שטענדיקן זיכערן וועג-ווייזער, קיין געזעלשאַפטלעכע וועלט-אנשויאונג קען מען זיך זייער לייכט פאַרבלאָנדזשען אין פיל קלייניקייטן און איבער די בוימער ניט זעען דעם וואַלד. די ריכטיקייט פון דעם האָט ער אילוסטרירט מיט ביישפילן פון דער געשיכטע פון דער מאירעוו-איירעפּעאישער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. און, אַנאַליזירנדיק נאָכהער די רוסלענדישע אַרבעטער-באַוועגונג, האָט ער דערוויזן, אַז די אומנאָרמאַלקייטן, וועלכע ס'געפינען זיך אין איר—דער פאָליטישער געדאַנק האָט איבערגעשטיגן דעם גראַד פון אָרגאַניזירטקייט—קען איר אין דער הינזיכט ברענגען נוצן: דער פראָצעס פון פראָפעסיאָנעלן אָרגאַניזירן זיך קען אויסמיידן אייניקע שטופן, וועלכע ס'האָט איבערגעלעבט די פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין מאַירעוו-איירעפּע... פאַרשטייט זיך, אַז די וועלטאָנשויאונג פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען דאַרף ניט זיין קיין שמאָל-פאַרטייאישע, אום ניט צעשפאַלטן דעם אַרבעטער-קלאַס; זי דאַרף זיין די מאַקסימום-פראָגראַם פון דעם אַרבעטער-קלאַס, דער סאָציאַליזם. דער פאָרטראג האָט קימאַט קיין אָפּאָזיציע ניט אַרויסגערופן. נאָכן פאָרטראג איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע נאָכן גייסט פון די אַרויסגעזאָגטע אין אים געדאַנקען.

פון די באַריכטן איז צו זעען, אַז די אומפאַרטייאישע פאַריינען האָבן געלאָזן טיפע וואָרצלען אין דער מאַסע, אומעטום האָבן זיי אַ פיל גרעסערן ערפאָלג, איידער די פאַרטייאישע. פונדעסטוועגן קלאָגן זיך אַלע דעלעגאַטן, אַז די אַרבעט איז זייער שלעכט אַוועקגעשטעלט. אין אייניקע ערטער ליידן די פאַריינען, ווייל זיי זיינען ניט לעגאַליזירט. אין אייניקע ערטער, פאַרקערט, האָבן זיי געליטן פון דער לעגאַליזאַציע. אין איין פאַריין איז פאַר דער לעגאַליזאַציע געווען 300 מיטגלידער און נאָכהער איז געבליבן 150—פאָליציי שטערט אַרבעטן; די איבעריקע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען פאַסן זיך צו און אַרבעטן. דער אַרבעטס-טאָג איז, פאַרשטייט זיך, דערזועלביקער. אין די געמישטע קאָמיסיעס זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן באַשלוסן ווייט ניט ענלעכע. דורך די 8 דעלעגאַטן זיינען געווען פאָרגעשטעלט בעערך 2 טויזנט אָרגאַניזירטע מיטגלידער. אַלע 8 פאַריינען צוזאַמען באַזיצן א גרונט-פאָנד פון 2

טויזנט רובל. קיין קולטורעלע אָדער בילדונגס=אַרבעט פירט זיך ערגעץ ניט אר=
סער אין איין פאַריין, וועלכער האָט דורכגעפירט איין לעקציע און 4 אגיטאַציאָנס=
פאַרזאַמלונגען.

זייער הייסע דעבאַטן האָט אַרויסגערופן די פראַגע וועגן דער וואַל=סיסטעם
צום צוזאַמענפאָר. ס'איז דאָרט געווען אַן אָריגינעלער פאָרשלאַג. זיין טאָך איז
אין פאָלגנדן: די קאָנפערענץ דאַרף ניט נאָר שאַפן א צוזאַמענפאָר, נאָר זי
דאַרף אים אויך קאָנסטרואירן, אַז ער זאָל האָבן וואָס מער קראַפט, אום אַריינגיסן
ווירקלעך אַ פרישן שטראָם אין דער פריקאַזטשיקעס-באַוועגונג. צוליב דעם
מוז אַף אים זיין פאָרגעשטעלט די פראָווינץ, וועלכע בילדעט פיליכט 40—50
פראָצענט פון דער פריקאַזטשיקעס-מאַסע פון ליטע. זי איז אָבער ניט אָרגאַ=
ניזירט אין פאָרמעלע פאַריינען און וועט קיינמאָל ניט זיין אָרגאַניזירט אין
אַזעלכע, ווייל דער עצעם=וועזן אין דער פראָווינץ איז אַזאַ, וואָס ער גיט קיין
שטאָף ניט פאַר דער עקזיסטענץ פון א ריין פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע:
די קליינהייט פון דער צאָל, די קליינלעכקייט פון די אינטערעסן, דער פא-
טריאַרכאַלער קליינשטעטלדיקער גייסט. דעריבער לייגט ער פאָר צו געבן אַ
פאָרטרעטונג דער פראָווינץ נאָך אַן אויספירלעך באַאַרבעטן מאָדוס. נאָר 2—3
דעלעגאַטן האָבן זיך גענויגט צו דערדאָזיקער מיינונג. די פראַגע איז אלנפאַלס
באטראַכט געווען זייער ערנסט. ניט לאַנג, אָבער ערנסט האָט זיך דעבאַטירט
די פראַגע וועגן עקאָנאָמישן טעראָר. ס'האָבן זיך געפונען איינצלנע שטימען
פאַר דעם, אַז אויב אפילע אלס א סיסטעם קען דער עקאָנאָמישער טעראָר
בעשום אויפן ניט געברויכט ווערן, איז אָבער אין באַשטימטע פאַלן און אונ-
טער דעם קאָנטראָל פון דער פאַרוואַלטונג איז ער דערלאָזבאַר. די שטימען
האָבן זיך צעטיילט און קיין רעזאָלוציע וועגן דער פראַגע איז ניט אָנגענומען
געוואָרן.

די אָנגענומענע רעזאָלוציעס.

1) וועגן דער צייט און דעם אָרט פון צוזאַמענפאָר. ניט באַשטימענדיק
דעם אָרט פון צוזאַמענפאָר, דריקט די קאָנפערענץ אויס איר וואונש, אַז ער
זאָל זיין אין צענטער פון ליטע, בעערעך אין 3 כאַדאָשים אַרום.

2) וועגן דער וואַל-סיסטעם פון צוזאַמענפאָר.

יעדער פאַריין, וועלכער באַזיצט ביז 200 מיטגלידער, שיקט איין דעלעגאַט;
מער פון 200 שיקט 2 דעלעגאַטן.

3) וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנס=ביוראָ אַף צוזאַמענרופן דעם צוזאַמענפאָר.

דאָס ביוראָ באַשטייט פון 5 מיטגלידער, 2 פון וועלכע—דער פאָרזיצער
און סעקרעטאַר—מוזן זיך געפינען אין איין שטאָט. דאָס ביוראָ האָט זיין אויפ-
גאַבע פארבאַרייטן און שאַפן דעם צוזאַמענפאָר און צייטווייליק אָנפירן די
פאַריינען.

4) וועגן אויסמיידן אומזיסטע נעסיעס אַף זוכן אַרבעט.

ניט לייזנדיק די פראַגע אינגאַנצן, פאַרפליכטן פאָרלויפיק די פאַריינען ניט
ווייניקער ווי איין מאל אין כוידעש צו פובליקירן אין צייטונגען וועגן דער
צאָל וואַקאַנטע שטעלן און צי אַזעלכע זיינען איבערהויפט פאַראַן.

5) וועגן געזעץ פון 15-טן נאָיאַבר.

פאַרפליכטן דאָס אָרגאַניזאַציאָנס-ביוראָ אויסצואַרבעטן אַ רעזאָלוציע, רעכענענדיק זיך דערביי מיט די ספּעציעלע באַדינגונגען פון ליטע, און צושטעלן זי דער ס.-ד.-ישער פראַקציע אין דומע.

224. די י. ס. ד. א. פּ. „פּויאַלײ-ציאָן" אין דער לאָדזער פראָפ־ באַוועגונג.

(קאָרעספּאָנדענץ „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק", נומ. 1. 17 יאַנוואַר 1907).

...ניט קוקנדיק אָף די שרעקלעכע פּאָליצייאישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'קומט אונז אויס צו אַרבעטן, גייט באַ אונז די אַרבעט אָן אָן אויפהער און מיט גרויס ערפאָלג.

...נאָך דער ברייטער אַרבעט פון היינטיקן זומער, נאָך די פיל שטרייקן, וואָס איז אונז אויסגעקומען דורכצופירן, האָט אונזער אָרגאַניזאַציע איצט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער טיף. ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ געזונטע פאַכאָווע קאָמיסיע אָף איינצואָרדענען די פאַכן, וועלכע געפינען זיך אונטער אונזער ווירקונג נאָך די שטרייקן, וועלכע מיר האָבן דאָרט דורכגעפירט. אומעטום זיינען געגרינדעט געוואָרן אומפּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; ס'זיינען רעגולירט געוואָרן די באַציאונגען פון די פאַכן און פאַריינען צו אונזער אָרגאַניזאַציע און ס'איז געלייגט געוואָרן אַ פונדאַמענט, אָף וועלכן ס'זאָלן זיך פאַרבינדן די פאַכן מיט דער פּאַרטיי, קעדיי ס'זאָל דאָרט קאָנען געפירט ווערן די קולטור-אַרבעט.

איבער די שרעקלעכע באַדינגונגען, וואָס הערשן באַ אונז אין שטאָט, איז געוואָרן זייער שווער די לעקטאָרסקע גרופּן צונויפצוקומען זיך, און דעריבער איז אויך געוואָרן אומעגלעך צו פירן אין די גרופּן די טעאָרעטישע אַרבעט, ווי געהעריק איז. נאָר קעדיי ווי ווייט מעגלעך צו באַפרידיקן די גייסטיקע באַדערפעניש פון אונזערע כאַווירים, האָבן מיר געגרינדעט אַ לעגאַלע ביבליאָטעק פון פאַרשיידענע ביכער און בראָשורן, סאַי פּאַרטייאישע, סאַי פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור. די ביבליאָטעק באַנוצן ניט נאָר אונזערע כאַווירים אַליין, נאָר אויך די אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן, וועלכע געפינען זיך אונטער אונזער ווירקונג. עס ווערן איצט פאַרשפּרייט די אויסגאַבן פון אונזער פּאַרטייאישן פאַרלאַג, ס'ווערן געזאַמלט אַבאָנענטן פאַר אונזער פּאַרטיי-אָרגאַן. אין אַסאַך גרופּן איז מיט ערפאָלג דורכגעפירט געוואָרן אַ באַשלוס אָפּצוגעבן די סכירעס פון איין אַרבעטס-טאָג פאַרן צענטראַל-אָרגאַן פון פּ. צ.

לויט דער פאַראָרדענונג פון דעם קאָמיטעט פון „פאַרבאַנד"*) ווערן זיך אין וואַרשע אין אַ קורצער צייט אַרום גרינדן פּ. צ. אַגיטאַטאָרן-קורסן פאַר די מער אַנטוויקלטע כאַווירים פון די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס. ס'איז שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויעס פּראָגראַם פון די קורסן, ס'זיינען שוין אויך באַשטימט געוואָרן קורסאָווע לעקטאָרן, און די אַרבעט האָט זיך געזאָלט גלייך

*) פּויאַלייציאָניסטישער פאַרבאַנד פאַרן פּוילישן ראַיאָן.

אַנהויבן; נאָר צוליב געוויסע טעכנישע סיבעס און שטערונגען פון דער פּאָליציי, זיינען די קורסן אף אַ קורצער צייט אָפּגעלייגט געוואָרן.

נאָך דער „געשייגקטער" קאָנסטיטוציע פון 17-טן אָקטיאַבר, ווען איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט קלוימערשט אַ בלאָז געטאָן אַ פרייהייטס-ווינטל, האָבן זיך אין לאָדז אָנגעהויבן צו גרינדן אַלערליי פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, פאַריינען פון פאַרשיידענע פאַכן און פּראָפעסיעס.

...אַלע פאַרטייען האָבן זייער הויפּטטעטיקייט און ענערגיע אָנגעווענדעט אַף דעם וויכטיקסטן נערוו פון לאָדזער אַרבעטער-קלאַס — אַף דעם טעקסטיל-פאַך. נאָך אַ לאַנגע דיי פון פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס האָבן זיך אין לאָדז געבילדעט צו יענער צייט 2 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון טעקסטיל-פאַך: איינעם אַ פאַרטייאישן האָט געגרינדעט דער „בונד"; דעם אַנדערן, אַ אומ-פאַרטייאישן, האָט געגרינדעט דער לאָדזער קאָמיטעט „פּויאַליי-ציאָן" אונטערן נאָמען „אַלגעמיינער אידישער טעקסטיל-פאַריין".

...דער אומפאַרטייאישער פאַריין, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורך די פּ. צ., האָט געמוזט זייער פיל ליידן שוין טייקעף. ווי ער איז אנטשטאַנען, ווייל דעמאָלט האָט דער פּראָלעטאַריאַט איבערגעלעבט א שרעקלעכן קריזיס סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש; נאָך די באַרימטע „אָקטיאַבער-טעג" זיינען טויזנטער אַרבעטער קימאַט מיט אַמאָל אַרויסגעשטויסן געוואָרן אַפן אַרבעטס-מאַרק, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו פאַרקויפן זייער אַרבעטס-קראַפט. דערצו האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע סעדרע פון רעפּרעסיעס, אַרעסטן א. אז וו.

אָט דער אומפּאַרטייאישער פאַריין, ניט קוקנדיק אף אַלע שטערונגען, האָט געאַרבעט זייער ענערגיש און פאַרשריטלעך; אין דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטירן האָט ער דורכגעפירט זייער פיל שטרייקן, דורך וועלכע ס'איז גע-לונגען די אַרבעטער פון דיזן פאַך צו געווינען העכערע סכירעס, אַן 8-שאָ-עדיקן אַרבעטס-טאָג, בעסערע היגיעניש באַדינגונגען, וואָכן-אַרבעט אַנשטאָט שטיק-אַרבעט א. אז. וו. דורך דעם האָט דער פאַריין געקראָגן אַלץ מער און מער ווירקונג אַף די לאָדזער אַרבעטער-מאַסן, און די צאָל פון זיינע מיט-גלידער האָט געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

דער פּאַרטייאישער פאַריין פון „בונד" האָט ניט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען דעם ערפאָלג פון דעם אומפאַרטייאישן פאַריין, וועלכער האָט זיך גע-פונען אונטער דער ווירקונג פון פּ צ. און האָט אָנגעהויבן צו פירן אַ שאַרפן קאַמף קעגן אים. דער „בונד" האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו קאָמפּראָמעטירן דעם אומפאַרטייאישן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. די אייביקע רייסעניש צווישן די ביידע פאַריינען האָבן אַלעמען קלאָר באַוויזן, ווי שעד-לעך ס'איז פאַר דעם אַרבעטער אַ פּאַרטייאישער פאַריין, וועלכער רופט אַרויס אייביקע שטערונגען אַף זיין קאַמפּס-פּלאַץ פאַר א בעסערע לאַגע.

אַפילע אין דעם בונדישן פאַריין גופע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע שטימונג פאַר אומפאַרטייאישע פאַריינען, וואָס האָט כאַפּקאָלסאָף געבראַכט דערצו, אַז א גאַנצע גרופּע אַרבעטער-שערערס זיינען אַרויסגעטראָטן פון

בונדישן פֿאַריין און האָבן זיך געווענדעט צום אומפּאַרטייאישן פֿאַריין מיט אַ פֿאָרשלאָג אַריינצוטרעטן אַהין נאָר מיט די באַדינגונגען צו האָבן זייערע אייגענע פֿאַרטרעטער אין ביוראָ. ס. ס. האָבן זיך אויך געווענדעט צום אומפּאַרטייאישן פֿאַריין צוצונעמען זיי, אַלס מיטגלידער פֿון דעם פֿאַריין, דערביי האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אַ פֿאָדערונג, אַז ס'זאָל פֿון דאָס-ניי פֿאָרקומען אַ גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג, וואו ס'זאָל געווילט ווערן אַ נייע ביוראָ, ווי די פֿאָדערונג פֿון „בונד“, אַזוי אויך די פֿאָדערונג פֿון ס. ס. זיינען אין דער ביוראָ ניט אָנגענומען געוואָרן. דערפֿאַר אָבער איז דאָס ביוראָ געווען גרייט צו קאָאָפּטירן 2 מענטשן אין ביוראָ, וואָס זאָלן זיין געווילט פֿון די אַרבעטער פֿון די דערמאָנטע פּאַרטייען, אַלס פֿאַרטרעטער אין דער ביוראָ פֿון דעם אומפּאַרטייאישן פֿאַריין. דאָס ביוראָ איז געווען קעגן נייע וואַלן, ווייל אַזעלכע זיינען שוין פֿאָרגעקומען, און קאָלזמאַן דער טערמין ווערט זיך ניט ענדיקן, האָט דאָס ביוראָ קיין רעכט ניט ווידער צו באַשטימען נייע וואַלן.

די פּ. פּ. ס. זיינען אויך געווען פֿאַר אומפּאַרטייאישע פֿאַריינען, דעריבער האָט דאָס ביוראָ פֿון „אַלגעמיינעם אידישן טעקסטיל-פֿאַריין“ אַריינגעטראָטן אין אונטערהאַנדלונגען מיטן קריסטלעכן אומפּאַרטייאישן „פּראָפֿעסיאָנעלן טעקסטיל-פֿאַריין“.

צו דעם צוועק האָבן דאָס אידישע און פּוילישע ביוראָען באַשטימט אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויסאַרבעטן די באַדינגונגען וועגן פֿאַרייניקן זיך צוזאַמען. אין דער קאָמיסיע זיינען אַריינגעגאַנגען 2 מיטגלידער פֿון אונזער אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיסיע פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, און איינציקע פֿאָרשטייער פֿון ס. ס. און אויך פֿון דער אויבנדערמאָנטער גרופּע פֿון „בונד“. אונזערע כאַווירים האָבן פֿאָרגעלייגט, אַז דער פֿאַריין זאָל זיין געבויט אויף יעסוידעס פֿון נאַציאָנאַלע גרופּן; דעם טאַאַם פֿון אַזאַ פֿאָדערונג האָבן אונזערע כאַווירים דערקלערט דורך דעם, וואָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט געפֿינט זיך אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, ווי דער פּוילישער: דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט איז קאָנצענטרירט אין די גרויסע פֿאַבריקן, אין דער גרויס-פּראָדוקציאָן, פֿאַרקערט אָבער, דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז צעשפּרייט בלויז אין דער קליין-פּראָדוקציאָן. דעריבער האָט יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע אויך אירע באַזונדערע אינטערעסן, און כּדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל קענען בעסער אויסדריקן זיינע ספּעציעלע אינטערעסן מוז ער זיין אויך אָרגאַניזירט באַזונדער — אויף די יעסוידעס פֿון נאַציאָנאַלע גרופּן, וועלכע דאַרפֿן זיין פֿעסט פֿאַרבונדן צווישן זיך, כּדי צו פֿאַרשטאַרקן די קאַמפּס-פּאָזיציע פֿון פּראָלעטאַריאַט, צוליב די אַלגעמיינע קלאַסן-אינטערעסן. יעדע גרופּע שיקט אירע באַזונדערע פֿאָרשטייער אין אַלע פֿאַריינען, אויף קאָנפֿערענצן און צוזאַמענפֿאָרן. אויסער דעם האָט יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע אַ געוויסע זעלבשטענדיקייט אין דער ליטעראַטור און שפּראַך.

די פֿאָרשטייער פֿון פּוילישן פֿאַריין האָבן אונז אַפֿילו מוידע געווען, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט געפֿינט זיך אין אַנדערע באַדינגונגען, ווי דער פּוילישער: סאַי עקאָנאָמיש, סאַי קולטורעל אונטערשיידן זיך ביידע נאַציאָנאַלע

גרופן, פונדעסטוועגן געפינען זיי ניט פאר נויטיק, אַז ס'זאָל עקזיסטירן א צעטיילונג אין די פאַריינען אַף באזונדערע נאַציאָנאלע גרופן מיט באזונדערע פולמאַכטן און רעכט; לויט זייער מיינונג איז גענוג, אז ס'זאָלן זיין אין פאַריין נאָר „שפּראַך־גרופן", ד. ה. יעדע גרופּע לויט איר שפּראַך ווײַלט זיך איר ביוראָ, וואו די ארבעט ווערט געפירט אין איר אייגענער שפּראַך און דערמיט באגרעניצט זיך די „זעלבשטענדיקייט" פון יעדער גרופּע. קיין שום באַזונדערע פולמאַכט איז ניטאָ בא וועלכער ניט איז באזונדערער נאציאָנאַלער גרופּע; אין אלע פאלן איז זי אונטערגעוואָרפן די צענטראלע איינריכטונגען. אונזערע כאווײַרים האָבן ניט געוואָלט איינגיין אַף אַזעלכע באַדינגונגען, זיי זיינען אָבער צום סאָף געצוואונגען געווען צו גיין אַף א פּשרה. אַנדערע פאָרשטייער פון דער אידישער גרופּע, אכוץ די פּ. צ., האָבן ניט פארטיידיקט אונזער שטאַנדפּונקט און, בלייבנדיק אין דער קאָמיסיע אליין אין קאַמף, האָבן די פּ. צ. פאָרשטייער נאָך לענגערע אונטערהאנדלונגען מיט די פּוילישע פאָרשטייער געמוזט איינגיין אַף פאָלגנדעם באשלוס: דער פאַריין ווערט צע־טיילט אין גרופן: פּוילישע, אידישע און דייטשישע; אַלע גרופן האָבן דיזעלביקע רעכטן און פליכטן; די אַגיטאַציע, סאַי מונדלעך, סאַי שריפטלעך, ווערט גע־פירט אין אלע 3 שפּראַכן — פּויליש, אידיש, דייטש.

225. די פאַרטייאישע פראָפ. אָרגאַניזאַציעס אין ביאַליסטאָק.

(קאָרעספּאָנדענץ „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן", ביילאַגע צו „האָפענונג" נומ. 4 פון 15 סעפטיאַבר 1907).

נאָך די אָקטיאַבר־טעג האָבן זיך אין ביאַליסטאָק קימאַט אין אַלע פאַכן געגרינדעט פּראָפ. פאַריינען, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט אַ גרויסן פּראָצענט פון דער אַרבעטער־כאַסע. אַלע פאַריינען זיינען געווען פאַרטייאישע. די ערשטע צייט, איבערהויפּט באַלד נאָך דעם, ווי עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער קריגס־צושטאַנד, איז די אַרבעט אין די פאַריינען געגאַנגען גאַנץ לעבעדיק. די מיטגלידער פלעגן אַריינטראָגן רעגולער די אָפּצאָלונגען, פלעגן באַזוכן די פאַרזאַמלונגען און אז. וו. די ווירקונג און דער אַווטאָריטעט פון פאַריין האָט זיך פאַרשפּרייט ניט נאָר אַף די מיטגלידער, נאָר אויך אַף די אַרבעטער, וועלכע זיינען אין פאַריין ניט אַריין. אַפילע די ב"ב האָבן זיך אויך גערעכנט מיטן פאַריין, ווי מיט אַן אַווטאָריטעטער איינריכטונג, און ענדע ווינטער 1906 יאָר האָבן זיך די פאַריינען געפונען אין אַ בליענדן צושטאַנד.

ווײַגן לעגאַליזירן די פאַריינען האָט דאַן קיינער ניט געטראַכט; מע האָט גערעכנט, אַז דער געזעץ פון 4־טן מארט [91] ווערט האָבן דעמזעלבן סאָף, וואָס בוליגינס דומע, און מע האָט אים איגנאָרירט. ווען די פאַריינען זיינען צוליב די פאַרפאָלגונגען געווען גענויטיקט אומצוקערן זיך צו דער אונטערערדישער אַרבעט, האָבן זיך די מיטגלידער אָנגעהויבן צו באַציען צום פאַריין גלייכגילטיק. מע האָט אויפגעהערט ביסלעכווייז צו צאָלן, אַף די פאַרזאַמלונגען פלעגט מען

ניט קומען, דער אַווטאָריטעט איז געפאַלן און די ווירקונג איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. זעענדיק, אַז דער פאַריין פונקציאָנירט זייער שוואַך, פלעגט באַ דער מאַסע אויסוואַקסן אַן אומצופרידנהייט מיטן ביוראָ. „דאָס ביוראָ אַרבעט ניט", — פלעגן אַלע טאַינען, און מע פלעגט קלייבן אַ נייע ביוראָ. די ערשטע צייט פלעגן זיך די נייע ביוראָאיסטן נעמען צו דער אַרבעט מיט גרויס היץ און שלעפן אַף זיך גאַנצע בערג, נאָר אַנשטויסנדיק זיך שטענדיק אַף דער גלייכגילטיקייט פון דער מאַסע, פלעגן זיי ביסלעכווייז אויפהערן צו אַרבעטן. עס פלעגט זיך ווידער אָנהייבן אַ טומל צווישן דער מאַסע, מע פלעגט ווידער אויסקלייבן אַ נייע ביוראָ און ווידער דיזעלבע זאַך. מיט איין וואָרט, פון די פאַריינען איז געבליבן נאָר ביוראָען, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט קינסטלעך אַריינגעבלאָזן אַ ביסל לעבן אין פאַריין. אַזוי האָט זיך געצויגן ביז דעם פאָגראָם *).

דער פאָגראָם האָט, ווי עס איז באַוואוסט, געמאַכט אַ גאַנצן כורבן אין שטאָט. ווער עס האָט נאָר געקענט, איז געלאָפן, ניט ווייסנדיק וואוהין און נאָך וואָס. עס איז צערואינירט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע און עס זיינען אויך צערואינירט געוואָרן די פראָפ. פאַריינען, אַף וויפיל זיי האָבן פריער עקזיסטירט. עס זיינען אָבער געבליבן איינציקע מענטשן, די פריערדיקע טוער פון די פראָפ. פאַריינען, וועלכע האָבן ניט געקענט פויעלן באַ זיך צו זיצן צונויפגעלייגט די הענט און קוקן גלייכגילטיק אַף דעם כורבן. ווי נאָר מע האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן מיטלען, ווי אַזוי אויפצולעבן די פראָפ. פאַריינען. זיי האָבן אָבער ניט ריכטיק פאַרשטאַנען די אורזאכן, וועלכע האָבן געווירקט אַף דער פאַנאַנדער-פאַלונג פון די פאַריינען, און זיינען דעריבער געקומען צו פאַלשע באַשלוסן.

איצט, זיצנדיק באַ די כורוועס פון די פראָפ. פאַריינען, האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז בעאייס די פאַריינען האָבן עקזיסטירט, פלעגן פאָרקומען שטענדיקע ווייסערייען מיט די איבעריקע פאַרטייען צוליב דער פאַרטייישקייט פון די פאַריינען; זיי האָבן זיך דערמאָנט, דאָס די נייטראַליסטן, איבערהויפט די ציאָניסטן מיקאָל האַמינים, האָבן שטאַרק געשטערט די אַנטוויקלונג פון די פאַריינען מיט דעם, וואָס זיי פלעגן מיט זייער אַגיטאַציע אָפּהאַלטן די אומפאַרטייאישע מאַסע אַריינצוטרעטן אין די פאַרטייאישע פאַריינען. אין דעם האָבן זיי געזעען די הויפט-אורזאַך, פאַרוואָס די פאַריינען זיינען צעפאַלן. אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען האָבן זיי אָפּגעוואָרפן, און דעריבער זיינען זיי געקומען צו דעם באַשלוס, אַז נאָר נייטראַלע פאַריינען קענען האָבן אַ קיעם. ווען די פאַריינען וועלן זיין נייטראַל, — האָבן זיי געזאָגט, — וועלן אויפהערן די רייסערייען צווישן די פאַרטייען, עס וועט פאַראַליזירט ווערן די קראַפט, וועלכע האָט פריער אָפּגעהאַלטן די אומפאַרטייאישע מאַסע אַריינצוטרעטן אין די פאַריינען, און עס וועט זיין אַ לעבעדיקע וועלט.

די ערשטע, וועלכע האָבן זיך גענומען פאַר דער אַרבעט, ד. ה. איבערבויען דעם פאַרטייאישן פאַריין אַף אַ נייטראַלן, זיינען געווען די גאַרבער. זיי האָבן נאָך געטאָן „לפנים משורת הדין": מאַכן דעם פאַריין נייטראַל נאָר נאָכן נאָמען

*) יון 1906.

— האָבן זיי געזאָגט — איז ווייניק, מע דאַרף זיך סטאַרען, אז אין ביוראָ זאָלן אַריין אויך ציאָניסטן, דאַן וועלן זיך אַלע איבערצייגן, אַז דער פאַריין איז אין דער עמעסן א נייטראַלער. און מיט דער הילף פון די בונדיסטן, דורך זייער אַגיטאַציע און מיט זייערע שטימען, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין ביוראָ 2 ציאָניסטן, וועלכע האָבן געדאַרפט דינען אַלס אַ שפּיגל פון נייטראַליטעט.

די ערשטע צייט האָט דער פאַריין פונקציאָנירט זייער גוט. עס האָבן זיך גלייך פאַרשריבן איבער 300 מיטגלידער (אין ביאַליסטאָק געפינען זיך ביז 500 גאַרבער), מע האָט אָנגעהויבן צו צאָלן און, אין אַלגעמיין, האָט מען זיך אינטערעסירט מיטן פאַריין. די נייטראַליסטן, איבערהויפּט די ציאָניסטן פון אַלע סאָרטן, האָבן געפייערט זייער ניצאָכן; דער פּרינציפּ פון נייטראַליטעט האָט געזיגט; זייער סימכע איז אָבער געווען אומזיסט.

עס איז אַריבער אַ קורצע צייט, און די מיטגלידער האָבן זיך באַצויגן צום פאַריין גלייכגילטיק. ביסלעכווייז איז די גלייכגילטיקייט אַריבער אויך צו די ביוראָאיסטן און זיי האָבן אויפגעהערט אַרבעטן. מע האָט אויסגעקליבן אַ נייע ביוראָ און ווידער מיט אַ ציאָניסט, אַלס אַ שילד פון נייטראַליטעט. די נייע ביוראָאיסטן האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט גרויס ענערגיע, נאָר באַגעגענענדיק זיך שטענדיק מיט דער גלייכגילטיקייט פון די מיטגלידער, האָבן זיי ביסלעכווייז אויפגעהערט צו אַרבעטן. און אַזוי ציט זיך דאָס ביז הייניקן טאָג; ס'איז דאָ אַ ביוראָ אָן מיטגלידער, אַ גענעראַל-שטאַב אָן אַן אַרמיי*).

איצט עקזיסטירט אין ביאַליסטאָק נאָר איין פאַריין פון די דרוקער, וועלכער פונקציאָנירט ניט שלעכט. אין אַלע איבעריקע פאַכן זיינען די פאַריינען פאַנאַנדערגעפאַלן און פון זיי איז קיין זייכער ניט געבליבן. די טוער פון די געוועזענע פראָפ. פאַריינען האָבן שוין אויפגעהערט צו גלויבן אין דער וואונדערבאַרער קראַפט פון דער נייטראַליטעט. איצט פאַרשטייען זיי שוין, אַז בא אַזאַ געדריקטער שטימונג, וועלכע הערשט אין ביאַליסטאָק, בא די שרעקלעכע פּאָליציייאישע באַדינגונגען, ווען קומען אַף אַ פאַרזאַמלונג איז שוין א גרויסער פּאָליטישער אקט, קענען ניט עקזיסטירן קיין אימפּעטיקע פראָפ. פאַריינען, ווי נייטראַל זיי זאָלן ניט זיין. צו דער פריערדיקער מיינונג, אז נאָר נייטראַלע פאַריינען קענען האָבן אַ קיעם, איז צוגעקומען א צווייטע, דאָס נאָר לעגאַלע פאַריינען קענען עקזיסטירן. די וועבער האָבן די ערשטע אָנגעהויבן צו ארבעטן אין דעם זין.

אין דער צייט, ווען בא די גארבער האָט זיך צום ערשטן מאָל געגרינדעט דער נייטראַלער פאריין, האָט זיך דער וועבער-פאריין געפונען אין א קלאָגעדיקן צושטאַנד; קיין פאריין איז שוין אייגנטלעך ניט געווען, עס האָט עקזיסטירט נאָר א ביוראָ אָן מיטגלידער. זעענדיק, אז דער נייער גארבער-פאריין פונקציאָנירט גוט, האָבן די וועבער אויך באַשלאָסן צו איבערבויען דעם פאריין אַף א נייטראלן. די ביוראָ האָט געמעלדעט, אַז דער וועבער-פאריין ווערט פאנאנדערגעלאָזן און עס וועט זיך גרינדן א נייער פאריין, א נייט-

*) איצט איז קיין ביוראָ אויך ניטאָ; די אלטע האָט זיך אנטזאגט און קיין נייע וואלן זיינען ניט פארגעקומען.

ראלער. די ביוראָיסטן האָבן צוגערופן צו זיך נאָך אייניקע מער באוואוסטזיניקע און ענערגישע ארבעטער און האָבן צוזאמען געבילדעט אן אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיסיע אף צו גרינדן א נייטראלן פאריין, אויך אן אומלעגאלן. נאָר איידער די קאָמיסיע האָט נאָך צייט געהאט וואָס ניט איז אויפצוטאָן, האָט זי אויפגעהערט צו פונקציאָנירן, עס זיינען אָנגעקומען די וואלן אין דער 2-טער דומע און אלע טיכטיקע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער וואל-קאַמפּאניע. נאָך דער וואל-קאַמפּאניע האָט די קאָמיסיע ווידער אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן, נאָר איצט האָט זיך די קאָמיסיע געשטעלט פאר א ציל ניט נאָר צו בילדן א נייטראלן פאריין, נאָר אויך צו לעגאליזירן אים, ווייל אין דער צייט האָבן שוין די טוער דערזעען, אז די נייטראליטעט קען ווייניק וואָס העלפן. אזוי ווי דער וועבער-פאך איז זייער א גרויסער און עס קומען פאָר נאָכאנאנד סיכסוכים און קליינע קאָנפליקטן סאי בא די ארבעטער צווישן זיך און סאי צווישן די ארבעטער און ב"ב, האָט זיך די קאָמיסיע ביסלעכווייז, ניט ווילנדיק, פארוואנדלט אין אן אָנפירנדער איינריכטונג פון דער פּראָפ. באוועגונג. און אף צו לעגאליזירן דעם פאריין האָט זיך געגרינדעט א ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע איז באשטאנען פון אייניקע מיטגלידער פון דער ערשטער קאָמיסיע און אייניקע קריסטלעכע וועבער, וועלכע זיי האָבן צוגערופן צו זיך (די ערשטע קאָמיסיע איז באשטאנען נאָר פון אידישע וועבער).

די נייע קאָמיסיע האָט אויסגעארבעט אן אוסטאוו, האָט אויסגעפונען פאסנדע מענטשן, וועלכע האָבן איינגעשטימט צו זיין גרינדער און האָבן אָנגעגעבן דעם אוסטאוו צו לעגאליזירן. נאָך דעם האָבן זיך ביידע קאָמיסיעס צונויפגעגאָסן, און איצט עקזיסטירט נאָר איין קאָמיסיע פון אידישע און קריסטלעכע וועבער. ווען דער אוסטאוו איז דורכגעגאנגען אלע שבעה מדורי גהינום, איז ער אם ענדע פארעגיסטרירט געוואָרן.

אומעטום, ווי נאָר א פאריין ווערט פארעגיסטרירט, קען ער שוין אָנהויבן צו פונקציאָנירן; אין ביאליסטאָק איז דאָס ווייניק. באקומענדיק די פּאפּירן פון דער גובערנסקער פּריסוטסטוויע, אז דער פאריין איז לעגאליזירט, האָט זיי דער גענעראל-גובערנאטאָר פּאָשעט פארהאלטן, די גרינדער זיינען אוועק צום פּאָליצמייסטער נאָך די פּאפּירן; האָבן זיי באקומען אן ענטפער, אז קאָל זמאן אין ביאליסטאָק וועט זיין קריגס-צושטאנד, וועט מען דעם פאריין ניט עפענען. ווען זיי האָבן אָנגעוויזן, אז אין אסאך שטעט, וואו עס עקזיסטירט קריגס-צושטאנד, עקזיסטירן פונדעסטוועגן לעגאלע פאריינען, און אז דער וועבער-פאך נויטיקט זיך זייער שטארק אין אן אָרגאניזאציע, ווייל עס קומען פאָר שטענדיק אומאָרדענונגען און עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל דאָס איינאָרדענען, האָט ער זיי געענטפערט, דאָס מאכן אָרדענונג קען די פּאָליציי זעלבסט, און דער פאריין איז גאָר ניט נויטיק...

226. די י. ס. א. פּ. אין דער וויטעבסקער פּראָפ. באַוועגונג.

(קאָרעספּאָנדענץ. „פאָלקסשטימע“, נומ. 8 און 9 פון 19 און 27 יון 1907)

וויטעבסק.

די היגע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן זיך געגרינדעט ס'ראָוו אין די פרייע אָקטיאבר=טעג. אין דער צייט פון דער בלוטיקער רעאַקציע זיינען זיי ארײַן אין פּאָדפּאָליע, און נאָר באַנוצנדיק זיך מיט דעם געזעץ פון 4 מאַרט, האָבן זיי זיך ווידער געוויזן אַף דער ליכטיקער וועלט, קימאַט אַלע לעגאַליזירט.

בעסער פון אַלע איז דאָ דער צושטאַנד פון די פריקאַזטשיקעס=פאַריינען, הען אין מאַטעריעלן זין, הען אין דעם זין פון באַוואוסטזיניקייט פון די מיטגלידער און פּראָפעסיאָנעל'ע טוער. פאַריינען פון פריקאַזטשיקעס זיינען דאָ צוויי — איין אויסערפּאַרטייאישער און איין בונדישער. גענויע יעדיעס מיקויעך דעם בונדישן פאַריין קאָן איך אייך, צום באַדויערן, ניט געבן, — אונזער אייניקן זאָגן זיי גאָרנישט אויס פון כיידער און אַליין פּובליקירן זיי אויך ניט, דארום מוז איך זיך באַנוגענען מיט דעם אויסערפּאַרטייאישן. מיטגלידער האָט ער ביז 450, פון וועלכע 300=350 צאָלן רעגלמעסיק זייערע מיטגלידער=איינטראָגן, וואָס גיט דעם פאַריין האַכנאָסע פון 75=76 רובל א כוידעש. כוץ דער אויסגעווײלטער פאַרוואַלטונג, וואָס אַרבעט אָן געהאַלט, האָט דער פאַריין איין געדונגענעם סבאָרשטשיק, וועלכער ערפילט כוץ דעם אייניקע טעכנישע אַרבעטן אין פאַריין (ביבליאָטעקאַר א. ד. ג.). זייער אָפט אָרגאַניזירט דער פאַריין לעקציעס און רעפעראַטן, און איצט אַרבעט די פאַרוואַלטונג אויס אַ פּראָיעקט פון אַ שול פאַר לערן-אינגלעך און די קינדער פון די פאַריינס-מיטגלידער און פון קורסן פאַר דערוואַקסענע. דער פאַריין האָט אויך גענומען אָן אַקטיוון אַנטייל אין דער געמישטער קאָמיסיע אַף צו רעגולירן דעם ארבעטס-טאָג. פון די פינף פאָרשטייער פון פריקאַזטשיקעס, וואָס זיינען געווען אין דער קאָמיסיע, זיינען צוויי געווען געשיקט פון אויסערפּאַרטאישן פאַריין (צוויי פון בונדישן און איינער פון דער פריקאַזטשיקעס-געזעלשאַפט). די באַציאונגען צווישן די ביידע פאַריינען זיינען נאָך מיט כעסעד, פיל בעסער ווי אין אנדערע שטעט. עס טרעפט זיך אַפילע, אַז דער בונדישער הויבט אָן צו ווייזן זיינע בען-יאָכידישע שטיק, נאָר דער אויסערפּאַרטייאישער זעט זיין וואָס גערולדיקער און ווייכער, — און נאָר זעלטן ברענגט דער אינערלעכער קאַמף אַ שאָדן דער אלגעמיינער אַרבעטער-באַוועגונג צווישן די פריקאַזטשיקעס.

דער פאַריין פון שניידער (דער אויסערפּאַרטייאישער. דער בונדישער גיט קיינע יעדיעס ניט) האָט אָרגאַניזירט 335 מיטגלידער, אָבער קימאַט אלע צאָלן זיי זייער שוואַך זייערע מיטגלידס=איינטראָגן. מער ווי אומעטום איז דאָ אנטוויקלט די קליין-פּראָדוקציע און פאַרמיטלעריי, און דער פּראָפעסיאָנעלער קאַמף איז מוירעדיק פאַרפלאָנטערט. נאָר אין דער סאַמע לעצטער צייט באַמערקט זיך אין פאַריין א קליינע אויפלעבונג, די מיטגלידער האָבן אָנגעהויבן מער פילן זייער

קרויוועשאַפּט צום פֿאַריין, און די צאָלונגען זיינען געוואָרן מער רעגולער. גענוי אָנווייזן, ווי גרויס איז די טעטיקייט פון דעם שניידער-פֿאַריין, אַזוי אויך ווי פון די איבעריקע, קאָן איך ניט, ווייל, צום באַדויערן, פירט זיך קימאַט אין קיין פֿאַריין קיינע פּראָטאָקאָלן. נאָר נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די היגע פּראָפעסיאָנעלע פֿאַריינען באַשעפטיקן זיך קימאַט אויסשליסלעך מיט פירן שטרייקן, און דאָס, וואָס די פֿאַרוואַלטונגען זיינען שטענדיק אָנגעלאָדן מיט אַרבײַט, קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן, אַז דער אומיטלבאַרער פּראָפעסיאָנעלער קאַמף פירט זיך דאָ גאַנץ לעבעדיק. צווישן די צוויי שניידער-פֿאַריינען איז אויך קימאַט ניטאָ יענע רייסעניש, וועלכע מיר באַגעגענען אין פילע ערטער.

דער פֿאַריין פון דרוקער האָט איבער 90 אָרגאַניזירטע מיטגלידער, רעגולער צאָלן נאָר 40-50, וואָס גיט דעם פֿאַריין א האַכנאָסע פון 6-7 רובל א מאָנאַט. די הויפּט צאָרע פונם פֿאַריין איז די גיבערנסקע דרוקעריי, וואו די אַרבעטער זיינען שטאַרק אומבאַוואוסטזיניק. מ׳גלויבט שטאַרק אין באַלעבאָס — די גובערנסקע נאטשאלסטווע, און אין דער צייט, ווען די אַרבעטער פון אַלע פּריוואַטע דרוקערייען האָבן שוין זיך דערשלאָגן וואָכן-אַרבעט און אן 8-שאָ-עדיקן אַרבעטס-טאָג, אַרבעטן די „גובערנסקע" פון שטיק און האָבן ניט קיין שום באַשטימטן אַרבעטס-טאָג. ביז וואַנען עס איז ניטאָ קיין גרויסע פּראָפעסיאָנעלע מילכאָמע באַ די דרוקער, קאָלומאַן דער קאַמף באַשטייט אין קליינע שטרייקן, קען די נאַפּקעמינע אין ארבעטס-באַדינגונגען קיין גרויסן שאָדן ניט ברענגען, ווייל די גובערנסקע דרוקעריי האָט זיך איר מאַרק. אָבער זאָל זיך טרעפן אן אלגעמיינער דרוקער-שטרייק אָדער לאָקאוט, און די היגע דרוקער וועלן דערזעען, וואָס הייסט ניט אויסגעגליכענע אַרבעטס-באַדינגונגען. אין פֿאַריין זיינען פֿאַראַן פיל אומפּאַרטייאישע קריסטן, און דאָס גיט אים צו א מער טוישעוודיקן כאַראַקטער. קימאַט אַלע איבעריקע פֿאַריינען פילן זיך מאַישע אויבער. ניט ווילנדיק טראַכט זיך: געקומען מיט א פּאַס פון 9 מאַרט*) און אף דעמזעלבן אויפן קאָן מען אוועקגיין מיט אַ פּראָכאָדנאָיע פון נאָך עפּעס א שיינעם פרימאָרגן. און די געפילן לייגן אויף זייער שטעמפּל אף דער גאַנצער טעטיקייט פון די פֿאַריינען, וועלכע זיינען קימאַט אויסשליסלעך שטרייק-אָרגאַניזאַציעס. מ׳זעט ניט קלייבן געלט און עפּעס פעסטער איינזעצן זיך, מ׳האַלט זיך, ווי „א ראָב אף א פֿאַרקאַן", זייענדיק מוכן אומעזוימען יעדער מאָמענט פֿאַרוקן זיך ווייטער אין פֿאָדפּאָליע. און נאָר יענע פֿאַריינען, וואו ס׳זיינען פֿאַראַן אומפּאַרטייאישע קריסטן, פילן זיך עפּעס היימישער אין די ראַמען פונם געזעץ און מ׳טראַכט מיקויעך געלט. דער פֿאַריין פון דרוקער האָט אף אזא אויפן א רובל 50, דער פֿאַריין פון בירער האָט אויך א רובל 30, און אויך איבער דעם אויבנאָנגעוויזענעם טאַם, ווייל אין פֿאַריין איז דאָ פיל אומפּאַרטייאישע קריסטן און עלטערע אומפּאַרטייאישע אידן. נאָר די בירער האָבן אן

*) דאָ איז מיסטאָמע א דרוק-פעלער: ס׳דאַרף זיין „פון 4 מאַרט", די דאַטע, ווען ס׳זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן די צייטווייליקע קלאָלים וועגן פֿאַריינען און געזעלשאַפטן, אפן סמאַך פון וועלכע די פֿאַריינען זיינען געוועזן לעגאַליזירט.

אַנדער צאָרע. אין פֿאַריין זיינען אָרגאַניזירט נאָר די קוטשערס, וואָס פֿירן פֿאַנאַנדער דעם ביר פֿון די זאַוואָדן צו די קוינים. אזוינע מיטגלידער האָט דער פֿאַריין 68. די קוטשערס ציען זייער כאַיונע פֿון דער באַלעבאַטישער קאָנקורענץ. יעדער באַלעבאָס וויל וואָס מער קוינים צוציען און סטאַרעט זיך פֿריער פֿאַר זיין קאָנקורענט אריינפֿירן אים דעם ביר אהיים אריין. אָבער אזוי ווי די באַלעבאַטים בילדן אינגיכן אַ ראַיאָנעם סינדיקאַט, וועלכער וועט כוץ דעם קלאַסן-קאַמף מיט די אַרבעטער האָבן דעם ציל פֿאַרניכטן די קאָנקורענץ צווישן די זאַוואָדן, וועלן די אַלע קוטשערס ארויסגעוואָרפֿן ווערן. ווער ס'וועט וועלן ביר האָבן, וועט מוֹיכל זיין קומען נאָך אים אין זאַוואָד. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז קעגן דעם קאָן דער פֿאַריין גאָרניט טאָן. עס קומט אויס זיצן און וואַרטן אַפֿן טויט און בעטן גאָט, אַז די באַלעבאַטישע רייסעניש זאָלן זיך וואָס מער דויערן.

איך האָב אויבן אָנגעוויזן, אַז אַ שטרעבונג צו איינזעצן זיך, צו אָנקלייבן געלט, באַמערקט זיך נאָר בײַ יענע פֿאַריינען, וואו די מיטגלידער זיינען ווייט פֿון די פּאַרטייען. איין אויסנאַם פֿון דעם קלאַל שטעלט מיט זיך פֿאָר נאָר דער פֿאַרמאַצעווטן-פֿאַריין. דאָרטן זיינען אַלע (55 מאַן), כוץ איין פּאָליאַק, אידן, און קימאַט אַלע פּאַרטייִנע און פֿונדעסטוועגן שלאָפֿן זיי אין איניען פֿון קלאַסן-קאַמף, מ'טוט קימאַט גאָרנישט. עפּעס מיט א יאָר אָנדערהאַלבן צוריק האָבן זיי געמאַכט אַ רעפֿעראַט, געכאַפּט עטלעכע הונדערט רובל און גיבן זיי אויס בּיסלעכווייז אַף קוואַרטיר-געלט פֿאַרן פֿאַריין. די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען האָבן א לאַנגווייליקן כאַראַקטער, מ'אַמפּערט זיך שאָען-לאַנג איבער א „קוצי של יוד", וועגן די יורידישע באַציאונגען צווישן דער פֿאַרוואַלטונג און אלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג א. ד. גל. קיין לעבעדיקייט זעט מען ניט.

דער פֿאַריין פֿון די לעדער-אַרבעטער איז ביז הייִנטיקן טאָג א בונדאָווסקער. געוועזן זיינען דאָ צוויי פֿאַריינען, — איינער א נייטראַלער, נאָר אזוי ווי אין נייטראַלן זיינען געוועזן ס'ראָוו די קריכטיקע אומבאַוואוסטזיניקע זיך-בעטער, וועלכע האָבן ניט געקאָנט פֿון זיך ארויסרוקן די נויטיקע פּראָפֿעסיאָנעלע טוער, האָבן די פֿאַריינען געמוזט זיך צונויפֿגיסן. די מערהייט איז געווען אין בונדאָווסקען, און דער פֿאַריין איז געבליבן א בונדאָווסקער. דער פֿאַריין האָט איבערגעלעבט א 19-וואָכיקן לאָקאַוט פֿון פֿאַבּריקאַנטן-פֿאַבּריקן און האָט אים געזיגט. נאָר — „נאָך אזא זיג, און מ'קען בלייבן אָן כאַיל". דעם לאָקאַוט האָט מען באזיגט, אָבער די צייט איז פֿאַרט געווען א גינסטיקע פֿאַר די באַלעבאַטים. אַפֿן מאַרק איז מיט סכוירע שטיל, און אַפֿילע איצט, בּישאַס דער לאָקאַוט האָט זיך שוין געענדיקט, עפֿענען זיך די פֿאַבּריקן נאָר בּיסלעכווייז. איניקע באַלעבאַטים לוינט פֿאָשעט ניט בײַ איצטיקע באַדינגונגען לאָזן די פֿאַבּריק. באַלד, ווי דער לאָקאַוט האָט זיך געענדיקט, האָט דער פֿאַריין ערקלערט אַן אַלגעמיינעם שטעפּער-שטרייק, און אויך ניט גאָר קיין מעהודערדיקן. שוין מער ווי א כוידעש, אַז מ'שטרייקט, און פֿון די באַלעבאַטים „אין קול ואין עונה". נאָר דער פֿאַריין האָט פֿאָרט א צוקונפֿט, ווען ער זאָל ווערן אַן אום- אָדער אינטערפּאַרטייאישער, ד. ה. ווען עס זאָל געגעבן ווערן די

מעגלעכקייט שוסטער פּראָפעסיאָנעלע טוער, וואָס געהערן צו אנדערע פּאַרטייען, צוליגן זייערע קויכעס צום פאַריין.

דער היגער אייזנבאַן=פאַריין שטעלט מיט זיך פאָר אן אָפּטיילונג פון אַלרוסלענדער. דאָ הייבן אייזנבאַן האַלטן די ס.ר. און די ס.ד. א „קראָם נעבן א קראָם", מע רייסט זיך פאָר ריין פּראָפעסיאָנעלן (ס.ד.) און פּראָפעסיאָנעל פּאָליטישן (ס.ר.) פּרינציפּ. באַ די ס.ר. אין פּראָפעס.-פּאָליטישן איז א מאַן 130, און די ס.ד. האָבן סאַכאַקל 13 מאַן, עמעס דערוואַקסענערע. נאָר ניט דערפאַר, וואָס זיי זיינען עלטערע, בראַקירן זיי זיך מיט דער פּאָליטישער פּראָגראַם. נאָר ווייל זיי זיינען ס.ד. די אומפּאַרטייאישע זיינען אין דעם פּאָליטישן. אַנשטאָט אָרגאַניזירן די ברייטע מאַסן אייזנבאַן=אַרבעטער, האַלטן די פאַריינען אין איין רייסן זיך, און אויפטאָן טוען ביידע קימאַט גאָרניט. מע אטאקירט און מע נעמט איין סטאנציעס און פּאָלוסטאנקעס, מע פאַרפעסטיקט זיי, און עס טרעפט, אַז מע מוז קאַפּיטולירן, אָבער אַלץ איינע באַ די אנדערע און ניט אַפּן כעשבן פון דער ניט אָרגאַניזירטער מאַסע.

פאַראַן באַ אונז צוויי פאַריינען — פון גאָלד-ארבעטער און פריזירער. איך שרייב מיקויעך זיי צוזאַמען, ווייל זיי זיינען זייער ענלעך איינער צום אַנדערן. קליינטשיקע נאָך זייער צאָל (דער פריזירער-פאַריין האָט 40 און דער גאָלד-אַרבעטער — 55 מאַן), נאָך די יאָרן פון זייערע מיטגלידער, זיינען זיי אָבער עמעסע ריין פּראָלעטאַרישע פאַריינען. ביידע זיינען זיי דערשינען קימאַט אין איין צייט. באַלד ווי זיי זיינען אַרויס אף דער וועלט, האָבן זיי, ווייטער קימאַט אין איין צייט, געמאַכט אן אלגעמיינעם שטרייק אף צו רעגולירן די אַרבעטס-באַדינגונגען, געוואונען דעם שטרייק, און מע לעבט זיך, פאַנאַנדערקלייבנדיק קליינע סיכסוכים צווישן באַלעבאַטים און אַרבעטער און אַגיטירנדיק די מיטגלידער, אַז מע דאַרף צאָלן מיטגלידער-צאָלונגען. נאָר אין דער לעצטער צייט האָבן די פאַריינען פאַרלאָרן דעם געשמאַק פון א צווילינג. אין פריזירער=פאַריין האָבן זיך באַוויזן עפּעס אינעווייניקסטע רייבונגען: מיסטאָמע האָבן זיך צעריסן צווישן זיך צוויי פּאַרטייאישע יאַטן פאַר דעם „איינפלוס", וואָס די פּאַרטייען דאַרפן האָבן אף די אָרגאַניזירטע אין פאַריין „ברייטע אומפּאַרטייאישע ארבעטער-מאַסן".

דער פאַריין פון שלאָסערס געפינט זיך קימאַט אויסשליסלעך אין די הענט פון די ס.ד., און וואָס דאָרטן אינעווייניק טוט זיך, קאָן א פרעמדע אויג ניט דערזען, איבער דער שטאַרקער פעסטונג, מיט וועלכער דער פאַריין איז אַרומגערינגלט. דער פאַריין האָט אָרגאַניזירט 70—100 מאַן.

דער פאַריין פון טאַבאַק-אַרבעטער שטעלט מיט זיך פאָר א פאַבריק-אָרגאַניזאַציע פון קאַלבאַנאָווסקעס טאַבאַק-פאַבריק, און אלס אַזעלכער באַשעפטיקט ער זיך מיט מער אַגיטאַציע און אינערלעכער אָרגאַניזאַציע, איידער מיט אומיטלבאַרן קאַמף. דער פאַריין קאָן ניט האָבן יענע צענדליקע קליינע שטרייקן, וואָס פאַרנעמען די גאַנצע צייט און קויכעס פון די איבעריקע פאַריינען, דאָ קאָן זיך טרעפן נאָר אַן אלגעמיינער שטרייק איינמאָל אין אַ שמיטע — און גאָר. דער פאַריין האָט אָרגאַניזירטע 80 מאַן קריסטן און אידן און א רובל

10 האַכנאָסע אין מאָנאַט. דער פאַריין האָט זיך ניט לאַנג לעגאַליזירט.

דער פאַריין פון בערשטער האָט זיך ניט לאַנג געגרינדעט. נאָך לאַנגע וויקוחים און אַמפּערן מיט די בונדיסטן איז דער פאַריין געבליבן אַן אויסערפּאַרטייאישער. פאַר אַזאַ „קראַמאָלע“ האָט אים דער בונדישער אַלרוסלענדער בערשטער-פאַרבאַנד אַרויסגעוואָרפן פון זיך, און דער פאַריין האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי צו גרינדן מיט די איבעריקע אויסערפּאַרטייאישע בערשטער-פאַריינען אַן אומפּאַרטייאישן צענטראַל-פאַרבאַנד. אין פאַריין זיינען אָרגאַניזירט אַ מאַן 80, אַלע אידן.

דער ציגעלניקעס-פאַריין עקזיסטירט נאָר זומער. ווינטער ווערן קימאַט אַלע ציגעלניקעס טרעפּאַטשעס (די אידן; די קריסטן ווערן לאַמפּאַוושציקעס, זיי צינדן אָן די לאַמטערנעס אין שטאָט). שטענדיקע מיטגלידער האָט ער 70 (קריסטן און אידן, קימאַט העלפט אַף העלפט), נאָר אַז עס ווערט מער אַרבעט, ווערן פיל פּאַשעטע אַרבעטער ציגעלניקעס, און דער פאַריין ווערט גרעסער. אַ האַכנאָסע האָט דער פאַריין 12 רובל אַ מאָנאַט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין דער צייט פון סעזאָן.

דער בוי-אַרבעטער-פאַריין איז אַ בונדאָווסקער, און אַנדערע רופן אים אַ ס.ד.'שער, און אַן אַנדערש מאָל רופט ער זיך אָן גאָר אומפּאַרטייאישער. ווינטער עקזיסטירט ער גאָרניט, ווייל די בוי-אַרבעטער ווערן טרעפּאַטשעס, (ד.ה. דאַרפן ווערן טרעפּאַטשעס, ווייל אַלס טרעפּאַטשעס האָבן זיי אויך קיין אַרבעט ניט), און זומער איז אויך די אַרבעטסלאָזיקייט אַזוי גרויס, אַז קימאַט די גאַנצע אַרבעט פון פאַריין באַשטייט אין העלפן די אַרבעטסלאָזע. נאָר היי-יאָר איז די אַרבעטסלאָזיקייט דערגאַנגען צו אַזאַ מאַדרייגע, וועלכע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. 80 פּראָצענט בוי-אַרבעטער גייען אַרום ליידיק. דער הונגער איז זייער גרויס און ברעכט די אַרבעטער-סאָלידאַריטעט און פּראָפעסיאָנעלע דיסציפּלין. ווי אומעטום, איז דאָ דער קלאַסן-קאַמף פון די בוי-אַרבעטער פאַרוויקלט איבער די פאַרמיטלער, וואָס שטייען צווישן די באַלעבאַטים און אַרבעטער.

...כוץ די אויסגערעכנטע פאַריינען זיינען דאָ אַ פאַריין פון טראַמוואַי-אַרבעטער און לערער-פאַריין. ביידע האָבן גאָרניט ניט געוויזן, דעריבער מוזן מיר דערווייל מיקויעך זיין שווייגן. ווייטער איז דאָ פאַראַן אַ פּריקאַזטשיקעס-געזעלשאַפט, וועלכע שטייט ניט אַפן קלאַסן-שטאַנדפּונקט (דאָרטן זיינען מער באַלעבאַטים, איידער אַרבעטער), און וועגן איר ווייסן מיר נאָר, אַז זי טוט גאָרניט און האָט אַ קאַפּיטאַל פון 13 טויזנט רובל.

קימאַט אַלע אויסערפּאַרטייאישע פאַריינען (כוץ די, וואו די פאַרוואַלטונגען האָבן איסקראָווסקע מערהייטן) האָבן איין צענטראַל-ביוראָ, די בונדאָווסקע האָבן אויך אַ צענטראַל-ביוראָ...

227. די בונדישע פּראָפ. פאַריינען און דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס.

(צירקולאַר פון דער פּראָפ. קאָמיסיע באַם צ. ק. פון בונד „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 405. 1907)

ווי ס'איז באַוואוסט, קומט פאַר אין קומענדן מאָנאַט אין שטוטגאַרט (דייטשלאַנד) דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס. לויט דעם סטאַטוט פון די אינטערנ. קאָנגר. האָבן רעכט אָנטייל צו נעמען אין זיי ניט נאָר פּאָליטישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויך אַזוינע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַרנעמען זיך ניט אומיטלבאַר מיט פּאָליטיק. עס איז נאָר נויטיק, אַז דיזאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זאָלן „שטיין אַפן באָדן פון קלאַסן-קאַמף און זאָלן אנערקענען די נויטיקייט פון פּאָליטישער טעטיקייט, פּאָלגלעך, געזעצגעבערישן און פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף“.

אונזערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן אַלזאָ רעכט צו שיקן זייערע זעלבשטענדיקע פאַרטרעטער אַף דעם בעפאָרשטייענדן שטוטגאַרטער קאָנגרעס.

ס'איז איבעריק צו ריידן וועגן דעם, ווי נויטיק ס'איז, אַז יעדע פּראָלעטאַרישע קלאַסן-אָרגאַניזאַציע זאָל זיך דירעקט פאַרבינדן מיטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג פאַר די פּראָפ. פאַריינען, ווייל ער האָט צו באַטראַכטן אַ פראַגע, וועלכע רירט ספּעציעל אָן די פּראָפ. פאַריינען, דאָס איז די פראַגע: „די באַציאונג צווישן די פּאָליטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען“.

מיר לייגן פאָר אונזערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פאַרנעמען זיך מיטן אָרגאַניזירן אַ זעלבשטענדיקע פאַרטרעטונג אַפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז ניט יעדער פּראָפ. פאַריין איז ניט אפילע אַלע פאַריינען צוזאַמען וועלן זיין אימשטאַנד צו דעלעגירן אַ באַזונדערן פאָרשטייער, ס'וועלן אויספעלן דערצו סאַי מאַטעריעלע מיטלען, סאַי פּאַסנדע מענטשן. מיר מיינען, אַז אַזאַ אויפגאַבע וועלן זיין בעקיועך צו ערפילן נאָר די גרעסערע און שטאַרקערע פאַריינען. די פּראָפ. פאַריינען פון אַזוינע שטעט, ווי ווילנע, וואַרשע, לאָדז, אָדעס און ד. ג., וואו די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג שטייט אַף אַ מער אָדער ווייניקער שטאַרקערן באָדן, קענען שיקן אלע צוזאַמען פון יעדער אָרט צו איין דעלעגאַט. די וואַלן פון דעם דעלעגאַט קענען פאָרקומען, אפּהענגיק פון די פּאָליציייאישע באַדינגונגען, ניט קיין דירעקטע. די קאַסן דאַרפן ווערן פאַנאַנדערגעלייגט אַף אַלע פאַריינען, וועלכע נעמען אָן אָנטייל אין די וואַלן, לויט אַ געוויסע פּראָפּאָרציע, וועלכע דאַרף זיין איינגעשטעלט אַף די ערטער...

יול 1907.

228. דער אוסטאוו פון צענטראַלן בערשטער־פאַרבאַנד.

(פאַרגעלייגט פון דער ארגאַניזאַציאָנס־קאָמיסיע און שפּעטער באַשטעטיקט דורכן פאַרבאַנד־צוזאמענפאָר אין אקטיאבר 1906. „פאָלקסצייטונג", נומ. 120—121 פון 26 און 27 יול 1906).

דער „צענטראַלער בערשטער־פאַרבאַנד" פאַרייניקט און רעגולירט די טעטיקייט פון די אָרטיקע פּראָפעסיאָנעלע „בערשטער־פאַריינען", וועלכע זיינען געבויט אף די פאָלגנדע יעסוידעס:

I. די אויפגאבן פון פּראָפעסיאָנעלן בערשטער־פאַרבאַנד.

§ 1. דער פּראָפעסיאָנעלער „בערשטער־פאַריין" שטעלט זיך אַלס זיין אויפגאַבע: פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון זיינע מיטגלידער, באַשיצן זייערע רעכט און אויפהויבן זייער קולטורעלן און גייסטיקן צושטאַנד.

§ 2. דידאָזיקע אויפגאַבן ערפילט דער פּראָפעסיאָנעלער בערשטער־פאַריין דורך די פאָלגנדע מיטלען: א) ער קומט אַריין אין פאַרהאנדלונגען מיט די באַלעבאַטים וועגן די אַרבעטס־באַדינגונגען, ארגאַניזירט שטרייקן, באָיקאָט, קלייבט צונויף און גיט אַרויס יעדיעס וועגן דעם צושטאַנד פון דעם אַרבעטס־מאַרק אין דער פּראָפעסיע, גיט רייזע־געלט די אַרבעטסלאָזיקע מיטגלידער אף אריבערצופאָרן אין אן אנדער שטאָט, וואו מע קען קריגן ארבעט א. אז. וו. ב) ער שיצט זיינע מיטגלידער מיט יורידישע הילף. ג) ער אָרגאַניזירט ביבליאָטעקן, לעזונגען, לעקציעס, רעפעראַטן און ווענדט אָן אנדערע מיטלען צו באַפרידיקן די קולטורעלע באַדערפעענישן פון זיינע מיטגלידער.

§ 3. דער פּראָפעסיאָנעלער „בערשטער־פאַרבאַנד" פירט זיין טעטיקייט איינשטימיק מיט די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף און אונטער דער אנפירונג פון „בונד".

II. די מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

§ 1. פאַר אַ מיטגליד אין פּראָפעסיאָנעלן בערשטער־פאַריין קען אויפגענומען ווערן יעדער בערשטער אָדער בערשטערקע ניט יינגער פון 16 יאָר, וועלכע אנערקענען דעם קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, די אנפירונג פון „בונד", און זיינען גרייט זיך אונטערצואוואַרפן דער ארגאַניזאַציאָנס־דיסציפּלין פון פאַריין.

§ 2. נייע מיטגלידער נעמט אויף די ביוראָ פון פאַריין לויט דער רעקאָמענדאַציע פון 3 פאַריינס־מיטגלידער.

§ 3. באַם אריינטרעטן אין פאַריין טראָגט יעדער מיטגליד אריין אין פאַריינס־קאַסע 50 קאָפּ. איינטריט־געלט.

§ 4. יעדער מיטגליד איז מעכויעוו צו צאָלן אין פאַריינס־קאַסע 25 קאָפּ. מאנאטלעך; פרויען צאָלן אַ העלפט.

§ 5. די אלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער האָט דאָס רעכט מיט אן איינשטימיקער מערהייט פון שטימען אויסצושליסן פון פאַריין אף אַ באַשטימטע צייט אָדער אף אלע מאָל יעדן פאַריינס־מיטגליד.

§ 6. יעדער מיטגליד, וועלכער צאָלט ניט אין פאַריינס-קאַסע אין פאַרלויף פון דריי מאנאטן, הערט זיך אויף צו רעכענען פאַר אַ מיטגליד און פאַרליורט אַלע זיינע רעכט, אלס אַ מיטגליד פון פראָפעסיאנעלן בערשטער-פאַריין. אויב ער וויל ווידער אריינטרעטן אין פאריין, דארף ער ווידער איינצאָלן איינטריט-געלט.

§ 7. אַ מיטגליד פון פאַריין, אריבערפארנדיק אין אן אנדער שטאָט, וואו עס עקזיסטירט אויך אַ פראָפעסיאנעלער בערשטער-פאַריין, וועלכער גייט אריין אין צענטראַלן בערשטער-פארבאנד, האָט דאָס רעכט אריינצוטרעטן פאר אַ מיטגליד אין דעם פראָפעסיאנעלן בערשטער-פאַריין פון זיין נייעם וואוינונגס-אָרט, ניט צאלנדיק קיין נייע איינטריט-געלט.

III. די ביוראָ פון פראפעסיאנעלן בערשטער-פאריין.

§ 1. יעדע 3 כאַראָשים קלייבט אויס די אלגעמיינע מיטגלידער-פארזאמלונג אַ ביוראָ, וועלכע דארף באַשטיין ניט ווייניקער, ווי פון 3 מיטגלידער: פון אַ פארזיצנדן, אַ קאסיר און אַ סעקרעטאר.

§ 2. אף די זיצונגען פון ביוראָ נעמט אויך אן אנטייל מיט שטים-רעכט אַ פארטרעטער פון דער ארטיקער ארגאַניז. „בונד".

§ 3. די ביוראָ פארוואלטעט די קאסע פון דעם ארטיקן פראָפעסיאָנעלן בערשטער-פאַריין.

§ 4. די ביורא טראָגט זיך אויף מיט דעם צענטראלן ביוראָ פון בערשטער-פארבאנד, גיט אים יעדיעס וועגן דער צאָל מיטגלידער, וועגן די ארבעטס-באדינגונגען אין דעם פאַך, וועגן דער צאָל אַרבעטסלאָזיקע, וועגן דער טעטיקייט פון פאַריין, און ענטפערט אף אלע אנפראגן פון צענטראל-ביוראָ.

§ 5. די ביוראָ פירט אן די ארטיקע שטרייקן, רופט צונויף אלגעמיינע פארזאמלונגען, ארגאַניזירט לעזונגען, ביבליאטעקן, און פירט אָן די גאַנצע טעטיקייט פון פאריין לויט די סטאַטוטן פון פאַריין און לויט די באשטימונגען פון די אלגעמיינע צוזאמענפאָרן און פון די אָרטיקע אלגעמיינע פארזאמלונגען.

§ 6. די ארטיקע ביוראָ קען פראקלאמירן א שטרייק פון די ארטיקע בערשטער, נאָר מיט דער צושטימונג פון דער אלגעמיינער מיטגלידער-פארזאַמלונג און פון דער צענטראל-ביוראָ.

§ 7. די ביורא האָט דאָס רעכט אויסצושליסן מיטגלידער, דערביי קען דער אויסגעשלאסענער מיטגליד אפעלירן צו דער אלגעמיינער פארזאמלונג, וועלכע באשטימט די פראַגע מיט אן איינפאַכער מערהייט. ביז דער אלגעמיינער פארזאמלונג רעכנט זיך דער מיטגליד פאר אויסגעשלאָסן.

IV. צוזאמענפאָרן.

§ 1. דער צוזאמענפאָר איז די העכסטע איינריכטונג פין צענטראלן בערשטער-פארבאנד און זיינע באשטימונגען זיינען אָבליגאטאריש פאר אלע פראָפעסיאנעלע פאריינען, וועלכע טרעטן אריין אין צענטראלן בערשטער-פארבאנד.

§ 2. די צוזאמענפאָרן פון פארבאנד קומען פאָר אלע האלב יאָר.

3 §. די צענטראל-ביוראָ קען צוזאמענרופן אויך עקסטרע-צוזאמענפאָרן, קעדיי צו באשטימען אזעלכע פראגן, וועלכע קענען ניט אפגעלייגט ווערן ביזן צוזאמענפאָר.

4 §. די פּראָפעסיאנעלע בערשטער-פאריינען שיקן אפן צוזאמענפאָר דעלעגאטן לויט דעם כעשבן 1 דעלעגאט אף יעדערע 150 פאריינס-מיטגלידער, דערביי אבער קען קיין פּראָפעסיאנעלער פאריין ניט שיקן מער פון 3 דעלעגאטן. אַ פּראָפעסיאנעלער פאריין מיט ווייניקער פון 150 מיטגלידער (אָבער ניט ווייניקער פון 25) שיקט איין דעלעגאט. אַ פּראָפעסיאָנעלער בערשטער-פאריין, וואָס האָט ווייניקער ווי 25 מיטגלידער, קען ניט שיקן זעלבשטענדיק קיין דעלעגאט, נאָר ער קען זיך צום דאזיקן צוועק פאריייניקן מיט נאָך אַ פּראָפעסיאנעלן בערשטער-פאריין.

5 §. שטים-רעכט אפן צוזאמענפאָר האָבן אויך די מיטגלידער פון צענטראל-ביורא און די פארטרעטער פון צענטראלן קאמיטעט פון „בונד".

6 §. די צענטראל-ביורא האָט דאָס רעכט איינצולאדן געסט אפן צוזאָמענפאר מיט בּאראטונגס-שטימען.

V. די צענטראל-ביורא.

1 §. יעדער צוזאמענפאר קלייבט אויס איין צענטראל-ביורא, וועלכע דארף באשטיין ניט ווייניקער ווי פון 3 מיטגלידער: פון אַ פּאָרזיצנדן, קאסיר און סעקרעטאר.

2 §. אף די זיצונגען פון צענטראל-ביורא נעמט אויך אן אנטייל מיט שטים-רעכט אַ פארטרעטער פון „בונד".

3 §. די צענטראל-ביורא פארוואלטעט די קאסע פון בערשטער-פארבאנד.

4 §. די צענטראל-ביורא טראגט זיך אויף מיט די ארטיקע ביוראס, קלייבט צונויף און פובליקירט יעדיעס וועגן דעם צושטאנד פון דעם בערשטער-פאך, וועגן די ארבעטס-באדינגונגען, וועגן דער גאנצער טעטיקייט פון פארבאנד, און ענטפערט אף די אנפראגן פון די ארטיקע ביוראס.

5 §. די צענטראל-ביורא ארגאניזירט טיילווייזע, אזוי אויך אלגעמיינע שטרייקן פון די בערשטער, ארגאניזירט רעפעראטן, גרינדעט פארשיידענע קולטורעלע איינריכטונגען און פירט אן די גאנצע טעטיקייט פון פארבאנד לויט די סטאטוטן פון פארבאנד און די באשטימונגען פון די אלגעמיינע צוזאמענפארן.

6 §. די צענטראל-ביורא קומט אריין אין פארבינדונגען מיט אנדערע פראפעסיאנעלע פאריינען.

VI. די געלט-מיטלען.

1 §. פון זיינע אלע הַאכנאסעס, אויסער די האכנאסעס, וואס זיינען באשטימט אף ספעציעלע צוועקן, שיקט יעדער פראפעסיאנעלער בערשטער-פאריין אין צענטראל-קאסע 80%.

§ 2. דאס געבליבענע געלט צעטיילט דער פראפעסיאנעלער פאריין אזוי: 50% אף קולטורעלע אויסגאבן, 25% אף די הויצאעס פון ארטיקן ביורא און 25% אף רייזע-געלט פאר ארבעטסלאזיקע מיטגלידער.

§ 3. דאס געלט פון צענטראל-ביורא ווערט צעטיילט אפן פאלגנדן אויפן: 55% אף שטרייקן, 30% אף די הויצאעס פון דער צענטראל-ביורא און 15% אף קולטורעלע אויסגאבן.

§ 4. פון צענטראלן שטרייק-פאנד קען יעדער פראפעסיאנעלער בערשטער-פאריין באקומען שטיצע אין דער צייט פון שטרייק, נאר אין דעם פאל, ווען דער שטרייק איז פראקלאמירט געווארן מיט דער צושטימונג פון צענטראל-ביורא.

XXX. ארום סטאָליפּינס געזעץ פון 15 נאָיאַבר 1906.

229. די געמישטע קאָמיסיעס.

(„וועגן די געמישטע קאָמיסיעס". „פּאָלקסצייטונג", נומער 297, 1907)

די געמישטע קאָמיסיעס צו רעגולירן דעם ארבעטס-טאָג הויבן אָן זייער אַרבעט. אין איינִיקע ערטער זיינען זיי שוין אויסגעקליבן און זיי ארבעטן שוין א פּאָר וואָכן, אין אַנדערע ערטער דאַרפן זיי נאָך ערשט אויסגעקליבן ווערן. עס שטעלט זיך די פראַגע, וואָס וועלן מיר טאָן אין די קאָמיסיעס? וואָס פאַר א טאַקטיק דאַרף מען זיך דאָרטן האַלטן?

ווי מיר זעען פון פּריוואַטע בריוו און אויך פון איינִיקע קאָרעספּאָנדענציעס, האָט מען אין אנדערע שטעט פאַרשטאַנען דעם איניין צו איינפאַך. מע האָט אנגענומען, אז די איינציקע אויפגאַבע פון אונזערע דעלעגאַטן אין די געמישטע קאָמיסיעס איז צו דעמאָנסטרירן אונזער מינימום-פּראָגראַם: קומען און אַרויסשטעלן אונזער צעטל פאָדערונגען: אַן אכטשאָעדיקן ארבעטס-טאָג, מינימאַל-לוין, פאַרשיידענע פאַרזיכערונגען און ד. גל., האַלטן דערביי א הייסע רעדע און... ווען די קאָמיסיע וועט אונזערע פאָדערונגען ניט אָננעמען — אַרויסגיין מיט אַ פּראָטעסט פון זאַל, און א סוף און עק פון דער קאָמיסיע.

מיר האַלטן אזאַ טאַקטיק פאַר דורכויס פאַלש, דורכויס ניט צוועקמעסיק. די קאָמיסיעס זיינען באַשאַפן געוואָרן אויסצואַרבעטן טאַקאָנעס וועגן דער ארבעטס-צייט, וועגן יאָנטעוו-רו, וועגן שולן פאַר מינדעריאָריקע ארבעטער. די טאַקאָנעס, וואָס די קאָמיסיעס וועלן אויסאַרבעטן, וועלן דערנאָך אַריבערגיין אין די שטאָט-דומעס, און ווען די דומע וועט זיי באַשטעטיקן, וועלן זיי ווערן אָבליגאַטאָריש, א כויוו פאַר יעדן. אין דער קאָמיסיע גייען אריין צו אַ גלייכער צאָל דעלעגאַטן פון די ארבעטער אָדער פריקאַזטשיקעס, פון די באַלעבאַטים און פון דער שטאָט-דומע. אָבער ווען די אָדער יענע דעלעגאַטן גייען ארויס, הערט די קאָמיסיע דורך דעם ניט אויף צום עקזיסטירן: זי בלייבט אַ קאָמיסיע ווי געווען, און האָט דאָס רעכט אויסצואַרבעטן טאַקאָנעס, וועלכע ווערן נאָכהער צוגעשטעלט דער שטאָט-דומע צו באַשטעטיקן. אויב אונזערע דעלעגאַטן וועלן זיך האַלטן א טאַקטיק פון אולטימאַטומס, אויב זיי

וועלן דעמאָנסטרירן אונזער מינימום-פּראָגראַם און אוועקגיין, וועלן אין דער קאָמיסיע בלייבן נאָר די באַלעבאַטים און די דעלעגאַטן פון דער שטאָט-דומע, דאָס הייסט דורכויס פאָרשטייער פון קאַפּיטאַל. און זיי, די פאָרשטייער פונם קאַפּיטאַל אַליין, וועלן אויסאַרבעטן טאַקסאַנעס וועגן די אַרבעטס-צייט און ד. גל. לוינט עס פאַר אונז? געוויס ניט. מיר מוזן אַנטייל נעמען אין אויסאַרבעטן דידאָזיקע טאַקסאַנעס. אין דער דומע מוזן צוגעשטעלט ווערן ניט די פאָדערונגען פון קאַפּיטאַל אַליין; זי מוז האָבן פאַר אירע אויגן אויך די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

אויב די דומע וועט באַשטעטיקן אַזעלכע טאַקסאַנעס, וועלכע מאַכן דעם אַרבעטס-טאָג לענגער ווי ער איז איצטער, וועט עס אונז אָפּרוקן אייניקע טריט צוריק פון די פּאָזיציעס, וועלכע מיר האָבן שוין פאַרנומען. עמעס, מיר וועלן סאָפּקאָלס ניט אונטערטאַן ווערן, און די טאַקסאַנעס וועלן בלייבן נאָר אויפן פּאַפּיר; עס וועט אונז אָבער אויסקומען איבעראַנייס צו פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר די פאָדערונגען, וועלכע מיר האָבן זיך שוין איין מאָל דערשלאָגן, און דאָס וועט אונז קאָסטן אַסאַך מי און ענערגיע. מיר מוזן זען, אַז די אָבליגאַטאָרישע טאַקסאַנעס זאָלן אונז פאַרפעסטיקן אויף אונזערע פּאָזיציעס, אַז זיי זאָלן מאַכן פאַר אַ געזעץ די האַנאָכעס, וועלכע מיר האָבן זיך אין לאַנגן קאַמף דערשלאָגן. און אַ וואו עס איז מעגלעך, מוזן מיר אין די קאָמיסיעס אויך אַרויסשטעלן אַזעלכע פאָדערונגען, וועלכע מיר האָבן נאָך ביז אַהער ניט געוואונען. מיר האָפן ניט, אַז מיר וועלן איבערצייגן אונזערע באַלעבאַטים, אַז מיר וועלן זיי דערווייזן די גערעכטיקייט פון אונזערע פאָדערונגען. בײַ אונז און בײַ זיי זיינען צוויי באַזונדערע גערעכטיקייטן: יעדער צד האַלט פאַר ריכטיק און גערעכטיק דאָס, וואָס זיינע קלאַסן-אינטערעסן זאָגן אים אונטער. עלאָ ווידען קלערן מיר דורכפירן אונזערע פאָדערונגען אין די געמישטע קאָמיסיעס? קיין מערהייט פון שטימען וועלן מיר דאָך דאָרטן ניט האָבן: אונזערע דעלעגאַטן זיינען 5, און די פאָרשטייער פונם קאַפּיטאַל 10?

מיר האָפן ניט אויף די קראַפט פון לאָגיק, נאָר אויף די לאָגיק פון קראַפט. די פאָרשטייער פון קאַפּיטאַל דאַרפן וויסן, אַז אויב זיי וועלן אונזערע פאָדערונגען ניט נאָכגעבן, וועלן זיי האָבן צו טאָן ניט מיט אַ הייפל דעלעגאַטן, נאָר מיט די גאַנצע אַרבעטער-מאַסע פון שטאָט; זיי דאַרפן וויסן, אַז אויב אונזערע פאָדערונגען וועלן ניט באַפרידיקט ווערן אויפן פרידלעכן וועג, וועלן מיר זיי נעמען אין קאַמף, אַז די אַרבעטער-מאַסע איז פאַרטיק צו שטרייקן פאַר דידאָזיקע פאָדערונגען. דאָס וועט מאַכן די פאָרשטייער פונם קאַפּיטאַל ווייכער, און זיי וועלן זיך לאָזן ריידן. און ווען די דעלעגאַטן פונם קאַפּיטאַל וועלן אַפילע אין קאָמיסיע בלייבן בײַ דאָס זייעריקע, און אין שטאָט-דומע וועלן צוגעשטעלט ווערן צוויי מיינונגען: די מיינונג פון די אַרבעטער און די מיינונג פון די באַלעבאַטים, קאָן זיין, אַז די דומע וועט ניט זיין אַזוי קורצזיכטיק ווי די דעלעגאַטן פון קאַפּיטאַל אין קאָמיסיע, און, אויס מוירע פאַר אַ גאַנצע ריי שטרייקן, וועט זי באַשטעטיקן אונזערע פאָדערונגען, ניט די פאָדערונגען פון די באַלעבאַטים.

נאָר זאָל זיין אפילע, אז די דומע וועט אויך זיין טויב צו אונזערע פאָ־דערונגען, אז זי וועט באשטעטיקן די טאקאָנעס, וועלכע די מערהייט פון דער קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט, און אונז וועט אויסקומען אָנצוהויבן א קאמף. אויך אין דעם פאל וועט די ארבעט פון אונזערע דעלעגאטן אין די קאָמיסיעס ניט גיין פארפאלן. די פּראָיעקטן, וועלכע אונזערע דעלעגאטן וועלן ארייננ־טראָגן אין קאָמיסיע, וועלן אפריער אויסגעארבעט ווערן אף מאַסן־פארזאמ־לונגען, אף אזא אופן וועלן די פּאָדערונגען פון אונזערע דעלעגאטן זיין די פּאָדערונגען פון דער גאנצער ארבעטער־מאַסע אין שטאָט. א באריכט וועגן דער ארבעט פון דער קאָמיסיע, וועגן די קאָנפליקטן, וואָס וועלן דאָרטן פארקומען, וועלן אונזערע דעלעגאטן ווידער אָפּגעבן אף מאסן־פארזאמלונגען. די מאַסע וועט ארויסטראָגן רעזאָלוציעס, פּראָטעסטן. און דאָס אלץ וועט מאַכן פּאָפּולער אונזערע פּאָדערונגען אין דער מאַסע; דאָס וועט צוגרייטן די מאַסע צום שטרייק. אף אזאַ אופן וועט די ארבעט פון אונזערע דעלעגאַטן אין קאָ־מיסיע פאַרזיכערן אונז דעם זיג אויך אין דעם פאַל, ווען אין קאָמיסיע וועלן אונזערע פּאָדערונגען ניט אָנגענומען ווערן. פון דעם אליין קומט שוין ארויס, אז מיר איילן זיך ניט צו שטעלן קיין אולטימאַטומס. מיר דאַרפן זיך ניט אָפּהאַלטן צו דעמאָנסטרירן אונזער מינימום־פּראָגראַם, מיר דאַרפן אָבער ניט ארויס פון קאָמיסיע, ווען זי וועט ניט אָנגענומען ווערן. פאר אן אולטימאַטום שטעלן מיר ארויס נאָר אזעלכע פּאָדערונגען, פאַר וועלכע די ארבעטער־מאַסע קאָן שוין גלייך, אָדער אמווייניקסטן אין דער נאָענטער צוקונפט, שטרייקן. און א מילכאָמע הויבן מיר אָן נאָר דאַן, ווען דער וועג פון שאָלעם ווערט איינגאַנצן פארשלאָסן. וואָס טאַקטישער, וואָס באַקלערטער די מילכאָמע וועט ארויסגערופן ווערן, אלץ פּאַרטיקער וועלן מיר זיין, אלץ זיכערער וועט זיין אונזער זיג.

דאָס הייסט אָבער גאָרניט, אז מיר נעמען אין אלע אויפאַנים אן אָנטייל אין די קאָמיסיעס. עס זיינען דאָ באַדינגונגען, בא וועלכע מיר קאָנען אין די קאָמיסיעס פאַר קיין אופן ניט אריין.

עס איז קלאָר, אז באַ אונז איז וויכטיק ניט אזוי די טעטיקייט פון אונ־זערע דעלעגאַטן אין די קאָמיסיעס גופע, ווי די טעטיקייט פון דער ארבעטער־מאַסע ארום די קאָמיסיעס. נאָך מער, די מיינונג פון אונזערע דעלעגאַטן אין דער קאָמיסיע קאָן האָבן א באַדייטונג נאָר אף אזויפיל, אף וויפל זי וועט אין זיך אָפּשפּיגלען די אָרגאַניזירטע מיינונג פון דער ארבעטער־מאַסע אויסער דער קאָמיסיע. דערום מוזן מיר זיך סטאַרען, אז די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן זאָלן אָנטייל נעמען אין ווילן די דעלעגאַטן. עס קען אָבער זיין, אז די שטאָט־דומעס זאָלן געבן וואַל־רעכט נאָר די הילף־כעווורעס פון די פריקאַזטשי־קעס. און אין די כעווורעס גייט אריין נאָר א קליינער טייל פון די פּריקאַז־טשיקעס, דערפאַר גייען אין זיי אריין אויך א טייל באַלעבאַטים. די שטאָט־דומעס קענען ווידער פּאָדערן, אז ווילען דעלעגאַטן אין די געמישטע קאָמיסיעס פאר באַלמעלאָכעס זאָלן נאָר ארבעטער פון אזעלכע וואַרשטאַטן, וועלכע זיינען

פאַרעגיסטרירט אין שטאָט-דומע. אין אייניקע ערטער וועלן מיר געפינען א מיטל אַרומצוגיין דידאָזיקע פאָדערונג פון דומע.

עס זיינען פאַראַן שטעט, וואו עס איז איצט, אפילע בא היינטיקע באַדינגונגען, אויך מעגלעך צו מאַכן מאַסנפאַרזאַמלונגען. אין יענע שטעט קאָן מען אפריער אָנצייכענען דעלעגאַטן אף גרויסע ניט אָפיציעלע מאַסנפאַרזאַמלונגען, נאָכהער אף דער אָפיציעלער וואל-פאַרזאַמלונג קומען נאָר די, וואָס האָבן רעכט אף דעם, נאָר זיי וויילן אויס דיזעלבע דעלעגאַטן, וועלכע די גרויסע ניט אָפיציעלע פאַרזאַמלונג האָט שוין פריער אָנגעצייכנט. וואו דאָס איז אָבער ניט מעגלעך, וואו די דעלעגאַטן ווערן אויסגעקליבן נאָר פון א הייפעלע אַרבעטער אָדער פון הילף-כעווערס, געמישטע פון ארבעטער און באַלעבאַטים— דאָרטן נעמען מיר אין די קאָמיסיעס קיין אָנטייל ניט, דאָרטן באָיקאָטירן מיר זיי.

צווייטנס, אונזערע דעלעגאַטן שטעלן ניט ארויס קיין שום פאָדערונג, איידער זיי זיינען זיך ניט מעיאַשעוו מיט דער מאַסע. די מיינונג פון די דעלעגאַטן מוז זיין די אָרגאַניזירטע מיינונג פון דער מאַסע. כוץ דעם מוז מען האָבן אין זינען נאָך א זאַך: אויב ביכלאַל זיינען די טאַקאָנעס איינע און דיזעלבע פאַר דער גאנצער שטאָט, געפינען זיך דאָך אזעלכע פאַכן, ווי קאַצאָווים, באָד-דינער, קעלנער אין רעסטאָראַנען און אנדערע, בא וועלכע די אַרבעטס-באַדינגונגען זיינען אויסשליסלעכע און זייער צייט פון ארבעט און רו קאָן ניט רעגולירט ווערן דורך די אלגעמיינע טאַקאָנעס. די פאַכן זיינען דאָסראָוו אָפגעשטאַנענע, זייער שוואַך אָרגאַניזירט, דערום איז אומבאַדינגט נויטיק צו מאַכן אין יעדן פון אזעלכע פאַכן א גאַנצע ריי פאַרזאַמלונגען, קעדיי די ארבעטער פון יעדן אויסשליסלעכן פאַך זאָלן זיך קענען ארויסזאָגן וועגן זייערע ספּעציעלע ארבעטס-באַדינגונגען און די באזונדערע פאָדערונגען, וועלכע קומען פון זיי ארויס. ווי געזאָגט, מוזן פאָרקומען מאסן-פאַרזאַמלונגען אף אָפּצוגעבן באַריכטן וועגן דער ארבעט פון דער קאָמיסיע. וואו עס איז אומעגלעך צו מאַכן וועלכע ניט איז פאַרזאַמלונגען אף וועלכן ניט איז אויפן, דאָרטן וועלן אונזערע דעלעגאַטן זיין אָפגעריסן פון דער ארבעטער-מאַסע, דאָרטן האָט די ארבעט אין דער קאָמיסיע קיין שום באַדייטונג ניט, און די ארבעטער-דעלעגאַטן מוזן פון איר ארויס.

מיר פאָדערן, די זיצונגען פון דער קאָמיסיע זאָלן פאָרקומען עפנטלעך, און אויב דאָס איז אומעגלעך—זאָל מען צום ווייניקסטנס אף די זיצונגען צולאָזן פאָרשטייער פון דער פרעסע. קיין אולטימאַטום קאָן אָבער דידאָזיקע פאָדערונג ניט זיין: מיר האָבן אליין די מעגלעכקייטן צו פאַרעפנטלעכן אלץ, וואָס אף די זיצונגען פון דער קאָמיסיע וועט פאָרקומען.

מיר האָבן נאָר איין אולטימאַטיווע פאָדערונג: אונזערע דעלעגאַטן זאָלן זיין אויסגעוויילט פון דער ברייטער מאַסע און זאָלן אין זייער טעטיקייט זיין צונויפגעבונדן מיט דער ברייטער מאַסע. אונזערע דעלגאטן מוזן שטיין פעסט אף זייער באָדן, און זייער באָדן איז די ברייטע ארבעטער-מאסע.

נאָך איין פאַל איז פאַראַנען, ווען מיר מוזן פון קאָמיסיע ארויס — ווען די

פאָרשטייער פון קאַפּיטאַל פירן דורך אזעלכע טאַקטיקעס, וועלכע מאַכן די לאַגע ערגער, ווי זי איז איצטער. טוען דאָס די באַלעבאַטים, ערקלערן זיי אונז אַ מילכאָמע, קיינע פאַרהאנדלונגען קאָנען מער ניט פאָרקומען, און אונזערע דעלעגאַטן פארלאָזן די קאָמיסיע.

230. די דווינסקער אָרגאַניזאַציעס פון ר. ס. ד. א. פ. און בונד וועגן די געמישטע קאָמיסיעס.

(קאָרעספּאָנדענץ „פאָלקס-צייטונג״, נומ. 276 פון 4-טן פעווראַל 1907)

די טעג איז באַ אונז געווען אַ באַראַטונג פון די קאָלעקטיוון פון „בונד״ און דער „פּאַרטיי״ וועגן דער פראַגע ווי צו האַלטן זיך בענויגייע צו די געמישטע קאָמיסיעס. ס׳איז אָנגענומען פאָלגנדע רעזאָלוציע: 1) „מיר גייען אין די געמישטע קאָמיסיעס נ אָ ר צוליב אַגיטאַציע-צוועקן״ (מיט 18 שטימען). די פארלאגע פון 8 כאַוויירים צו פאַרבייטן דעם וואָרט „נאָר״ אָף „הויפּט-זאַכלעך״ האָט מען פאַרוואָרפן. דער הויפּט-מאָטיוו איז געווען דער, אַז דורך די געמישטע קאָמיסיעס קען מען גאָר ניט באַקומען און דעריבער דאַרפן מיר נאָר פּראָקלאַמירן אונזערע פאָדערונגען בענויגייע צו די פראַגן פון אונזער פּראָגראַם-מינימום, וועלכע וועלן דאָרט באַטראַכט ווערן, און אַן אָנטייל נעמען אין די דעבאַטן אום צו קריטיקירן די פארלאגעס פון די באַלעבאַטים. קאָנקרעטע פאָדערונגען, אַף וועלכע די באַלעבאַטים קענען צוליב פאַרשיידענע טאַימים נאָכגעבן, זאָל מען ניט אַרויסשטעלן. די מינדערהייט געפינט, אַז צוזאַמען מיט דעם פּראָקלאַמירן אונזערע פאָדערונגען פון אונזער פּראָגראַם-מינימום שטעלן מיר אַרויס אַ פּראָיעקט פון אונזערע פאָדערונגען, וועלכע מיר פאָדערן ש ו י ן צו פאַרווירקלעכן און בילדן פון זיי אַ שטיצע-פונקט אין דעם ווייטערדיקן קאַמף פאַר אַן 8-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג און די איבעריקע פאָדערונגען פון אונזער פּראָגראַם-מינימום.

2) אין פאַל, ווען אַף די פאַרזאַמלונגען וועט מען אונז ניט לאָזן ריידן אַף אידיש און מיט דעם שטעלן אַ צוים אונזער אַגיטאַציע, פּראָטעסטירן מיר און פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג, ווען אונז וועט געלינגען איבערצוציען אַף אונזער זייט דעם באַדייטנד טייל פון דער פאַרזאַמלונג (אָנגענומען פון אַלע מיטגלידער). 3) אונזערע דעלעגאַטן מוזן פאָלגן די דירעקטיוון פון די פאַרזאַמלונגען, וועלכע וועלן אויסקלייבן די דעלעגאַטן...

פ ו ן ד ע ר ר ע ד אַ ק צ י ע פ ו ן „פ אָ ל ק ס צ ײ ט ו נ ג״: די מערהייט פון די דווינסקער קאָלעקטיוון וואָלט נאָר דאַן געווען גערעכט, ווען מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן באַשטימט, אַז די קאָמיסיעס וועלן בעשום אויפן ניט געבן קיין שום האַנאָכע פאַר די אַרבעטער און פריקאַזטשיקעס, קיין האַנאָכע, וועלכע זאָל האָבן אַ וועלכע ס׳ניט איז ווערט. דאָס איז דאָך אומעגלעך פאָרויסצוזאָגן. מ׳קען אָנעמען, אַז די רעדעס, וועלכע די פאָרשטייער פון די אַרבעטער וועלן האַלטן, די אָרגאַניזירטע מאַכט

פון די פאַריינען, וועלכע וועלן שטיין הינטער די דעלעגאַטן, וועלן צווינגען די קאָמיסיעס, אָדער אַ טייל פון זיי, נאָכצוגעבן די אַרבעטער אין מער אָדער ווייניקער וויכטיקע פאָדערונגען. דערפאַר, שיינט אונז, איז גערעכט די מינדערהייט, וועלכע זאָגט אויך, אַז מע דאַרף הויפּט־זאכלעך גיין צוליב אַגיטאַציאָנס־צוועקן, נאָר מע דאַרף זעען צו דער־שלאָגן זיך צו קאָנקרעטע פאַרבעסערונגען, וויבאַלד דאָס וועט נאָר זיין מעגלעך.

231. וואַלן פון די ארבעטער־דעלעגאַטן אין דער ווילנער גע־מישטער קאָמיסיע.

(קאָרעספּאָנדענץ „פאָלקס־צייטונג", נומ. 285 פון 14־טן פעוראַל 1907)

...דער שטאָט־גאָלאָוואַ עפנט די פאַרזאַמלונג, דער סעקרעטאַר לעזט מיט אַ קאַנצעליאַרישער שטים די אינסטרוקציע וועגן די וואַלן, די פאַרזאַמלונג איז געזעצלעך, ווייל פון 950 געשעפטן זיינען געקומען מער ווי 250 דעלעגאַטן, ד. ה. מער ווי אַ פערטל... מע ווײלט אַ פאָרזיצער, עס איז אויסגעקליבן גאָ־זשאנסקי. דאָ קומט פאַר דער אינטערעסאַנטער מאָמענט פון דער גאַנצער פאַר־זאַמלונג. גאָזשאנסקי לייגט פאַר קלאָר זיך מאַכן פריער דעם איניען, אָנצייכע־נען די דעלעגאַטן, אויסהערן זייער פּלאַטפאָרם און, פאַרשטענדלעך, אין דער אידישער שפּראַך. נאָר דער גאָלאָוואַ וויל גאָר ניט הערן פון דעם. ער האַלט פאַר איבעריק איינגאַנצן צו ריידן און נאָך מער אַף אידיש. דער פאָרזיצנדער פּראָטעסטירט, די פאַרזאַמלונג האַלט אונטער איינשטימיק דעם פּראָטעסט. עס פאַרפירט זיך אַ דיאלאג צווישן דעם גאָלאָווא און איינעם פון דעם אוילאָם מיטן נאָמען סעגאַל:

סעגאַל: אַף וועלכן פונקט פון געזעץ פון 15־טן נאָיאַבר איז זיך סוי־מעך דער גאָלאָווא?

דער גאָלאָווא: מיר האָבן דאַן אַלע איין ציל... מיר ווילן וואָס גיכער אויסקלייבן די דעלעגאַטן. וואָס וועלן מיר אומזיסט פאַרנעמען צייט!... שיטן פראַזן וועגן פּאָליטיק... די אַדמיניסטראַציע ערלויבט ניט... לאָמיר בעסער אַרבעטן.

סעגאַל: אַרומריידן דעם געזעץ הייסט ניט פראַזן זאָגן, קלאָר מאַכן זיך די פיזיאָנאָמיע פון די דעלעגאַטן ערלויבט אַפילע דער געזעץ וועגן דער דו־מע. אַף וועלכן געזעץ איז זיך דאָך סוימעך דער גאָלאָווא?

גאָל.: באַ די וואַלן אין דומע פלעגט מען אויך ניט דערלויבן האַלטן רעדעס, צוליב דעם זיינען געווען פאָרוואַל־פאַרזאַמלונגען. וואָרום האָט איר זיך צו מיר ניט געווענדעט? איך וואָלט אייך דאַן געבן דעם זאַל פאַר אַ פאָר־וואַל־פאַרזאַמלונג.

סעג.: דאַן וועט עפשער דער גאָלאָווא ערלויבן אָפּלייגן די וואַלן אַף אַ שאָ און דאָ אין זאַל מאַכן גלייך אַ פאָרוואַל־פאַרזאַמלונג?

גאָזשאנסקי: פאַרשטייט זיך, אין דער אידישער שפּראַך?

דער פּריסטאַוו: דאָס קען אין קיין פאַל ניט ערלויבט ווערן. עס איז פאַראַן (?) אַן ערקלערונג (?) פון סענאַט, אַז אַף אַלע פאַרזאַמלונגען מוז גערעדט ווערן אַף דער מלוכע-שפּראַך, אויב ניט, וועל איך געצוווּנגען זיין שליסן די פאַר-זאַמלונג, איך מעלדע וועגן דעם דעם גאַלאָווא.

דער גאַלאָוואַ: אויב די פאַרזאַמלונג וויל אין דערעמעסן דעם זאָל אַף אַ שאָ צייט, קען איך דאָס ערלויבן.

גאָזשאנסקי: אין וועלכע שפּראַך ריידן?

דער גאַלאָוואַ: פאַרשטייט זיך, אין דער רוסישער.

דער פאַרזיצנדער פרעגט אָן די פאַרזאַמלונג, צי איז זי אַף דעם מאַסקים, קיין איין האַנט הויבט זיך ניט אויף פאַר דער רוסישער שפּראַך, אַלע שטימען פאַר דעם, אַז בעסער זאָל מען גאָר ניט ריידן. עס הערט זיך אַ שטים, וועלכע שטעלט דעם פּריסטאַוו אַ פראַגע, ווארום פלעגט מען אין ווילנע ערלויבן אַף די פאַרזאַמלונגען ריידן פּויליש? דער גאַלאָווא שטאַמלט עפּעס, דער פּריסטאַוו פאַרלירט די געדולד. ער גייט אַרויף אַף דער בימע... באַלט שטילט ער די פאַרזאַמלונג... דער פאַרזיצנדער טרעט צו צו די וואַלן, לאַנגווייליק ציען זיך די וואַלן. די רעזולטאַטן זיינען פאָרויס קלאָר. עס איז פאַראַן נאָר איין צעטל, אַ געדרוקטער, גייט ער אַרום איבער די הענט פון באַזולמעכטיקע, דאָס איז דער שוין באַקאַנטער צעטל. און עס גייען אַרויף אַף דער בימע איינער נאָכן אַנדערן אַלערליי טיפּן: יונגע און אַלטע, באָכערים און ווייניקע מיידלעך... עס גייען מיטגלידער פון בייטראַלן פאַריין, פון דער אַלט-פרענקישער „געזעלשאַפט”... עס גייען אייניקע באַלעבאַטים מיט פריקאַזטשישע פּאַפּירן... אַלע טראָגן איי-נעם און דעמזעלבן צעטל פון דעם בונדישן פאַריין, אייניקע רופן זיך ניט אָפּ, דאָס זיינען אייניקע פּאָליאַקן.

די וואַלן זיינען געענדיקט, עס הויבט זיך אָן דער צווייטער טייל, מע ציילט די צעטלען, עס זיצן 10 מאַן און אַלע זיינען פאַרנומען, אין זאַל איז שוין דאָ ניט מער ווי 75 מאַן, דער טייל וואַרט אַף די רעזולטאַטן.

די לעצטע פּראָצעדור איז געענדיקט. דער סעקרעטאַר לעזט דעם פּראָטאָ-קאָל, ווי די אופּראַווע האָט פאַנאַנדערגעקלעפּט 120 איינלאַדונגען אין די קענ-טיקע פּונקטן פון שטאָט, ווי די באַפולמעכטיקטע זיינען געקומען, ווי זיי האָבן געקליבן און אויסגעקליבן:

אָפּוואָרישטש—256 שטימען, מארקאָן—256, גאָזשאנסקי—255, ראַבינאָוויטש —256, מיסורסקי—(דער קאָנטאָרשטשיק)—255 שטימען...

232. דער נאַקאַז די אַרבעטער-דעלעגאַטן אין דער ווילנער געמישטער קאָמיסיע.

(אָנגענומען אַף אַ פאַרזאַמלונג פון 1500 אַרבעטער. „פאָלקס צייטונג”, נומ. 304 פון 9-טן מאַרט 1907).

1) די זיצונגען פון דער קאָמיסיע מוזן פאָרקומען עפנטלעך, אַלנפאַלס דאַרפן דערלאָזן ווערן די פאַרשטייער פון דער פּרעסע.

2) קעדיי די אַרבעטער-דעלעגאַטן זאָלן קענען אין דערעמעסן פאָרשטעלן די אינטערעסן פון די אַרבעטער פון אַלע פאַכן, מוז פאַרגרעסערט ווערן די צאָל דעלעגאַטן פון יעדער צאַד (אַרבעטער, באַלעבאַטים, דומע) ביז 15; עס מוזן צוזאַמענגערופן ווערן פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטער פון יעדן פאַך, אין קאָמיסיע מוזן מיט באַראַטונגס-רעכט דערלאָזן ווערן די דעלעגאַטן, וועלכע די פאַרזאַמלונגען וועלן אויסקלייבן, קעדיי פאָרצושטעלן דער קאָמיסיע זייערע פאָדערונגען.

3) דער אַרבעטס-טאָג דאַרף דויערן ניט מער ווי 8 שאָ אין מעסלעס.

4) עס דאַרפן ניט דערלויבט ווערן קיינע איבערשטונדן, אכוץ דעם פאַל פון אַן אלגעמיינעם פאָלקס-אומגליק (סרייפע, געוויסער).

5) יעדע וואָך דאַרפן זיך די אַרבעטער באַנוצן מיט 42 שאָ רו; דערביי דאַרף דער טאָג פון רו באַשטימט ווערן פאַר די אידישע אַרבעטער שאַבעס, פאַר ניט אידישע זונטיק.

6) קעדיי עס זאָל מעגלעך ווערן פאַר די אַרבעטער ביז 17 יאָר צו באַזוכן אַ שולע אין דער צייט פון די 3 שאָ רו, וועלכע דער געזעץ פון 15-טן נאָיאַבר האָט צוליב דעם צוועק איינגעשטעלט, פאָדערן מיר, די שטאָט-דומע זאָל גרינדן שולן, וואו די לימודים זאָל אונטעריכט ווערן אין דער אידישער שפּראַך.

233. די ערשטע זיצונג פון דער געמישטער קאָמיסיע אין מינסק.

(קאָרעספּאָנדענץ, „פאָלקסצייטונג" נומ. 293 פון 25-טן פעוורא 1907)

...אַף דער ערשטער זיצונג פון דער געמישטער קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון 6 פאָרשטייער פון פריקאַזטשיקעס און קאָנטאָרשטשיקעס, 6 פון די באַלעבאַטים און 6 גלאַסנע, האָבן די ערשטע אַריינגעטראָגן אַ פאָרלאַגע, אַז אַף די זיצונגען זאָל צוגעלאָזן ווערן דאָס פובליקום. נאָך אייניקע קוויינקלעניש (טאָמער וועט דאָס ניט דערלאָזן די אַדמיניסטראַציע) — איז די פאָרלאַגע אָנגענומען געוואָרן...

פאַר אַ פאָרזיצנדער איז אויסגעקליבן געוואָרן דער גלאַסנער כאָוואַנסקי און פאַר אַ סעקרעטאַר — א. זאַלקינד, דער פאָרשטייער פון די קאָנטאָרשטשיקעס.

אַזוי ווי צו יענער צייט האָט מען שוין אָנגעהויבן שליסן די קראָמען זונטיק אַף אַ גאַנצן טאָג, און דער גובערנאַטאָר האָט געמעלדעט, אַז קאָלומאַן די דומע וועט ניט אויסאַרבעטן וועגן דעם קיינע טאַקאָנעס לויט דעם געזעץ פון 15-טן נאָיאַבר, וועלן די קראָמען זיין זונטיק צוגעמאַכט אַ גאַנצן טאָג, איז מען דעריבער גלייך צוגעטראָטן צו דער פראַגע וועגן יאָנטעוו-רו.

נאָך אייניקע דעבאַטן איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשטימונג, אַז די קריסטלעכע קראָמען זאָלן זיין פארמאַכט זונטיק און די אידישע שאַבעס. ווען מע האָט אָבער אָנגעהויבן באַטראַכטן די אויסנאַמען, וועלכע מ׳קען מאַכן פאַר געוויסע

קאַטעגאָריעס, איז פאָרגעקומען אַ צעשפּאַלטונג צווישן די פאָרשטייער פון די באַלעבאַטים אין דער קאָמיסיע. די קליינע קרעמער האָבן געוואָלט, מ׳זאָל נאָר פאר זיי מאכן אן אויסנאם, און די אָפּטאָוויקעס האָבן פארלאַנגט, אַז זיי זאָלן אויך קענען עפענען די קראָמען שאַבעס צו נאַכט.

מ׳דאַרף באַמערקן, אז אין מינסק זיינען נאָך ביז איצט קימאט אַלע קראָמען אָפן שאַבעס צו נאכט.

צום סאָף איז מיט אַ מערהייט אָנגענומען געוואָרן, אַז שאַבעס קענען עפענען די קראָמען נאָר די, וואָס האַנדלען ספּעציעל מיט עסנוואַרג, אָבער אָן די פריקאַזטשיקעס; דערביי דאַרף יעדער קרעמער ארויסהעגנען אַן אנשלאג וועגן דער צייט פון עפענען די קראָם אין דעם טאָג.

איבער דעם האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַ רייסעריי צווישן די באַלעבאַטים. זיי האָבן צונויפגערופן פארזאמלונגען, איינגעלאַדן דעם גלאַסנע באכאן, אַ מיטגליד פון דער קאָמיסיע, אַף זייער אַ פארזאמלונג, נאָר צו קיין העסקעם איז מען אַלץ ניט געקומען.

אַף דער ווייטערדיקער זיצונג האָבן די באַלעבאַטים פּאָליאַק און נאטוס געסטאַרעט זיך אויפצוהויבן פון דאָסניי די פראַגע וועגן שאַבעס צו נאַכט, נאָר דאָס האָט זיי ניט געהאָלפן און מע איז אַריבער צו דער פראַגע וועגן דעם אַרבעטס-טאָג פאר די פריקאַזטשיקעס.

נאָך גאַנץ הייסע וויקוכים, אין וועלכע די פאָרשטייער פון די פריקאַזטשיקעס האָבן געפאָדערט צום ווייניקסטן אַ 10-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג (אין דעם 2 שאָ אף מיטאָג), איז די פאָדערונג אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט פון שטימען. ווען מ׳האָט שוין געדאַרפט צוטרעטן צו דער פראגע וועגן די קאַטעגאָריעס קראָמען, וואָס קענען זיין אָפן שטענדיק נאָך דעם באַשטימטן טערמין, האָבן זיך די מאַכלויקעס צווישן די באַלעבאטים אויפגעהויבן פון דאָסניי. צום לעצט האָבן די הערן פּאָליאַק און נאטוס געמעלדעט, אז אזוי ווי די איבעריקע זייערע פאַרטרעטער קענען ניט פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אלע קראָמען, טרעטן זיי אַרויס פון דער קאָמיסיע. פונדעסטוועגן איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אז די קראָמען, וואָס האַנדלען מיט עסנוואַרג א. ד. גל., וועלכע נעמען אַ בילעט ניט מער, ווי פאר 24 רובל יערלעך און האָבן קיין פריקאַזטשיקעס ניט, מעגן זיין אָפן 15 שאָ אין מעסלעס.

...די דומע האָט דערווייל אָנגענומען דעם פּראָיעקט פון דער קאָמיסיע וועגן שאַבעס-און זונטיק-רו און דער גובערנאטאָר איז מערוצע געוואָרן צו לאָזן די אידישע קראָמען עפענען זונטיק. די באַלעבאַטים האָבן זיך אָבער איצט געשטעלט פאר אַ ציל אָפּצוציען די אַרבעט פון דער קאָמיסיע. אַף דער ווייטערדיקער זיצונג פון דער קאָמיסיע זיינען געווען נאָר 2 פאָרשטייער פון די באלעבאטים און די מערהייט פון דער קאָמיסיע האָט געפונען, אז מ׳דאַרף אָפּלייגן די זיצונג, ביז די באלעבאטים וועלן ניט זיין פאָרגעשטעלט אין דער נויטיקער צאָל; דערביי איז באשלאָסן געוואָרן בעטן די אופראַווע, זי זאָל גלייך באשטימען א פארזאמלונג פון די באלעבאטים אף צו קלייבן נייע פאָרשטייער, און אויב צו דעם באַשטימטן טערמין וועלן די באלעבאטים ניט אויסקלייבן

זייערע פארטרעטער און שיקן זיי אין קאָמיסיע — וועט די קאָמיסיע פאָרזעצן איר ארבעט אָן זיי.

איצט האָבן שוין די באלעבאטים אויסגעקליבן א נייע דעלעגאציע, אין וועלכער עס זיינען אריין די פריערדיקע ה. ה. פאָליאק און נאטוס און צו זיי נאָך פיר, שוין „גוטע פארטיידיקער"; בא די באלעבאטים קומען איצט פאָר סעקציאָנע פארזאמלונגען, וועלכע עס רופט צונויף זייער פאריין, וואו מע באטראכט הויפּטזאכלעך, וואָס פאר אן ארבעטס-טאָג זיי קענען דערלאָזן פאר די פריקאזטשיקעס...

234. דער קאַמף פאַר שאַבעס-רו.

(לאנו) — ש. גאָזשאַנסקי: „א נייע גזירע אף איוון", „פאָלקסצייטונג" נומ. 283 און 284 פון 12 און 13 פעווראַל 1907).

אין די לעצטע פאָר וואָכן זיינען די אידן פון טכום אויפגערעגט פון דער נייער גזירע, וועלכע סטאָליפין האָט אַרויפגעוואָרפן, דאָס איז דער געזעץ פון 15-טן נאָיאַבר וועגן „דער נאָרמאַלער רו פון די אָנגעשטעלטע אין די קראָמען און די אַרבעטער אין די האַנט-ווערקערייען".

ווי די ערשטע דומע האָט מען נאָר צעטריבן, האָט שוין סטאָליפין אָנגעהויבן זיין וואל-קאַמפּאַניע. קוידעמקאָל האָט ער געזען צוציען אַף דער זייט פון דער רעגירונג די בורזשואַזיע און דארום האָט ער געשיקט די שטראָף-עקספּעדיציעס און געעפנט די פעלד-געריכטן. ער האָט זיך גענומען באַרואיקן די פויערים און האָט אָנגעהויבן שיטן מיט כסאדים: די הונגעריקע פויערים מיט לידוואַלדס ברויט[92], די זאַטע פויערים מיט דאָס רעכט צו עקספּלאָאַטירן די ערד בא די הונגעריקע, סאַי די זאַטע, סאַי די הונגעריקע, — מיט „גלייכבאַרעכטיקונג" קעגן דעם זעמסקן נאַטשאַלניק א. א. וו. הינטער זיך די בורזשואַזיע און דאָס פויערטום, האָט אים נאָך אויסגעפעלט נאָר דער אַרבעטער-קלאַס, קעדיי מיט רעכט צו טראָגן דעם נאָמען פון א „רעטער" פון רוסלאַנד און ער האָט ארויסגעגעבן דעם געזעץ פון 15-טן נאָיאַבר. ארבעטער אין די האַנטווערקערייען דאַרפן טאָן ניט מער, ווי 12 שאָ אין טאָג — אזוי הייסט דער „נייער" געזעץ. דער געזעץ איז ארויסגעגעבן אין רוסלאַנד שוין קימאַט 120 יאָר. אַלע געדענקען נאָך דעם העפטיקן קאַמף, וועלכן די האַנטווערקער פון גאַנץ רוסלאַנד נאָך דעם מוסטער פון די אידישע אַרבעטער האָבן אין די 90-סטע יאָרן געפירט, אַז דער אלטער געזעץ זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן[93]. אַלעמען איז ווייטער באוואוסט, אַז די ארבעטער האָבן זיך ניט אַוועקגעשטעלט אין זייער קאַמף, ווען זיי האָבן זיך שוין דערשלאָגן אַ 12-שאָעדיקן ארבעטס-טאָג. ארויסשטעלנדיק אף זייער פאָן אַן 8-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג, האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו קעמפן פאַר דאָס ווייטערדיקע פאַרקירצן פון ארבעטס-טאָג, אין די רעוואָלוציאָנערע פאָר יאָר האָט זיך זיי איינגעגעבן אין א גרויסן שעטאך פון רוסלאַנד

איינצופירן דעם 9-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג. איצט קומט סטאָליפּין מיט א כעסעד: דער ארבעטס-טאָג פאַר די האַנטווערקער דארף געדויערן 12 שאָ. דערצו זיינען נאָך ערלויבט איבערשטונדן. מיט דעמזעלביקן געזעץ האָט סטאָליפּין אויך באַגנעדיקט די אָנגעשטעלטע אין די קראָמען, קאָנטאָרן, סקלאַדן, דאַן ווען זיי האָבן זיך שוין לאַנג דערצו דערשלאָגן און ווען אין געוויסע געשעפטן איז שוין איצט פאַקטיש דער אַרבעטס-טאָג קירצער פון 12 שאָ. דעם צווייטן כעסעד, וועלכן סטאָליפּין האָט געטאָן די פּריקאַזטשיקעס, איז די זונטיק-רו, וועלכע איז איינגעפירט פאַר זיי דורך דעמזעלבן געזעץ. אַלע געדענקען נאָך, וואָס פאַר א ראָלע האָט געשפּילט די זונטיק-רו אין די שטרייקן אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן. קימאַט אין גאַנץ רוסלאַנד האָבן די פּריקאַזטשיקעס אויסגעפירט, אז זונטיק איז פאַרמאַכט די קראָמען. די פרוכט פון דער רעוואָלוציע וויל סטאָליפּין אויסנוצן, אַלס א מיטל קעגן דער רעוואָלוציע. דער רוסישער בירגער איז אָבער אויסגעוואַקסן אין די פאָר יאָר און די אלע כסאדים האָבן ניט געהאָלפן אין דעם קאַמף קעגן פאָלק: דאָס פאָלק האָט געקליבן לינקע.

ניט צוציענדיק קיינעם אף איר זייט מיט דעם געזעץ, האָט זי ארויסגערופן אן ענטריסטונג צווישן דעם אידישן מיסכער-קלאַס אין גאַנצן טכום. דער געזעץ פון 15 נאָיאַבר האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער טאָג פון רו אין וואָך פאַר די פּריקאַזטשיקעס דארף זיין זונטיק. נאָר אין די ערטער, וואו ס'איז שאַרף בוילעט, אַז די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז ניט קיין פּראוואָסלאַוונע, אָדער ניט קיין קריסטלעכע, דאָרטן מעג דער טאָג פון רו זיין אַן אנדערער, ניט זונטיק, מיט דעם טנאַי, אז זונטיק און אין די כאַגאעס זאָלן דאָך זיין פאַרמאַכט די קראָמען ביז 12 דעם זייגער און אין געוויסע כאגאעס א גאַנצן טאָג. דערדאָזיקער אויסנאַם פאַר געוויסע שטעט, איז א ריין ביוראָקראַטישער שפּיצל, וועלכער האָט ניט קיין שום רעאַלן ווערט, דען אין רוסלאַנד איז קימאַט ניטאָ אַזוינע שטעט, וואו ס'איז שאַרף בוילעט, אז די גרעסטע מערהייט פון דער באַפעלקערונג באַשטייט ניט פון קריסטן, ווי מיר קאָנען דאָס ארויסזען פון די שטעט פון טכום.

שטעט, וואו דער פּראָצענט אידן איז ווייניקער ווי 50, לויט דער פאָלקס-ציילונג 1897.

	שטעט	וויפל אידן	דער פּראָצענט אידן צו דער באַפעלקערונג.
1.	פּאָלטאַווע	10.954	20,4
2.	טשערנסטאָכאָוו	11.980	26,6
3.	כערסאָן	17.943	29,6
4.	לאָדז	98.671	31,4
5.	ווארשע	219.128	34,3
6.	אָדעס	138.935	34,4
7.	קאָוונע	25.441	35,8
8.	יעקאטערינאָסלאַוו	40.971	36,3

9. טשערניגאָוו	10.156	36,6
10. ראַדאָם	11.277	37,7
11. וויניצא	11.680	38,2
12. יעליסאוועטגראד	23.890	38,8
13. ווילנע	83.841	41,3
14. סעדלעץ	11.443	43,6
15. קאַמ.-פאָד.	16.211	45,1
16. קישינעוו	50.237	46,3
17. דווינסק	32.385	46,5
18. זשיטאָמיר	30.748	48,9
19. קרעמענטשוג	29.768	47,2
20. גראָדנע	22.684	48,3
21. מאָהילעוו גוב.	21.539	49,9

שטעט, וואו דער % אידן איז פון 50—60.

22. מינסק	47.561	52,3
23. וויטעבסק	34.431	52,3
24. האָמעל	20.385	55,4
25. ראָוונאָ	13.780	56,1
26. באלטע	13.225	56,6
27. אומאן	17.943	57,8

שטעט, וועלכע האָבן פון 60 ביז 70 % אידן.

28. באָברויסק	20.759	60,4
29. פאָלאָצק	12.481	61,5
30. ביאַליסטאָק	41.903	63,4
31. בריסק	30.257	64,9

שטעט, וועלכע האָבן איבער 70% אידן.

32. סלוצק	10.264	71,6
33. סלאָנים	11.515	72,6
34. פינסק	21.065	74,2

נאָך דעם איינפאַכן פשאַט פון דעם נייעם געזעץ קומט אויס, אַז פאַר די 27 אויבנדערמאָנטע שטעט, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אזוינע גרויסע שטעט, ווי וואַרשע, לאָדז, ווילנע, אָדעס, דווינסק א. א. וו., איז גילטיק דער געזעץ און ניט די אויסנאַם, ד. ה. אַז אין די אלע שטעט דארפן די אידישע מיסכער-געשעפטן זיין פאַרמאַכט זונטיק און די פראַוואָסלאַוונע כאַגאָעס א גאַנצן טאָג אַלץ איינס ווי אין פענזע, וולאַדימיר און ד. גל. אין די אַלע שטעט זיינען ביז 90 און מערער פראָצענט הענדלער אידן, וועלכע פאַרמאַכן די געשעפטן שאַבעס, נאָר וועמען ארט דאָס? אַז מע זאָל ניט זיין קיין גרויסער מאַכמיר, קאָן מען אויסטייטשן, אַז די אויסנאַם פון געזעץ איז שאַיך צו די

לעצטע 7 שטעט. אָבער אזוי ווי אין די פעטערבורגער קאַנצעליאריעס איז מען גרויסע מאַכמירים, האָט מען מיסטאָמע, ארויסגעבנדיק די אויסנאַם פון געזעץ, געהאַט אין זינען סלוצק, סלאָנים און פינסק... אָבער אין הילכעס סטאַטיסטיק איז מען אין די קאַנצעליאַריעס ניט אַזוי קלאָר און שוין נאָך דעם ווי דער געזעץ איז ארויסגעגעבן, האָט מען זיך דאָרט געכאַפּט, אז די „זשידעס" וועלן געוויס אויסנוצן די אויסנאַם פון געזעץ און וועלן האַנדלען זונטיק און אין כאָגע. נאָר אויך אף די זיכערע סטאַטיסטיק האָט מען זיך אין די הויכע פענסטער ניט געוואָלט פאַרלאָזן, און סטאָליפּין האָט אין א צירקוליאר אויס-געטייטשט, אַז „די שארף בוילעטע מערהייט" דאַרף מען פאַרשטיין אזוי: וואו די באפעלקערונג איז דורכויס ניט קיין קריסטלעכע, נאָר צווישן איר געפינען זיך איינציקע פערזאָנען קריסטן. ס'פאַרשטייט זיך, אז בא אַזאַ פשאט קען די אויסנאַמע ניט האָבן קיין שאיכעס אפילע צו סלאָנים, פינסק און סלוצק, דען דאָרטן וואוינען אויך ניט קיין איינצלנע קריסטן, נאָר טויזנטער קריסטן. אַלזאָ נאָך דעם פשאַט, דארפן די אידן האלטן פאַרמאַכט זייערע געשעפטן זונטיק און אין די פּראַוואָסלאַוונע כאַגאָעס א גאנצן טאָג. אין פיל שטעט פארמאכט מען שוין די אידישע קראָמען זונטיק אף דעם גאַנצן טאָג. סטאָליפּין האָט פאַרביי-גייענדיק געגעבן א קלאַפּ דעם אידישן מיסכער-קלאַס, קעדיי אן איבעריקן מאָל צו ווייזן דער קריסטלעכער בורזשואַזיע פון טכום זיינע פאַטערלעכע זאָרגן וועגן איר. קעדיי צו פארשטיין, ווי גרויס דער קלאַפּ איז, איז גענוג צו זאָגן, אַז דורכשניטלעך קומט אויס, אז אכוץ שאבאַסים און אידישע יאָנטויווים דארפן די אידישע געשעפטן, לויט דעם נייעם געזעץ, זיין פאַרמאכט נאָך אין א פערטל פון דער צאָל טעג, ד. ה. פון יעדע 4 טעג פארמאכן די געשעפטן אַף איין טאָג, און דאפקע דאן, ווען זיי לייזן אמערסטן.

ווי וועט ווירקן דער געזעץ פון 15 נאָיאַבר אף דעם אידישן מיסכער-קלאס? אין דער פראַגע איז זייער וויכטיק זיך אָפּגעבן א דין און כעשבן, דען 30% אידן לעבן פון מיסכער.

אזוי ווי די קראָמען וועלן זיך פאַרמאַכן זונטיק, וועט די קריסטלעכע באַ-פעלקערונג מוזן אָנגרייטן אף זונטיק אום שאַבעס. און אזוי ווי שאַבעס זיינען די אידישע קראָמען פאַרמאַכט, וועט דאָס ארויסשטופן די אידן פון דער פעס-טעסטער פאָזיציע, וועלכע זיי פאַרנעמען אין דעם אינדוסטריעלן לעבן — פון מיסכער.

ס'איז פאראן אן אנדער אויסוועג: האַלטן אָפן די קראָמען שאַבעס. אין דעם גרעסטן טייל פון טכום, לעכאָל האַפּאָכעס אין פוילן און ליטע, וואו אידן וואוינען אין קאָמפּאַקטע מאַסן, איז אומעגלעך זיך פאַרצושטעלן, אז די אידישע קרעמער זאָלן האַלטן אָפן זייערע געשעפטן אום שאַבעס. אַלזאָ קאָן דער נייער געזעץ פאראָרימען נאָר הונדערטער-טויזנטער אידן-קרעמער. איינייִנעם מיט די באַלעבאַטים וועלן אויך פארלירן זייער כאַיונע הונדערטער אידישע פּריקאַזטשי-קעס, דען די אידישע פריקאַזטשיקעס דינען איצט נאָר בא די אידישע קרע-מער. אין די קריסטלעכע קראָמען, וועלכע וועלן זיך עפענען אנשטאָט די אי-דישע, וועלן די אידישע פּריקאַזטשיקעס קיין ארבעט ניט געפינען. ס'וועט זיך

פאַרגרעסערן די עמיגראַציע נאָך אמעריקע, וואו, פאַרבייגייענדיק געזאָגט, מע היט סאיוויסאי דעם שאַבעס ניט.

ווי דאַרף זיך באַציען דער פּראָלעטאַריאַט צום געזעץ פון 15 נאָיאַבר?

... דער פּראָלעטאַריאַט איז, ווי ס'איז באַוואוסט, אין דער איצטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט דער איינציקער אנטשיידענער קעמפער פאַר די בירגערלעכע פרייהייטן אין זייער פולשטענדיקער פאָרם. די געוויסנס־פרייהייט איז איינע פון די ווינקל־שטיינער פון דידאָזיקע פרייהייטן. אונטער געוויסנס־פרייהייט פאַרשטייען מיר אַזאַ צושטאַנד, ווען די געזעצן פון לאַנד ברענגען ניט דעם בירגער קיין שאָדן, ניט קיין מאָראַלן און ניט קיין מאַטעריעלן, צוליב דעם וואָס ער האט אַ געוויסן גלויבן אָדער גלויבט גאָרניט אין גאָט. די אידישע סאָכרים און זייערע פּריקאַזטשיקעס אַלס אַ רעגל פייערן שאַבעס. דערום דאַרף דער געזעץ דערלויבן די אידן, וועלכע האלטן פאַרמאַכט זייערע געשעפטן שאַבעס און אין די אידישע יאָנטויווים, צו האלטן אָפן זייערע געשעפטן זונטיק און די קריסטלעכע כאַגאָעס אַ גאַנצן טאָג. דאָס איז אַ קלאַל. ס'זיינען אָבער פאַראַן אידישע סאָכרים אין אַזעלכע ערטער, וואו דער גרעסטער טייל סאָכרים זיינען קריסטן, און וואו די באַפעלקערונג איז געוואוינט איינקויפן שאַבעס אַף זונטיק, האַלטן דאָרטן אידן אָפן זייערע געשעפטן שאַבעס. מוזן זיי פאַרמאַכן זונטיק, קעדיי ס'זאָלן קענען רוען די פּריקאַזשטשיקעס.

... ווען דאַרף מען פאַרמאַכן די קראָמען ערעוו שאַבעס און ערעוו זונטיק?

די אידישע פּריקאַזטשיקעס האבן זיך קימאַט אומעטום דערשלאָגן, אַז זיי זיינען פריי ביז זונטיק אין דערפרי. ווען אָבער דאַרף זיך דער שאַבעס אָנהויבן? צי קענען מיר זיך האלטן באַ דער טראַדיציאָנעלער צייט פון ליכטבענטשן? די רעליגיעזע טראַדיציעס פאַרלירן זייער מאָכט. מע כאַפּט זיך צום האַנדלען פרייטיק נאָך ליכטבענטשן באַ די פאַרמאַכטע טירן, איינצלנע מאַיסטערס קלייבן זיך שטילערהייט צו דינגען אידישע אַרבעטער אַף אַרבעטן אום שאַבעס פאַר אַ גרעסערן געצאָלט.

אַף דעם אָרט פון דער טראַדיציע דאַרף קומען דער געזעץ.

אונז דוכט זיך, אַז די פּריקאַזטשיקעס דאַרפן פאָדערן 40 שאָ אין וואָך אומאויפהערלעכע רו, ד. ה. אַז פון סוקעס ביז פייסעך (סענטיאַבר—אַפּרעל) זאָל מען פאַרמאַכן פרייטיק די קראָמען 3 דעם זייגער און עפענען זונטיק 9 אין דערפרי און פון פייסעך ביז סוקעס (אַפּרעל—סענטיאַבר) פאַרמאַכן פרייטיק 7 און עפענען זונטיק אויך 9 אין דערפרי. דאָס וואָלט געמאַכט דעם ווינטערדיקן האלבן יאָר 42 שאָ רו, און דעם זומערדיקן — 38, דורכשניטלעך אַף דעם גאַנצן יאָר 40 שאָ. די קריסטלעכע אויבעטער דאַרפן פאָדערן דיזעלביקע רו־שטונדן פון שאַבעס ביז מאָנטיק.

ס'איז אָנגענומען, אַז יעדער מענטש דאַרף איין טאָג אין וואָך רוען מיטאַמאָל אָן האפסאָקעס 42 שאָ, און צו דעם דאַרפן שטרעבן די אַרבעטער. נאָר מיר האַלטן, אַז שוין איצט איז מעגלעך דורכצופירן 40 שאָ אין וואָך רו.

... צי דאַרפן די פּריקאַזטשיקעס פאָדערן, אַז די געשעפטן זאָלן זיין פאַרמאַכט אין רו־טאָג, אָדער נאָר די פּריקאַזטשיקעס זאָלן זיין פריי אין דער

צייט? עס איז קלאָר, אַז נאָר ווען די געשעפטן זיינען פארמאכט, איז מעגלעך צו קאָנטראָלירן די רו-שטונדן פון די פּריקאַזטשיקעס. ווען דער געשעפט איז אָפן, איז דאָן אומעגלעך אריינצוגיין אין יעדער געשעפט און קאָנטראָלירן, צי די אָנגעשטעלטע זיינען אַוועק צי ניט. די קליינע געשעפטן ווען זיין אָפן. ווארום זיי קענען זיך באגיין אָן פּריקאַזטשיקעס, און די קאָנקורענץ פון קליינע געשעפטן וועט ברענגען, אַז די גרויסע געשעפטן וועלן זעען מיט אַלערליי קונצן צו פאַרהאלטן בײַ זיך די פּריקאַזטשיקעס. אויסער דעם טאָר דער געזעץ בעשום אופן ניט געבן קיינע באזונדערע פּריוויליגיעס דעם קליין-האַנדל לעגאַבע דעם גרויס-האַנדל, דען נאָר אין די גרויסע געשעפטן קענען זיך די ארבעטער אויסבעסערן זייער לעבן. זאָלן די געשעפטן זיין אָפן, וואָלטן די קרעמער אָנגעהויבן אָנשטאָט געדונגענע מענטשן צו באנוצן זיך מיט זייערע אייגענע קינדער און דאס וואלט שוין בעמיילע פאַרערגערן די לאַגע פון די געדונגענע פּריקאַזטשיקעס.

די קרעמער אָבער זאָגן: ס׳איז אומעגלעך צו פארמאכן די קראָמען מיט עטלעכע שאָ פאר ליכטבענטשן, ווייל די ארבעטער באקומען פרייטיק זייערע סכירעס שפּעט, — און אויב די קראָמען זאלן זיין פארמאכט, וועלן זיי ניט קענען אויפקויפן אַף שאבעס. דערויף מוזן מיר ענטפערן, אַז דיזעלביקע פאָדערונג, 40 רו-שטונדן אַף שאַבעס, שטעלן אַרויס אויך די אַרבעטער. אויב די קראָמען וועלן זיך פארמאכן אַ פאָר שאָ פריער, וועט מען די סכירעס צאָלן פריער. מיט דער צייט וועט זיך די באפעלקערונג צופּאַסן צו די שטונדן, ווען ס׳וועט פארמאכט ווערן די קראָמען פרייטיק, אַזוי ווי איצטער האט מען זיך צוגעפּאסט צו דעם, וואס מע פארמאכט די קראָמען 9 און ניט 12 בײַנאכט.

... אין דעם קאמף פון דער אידישער בורזשואזיע קעגן דעם געזעץ פון 15-טן נאָיאבר דארפן זיי אונטערהאלטן די אידישע פּריקאַזטשיקעס און אַרבעטער: קיין געוואלט קעגן דער געוויסנס-פרייהייט פון די אידן! 40 שאָ רו אין וואָך! דאָס דארפן זיין אונזערע לאָזונגען.

ל.

235. א פּראטעסט פון 1000 קאָוונער ארבעטער.

„אַ רעזאלוציע פון 1000 קאָוונער ארבעטער" „פאלקסצייטונג", נומ. 295 פון 1907).

אינם נאָמען פון 1000 אַרבעטער און ארבעטערינס, וועלכע האבן זיך צונויפגעקליבן דעם 21-טן פעווראל 1907-טן יאָר, אום אויסצוהערן דעם באריכט וועגן די געמישטע קאמיסיעס, — שיקן מיר אַ באגריסונג דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער פראקציע אין גאָס.-דומע און דריקן אויס די פּאַרטיקייט צו אונטערהאלטן די פראקציע אין איר קאמף פאר די פאָלקס-רעכטן.

באַטראכטנדיק דעם געזעץ פון 15-טן נאָיאבר, האט די פארזאמלונג אונטערגעשטראכן, ווי קלאָגעדיק עס איז דידאזיקע ביוראָקראטישע האנאָכע. די פארזאמלונג האט אונז איבערגעגעבן צו מאכן אויפמערקזאם די פראקציע אַף

דעם, אַז דערדאָזיקער געזעץ טראָגט אריין אַ נאציאָנאלע פיינדשאפט, אַז די אָרטיקע אַדמיניסטראציע שאפט פון אים א געווער, וועלכער איז ספעציעל אנגעווענדעט קעגן די אידן. עס ווערט איינגעפירט פאר די אידישע אונטערנעמונגען א צוואנגס-רו אין זונטיק-טעג; אזוי ווי אין די אידישע האנדלס-אונטערנעמונגען און ווארשטאטן ארבעט מען ניט אויך שאבעס, ווערט דורך דעם געשאפן א לאגע, וועלכע עס רופט זיך זייער שווער אָפּ אף די אינטערעסן פון די אידישע ארבעטער און די פריקאזטשיקעס, וועלכע פארלירן די אַרבעט צוויי טעג אין וואָך.

מיר רופן אויף אונזערע דעפוטאטן צו העלפן אונז אינם קאמף מיט דערדאָזיקער נייער דערשיינונג פון דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג.

דער קאוונער קאמיטעט פון „בונד"

די קאָוונער אָרגאניזאציע פון ר.ס.ד.א.פ.

קאָוונע, דעם 23-טן פעווראל, 1907.

XXXI. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט און די צווייטע דומע.

236. די דומע און דער אידישער פּראָלעטאַריאַט.

(לייט-אַרטיקל אין „פאָלקס-צייטונג“ נומ. 291 פון 1907).

די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע גרופּע אין דומע האָט צווישן זיך ניט קיין איינ-ציקן בונדיסט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט לאַכלוטן ניט קיין פאַרטרע-טונג אין דומע. דערדאָזיקער אומשטאַנד רופט אַרויס די דרינגענדע אויפגאַבע, ווי אַזוי צו פאַרבינדן מיט דער דומע די אידישע מאַסן. דידאָזיקע אויפגאַבע, מוז מען מודע זיין, איז זייער אַ שווערע, ווייל אף צו לייזן זי פעלט אויס די פסיכאָלאָגישע אַטמאָספערע, וועלכע עס ווערט באַשאַפן אין דער מאַסע דורך דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָרט זיצן אירע דעפּוטאַטן, אירע אויסגעוויילטע, פאַר וועלכע זי האָט געקעמפט, וועמען זי האָט אָנגעטרויט אירע לעבנס-אינ-טערעסן, וועגן וועלכע זי ווייס, אַז זיי האָבן זיך געפּרייט מיט אירע סימכעס און זיך געקלאָגט מיט אירע ליידן.

נאָר ווי עס זאָל ניט זיין באַ אַזעלכע באַדינגונגען שווער צו בויען אַ פעסטן בריק צווישן דער דומע און די אונטערשטע פאָלקס-שיכטן, וועלכע האָבן אין איר ניט קיין פאַרטרעטונג, פונדעסטוועגן אָבער קאָן מען אים יאָ בויען, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דידאָזיקע אונטערשטע פאָלקס-שיכטן זיינען פּאָליטיש פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס עס וועט פאָרקומען אין דומע.

אַז די אידישע אַרבעטער-מאַסן דאַרפן נעמען אַ לעבהאַפטן אנטייל אין דעם באַטראַכטן די פראַגן, וועלכע וועלן שטיין אף דער טאָגעס-אָרדענונג אין דומע און ווי מעגלעך פאַרפעסטיקן זייער מיינונג וועגן דידאָזיקע פראַגן אין רעזאָלוציעס, וועלכע מע דאַרף שיקן צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַק-ציע — דאָס איז אַ זאַך, וועלכע פאַרשטייט זיך פון זעלבסט און ניט דאָס זיינען מיר דאָ אויסן. מיר ריידן וועגן דעם, וואָס איז נויגייע ספּעציעל דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועגן זיינע ספּעציעלע צאָרעס און ליידן, וועגן זיין שרעקלעכער אויסנאַמס-לאַגע. אף דעם גאַנצן שטעטך פון אידישן טכום דאַרפן די אידישע אַרבעטער אין דער געשטאַלט פון זייערע אָרגאַניזאַציעס פארע-

גיסטרירן, פאַרצייכענען די מער שרייענדע פאַקטן פון דעם ווילקיר פון דער רעגירונג און אַדמיניסטראַציע און באַקאַנט מאכן מיט זיי די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע, אַזוי אַז פאַר אירע אויגן זאל אויפשטיין אין דער גאַנצער גרויזאַמקייט דאָס בלוט פאַרגליווערנדע בילד פון אידישן לעבן. דאָס וועט דינען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן פאַר א מאַטעריאַל באַם באַטראַכטן די אידישע פראַגע. דערדאָזיקער מאטעריאַל איז זיי אומבאַדינגט נויטיק, ווייל די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע באַשטייט פון מענטשן, וועמען עס איז קיינמאל ניט אויסגעקומען צוצוקוקן זיך צום לעבן פון די אידן. דאָ איז אַגעוו דער אָרט צו באַמערקן, אַז צווישן די פילע פאקטן פון אונטערדריקונגען דאַרף דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אויסטיילן גאָר באַזונדער די נייע גוואַלט-טאַט פון דער רעגירונג איבער די אידן, וועלכע קאַן אָנטאָן דעם גרעסטן כורבן אין אידישן לעבן, די גוואלט-טאַט, וועלכע באַשטייט אין אויפצווינגען די אידן די אָבליגאַטאָרישע זונטיק-רו.

נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. די אידישע אַרבעטער קאָנען זיך ניט באַשרענקען מיט א פּאָשעטן דעמאָנסטרירן, דערציילן זייערע צאָרעס, מיט נאָר קאָנסטאַטירן די אַלע פאַרפאָלגונגען, וועלכע די אידן האָבן אויסצושטיין. זיי דאַרפן נאָך דערקלערן און אויסלייגן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זייערע פּאָזיטיווע פאָדערונגען אפן געביט פון סאָציאַל-פּאָליטישע, בירגערלעכע און נאציאָנאלע רעכטן. אלס אף אַביישפּיל, וועלכער איז ווערט נאכצומאַכן, וועלן מיר אָנווייזן אף דער „דעקלאַראַציע", וועלכע עס האָבן ארויסגעלאזן די בונדיסטן וואַל-מענער אין יעקאטערינאסלאַוו. אין דעמדאָזיקן דאָקומענט, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר א נאקאַז דעם דעפּוטאט פון יעקאטערינאָסלאוו, ווייזן די בונדישע וואל-מענער קוידעמקאל אָן אף דער ראָלע פון אידישן פּראָלעטאריאט אין דער באַפרייאונגס-באַוועגונג און אף די נויטיקייט פאר אים פון א זעלבשטענדיקע נאציאָנאלע סאָציאַל-דעמאָקראטישע אָרגאַניזאציע אין דער געשטאלט פון בונד. דערנאָך דערקלערן זיי, אז זיי שטייען צו „צו אלע פּונקטן פון נאקאַז, וועלכע עס האבן אויסגעארבעט די כאַווײרים פון דער רוסל. פּארטיי און וועלכער אנטהאלט אין זיך די גרונט-עלעמענטן פון אונזער אייניהייטלעכן און געמיינזאמען סאָציאַל-דעמאָקראטישן פּראָגראם-מינימום", און צום סאָף, אַנווייזנדיק אף די גרונט-סיבעס פון דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג, דערקלערן זיי און באגרינדן דאָס נאציאָנאלע פּראָגראם פון בונד.

נאָר פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך נאך אף דעם אַליין ניט אָפּשטעלן, עס איז ווייניק, אז איינצלנע גרופּן פון אידישע ארבעטער זאלן שיקן זייערע נאַקאזן דער סאָציאַל-דעמאקראטישער פראקציע. כוץ דעם איז נאָך נויטיק, אז די דומע זאל וויסן דעם קאָלעקטיוון ראָצן פונם אידישן פּראָלעטאריאט. און דא שטעלט זיך פארן בונד די וויכטיקע אויפגאבע דורכצופירן דורך די אידישע מאסן אַ דעקלאראַציע פון פּאָליטישע, בירגערלעכע און נאציאָנאלע פאָדערונגען, וועלכע שטייען אף דער פאָן פונם אָרגאניזירטן אידישן פראלעטאַריאט. מיר האָבן יעדן ג ונט צו דערווארטן, אז צו אזא דעקלאראציע וועלן צושטיין ניט נאָר די ארבעטער אליין, נאָר אויך די ברייטע שיכטן פון דער אידישער

מעשטשאנסטווא. אזאַ מין דעקלאַראַציע, וועלכע וועט האבן אף זיך די סאנקציע, די האסקאמע פון די פאָלקס-מאסן, וועט זיין א מעכטיקע דעמאָנסטראַציע פאר דער דומע און קעגן דעם אלטן רעזשים און וועט דינען אלס א סאָלידע שטיצע פאר דער סאָצ׳אַל-דעמאָקראַטישער פראקצ״ע אינם קאַמף קעגן קרושעוואַנען און קאַמפּאַניע.

מיט דערדאָזיקער דעקלאַראַציע דארף מען זיך אונטעראיילן, ווייל דער אַנטיסעמיטישער רעכטער פליגל פון דער דומע האָט זיך שוין אָרגאַניזירט. עס האָט זיך געבילדעט א רעכטע קאָנצענטראַציע, וועלכע נעמט אין זיך אריין אלע דעפּוטאַטן-פּאָגראָמשטשיקעס און שווארצמייעדיקע מאָנאַרכיסטן, מיטגלידער פון פאריין פון רוסישן פאָלק און אָקטיאבריסטן. און מע קאָן דערוואַרטן, אז דידאזיקע קאָנצענטראַציע וועט מיט אירע שטענדיקע העצערייען קעגן די אידן צווינגען צו שטעלן וואס גיכער אף דער טאגעס-ארדענונג די אידישע פראַגע.

237. קעגן דעם פאַרשווייגן די אידן-פראַגע דורך דער סאָצ. דעמ. פראַקציע.

(א. ל. (יכוואַק): „א פאַרדראָסיקע פאַרגעסלעכקייט“. „פאָלקסצייטונג“, נומ. 309, 1907)

איך ווייס, זיי זיינען ניט שולדיק, אונזערע כאַוויירים. זיי האָבן ניט געמיינט קיין שלעכטס. דאָס איז געווען פון זייער זייט נאָר אַן איינפאַכע פאַרגעסלעכקייט.

און דאָך איז עס א פאַרדרוס. און דאָך איז עס א ווייטיק.

וואָרט פאַר וואָרט האָבן מיר געלעזן די דעקלאַראַציע פון אונזער פראַקציע, איבערגעלעזן זי איין מאָל און נאָך איין מאָל, מיט א געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט געלעזן צערעטעליס גלאַנצענדע רעדע, די רעדעס פון די איבעריקע כאַוויירים, נאָכהער די איבערגאַנגס-פאָרמול, וועלכע אונזער פראַקציע האָט פאָרגעלייגט: — אַלץ אייגענע, טייערע ווערטער, יאָ, אָט דאָס האט מען געדאַרפט זאָגן, אַף דעם האָבן מיר געוואַרט. מיר האָבן זיך געפילט שטאָלץ, מיר האָבן זיך געפילט צופרידן. אין אונזער צופרידנהייט איז אָבער געווען צוגעמישט א געפיל פון טיפן ווײ-מוט. אונז האָט עפּעס געפעלט, און דאָס עפּעס איז געווען זייער אַ וויכטיקעס.

אי אין דער דעקלאַראַציע, אי אין צערעטעליס רעדע זיינען געווען דערמאָנט די פּאָגראָמען, דערמאָנט די שוואַרצע מייעס, דערמאָנט די העצערייען אַף אירן, פוילן, אַרמענער, גרוזינער, מוסולמענער. אָבער ניט אין דער דעקלאַראַציע, ניט אין די רעדעס פון אונזערע כאַוויירים איז גיטאָ קיין איין וואָרט וועגן דעם נאַציאָנאַלן דרוק, וועגן דער נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט, וועגן דער רוסיפיצירנדער פּאָליטיק פון דער זעלבסטהערשונג. צערעטעלי, אַליין אַ קאַווקאַזער, פאַרגעסט אין דעם נאַציאָנאַלן דרוק אַף קאַווקאַז.

דער היסטאָרישער טאָג פונם זעקסטן אַווגוסט*) איז אויסגעפאַלן נאָר אין

*) דער טאָג, ווען ס׳זיינען פארגעקומען די דערמאָנטע ארויסטרעטונגען פון דער ס. ד. פראקציע אין גאָסוד. דומע.

טעג ארום נאָך דעם פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד, און דאָך האָבן אונזערע כּאַווײרים אין זײערע רעדעס ניט דערמאָנט אפילע דיראַזיקע בלוטיקע געשעע־נישן, גלײך ווי זי וואָלט גאָרניט געווען.

די דעקלאַראַציע פּראָטעסטירט קעגן דער רעגירונג, וועלכע האָט „מיט אירע געזעצן וועגן יאַנטעווו־רו און פּאַרקירצן די אַרבעטס־צייט אין געשעפטן און וואַרשטאַטן אָפּגעגעבן די באַשטימונג פון דעראַזיקער פראַגע די באַלעבאַ־טים און די שטאָט־דומעס, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון די פאָרשטייער פון די סאָכרים". דערביי פאַרגעסט מען, אז דער געזעץ וועגן יאַנטעווו־רו שטעלט איין א געצוואונגענע זונטיק־רו, וועלכע רואינירט דעם אידישן פּראָ־לעטאַריאַט, ווי דעם אידישן קאַפּיטאַליסט.

און דעריקער: אין דעם אָרט, וואו די דעקלאַראַציע שטעלט ארויס די פּאָזיטיווע פּראָגראַם פון דער ס.ד. אין דעם איצטיקן מאָמענט, לייענען מיר:

די ס.ד. „לייגט ארויף אירע האָפענונגען אַף די באַוועגונג פון פּאָלק זעלבסט; נאָר דאס פּאָלק אַליין האָט בעקויעך מאַכן אַ סאָף צום רעזשים פון געוואַלט און ווילקיר און געבן דער פּאָלקס־פאַרטרעטונג קרעפטן פּאַנאַנדערצו־עפענען די טורמעס, איינצושטעלן די פרייהייט, לייזן די ערד־פראַגע, עפענען א ברייטן פלאַץ פאַרן קאַמף פון פראָלעטאַריאַט, רעאָרגאַניזירן די מיליטער־קרעפטן, איבערצולייגן דעם לאַסט פון די שטייער פון די אָרימערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אַף די רייכע און אזוי ווייטער".

אַלץ איז דאָ פאַראַן, נאָר גלייכבאַרעכטיקונג בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע. דאָס איז באַהאַלטן אין דעם „און אַזוי ווייטער".

מיר ווייסן, זיי זיינען ניט שולדיק אונזערע כּאַווײרים, עס איז פון זייער זייט נאָר אַ פאַרגעסלעכקייט געווען, די פאַרגעסלעכקייט איז אָבער א גע־פערלעכע: זי וועט געבן א געוועך אין די הענט די נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע פאַרטייען. די פּוילישע נאַראָדאָוצעס, די אידישע ציאָניסטן, די נאַציאָנאַליסטן אַף קאַווקאַז וועלן שרייען: איר זעט, זיי זאָרגן ניט פאַר אייך, די ס.ד.; גייט צו אונז; מיר, נאָר מיר קעמפן פאַר די רעכט פון דער גאַנ־צער אונטערדריקטער נאַציאָן.

מיר ווייסן, זיי האָבן ניט געמיינט קיין שלעכטס, אונזערע כּאַווײרים, עס איז זיי פּאָשעט פון זינען ארויס. נאָר וויכטיק איז שוין דער פאַקט אַליין, אַז אַזאַ זאַך קען פון זינען אַרויס, אַז אָן אַזאַ וויכטיקע פראַגע קאָן מען פאַרגעסן. אַנדערש וואָלט זיין, ווען אין דער ס.ד. פראַקציע וואָלטן געווען פאָרשטייער פון די באַטרעפנדע נאַציאָנאַלע ס.ד. אָרגאַניזאַציעס, דעמאָלט וואָלטן אונזערע ליידן ניט פאַרשוויגן געוואָרן.

די אידישע אַרבעטער מוזן אָבער געדענקען, אז די ס.ד. פראַקציע אין דומע איז די פאָרשטייערין פון דעם אַלרוסלענדער פראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט אויך די פאָרשטייערין פון דעם אידישן פראָלעטאַריאַט. די אידישע אַרבעטער מוזן דערמאָנען זייער פראַקציע אָן זיך, אָן זייערע ליידן.

מע מוז אָנעמען וואָס מער רעזאָלוציעס, אָפּשיקן דער ס.ד. פראַקציע וואָס

מער נאַקאַזן, און אין די אַלע רעזאָלוציעס אין נאַקאַזן מוז קלאָר פאָרמולירט ווערן די פאָדערונג פון בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג. זאָל דידאָזיקע פראַגע געשטעלט ווערן אין דומע אין איר גאַנצער שאַרפקייט און פולקייט.

די ס.ד. פראַקציע איז דער שויפער פונם אַלרוסלענדער פראָלעטאַריאַט, זי איז אויך דער שויפער פונם אידישן פראָלעטאַריאַט.

238—239. באַגריסונגען און נאַקאַזן דער סאָצ. דעמ. פראַקציע

א. פון גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פונם גאַרבער-פאַרבאַנד

(„פאָלקסצייטונג", נומ. 292, 1907).

...דער גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פון די גאַרבער, וועלכער קומט איצט פאָר און אַף וועלכן עס זיינען פאַרטראָטן 17 פראָפעסיאָנעלע פאַריינען — פאַרטייאישע (פון „בונד" און דער ליטוו. ס.ד.) און נייטראַלע — מיט 4250 מיטגלידער, שיקט זיין הייסע באַגריסונג דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע אין גאָס. דומע.

זייענדיק טיף איבערצייגט אין דעם, אַז נאָר דורך די אָרגאַניזירטע קרעפטן פון די פאָלקס-מאַסן וועט זיך איינגעבן אָראָפּצואוואַרפן דעם זעלבסטהערשנדן רעזשים, וועלכער הערשט נאָך אין רוסלאַנד, דעם רעזשים, וועלכער ווערט גענוג שאַרף כאַראַקטעריזירט אגעוו אויך דערמיט, וואָס דעם צוזאַמענפאָר פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען קומט אויס אָפּצוהאַלטן זיינע זיצונגען אומלעגאַל, אַז נאָר דידאָזיקע קרעפטן וועט זיך איינגעבן צו שאַפן אַפן אָרט פון דער איצטיקער פאַרלאַמענטארישער פראַקציע אַן עמעס דעמאָקראַטישע אָרדענונג, וועלכע איז נויטיק פאַר דעם נאָרמאַלן און פרוכטבאַרן קלאַסן-קאַמף פונם פראָלעטאַריאַט פאַר זיין פולער פאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפרייאונג — פאַרן סאָציאַליזם — דריקט דער גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פון די גאַרבער אויס זיין זיכערקייט, אַז די דומע-סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע וועט אָנווענדן איר גאַנצע אַרבעט אין דער גאָס. דומע אַזוי, דאָס יעדער טריט אירער וועט דינען אלס אַ מעכטיקער מיטל פאַר דער פאָליטישער אויפקלערונג פונם פאָלק, פאַר דער אומבאַראַכמאָנעסדיקער צעשטערונג פון די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס, וועלכע עס פאַרשפרייטן אינם פאָלק די בורזשואַזע פאַרטייען, און פאַר דער מער ענגער און אַקטיווער צוזאַמענשמעלצונג פון די פאָלקס-מאַסן — און אַפן ערשטן פלאַן דעם פראָלעטאַריאַט און דאָס פויערטום — ארום דער גאָס. דומע, אַלס אַן אָרגאַניזירנדן צענטער פון דער רעוואָלוציע.

אין דעם טיפן באַוואוסטזיין פון דיזער איינציק ריכטיקער באַפרייאונגס-ראָלע פון דער גאָס. דומע, פאַרשפרעכט דער גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פון די גאַרבער פון זיין זייט מיטצוהעלפן מיט אלע מיטלען צוצוגרייטן דעם פראָלעטאַריאַט אין דערדאָזיקער ריכטונג, זאָגט צו אונטערצוהאַלטן מיט אַלע

זיינע אָרגאַניזירטע קרעפטן די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין איר קאַמף און אין אירע קאָנפליקטן מיט דער רעגירונג...

ב. פון מינסקער ראַיאָן-קאָנפערענץ פונם „בונד".

(„א באקאז דער ס. ד. פראקציע פין דער גאָסוד. דומע". „פאָלקסצייטונג", נום. 324, 1907).

די מינסקער ראַיאָנע קאָנפערענץ פון „בונד" אין דער צאָל פון 24 דעלע-גאַטן, אויסגעקליבן דורך 1005 אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער, שיקט אייך, דעפּוטאַטן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע, אַ כאַווערשן און בירגערלעכן גרוס.

לעבנדיק מיט אייך אין איין געדאַנק, איין געפיל, איין ברענענדיקן פאַר-לאַנג צו באַפרייען דאָס אויסגעכוישעכטע לאַנד פון דעם פאַרפלוכטן דרוק פון ווילקיר און רעכטסלאָזיקייט און עפענען פאַר דעם פראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד אַ ברייטן וועג צו דעם גרויסן פרייען קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, קוקן מיר זיך צו, כאַווירים, מיט אַ טיפער אויפמערקזאַמקייט צו יעדן טריט פון אייער שווערער פאַראַנטוואָרטלעכער טעטיקייט. מיר באַגריסן אייער זעלב-שטענדיקע ענטפער-דעקלאַראַציע דער קריגס-פעלד-רעגירונג, דעם ענטפער, וועלכער האָט אין זיך איינגעזויגט דעם גאַנצן צאָרן, אַלע יעסורים, אַלע ליידן פון פאָלק; מיר באַגריסן אייער פעסטע זעלבשטענדיקע אַרויסטרעטונג אין דער ביודושעט-קאַמפּאַניע, וועלכע עפנט אויף די אויגן פונם פאָלק, באַווייזט ווי עס ווערן צונויפגעקליבן און אַף וואָס עס ווערן אויסגעגעבן זייער פאַר-האָרעוועטעס געלט. נאָר מיר באַדויערן טיף, וואָס פון דער הויך פון דער דומע-טריבונע, וועלכע עס זעט און עס הערט דאָס גאַנצע פאָלק, דאָס גאַנצע לאַנד, האָט ניט געהילכט דאָס גרויסע און הויכע וואָרט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע וועגן דעם שווערן נאַציאָנאַלן יאָך, וועלכער פרעסט צוזאַמען דאָס לעבן פון די איינצלנע נאַציעס אין רוסלאַנד, וועגן יענעם פינסטערן, פאַרשטיקטן „געטאָ", אין וועלכן עס לעבט דאָס אידישע פאָלק פון 6 מיליאָן מענטשן, פון יענע פּאָגראָמען-כוואַליעס, וועלכע עס טוט אָפּ איבער אים די זעלבסטהערשנדע רעגירונג און וועלכע דערציטערן מיט זייערע שרעק די גאַנצע וועלט.

כאַווירים-דעפּוטאַטן! אין די ברידערלעכע קוואָרים פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע רוען פילע אידישע פּראָלעטאַריער, קעמפער פאַר דער פאָלקס-פרייהייט און פאר דער זאַך פון דעם אַרבעטער-קלאַס. און ווייטער פאָרויס, ווייסן מיר, איז נאָך אַ גרויסער דאָרניקער וועג פון קאַמף, מיר וועלן אים באַגיסן מיט אונזער בלוט, מיט אונזערע טויטע קערפּער וועלן מיר אים באַדעקן. און מיר וועלן דערגיין ביז צום סאָף, מיר וועלן דערגיין ביז צום ציל, מיר וועלן זיגן. צוליב דעמזיאָזיקן קאַמף, כאַווירים-דעפּוטאַטן, זיינען מיר, אויך ווי פריער, גרייט אַפן ערשטן רוף צו שליסן אונזערע רייען. זייט זשע דרייסט און פעסט, אונזערע אויסדערוויילטע. מיט אייך איז דער רעוואָ-לוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד, מיט אייך איז דאָס פאָלק.

און צוזאמען מיטן פראָלעטאַריאַט, צוזאַמען מיטן פאָלק קעמפט מיט הארטנעקיקייט און מעסירעס־נעפעש: פאר דער פולער הערשאפט פון פאָלק, פאר דער פולשטענדיקער פרייהייט, פאר דער קאָנפיסקאַציע פון דער גאַנצער ערד פארן פאָלק, פאר אן 8־שאָעדיקן אַרבעטס־טאָג און פאַר דעם געזעצגעבנדן אַרבעטס־שוץ, פאר דער פולער פאַרניכטונג פון דעם נאציאָנאַלן יאָך, דער רעכטלאָזיקייט פונם אידישן פאָלק און פארן איינשטעלן די גאראנטיע פון דער פרייער אנטוויקלונג פון אלע נאַציאָנאליטעטן, וועלכע וואוינען אין רוסלאנד.

דער פאָרזיצנדער פון דער
קאָנפערענץ — וולאדימיראָוו.

240—241. דער „בונד“ וועגן א לינקן בלאָק אין דומע.

א. פאר אַ לינקן בלאָק אין דומע.

(פ. א. (נמאן): צו דער טאַקטיק אין דער צווייטער דומע. „פאָלקסצייטונג“, נומ. 285, 14 פעווראל 1907).

...ווי דארפן זיך גרופירן די לינקע אין דומע? בא איצטיקן מאָמענט קען שוין געגעבן ווערן אַף דערדאָזיקער פראַגע אַ גאַנץ באשטימטע טשואווע, ווייל די פיזיאָנאָמיע פון דער צווייטער דומע איז שוין קימאַט ווי קלאָר: ס׳פעלט בלויז $1/10$ פון דער גאנצער צאָל דעפוטאטן און ס׳זיינען ניטאָ קיין גענויע ידיעס וועגן דער פארטיי־פיזיאָנאָמיע פון עטלעכע צענדליק פון די שוין אויסגעקליבענע דעפוטאטן און אונז דוכט זיך, אַז די פאַרהעלטעניש פון די קרעפטן אין דומע איז אַזאַ, אז זי שטימט בעסער מיט דעם ארט גרופירונג, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן פאָרגעלייגט, איידער מיט דעם, וועלכן די מענשעוויקעס האָבן געשילדערט. דער פלאַן פון די לעצטע וואָלט געקענט אָנגעווענדעט ווערן בלויז אין דעם פאל, ווען די קאדעטן וואָלטן געבילדעט אין דומע א מערהייט, און די לינקע וואָלטן פאָרגעשטעלט געווען אין אַסאַך אַ קלענערער צאָל, דענסמאָל וואָלט אומאָפהענגיק פון אונזער ווילן פאַרווירקלעכט ווערן יענע לאגע, נאָך וועלכער ס׳האָבן אַזוי שטארק געלעכצט די קאדעטן און וועגן וועלכער ס׳האָט ניט אויפגעהערט צו טרוימען און טרומייטערן מיליוקאָוו: „אַ פאראנטוואָרטלעכע קאדעטישע מערהייט“ און אן „אומפאַראַנטוואָרטלעכע סאָציאליסטישע מינדערהייט“. אָנשטאָט דעם האָבן מיר אזא דומע, בא וועלכער דער קאדעטישער צענטר איז אסאַך שוואכער פאָרגעשטעלט, איידער דער לינקער פליגל, וואו דער לינקער טייל איז נאָענט צו פארוואנדלען זיך אין א „פאראנטוואָרטלעכע מערהייט“, און אים וועט קימאט אויסקומען צו נעמען אַף זיך די אָנפירנדע פאָליטיק. ס׳איז קלאָר, אז דער אָביעקטיווער גאנג פון די פאסירונגען טרייבט דערצו, אַז די לינקע פאַרטייען פון דומע זאָלן זיך צונויפבינדן צווישן זיך און אויסארבעטן אן אַלגעמיינע טאַקטיק. מיט אַנדערע ווערטער — ער טרייבט צום פלאן, צו דער סכעמע פון די באָלשעוויקעס.

נאָר אַז עס וועט אָבער ניט פירן דערצו, אַז ס'וועט אָפּגעמעקט ווערן די גרעניץ-ליניע צווישן דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און דעם רעוואָלוציאָנערן קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם, צווישן דער סאָצ.-דעמ. און דעם בלאָק פון די עסערן, טרודאָוויקעס און פאָלקס-סאָציאַליסטן, צי וועט עס ניט הייסן די צונויפמישונג פון דעם מאַרקסיזם מיט דעם רעוואָלוציאָנערן אוטאָפּיזם? דערפאַר האָבן די גאַנצע צייט מוירע די מענשעוויקעס, נאָר אונז דוכט, אַז דער שרעק איז העכסט מעגוזעמדיק. האַגאַם ס'ליגט אַ גאַנצער טהאָם צווישן דעם מאַרקסיזם און דער וועלט-אַנשויאונג פון די נאַראָדניקעס, נאָר אַף וויפל ס'רעדט זיך וועגן דער אַרבעט בײַ איצטיקן מאָמענט, וועגן דער טאַקטיק אין דער דומע גופע, וועט דערדאָזיקער כילעק זיך אַרויסווייזן קימאַט ווי אויסשליסלעך בעגויגייע צו איין פראַגע, עמעס, אַ קאַרדינאַלע, — בײַ דער פראַגע וועגן איינטיילן די אָפּגענומענע ערדן. אין אַלע אַנדערע געביטן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן דעם אַלטן רעזשים און איבערבויען רוסלאַנד אַף דעמאָקראַטישע יעסוידעס, וועלן די לינקע פּאַרטייען זײַן סאָלידאַריש צווישן זיך און אַרבעטן האַנט בײַ האַנט, ניט שרעקנדיק זיך פאַר דער געפאַר, אַז עס וועט אָפּגעמעקט ווערן די גרעניץ-ליניע, וועלכע טיילט זיי אָפּ פון אַנדערע.

אָט אַזוי קען און דאַרף, נאָך אונזער מיינונג, געלייזט ווערן די פראַגע וועגן דער גרופּירונג פון די פּאַרטייען אין דומע...

קעגן אַ לינקן בלאָק.

(וול. ק. (אָסאָווסקי)-לעווינסאָן: „וועגן אַ לינקן בלאָק אין דומע". „פאָלקסצייטונג". נומ. 283. 19-טן פעוורואַל 1907.)

... אונז דוכט זיך, אַז די אָנהענגער פון אַ לינקן בלאָק, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַף דער פאַראייניקונגס-אידייע, וועלכע איז בלי-סאָפעק זייער אַ ריינצנדע, האָבן זייער ווייניק אויפמערקזאַמקייט געווענדעט אַף 2 פונקטן: ערשטנס, צי מע קען פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס זיי לייגן פאָר, און צי איז דאָס צוועקמעסיק פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

... צי קען מען פאַרווירקלעכן אַזאַ בלאָק בײַ די גרויסע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן סײַ פּראָגראַמישע, סײַ אַפילע טאַקטישע, וועלכע טיילן אָפּ איינע פון די אַנדערע די עקסטרע-לינקע? מיר זאָגן אַפילע טאַקטישע, ווײַל פאַר קיינעם איז קיין סאָד ניט, אַז, לעמאָשל, די סאָציאַל-דעמאָקראַטן און די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן פאַרשטייען גאַנץ פאַרשיידן די באַציאונג צווישן דער אַרבעט אין דומע און דער אַרבעט אויסער איר, און האַלטן זיך בײַ פאַרשיידענע מעטאָדן פון קאַמף אַכוץ דער דומע. אויב אין אַזאַ איינפאַכער ריין טעכנישער פראַגע וועגן די וואַל-אָפּמאַכונגען, וועלכע זײַנען אויסגערעכנט נאָר אַף איינציקע טעג. העכסטנס — אַף 1—2 וואָכן — אויב אין אַזאַ פראַגע, זאָגן מיר, איז

די לינקע געווען שווער דורכצוקומען צווישן זיך, היינט ווי אַזוי ווילט איר דערגרייכן אַ דויערנדע פאַרייניקונג צווישן זיי אין גאָסוד. דומע, פאַר וועלכע עס שטייט די אויפגאבע איבערצובויען די געזעלשאַפטלעכע און מלוכע=אָרדענונג, אין וועלכער עס וועלן טאָג-טעגלעך געשטעלט ווערן פראַגן פון דער גרעסטער וויכטיקייט, וועלכע באַרירן די יעסוידעס פון פראָגראַם און טאַקטיק פון די פאַרטייען? דעם בלאָק פון די לינקע איז אומעגלעך צו פאַרווירקלעכן אין לעבן און יאָגן זיך נאָך אים הייסט נאָכיאָגן זיך נאָך פוסטע כאַלוימעס און אומזיסט פאַטערן די ענערגיע.

לאָמיר פונדעסטוועגן אָנעמען אַף אַ ווײַלע, אַז אונז האָט זיך ווי עס איז איינגעגעבן צוזאמענבינדן די לינקע אין איין פארבאַנד. צי וואָלט ער זיך אָבער לאַנג געהאלטן? ווען מיר זאָלן שוין ניט רעכענען די אַלע סיכסוכים און רייבונגען אַף דעם באָדן פון פראָגראַם און טאַקטיק, וואָלט זיך דערדאָזיקער פאַרבאַנד גלייך צעקלאַפּט אָן צוויי שטיינער; אָן די פאַרטיי=העגעמאָניע און אָן די אומקלאָרע פיזיאָנאָמיע פון אַסאַך לינקע. אין דערעמעסן. די שטאַרקסטע פראַקציעס אין בלאָק וואָלטן געווען, לויט זייער צאָל מיטגלידער, די סאָציאל-דעמאָקראַטן און די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן-גרופּן, און דאס וואָלט געווען גאנץ נאַטירלעך — אונטערצואווארפן אונטער זיך אין אידייאישן און אָרגאניזאציאָנעם הינזיכט אלע איבעריקע לינקע גרופן. עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר דער העגעמאָניע צווישן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן און די סאָציאַליסטן=רעוואָלוציאָנערן. מיט אַ באַזונדערע פאַרביסנקייט וואָלטן געפירט דעם קאַמף די סאָציאַל-דעמאָקראַטן שוין צוליב דעם אליין, וואָס צווישן די לינקע זײַנען זיי, לויט זייער צאָל, די שטארקסטע. צי וואָלט זיך אַזאַ קאַמף געקענט ענדיקן מיט וועמענס ניט איז ניצאָכן? ניין, ווייל קיין איינציקע פון די פּאָליטישע גרופן וואָלט ניט מערוצע געוואָרן אָנצודערקענען די העגעמאָניע, די אויבערהאַנט פון אַ פרעמדער פּאָליטישער גרופּע. דער רעזולטאט דערפון וואָלט געווען נאָר אַזאַ: דאָס אָפּשטארבן פון פאַרבאנד.

צום פאַנאנדערפאלן פון פארבאנד וואָלט נאָך געהאָלפן דאָס, וואָס אין אים וואָלטן זיך געפונען די טרודאָוויקעס און ביכלאַל די „לינקע“, וועמענס פיזיאָנאָמיע איז נאָך אומקלאָרער און אומבאַשטימטער, איידער די פיזיאָנאָמיע פון די טרודאָוויקעס.

... איבער דיזע אַלע אורזאכן וועט אינגיכן דער לינקער בלאָק אויפגעריסן ווערן פון אינעווייניק. אויסלאָזן וועט זיך פון דעם נאָר דאָס, אַז די רעוואָלוציע וועט קאָמפּראָמעטירט ווערן. אַלע פיינט פון דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק וועלן מיט סימכע אָנווייזן: זעט, די ערשטע פּראָבע פון די רעוואָלוציאָנערן צו פאַרייניקן זייערע קרעפטן פאַר אַ געמיינזאַמער גרויסער זאַך האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך צעריסן צווישן זיך, און דיזע הערן וואַגן נאָך צו כאָלעמען וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דער רעוואָלוציע....

... בעכיין, פון וואס פאר א זייט מע זאָל ניט באטראכטן דעם לינקן בלאָק אין דומע, קומסטו צו איינעם און דעמזעלבן שלוס: דאָס איז אַ פאַנ-

טאַסטישער און אַ שעדלעכער עקספּערימענט. און דאָס, וואָס איז אוטאָפּיש און שעדלעך, דאַרף מען אַפילע גאָרניט פּרובירן טאָן.

ווי פּאָרט דארף זיך אויפירן די סאָציאַל-דעמאָקראטישע פראַקציע אין דומע? גייענדיק מיט איר זעלבשטענדיקן וועג, דאַרף זי אין דערזעלבער צייט ניט אַנדערש שטרעבן צו אָפּמאַכונגען. די אָפּמאכונגען דאַרפן פּאָרקומען פון איין פאַל צום צווייטן און וואָס אָפטער עס וועט מעגלעך זיין צו מאכן זיי, אַלץ בעסער איז. דערביי קען מען קוים צווייפלען, אַז די אָפּמאכונגען וועלן אַסאך אָפטער געשלאָסן ווערן אַף לינקס, מיט די גרופּן, וועלכע שטייען פאר דער רעוואָלוציאָנערער טאקטיק, איידער מיטן דומע-צענטר (קאַדעטן), וועלכע האלטן ניט פון קיין שום אנדער טאַקטיק, אַכוץ דער „פּארלאמענטאַרישער“. אויך וועט קוים ווער ניט איז ארויסזאָגן זיך קעגן דעם, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראטיע דארף זיך סטארען פאַריייניקן צוליב איינצלנע אַקטן וואס מער לינקע עלעמענטן, קעדיי „די לינקע אַרויסטרעטונגען“ אין דומע זאָלן קענען מאכן וואס אַ גרעסערן איינדרוק. נאָר דידאָזיקע אָפּמאכונגען טאָרן בעשום אויפן ניט בעמאכט ווערן אַפן יעסאָד פון אַ וועלכער ניט איז אָרגאניזאציאָנער פאַרבינדונג מיט די איבעריקע פראקציעס, ווי שוואַך דידאָזיקע פאַרבינדונג זאָל ניט זיין, ווייל יעדע פאַרבינדונג פון דעמדאָזיקן מין האט זיך איר אייזערנע לאָגיק, וועלכע מוז סאָפּקאָלסאָף ברענגען צום פארשמעלערן און פאַרדרייען די קלאסן-אויפגאבן.

242. די אידישע דעפּוטאטן.

(וול. ק. (אסאווסקי): „א קליינע אבער הייסע מישפּאכע“ „פאָלקסצייטונג“ נום. 331, 1907).

סאַכאַקל 3 זיינען זיי אין דומע. איינער פון קאָוונער גוב., דער צווייטער פון קורלאנדער, דער דריטער פון יעקאטערינאָסלאַוו. די דערגרייכער און די ציאָניסטן האבן קויכעס אַוועקגעלייגט אַף דורכצופירן זיי אין דומע — און זייער טירכע איז ניט געווען אומזיסט, מיר האבן זויכע געווען צו זען זיי אין טאַווורישן פּאַלאַץ. אין אַ קליינעם מאַסשטאַב באַווייזן זיי אונז אַ גענויעם בילד פון דער אידישער פאַרטרעטונג, ווי זי וואָלט אויסגעזען, ווען דאס וואָלט זיך געווענדעט נאָר אָן די ציאָניסטן און דערגרייכער.

דריי זיינען זיי אין דומע. אַ קליינע, נאָר אַ הייסע מישפּאָכע, אַן עמעס אידישער מעשולשלדיקער הארעס, וועלכער פאַרקערפּערט אין זיך די דריי בעסטע מידעס פון דער אידישער בורזשואַזער „אָפּאָזיציע“; דאָס שפּילן אין דיפּלאָמאַטיע, דעם גרעסטן אָפּשיי פאר דער מעמשאָלע און די טעלערלעקעריי פון אַ שקלאַף. אַ קליינטשיקע, נאָר אַ הייסע מישפּאָכע ענג פאַרבונדן דורך דעם קויעך-האדיבור פון... שווייגן. שווייגן — דאָס איז זייער „טאַקטיק“. זיי האָבן געשוויגן מער ווי א מאָנאט, זיי האבן געשוויגן אַפילע דאַן, ווען מע האט זיי דירעקט פּראָוואָצירט, צ. ב. ווען דער פינאנץ-מיניסטער האט געמאכט זיין בארימטע דערקלערונג, אַז אין רוסלאנד ווייס מען ניט פון

קיין נאציאָנאלער אונטערדריקונג. שווייגער, האבן זיי נאך ניט אָנגעהויבן צו ריידן, — לעמאַי זאלן זיי ריידן.

נאָר ס'איז געקומען זייער צייט אויך.

בעאייס די דעבאטן וועגן דער שרעקלעכער ריגער אינקוויזיציע האָבן, ניקער, שטיינער אויך אָנגעהויבן צו ריידן, און ס'איז געשעען אַ נעס: ס'האָט זיך א ריר געטאָן אַ ציאָניסטיש הערגרייכערישער רעפּוטאטישער שטיין און האט גענומען ריידן פון דער דומע-טריבונע. דער טעלעגראף האט אונז געבראכט פאָלגנדן קיצער פון זייער ריידן: „שאַפּירע האָט, אַז די רעגירונג האט ביז איצט ניט געוואוסט וועגן די שרעקן אין באלטישן געגנט, און וויל גלויבן, אַז דערוויסנדיק זיך פון דער דומע וועגן די דארטיקע איניאָנים, וועט זי מאכן פאר אומעגלעך, אַז זיי זאלן זיך איבערכאזערן". אָט אַזוי האט זיך אויסגעדריקט דער ה. שאַפּירא וועגן דער רעגירונג פון די שטראָף-עקספּעדיציעס, וועגן דער רעגירונג פון יענע „רעוויזאָרן", וועלכע גיבן דער אינקוויזיציע אַזאַ שיינעם נאָמען, ווי „מוזעאום". דאָס, וואס ס'וואָלט ניט פויל געווען באַ זיך צו זאָגן דער מאַסע אַ רעכטער קאַדעט, דאס האט געזאָגט אַ מענטש, וועלכער רעכנט זיך פאר א פאָרשטייער פון דער אונטערדריקטסטער נאַציע. אין דומע האט זיך צום ערשטן מאָל געלאָזט הערן די שטימע פון דעם אידישן „געטאָ". דיזאָזיקע שטימע וועט אָפּהילכן אין די אויערן פון די אָפּגעשטאַנענסטע עלעמענטן, און זיי וועלן דערזעען, וואס פאר א מין פּיירעס זיינען די קאנדידאטן פון די ציאָניסטן און דערגרייכער.

243. די אידן-פראַגע אין דער צווייטער דומע.

(ק. פרומין (י. בלומשטיין): „צו דער איד-פראַגע אין דער גאָסוד. דומע", „פאָלקצייטונג" נומ. 338, 1907)

אין אַ וואָך אַרום וועט זיך די דומע ווידער צונויפקלייבן און דאָס ערשטע געזעץ — אָדער איינס פון די ערשטע, מיט וועלכע זי וועט זיך האָבן צו באַשעפטיקן, וועט זיין דאָס געזעץ וועגן די אידישע רעכטן, אָדער, ריכטיקער, וועגן די אָפּשאַפונגען פון די באַגרעניצונגען פאר אידן.

דעם מאָל וועט די דומע באַטראַכטן די אידן-פראַגע ניט באַ דעם איניען וועגן אלגעמיינע בירגערלעכע גלייכבארעכטיקונג, ווי זי האָט געוואָלט טאָן פאראַיאָרן, נאָר באַ דעם געזעץ-פּראָיעקט וועגן רעליגיאָנס-פרייהייט. ווי אונזערע לעזער ווייסן שוין, האָט די רעגירונג, צווישן דעם כאַבול געזעץ-פּראָיעקטן, מיט וועלכע זי האָט פארפלייצט די איצטיקע דומע, אריינגעטראָגן אויך אפן ערשטן פּלאן א געזעץ-פּראָיעקט וועגן רעליגיאָנס-פרייהייט.

לויט דעמדאָזיקן פּראָיעקט, דארפן אָפּגעשאַפט ווערן אלע באגרעניצונגען, פון וועלכע דער בירגער ליידט, ווייל ער געהערט צו דער אָדער יענער עמונע.

וואָלט דער געזעץ דורכגעגאַנגען אין אַזאַ אַלגעמיינער פאָרם, וואָלטן שוין די אידן דורכדעם באַפרייט געוואָרן פון אַלע זייערע באַגרענעצונגען, ווייל יידיש ווערט דאָך אַ איד פּאָטער פון אַלע גזירעס, ווי נאָר ער טרעט אַרויס פון דער אידישער רעליגיע, אַלזאָ ליידט ער דאָך בלויז איבער זיין גלויבן.

די מעכאַברים פון דעם דערמאָנטן געזעץ-פּראָיעקט האָבן זיך דעריבער באַוואָרנט פון אַזאַ מוירעדיקער סאַקאָנע מיט אַ קליינטשינקער אַנמערקונג צום פּראָיעקט, אין וועלכן זיי זיינען מעפוירעש, אַז צו אידן און צו פּוילן האָט עס קיין שאייכעס ניט, ווארום דידאָזיקע פעלקער זיינען באַגרענעצט אין זייערע רעכטן, ניט איבער זייער גלויבן, נאָר איבער זייער נאַציע. דאָ שטעלט די רעגירונג אַרויס איר „קאָשער פּיסל". זי זאָגט זיך, הייסט דאָס, אין פּרינציפּ ניט אָפּ אָפּצושאַפן די באַגרענעצונג פון אידן אַלס נאַציע — כאָלילע! — אָבער מע קען דאָך עפּעס ניט אַריינפּאַלן, ווי אַ יאָוון אין סוקע, בעשאַס ס'רעדט זיך וועגן רעליגיאָנס-פרייהייט, קען מען דאָך ניט קומען מיט נאַציאָנאַלער פרייהייט.

אַלזאָ זי האָט דערביי אַ איר ציל דערגרייכט: געגעבן אידן, וואָס מע גיט אום פּייסעך, אַ לאַמדאָנעסדיק זיך אויסגעדרייט, אַ — הערט און וואונדערט זיך! — אידן פאַר אַ נאַציע זאָגאַר אַנערקענט. אַ זכיע, צו וועלכער מיר האָבן זיך ניט דערשלאָגן ניט בלויז בא די אָפּאָזיציאָנעלע, ראַכמאָנע ליצלאָן, קאַדעטן, נאָר אַפילע בא די רעוואָלוציאָנערע רוסישע סאָצ.-דעמאָקראַטן.

עמעס, די מעכאַברים פון די מיניסטערישע געזעץ-פּראָיעקטן האָבן אַליין ניט געגלויבט, דאָס ס'וועלן זיך געפינען אַזוינע שוטים, וואָס וועלן גלויבן אין דערדאָזיקער לאָמדישער דערקלערונג — איגם אונטערשייד צווישן רעליגיע און נאַציע, בענוגייע צו אידן — און דעריבער האָבן זיי בא די אַנדערע געזעץ-פּראָיעקטן וועגן די אַנדערע פרייהייטן שוין דידאָזיקע פייגן-בלעטער אויך אַראָפּגעוואָרפן און בא יעדן געזעץ באַזונדער אויסגעטייטשט גאָר פּאָשעט, לויט דעם אַלטן באַקאַנטן נוסעך: „אויסער אידן". און ניט בלויז בא אַזוינע האַנאָכעס, ווי, לעמאָשל, פאַרנעמען רעגירונגס-שטעלן און ד. גל., נאָר אַפילע בא דער קלאָגעדיקער פרייהייט אַריבערצופאָרן פון איין אָרט אַף דעם צווייטן, ניט געשעמט זיך צוצושרייבן שוואַרץ אַף ווייס: „אויסער אידן", פאַר וועלכע עס עקזיסטירט אַ באַזונדער „טכום".

די דומע-קאָמיסיע, וועלכע באַטראַכט דעם געזעץ-פּראָיעקט וועגן רעליגיאָנס-פרייהייט, האָט זיך אָבער געשטעלט אַף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. זי געפינט, אַז אַלע אידישע באַגרענעצונגען שטאַמען בלויז פון זייער גלויבן, און דעריבער האָט זי באַשלאָסן גראַד בא דעמדאָזיקן איניען צו באַטראַכטן די אידן-פראַגע אין איר פולן אומפאַנג, און מיט דער פולשטענדיקער רעליגיאָנס-פרייהייט אויך אָפּצושאַפן — אַף וויפל, פאַרשטייט זיך, ס'העגגט ביקלאַל אָפּ פון דער דומע — אַלע באַגרענעצונגען פון די אידן.

ווי דער „הזמן"[94] ווייס צו דערציילן, האָט מען אַפילע פון די הויכע ספערן געגעבן אַן אָנצוהערעניש די קאַדעטן — דאָסראַוו מיטגלידער פון דערדאָזיקער קאָמיסיע זיינען קאַדעטן — אַז איבער דער אידן-פראַגע קען אויסברעכן אַ קאָנפליקט מיט דער דומע. פונדעסטוועגן האָבן זיי באַשלאָסן צו באַווייזן אַ „גוואו-

דע" און ארויסרופן דידאזיקע סאקאנעסדיקע פראגע באלד נאך דער יאנטעוו-וואך, און אויב זיי וועלן בלייבן טריי זייער געשריבענעם פראגראם, וועלן זיי מוזן שטימען פאר אידישע גלייכבארעכטיקונג.

ביז דאס בין איך אבער אויסן. איך וויל אנווייזן אט וואס: דורכקוקנדיק אין דער קאמיסיע דאס גאנץ דיקע בוך, אין וועלכן עס זיינען צוזאמענגע-שטעלט געווארן די אלע ספעציעלע געזעצן פאר אידן, האט די קאמיסיע גע-פונען איין געזעץ, וועלכער ס׳האט בא איר ארויסגערופן א ספעק, צי קען ער אפגעשאפט ווערן דורך דעם געזעץ פון רעליגיאנס-פרייהייט.

דאסדאזיקע ספעקדיקע געזעץ פארבאט „אידן און די, וועלכע עס שטאמען פון פוילן" צו קויפן ערד אין דעם צאפן-מאירעווריקן געגנט. אייניקע אין דער קאמיסיע האבן געטאינעט, אז אין דעם געזעץ זעט מען באשיינפערלעך א נא-ציאנאלע און ניט קיין רעליגיעזע אורזאכע, און, ווי מ׳גיט איבער, זיינען גראד די אידישע מיטגלידער פון דער קאמיסיע נויטע געווען, אז דידאזיקע באגרעני-צונג זאל זיך דערווייללע בלייבן בענויגייע צו אידן, ביז זי וועט אפגעשאפט ווערן אויך פאר די פוילן. די קאמיסיע האט אבער אנגענומען, אז אידן זיינען ניט גלייך צו פוילן, און אויב פאר די פוילן איז ארויסגעגעבן געווארן די דער-מאנטע באגרעניצונג טאקע צוליב זייער אפשטאמונג, איז עס אבער פאר די אידן א באגרעניצונג בלויז איבער זייער גלויבן. דעריבער האט די קאמיסיע באשלאסן, אז אויך דידאזיקע באגרעניצונג דארף בענויגייע צו אידן אפגע-שאפט ווערן, ווי נאר דער געזעץ וועגן רעליגיאנס-פרייהייט וועט אנגענומען ווערן.

בא די הערן קאדעטן פון דער קאמיסיע איז עס ניט אינגאנצן צופעליק, וואס זיי ווילן די אידן-פראגע „אין איר פולן אומפאנג" לייזן בא דעם איניען פון רעליגיאנס-פרייהייט; זיי גלויבן בעעמעס, אז אידן זיינען באגרעניצט בלויז איבער זייער עמונע, ווייל אידן, אלס אידן, אונטערשיידן זיך פון די אנדערע רוסישע בירגער מער ניט, ווי דורך זייער גלויבן; אז אידן זיינען, הייסט עס, ניט מער, ווי א רעליגיעזע, אבער ניט קיין נאציאנאלע גרופע.

און דעריבער: נאט אייך רעליגיאנס-פרייהייט און — יויצע! ווארום מער פאדערט זיך פאר אייך, אידן, ניט.

וואס איז שאיעך צו מיר, איז אויב איך וואלט ניט מוירע געהאט פאר צו גרויסע אפיקארסעס, וואלט איך געזאגט, — אז אין פרינציפ איז די יעזואיטישע סווארע פון דער רעגירונג (אז אידן זיינען באגרעניצט אלס נאציע) פיל ריכ-טיקער, איידער די קאדעטישע אין דער קאמיסיע. די אידן-פראגע אין איר פולן אומפאנג, קען בעשום אויפן ניט געלייזט ווערן בלויז בא דעם איין פונקט פון רעליגיאנס-פרייהייט. די אידן-פראגע איז בלויז צום טייל א רעליגיעזע פראגע; אין איר פולן אומפאנג איז זי אבער בלי שום ספק א נאציאנאלע פראגע, און אלס א נאציאנאלע פראגע קען זי געוויס איינגאנצן ניט געלייזט ווערן דורך דעם, וואס אלע רוסלענדער בירגער וועלן באקומען רעליגיאנס-פרייהייט.

די אידן-פראגע איז איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע פראגן אין דער

רוסיש־ביוראָקראַטישער פּאָליטיק ביכלאל. דאָס איז פאַר קיינעם קיין סאָד ניט, ניט אומזיסט סטראַשעט מען פון אויבן זאָגאַר מיט אַ קאָנפליקט איבער דער־דאָזיקער פאַרפלוכטער פראַגע; און דורכפירן דידאָזיקע האַרבע און וויכטיקע פראַגע, אַזוי צו זאָגן, בעדערעך אַגעוו, אַלס אַ שטיקל הויסאָפּע צו דער רעליגיאָנס־פרייהייט, — איז מער ניט, ווי אָפּנאַרן זיך אַליין, וואָרום די רעגירונג וועט מען מיט דעמדאָזיקן קונץ סאַי־ווי־סאַי ניט אָפּנאַרן און דער געזעץ וועט זיכער דורכן גאָסוד. סאָוועט אַלץ איינס ניט דורכגיין.

אַלזאָ וואָס? די דומע דאַרף אָפן, קלאָר און שאַרף ארויסזאָגן איר אַווטאָריטעטע מיינונג וועגן דער אידן־פראַגע — לעמאַאַן דאַאַס, קעדיי אייראָפּע פון דרויסן און דאָס גאַנץ רוסלענדישע פאָלק אינעווייניק און איבערהויפּט די גרויסע און ברייטע פויערים־מאַסן זאָלן וויסן, ווי די פאָלקס־פאַרטרעטער פאַרהאַלטן זיך צו די אידן.

צוליב אזא דעקלאַראַציע פון די אידן־רעכטן דאַרף מען אָבער די אידן־פראגע ארויסשטעלן אלס א זעלבשטענדיקן פונקט אף דער טאַגעס־אָרדענונג, קעדיי צו באטראכטן און באלויכטן זי פון אלע זייטן: פון רעליגיעזן, עקאָנאָמישן און נאציאָנאַלן שטאַנדפונקט, און ניט לאָזן זי דערטרונקען ווערן אין די 18 פארשיידענע פאראגראפן וועגן רעליגיעזע פרייהייט, וואו זי וועט זיין א טאָפּל צו אן איקער (די רעליגיאָנס־פרייהייט), וועלכע איז בעעצעם ווייניקער וויכטיק, איידער זי אליין פאר זיך.

פאַר די הערן קאַדעטן, וועלכע ס'האַלטן זיך בענויגייע צו די אידן אָן דער אַלטער, פאַרשימלטער אַסימילאַציאָנס־טעאָריע, וועלכע זיי האָבן דורך מיליוקאָוון און סטרואווען אויך קלאָר און דייטלעך ארויסגעזאָגט אין דער פרעסע, — פאַר די הערן קאַדעטן איז די אידן־פראַגע טאַקע בעעצעם ניט קיין נאַציאָנאַלע פראַגע, ווייל פאַר זיי זיינען אידן ניט קיין נאַציע, אידן זיינען בלויז מוישע ראַביינעס רוסן, מוישע ראַביינעס פּאָליאַקן א. ד. גל. דעריבער דאַרף מען זיי באַפרייען בלויז דעם מוישע ראַביינעס טייל זייערן, ד. ה. געבן זיי פולע רעליגיאָנס־פרייהייט און בעמיילע, וועלן זיי שוין ווערן פולשטענדיק, פרייע רוסן, פוילן א. ד. גל.

פאַר אונז, אידן, איז אָבער די רעליגיאָנס־פרייהייט אַפילע אין אַזאַ ברייטן אומפאַנג, ווי די קאַדעטישע דומע־קאָמיסיע גיט איר צו, בלויז אַ האַלבע פרייהייט. זידאָזיקע פרייהייט שאַפט אָפּ — טעאָרעטיש, נאַטירלעך, וואָרום פּראַקטיש וועט עס זיך וועבדן ניט בלויז אָן דער דומע, נאָר אונזערע בירגערלעכע רעכטלאָזיקייט, גיט אונז אָבער ניט קיינע פּאָזיטיווע קולטור־נאַציאָנאַלע רעכטן, אין וועלכע מיר נויטיקן זיך, אַלס נאַציע, ניט ווייניקער איידער אַלע אַנדערע מער יאָסעמוקערע נאַציאָנען.

האַלבע פרייהייט איז אָבער קיינע פרייהייט. מיט אַזאַ האַלבער פרייהייט קען זיך באַנוגענען דער ה' אַכאַד האָאָם און קאָמפּאַניע, מיט אַזאַ האַלבער פרייהייט וועלן זיך עפּשער צופרידן שטעלן אונזערע דריי אידישע דעפּוטאַטן (און אין דעם זין האָט זיך טאַקע שוין ארויסגעזאָגט דער ה' שאַפּיראָ אין זייער נאָמען פאַר אַ מיטאַרבעטער פון „אונזער לעבן"), דער אידישער פראָלע־

שאַריאַט אָבער, אַף וועמעס פּאַן עס שטייט אָנגעשריבן זיי פאָדערונג פון קולטור-נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע, וועט זיך מיט אַזוינע ברעקלעך פרייהייט זיכער ניט צופרידן שטעלן.

אונזערע אָפשטאַמונגס-ברידער אין מאַירעוו-אייראָפּע האָבן זיך אַמאָל דורכויס צופרידן געשטעלט בלויז מיט דער אָפּשאַפונג פון די אידישע גזירעס און האָבן זיך פון יעדע פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע רעכטן אָפּגעטרייסלט זאָגאַר מיט הענט און פיס—דאָס זיינען אָבער געווען בורזשואַזע אידן, לויט זייערע קלאַסן-אינטערעסן, מער נויטע צו אַסימילאַציע. בײַ אונז זיינען אָבער גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען. בײַ אונז זיינען דאָ מיליאָנען אידישע אַרבעטער און קליין-בירגער, וועלכע זיינען ערנסט פאַרינטערעסירט אין די פּאָזיטיווע קולטור-נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פאַר דאָס אידישע פאָלק. און זיי דאַרפן דעריבער זעען צו ווירקן, מיט וואָס נאָר זיי קענען, אַז די דומע זאָל פונם ערשטן מאָמענט אָן אַף איין האָר ניט אָפּטרעטן פון אונזער דורכויס גערעכטער פאָדערונג: בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע פולבאַרעכטיקונג.

מע מוז שוין באַם ערשטן אַרויסטרעטן אַף דער דומע-טריבונע אויסטייטשן קלאָר און שאַרף פאַר אַלע אַנדערע פעלקער און נאַציאָנען פון רוסלאַנד, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט אַזוינע קולטור-נאַציאָנאַלע באַדערפעגישן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער און נאַציאָנען פון אונזער פאַטערלאַנד, אַז דאָס אידישע פאָלק פאָדערט זיי, קעמפט פאַר זיי און האָפט ניט אַנדערש אויך צו דערשלאָגן זיך צו זיי אינם קומענדיקן פרייען רוסלאַנד.

מע מוז דידאָזיקע פאָדערונגען פונם אידישן פאָלק ביכלאַל און פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט ביפראַט הויך און ברייט רעקלאַמירן פון דער דומע-טריבונע, ניט פאַרשטעקן זיי אין אַ זייטיקן ווינקל, ניט שעמען זיך מיט זיי. און דעריבער געפינען מיר, אַז די גאַנצע קאדעטישע „אויבער-כאכמע״, דורכשלעפּן די אידן-פראַגע אַלס אַ מין קאָנטראַבאַנד, צווישן די 18 פּאַראַגראַפן וועגן רעליגיאָנס-פרייהייט איז דורכויס אַ פאַלשע.

צום שלוס וועלן מיר באַמערקן, אַז לויט מ׳גיט אונז איבער, אַרבעט אויס די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע אַ ספּעציעלן געזעצפּראָיעקט וועגן נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג. אין וועלכן, פאַרשטייט זיך, די אידן וועלן אויך ניט פעלן.

עמעס, אין דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע וועלן מיר אויך, אין דעם פראַט, ניט האָבן קיין גוטע אַדוואָקאַטן, וואָרום אַלע וויסן דאָך זייער קוק אַף דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון דער אידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אָבער נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג איז אַ פּונקט אין זייער פּראָגראַם און דערפאַר וועלן זיי, בלי שום ספק, אויך שטיין אין דומע אָן דער „עכט רוסישער״ הויסאָפּע: „אַ כוץ אידן״. אונזער אויפגאַבע איז בלויז זיי געבן צו וויסן, אַז מיר ווילן זיך זעלבסט באַשטימען אַלס אַ נאַציע, און דאָס וועלן די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער אויך זיכער טאָן און וואָס פריער—אַלץ בעסער.

XXXII. דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדער סאָצ.-דעמ. אַרבעטער-פאַרטיי

244. אַפן וועג קיין לאָנדאָן.

(פון ב. מי. (כאַלעוויטשעס[95]) „זיכרוינעס פון אַ אידישן סאָציאַליסט“ באַנד 3, וואַרשע 1923 ז. ז. 131-137)

...אין קאָפּענהאַגן אַפן וואָקזאַל האָבן מיר אָפּגעוואַרט מיטגלידער פון דער „אָרדענונגס-קאָמיסיע“ און גלייך דערציילט, אַז מע מוז נאָך היינט באַטאָג פון דאַנען אָפּפאָרן. וואָס איז געשען? באַשער-בעכיין, דער רוסישער אינערן מיניסטער סטאָליפּין האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, אַז אין קאָפּענהאַגן דאַרף פאָרקומען דער צוזאמענפאָר פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פארטיי, האָט ער זיך געווענדעט מיט א „באַקאָשע“ צו דער דענישער רעגירונג, זי זאָל ניט דערלאָזן בא זיך די פארזאמלונג פון די רוסישע „טעראָריסטן און אנארכיסטן“...

די דענישע סאָציאַל-דעמאָקראטישע פירער האָבן זיך אונטערגענומען דורכפירן בא זיך אונזער צוזאמענפאָר אונטער א פיקטיווער פירמע, אלס צוזאמענקונפט פון מוזיקער, אָדער אן אנדער קאָרפּאראציע. די פּאָליציי וואָלט געקוקט דערויף מיט פארמאכטע אויגן. איצט אָבער, אז די זאך איז שוין דערגאנגען צו דער רוסישער רעגירונג, האָבן די דענישע מאכט-ספערן זיך דערשראָקן פאר דיפּלאָמאטישע קאָמפּליקאציעס מיט רוסלאנד און האָבן פאראָרדנט, אז מיר זאָלן טייקעף פארלאָזן דענעמארק, אויב ניט, וועט מען אונז ארעסטירן און ארויסשיקן מיט געוואלט.

ס'איז ניט געווען צו מאכן. מיר האָבן געמוזט פאָלגן. מיר זיינען זיך שוין צוזאמענגעפאָרן אהער העכער צוויי הונדערט מאן. וואוהין פאָרט מען ווייטער? ווי מאכט מען, מיר זאָלן זיך ניט פאנאנדערווארפן און פארלירן איינע די צווייטע?...

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער דענישער סאָציאַל-דעמאָקראטישער פארטיי איז אונז געווען שטארק באהילפיק אין דער לאגע. ער האָט אויסגעפּויעלט בא דער מאכט, אז מע זאָל אונז נאָך לאָזן פארבלייבן אין קאָפּענהאגן אייניקע טעג, ביז מיר וועלן אויסגעפינען פאר זיך א מאָקעם-מענוכע. מע האָט

אונז אָפּגעגעבן, אָדער ריכטיקער געזאָגט: מיר האָבן פּאַשעט אָקופּירט פאַר זיך דעם גרויסן קאָפּענהאגענער וואָקזאַל, וועלכן מיר האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ מיטינג־זאַל.

ער האָט בעעמעס באַקומען אַן אויסטערליש־מעשונעדיקן אויסזען: צענדליקער גרופּקעס זיינען דאָרט געשטאַנען גאַנצע עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און דעבאַטירט, זשעסטיקולירט, געשריען און זיך אַרומגעריסן. ס'אַ גערמיש פון שפּראַכן, מאַלבושים און ראַסן! באַזונדערס טיילן זיך אויס די קאַווקאַזער דעלעגאַטן מיט זייערע הויכע פּאַפּאַכעס און קאָקעטיש פאַרוואָרפענע באַשליקן. ס'וואַרפן זיך אין די אויגן די גרויס־רוסישע אַרבעטער אין זייערע קורצע שפּאַנצערס און פוטערנע היטלען; די אוראַלער מיט זייערע בעגאָדים גיבן אויך צו אַ באַזונדער פאַרב אין דער פּאָלקאָלירטקייט פון די קאָסטיומען.

יעדער אָרטיקער איינוואוינער, אַז ער איז צוגעקומען צום וואָקזאַל און האָט דערזען פאַר זיך אַזאַ בילד, האָט זיך טאַקע וואָס שנעלער אָפּגעטראָגן פון דאָרטן. די פּאַסאַזשיר־קאַסעס זיינען צוליב אונז איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדער בינין — אַפן הויף; דאָ האָבן מיר באַלעבאַטעוועט, ווי באַ זיך אין דער היים.

אָבער וואָס וועלן מיר דאָ אויסשטיין? דאָס איינציקע לאַנד, אַף וועלכעס מיר האָבן געקענט האָפן, איז געווען ענגלאַנד. איז אָבער די צאָרע, וואָס קיין שום שיף־געזעלשאַפט האָט אונז ניט געוואָלט אַהין פירן, אויס מוירע, אַז מע זאָל אונז דאָרט אויך ניט אַריינלאָזן, און איר שיף וואָלט געמוזט מיט אונז אַרומשווימען איבערן יאַם, ווי דער „פליענדיקער האָלענדער".

מע האָט דאַרום דעפּעשירט צו דער ענגלישער רעגירונג, צי אונז וועט זיין דערלויבט אַריינצוקומען קיין ענגלאַנד. דער ענטפער איז געווען אַ קורצער און אַ לאַקאַנישער: ענגלאַנד האָט קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן אירע טירן פאַר עמיגראַנטן. איצט האָט מען שוין אָנגעהויבן אונטערצוהאַנדלען מיט אַ שיף־געזעלשאַפט. מיר האָבן אָפּגעדונגען די גאַנצע שיף מיט אירע אַלע דריי קלאַסן פאַר זיך און זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

קעדיי אויסצומיידן מעניעס מיצאַד דער עמיגראַנטן־קאָנטראָל אין ענגלאַנד (דאָס פאַרמאָגן אַ געוויסע סומע פונטן) האָבן מיר זיך באַזאָרגט מיט פּאַפּירלעך, אַרויסגעגעבן דורך דעם דענישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן עקזעקוטיוו, אַז מיר זיינען פּאָליטישע עמיגראַנטן — „ציי׳געניש פון אונזער פּאָליטישער קאַשרעס", ווי מיר האָבן דאָס אָנגערופן.

ביז דער שיף האָבן מיר נאָך געדאַרפט פאָרן אַ שאָ צען מיטן באַן. מיר פאָרן אָפּ די ערשטע פּאָר קליינע סטאַנציעס, דער צוג דערנעענטערט זיך צו אַ גרעסערער שטאָט, איך געדענק שוין ניט דעם נאָמען. מיר דערזעען דורכן פענסטער אַפן פעראָן אַ גרויסן פאַרזאַמלטן עולם מיט אַן אָרקעסטער און רויטע פאָנען. דער צוג שטעלט זיך אָפּ. דער אָרקעסטער שפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל", מע פאָכט צו אונז מיט טיכלעך, מע סאַלוטירט מיט די פאָנען.

צענדליקער געזונטע העלזער פון די וואַגאָנעס האָבן באַלד, אינסטינקטיוו נאָך, אונטערגעכאַפּט די מעכטיקע, ענטוזיאַסטישע טענער פון דעם ליד, וואָס איז אַזוי היימיש־פאַרשטענדלעך אַלע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט.

אַן עלטערער דענער רעדט עפּעס צו אונז, אַ צווייטער זעצט דאָס באַלד איבער אױף דײַטש. מיר הערן ניט, וואָס מע רעדט, אונז גייט דאָס אַפילו ניט אָן. מיר פאַרשטייען זיך אָן ווערטער, מיר דערשפּירן זיך נאָענט, ברידערלעך נאָענט צו די דאָזיקע פרעמדע, הויכע און רויטע מענטשן, וועלכע מיר זעען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. אַ דונערנדיקער „הוראַ" שאַלט אַרויס פון אונזערע וואַגאָנעס, דער אָרקעסטער שפּילט „מאַרסעליעזע", רויטע פאָנען בויגן זיך, און הונדערטער טיכלעך באַגריסן אונז נאָך לאַנג.

אין קיפּע, וואו איך בין געזעסן, איז אַרײַנגעקומען אַ פּאַסאַזשיר פון יענער סטאַנציע. ער דערציילט אונז, אַז די דאָזיקע באַגעגעניש האָט מען אונז געמאַכט, לויט דער טעלעגראַפישער פאַראָרדענונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. אַזאַ דעפּעש־דירעקטיוו איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אַלע אָרגאַניזאַציעס אויפן וועג צו אונזער האַפן.

דאָס דאַרף זײַן אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט־געפילן פון דענישן פּראָלעטאַריאַט, און אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע קעגן דער רעגירונג, וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַרן קעניגס אייניקל (ניקאָלאַיס מוטער איז אַ טאָכטער פון דענישן קעניג) און האָט אונז פאַרטריבן פון לאַנד. דאָס איז אַ פאַרגעוואַלטיקונג פון דער פּאָליטישער פרײַהייט פון דער קליינער דענעמאַרק. אונזער ניי־ער שאָכן האָט אויך באַקומען דעם אויפטראַג צו באַגלייטן אונז ביז לאָנדאָן, און פון דאָרט קאָרעספּאָנדירן פאַר זײַן צײַטונג.

ווײַטערלעך, די זעלבע סצענע איז פאָרגעקומען אויף יעדער באַטייטנדער סטאַנציע מיט אַ גרעסערן אָדער קלענערן סכום אָנטיילנעמער. שפּעט אין אָוונט זײַנען מיר צוגעקומען צום שטעטל, וואו מיר האָבן זיך געדאַרפט זעצן אויפן שיף.

מיר „לאַנדעווען" זיך אויס פון די וואַגאָנעס. מיר שטעלן זיך אויס גרופּעסווײַז — אַ נײַער סיורפּריז: אונז נעמט איבער אַ גרויסע צאָל פּאָליציאַנטן אין אוניפאָרמען. דער עולם ווערט נערוועז. מיר ווילן ניט גיין מיט פּאָליציי! — הערן זיך קולעס. — מיר וועלן דאָ פאַרבלײַבן נעכטיקן!

די דײַטש־רעדנער שטילן אײַן דעם צעבונטעוועטן עולם, מע קלערט אויף באַ די, וואָס זײַנען אונז געקומען מקבל־פּנים זײַן, דעם איניען, און ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס האָט אונז דער אָרטיקער מוניציפּאַליטעט, וועלכער געפֿינט זיך אין די אַרבעטער־הענט, געשיקט זײַנע פּאָליציאַנטן אונז באַגעגענען און אָפּפירן אין פאַרשיידענע האָטעלן און פּריוואַטע וואוינונגען. אויף 10 אין אָוונט זײַנען מיר אײַנגעלאַדן געוואָרן אויף אַ באַנקעט, וואָס ווערט לכּבֿוד אונז געמאַכט.

כּעוורע בעט זיך איבער. מע ווערט פרײַלעכער. מע איז אַפילו אין רוסלאַנד ניט געוואוינט געווען צו גיין מיט פּאָליציאַנטן, ווי מיט חבֿרים, אָבער

דאָ איז אַלץ אַנדערש. ס'איז טאַקע אַן אויסערגעוויינלעך שטעטל. דער נאָמען פֿונם דאָזיקן שטעטל איז מיר שוין איצט ארויס פֿון זיקאָרן.

באשטאַנען אין זיין גרעסטער מערהייט פֿון מאַטראָסן און פֿישער, האָבן די סאָצ.-דעמאָקראטן געהאַט אַ מערהייט אין אַלע שטאָטישע פֿארוואַלטונגס-אָרגאַנען. די אָרטיקע איינוואוינער, אָן אויסנאַם, האָבן ארויסגעוויזן א גרויסע סימפּאַטיע צו אונז. מיר איז אויסגעקומען צו זיין באַם דאָרטיקן פּאַסטאָר. ער אַליין, זאָגט ער, איז ניט קיין סאָציאַל-דעמאָקראַט. אָבער גיט נאָר די ארבעטער זיינען אויפגערעגט, וואָס מע האָט אונז מעשאַלייעך געווען פֿון דאַנען. דאָס איז אַ גרויסע באַליידיקונג פֿאַר אלע דענישע בירגער. די רעגירונג האט אַרויסגעוויזן דערמיט אַ מיעסע פּאַכדאָנעס און דערפֿאַר פּראָטעסטירן, צוזאַמען מיט די ארבעטער, אויך אַלע דעמאָקראַטיש-בירגערלעכע עלעמענטן.

לאַנג פֿארבלייבן אָבער אין דעם עלדאָראַדאָ, וואו מע האָט אונז אַזוי גוט אויפגענומען און זאַט געשפּייזט, האָבן מיר ניט געקאָנט. אף מאָרגן נאָכמיטאָג איז אונזער שיף אָפּגעגאַנגען קיין לאָנדאָן.

אויך דאס געזעגענען זיך מיט אונז איז ארויסגעקומען וייער אימפּאָזאַנט. צום שיף זיינען געקומען דעלעגאַציעס פֿון פֿארשיידענע פֿאריינען מיט זייערע פֿאָנען און אָרקעסטערס. שול-קינדער, געקליידעט אין ווייסן מיט זייערע לערער אָן דער שפּיץ האָבן אונז אָפּגעוואַרט באַם האַפֿן. מוזיק האָט געשפּילט. רעדנער פֿון ביידע צדאָדים האָבן גערעדט. מיר האָבן זיך געשיידט מיט די אומבאקאַנטע מאַטראָסן-איינוואוינער, ווי מיט אַלטע גוטע פֿריינט, זינגענדיק צוזאַמען איינע און דיזעלבע לידער, הגאַם אַף פֿאַרשיידענע שפּראכן.

או מיר זיינען שוין געווען ווייט אין אָפֿענעם יאַם האָט אונז ווידער אָפּגעוואַרט אַ סיורפּריז: דער ערשטער אינזל איז געווען אינגאַנצן באדעקט מיט רויטע פֿאָנען און אַן ארבעטער-אָרקעסטער האט אונז באגלייט מיט די מונטערע טענער פֿון „אינטערנאציאָנאל"...

פֿאַרהאַרטעוועטסטע רעוואָלוציאָנערן זיינען דעמאָלט געווען גערירט פֿון דעם אלעם ביז טרערן, און מיר זיינען יענע בילדער פֿארבליבן אדהאַיאַם, ווי אַן ערינערונג פֿון אַ שיין פֿאַנטאַסטיש מאַיסעלע...

מיט גרויס מי און מאטערניש האָט מען צוזאמענגעבראכט די גרויסע מענגע דעלעגאַטן קיין לאָנדאָן...

245. די בונדישע דעלעגאַציע צום לאָנדאָנער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין ציפער.

(פון כ׳ ליאדאָװס אַרטיקל אין זאמלבוך „דער 5־טער (לאָנדאָנער) פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר״, מאָסקװע, ז.ז. 76—81).

דעלעגאַציעס און פראַקציעס	די צאָל דעלעג.	%	די צאָל פּאַרטיי־מיט־גלידער	דער %
באָלשעװיקעס	91	29,9	46.143	31,4
מענשעװיקעס	89	29,2	38.174	25,6
בונדיסטן	55	18,0	25.468	17,0
פּױלישע סאָצ.־דעמ.	44	14,4	25.654	17,2
לאַטװישע סאָצ.־דעמ. . . .	26	8,5	13.000	8,7
צוזאַמען . . .	305	100	148.939	100

צום VI־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אין אױגוסט 1906 האָט דער „בונד״ צוגעצײלט איבער 30 טױזנט מיטגלידער — די אַקטיװיטעט איז אָף אַזאַ אױפ געפאַלן.

די יעדיעס װעגן די דעלעגאַטן זעלבסט גיבן א פאָרשטעלונג װעגן די אַנפירנדע קרײזן, װעגן די „קאַדרען״ פון יעדער פראַקציע אָדער דעלעגאַציע.

לױט דער פּראָפעסיע. דעלעגאַטן־אַרבעטער זײנען אין דער בונדישער דעלעגאַציע געװען נאָר 9, ד. ה. אַן ערעך 16 פּראָצענט פון דער גאַנצער דעלעגאַציע, בעאײט אַפן צוזאַמענפאָר אַלט גאַנצן בילדן די ארבעטער 34,5 פּראָצענט, בא די באָלשעװיקעס—36,3 פּראָצ., בא די פּױלישע סאָצ.־דעמ.—61,3 פּראָצ., בא די לאַטישן—41,5 פּראָצ. װען מע זאָל אַלע דעלעגאַטן אײנטײלן אין דרײ קאַטעגאָריעס: פּראָלעטאַריער, אינטעליגענטן און אומבאַשטימטע, באַקומט זיך פאָלגנדע טאַבעלע נאָכן פּראָצענט:

פראַקציעס / גרופּן	באָלשע־װיקעס	מענשע־װיקעס	בונ־דיסטן	פּױלישע ס.־ד.	לאַטישן	דער גאַנ־צער צו־זאַמענש.
רײן פּראָלעטאַרישע .	47,6	37,0	24,5	63,6	44,8	42,0
רײן אינטעליגענטישע .	31,5	37,2	52,3	22,7	48,4	37,7
אומבאַשטימטע . .	20,9	25,8	22,7	13,7	6,8	20,3
	100	100	100	100	100	100

אין דער בונדישער דעלעגאַציע איז די צונויפשטעלונג די אומגינסטיקסטע, לויט דער בילדונג. די בונדישע דעלעגאַציע צייכנט זיך אויס מיט זייער אַ קליינעם פּראָצענט פון די, וואָס האָבן באַקומען אַ העכערע בילדונג—8,5 (דער אַלגעמיינער פּראָצענט איז 15,5), זייער אַ הויכן פּראָצענט מיט מיטעלער בילדונג—54,4 (בּאַ 40,8 אין אַלגעמיין). דאָס אַנטשפּרעכט דעם שוין געבראַכטן בילד פון פּראָפעסיאָנעלן באַשטאַנד.

פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן. אַפן כעשבן פון פּאַרטיי, ד. ה. „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", ווי מ'פלעגט דאָס דאַן אָנרופן, זיינען צווישן די בונדישע דעלעגאַטן געווען 56 פּראָצענט—צוויי מאָל מער, איידער בּאַ די באָלשעוויקעס, קימאַט אַזוי פיל, ווי בּאַ די פּ. ס. ד. און פיל גרעסער איידער דער אַלגעמיינער פּראָצענט (35) אַפן צוזאַמענפאָר. דאָס באַווייזט, אַז די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פון „בונד" איז געווען זייער פאַרצווייגט און געשלאָסן.

דער עלטער פון די בונדישע דעלעגאַטן איז קימאַט דערזעלבער ווי אַפן גאַנצן צוזאַמענפאָר: 41 פּראָצ. דעלעגאַטן אין עלטער פון 25—30 יאָרן, 37 פּראָצענט אין עלטער פון 21—25, 9 פּראָצענט—פון 31 ביז 35 יאָרן.

246. דער פראַקציאָנעלער קאַמף אַפן צוזאַמענפאָר.

(פון כ. ליאַשענקאָס אַרטיקל אין זאַמלבוך „דער סאַכאַקל פון לאָנדאָנער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר", פּעטערבורג 1907).

דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ. איז געווען דער ערשטער אַלרוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער צוזאַמענפאָר; אַף אים איז געווען פאָרגעשטעלט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין איר גאַנצן איצטיקן אומפאַנג מיט די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אין איר אַריין: מיט דער פּוילישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, מיטן „בונד" און מיט דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון לאַטווישער געגנט.

...לויט די פראַקציעס און נאַציאָנאַלע גרופּירונגען איז דער צוזאַמענפאָר באַשטאַנען פון פינף זעלבשטענדיקע טיילן: פון דער באָלשעוויסטישער און מענשעוויסטישער פראַקציעס און פון דער פּוילישער, בונדישער און לעטישער דעלעגאַציעס. בעגריגייע דער צאָל-גרויסקייט פון דידאָזיקע טיילן איז איבער די שטענדיקע ענדערונגען (דאָס אָנקומען פון נייע דעלעגאַטן א. א. וו.) שווער צו געבן פולקום גענויע ציפער; די לעפּיערעכדיקע ציפערן פון די, וואָס האָבן גענומען אַן אַנטייל אין די אָפּשטימונגען, זיינען פאָלגנדיקע: באָלשעוויקעס—81—90, מענשעוויקעס 80 - 85, פּאָליאַקן 39—45, בונדיסטן 54—56, לעטן 25—26.

...אָבער לויט דער טאַקטישער „ריכטונג" אָדער לויט דער פראַקציאָנעלער פיזיאָנאָמיע איז די איינטיילונג פון די דעלעגאַטן געווען גאָר אַן אַנדערע. צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן און אָפּאָרטוניסטישן פליגלען פונם רוסישן טייל פון דער פּאַרטיי—צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס—האָבן די

צענטראַלע פּאָזיציע פאַרנומען די נאַציאָנאַלע דעלעגאַציעס. עס האָבן זיך גע־בילדעט, ווי מע פּלעגט זאָגן אויפן צוזאַמענפאָר, דריי צענטרען: 1) דער לינקער צענטער — די פּוילישע דעלעגאַציע, וועלכע פּלעגט שטענדיק אין אַלע פּרינציפּיעלע פראַגן גיין צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, איינהאַלטנדיק אָבער צוזאַמען דערמיט אַלע באַזונדערקייטן פון איר אייגענער טאַקטישער פּאָזיציע. אָבער ווי נאָר עס פּלעגט זיך האַנדלען וועגן פראַקציאָנעלע אָדער אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, פּלעגט שוין די פּוילישע דעלעגאַציע זיך האַלטן אַלס צענטער, באַמיענדיק זיך, אַז קיינער זאָל ניט איבערוועגן; 2) דער רעכטער צענטער — דער „בונד“, וועלכער האָט אויפן באַשטימטסטן אויפן אַרויס־געוויזן אַ שטרעבונג דורכצוקומען מיט די מענשעוויקעס, האָט פּאַקטיש די גאַנצע צייט דורכגעפירט אויפן צוזאַמענפאָר די מענשעוויסטישע פּאָליטיק, נאָר צוזאַמען דערמיט פּלעגט ער זיך אויך האַלטן אַלס צענטער, ניט דערלאָזנדיק, אַז די עקסטרעמע טיילן זאָלן באַקומען די איבערהאַנט; צום סוף 3) די לעטן, אַלס צענטער, האָבן געשפּילט אויפן צוזאַמענפאָר אַ באַשליסנדיקע ראָלע. אין זייער פּאָזיציע האָט זיך אַמבעסטנס אַרויסגעוויזן די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטישע ליניע פון צוזאַמענפאָר־צענטער: אומעטום, ווי ווייט נאָר מעגלעך, גלאַט מאַכן די שאַרפע זייטן און בעשום אויפן ניט דערלאָזן, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן האָבן די איבערהאַנט אין פראַקציאָנעלע, אָרגאַניזאַציאָנעלע, פּערזענלעכע און אַנדערע פראַגן.

...אַלזאָ, אַזוי ווי ניט די באָלשעוויקעס און ניט די מענשעוויקעס האָבן ניט געקאָנט איבערוועגן מיט דער צאָל פון זייערע שטימען, פּלעגט דער צוזאַמענפאָר אָננעמען זיינע באַשלוסן נאָר אדאַנק די אָדער יענע קאָמבינאַציעס מיט די נאַציאָנאַלע גרופּעס.

...דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר האָט זיך געעפנט דעם 13־טן מאַי (נייעם סטיל) 6 אזייגער מיט 45 מינוט מיט דעם כ׳ פּלעכאַנאָוס[96] ר״ע. צייטווייליקער פּאָרזיצער איז געווען כ׳ אַבראַמאָוויטש.

אין פּרעזידיום האָט מען באַשטימט אויסצוקלייבן 5 מענטשן, לויט דער צאָל פון די פראַקציעס, וואָס זיינען געווען אויפן צוזאַמענפאָר.

...אַלס קאַנדידאַטן אין פּרעזידיום זיינען פאָרגעלייגט געוואָרן די כ״כ: לענין, דאַן, וויניצקי (בונדיסט), אזיס (אַ לעט), פּלעכאַנאָוו (האָט זיך צולעצט אָפּגעזאָגט) און טישקאַ (אַ פּאָליאַק). די רעזולטאַטן פון דער אָפּשטימונג האָבן זיך באַקומען פאָלגנדיקע: אין סאַכאַקל האָט מען אָפּגעגעבן 278 וואַל־צעטלען; כ׳ אזיס האָט באַקומען 272 שטימען (פאַר אים האָבן געשטימט קימאַט אַלע פראַקציעס), כ׳ טישקאָ—188, כ׳ וויניצקי—187, כ׳ לענין—144, כ׳ דאַן—143, כ׳ פּלעכאַנאָוו—120 און זאַלעווסקי—80. אַף אַזאַ אויפן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן די כ״כ אַזיס, טישקאַ, וויניצקי, לענין און דאַן.

...אַף דער באַהאַנדלונג פון דעם טאָג־אָרדענונג האָט מען געפאַטערט קימאַט 4 זיצונגען. אין ביוראָ האָבן זיך געפונען 3 פּראָיעקטן פון טאָג־אָרדענונג: 1) דער פּראָיעקט פון צ. ק., 2) דער באָלשעוויסטישער פּראָיעקט, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַף איינעם פון די פּריוואַטע באַראַטונגען פון

דער באָלשעוויסטישער פראַקציע און 3) דער פראָיעקט פון דער פוילישער דעלעגאַציע; אַכוץ דעם, זיינען געמאַכט געוואָרן מעלדונגען אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ פון „ספּילקא" וועגן איינשליסן אין טאָג-אָרדענונג די פראַגע וועגן דער באַציאונג פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע צו דער פּויערים-באַוועגונג.

...דעם אינטערעסאַנטסטן כאַראַקטער האָבן די דעבאַטן אָנגענומען, ווען מע האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן איינשליסן אין דעם טאָג-אָרדענונג דעם פּונקט „וועגן דער אָפּשאַצונג פונם איצטיקן מאָמענט". די מענשעוויקעס, פּונקט ווי אַף דעם שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר, און צוזאַמען מיט זיי אויך די בונדיסטן, האָבן געבראַכט אלץ דיזעלביקע ראַיעס: אז דאָס איז אַ פראַגע א „טעאָרעטישע", אַז אַף צו לייזן אַזעלכע טעאָרעטישע פראַגן דאַרף מען האָבן א גאַנצן כוידעש, אז די באָלשעוויקעס זיינען „ניט אויפריכטיק"...

...די בונדיסטן, ווי געזאָגט, זיינען געשטאַנען אין דערדאָזיקער פראַגע אַפן מענשעוויסטישן שטאַנדפּונקט און האָבן געפאָדערט, אַז מע זאָל אראָפּנעמען פון טאָג-אָרדענונג אלע „אַלגעמיינע" פראַגן.

...די „נאַציאָנאַלע פראַגע" איז אראָפּגענומען געוואָרן דורך דער מערהייט פונם צוזאַמענפאָר (דאָס האָבן געפאָדערט אי די באָלשעוויקעס, אי די מענשעוויקעס, אי די בונדיסטן).

...די באַהאַנדלונג פונם באַריכט פון צ. ק. האָט פאַרנומען גאַנצע 6 זיצונגען; דידאָזיקע פראַגע איז א שאַרף-פראַקציאָנעלע און דערפאַר האָט זי ארויסגערופן א פאַרביטערטסטע פּאָלעמיק.

...די הויפּט-דעבאַטן זיינען פאָרגעקומען צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן און אָפּאָרטוניסטישן פליגלען פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע: די באָלשעוויקעס זיינען די גאַנצע צייט געווען דער אָנפאַלנדיקער צאַד, די מענשעוויקעס האָבן זיך פאַרטיידיקט.

...די פּאָזיציע, וואָס עס האָבן פאַרנומען אין דערדאָזיקער פראַגע דער „בונד" און די לעטישע דעלעגאַציע, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גרויסער איינ: ארטיקייט און איז געווען העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר זיי, אַלס פאַר א צענטר. זיי האָבן זיך באַמיט ערלעך צו באַצאָלן יעדערן פון די ביידע עקסטרעמע צדאָדים, וואָס איז קומט: די מענשעוויקעס — בעאַיס די דעבאַטן, און די באַלשעוויקעס — בעאַיס דער אָפּשטימונג. אויכדריקנדיק זייער פולקומע אומסאָלידאַרקייט מיטן גרעסטן טייל לאָזונגען און פראַקטישע טריט פון דער טעטיקייט פון צ. ק. און זייער נעגאַטיווע באַציאונג צו זיי, האָבן זיי סאָפּקאָל-סאָף געשטימט פאַר די מענשעוויקעס און קעגן די באָלשעוויקעס. וואָס עס איז שאַיעך צו דער פוילישער דעלעגאַציע, האָט זי, אַף וויפל מיר געדענקט זיך, לאַכלוטן ניט ארויסגעזאָגט זיך וועגן דערדאָזיקער פראַגע און בא דער אָפּשטימונג האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן.

...אין זייערע רעדעס האָבן די באָלשעוויקעס זיך באַמיט צו געבן די אָפּשאַצונג פון דער טעטיקייט פון צ. ק. פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, ארויסגייענדיק פון די דירעקטיוון פונם פאַריייניקונגס-צוזאַמענפאָר און פון דער ערפאַרונג פון דער מענשעוויסטישער פּאָליטיק, זינט ווען זי איז געוואָרן אַן

אַלגעמיין-פּאַרטייאישע. לעסאָף האָבן זיי אָנגעוויזן, אַז דער צוזאַמענפאָר דאַרף קלאָר אויסדריקן זיין באַציאונג צו דער פּאָליטיק פון צ. ק. און געבן באַשטימטע דירעקטיוון דעם קומענדיקן צענט־אַל־קאָמיטעט.

...נאָר, ווי מע האָט עס, איבעריקנס, געדאַרפט דערוואַרטן, האָבן מיר אין דערדאָזיקער פראַגע געליטן א מאַפּאָלע. דער „בונד" האָט אריינגעטראָגן א פאָרשלאָג, אַז מע זאָל פּאָשעט אריבערגיין צו די ווייטערדיקע פראַגן איבער אַלע רעזאָלוציעס, און דער צוזאַמענפאָר האָט מיט א מערהייט פון 143 שטימען קעגן 90 בא 50 אָפּגעהאַלטענע אָנגענומען די איינפאַכע אריבערגאַנגס-פאָרמול און פאַטערנדיק אַזוי פיל צייט, האָט ער אף אזא אופן ניט באַשטימט זיין באַציאונג צום באריכט פון צ. ק.

...די פראַגע וועגן דער דומישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע האָט אָפּן צוזאַמענפאָר ארויסגערופן דויערהאַפטע און הייסע דעבאַטן, וועלכע האָבן צייטנווייז אָנגענומען אויסערגעוויינלעכע שאַרפע פאָרמען.

...די מענשעוויקעס האָבן זיך געפּרואווט פאַרטיידיקן די טאַקטיק פון דער דומישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע. קעדיי צו באַרעכטיקן זייער נוי־גונג צו דער ליבעראַלער בורזשואזיע, האָבן די מענשעוויקעס געזאָגט, אַז „די קאַדעטן זיינען נאָך אָפּאָזיציאָנעל"...

...בענוגייע צו די אַנדערע פראַקציעס קאָן מען זאָגן גאַנץ באַשטימט, אַז פּרינציפּיעל האָט קיינער ניט פאַרטיידיקט די דומישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע. די פּאָליאַקן האָבן אָנגעוויזן אין זייער רעזאָלוציע, אַז די אויפגאַבע פון דער פראַקציע בא אירע דומע-ארויסטרעטונגען „דאַרף באַשטיין אין אויפקלערן די פּרינציפּיעלע קלאַסן-פּאָזיציע פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, אין אָפּגרעניצן זיך פון אַלע אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע גרופּן, אָנהויבנדיק פון די קאַדעטן און ענדיקנדיק מיט די עסערן".

...די רעזאָלוציע, וועלכע דער „בונד" האָט פּאָרגעלייגט, האָט אויך אנטהאַלטן אָנווייזונגען, אַז „אין דער טעטיקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער דומישער פראַקציע זיינען געווען איינצלנע פעלערן". אכוץ דעם האָט דער „בונד" אריינגעטראָגן נאָך א ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אין וועלכער ער האָט פאָרגעוואָרפן דער פראַקציע, אַז „זי האָט ניט אויסגענוצט אין דער גענוגנדיקער מאָס די דומע-טריבונע, קעדיי צו באַלויכטן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין רוסלאַנד ביכלאַל און די אידן-פראַגע ביפראַט"... און אדאנק דעם, „האָט זי דורכגעלאָזן א גינסטיקן מאָמענט צו פאַרבינדן זיך מיט די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג פון די געדריקטע נאַציאָנאַליטעטן".

די באָלשעוויקעס פון זייער זייט האָבן אויך אריינגעטראָגן א באַשטימטע רעזאָלוציע, אין וועלכער זיי האָבן אויסגערעכנט די הויפּט-פעלערן און טאָעסן, וועלכע די דומע-פראַקציע האָט געמאַכט. און קעדיי זי זאָל וויסן ווי צו האַלטן זיך אין דער צוקונפט, האָבן זיי אָנגעוויזן, אַז די פראַקציע דאַרף אין איר גאַנצער טעטיקייט דורכפירן און באַנאַנען די פּאָליטיק פון דער סאָציאַל-דע-

מאָקראַטיע, אלס א פּראָלעטאַריש-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין אונטערשייד פון די בורזשואַז-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען...

.. אָט דאָס זיינען געווען די פּאָזיציעס, וועלכע עס האָבן פאַרנומען די באַזונדערע פראַקציעס פון צוזאמענפאָר, קאָלזמאַן עס האָט זיך באהאנדלט די פּראגע וועגן דער אָפּשאצונג פון דער טעטיקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער דומע-פראקציע. נאָר די לאגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט, ווי נאָר עס איז אנטשטאַנען די פּראַגע וועגן דעם, אז מע זאָל די באַציאונג פונם צוזאמענפאָר צו דער פראַקציע פאַרפיקסירן אין דער פאָרם פון א באַשטימטער רעזאָלוציע. די באָלשעוויקעס האָבן געטאַינעט, אז וויבאלד די מערהייט אנערקענט, אז די פראַקציע האָט אין איר טעטיקייט דערלאָזן א גאַנצע ריי פעלערן, דאַרפן אָט די פעלערן זיין אויסגערעכנט אויך אין דער רעזאָלוציע.

...פארקערט, די מענשעוויקעס האָבן באַטראַכט די פּראַגע וועגן איינשליסן אין דער רעזאָלוציע באַשטימטע דירעקטיוון אלס אַן אויסדרוק פון אומצוטרוי צו דער פראַקציע און האָבן אפן אנטשיידנסטן אויפן געקעמפט קעגן דעם.

...אַפילע די פּאָליאקן זיינען אויך ניט געווען אינגאנצן פריי פון דער מענשעוויסטישער שטעלונג פון דער פּראַגע און האָבן ארויסגעוויזן א באַזונדערע פורכטזאמקייט, איינזעענדיק, ווייזט אויס, אין דער שאַרפקייט פון דער פּראגע עלעמענטן פון צעשפּאַלטונג.

...די בונדיסטן זיינען געשטאַנען אינגאנצן אף דער מענשעוויסטישער פּאָזיציע.

247. אײניקע אָפּשטימונגען פֿון דער בונדישער דעלעגאַציע.

(צוזאַמענגעשטעלט אָפּן סמאַך פֿון די נאָמענטלעכע אָפּשטימונגען).

די פֿראַגן צום אָפּשטימונג	אָפּשטימונגען	בונדיסטן	דעלעגאַטן פֿון ר. ס.-ד. א. פּ.: פֿון צאַפֿן-מאַירעוו-קאַנט	דעלעגאַטן פֿון ר. ס.-ד. א. פּ.: פֿון דאָרעם-רוסלאַנד *)
וועגן אריינשטעלן אין טאָג-אָרדענונג פֿון צוזאַמענפֿאָר די פֿ־אגע וועגן פאַרטיזאַנישע ארויס-טרעטונגען **).	פֿאַר	46	4	10
	קעגן	1	1	—
	אָפּגעהאַלטן זיך	3	—	2
וועגן אַריינשטעלן דירעקטיוון דער ס.-ד. דומע-פֿראַקציע אין דער רעזאָלוציע וועגן איר טע-טיקייט ***).	פֿאַר	—	1	2
	קעגן	51	4	12
	אָפּגעהאַלטן זיך	—	—	—
צי זאָל מען אָננעמען אלס יע-סאָד די רעזאָלוציע פֿון די באָל-שעוויקעס וועגן דער באַציאונג צו די בורזשואַזע פאַרטייען.	פֿאַר	7	1	1
	קעגן	38	4	11
	אָפּגעהאַלטן זיך	6	—	—
צי זאָל דער צוזאַמענפֿאָר אנער-קענען די נויטיקייט פֿון פֿול-שטענדיקער פֿרייהייט צו באַהאַנד-לען די פֿראַגע וועגן אַרבעטער-צוזאַמענפֿאָר 96****).	פֿאַר	27	4	12
	קעגן	3	1	1
	אָפּגעהאַלטן זיך	9	—	—

*) אַכוץ די ראַיאָנען פֿון דער גרויס-אינדוסטריע, וואו קיין אידישע אַרבעטער זיינען ניט געווען.

**) די באָלשעוויקעס האָבן געשטימט קעגן.

***) די באָלשעוויקעס האָבן געשטימט פֿאַר יעמדאַזיקן פֿאָרשלאַג.

****) ל. מאַרטאָוו א הויסאָפּע צו דער אָנגענומענער באָלשעוויסטישער רעזאָלוציע וועגן אַרבעטער-צוזאַמענפֿאָר.

248. דער בונד וועגן דער באַציאונג צו די בורזשואַזע פּאַרטייען

(פון אבראמאָוויטשעס פאַרטראַג אפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר. „בריף פון צוזאַמענפאָר" „פאָלקס-צייטונג" נומ. 366, 1907).

...דער רעפערענט, וואָס האָט גערעדט פאַר מיר*), איז אַראָפּ פון טעמע. זי איז ענדלעך פאָרט אַראָפּ פון דעם וועג, אַף וועלכן מיר האָבן זיך דאָ שטענדיק ניט געוואָלט: זי האָט גערעדט ניט אַזוי וועגן אונזער באַציאונג צו די בורזשואַזע פּאַרטייען, ווי וועגן די אויפגאַבן און פּערספּעקטיוון פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ניט ווילנדיק וועט מיר אויך אויסקומען ריידן אַביסל אַף דער טעמע: איך ווייס, אַז די מיינונגען, וועלכע די רעפערענטין האָט דאָ אַרויסגעזאָגט, ווערן באַשיצט אין רוסלאַנד נאָר פון איינצלנע כאַווירים, און מיר איז געווען אַ כידעש, וואָס אירע ווערטער האָבן דאָ אַרויסגערופן אַזאַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג. ווי איך האָב פאַרשטאַנען, באַשטייען די גרויסע פּערספּעקטיוון אין אַ פּערמאַנענטע (אומאונטערבראָכענע) רעוואָלוציע, אַ רעוואָלוציע, וועלכע ציט זיך און פאַרוואַנדלט זיך צום סאָף אין אַ סאָציאַלע. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף גיין אַליין שטאָלץ. דער ליבעראַליזם עקזיסטירט נאָר אין פאַנטאַזיע. און איך האָב מיר געפרעגט: צי האָט מען פאַר אונז דאָ ניט דעמאָנסטרירט אנשטאָט אַ פאַרשטיינערטן מאַרקסיזם, אַ פאַרשטיינערטע פאַרמאַרקסיסטישע אידייע, דייטלעכער, אַ פאַרשטיינערטן בלאַנקיזם[97]? מע רעדט איצט וועגן אַן אומאונטערבראָכענער רעוואָלוציע, צי גיט מען דערמיט ניט אַ ברייטן פּלאַץ דערפאַר, דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אין דער עמעסן ווערן קאַנאָנען-פלייש? מע זאָגט אונז, אַז אַפילע אַלס נאָענטע אויפגאַבן קענען מיר ניט שטרעבן צו דער דעמאָקראַטיע. צי הייסט דאָס ניט אַראָפּוואַרפן אונזער גאַנצן מינימום-פּראָגראַם? נאָר, צו דער זאַך.

די ערשטע 2 רעפערענטן האָבן אונז פאָרגעשטעלט 2 סכעמעס, אַלס 2 דורכויס קעגנזעצלעכע ווידערשפּרעכיקע וועלטאָנשויאונגען. צי איז דאָס אין דער עמעסן אַזוי? דער שטיינהאַרטער באָלשעוויק**) האָט דאָ געזאָגט: מיר האָבן אַן אָביעקטיווע אַלגעמיינהייט פון אינטערעסן, וועלכע קאָן ניט ערשיינען סוביעקטיוו, צוליב די קלאַסן-קעגנזאַצן. די בורזשואַזיע איז פאַרינטערעסירט אין דעם, אַז די רעוואָלוציע זאָל ביזן סאָף ניט דערפירט ווערן. די פויערים אָבער מוזן איצט זיין רעוואָלוציאָנער, זיי זיינען פאַרינטערעסירט אין דעם, אַז די רעוואָלוציע זאָל דערפירט ווערן ביזן סאָף. אָבער וואָס ווייטער וועלן זיי זיך אַלץ מער וואַקלען, אַלץ מער ווער, נענטער צו די קאַדעטן; הייסט עס, אַז פאַר דער גאַנצער בורזשואַזיע, ווי פאַר די קאַדעטן, אַזוי אויך פאַר די טרודאָוויע עלעמענטן איז פאַראַנען איינע און די זעלבע סכעמע: זיי מוזן אַלע גיין פון לינקס אַף רעכטס. דער מענשעוויק-רעפערענט האָט געזאָגט: וואָס די רעוואָלוציע דויערט מער, באַקומען אַלץ מער קלאַסן אַ צופרידנהייט זיי ווערן אויסגעשעפּט און גייען איבער פון לינקס אַף רעכטס. אַלזאָ אין די אַלגעמיינע בליקן איז צווישן דעם באָלשעוויק און דעם מענשעוויק קיין אונטערשייד ניטאָ. דער אונטערשייד הויבט זיך אָן נאָר דאַן, ווען מיר גייען איבער צו די קאָנ-

---

*) ראָזע ליוקסעמבורג.

**) ס'ווערט געמיינט לענין; צוליב צענזור-טאַמים פלעגט דער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָלקס-צייטונג" באַצייכענען אַלע מער קענטיקע אנטיילנעמער פון צוזאַמענפאָר מיט אַזעלכע סימאָנים, וואָס ס'פלעגט זיי ניט זיין שווער צו דערקענען.

קרעטע באַדינגונגען, ווען מע דאַרף באַשטימען דעם מאָמענט, ווען דער אָדער יענער קלאַס גייט איבער פון לינקס אויף רעכטס.

דער מענשעוויק איז אויך מודיע, אַז איצט וואַקלען זיך די טרודאָוויקעס ווייניקער. דער אונטערשייד איז ביכלאַל נאָר אין די פראַגן: וויפל, ווען און אין וואָס פאַר אַ מאָס. איין זייט נעמט די סימאָנים פון איין פעריאָד און מאַכט פון זיי אַ קלאַל, אַ כינטעז. דער אַנדער זייט מאַכט פאַר אַ קיאַל די סימאָנים פון אַ צווייטן פעריאָד. ווען מע רעדט וועגן די קאַדעטן, לעמאָשל, נעמען די באָלשעוויקעס די סימאָנים פון שטילשטאַנד און טראָגן זיי איבער אויף אַלע מאָמענטן; די מענשעוויקעס פאַרקערט נעמען די סימאָנים פון רעוואָלוציאָנערער אויפלעבונג און מאַכן זיי פאַר אַ קיאַל אויף דער גאַנצער צייט פון דער רעוואָלוציע. אין דער עמעסן איז ניטאָ איין קלאַס אַפילע, אויף וועלכן מע זאָל קענען זאָגן, אַז ער איז געווען די גאַנצע צייט רעוואָלוציאָנער, און עס איז ניטאָ איין קלאַס, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען קאָנטער-רעוואָלוציאָנער. אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע זיינען די בורזשואַזע קלאַסן געווען פּראָגרעסיווער ווי די פויערים. איצט זיינען די קאַדעטן קאָנטער-רעוואָלוציאָנער און די פויערים רעוואָלוציאָנער. מיר דוכט, אַז דאָ זיינען ניטאָ אַזעלכע, וואָס זאָלן פאַרלייגן איצטער אַ פאַרבינדונג מיט די קאַדעטן. עס זיינען דאָ אויך ניטאָ אַזעלכע, וואָס זאָלן זאָגן, אַז נאָך וויבאָרג האָט מען מיט די קאַדעטן ניט געטאָרט אַריינטרעטן אין אַן אָפּמאַך. מיר וועלן זיך קענען צונויפריידן אויף פּראַקטישע דירעקטיוון, אויב מיר וועלן ניט פאַרלאַנגען אָנקלעפּן אויף די פּאַרטייען איין צעטל איין מאָל פאַר אַלע מאָל: רעוואָלוציאָנער אָדער קאָנטער-רעוואָלוציאָנער, אויב מיר וועלן ניט אויפהאַלטן די פּסיכאָלאָגיע פון איין מאָמענט אויף שטענדיק. די ליניע, וועלכע טיילט אָפּ די רעוואָלוציע פון דער רעאַקציע, איז ניט קיין שטענדיקע. די ליניע בייט זיך. פיקסירן דידאָזיקע ליניע, זאָגן, אַז אַ באַשטימטער קלאַס וועט שטענדיק זיין רעוואָלוציאָנער אָדער קאָנטער-רעוואָלוציאָנער — אַזוי זאָגן קען מען ניט.

די ככעמע, דאָס ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז רעוואָלוציאָנער, איז די בורזשואַזיע קאָנטער-רעוואָלוציאָנער און פאַרקערט — דידאָזיקע ככעמע איז איינזייטיק. דאָס ווענדט זיך ניט נאָר אָן דער טאַקטיק פון דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך אָן דער טאַקטיק פון דער רעגירונג, אָן דעם, אויף וויפיל דער אָדער יענער קלאַס האָפט זיך צו דערשלאָגן זיינע פאָדערונגען בא דער איצטיקער רעגירונג. די רעאַקציאָנערע טאַקטיק פון דער רעגירונג קאָן טרייבן די בורזשואַזיע לינקס, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי האָט מוירע פאַרן פּראָלעטאַריאַט. די טאַקטיק פון דער רעגירונג און די מוירע פאַרן פּראָלעטאַריאַט — צווישן די דאָזיקע צוויי גרעניצן ווערט באַשטימט די טאַקטיק פון די קאַדעטן. מיר קענען ניט ריידן וועגן דעם, אַז זיי זיינען שטענדיק רעוואָלוציאָנער, ווייל עס איז פאַראַנען די מוירע פאַרן פּראָלעטאַריאַט. מיר קענען ווידער ניט זאָגן, אַז זיי זיינען שטענדיק קאָנטער-רעוואָלוציאָנער, ווייל עס איז דאָ די טאַקטיק פון דער רעגירונג, וועלכע קען זיי טרייבן לינקס. אונזער טאַקטיק איז ניט קיין מעטאַפיזישע. מיר מוזן דערום זאָגן, אַז די קאַדעטן זיינען אי רעוואָלוציאָנער, אי

קאָנטער-רעוואָלוציאָנער. ווען מיר נעמען אָן אַ קאָנקרעטע רעזאָלוציע, ווען מיר באשטימען אונזער טאקטיק אין דעם איצטיקן מאָמענט, מוזן מיר אָנעמען, אַז די קאַדעטן און א טייל טרודאָוויקעס שטייען פאַר קאָמפּראָמיסן, זיינען קאָנטער-רעוואָלוציאָנער. דער פּראָלעטאַריאט און א צווייטער טייל פון די אַר-בעטס-פּארטייען שטעלן זיך פאַר אַן אויפגאבע ניט צו דערלאָזן קיין קאָמפּראָ-מיסן, אַם ווייניקסטנס טרייבן די קאַדעטן, זעען, אַז דער קאָמפּראָמיס, וואָס זיי שליסן, זאָל זיין וואָס ראַדיקאַלער. אין דעם ווילן זיך אַלע דאָ צונויפגיין. קיין באַזונדערע רעזאָלוציע האָב איך ניט. מיר ווילן זיך צונויפגיין אַף אויס-בעסערונגען אין דער רעזאָלוציע, וועלכע וועט אָנגענומען ווערן.

דער טעאָרעטיקער אונזערער*) האָט געזאָגט אין זיין רעדע בעאייסן עפּענען דעם צוזאַמענפאָר: „מיר און איר האַלטן. אַז אַליין קאָן דער פּראָלעטאַריאַט ניט בלייבן. שותּפים מוז ער האָבן. די פראַגע איז נאָר, מיט וועמען פון די בור-זשואַזע פּאַרטייען זאָל ער שותּפעס שליסן, אַף דעם וועט דער צוזאַמענפאָר געבן אַן ענטפער.

איך זאָג, מיר מוזן שטענדיק קאָמבינירן אונזערע טאַטן מיט די, וואָס זיינען היינט מיט אונז, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם, וואָס זיי זיינען נעכטן געווען און וואָס זיי ווילן זיין מאָרגן. די פאַבריקע רעדנערין האָט געזאָגט: מיר דאַרפן זעען, וואו ליגט א גרעסערער קערנדל עמעס, דעם קערנדל דאַרף מען געבן די אויבערהאַנט אין דער פּאַרטיי. אַף אַזא אויפן וועט אויפבליען דער עמעס. איך זאָג, אַז דאָס איז מאַיסטע סעקטע. ניט נעמען דעם גרעסערן קערנדל עמעס און דערשטיקן דעם קלענערן דאַרפן מיר, ניין! מיר מוזן נעמען ביידע, אויב זיי זיינען נאָר ביידע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קערנדלעך: מע מוז זיי ביידע מאַכן נאָענט, זעען, זיי זאָלן קענען ווירקן צוזאַמען. מאַכן ביידע קערנ-דלעך פאַר פּאַרטיי-עמעסן. דאָס מוזן מיר איצטער אויך טאָן, מיר מוזן זיך אָפּזאָגן פון שאַרפע ווינקלען, פון שטרענגע אויסגעהאַלטנקייט אין דעם גייסט פון דער אָדער יענער פראַקציע. מיר מוזן באַקומען די איינִיקייט פון טאַט — דאָס וועט זיין א ניצאָכן פון פּאַרטיי-פּאָליטיק איבער פראַקציאָנס-פּאָליטיק! (אַפּלאָדיסמענטן אַף די בענק פון בונד און די מענשעוויקעס)...

249. בונדישע רעזאָלוציעס-פּראָיעקטן.

(פונם זאַמלבוך „דער סאַכאַקל פון לאָנדאָנער פאַ־טיי-צוזאַמענפאָר”. פּעטערבורג, 1907).

I. באַריכט פון דער דומע-פראַקציע.

„אַנערקענענדיק, אַז אין דער טעטיקייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע זיינען געווען איינצלנע פעלערן, קאָנסטאַטירט דער צוזאַמענפאָר, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַקציע איז אין איר טעטיקייט געשטאַנען אין אַלגעמיין און אינגאַנצן אַף דער וואַך פון די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט און פון דער רעוואָלוציע; דער צוזאַמענפאָר דריקט אויס די איבערצייגונג, אַז די פראַקציע וועט אַף ווייטער אויך דינען דער זאַך פונם רוסלענדישן

*) פּלעכאַנאָוו.

פראָלעטאריאַט אין העסקעם מיט די דירעקטיוון פון איצטיקן צוזאמענפאָר און אונטער דער אָנפירונג פונם צ. ק.

II. וועגן דער נאַציאָנאַלער פראגע אין דער גאָסודאר-סטווענער דומע.

אויסהערנדיק דעם באַריכט פון דער דומע-פראַקציע און די דעבאטן וועגן אים, איז דער צוזאמענפאָר געצוואונגען צו קאָנסטאטירן, אז די סאָציאל-דעמאָקראטישע דומע-פראַקציע האָט ניט אויסגענוצט אין דער גענוגנדיקער מאָס די דומע-טריבונע, קעדיי צו באַלויכטן די נאַציאָנאַלע פראגע אין רוסלאנד ביכלאל און די אידן-פראגע ביפראַט; אז אפשאצנדיק זי צו נידעריק, אלס אַ קאנקרעטע טאָג-פראַגע פון דער רוסלענדישער ווירקלעכקייט, האט די פראקציע זיך ניט באנוצט מיט דעם צו עפענען די אויגן פון די ברייטע מאַסן פון דער באפעלקערונג אף דער נאַציאָנאליסטישער און אנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג און אף דער ענגער פאַרבינדונג, וואס עקזיסטירט צווישן דער נאַציאָנאלער אונטערדריקונג און דעם אלטן רעזשים.

רעכענענדיק, אז מיט איר ניט גענוג אויפמערקזאמער באַציאונג צו דער נאציאנאַלער פראַגע האָט די פראקציע דורכגעלאָזן די געלעגנהייט צו פארבינדן זיך מיט די ברייטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג פון די אונטערגעדריקטע נאציאָנאליטעטן, דריקט אויס דער צוזאמענפאָר די פעסטע איבערצייגונג, אז די סאָציאל-דעמאָקראטישע פראקציע וועט אָנווענדן אַלע באַמיאונגען, קעדיי צו שטעלן זיך אינם געביט פון דידאָזיקע פראגן אף דער געהעריקער הויך, אלס די פארטרעטערין פון די אינטערעסן פונם רוסלענדישן ארבעטער-קלאס.

III. וועגן דער נאראָדאווער דעמאָקראטיע.

באַהאנדלענדיק די פראגע וועגן דער פּאָזיציע, וואס די סאָציאל-דעמאָקראטישע פראַקציע האט פאַרנומען אין דער פראגע וועגן די געמיינזאמע באראטונגען מיט דער נאראָדאווער דעמאָקראטיע[98], איז דער צוזאמענפאר געקומען צו די פאָלגנדיקע אויספירן.

כאָטש די נאראָדאווע דעמאָקראטיע איז דערווייל געצוואונגען צו זיין אין אָפּאָזיציע צו דער זעלבסטהערשנדיקער רעגירונג, וועט זיך פונדעסטוועגן דידאזיקע פּאַרטיי ניט אָפּזאגן אפילע אינם געביט פון דער אלגעמיינער מלוכע-פּאָליטיק צו שטיצן די רעגירונג אין די פאלן, ווען דאָס וועט פאָדערן איר קאנטר-רעוואָלוציאָנערע ראלע אין פוילן גופע. אָט די ראלע פון דער נאראָדאווער דעמאקראַטיע אין דעם אינערלעכן לעבן פון פוילן האָט זיך באַזונדערס בוילעט אויסגעדריקט אין דער אָרגאניזירונג פון שווארצמייעדיקע אנפאלן אף די באַ אוסטויניקע ארבעטער, אין די פרואוון צו דעמאָראליזירן די פראָלעטאַרישע מאַסן דורך נאציאָנאליסטישע און קלעריקאלע אַגיטאַציע, אין דער אנטיסעמיטישער און פּאָגראָם-העצעריי קעגן די אידן.

אָט אזא אָפּשאצונג פון פּאָליטישן מעהוס פון דער נאַראָדאָווער דעמאָ־קראַטיע צווינגט צו אנערקענען, אז וועלכע ניט איז געמיינזאַמע באַראַטונגען מיט איר קאָנען ניט דערלאָזן ווערן, ווייל זיי העלפן מיט צו פאַרטונקלען דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פונם פּראָלעטאַריאַט און צו פאַרדעקן דעם עמעסן פּאַנים פון דער נאַראָדאָווער דעמאָקראַטיע.

250. דער צענטער אפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר.

(פון ל. קאַמענעווס[99] אַרטיקל „דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון ר.ס.ד.א.פּ. אין 1907“. זאַמלבוך „דער לאָנדאָנער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר“ ז.ז. 99—94).

...דער צוזאַמענפאָר האָט זיך צונויפגעקליבן און געאַרבעט אונטערן צייכן פון „קריטיק“. דערצו זיינען געווען גענוג סיבעס, וועלכע האָבן אַריינגעפירט אין דער טאָג־אָרדענונג די קריטיק ניט פון סכעמעס, ניט פון טעאָרעטישע טעזיסן, נאָר די קריטיק פון פּראַקטישע טריט.

קריטיק, קעדיי צו מאַכן אומשעדלעך אף ווייטער יענעם טייל פון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט אין דעם פריערדיקן פּעריאָד געפירט, ריכטיקער, גע־שלעפּט נאָך זיך די פּאַרטיי אף איר נייעם וועג — אָט דאָס איז געווען די פּראַקטישע אויפגאַבע פון די „באָלשעוויקעס“ אין דעמדאָזיקן געביט.

קריטיק, קעדיי צו דערשלאָגן זיך צו אָפּמאַכונג, א קאָמפּראָמיס; קריטיק, געווענדעט רעכטס, אין דער זייט פון די מענשעוויקעס, פאַר זייערע פעלערן, און לינקס, אין דער זייט פון די באָלשעוויקעס, פאַר זייער „אומטאַקטישן“, „אומעזיקן“, גראַדליניקן“ אויפדעקן פון דידאָזיקע פעלערן — אָט דאָס איז געווען די פּאָזיציע פון דעם אַזוי גערופענעם צענטער.

אָט די איבערלעך־ווידערשפּרעכנדיקע פּאָזיציע פונם צענטער אין יענעם פּעריאָד פונם צוזאַמענפאָר. ווען דער לעצטער איז געווען פאַרנומען מיט דער אָפּשאצונג פון די געמאַכטע טריט און אָפּגעטאָנענע פעלערן, האָט טאַקע באַ־שטימט מיט זיך די גאַנצע אַרבעט פונם צוזאַמענפאָר פאַר די ערשטע צוויי וואָכן פון זיינע זיצונגען. דידאָזיקע אַרבעט קען מען ניט אָנרופן קיין פאָר־ליפיקע, ווייל זי האָט אָפּגענומען שיר ניט א $^{1}/_{2}$ אָדער אפילע $^{3}/_{4}$ צייט באַם צוזאַמענפאָר, נאָר מע קען זי אויך ניט אָנרופן קיין פּאָזיטיווע, פּראַקטישע, פּאָליטישע אַרבעט, ווען מע זאָל זי פאַרגלייכן מיט דעם סכום ענערגיע און קרעפטן, וואָס מע האָט אף איר אַוועקגעגעבן. קריטיקירט, אָפּגעשאַצט און אָפּגעוואויגען דעם דורכגעגאַנגענעם וועג האָבן אַלע — די באָלשעוויקעס און די בונדיסטן, די פּאָליאַקן און די לעטן. נאָר פאַרפעסטיקן דידאָזיקע קריטיק, מאַכן פון איר אַן אייגנס פאַר דער פּאַרטיי, און ניט נאָר פאַרן צוזאַמענפאָר, לאָזן איר אין גאַנג, איבערגיסן די צוזאַמענפאָר־רעדעס אין גאַנגבאַרע מאָטבייעס פון צוזאַמענפאָר־רעזאָלוציעס, מאַכן דידאָזיקע קריטיק פאַר דעם אויסגאַנגס־פּונקט פון אַנטוויקלונג פאַר אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער — צו דעם האָבן געשטרעבט בלויז די באָלשעוויקעס, און אין דעם זיינען זיי אָפּטער ווי אַלץ, קימאַט שטענדיק, געבליבן איינזאַם.

...נאָר דאָס זאָגן האָט דעם צוזאַמענפאַר ניט דערלויבט יענע קראַפט, וועלכע האָט געהאַט די מעגלעכקייט „בינדן און באַשליסן", קאָלזמאַן זי אײַנגעבליבן אייניק — דאָס איז דער צענטר. צוליב וואָס? צוליב דער איינהייטלעכקייט פון דער פאַרטיי, פאַרשטייט זיך, צוליב דעם שאָלעם פון דער פאַרטיי, צוליב „העכערן די פּאַרטיי-קולטור", לויט ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער פירער פון צענטר, כאַווער טראָצקי.

צוליבן פּרינציפּ פון פּאַרטיי-איינהייט האָט מען פאַרניכטעט די מעגלעכקייט פון דער רעאַלער פאַרייניקונג פון דער פּאַרטיי אַפן באָדן פון קריטישער באַציאונג צו דעם דורכגעגאַנגענעם עטאַפּ פון איר אַנטוויקלונג. צוליב העכערן די „פּאַרטיי-קולטור" **צווישן די דעלעגאַטן** האָט מען פאַרגעסן וועגן די אויפגאַבן פון דער אַנטוויקלונג פונם קריטישן געדאַנק צווישן דער ברייטער פּאַרטייאישער מאַסע בענוגייע צו אירע אָנפירנדיקע אָרגאַנען.

דער „צענטר" פונם צוזאַמענפאַר, מיינענדיק, אַז ער איז דער טרעגער פון שאָלעם-מאַכעריי און אייניקייט, האָט פאַקטיש און אָביעקטיוו קעגנגעשטעלט דידאָזיקע **אידייע** די אינטערעסן פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי.

מוירע האָבנדיק, אַז עס זאָלן ניט געווינען די פראַקציאָנעלע אינטערעסן פונם באָלשעוויזם, האָט דער **צענטר** נאָך ניט פאַרשטאַנען, אַז אַרבעטנדיק אין דער ריכטונג פון אָנקלייבן און אָפּשאַצן די פּאַרטייאישע דערפאַרונג, וואָרין עס האָבן אים גערופן די באָלשעוויקעס, וואָלט ער געאַרבעט גראַד פאַר די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי אין נאָר אַף אַזוי פיל פאַר די אינטערעסן פונם „באָלשעוויזם", אַף וויפל דידאָזיקע אינטערעסן שפּיגלען אָפּ די אינטערעסן פון דער פּאַרטייאישער אַנטוויקלונג. דערווייל אָבער האָט ער געאַרבעט פאַר די **פראַקציאָנעלע** אינטערעסן פונם „מענשעוויזם", פאַר די אינטערעסן פון יענער שטרעמונג אין דער פּאַרטיי, וועלכע האָט ניט געפונען אין קיין פראַגע (אַכוץ דער פראַגע וועגן פּאַרטיזאַנישע ארויסטרעטונגען און קאַמפּס-דרווישינעס) קיין פּאָליטישע פאַרבינדעטע צווישן דער אָדער יענער פראַקציע.

נאָר דאַן, ווען דער צוזאַמענפאַר איז איבערגעגאַנגען צו דעם פּאָזיטיוון טייל פון זיין אַרבעט, צו אָנמערקן די וועגן פון דער ווייטערדיקער אַרבעט פון דער פּאַרטיי, איז דער צענטר, אַלס אַן איינהייטלעכעס גאַנצעס, פאַרשוואונדן, האָט זיך צעשאָטן, איז צעפאַלן געוואָרן אַף רעכטס און אַף לינקס. און דאַן האָבן מיר דערהערט פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע דעלעגאַטן אַפן צוזאַמענפאָר, פון דער כ' ראָזע ליוקסעמבורג, אַז מע מוז שטיצן דעם „באָלשעוויזם" צוליב די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, און אַז אַזאַ שטיצע איז מעגלעך פאַר די כאַווערים, וועלכע האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון **פראַקציאָנעלע** אינטערעסן.

מיר שטעלן זיך ניט די אויפגאַבע צו אַנאַליזירן, ווי אַזוי איז דאָרטן, אין טיפן רוסלאַנד, אויסגעוואַקסן דערדאָזיקער צענטר, אויך ניט אויסצופאָרשן, צי זיינען פאַראַן אינם פּאַרטייאישן לעבן אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן געבן

די מעגלעכקייט דעם צענטער אפילע נאָכן צוזאמענפאָר ארויסצואווייזן זיך, אַלס אזעלכן. ס'איז געווען א מאָמענט אפן צוזאמענפאָר, ווען איע האָבן געווארט פון די כאַווירים, וועלכע האָבן פארנומען די צענטראלע פאָזיציע, פרוכטבאָרע אָנווייזונגען און לעבעדיקע אָנפירונג מיטן צוזאַמענפאָר; די „באָלשעוויקעס" האָבן גערופן דעם צענטער, ער זאָל ארויסטרעטן פארויס אפן צוזאמענפאָר און אנטוויקלען זיין טאקטישע ליניע. לויט דעם קאָמפעטענטן באווייז פון איינעם פון זיינע פירער, א בונדיסט, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער צענטער „זיצט דערוויל באהאלטן הינטער די בוימער", און ווען ער איז פון דארטן ארויסגעקראָכן, האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס זיינען וואוילע מענטשן, וועלכע האבן נאָר געוואלט „מאכן שאָלעם" צווישן אלעמען, געבן א „סינטעז", נאָר געקענט האבן זיי מער ניט ווי געבן מוסטערן פון „מארקסיזם אפן וואָג", און האָבן זיך פאנאנדערגעטיילט צווישן די צוויי פראקציעס: צווישן די אָפּאָרטוניסטישע און רעוואלוציאָנערע סאציאל-דעמאקראטן. דער ווידערשפרוך, וואָס האט זיך אזוי בוילעט ארויסגעוויזן אפן צוזאמענפאָר צווישן די פראקציאָנעלע אינטערעסן פון יענעם טייל פון דער פארטיי, צו וועלכן עס האָבן געהערט די צענטראלע איינריכטונגען און דער גרעסטער טייל פון דער סאָציאל-דעמאָקראטישער פראקציע, און צווישן די אינטערעסן פון דער פארטייאישער אנטוויקלונג, — אָט דער ווידערשפרוך האט געמאכט פרוכטלאָז די ארבעט פונם צוזאַמענפאָר ביז דעם סאַמע מאָמענט, ווען ער איז אריבערגעגאנגען צום דריטן פונקט פון דער טאָג-אָרדענונג, צו דער פראגע וועגן דער באַציאונג פון דער סאָציאל-דעמאקראטישער פארטיי צו די ניט-פראָלעטארישע פאַרטייען, ד.ה. צום אָנהויב פון דעם דריטער וואָך פון דער אַרבעט פונם צוזאמענפאָר.

...דער צוזאַמענפאָר האט איינע נאך די אנדערע אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאג פון די „באלשעוויקעס" אוועקצושטעלן, גלייך נאָך די באריכטן, די פונקטן וועגן דער „פארשארפונג פונם עקאָנאמישן קאמף און דעם איצטיקן מאמענט"—און וועגן „די אויפגאַבן פונם פראלעטאריאט אין דעם איצטיקן מאמענט", דערנאָך דעם פארשלאג פון די פאָליאַקן אוועקשטעלן אהער דעם פונקט „וועגן דער ראָלע און די אויפגאבן פונם פראָלעטאריאט אין דער איצטיקער רעוואָלוציע" און האָט דעמדאָזיקן פונקט אוועקגעשטעלט אפן 8-טן אָרט אין א פארשמעלערטער, צעקאַליעטשעטער פאָרם — פאָרמולירט אלס די פראגע „וועגן „ארבעטסלאָזיקייט, שטרייקן און לאָקאַאוטן". דאָ איז פאָרגעקומען א מאָדנע, נאָר זייער כאראקטעריסטישע מיכפאַרשטענדעניש. דער צוזאַמענפאָר האט אונטער דער אָנפירונג פון די „מענשעוויקעס" אָפּגעווארפן דעם פאָרשלאג פון די „באלשעוויקעס" און די „פאָליאקן" פאר זייער קלויטערשטיקע אבסטראקטקייט און טעאָרעטישקייט, שטרעבנדיק ניט צו פאַרלירן קיין צייט אף אזעלכע זאכן און איבערגיין גלייך צו פראגן פון קאָנקרעטער פאָליטיק. וויפל שיינע ווערטער און הייסע רעדעס האט מען געהאלטן אף דערדאָזיקער טעמע. אין דערעמעסן אָבער איז די גרונט-טענדענץ פון דידאָזיקע פאָרשלאגן געווען די שטרעבונג ארייננצואוואַרפן דעם צוזאַמענפאָר אין דער סאמע טיפעניש פון די באוועגנדיקע, עקאָנאָמישע קרעפטן פון

דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, דערנעענטערן דעם צוזאַמענפאָר צו די אינטערעסן פון די מאַסן, און אויב דידאָזיקע שטרעבונג האט באקומען די אויסערלעכע פאָרם פון „טעאָרעטישע" פראגן, באשטעטיקט דאָס בלויז נאָך אמאָל די אומפארמיידלעכע פארבינדונג, וואָס עס עקזיסטירט פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער פאָליטיק צווישן דער עכטער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט מיט די גרונט-יעסוידעס פון דער מארקסיסטישער טעאָריע. און אויב דערדאָזיקער שטרעבונג פון די „באָלשעוויקעס" האָבן די „מענשעוויקעס" אפן צוזאַמענפאָר אנטקעגנגעשטעלט זייער אונטערגעשטראכענעם פראקטיציזם, און אויב פון דעמדאָזיקן פראַקטיציזם איז קיין שום פראַקטישע זאַך ניט ארויסגעקומען, נאָר דאָס, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט ניט באהאנדלט קיין טעאָרעטישע, ניט קיין פראַקטישע פראגן, ד.ה. קאָנקרעטע פראגן פון פראָלעטארישן קאַמף, באווייזט דאָס נאָר, ווי ווייט ס'איז ריכטיק די אַלטע באַאָבאַכטונג איבער דעם אָפּאָרטוניזם, וועלכער שטעלט קעגן דער טעאָריע די פראַקטיק, קעדיי צו מאַכן פסט די טעאָריע און מאַכן שוואַך די פראַקטיק.

...דער צוזאַמענפאָר האָט זיך ארומגעדרייט אַף איין אָרט דערפאַר, וואָס אין צענטר פון זיין ארבעט איז געווען יענע קאָמבינאציע פון די געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, וואָס האָט זיך באשאפן אַפן באָדן פון דער דומע, אפן באָדן פון דעם דומע-פעריאָד פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, און די פראגע וועגן דער לעבנספעאיקייט פון דערדאָזיקער קאָמבינאציע, וועגן די אינטערעסן פונם פראָלעטאריאט בענויגע צו איר, וועגן דער געגנווארט און צוקונפט פונם ספעציפיש-פראָלעטארישן קאַמף, — זיינען אָפגעוואָרפן געוואָרן פאר זייער „טעאָרעטישקייט". פראַקטיק — דאָס איז די דומע, טעאָריע — דאָס זיינען די אויפגאַבן און דער קאַמף פונם פראָלעטאריאט, — אָט ווי עס איז אויסגעקומען ליט די אָפּאָרטוניסטן, וואָס האָבן נאָך געהאט גענוג קרעפטן, קעדיי צו צווינגען דעם צוזאַמענפאָר ארומצודרייען זיך אַף דעמדאָזיקן באָדן. נאָר די געשיכטע נעמט נעקאָמע, און אז די אָפּאָרטוניסטן האָבן זיך אומגעקערט אהיים, האָבן זיי געפונען זייער „פראַקטיק" וואַלגערנדיק זיך אין מיסט. און דאָס, וואָס זיי האָבן געהאלטן פאר טעאָריע, איז געוואָרן די איינציקע פראגע פון דער רוסלענדישער ווירקלעכקייט. ס'קאָן זיין, אז איצטער רעכענען זיי שוין פארקערט, אַז נאָר דאַן, ווען זיי וואָלטן געפירט דעם צוזאַמענפאָר אַפן וועג פון די פראגן, וועלכע ס'האָט ארויסגערוקט דער רעוואָלוציאָנערער פליגל פונם צוזאַמענפאָר, וואָלטן זיי גענומען א ווייט-מעגלעכן אָנטייל אין דער עמעס-וויכטיקער, איינציק לעבנספעאיקער ארבעט.

251. פאַר אַן איינהייטלעכער צענטראַליזירטער פאַרטיי, קעגן פעדעראַליזם.

(פון ג. זינאָוויעווס 100) ארטיקל „אָרגאַניזאַציאָנס-פראגן". זאַמלבוך „דער V (לאָנדאָנער) צוזאַמענפאָר", ז. ז. 72—73).

...בענויגע צו דער אָרגאַניזירונגס-אַרבעט, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט דורכגעמאַכט, וואָלטן מיר זיך נאָך געוואָלט עטוואָס אויספירלעכער אָפּשטעלן

אָף די טריט, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אָף צו פאַרייניקן זיך מיט דער אַרמענישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט, לויטן איינלאַדונג פונם אַלטן צ. ק. פון ר. ס. ד. א. פּ., צוגעשיקט אָפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר איר דעלעגאַציע און פאָרגעשטעלט אַ פאַרייניקונגס-פּראָיעקט. לויט דעם אויפטראַג פון צוזאַמענפאָר, איז דער דאָזיקער פּראָיעקט באַטראַכט געוואָרן אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָמיסיע.

די אַרמענישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע האָט אָפּגעטיילט פון ר.ס.ד.א.פּ. דאָסזעלביקע, וואָס עס האָט אַמאָל אָפּגעטיילט און טיילט נאָך פון איר אויך איצט אָפּ דעם בונד, דאָס איז די באַציאונג צו די נאַציאָנאַלע און פעדעראַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן. גאָר דער ערשטער פּראָיעקט, וואָס די אַרמענישע ס. ד. אָרגאַניזאַציע האָט פאָרגעלייגט, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט קימאַט וואָרט-אין-וואָרט אַ קאָפּיע פונם „סטאַטוט-מאַקסימום", וואָס דער בונד האָט אַמאָל פּראָקלאַמירט. נאָר ווייסנדיק די נעגאַטיווע באַציאונג פונם צוזאַמענפאָר צו די דאָזיקע באַרימטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן, האָבן די אַרמענישע כאַווײרים זעלבסט געמאַכט אַ דיי „האַנאַכעס", קעדיי צו מאַכן זייער פּראָיעקט מער ווייניקער אַננעמבאַר פאַרן צוזאַמענפאָר. אַדאַנק די געמיינזאַמע באַמיאונגען, האָבן די דעלעגאַציעס פון די באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס און פּ. ס. ד. אין דער קאָמיסיע עטוואָס געטאָן, קעדיי כאָטש פיל ניט אָפּשוואַכן דעם פעדעראַליסטישן גיפט פונם פּראָיעקט. נאָר מע מוז מודע זיין — אין דער באַריכט-אָפּגעבער פון דער קאָמיסיע, ד. ה. אַ באָלשעוויק, האָט דאָס אָפן געטאָן צוזאַמענפאַר — אַז דאָס האָט זיך איינגעגעבן בלויז אין אַ קליינער מאָס. עמעס, מיר מיט אונזערע אויסבעסערונגען האָבן פאַרט דערגרייכט, אַז דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון בונד האָט געהאַלטן פאַר נייטיק נאָך דעם באָלשעוויסטישן-באַריכט-אָפּגעבער צו מעלדן פון דער צוזאַמענפאָר-טריבונע, אַז דער בונד האַלט אויך דעם פּראָיעקט אין דער אויסגעבעסערטער פאָרם פאַר אַ פשאָרעדיקן, נאָר אין אַן אַנדער הינזיכט — ד. ה. פאַר אַ צו „פאַרערגערטן" אין דער ריכטונג פונם ריינעם פעדעראַליזם.

מע האָט געוואָלט רעאַליזירן די נייגונג צו דער ר. ס. ד. א. פּ., וועלכע האָט זיך די לעצטע צייט באַזונדערס פאַרשטאַרקט בא די נאַציאָנאַלע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס. דערביי איז מען אַרויסגעגאַנגען פון דער ריכטיקער מיינונג, אַז מע מוז פאַרייניקן, ווען אַפילע די פאַרייניקונגס-פאָרם זאָל זיין גאַנץ ווייט פון דער אידעאַלער, אַלע נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע עלעמענטן, קעדיי אין די רייען פון דער איינהייטלעכער פּאַרטיי צו מאַכן אַ סאָף מיט די פעדעראַליסטישע פאָרורטיילן, וואָס שטימען ניט מיט די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן פאַרייניקן זיך צו דער מיינונג פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָמיסיע און האָט באַפולמעכטיקט דעם צ. ק. פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פאַרייניקונג, מעגלעך, וואָס גיכער.

אָף אַזאַ אויפן קען מען רעכענען די פאַרייניקונג מיט דער אַרמענישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַלס אַ געשעענע זאַך.

נאָך אין נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע גייט פאָרמעל אַריין אין די רייען פון דער ר. ס. ד. א. פּ. נאָר, צום באַדויערן, קומט אויס צו קאָנסטאַטירן, אַז די דאָזיקע פאַראייניקונג, ווייניקסטן אין דער נאָענטסטער צייט, וועט זיין ניט פעסטער, ווי די פאַראייניקונג, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר צווישן ר.ס.ד.א.פּ. מיטן בונד. דער קאַמף פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז נאָך פאָרויס. איבער אַ גאַנצער ריי אומשטענדן האָט די פּאַרטיי, באַזונדערס פאַר די לעצטע צוויי יאָר, אויפגעטאָן, צום באַדויערן, זייער ווייניק אויף צו קעמפן מיטן פעדעראַליזם אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. פאַקטיש איז דער בונד, לעמאָשל, געבליבן אַ מלוכע אין אַ מלוכע. קיין פאַראייניקונג אויף די ערטער איז, אין טאָג גענומען, ניט פאָרגעקומען. דאָס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט.

די פּאַרטיי, ניט קוקנדיק אויף אַלע אומגינסטיקע אומשטענדן, דאַרף, ניט אָפּלייגנדיק אויף לאַנג, טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, קעדיי ווירקלעך און פולשטענדיק צו פאַראייניקן זיך אויף די ערטער מיט די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. טאָן אַלץ, קעדיי פון אַ פעדעראַציע, שלעכט צוזאַמענגעבונדענעם מעכאַניזם זאָל זיך די פּאַרטיי וואָס גיכער פאַרוואַנדלען אין אַן איינהייטלעכן, צענטראַליזירטן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן אָרגאַניזם. מיטווירקן דעם איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון אונזער נייעם צ. ק. און פון אונזער פּעריאָדישער קאָנפערענץ.

דאָס, פאַרשטייט זיך, הייסט דורכויס ניט, אַז מיר דאַרפן שווער מאַכן אַפילו בלויז פאָרמעל די פאַראייניקונג מיט די נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. די באָלשעוויקעס וועלן זיך אַלעמאָל אַרויסזאָגן קעגן אַזאַ פּאָליטיק: סאַי אויפן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר, סאַי אויפן לאָנדאָנער האָבן זיי געטאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, קעדיי צו פאַרגיכערן די פאַראייניקונג מיט דער אַרמענישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. מיר באַגריסן ברידערלעך דעם נייעם קאַמפס-טייל, וואָס טרעט אַריין אין אונזער פּאַרטיי — די אַרמענישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, נאָר צוזאַמען דערמיט האַלטן מיר פאַר אומבאַדינגט נייטיק אַרויסצושטעלן אויף דעם טאָג-אָרדענונג דעם אַנטשיידענעם אידייאישן קאַמף קעגן דעם פעדעראַליזם אין אונזער פּאַרטיי.

252. רעזאָלוציע פון לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר וועגן דער באַציאונג צו די בורזשואַזע פּאַרטייען.

(פאָרגעלייגט פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע. וו. לענין: געזאַמלטע ווערק ב. VIII ז. 534—535)

נעמענדיק אין אַכט:

1) אַז פאַר דער ר. ס. ד. א. פּ. ווערט אַרויסגערוקט אַצינד מיט אַ באַזונדערער דרינגלעכקייט די אויפגאַבע צו באַשטימען דעם קלאַסן-אינהאַלט פון פאַרשידענע ניט פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען, דיסקאַנטירן די קעגנזייטיקע

באַציאונגען פון די קלאַסן אין איצטיקן מאָמענט און בעהעסקעם מיט דעם באַשטימען איר באַציאונג צו אַנדערע פּאַרטייען;

2) אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט שטענדיק אָנערקענט די נויטווענדיקייט פון שטיצן די אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס איז געווענדעט קעגן דער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער אָרדענונג, וועלכע עקזיסטירט אין רוסלאַנד;

3) אַז אָף דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע ליגט אַ כיוב צו טאָן אַלץ פאַר די אויספילונג פון דער אָנפירער-ראָל אין דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע דורכן פּראָלעטאַריאַט, צוזאַמען מיט דער אָפּהיטונג פון דער פאָלקאָמער זעלבשטענדיקייט פון זיין קלאַסן-פּאָזיציע;

נעמענדיק דאָס אין אַכט, אָנערקענט דער צוזאַמענפאָר:

1) אַז די רעאַקציאָנערע און שוואַרצמייעדיקע פּאַרטייען (דער פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק, דער ראַט פון די פאַראייניקטע גוטסבאַזיצער און אַנדערע) טרעטן אַרויס אַלץ אַנטשלאָסענער און באַשטימטער, ווי אַ קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פון פּריצים-לייב-דינגס-אָנהענגער, אַז זיי שטרעבן צו דערטרינקען די רעוואָלוציע אין בלוט פון אַ אינערלעכן בירגער-קריג דורך נאַציאָנאַלע העצעריי און אָרגאַניזירונג פון פּאָגראָמען; — דאַרף די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אָנווייזנדיק אָף דעם ענגסטן פאַרבאַנד פון די דאָזיקע פּאַרטייען מיט דער זעלבסטהערשאַפט, קלאָר מאַכן די נויטווענדיקייט פון אַ פאַרביסענעם קאַמף פאַר דער פולקאָמער פאַרניכטונג פון אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע רעשטן פונם לייבדינערישן פאַרבאַריזם;

2) דאָס אַזעלכע פּאַרטייען, ווי דער פאַרבאַנד פון 17-טן אָקטיאַבר[101], האַנדלס-אינדוסטריע-פּאַרטיי[102], טיילווייז די „פרידלעך-באַנייאונגס"-פּאַרטיי א. ד. גל. שטעלן פאָר מיט זיך אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטיצן זיך אָף אַ טייל פון די ערדבאַזיצער און מער אַנגעשטאַנענע שיכטן פון דער בורזשואַזיע, פּאַרטייען, וועלכע האָבן זיך שוין געשטעלט איינגאַנצן אָף דער זייט פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע, וואָס שטיצן אָפן די רעגירונג און שטעלן זיך אַלט אַן אויפגאַבע די פאַרווירקלעכונג פון אַ העכסט אַנטי-דעמאָקראַטישע צענז-קאָנסטיטוציע; — דאַרף די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פירן מיט די דאָזיקע פּאַרטייען דעם סאַמע אומבאַראַכמאָנעסדיקן קאַמף;

3) אַז די פּאַרטייען פון דער ליבעראַל-מאָנאַרכיסטישער בורזשואַזיע און זייער הויפּט-פּאַרטיי — די ק. ד. — האָבן זיך איצט לאַכלוטן אָפּגעקערט פון דער רעוואָלוציע און פאַרפאָלגן די אויפגאַבע צו מאַכן אַ סאָף מיט איר דורך אַן אָפּמאַך מיט דער קאָנטר-רעוואָלוציע; אַז די סאָציאַלע באַזע פון אַזעלכע פּאַרטייען בילדן די עקאָנאָמיש מער פּראָגרעסיווע שיכטן פון דער בורזשואַזיע, איבערהויפּט די בורזשואַזע אינטעליגענץ, אין דער צייט ווען אַ טייל פון דעם קליינבירגערטום פון שטאָט און דאָרף גייט נאָך אַלץ נאָך די דאָזיקע פּאַרטייען נאָר איבער טראַדיציעס און ווערנדיק פּאַשעט אָפּגענאַרט פון די ליבעראַלן; אַז די פּאָליטישע שטרעמונגען פון די דאָזיקע פּאַרטייען גייען ניט אַרויס פון די גרעניצן פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע, וואָס ווערט באַשיצט פון די

אָנגרייפן פון פּראָלעטאַריאַט דורך פּאָליציי, צוויפּאלאטעס-סיסטעם, שטענדיקע אַרמיי א. ד. גל.; — דאַרף די סאָציאַל-דעמאקראַטיע אויסנוצן די טעטיקייט פון דידאָזיקע פּאַרטייען אין די אינטערעסן פון דער פּאָליטישער דערציאונג פונם פאָלק, אנטקעגנשטעלנדיק זייער צוואַקיש-דעמאקראַטישער פראַזעאָלאָגיע דעם קאָנסעקווענטן דעמאָקראַטיזם פון פּראָלעטאַריאַט, אויפדעקנדיק דעם סאָך פון די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט דורך זיי און קעמפנדיק אומבאַרעכמאָנעסדיק קעגן זייער העגעמאָניע איבער דעם דעמאָקראַטישן קליין-בירגערטום;

4) אז די נאַראָדניקעס אָדער אַרבעטס-פּאַרטייען (פּאָלקס-סאָציאַליסטישע אַרבעטס-גרופּע, ס"ר) דריקן אויס מער אָדער ווייניקער די אינטערעסן און שטאַנדפּונקט פון די ברייטע מאסן פון דעם שטאָט-און דאָרפס-קליינבירגערטום, וואקלענדיק זיך צווישן דער האכנאַע צו דער העגעמאָניע פון די ליבעראַלן און צווישן דעם אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן דעם ערד-געבוריך פון די אוטבאזיצער און די לייבדינגערישע מלוכע; דידאָזיקע פּאַרטייען פאַרשלייערן זייערע אין טאָך בורזשואַז-דעמאָקראַטישע אויפגאַבן מיט אַ מער אָדער ווייניקער נעפּלדיקע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע; די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע דאַרף אומאויפהערלעך אַנטפּלעקן זייער פסעוודאָ-סאָציאַליסטישן כאַראַקטער און קעמפן מיט זייער שטרעבונג צו פאַרטווישן דעם קלאַסן-ווידערשפּרוך צווישן דעם פּראָלעטאַריער און קליין-אייגנטימער, — און פון דער אנדערער זייט מיט אַלע קרעפטן ארויסרייסן זיי פון אונטער דער ווירקונג און אָנפירונג פון די ליבעראַלן, צווינגענדיק דידאָזיקע פּאַרטייען אויסקלייבן צווישן דער ק. ד. פּאָליטיק און דער פּאָליטיק פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און נויטנדיק זיי אַף אַזאַ אופן אין קאַמף פאַר דער דערפירונג פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע ביזן סאָף זיך צו שטעלן אפן זייט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע קעגן די שוואַרצמייעניקעס און קאַדעטן;

5) די בעשוטפעסדיקע טעטיקייט, וואָס פאָלגט דערפון, דאַרף אויסשליסן יעדער מעגלעכקייט צופּצוטרעטן אַפילע אף וויפל ס'איז פון דעם סאָצ. דעמ. פּראָגראַם און טאַקטיק, דינענדיק נאָר די צוועקן פון דעם אַלגעמיינעם אָנגריף ווי קעגן דער רעאקציע, אזוי אויך קעגן דער פאַרעטערישער טאקטיק פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע.

253. פּראָיעקט-רעזאָלוציע פון די מענשעוויקעס וועגן דער באַציאונג צו די בורזשואַזע פּאַרטייען.

(פון טשערעוואַנינס 103) בוך „דער לאָנדאָנער צוזאַמענפאַר פון ר. ס. ד. א. פּ. אין 1907", ז. 91—92).

נעמענדיק אין אַכט:

1) אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז דער הויפּט-באַוועגער פון דער רוסישער רעוואָלוציע;

2) אַז זיין פּאָליטישע אויפֿגאַבע אין גאַנג פֿון דערדאָזיקער רעוואָלוציע איז דאָס אומוואַרפֿן פֿון דער זעלבסטהערשאַפֿט און די פֿעסטשטעלונג פֿון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אַלס דאָס גינסטיקסטע באַדינגונג פֿונם קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם;

3) אַז דידאָזיקע אויפֿגאַבע דאַרף געלייזט ווערן נאָר מיטן דערעך פֿון אַ מער אָדער ווייניקער דויערנדן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אין גאַנג פֿון וועלכן עס אַנטשטייען פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט אויך צווישנליגנדע פּאָליטישע אויפֿגאַבן;

4) דאָס אַף וויפֿל דער פּראָלעטאַריאַט דערקענט זיין גרויסע פּאָליטישע אויפֿגאַבע, דאַרף ער און קען באַטראַכטן די באַוועגונג און די אַלע איבעריקע געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן דורכויס פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער מעגלעכקייט צו אויסנוצן זיי פֿאַר זיינע צוועקן, לעשיים זי צו לייזן,

געפֿינט דער צוזאַמענפֿאָר איין, אַז פֿירנדיק זיין רעוואָלוציאָנערן קלאַסן-קאַמף און אַזוי אַרום דערוועקנדיק אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע קלאַסן, שטיצט דער פּראָלעטאַריאַט יענע אָפּאָזיציאָנעלע און רעוואָלוציאָנערע שריט פֿון דידאָזיקע קלאַסן, וועלכע גייען אין דער ריכטונג פֿון די דעמאָקראַטישע פֿאָדערונגען פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט, און מאַכט דערמיט גופֿע דידאָזיקע שריט פֿאַר אַן אויסגאַנגס-פּונקט פֿון ברייטע פֿאָלקס-באַוועגונגען, וועלכע זיינען געווענדט צו דער פֿאַרטיפֿונג און פֿאַרברייטערונג פֿון פֿלוס-בעט פֿון דער רעוואָלוציע.

ווייטער, נעמענדיק אין אַכט:

1) אַז, פֿון איין זייט, האָט די רעוואָלוציע נאָך ניט געשאַפֿן די פּאָליטישע גרונט-באַדינגונגען פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט און אַז דעריבער האָט זי נאָך ניט באַפֿרידיקט דאָס מיטל-און קליין-בירגערטום פֿון שטאָט און דאָרף;

2) אַז, פֿון דער אַנדער זייט, האַלטן אַף די געזעלשאַפֿטלעך-עקאָנאָמישע באַדינגונגען און די היסטאָרישע אומגעבונג, בײַ וועלכע ס'געשעט דידאָזיקע רעוואָלוציע, די אַנטוויקלונג פֿון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, באַשאַפֿנדיק אַף איין פֿאַל אומבאַשלאָסנהייט אין קאַמף און אילוזיעס פֿון קאָנסטיטוציאָנעלער פֿרידלעכער ליקווידירונג פֿון דער אַלטער אָרדנונג, און אַף דעם אַנדערן — אילוזיעס פֿון קליינבירגערלעכן רעוואָלוציאָניזם און אַגראַר-אוטאָפּיע;

3) אַז אין קעגנוואַרטיקן מאָמענט פֿון צייטווייליקן שטילשטאַנד טרעטן מיט אַ באַזונדערער קראַפֿט ארויס דידאָזיקע נעגאַטיווע טענדענצן, וועלכע טאָרמאָזירן די אַנטוויקלונג פֿון דער רעוואָלוציע, פּאַראַליזירנדיק די אָפּאָזיציאָנעלע ענערגיע פֿון די ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און שטופּנדיק זיי אַפֿן וועג פֿון שאַלעם-שליסן מיט דעם עקזיסטירנדן רעזשים, מאַכנדיק גלייכציטיק דעם פּראָלעטאַריאַט באַזונדער עמפּפֿינדלעך פֿאַר די „גאַראָדניטשעסקע" אוטאָפּיעס,

נעמענדיק דאָס אין אַכט, שטעלט זיך די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַלס אַן אויפֿגאַבע:

1) ווירקן דורך איר זעלבשטענדיקער פּאָליטיק אַף די ליבעראַלע און דע-

מאָקראַטישע פּאַרטייען, קעמפנדיק אומבאַרעכמאַנעסדיק סאַי מיט שאָלעם-מאַ־ בעריש‏ע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אַרויסבאַוויזן בײַ די קאַדעטן, סאַי מיט די אַגראַר-אוטאָפּיעס פון פלאַכן רעוואָלוציאָניזם פון די נאַראָדניקעס, און שטיצנדיק אײנזײַטיק די דערשײַנונגען פון זײער קאַמף מיט דער עקזיסטירנ־ אָרדענונג ;

2) אַרײַנטרעטן אין באַזונדערע געוויסע פאַלן מיט דידאַזיקע פּאַרטײען אין אײַנשטימונגען, נעמענדיק אין קלאַל יענע פאָדערונגען, וועלכע עס שטעלט פאַר די ס. ד. די אױפגאַבע פון אַ פאַרשטאַרקטן אַנגריף אױף דער זעלבסט־ הערשאַפט, אום צו אױסנוצן זײ אין די אינטערעסן פון דער פאַרברײטערונג פון פּלוס-בעס פון דער רעוואָלוציע און אין די אינטערעסן פון דער דערגרײ־ כונג פונם גרױסן ציל, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געשטעלט.

XXXIII. די רעאַקציע און די צעפֿאַלונג פֿון דער באַוועגונג.

254. די איבערקערעניש פֿון 3-טן יוני.

(„ס'איז געשעען" די „פֿאָלקס צײַטונג", נומ. 371 פֿון 1907).

ס'איז מעקויעם געוואָרן דאָס, וואָס ס'האָט געמוזט מעקויעם ווערן: די דומע איז צעטריבן...

איצט איז קלאָר, אַז דער גזאַרדין פֿון דער דומע איז נאָך אונטערגעכאַסמעט געוואָרן פֿרײַטיק, ווען די רעגירונג האָט אַוועקגעשטעלט איר אולטימאַטום וועגן אַרויסגעבן דער פּאָליצײַ גאַנצע 55 דעפּוטאַטן*), די גאַנצע פֿראַקציע פֿון אַ גרויסער פּאַרטײַ, וועלכע האָט הינטער זיך די ברייטע פֿאָלקס-מאַסן.

די רעגירונג האָט אַפֿילע ניט געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו באַגרינדן איר פֿאָדערונג. דער באַשולדיקונגס-אַקט קעגן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן כאַזערט איבער אָט בעאָס אַלץ, וואָס מיט אַ כוידעש צוריק נאָך האָבן געזאָגט אין דומע סטאָליפּין און שטשעגלאָוויטאָוו 104), נאָך דער הויז-זוכונג אין דער דירע פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פֿראַקציע. נאָך אַ כוידעש פֿון „אויספֿאָרשונג" האָט די רעגירונג געקענט מאַכן נאָר די קוריאָזע אַנטפּלעקונג, אַז די פֿראַקציע פֿון דער ס. ד. פּאַרטײַ האָט באַציאונגען מיט דער דאָזיקער פּאַרטײַ און אַז די ס. ד. דעפּוטאַטן האַלטן זיך בײַ דער סאָצ. דעמ. טאַקטיק און פּראָגראַם!

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז די רעגירונג האָט ניט געקענט דערוואַרטן, דאָס די קאַדעטן וועלן זיך אונטערשרײַבן אונטער אַזאַ קינדיש-לעכערלעכן באַשולדיקונגס-אַקט. די קאַדעטן, ווי שלעכט זיי זאָלן ניט זײַן, זײַנען דאָך פֿאָרט ניט קיין רעגירונגס-פּאַרטײַ! און די רעגירונג האָט טאַקע ניט געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו וואַרטן, ביז וואַנען די דומע וועט זיך אַרויסזאָגן וועגן דער עצעם פֿראַגע. איצט איז קלאָר, אַז איר פֿאָדערונג האָט זי אַרויסגעשטעלט ניט כּדי צו באַקומען פֿון דער דומע „אַן ערלויבעניש" צו אַרעסטירן די דעפּוטאַטן, נאָר צו דערקלערן מאַירעוו-איירעפּע, פֿאַרוואָס גלײַך אַף מאָרגן נאָכן פֿאַנאַנדער-

*) ס'רעדט זיך וועגן סטאָליפּינס פֿאָדערונג אַרויסגעבן אַף צו אַרעסטירן די גאַנצע סאָצ. דעמ. פֿראַקציע, קעגן וועלכער מע האָט מיט דער הילף פֿון פּראָוואָקאַטאָרן פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס פֿאַר פּרווּוון אָרגאַניזירן אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד און טעראָריסטישן אָנפֿאַל אויפֿן צאַר.

טרייבן די דומע האָט מען אַרעסטירט צענדליקער דעפּוטאַטן און פאַרוואָס די רעגירונג האָט ווייטער ניט געקענט וואַרטן: סטייטש, די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן האָבן דאָך צוגעגרייט אַ „באַוואָפנטן אויפשטאַנד", דאָס פאַטערלאַנד איז געווען אין אַ סאַקאָנע. סטאָליפּין האָט בעפּירעש געזאָגט, אַז ער קאָן ניט קאַווירן פאַר די „רו און אָרדענונג" אין לאַנד. דאָ האָט מען ניט געטאָרט וואַרטן איין רגע ניט, און די דומע האָט נאָר אָפּגעגעבן די פראַגע אין אַ יורידישע קאָמיסיע. מ'האָט געמוזט אָננעמען אַנטשיידענע מיטלען.

נאָר אויך אין דעם פאַל האָט די רעגירונג זיך ניט אַנטשלאָסן צו האַנדלען אָפן. זי האָט אַרויסגעשטעלט דער דומע איר אולטימאַטום בעסאָד, אונטער דעם שלייער פון אַ געהיימניש, אין אַ געשלאָסענער זיצונג, לויט דער פאָדערונג פון סטאָליפּין. זי האָט זיך ניט אַנטשלאָסן צו מאַכן אָפן, פאַר גאַנץ רוסלאַנד, איר באַרימטע מעלדונג, אַז ערשט אין דריי כאָדאָשים אַרום זינט די דומע עקזיסטירט האָט זי זיך דערוואוסט, דאָס די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן זיינען סאָציאַל-דעמאָקראַטן און ניט קאַדעטן אָדער אָקטיאַבריסטן און אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד קען איצט אומברענגען רוסלאַנד. זי האָט זיך ניט באַשלאָסן צו שפּילן די קאָמעדיע פון „געזעצלעכקייט" אין אַן אָפענער זיצונג אַזוי, אַז גאַנץ רוסלאַנד זאָל זען איר שפּיל.

זי האָט אויך ניט געהאַט דעם מוט צו זאָגן אָפן די דעפּוטאַטן: מיינע הערן, גייט זיך פאַנאַנדער אַהיים! אַזוי ווי פאַראיאָרן, האָט זי זיך איצט באַנוצט מיט דעם פּייער-טאָג, בעשאַס ס'איז ניט געווען קיין זיצונג אין דומע, אום פלוצלונג צו באַפאַלן די פאָלקס-פאַרטרעטונג פון הינטער אַ ווינקל און מאַכן פון איר אַ סאָף. מע קען ניט זאָגן, אַז דאָס זאָל באַווייזן, אַז די רעגירונג איז בא זיך בעעמעס שטאַרק און פילט אונטער זיך אַ פעסטן באָדן.

די דומע איז צעטריבן. דער וואַל-געזעץ איז אומגעענדערט. מ'האָט געמאַכט אַ מלוכע-איבערקערעניש. מיר טרעטן בלי ספק אַריין אין אַ פעריאָד פון נאָך א מער פינסטערער רעאַקציע, איידער ביז איצט. אָבער קיינע קונצשטיקן און איבער-שפּיצלעך וועלן דער רעגירונג ניט העלפן. דערשטיקן דעם גייסט פון אומצופרידנהייט, וועלכע איז אַזוי ברייט פאַנאַנדערגעגאָסן איבערן לאַנד, — דאָס וועט איר זיך ניט איינגעבן.

255. דער וואוקס פון דער אידישער עמיגראציע פון רוסלאנד.

(פון ל. הערשט[105], בוך „די אידישע עמיגראציע“. ווילנע 1914 ז. ז. 6–7).

יאָרן	די אלגעמיינע צאל פון די אידישע עמי-גראנטן	צווישן זיי אין פּראצענטן: קוואליפיצירטע ארבעטער	צווישן זיי אין פּראצענטן: הענדלער	אינטעליגענטן (אף 100 אקטיווע עמיגראנטן)
1899	24.275	69	25	1,1
1900	37,011	68	27	1,8
1901	37,660	70	27	1,1
1902	37,846	56	27	0,9
1903	47,689	60	25	1,1
1904	77,544	67	21	1,2
1905	92,388	72	19	1,4
1906	125,234	67	19	1,4
1907	114,932	69	19	1,3

...אָף די אידישע אויסוואַנדערונג פון רוסלענדער מלוכע ווירקן נאָך ספּעציעלע, אָרטיקע סיבעס, וואָס הויבן אויף די אידישע וואַנדערונג באַזונדערט הויך אין די יאָרן 1904–1908. די אומענטשלעכע פּאַרפאָלגונגען, וואָס די אידן זיינען אויסגעשטאַנען אין רוסלענדער מלוכע ערעוו די גרויסע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג פונם יאָר 1905, אין דער צייט פון דערדאָזיקער באַוועגונג און באלד נאָך איר, דער ערשטער פּאָגראָם אין קישענעוו און איבערהויפּט דער מאבול פון בלוטיקע פּאָגראָמען, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אָף די אידישע באַפעלקערונג אין רוסלאנד באַלד נאָך דעם קלוימערשטיקן קאָנסטיטוציאָנס-מאַניפעסט פון אָקטיאַבר 1905 (1906 לויט דער אַמעריקאַנישער פיסקאַל-יאָר-רעכענונג), האָבן שוין אין 1904, נאָר הויפּטזאַכלעך טאקע אין 1906, ארויסגערופן בא די אידן אַן עמעסע לויפעניש פון רוסלאַנד און אן אויסערגעוויינלעך הויכע וואַנדערונג נאָך אַמעריקע. אין איין יאָר 1906 האָבן אין אמעריקע איינגעוואנדערט העכער 125 טויזנט רוסלענדער אידן. דאָס איז אָבער געווען אַ לויפעניש פון פייער, אַ לויפעניש, קעדיי דאָס לעבן צו ראַטעווען, וועלכע האָט בעשום אויפן ניט געקענט לענגער אנהאַלטן, און אין פאָלגנדן (1907) יאָר, ניט קוקנדיק אָף די וואקסנדע עקאנאָמישע אויפבליאונג אין אמעריקע, איז שוין די צאָל אידישע איינוואנדערער אהין פון רוסלענדער מלוכע קלענער אף 10 טויזנט,

ווי אין 1906. די אידישע איינוואנדערונג בלייבט אָבער נאָך אויסערסט הויך אין 1907, ווען אויך די גלענצנדע לאגע אין אמעריקע האָט אף די אידישע איינוואנדערונג פון רוסלאנד געווירקט נאָך דער קריגס-צושטאנד אין די געגנטן פון רוסלענדער מלוכע, וואו די אידן וואוינען, די שרעקלעכע קאפּיטאליסטישע רעאַקציע נאָך דער מאַפּאָלע פון דער רעוואָלוציע, די פארערגערונג פון די ארבעטס-באדינגונגען, פונם ארבעטס-לוין קימאט אין אלע פראָדוקציאָנס-בראַנזשעס און די לאנגע און גרויזאמע לאָקאאוטן, מיט וועלכע די אונטערנעמער האָבן זיך גענוקמט געוועזן פאר דער מעכטיקער און זיגרייכער שטרייק-באַוועגונג פון 1905-טן יאָר. די עקזיסטענץ פון ארבעטער איז געוואָרן סיי אין גייסטיקן, סיי אין מאטעריעלן זין אונערטרעגלעך, און מאסנווייז האָבן די אידישע ארבעטער פארלאָזן דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן אָנגעזויגט מיט זייער שווייס און מיט זייער בלוט...

256. עקספּראָפּריאַציעס און „קאָמבינאַציעס“.

(א. ליטוואַק: „לאַנדעס, באַגאָווירים און קאָמבינאַטאָרן“, „דער רויטער פּינקעס“ II, ז.ז. 138—142).

אין 1906, אַז די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט אָנגעהויבן אַראָפּצופאלן, איז אַוועק אַ סעדרע עקספּראָפּריאַציעס און קאָמבינאַציעס... אין 1905, בעת דער אויטאָריטעט פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס איז געווען גרויס, האָבן אים די קאָמבינאַטאָרן*) גענומען אויסנוצן פאַר זייערע פּריוואַטע צוועקן. פריער די אַזוי גערופענע „פּראָטעגוזיעס“. א באַלעבאָס האָט אָפּגעזאָגט א דינסט-מיידל, קומט צו איר אַזאַ איינער און זאָגט: ווילסט, וועל איך אים צווינגען געבן דיר 100 רובל; דאָס געלט העלפט אַף העלפט: מיר 50 און דיר 50. אויב דאָס מיידל האָט איינגעוויליקט, איז ער אַוועק צו איר געוועזענעם באַלעבאָס און אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע האָט ער פון אים געפאָדערט 100 רובל. גאָר ניט געבן האָט דער באַלעבאָס געהאַלטן פאַר אומעגלעך: מיט דער אָרגאַניזאַציע שפּילט מען זיך ניט... האָט ער זיך געפּרוּווט דינגען און מע פלעגט טאַקע אַמאָל עפּעס אָפּדינגען אויך. „פּראָטעגוזיעס“ זיינען אויך געווען באַ אָפּגעזאָגטע האַנדלס-אָנגעשטעלטע, באַ קעלנער, קעדייַ ארויסצופרעסן מער ווי די נאָרמע, וואָס די ארבעטער-באַוועגונג האָט איינגעשטעלט. עס האָט געטראָפן, אַז מ'האָט איינגעמאָנט „פּראָטעגוזיעס“ פאַר מענטשן, וואָס האָבן פארלאָרן די שטעלעס מיט עטלעכע יאָר צוריק און האָבן שוין לאנג געהאַט נייע שטעלעס.

א גוטע קאָמבינאַציע איז אויך געווען נאָכמאַכן שטעמפּלען פון בונד, פון די ס. ס. כאַסמענען דערמיט זאַמל-ליסטעס און גיין איבער געשעפטן און פּריוואַטע הייזער קלייבן געלט קלומערשט פאַר דער פּאַרטיי. אויב עמיצער האָט ניט געוואָלט געבן, האָט מען פאַרשריבן זיין נאָמען און אדרעס. ס'האָט

*) קאָמבינאַטאָר האָט געהייסן א מענטש, וואָס מאַכט א לעבן פון שווינדלערישע דרייוולצי· און פעלשונגען.

צעהייסן: מיר וועלן דאס איבערגעבן דער אָרגאַניזאַציע און זי וועט שוין וויסן, וואָס צו טאָן... דאָס האט זיך אנגעהויבן נאָך אין פינפטן יאָר; אָבער דעמאָלט זיינען עס געווען נאָר איינצלנע פאַקטן. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג איז געשטאַנען הויך, אף אַזעלכע מאַיסים האָבן זיך דעמאָלט געלאָזן נאָר פּראָפעסיאָנעלע קאָמבינאַטאָרן, און די האָבן אויך געציטערט, טאָמער דערוויסט זיך די אָרגאַניזאַציע, וועלן זיי שלעכט אָפּשניידן.

אין 1906 און 1907 זיינען די קאָמבינאַציעס געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג און געמאַכט האָבן זיי ניט בלויז פּראָפעסיאָנעלע קאָמבינאַטאָרן, נאָר אויך דעמאָראַליזירטע אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס זיינען נאָך נעכטן געווען הייסע רעוואָלוציאָנערן. ביפראַט, אַז די אַרבעטסלאָזיקייט איז געווען גרויס און עס זיינען געווען פאַרהונגערטע מענטשן, וועלכע האָבן ניט איבערגעקליבן וואָס צו טאָן, אַבי עפּעס פאַרדינען. ווען די אָרגאַניזאַציע פלעגט זיך דערוויסן, וואָס מע טוט אָפּ אין איר נאָמען, פלעגט זי אָנעמען שטרענגע מיטלען קעגן די אַנטפּלעקטע קאָמבינאַטאָרן, אפילע צווינגען זיי אַרויסצופאָרן פון שטאָט. אָבער דעמאָלט איז שוין געווען אַזויפיל קאָמבינאַטאָרן, אַז אַלעמען כאַפּן און אַרויסשיקן איז געוואָרן אוממעגלעך.

צוזאַמען מיט די קאָמבינאַציעס זיינען געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג די „עקסן“, — די עקספּראָפּריאַציעס... פון זומער 1906 האָבן זיך גענומען דערצו קימאַט דורכויס פאַשעטע אוואַנטיוריסטן, ניט צוליב אַן אידייע, נאָר צוליב אַ געשעפט. די דאָזיקע לייט זיינען, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען אַפן וועג פון קלענערן ווידערשטאַנד; דעריבער האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן ניט מיט עקספּראָפּריאירן מלוכע-געלט, וואו די ריזיקע איז גרויס, נאָר מיט פּריוואַטע עקסן בא אָנגעשראָקענע אידישע באַלעבאַטים, וואו ס'איז געווען שווער צו דערוואַרטן אַ ווידערשטאַנד. און באַם אויסקלייבן אַן אָביעקט פאַר דער עקספּראָפּריאַציע האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ניט אַפן רייכערן, נאָר אַפן גרינגערן פאַלן. מע פלעגט שרייבן בריוו צו פאַרמעגלעכע מענטשן און פאָדערן, אַז אין אַ באַשטימטער צייט ז'ל אַ געוויסע סומע אוועקגעלייגט ווערן אף אַ באַשטימטן אָרט, אָדער איבערגעגעבן ווערן אַ מענטשן, וואָס וועט ספּעציעל נאָך דעם קומען. פאַר דעם, וואָס וועט ניט געבן, אָדער ער וועט זיך דערוועגן ווענדן צו דער מאַכט, איז אָנגעגרייט אַן אויפרייס. אַמאָל פלעגט מען עס טאָן נאָך פּאָשעטער. עטלעכע מענטשן קומען, ווייזן אַ באָמבע און טוען אַ געשריי: די הענט אַרויף! ניט רירן זיך פון אָרט! זיי נעמען צו אַלץ, וואָס איז פאַראַן, און פאַרן אוועקגיין זאָגן זיי אָן: אַ פערטל שאָ נאָך אונזער אוועקגיין ניט רירן זיך פון אָרט! יועץ ניט... אין איינצלנע פאַלן איז די באָמבע געווען אַ באָמבע און עס האָט געטראָפן, אַז זי האָט טאַקע אויפגעריסן אויך. אָבער דאַסראָוו איז געווען געוועג, אַז די אָנפאַלער זאָלן ברענגען מיט זיך אַ טעקסטורענע שאַכטעלע און האַלטן עס אַזוי פאָרזיכטיק, אַז דער באַפאַלענער זאָל מיינען, אַז דאָס איז אַ באָמבע. די אָנגעשראָקנקייט איז דעמאָלט געווען אַזוי גרויס, אַז בא דעם ערשטן הויכן געשריי: די הענט אַרויף! פלעגן מענטשן בלייבן שטיין ווי פּאַראַליזירטע.

די עקסן זיינען געמאַכט געוואָרן מער ווי אלץ פון אַזוי גערופענע אַנאַרכיסטן. דאס איז געווען דער שמוציקער רויבערישער „אַנאַרכיזם", וואס האט זיך פון ביאַליסטאָק און אדעס פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן אידישן תחום. ווי שוואמען נאָך א רעגן זיינען דעמאלט געוואַקסן קליינע אַנאַרכיסטישע גרופּעס, וועלכע האָבן געפירט א שאַרפן קאַמף — ביז רעוואלווערן — איינע קעגן די אַנדערע און זיי אַלע קעגן בונד. צוויי-דריי באָכערים, וואס האבן פאַרמאָגט א פּאָר רעוואָלווערן און א רעצעפּט, ווי צו מאַכן דינאַמיט, גרינדן אן אנאַרכיסטישע גרופּע: „רויטע ברידער", צי „ברויט אָדער טויט", בּאַ וועלכע דער ציל און דער מיטל איז עקספּראָפּריאַציע. בּאַ דיזאָזיקע אַנאַרכיסטן האָט מען קיין מאָל ניט געקענט אָפּטיילן, וואו ענדיקט זיך דער אידייאישער מענטש און וואו הויבט זיך אָן דער קרימינעלער טיפּ, און אָפט איז קיין אידייע גאר ניט געווען — דורכויס קרימינאַל. אַף איין רעוואלוציאָנער אוואַנטיוריסט, וואָס האָט געהאט וועלכע עס איז אידייע, זיינען געווען 10 פּאשעטע לאָבּוועס און אפילע א פּאָר פּראָפעסיאָנעלע גאַנאָווים.

...אין 1906 און 1907 האט דער בונד ניט געקאנט איינהאַמעווען די פּאַרשיידענע מינים קאָמבינאַטאָרן, ווייל זיי זיינען געווען צופיל און ווייל דער בונד גופע, ווי די גאַנצע אַרבעטער-באַוועגונג, האָט אנגעהויבן פּאַרלירן די קויכעס אונטער די קלעפּ פון דער רעאַקציע. די רעאַקציע פון איר זייט האָט דערווייל אויך ניט געקאָנט גויוער זיין די אַנאַרכיע, ווייל זי האָט זיך נאָך ניט פּאַרפעסטיקט און זי האט געהאַט צו באַקעמפן גרעסערע סאָנים איידער די קליינע ווערים. און עפּשער האָט זי גאָר ניט געוואָלט אַף גיך דערשטיקן די קאָמבינאַטאָרן און עקסיסטן, ווייל זיי זיינען איר צונוץ געקומען אין קאַמף קעגן דער רעוואלוציע. זיי האבן אראָפּגעריסן דעם מאָראַלישן אַוטאָריטעט פון די רעוואָלוציאָנערן בּאַ די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג; זיי האבן געוואָרפן א פּאַכאַד אַף דער בורזשואַזיע און האָבן זי געטריבן אין די אָרעמס פון צאַריזם און, דער איקער, זיי האָבן אריינגעטראָגן אַ דעמאָראַליזאַציע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג.

257. דער קאמף פון די ארגאניזירטע ארבעטער קעגן די עקספּראָפּריאַטאָרן.

(רעזאָלוציע פון אן ארבעטער-פּאַרזאַמלונג אין ווילקאָוויסק. „אונזער וועג" נומ. 2 פון 21 אוגוסט 1907).

מיר אַלע וואָלקאָווישקער ארבעטער, צונויפקלייבנדיק זיך אַף אַ מאַסן-פאַרזאַמלונג, וועלכע ס'איז צונויפגערופן געוואָרן דורך די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון די פּאַרטייען — „בונד", ס. ס. און ט. ר., קעדיי צו באַטראַכטן די מאַיסים פון אַ גרופּע אָרגאַניזירטע כוליגאַנעס (אַרבעטער), וועלכע טעראָריזירן דורך אָנפאַלן און רויבערייען די אַרבעטער-מאַסע, ווי אויך די גאַנצע באַפעלקערונג, האבן איינשטימיק אנגענומען פאלגנדע רעזאָלוציע:

1) מיר אַלע וואָלקאָווישקער אַרבעטער פּראָטעסטירן קעגן די שענדלעכע

זוי אויך שענדלעכע טאַטן פון דער גרופּע כוליגאַנעס (אַרבעטער). מיר פאַרפליכטן יעדן אַרבעטער איבערצורייסן די באַציאונגען מיט זיי, קעדיי די שמוץ פון זייערע טאַטן זאָל ניט פאַלן אַף אַלע אַרבעטער, וועלכע אַנערקענען די דאָזיקע טאַטן פאַר שענדלעכע, שעדלעכע און פאַרברעכערישע.

2) יעדער אַרבעטער איז פאַרפליכט צו קעמפן קעגן דעם „באַנדיטיזם" מאָראַליש און אין אויסנאַם-פאַלן (דעהאַינע: באַ אַנפאַלן אַף אַרבעטער א. א. וו.) אויך פיזיש.

3) אַלע פאַרטייען צוזאַמען זאָלן מעלדן דער באַפעלקערונג דורך אַ בלעטל, אַז די גאַנצע וואָלקאָוויסקער אַרבעטער-מאַסע באַציט זיך צו דער גרופּע, ווי צו כוליגאַנעס.

וואָלקאָוויסקער כאַצ.-דעמ. אָרגאַניז. פון „בונד".
וואָלקאָוויסקער אָרגאַניז. פון דער צ. ס. א. פּ.
וואָלקאָוויסקער פּראָפ. פאַריין פון האַנטווער-קער, פּריקאַזטשיקעס און קעכינס.

258. קעגן בלוטיקן ברודער־קאַמף צווישן די לאָדזער אַרבעטער[106].

(רעזאָלוציע פון דער אַלשטאַטישער אַרבעטער-קאָנפערענץ „פאָלקס-צייטונג" נומ. 333 1907).

די פאָרשטייער פון לאָדזער פאַבריקן, וועלכע האָבן זיך דעם 24-טן (נ. ס.) אַפּרעל צוזאַמענגעקליבן אין ענגלישן זאַל (פּאַסאַזש שולץ, נומ. 2) קעדיי צו באַטראַכטן די סיטואַציע, וואָס ס'האָט זיך באַשאַפן אין שטאָט צוליב די לעצטע האַריגעס, שטעלן פעסט: 1) אַז די האַריגעס און די שטרייטן, וועלכע זייַנען פאָרגעקומען צווישן די לאָדזער אַרבעטער פון פאַרשיידענע ריכטונגען, זייַנען אָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע אין פּוילן. בעת די פרייהייטס-טעג, אַזוי גלייך אין דער פריערער צייט, זייַנען אין לאָדז קיינע האַריגעס ניט פאָרגעקומען. דידאָזיקע האַריגעס באַגייען פיינד פון דעם אַרבעטער-קלאַס, וועלכע נוצן אויס דעם איצטיקן מאָמענט, אום צו דעזאָרגאַניזירן דעם קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט און אום לייכטער צו באַפעסטיקן זייער מאַכט און הערשונג איבער דעם פּראָלעטאַריאַט; זיי ווילן אין דעם בלוט פון די אַרבעטער דערטרינקען די סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטער; זיי ווילן צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן צעטיילן דעם אַרבעטער-קלאַס אַף פיינדלעכע מאַכנעס, און פאַרשאַרפנדיק די ראַסן (אידן) —, גלויבן — (מאָריאַוויטן) און איבערצייגונג — (סאָציאַליסטן און נאַראָדאָווצעס) קעגנזאַצן רופן זיי אַרויס ברודער-מאָרדער.

די פאַרזאַמלונג פאַרורטיילט מיטן גאַנצן קויעך די אויפירונג פון אַ געוויסן טייל פון דער פּרעסע, וועלכע האָט צעשפּרייט אומבאַגרינדעטע יעדיעס. דאָס די עקסט-לינקע פּאַרטייען האָבן קלוימערשט אַרויסגערופן די שטרייטן, קעדיי צו פאַרלענגערן דעם לאָקאַוט; דאָס דער איבערפאַל אַף די קאָמאַנדיט,-געזעל-

שאַפט איז פאַרגעקומען צוליב קאָנקורענץ-אורזאַכן (דאָס האָט געקענט ארויסרופן אַ באַוועגונג קעגן אידן).

אַזאַ באַלייכטונג די געשעעענישן פון דער פּרעסע אין דער צייט, ווען זיי האָבן זיך נאָר אָנגעפאַנגען, האָט פאַרשאַרפט די שטרייטן און האָט זיי געריכטעט: פון איין זייט, קעגן אידן, פון דער צווייטער, קעגן אַרבעטער, וואָס געהערן צו לינקע פאַרטייען.

2) די פאַרזאַמלונג פאַרורטיילט יעדע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע;

3) די פאַרזאַמלונג פאַרורטיילט אַמשאַרפסטן די פּראָפּאַגאַנדע פון האַריגעס אלס אַ מיטל פון פאַרטיי-קאַמף, די פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע עס פירן פון אַ געווי‏סער צייט אייניקע אָרגאַנען; די פאַרזאַמלונג שטעלט פעסט, אַז די לאָדזער אַרבעטער זייַנען קעגן אַזוינע מיינונגען, אַז די לאָדזער אַרבעטער האָבן זיך אָפּ אַ גאַנצע רייע מיטינגען אַרויסגעזאָגט קעגן האַריגעס.

4) די פאַרזאַמלונג דריקט אויס אַ האָפענונג, אַז אַלע אַרבעטער, אָן אונטערשייד פון איבערצייגונג, וועלן זיך אָפּקערן פון די, וועלכע רופן זיי צו האַריגעס, און לעבעדיק אין שאַלעם, וועלן זיי באַווייזן, אַז אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס ס'האָבן געשריבן די פייַנד פון אַרבעטער-קלאַס, קענען אין לאָדז, פונקט ווי אין אַנדערע אָרט, עקזיסטירן עטלעכע פאַרטיי-ריכטונגען אָן ברודער-מאָרדן, די פאַרזאַמלטע דריקן אויס זייער מיינונג, אַז פון היינט אָן מוז ווערן אַ סאָף צו די האַריגעס. צוליב דעם צוועק רופן זיי אַלע אַרבעטער פאַרגעסן וועגן די פאַרגעקומענע שטרייטן און רייסעניש, און אום אייַנצושטעלן אַ פרידלעכן לעבן, נעמען זיי אָן פאָלגנדע באַשלוסן, וועלכע זייַנען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלעמען:

א) מע טאָר קיינעם ניט טאָן קיין אַוולע, אויך ניט אַרויסטרייבן פון פאַבריק איבער פאָליטישע און עמונע-איבערצייגונגען; ב) מע טאָר ניט מיט גוואַלט צווינגען וועמען ניט איז פאַרשרייבן זיך אין אַ וועלכע ניט איז פאַרטיי אָדער פּראָפעסיאָנעלן פאַריין; ג) אין פאַבריק איז פאַרבאָטן צו געפינען זיך באַוואָפנט; ד) מע טאָר אין קיין צוזאַמענשטויס ניט באַנוצן קיין געווער; ה) אין יעדער פאַבריק דאַרפן זיין אָרגאַניזירט שטענדיקע קאָמיסיעס, געבילדעט פון פאָרשטייער פון אַלע פאַרטייען; דיזאויקע קאָמיסיעס דאַרפן באַטראַכטן אַלע מיספאַרשטענדעניש; ו) די קאָנפערענץ געפינט פאַר נויטיק צו בילדן אַ קאָמיסיע צו זאַמלען מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכעס צו די האַריגעס פון די אַרבעטער, קערייַ אויפצודעקן די שולדיקע פון די מאָרדן; ז) די גאַנצע אַרבעטערשאַפט איז מעכויעוו צו זאָרגן וועגן אָפּהיטן די אויסגערעכנטע באַשלוסן.

260—259. דער קריזיס פון דער פאַרטיי-פּרעסע.

א. צו אונזערע לעזער-פּריינד.

(„פאָלקס-צייטונג“, נומ. 303, 1907).

אונזער צייטונג איז ארויסגערופן געוואָרן צום לעבן דורך דער מאַסע. זי איז באַשאַפן געוואָרן פון דער מאַסע. עס פעלן אָפּט די גייסטיקע און מאַ-

טעריעלע מיטלען צו באפרידיקן אַלע אירע באַדערפעניש, אָבער די צייטונג שטייט שטענדיק אינם דינסט פון דער מאַסע. איצטער לעבט די צייטונג איבער אַ שווערן פינאַנציעלן קריזיס: זי שטייט נאָענט פארמאכט צו ווערן. מיר האלטן פאר אונזער כויוו באצייטנס מיטצוטיילן דאָס אונזער לעזער, קעדיי אַלע די, וועמען די צייטונג איז געוואָרן נאָענט און טייער, זאָלן אונז ניט אויפווארפן, אז מיר האָבן פון זיי פארשוויגן די לאַגע, אַז מיר האָבן ניט אויסגעפרואווט אַלע מיטלען.

מיר ווענדן איצט אָן דעם לעצטן מיטל: מיר ווענדן זיך צו אייך, אונזערע פריינט, איר זאָלט קומען מיט זאַפאַרטיקער קרעפטיקער שטיצע. מיר ווענדן זיך צו אייך, אונזערע לעזער, איר זאָלט באשאפן נייע אַבאָנענטן, יעדער פון אייך זאָל זי פארשפרייטן צווישן זיינע פריינט און באקאנטע. נאָר דאַן וועט די צייטונג קענען ווייטער דערשיינען, נאָר דאַן וועט זיין די מעגלעכקייט צו דעקן די גרויסע הויצאָעס, וועלכע זיינען פארבונדן מיט אַרויסגעבן אַ גרויסע טעגלעכע צייטונג. אָבער די שטיצע און די ניי־געוואונענע אַבאָנענטן מוזן קומען זאַפאַרט. אין אַזאַ לאַגע האט זיך אויך געפונען די באַוואוסטע פראנצויזישע צייטונג „הומאַניטע“[107]), וועלכע ווערט רעדאַקטירט פון דעם וועלט-באַרימטן זשורנאַליסט זשאָרעס. זי האָט שוין געהאלטן בײַ פארמאַכן זיך, נאָר אויף דעם אויפרוף פון דער צייטונג האָט זיך טייקעף אָפּגערופן די פראַנצויזישע מאַסע מיט שטיצע און מיט אַ גרויסע צאָל אַבאָנעמענטן, און די צייטונג איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פעסטן פונדאַמענט.

די רעדאַקציע און אדמיניסט-
ראַציע פון „פאָלקסצייטונג“.

ב. דער ענטפער פון די אַרבעטער.

(„פאָלקסצייטונג“, נומ. 308, 1907).

לאָדז.

מיר, די פארזאמלונג פון אַלע בראַנזש-ביוראָען פון לאָדזער פּראָפעסיאָנעלן שניידער-און היטלמאכער-פאַריין, דערוויסנדיק זיך וועגן דער שווערער לאַגע פון דער צייטונג, שיקן אייך פון אונזער פּראָפעסיאָנעלער קאַסע 25 רובל און 7 רובל 35 קאָפּיקעס האבן מיר צונויפגעזאמלט צווישן זיך, צוזאמען — 32 רובל 35 קאָפּיקעס.

זעצט פאָר, כאַווײרים, אייער נוציקע און ניצלעכע פארן אידישן פּראָלעטאַריאַט אַרבעט; גיט אַרויס ווייטער די צייטונג, מיר וועלן אייך קומען צו הילף, מיט וואָס מיר וועלן קענען, ווענדעט זיך צו אונז. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט לאָזן פארלאָשן ווערן זיין איינציקע פּראָלעטאַרישע ליכט. מיר האָבן אָנגענומען פארשיידענע מיטלען, קעדיי די צייטונג זאָל זיך מער פארשפרייטן. דערווייל נעמט פון אונז די עטלעכע גראָשנס און זאָל דאָס דינען פאר אַ קאָל-קורע פאר די איבעריקע ארבעטער.

מיר רופן אלע אונזערע פאך-גענאָסן זיך פארופן מיט שטיצע. לאָמיר באַווייזן, אַז מיר פארשטייען, ווענעס אינטערעסן די „פאָלקסצייטונג" פארטיידיקט און אַז מיר ווייסן, אַז די אינטערעסן זיינען אונזערע.

לעזט, שטיצט אונזער פראָלעטארישע צייטונג!

ווילנע.

(„פאָלקסצייטונג", נומ. 312 1907).

צוזאַמענקומענדיק זיך ארומצורײדן דעם בריוו פון דער רעדאקציע צו אירע לעזער, זיינען מיר געקומען צום פאָלגנדן באשלוס:

מיר דערמאָנען אַלע אונזערע כאַווײרים, די מיטגלידער פון דער פאָליטישער און פראָפעסיאָנעלער אָרגאניזאַציע, אַז אָן דער שטיצע פון אַ צייטשריפט קען אין קיין פאַל נישט אנטוויקלט ווערן קיין ברייטע טעטיקייט פון די אָרגאניזאציעס;

אַז די צייטונג איז דער איינציקער סאָצ.-דעם. אָרגאַן, וועלכער האט זיך געשטעלט די אויפגאבע באַפרידיקן אלע באדערפעניששן פון דער ברייטער אידישער ארבעטער-באוועגונג;

מיט דער גאנצער ענערגיע שטרייכלען מיר אונטער, אַז לאָזן אין דעם איצטיקן מאָמענט אונטערגיין די צייטונג צוליב דאכקעס אין געלט וואָלט זיין אַ פארברעכן קעגן אונזער ארבעטער-זאַך און וואָלט זיין צום נוצן נאָר פון אונזערע פיינט;

מיר באשטימען בילדן ספעציעלע בראַנזש-קאָמיסיעס, וועלכע זאָלן זיך פארנעמען מיט דער אָרגאניזירונג פון דער אונטערשטיצונג פאַר אונזער צייטונג, און שטרייכלען אונטער, אַז די בעסטע און פאסנדסטע פאָרם פון אונטערשטיצונג באשטייט אין דעם אבאָנירן זיך אף דער צייטונג.

מיר דריקן אויס אונזער זיכערהייט, אַז איר, כאַווײרים, וועט זיך אָפרופן אַף דעם אויפרוף פון דער רעדאַקציע און איר וועט אין דערעמעסן באַווייזן, אַז אייך איז טייער אייער צייטונג, אַז אייך איז טייער אייער ארבעטער-זאַך.

דאָס ביוראָ פון דעם פראָפ. פריקאזטשיקעס-פאַריין

די דעלעגאטן-פארזאַמלונג פון די בראנזשען-פריקאזטשיקעס

דאָס ביוראָ פון דעם פראָפ. קאָנטאָרשטשיקעס-פאַריין

דאָס ביוראָ פון דעם וואיאַזשאָרן-פאַריין

דאָס ביוראָ פון דעם פארמאַצעווטן-פאַריין

דער ראָט פון די אויסגערעכנטע פאַכן.

אַ ד ע ס.

(„פאָלקסצייטונג“, נומ. 313 פון 1907).

מיר, אידישע אַרבעטער, צונויפקלייבנדיק זיך דעם 17-מאַרט אין דער צאָל פון 300 מאַן און אויסהערנדיק דעם אויפרוף וועגן שטיצן אונזער צייטונג, רופן מיר אויף אַלע כאַווירים זעען צו העלפן טייקעף אונזער צייטונג, אז זי זאָל קענען עקזיסטירן, די צייטונג, וועלכע איז דער איינציקער און טיכטיקער מיטל צו אַנטוויקלען דעם קלאַסן-באַוואוסטזיין פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאט, דערביי שיקן מיר אפּן פאָנד פון דער פּרעסע 10.40 ר.

261־263. די צעפאַלונג פון די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

(קאָרעספּאָנדענץ, „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 326 פון 1907).

א. גראָדנא.

אונזער אָרגאַניזאַציע לעבט איצט איבער אַ צייט פון אַ שווערן שטילשטאַנד. ניט ריידנדיק וועגן דער אַלגעמיינער געפאַלענער שטימונג, וועלכע הערשט איצט אין לאַנד, און וועלכע רופט זיך אָפּ אויך אַף אונזער שטאָט, האָבן מיר דאָ געהאַט נאָך אָרטיקע אורזאַכן, וועלכע האָבן אונז געבראַכט צו דערדאָזיקער טרויעריקער לאַגע.

די וואַל-קאמפּאַניע, וועלכע האָט פאַרשלונגען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, די גאַנצע אירע אָרטיקע און געקומענע קרעפטן, האָט קימאַט אינגאַנצן אָפּגעשטופּט די אַרבעטער פונם אָרגאַניזאַציאָנעם לעבן; די שטרעבונג צו פירן די קאמפּאַניע דורך די ברייטע מאַסן זיינען געבליבן ניט מער ווי אַ גוטער וואונש, און די אַרבעטער-מאַסע איז פאַקטיש געבליבן אויסער דער אינטערעסאַנטער וואַל-אַרבעט, אַפילע די געוויינלעכע אָרגאַניזאַציאָנע אַרבעט איז אינגאַנצן געווען אָפּגעשטעלט. אין אַ מעשעך פון עטלעכע מאָנאַטן איז ניט פאָרגעקומען קיין איין פאַרזאַמלונג, קיין איין קרייז; די אַרבעטער פלעגן פרעגן, וואו איז אַהינגעקומען די אָרגאַניזאַציע.

דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַוועק אומזיסט פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע, און איצט, ווען די אַרבעט הויבט זיך אָן פון דאָס ניי איינצושטעלן, פילט מען די טרויעריקע פאָלגן, וועלכע די צייט האָט אונז געלאָזן. בא די אַרבעטער האָט זיך באַשאַפן אַ גלייכגילטיקע באַציאונג צו דער אַרבעט. ס׳קומט אָן זייער שווער מיט זיי זיך צו טרעפן. די בירזשע ווערט זעלטן באַזוכט. אַף דער פאַרזאַמלונג, אַף וועלכער מע ריכט זיך, אַז עס זאָלן קומען 100 מאַן, קלייבן זיך צונויף קוים 30, און דאָס רעכנט זיך שוין פאַר גוט. אויך איז האַלב-טויט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

און די ערנסטקייט פון אונזער לאַגע פילן טאַקע אַלע אונזערע טוער, די מיטגלידער פון קאָלעקטיוו, אַלע פילן, אַז מ׳מוז אָנעמען זייער ענערגישע מיטלען אום אויפצומונטערן די אַרבעטער, פאַרינטערעסירן און צוציען זיי צו דער אָרגאַניזאַציע.

דער קאָלעקטיוו איז די לעצטע צייט פאַרנומען מיט די פאָרבאַרייטונגען צום 5-טן צוזאַמענפאָר *) און האַלט אָפּ אַ גאַנצע ריי זיצונגען, אַף וועלכע עס ווערן דיסקוטירט די פראַגן פון טאָג-אָרדענונג. דער קאָמיטעט איז ספּעציעל פאַרנומען מיט צוגרייטן אַ באַריכט און אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי איינצושטעלן די אַרבעט.

ב. בערדיטשעוו.

(„ס'האָט געקענט בעסער זיין". „פאָלקס-צייטונג", נומ. 365 פון 1907).

דער שטיל-שטאַנד, וועלכן עס לעבט איצט איבער גאַנץ רוסלאַנד, פילט זיך באַזונדערס שטאַרק אויך בײַ אונז אין בערדיטשעוו. וועגן דער היגער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך ביכלאַל קיין מאָל ניט אויסגעצייכנט מיט איר פּאָליטישער טעטיקייט, איז שוין, פאַרשטייט זיך, גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן. טויט שטיל איז אָבער אויך אַף דער פּראָלעטאַרישער גאַס, וואו דאָס לעבן האָט אַמאָל אַזוי שטאַרק געקאָכט און געררוישט. איצט, ווען די אָרגאַניזאַציע פון בונד איז אַביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די פריערדיקע סכאָדקעס זיינען ניטאָ און דער קאָלעקטיוו זעלבסט ווייזט אויך אַרויס ווייניק סימאָנים פון לעבן, האָט זיך די מאַסע ווי פאַרלאָרן. די אַמאָליקע גרויסע לעבעדיקע בירזשעס זיינען ווי אָפּגעשטאָרבן, אויב מע זאָל ניט רעכענען די קליינע צאָל אַרבעטער, וועלכע באַזוכן זיי ניט צוליב באַקומען אַן ענטפער אַף פּאָליטישע פראַגן, נאָר גיכער איבער דער אַלטער געוואוינהייט צו גיין אָפּן בירזשע. ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס צוזאַמען מיט די פריקאַזטשיקעס געפינען זיך דאָ ביז 7000 אַרבעטער, איז איצט שווער צונויפצורופן אַ פאַרזאַמלונג אַפילע פון 100 מאַן. עס איז גאָר ניט קיין גרינגע אַרבעט צונויפצושטעלן וועלכע ניט איז איינריכטונגען, ווייל די בעסערע מענטשן האָבן זיך אַנטזאָגט פון דער אַרבעט. די לעצטע צייט האָט די אָרגאַניזאַציע פּרובירט דורכפירן דיסקוסיעס צווישן אירע מיטגלידער וועגן צונויפרופן אַ קאָנפערענץ, אַף וועלכער מע זאָל באַטראַכטן די פראַגע מעקוייעך דער אַרבעט, נאָר, צום גרויסן באַדויערן, האָט זיך אויך דאָס ניט איינגעגעבן.

אין אַלגעמיין שטייט איצט די מאַסע ווייט פונם פּאָליטישן לעבן, די „פאָלקס-צייטונג" ווערט, לעפּי ערעך, זייער ווייניק געלעזן. די גאַנץ ברייטע מאַסע, קען מען זאָגן, לעזט איצט אַבסאָלוט גאָרניט. ווען אין אַלע אַנדערע שטעט פירט זיך איצט אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַרן פאַרשפּרייטן די „פאָלקס-צייטונג", ווען צוליב דעם ווערן געגרינדעט פאַרשיידענע קאָמיסיעס, ווייס מען דאָ פון אַזאַ אַרבעט אויך קימאַט גאָרניט. אָט אַזוי אָפּגעשטאַנען זיינען עס איצט די פריערדיקע אַקטיווע מיטגלידער.

אין אַנדערע שטעט נוצט מען נאָך ווי ניט אויס פאַר דער פּאָליטישער באַוועגונג די פראָפעס. פאַריינען, נאָר הי איז די לאַגע אַזוי שלעכט, דאָס וועגן דעם איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן. פון די היגע 7 פראָפ. פאַריינען איז קיין איינציקער ניט לעגאַליזירט, ווייל די אַדמיניסטראַציע שטערט אין דעם פראָפ.

*) פון ר. ס. ד. א. פּ.

מיט אַלע קויכעס. לעגאַלע פאַרזאַמלונגען דערלויבט מען ניט צו מאַכן, און די פאַריינען, פאַרשטייט זיך, געפינען זיך אין זייער אַ טרויעריקן צושטאַנד. וועגן פירן אַ קולטורעלע אַרבעט איז גאָר ניטאָ וואָס צו טראַכטן, ווייל באַ די איצטיקע פּאָליצייאישע באַדינגונגען איז עס אַבסאָלוט אומעגלעך. עס פאַרשטייט זיך, אַז באַ אַזאַ לאגע שטייט עס אויך ניט בעסער מיטן עקאָנאָמישן קאמף. איבער דעם, וואָס מע קען ניט מאכן קיין פארזאמלונגען (די זיצונגען פון די ביוראָען איז אפילע שווער אָפּצוהאלטן), איז די מאסע אָפּגעריסן פון די ביוראָען און ניט די מאסע און ניט די אָרגאניזאציע האָט ניט די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די טעטיקייט פון די פאריינען, וואָס עס רופט זיך שלעכט אָפּ אַף דער ארבעט.

אכוץ דעם, זעענדיק די אומאָרגאניזירטקייט פון די ארבעטער, האָבן זיך די באלעבאטים אָרגאניזירט און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אָט אזוי האָבן זיי, לעמאָשל, דערקלערט דעם לאָקאַוט באַ די פּאפּיראָסן פאפיר-מאכער (150 מאן), דורך וועלכן זיי האָט זיך טיילווייז איינגעגעבן אָפּצונעמען באַ די ארבעטער די פארבעסערונגען, וועלכע מע האָט זיך שוין געהאט ערוואָרבן דורך א שווערן קאמף.

דער שטרייק באַ די איינבינדער דויערט שוין א לאנגע צייט און מע זעט נאָך צו אים קיין סאָף ניט. באַ די לעצטע שטרייקן פון די פּריקאזטשיקעס טרעפט מען זיך אָן אַף א שטארקן ווידערשטאנד פון דער „סאָכרישער געזעלשאפט“, וועלכע איז שטארק אָרגאניזירט און ארבעט לעגאַל. דער שטרייק באַ באראקין, לעמאָשל, דויערט שוין 13 וואָכן. ניט בעסער גייט עס אויך מיטן שטרייק באַ עפּשטיינען. די באלעבאטים באַנוצן זיך אויך מיט דער הילף פון פּאָליציי, קעדיי נאָך מער צו אונטערדריקן די פּריקאזטשיקעס: באַ באראקין, לעמאָשל, ארבעטן איבערגעטאָנענע פּאָליצייסקע, דער ארעסט באַ עפּשטיינען און אז. וו...

ג. א קריזיס אָדער אַן איבערגאַנגס-שטופּע.

(ב. ב—סקי (לעווינסאָן): „אַ קריזיס, אָדער אַ היסטאָרישע בויטוועגדיקע איבערגאַנגס-שטופע“. „פאָלקס-צייטונג“, נומ. 425 פון 1907).

מע הויבט אָן צו ריידן וועגן א קריזיס אין „בונד“: אייניקע באַנוגענען זיך בלויז דערמיט, וואָס זיי „קאָנסטאטירן“ דעמדאָזיקן „טרויעריקן“ פאקט, אייניקע גייען ווייטער, זיי זעען די אורזאכן פון דעם קריזיס און, אָפּהענגיג פון די אורזאכן, רעקאמענדירן זיי די אדער יענע מיטלען; אייניקע לאזן זיך פארהיפּנאטיזירן פון דאס ווארט „קריזיס“ און גייען דעריבער ארויס פון דער ארבעט, אייניקע גייען ארויס פון דער ארבעט, און ריידן דעריבער וועגן א קריזיס... ניט יעדער מאל אבער ווען מע קלינגט איז א כאגע, אן אנדער מאל קען א פוסטער ווינט א שאקל טאן די צינגער פון די גלאקן, און די גלאקן גיבן א קלונג.

ביז 1905 האט די ארגאניזאציע פון „בונד“ געפירט סאי דעם פאליטישן, סאי דעם עקאנאמישן קאמף. אין עקאנאמישן קאמף מוז די מאסע זיין אקטיוו, דער פאליטישער קאמף האט געפאדערט פון דער גאנצער מאסע א גרויסע אקטיוויטעט; ארגאניזירן און גיין אף א דעמאנסטראציע, אפילע אף א געהיימע פארזאמלונג, מאכן א פאליטישן שטרייק,—דאס האט אנגעפילט דעם לעבן פון דער מאסע און פון דער ארגאניזאציע, וועלכע האט אנגעפירט דעם קאמף; וועגן דעם פאליטישן קאמף פון יאר 1905 איז דאך שוין גאר ניטא וואס צו ריידן. און מיטאמאל האט זיך די לאגע אזוי געענדערט: פאר דעם עקאנאמישן קאמף זיינען באשאפן געווארן ספעציעלע ארגאניזאציעס, דער פאליטישער קאמף האט אין די לעצטע אנדערהאלבן יאר לעגאמרע אויפגעהערט, אויסער איין וואל-קאמפאניע, וועלכע פאדערט ניט פון דער מאסע קיין אקטיוויטעט; קיין נייע ארבעט, קיין נייע ווירקונגס-ספערן האבן זיך ניט געעפנט, ריכטיקער, האבן מיר ניט געעפנט. איז דען א כידעש, אז די ארגאניזאציעס זיינען געווארן אפאטיש, אן לעבן?! די טוער גייען אוועק, ווארום זיי האבן ניט וואס צו טאן. די מאסע איז אפגעשטאנען, ווארום מע גיט איר ניט קיין ארבעט. מע זאגט, אז די מאסן זיינען געגאנגען נאך דעם „בונד“, ווייל ער האט געפירט זייערע שטרייקן; איצטער טוען דאס די פראפעסיאנעלע פאריינען און די מאסע גייט ניט צום „בונד“. ווייל מען דערמיט זאגן, אז מע דארף ניט די פראפעסיאנעלע פאריינען, און מע דארף זיך אומקערן צו דער ערשטער קינדישער סטאדיע, וואו די פאליטישע און פראפעסיאנעלע ארבעט איז נאך געווען ניט דיפערענצירט, דארף מען אפן ארויסזאגן דעמדאזיקן ווילדן געדאנק. ווייל מען אבער דערמיט זאגן, אז די מאסע אינטערעסירט זיך נאר מיט עקאנאמישע אינטערעסן, איז דאס א הוילע באהויפטונג אן קיין שום באווייז. דאכט זיך, אין דער וואל-קאמפאניע איז די ארבעטער-מאסע געגאנגען נאך דעם „בונד“, און קיינע אנדערע ארבעט האט די ארגאניזאציע דער מאסע ניט געפרואווט געבן.

...די פאליטישע ארגאניזאציעס פון „בונד“ האבן פארלארן א גרויסן טייל פון זייער ארבעט, אומקערן די פארלארענע ארבעט צוריק איז אן אומזין. רוסלאנד פון יאר 1907 איז פארט ניט דאסזעלבע פון 1903. דאס לאנד אנטוויקלט זיך דאך צו א קאנסטיטוציאנעלן לעבן. ארבעט איז מיטאמאל געווארן ווייניק, צו נייע ארבעט האט מען זיך ניט צוגעפאסט...

דער קאנספיראטיווער, ניט דיפערענצירטער פעריאד אין לעבן פון דער סאציאל-דעמאקראטיע אין רוסלאנד איז אוועק, אבער די פאליטישע פרייהייט, בא וועלכער די סאציאל-דעמאקראטיע זאל קענען אנטוויקלען אלע אירע קרעפטן איז ניט געקומען; יעדער איבערגאנג פון איין סטאדיע אין אן אנדערער איז פארבונדן מיט שטערענישן; אן איבערגאנג בא אזעלכע שווערע, אומנארמאלע באדינגונגען, אין וועלכע מיר געפינען זיך, באקומט דעם כאראקטער, דאס אויסזעען פון א שווערער קראנקהייט. און דאך וויל איך זאגן, אז דער טויטער פאליטישער מאמענט, וועלכער האט זיך אנגערוקט אף רוסלאנד, פארשארפט נאר די שטערענישן, וועלכע די ארגאניזאציע לעבט איבער, אבער ניט דאס

איז די הויפּט-זאַך. עמעס, די רעאַקציע שטיקט און דריקט יעדע פרייהייטס-באַוועגונג; מע קען ניט זיין זיכער מיט קיין איינציקער לעגאַלער איינריכטונג; פאַרקערט, מע איז זיכער, אַז מאָרגן וועלן די פינסטערע קרעפטן צעשטערן דאָס, וואָס מ׳האָט היינט אויפגעבויט,—אָבער פאַרוואָס פלעגן אונז אַזעלכע באַטראַכטונגען און שטימונגען ניט אָפּהאַלטן אין דעם אונטערערדישן פעריאָד? האָט מען דאַן געבויט אַ פעסטערן פונדאַמענט? און אויב מיר וועלן נאָך דערצו פאַרגלייכן דעם מאַסשטאַב פון דער אַמאָליקער אַגיטאַציאָנס-און אָרגאַניזאַציאָנס-אַרבעט מיט די איצטיקע מעגלעכקייטן, ווערט נאָך קלאָרער, אַז מע לאָזט אָוועק אומזיסט די צייט. עס באַשאַפט זיך אַ מין פאַרקישעפטער קרייז: די אָרגאַניזאַציעס אַרבעטן ניט און דערפאר הערשט א געדריקטע שטימונג; עס הערשט א געדריקטע שטימונג, און דערפאר אַרבעטן ניט די אָרגאַניזאציעס. ניט שוין-זשע האָט זיך אויסגעשעפּט די גאנצע פּאָטענציעלע ענערגיע, וועלכע האָט זיך אָנגעזאמלט ביז אָקטיאבר 1905, און איצטער איז אריינגעטראָטן א באשטענדיקער, רואיקער גלייכגעוויכט?...

איצטער לעבט מען ניט איבער קיין קריזיס; א קריזיס, א פאמעלעכער טויט פון אלטער שוואכקייט וועט זיך ערשט אָנהויבן, ווען מע וועט זיך ניט צופּאסן צו די נייע באדינגונגען, וועלכע די געשיכטע האָט אונז באשאפן. שטעלן מיר זיך פאָר דעם „בונד” אלס א ריין פארלאמענטארישע פארטיי, איז דער „בונד” נאָך צו פעסט אָרגאניזירט, און צו שטארק געוואוינט צו טעטיקייט. ווילן מיר אָבער בלייבן א פאליטישע אָרגאניזאציע מיט א ברייטער פאליטישער טעטיקייט, דארפן די ארגאניזאציעס נעמען זיך צו דער ארבעט: פעסט פאראייניקן זיך מיט דער פראָפעס. באוועגונג... נעמען זיך צו א ברייטער קולטורעלער טעטיקייט (מונדלעכער און שריפטלעכער), אריינדרינגען אין די געזעלשאפטלעכע איינריכטונגען, אויפהויבן א קאָאָפּעראטיווע באוועגונג, און דערצו דער פארלאמענטארישער קאמף. און זאל די גאנצע טעטיקייט דורכגעדרונגען זיין מיט א רעוואָלוציאנערן ענטוזיאזם, וועלכער שטעלט זיך ניט אפּ פאר ארויסטרעטונגען און נידערלאגן,—דאן וועט די פאליטישע ארגאניזאציע לעבן און וואקסן און צוזאמען מיט דעם וועלן די סאציאל-דעמאקראטישע אידייען, זייער רעוואלוציאנערער אידעאליזם, פארווירקלעכט ווערן אין טאטן און ניט אפּגעשוואכט ווערן דורך ניט-טאן...

בײלאגעס

באַמערקונגען און דערקלערונגען.

1. מאַניפעסט פון 17 אָקטיאָבער — אונטערן דרוק פונם אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק, וואס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 12־טן אָקטיאָבער 1905־טן יאָר, און וועלכער האָט פּאַראַליזירט דאָס גאַנצע לעבן פון לאַנד, איז דער צאַר געווען געצוואונגען צו פאַרעפנטלעכן א מאַניפעסט, וועלכער האָט צוגעזאָגט איינפירן אלע בירגערלעכע פרייהייטן, צונויפרופן א געזעצגעבנדיקע דומע אפן סמך פון א דעמאָקראַטישן וואַלגעזעץ און ביכלאל איינפירן א קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדענונג. מיטן דאזיקן מאַניפעסט איז דער צאַריזם אויסן געווען אריבערצוציען אף זיין זייט די ליבעראַלע בורזשואזיע, געשפּאַלטן די קויבעס פון דער רעוואָלוציע, קעדיי זי גרינגער צו דערשטיקן. די ליבעראַלע בורזשואזיע איז מיט דער „קאָנסטיטוציע" פון 17־טן אָקטיאָבער געבליבן צופרידן און האָט זיך אומגעקערט מיטן רוקן צו דער רעוואָלוציע; דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט אָבער האָט באַשלאָסן פאַרזעצן זיין קאַמף קעגן צאַריזם, אויסנוצנדיק די דערקעמפטע פרייהייטן, קעדיי בעסער צו אָרגאַניזירן זיינע קויכעס.

2. „דער וואַרשעווער אַרבעטער" — אומלעגאַלער אָרגאַן פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד"; אָנגעהויבן דערשיינען אין 1899־טן יאָר; אין די אָקטיאָבער־טעג פון 1905־טן יאָר געדרוקט זיך אין א פאַרכאַפּטער לעגאַלער דרוקעריי און אָפן פאַרקויפט געוואָרן אף די גאַסן.

3. דער ענטפער אף סקאַלאָנס באַפעל — אַף סקאַלאָנס באַפעל, וועלכער האָט פאַרבאָטן מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, האָט דער גאַנצער וואַרשעווער פּראָלעטאַריאַט געענטפערט מיט א נאָך מער פאַרשטאַרקטן קאַמף. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד" האָט טייקעף ארויסגעלאָזן דעם פאָלגנדיקן ענטפער, וועלכער איז געווען פאַנאַנדערגעקלעפּט איבער דער גאַנצער שטאָט נעבן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס באַפעל: „מיר וועלן ניט אויפהערן שטרייקן און מיר וועלן ניט פאַרלאָזן די גאַסן ביז ס'וועלן ניט באַפרידיקט ווערן אונזערע וויכטיקסטע מינימאַלע פּאָליטישע פאָדערונגען: 1) די אָפּשאַפונג פון די אויסנאַם־געזעצן (קריגס־צושטאַנד, פאַרשטאַרקטע אויפזיכט און ד. ג.); 2) די באַלדיקע באַפרייאונג פון אלע פּאָליטישע ארעסטירטע און פאַרשיקטע; 3) די איינשטעלונג פון עמעסער פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, מאַניפעסטאַציעס, פאַריינען, וואָרט, פּרעסע און שטרייקן; 4) די אָפּשאַפונג פון אלע באַגרעניצונגען בענוגע צו אידן און אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער און 5) די באַלדיקע צונויפרופונג פון א גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אויסגעקליבן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אָן אונטערשייד פון געשלעכט, עמונע און נאַציאָנאַליטעט אַפן סמך פון אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און געהיימע וואַל־רעכט".

4. די קאָרעספּאָנדענץ שילדערט ניט גאָר ריכטיק די געשעענישן פון 18־טן אָקטיאָבער אין מינסק: די סאָלדאַטן האָבן געשאָסן אין האַמוין ניט אפן וועג פון מיטינג אין שטאָט, נאָר אפן פּלאַץ, וואו דער מיטינג איז פאָרגעקומען, גופא. די סאָלדאַטן

האָבן אָנגעהויבן שיסן אין מיטינג, לויטן באַפעל פונם געהילף פון זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען אין וואָקזאַל און איז געווען דורכן טעלעפאָן פאַרבונדן מיטן גובערנאַטאָר קורלאָוו, פון וועלכן ער האָט באַקומען די דירעקטיוון. אויפן וועג אין שטאָט, אַנטלויפנדיק פון דער שיסעריי, זיינען דערהרגעט געוואָרן עטלעכע מענטשן, אין וועלכע ס'האָבן געשאָסן די פּאָליציייסקע פון 4־טן פּאָליציי־באַצירק, פאַרביי וועלכן ס'איז אויסגעקומען צו לויפן.

5. קורלאָוו — דער מינסקער גובערנאַטאָר אין 1905—1906, הויפּט־שולדיקער אין דער בלוט־באָד דעם 18־טן אָקטיאַבר; אין די נאָענטסטע באַדאָשים זיינען אויף אים געמאַכט געוואָרן עטלעכע טעראָריסטישע אָנפאַלן, נאָר ער איז געבליבן גאַנץ; פאַר זיינע „העלדנטאַטן" באַם דערשטיקן די רעוואָלוציע איז קורלאָוו דערהויבן געוואָרן צום פּאָסטן פון שעף פון זשאַנדאַרמען־קאָרפּוס און געהילף פון אינערן־מיניסטער; נאָך דער רעוואָלוציע איז קורלאָוו אין עמיגראַציע.

6. די ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען און די קאָאַליציאָנס־קאָמיטעטן — אין די קאָאַליציאָנס־קאָמיטעטן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פלעגן אָנפירן מיט די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין שטאָט, פלעגן די פאָרשטייער פון די ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, לויט דער פאָדערונג פונם „בונד", ניט צוגעלאָזן ווערן, האָגאָם זיי פלעגן דאָס ענערגיש פאָדערן, זיי פלעגן אויף אַזאַ אופן בלייבן אויסער די קאָאַליציאָנס־קאָמיטעטן און אינגאַנצן איזאָלירט פון דער אָנפירונג מיט די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען; אין יענע פונקטן, וואו דידאָזיקע גרופּירונגען האָבן געהאַט אַ וועלכע ניט איז ווירקונג, פלעגט דאָס אָפט ברענגען צו דער אַנטשטייאונג פון פּאַראַלעלע ריין אידישע רעוואָלוציאָנערע אָנפירנדיקע איינריכטונגען (דער אידישער ראַט פון אַרבעטער דעפּוטאַטן און דער אידישער שטרייק־קאָמיטעט אין קאַטערינאָסלאַוו א. א.), וואָס עס האָט אַגעוו אויך געוויסערמאַסן געשטימט מיט זייער נאַציאָנאַליסטישער פּאָזיציע. נאָר אין זעלטענע פאַלן, דאָרט וואו די בונדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען ניט גענוג שטאַרק אויף צו באַשטיין אויף זייער פאָדערונג, זיינען די ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען געווען פאַרטראַטן אין די אַלגעמיינע קאָאַליציאָנס־קאָמיטעטן (באָרקאָוו, ניקאָלאַיעוו, סמאָלענסק א. א.).

7. קריגס־צושטאַנד אין פּוילן און די קראַנשטאַטער מאַטראָסן — ווי נאָר דער צאַריזם האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך פונם קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען פון דער רעוואָלוציע אין אָקטיאַבר, האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען און רעפּרעסיעס: אין גאַנץ פּוילן איז איינגעפירט געוואָרן קריגס־צושטאַנד, טויזנט צוויי הונדערט קראַנשטאַטער מאַטראָסן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום מיליטערישן פעלד־געריכט און זיי האָט געדראָאט טויט־שטראָף א. ד. ג. דער פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן האָט געענטפערט אויף דידאָזיקע רעפּרעסיעס מיט אַן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק, וועלכער האָט צום צווייטן מאָל געצוואונגען דעם צאַריזם אָפּטרעטן: דער קריגס־צושטאַנד אין פּוילן איז אַרונטערגענומען געוואָרן, און די קראַנשטאַטער מאַטראָסן זיינען באַפרייט געוואָרן פון פעלד־געריכט.

8. מיצקעוויטש, אַדאַם — באַרימטער פּוילישער פּאָעט און קעמפער פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון פּוילן. געלעבט אין ערשטן העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט.

9. קוזמינסקי — צאַרישער סענאַטאָר, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אויספאָרשן די סיבעס און שולדיקע פון אָקטיאַבער־פּאָגראָם אין אָדעס; אונטערן דרוק פון דער שרעקלעך אויפגערעגטער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, איז די צאַרישע רעגירונג

געווען געצוואונגען צו שיקן הויכגעשטעלטע רעוויזאָרן אין די אַלע שטעט, וואו ס'זייגען פאָרגעקומען די מער שווידערהאַפטיקע פּאָגראָמען (אָדעס, קיעוו, האָמעל, טאָמסק א. א.); די דאָזיקע צאַרישע רעוויזאָרן האָבן, פאַרשטייט זיך, קוידעמקאָל געזוכט די שולדיקע פון די פּאָגראָמען צווישן די אידן און רעוואָלוציאָנערן, אָבער ניט ווילנדיק האָבן זיי אין זייערע באַריכטן געמוזט ברענגען אויך אַזעלכע פאַקטן, וועלכע האָבן קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז די פּאָגראָמען זיינען געווען אָרגאַניזירט דורך די דאָרטיקע צאַרישע סאַטראַפּן (קליינגעלס אין קיעוו, ניידהאַרט אין אָדעס א. אז. וו.); איניקע פון די רעוויזאָרן האָבן זאָגאָר געפאָדערט, אַז די דאָזיקע סאַטראַפּן זאָלן אויבערגעגעבן ווערן צום געריכט, נאָר אויס דאַנקבאַרקייט פאַר זייערע פאַרדינסטן בײַם דערשטיקן די רעוואָלוציע, האָט דער צאַר די דאָזיקע פּאָדערונגען ניט באַפרידיקט און קיין פּראָצעסן זיינען קעגן די הויפּט־שולדיקע אין די פּאָגראָמען ניט פאָרפירט געוואָרן.

10. קאָאַליציאָנס־ראַט — דער העכסטער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער רעוואָלוציאָנערער סטודענטנשאַפט אין 1905—1906, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַלע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן; קאָאַליציאָנס־ראַטן האָבן עקזיסטירט אין אַלע העכערע לערן־אַנשטאַלטן, אין גרעסטן טייל האָבן זיי זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

11. לאָפּוכין, א. א. — געוועזענער שעף פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט; געוואָרן באַרימט מיט זיינע אַנטדעקונגען, אַז דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט באַטייליקט זיך אַקטיוו אין אָרגאַניזירן די פּאָגראָמען; אין 1908־טן יאָר האָט לאָפּוכין מיטגעהאָלפן צו אַנטפּלעקן דעם באַרימטן פּראָוואָקאַטאָר סאָצ. רעוו. אַזעוו, פאַר וואָס ער איז, ניט קוקנדיק אַף זיין הויכער לאַגע, דאָך געווען אַרעסטירט און פאַרמישפּעט דורכן נאַרישן געריכט צו אייביקער פאַרשיקונג קיין סיביר.

12. סטאָליפּין, פּ. א. — אינערן־מיניסטער און שפּעטער פּרעמיער־מיניסטער (פון 1906 ביז 1911), די פאַרקערפּערונג פון דער צאַרישער קאָנטר־רעוואָלוציע: פאַנאַנדערגעטריבן די ערשטע און צווייטע גאָסוד. דומעס, איינגעפירט מיליטערישע פעלד־געריכטן, פּראָוואָצירט דעם אַרעסט פון דער סאָצ. דעמ. פראַקציע פון דער צווייטער דומע, געמאַכט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש פון 3־טן יוני 1907, דורכגעפירט א רייי רעפאָרמען, וועלכע האָבן געזוכט איינצוהאַלטן די פּריוויש־צאַרישע אָרדענונג, באַזאָרגנדיק די באַלעגופים מיט ערד, וועלכע זיי האָבן געזאָלט באַקומען אין פולן אייגנטום. אין 1911 איז סטאָליפּין דערמאָרדעט געוואָרן אין קיעווער טעאַטער, אין דער אָנוועזנהייט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, דורך אן אַגענט פון דער אָכראַנקע — באָגראָוו.

13. ראַטשקאָווסקי — אין משך פון א רייי יאָרן פאַקטישער פירער פון דער צאַרישער „אָכראַנקע“, אָרגאַניזאַטאָר פון דער נאָכשפּירעריי נאָך די רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין אויסלאַנד; אונטער זיין אָנפירונג האָבן „געאַרבעט“ אַלע וויכטיקערע פּראָוואָקאַטאָרן, ווי אַזעוו, לאַנדעזען א. א.

14. „פּאַריין פון רוסישן פאָלק“ — די ווירקזאַמסטע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געשפּילט א באַדייטנדיקע ראָלע אינם דערשטיקן די ערשטע רעוואָלוציע; געגרינדעט אין אָקטיאַבער 1905־טן יאָר דורכן שוואַרצמייעניק ד'ר דובראָווין בא דעם דירעקטן אַנטייל פון דער פּאָליציי און „אָכראַנקע“; גענומען דעם טיכטיקסטן אַנטייל אינם קאַמף קעגן דער רעוואָלוציע: אָרגאַניזירט באַוואָפנטע באַנדעס, אָנגעפירט מיט אַלע פּאָגראָמען קעגן אידן און רעוואָלוציאָנערן, דורכגעפירט טעראָריסטישע אָנפאַלן אַף איינצלנע רעוואָלוציאָנערן א. א. וו.; די צאַרישע רעגירונג האָט הויך געשעצט דעם עכט־רוסישן פאַריין, און אַלע מיניסטאָרן און אפילו ניקאָלאַי זעלבסט זיינען געווען זיינע ערן־מיטגלידער און האָבן מיט שטאָלץ געטראָגן

זיין עמבלעם; שפּעטער האָבן זיך צווישן די אָנפירער פונם „פאַריין“, הויפּטזעכלעך אַפּן באָדן פון די געלט־סובסידיעס, וואָס ער פלעגט באַקומען פון דער רעגירונג, אָנגעהויבן רייבונגען, און אייניקע פון זיי, ווי פורישקעוויטש, בולאַצעל, גרינגמוט א. א. האָבן זיך אָפּגעטיילט און געשאַפן אייגענע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס „דער פאַרבאַנד פון מאַלעך מיכאַעל“, „די געזעלשאַפט פון אַקטיוון קאַמף קעגן דער רעוואָלוציע א. א.

15. וויטע, ס. י. — באַרימטער מלוכה־טוער אין צאַרישן רוסלאַנד, וועלכער האָט פיל מיטגעווירקט דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט און דער פאַרשטאַרקונג פון די פינאַנסן פון דער צאַרישער אימפּעריע; אייגער פון די קלוגסטע צאַרישע פּאָליטיקער, וואָס האָט געזוכט צו פאַרהיטן די יעסודעס פון דער זעלבסטהערשונג דורך געוויסע האַנאָכעס דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע; וויטע איז געווען דער איניציאַטאָר און פאַרפאַסער פונם מאַניפעסט פון 17־טן אָקטיאַבער, און אין דער זעלבער צייט איז מיט זיין וויסן און האַסקאָמע אָרגאַניזירט געוואָרן די צאַרישע קאָנטר־רעוואָלוציע; צוליב זיין צווייפּנימדיקער פּאָליטיק האָט וויטע זיך גיך דיסקרעדיטירט אין די אויגן סיי פון דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע, סיי פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קרייזן; פאַר דער עפענונג פון דער ערשטער דומע איז וויטע דערווייטערט געוואָרן פון מלוכה־טעטיקייט און האָט זיך שוין מער צו איר ניט אומגעקערט; נאָך וויטעס טויט זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע מעמוארן, וועלכע שילדערן בולעט די זיטן פון דער העכערער צאַרישער ביוראָקראַטיע און אַנטפּלעקן די הינטער־קוליסן פון דער גאַנצער מלוכה־מאַשין פון דער זעלבסטהערשנדיקער דעספּאָטיע.

16. „סעווערא־זאַפּאַדני־קראַי“ („צאָפן־מאַירעוו־קאַנט“) — ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג, דערשינען אין מינסק אין 1905; נאָך דעם אָקטיאַבער־מאַניפעסט האָבן די אידיואישע אָנפירונג מיט דער צייטונג איבערגענומען די דאַרטיקע סאָצ. דעמאָקראַטן, און אין די פרייהייטס־טעג איז זי געווען ניט קיין אָפיציעלער אָרגאַן פון דער מינסקער גרופּע פון ר. ס. ד. א. פּ.

17. „נאָוואַיאַ זשיזן“ („דאָס נייע לעבן“) — די ערשטע לעגאַלע באָלשעוויסטישע צייטונג, דערשינען אין פּעטערבורג פון 25־טן אָקטיאַבער ביזן 3־טן דעקאַבר 1905־טן יאָר בא דער נאָענטסטער מיטאַרבעטערשאַפט פון וו. לענין; צוגעמאַכט דורך דער רעגירונג פאַר אָפּדרוקן דעם אַזוי גערופענעם פינאַנציעלן מאַניפעסט פון פּעטערבורגער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן.

18. דער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן און די אידישע פּאָגראָמען — די באַהויפּטונג פון דער ציאָניסטישער רעזאָלוציע, אַז דער פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן האָט פאַרשוויגן און ניט פּראָטעסטירט קעגן די אידישע פּאָגראָמען איז ניט ריכטיק; שוין דעם 22־טן אָקטיאַבער, ווי נאָר אין פּעטערבורג האָבן זיך באַקומען די ערשטע יעדיעס וועגן די פּאָגראָמען, האָט דער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן אָנגענומען אַ שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'ווערט אַנטשיידן דערקלערט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט מיט אַלע קויכעס קעמפן קעגן די פּאָגראָמען און קעגן די אַלע, וואָס רופן זיי אַרויס.

19. ש. דובנאָוו — אידישער היסטאָריקער און טעאָרעטיקער פון דער נאַציאָנאַלער דעמאָקראַטיע; גרינדער און פירער פון דער „אידישער פאָלקס־פּאַרטיי“; נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע אָנגעהויבן נויגן זיך צום ציאָניזם; אין 1922 עמיגרירט קיין ליטע, וואו ער האָט געזאָלט ווערן פּראָפעסאָר פון אידישער געשיכטע אין ליטווישן מלוכה־אוניווערסיטעט, די אַנטיסעמיטישע ליטווישע פּראָפעסאָרן האָבן אים אָבער אין אוניווערסיטעט ניט צוגעלאָזן, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן ליטע

און זיך באזעצט אין דייטשלאנד. אָנגעשריבן אייניקע ביכער, וואָס באווייזן, אַז די רעוואָלוציע האָט אים גאָרניט געלערנט.

20. סלאוויאנאָפילן — רעאקציאָנערע געזעלשאפטלעכע ריכטונג, געהערשט אין רוסלאַנד אין די 30־קער און 40־קער יארן פון פאריקן יארהונדערט צווישן דער פריצישער אינטעליגענץ; די סלאַוויאָנאָפילן האָבן זיך באצויגן נעגאטיוו צו אַלץ, וואס איז געגאנגען פון מאירעוו־אייראפּע און געהויבן ביזן הימל דאס סלאַוויש; זיי האָבן געשטיצט דעם רוסישן צאריזם אלס אייגנטימלעך־רוסישע; די סלאוויאנאפילן האָבן געגלויבט אין א באזונדער היסטארישער שליכעס פונם סלאַוונטום און געטרוימט וועגן א פארייניקונג פון אלע סלאווישע פעלקער אונטער דער אָנפירונג פון רוסישן צאר. די נאציאָנאלע פּאליטיק פון דער צארישער זעלבסטהערשונג בענויגיגיע צו די „ברידערלעכע" סלאווישע פעלקער, וואס האָבן זיך געפונען אונטער איר הערשאַפט (פּאָליאקן און אוקראינער) האָבן בולעט אנטפּלעקט דעם אוטאָפּיזם פונם סלאוויאנאפילנטום; אין דער אידעאלאגישער באקעמפונג פון דערדאזיקער רעאקציאָנערער געזעלשאפטלעכער ריכטונג האָבן א טיכטיקן אנטייל גענומען דער באקאנטער רוסישער ליטערארישער קריטיקער בעלינסקי. די סלאוויאנאפילן האָבן געהאט אן איינפלוס אויך אַף די ערשטע רוסישע רעוואלוציאָנערע גרופן „פּאָלקיסטן", וועלכע זיינען געווען איבערצייגט אין דער אייגנארטיקער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער עקאָנאָמיק, וואָס וועט ניט וויסן פון קאפּיטאליזם א. אז. וו.

21. 1648־טער און ניט 1848־טער יאָר — ד. ה. דער יאר פון די שרעקלעכע האידאמאקישע פּאָגראָמען און ניט דער יאר פון רעוואָלוציאָנערן אויסברוך אין אייראפּע (פראנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך א. א.)

22. אנמאן, פ. — פּסעוודאָנים פון פ. ראזענטאל; איינער פון די עלטסטע און אָנגעזעענסטע טוער פון „בונד", אין פארשיידענע צייטן מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט; אווטאָר פון א ריי ארבעטן וועגן דער געשיכטע פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין מאירעוו־אייראפּע; אנטיילגענומען אין יאקוטסקער באוואפנטן פּראטעסט פון די פּאָליטישע פארשיקטע אין 1904־טן יאר; נאָך דער צעשפּאַלטונג אין „בונד" פארבליבן מיט די רעכטע; אין 1921־טן יאר עמיגרירט קיין ווילנע, וואו ער האָט געארבעט אין רעכטן „בונד"; געשטאָרבן אין 1923־טן יאר.

23. אייזנשטאט, א. (יודין) — איינער פון די עלטסטע אידישע סאציאל־דעמאָקראטן, געוועזענער „נאראָדאָוואָליעץ", גרינדער און פירער פון „בונד", מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, רעדאקטאָר פון „וועקער" און מיטרעדאקטאָר פון אייניקע אַנדערע פארטיי־אויסגאַבן; אין די יארן 13—1906 געווען א קאָנסעקווענטער באָלשעוויק אין „בונד". נאָך דער צעשפּאלטונג פארבליבן מיט די רעכטע, עמיגרירט, שרייבט אונטער אין אויסלאנד דעקלאראציעס אין נאָמען פון צ. ק. פון „בונד".

24. אָלגין — ליטערארישער פּסעוודאָנים פון מ. נאָוואָמייסקי; איינער פון די טאַלאַנטפולסטע בונדישע פארטיי־ליטעראטן, אווטאָר פון א ריי דערציילונגען און סקיצן פון רעוואלוציאָנערן לעבן און קאַמף פון די אידישע ארבעטער־מאסן; אין 1911 עמיגרירט קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אין 1922 גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער צעשפּאַלטונג פון דער אידישער סאציאַליסטישער פעדעראציע און גרינדונג פון דער אידישער פעדעראציע פון דער אמעריקאנער ווארקער (קאָמוניסטישער) פארטיי; איצט אַקטיווער טוער פון דער לעצטער; באזוכט צוויי מאָל ראטן־רוסלאנד און מיט זיינע באריכטן וועגן דער לעצטער אין דער אידישער און ענגלישער קאָמוניסטישער פּרעסע מיטגעווירקט, אז בא דער אַמעריקאנער ארבעטערשאפט זאָל געשאפן ווערן א ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן ראטן־רוסלאנד.

25. בלומשטיין, י. (ק. פרומין) — בונדישער פארטיי־ליט־

ראט, מיטאַרבעטער פונם „וועקער“, „פאָלקסציימונג“ און „האָפענונג“; נאָכן אַרויס־טרעטן פון „בונד“ אין ר. ק. פּ. געבליבן אויסער דער פּאַרטיי.

26. ראטשטיין, ט. — איינער פון די עלטסטע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אין אָנהויב פון די 1900־טע יארן עמיגרירט קיין ענגלאַנד: נאָך דער אָקטיאַבער־רע־וואָלוציע אומגעקערט זיך קיין רוסלאַנד; איצט מיטגליד פון קאָלעגיום פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע עניאַנים.

27. „יעווריסקי ראַבאַטשי“ („דער אידישער ארבעטער“) — לעגאַלער רוסישער בונדישער וואָכנבלאַט, דערשינען אין דעקאַבער 1905־טן יאָ־אין פּעטערבורג, צוגעמאַכט נאָכן ערשטן נומער פאַר אן ארטיקל וועגן מאָסקווער באַ־וואַפנטן אויפשטאַנד.

28. „יונגע“ סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן — מאַקסימאַליס־טישע פראַקציע אין דער פּאַרטיי ס. ר.; די „יונגע“ סאָצ. רעוו. זיינען געשטאַ־נען פאַר א באַלדיקע סאָציאַלע רעוואָלוציע, קעגן פּאָליטישן קאַמף און פּאַרלאַמענטאַריזם און זיינען געווען ביכלאַל זייער נאָענט צו די אַנאַרכיסטן; אין געוועזענעם „תחום“ האָבן די „יונגע“ ס. ר. געהאַט א געוויסע ווירקונג אין ביאַ־ליסטאָק און אין ראַיאָן.

29. וועטאָ־רעכט — דאָס רעכט פון א העכערן אַנשטאַלט ארויפצוליגן אַ פאַרבאָט אַף די באַשטימונגען פון אַ נידעריקערן אַנשטאַלט; לויט די טאַקאָנעס פון די בונדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, האָט דער פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי־אָרגאַני־זאַציע אין ביוראָ פונם פאַריין געקאָנט אַרויפליגן אַ וועטאָ אַף אַלע באַשטימונגען פון דער לעצטער, וועלכע ווידערשפּרעכן די פּרינציפּן אָדער דער טאַקטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; בילעכווייז אָבער האָבן זיך די פאַריינען באַפרייט פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּהענגיקייט פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און אין דער ער־שטער ריי — פונם וועטאָ־רעכט מיצאַד דעם פּאַרטיי־פאַרשטייער.

30. דער בערשטער־בונד — זיין פולער נאָמען „אַלגעמיינער אידישער בערשטער־בונד אין ליטע און פוילן“; דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין אין רוסלאַנד, דער יעסאָד פון וועלכן איז אוועקגעליגט געוואָרן אַפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די בערשטער־גרופּן אין 1895 (אָפיציעל איז דער בערשטער־בונד געגרינדעט געוואָרן אין יאַנוואַר 1898); ביזן 1906 איז דער בערשטער־פאַריין געווען א באַ־שטאַנד־טייל פון „בונד“: געהאַט א באַזונדער פאָרטרעטונג אַף די צוזאַמענפאָרן פונם לעצטן, דער צ. ק. פון „בונד“ האָט קאָנטראָלירט די טעטיקייט פון צ. ק. פון בערשטער־בונד, אַרויסגעגעבן און באַשטימט די רעדאַקציע פונם אָרגאַן פונם לעצטן א. א. וו.; נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע איז די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג צווישן בער־שטער־בונד מיטן „בונד“ אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האַגאַם אידעאָלאָגיש זיינען זיי פאַרבליבן אַזוי נאָענט, ווי געווען.

31. שוואַרצע רעשימעס — איינער פון די שאַרפסטע געווער אין די הענט פון דער בורזשואַזיע אין איר קאַמף קעגן די אַרבעטער; אַלע יענע אַר־בעטער, וועלכע די באַלבאַטים פלעגן חושעד זיין, אַז זיי זיינען די איניציאַטאָרן אָדער פירער פון שטרייקן און אָפּטמאָל ביכלאַל מער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, פלעגן אַרייַנגעטראָגן ווערן אין באַזונדערע „שוואַרצע רעשימעס“, וואָס פלעגן פאַ־נאַנדערגעשיקט ווערן אין אַלע אונטערנעמונגען פון שטאָט אָדער פונם גאַנצן ראַיאָן; אַזאַ אַרבעטער פלעגט שוין אין ערגעץ קיין ארבעט ניט באַקומען, און ער פלעגט מוזן איינגאַנצן פאַרלאָזן די געגנט.

32. מאַניפעסט פון ראַט פון די ארבעטער־דעפּוטאַטן פון 2 דעקאַבער — אַלס ענטפער אַף דער פאַרשטאַרקונג פון די רעפּרעסיעס פון דער צאַרישער רעגירונג, האָט דער פּעטערבורגער ראַט פון די ארבעטער־דעפּוטאַטן זיך געווענ־

דימ „צו דער גאנצער באפעלקערונג פון רוסלאנד“ מיט א מאניפעסט, אין וועלכן די לעצטע ווערט גערופן אפזאגן זיך פון צו ארייינטראגן אלע מלוכע־אפצאלונגען, פאדערט באַ אלע אפמאכן און באם באקומען ארבעטסלוין, אז ס׳זאל אויסגעצאלט ווערן מיט גאלד און ניט מיט פאפיר־געלט, ארויספאדערן פון די מלוכישע שפאר־קאסעס אלע איינלייג־געלטן א. א. וו. אכוץ דעם ראט פון די ארבעטער־דעפוטאטן, האבן דעמדאזיקן מאניפעסט געכאסמעט דער הויפט־קאמיטעט פון אלרוסלענדישן פויערים־פארבאנד, צענטראל־קאמיטעט (באלש.) און ארגאניזאציאנס־קאמיטעט (מענש.) פון ר. ס. ד. א. פ., דער צ. ק. פון דער פארטיי ס. ר. און דער צ. ק. פון פ. פ.ס.; דעם 3־טן דעקאבר איז דערדאזיקער מאניפעסט געווען פארעפנטלעכט קימאט אין אלע פעטערבורגער צייטונגען און אין דעמזעלבן טאג זיינען זיי אלע אפגעשטעלט געווארן און דער גאנצער באשטאנד פונם ראט פון די ארבעטער־דעפוטאטן איז ארעסטירט געווארן; דער מאניפעסט האט פונדעסטוועגן געהאט געוויסע פראקטישע רעזולטאטן: ווי מע האט שפעטער קאנסטאטירט, האט נאך זיין פארעפנטלעכונג זיך שטארק פארגרעסערט די פאדערונגען פון איינלייג־געלט פון די שפאר־קאסעס און ס׳האבן זיך פארקלענערט די פארשיידענע אפצאלונגען אין דער מלוכע־קאסע.

33. דער נייער קאטארגע־געזעץ וועגן שטרייקן — אנגעשראקן פון די אלגעמיינע שטרייקן פון די אייזנבאנער, פאסט־און טעלעגראף־אנגעשטעלטע, און מוירע האבנדיק, אז זיי זאלן זיך ניט איבערכאזערן, האט די צארישע רעגירונג דעם 2־טן דעקאבר פארעפנטלעכט א געזעץ, וועלכער גיט דאס רעכט די גענעראל־גובערנאטארן, גובערנאטארן און גראדאנאטשאלניקעס מיט זייער אייגענער מאכט איינצופירן אין זייערע ראיאנען אויסנאם־צושטאנד אין פאל, אויב דארט וועט אויסברעכן א שטרייק, אדער אויב דער נארמאלער גאנג פון דער טעטיקייט פון די אייזנבאנען אדער פאסט־און טעלעגראף וועט געשטערט ווערן.

34. ס׳ווערט געמיינט דער ארעסט פונם גאנצן באשטאנד פון פעטערבורגער ראט פון די ארבעטער־דעפוטאטן, וועלכער איז פארגעקומען דעם 3־טן דעקאבר; אלס ענטפער אף דעם, האט דער ניי אויסגעקליבענער ראט צוזאמען מיט די צענטראלע קאמיטעטן פון די רעוואלוציאנערע פארטייען פראקלאמירט אן אלגעמיינעם פאליטישן שטרייק, וועלכער האט אין איניקע ערטער (מאסקווע, דאן, סיביר, קאווקאז) זיך פארוואנדלט אין א באוואפנטן אויפשטאנד.

35. א בונדישער רעדנער א קריסט — ניט געקוקט אף דעם, וואס דער „בונד“ איז געווען א ריין אידישע פארטיי, האבן ביז און אין די יארן פון דער ערשטער רעוואלוציע אין אים געארבעט אויך א געוויסע צאל קריסטן, הויפטזאכלעך ארבעטער פון די קלענערע שטעטלעך, וועלכע האבן געלעבט און געארבעט צוזאמען מיט די אידישע ארבעטער, פריי גערעדט און אפטמאל זאגאר געשריבן אידיש.

36. ריגער פעדעראטיווער קאמיטעט — דער פאראייניקטער קאמיטעט פון די דארטיקע ארגאניזאציעס פון דער לעטישער סאציאל דעמאקראטישער פארטיי און פון „בונד“, וועלכער איז געווען געבויט אף פעדעראטיווע יעסוידעס; געגרינדעט זיך נאך אין 1903, נאר א באזונדער באדייטנדיקע ראלע האט ער געשפילט אין 1905־טן יאר, איבערהויפט אין די פרייהייטס־טעג, ווען ער איז פאקטיש געווען דער באלעבאס פון שטאט, רעגולירט דעם אייזנבאן־פארקער, ארויסגעגעבן אבליגאטארישע פאראָרדענונגען א. א. וו. דער פארטרעטער פון „בונד“ אינם קאמיטעט „מאקסים“ (קליוואנסקי) איז געווען דאן באזונדערס פאפולער, אין 1917 יאר איז „מאקסים“ געווען אפן רעכטסטן פלאנג.

37. סטרואווע, פעטער — איינער פון די אמאליקע אזויגערופענע „לעגאלע מארקסיסטן“, וואס האבן מיט זיך פארגעשטעלט א באזונדערע — אפארטוניס־

טישע—ריכטונג אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין די 90־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט; די לעגאַלע מאַרקסיסטן (סטרואַווע, בולגאַקאָוו, טוגאַן־באַראַנאָווסקי) האָבן געשטרעבט ארויסצולייגן די רעוואָלוציאָנערע אידייען פון מאַרקסיזם אין די ראַמען פון לעגאַלער וויסנשאַפט, און דאָס האָט זיי אומפאַרמיידלעך געמוזט ברענגען צו אָפּאָרטוניזם און צו דער אידייע פון דער מעגלעכקייט פון א פרידלעכן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם; די „לעגאַלע מאַרקסיסטן“ זיינען שאַרף באַקעמפט געוואָרן דורך לענינען און פּלעכאַנאָוון; אין 1898 יאר איז סטרואַווע געווען דער אויטאָר פון מאַניפעסט פון רסדא״פ.; אין 1902 האָט זיך סטרואַווע אָפיציעל אָפּגעזאָגט פון סאָציאַליזם און געשאַפן די אָרגאַניזאַציע פון די ליבעראַלן „באַפרייאונג“, וועלכע האָט זיך אין 1905־טן יאר צוזאַמענגעגאָסן מיט די אַנדערע ליבעראַלע אָרגאַניזאַציעס און געבילדעט די קאַדעטישע פּאַרטיי; נאָך דער דערשטיקונג פון דער ערשטער רעוואָלוציע און אין די יאָרן פון דער רעאַקציע איז סטרואַווע געוואָרן אַלץ רעכטער און רעכטער און נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז ער איינער פון די אידעאָלאָגן פון דער ווייסגוואַרדייאישער קאָנטר־רעוואָלוציע; אין עמיגראַציע איז סטרואַווע געוואָרן אַן אָפֿענער און אויסגעשפּראָכענער מאָנאַרכיסט.

38. פאַרלאַג „אַרבעטער־שטימע“ — דער ערשטער לעגאַלער בונדישער פאַרלאַג, געגרינדעט אין סעפּטיאַבער 1905 אין וואַרשע; דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אין א גרויסער צאָל עקזעמפּליאַרן א ריי בראָשורן, וואָס זיינען פריער געווען אומלעגאַל: „פליגן און שפּינען“ פון ווילהעלם ליבקנעכט, „פון וואָס איינער לעבט“ פון ש. דיקשטיין א. א. דער פאַרלאַג האָט פונקציאָנירט ביז 1906, ווען ס'האָט זיך אין ווילנע געגרינדעט דער בונדישער פאַרלאַג „די וועלט“.

39. „טרוד“ („די אַרבעט“) — סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג, דערשינען אין האָמעל פון נאָכן 17־טן אָקטיאַבער 1905 ביז אָנהויב 1906.

40. די קאַדעטישע פּאָליטיק אין דער ערשטער דומע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר האַלבקייט און אָפּאָרטוניזם און וואַקלענישן (זע וויטער באַמערקונג נומער 42)

41. פּאַרטיי „פּראַוואָווי פּאָראַדאָק“ („רעכטס־אָרדענונג“) — קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וועלכע האָט געפאָדערט א „שטאַרקע“ מלוכע־מאַכט און אָנטשיידענע מיטלען קעגן דער רעוואָלוציע, וואָס שטערט די רעכטס־אָרדענונג אין לאַנד; געגרינדעט אין אָקטיאַבער 1905; אין דער צייט פונם אַלגעמיינעם שטרייק פון די פּאָסט־און טעלעגראַף־אָנגעשטעלטע זיינען די אַריסטאָקראַטישע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי „רעכטס־אָרדענונג“ ארויסגעטראָטן אַלס שטרייק־ברעכער; אין 1906 איז די פּאַרטיי זיך צעפאַלן.

42. קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (קאַדעטן). — ליבעראַל־בורזשואַזע פּאַרטיי, געגרינדעט אין אָקטיאַבער 1905 פון דער צונויפגיסונג פונם פאַרבאַנד „באַפרייאונג“ מיט די איבעריקע ליבעראַל־בורזשואַזע גרופּן; די הויפּט־פאָדערונגען פון דער קאַדעטישער פּראָגראַם: א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, אָפּנעמען בא די פּריצים די ערד, נאָר פאַר א „גערעכטיקער באַלוינונג“ און פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָנגעשטעלטע און אַרבעטער; די טאַקטיק פון די קאַדעטן איז די גאַנצע צייט געווען אַן אָפּאָרטוניסטישע און פאַכדאָנישע: אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע האָבן זיי געהאַלטן אין איין גיין אָף פּשאָרעס מיטן צאַריזם, אין דער צייט פון אימפּעריאַליסטישן קריג האָבן זיי געשטיצט דעם אָפיציעלן פּאַטריאָטיזם, נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע — דער רעכטער פליגל פון דער עפנטלעכער געזעלשאַפטלעכקייט, ארום וועלכן ס'האָבן זיך גרופּירט אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, האָגאָם זיי האָבן אָנגענומען די רעפּובליקאַנישע פּראָגראַם; נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע — די אַקטיווסטע קעמפער קעגן ראַטן־רוסלאַנד, די איניציאַטאָרן פון

אינטערנאציאנאלער אינטערווענץ און ד. ג.; נאָך דער ענדגילטיקער דערשטיקונג פון דער קאָנטער־רעוואלוציע האָבן זיך די קאדעטן, וועלכע געפינען זיך אין עמיגראציע, צעשפּאָלטן: די „רעכטערע" שטייען פאר א בלאָק מיט די מאָנאַרכיסטן, און די „לינקע" מיט מילוקאָוון בעראָש — פאר א בלאָק מיט די רעכטע סאָצ. רעוו..

43. איזגאיעוו, א. — געוועזענער „לעגאַלער מאַרקסיסט", שפּעטער מיטגליד פונעם פאַרבאַנד „באפרייאונג", אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע רעכטער קאַדעט, מיטאַרבעטער פון די קאַדעטישע צייטשריפטן „רעטש" און „רוסקאיאַ מיסל" („רוסישער געדאַנק").

44. פּראָפעסאָר שצעפּקין — פירער פון דער קאַדעטישער פאַרטיי, דעפּוטאַט פון דער ערשטער גאָסוד. דומע פון אָדעס.

45. פּערגאַמענט, א. — געשוואָרענער אַדוואָקאַט, מיטגליד פון אָדעסער קאָמיטעט פון דער קאַדעטישער פאַרטיי, דעפּוטאַט פון דער דריטער גאָסוד. דומע פון אָדעס; בעשאַס דער וואַל־קאַמפּאַניע האָבן די ציאָניסטן געפירט א פאַרביסענעם קאַמף קעגן פערגאַמענטס קאַנדידאַטור, אַלס געוועזענעם „מעשומעד"; די צאַרישע רעגירונג פון איר זייט האָט פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן פערגאַמענטן, פאַרוואָס ער האָט זיך אָנגערופן מיט א קריסטלעכן נאָמען.

46. כעוורע מעפיצי האַסקאָלע — פילאַנטראָפּישע בילדונגס־געזעלשאַפט, געגרינדעט אין 1863־טן יאָר; ביז די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע האָט די כעוורע זיך פאַרנומען דעריקער מיט שטיצן איינצלנע אידישע סטודענטן א. ד. ג. און האָט קיין שום ראָלע אין קולטורעלן לעבן פון די אידישע מאַסן ניט געשפּילט. נאָך דער ערשטער רעוואלוציע זייענען אין דער כעוורע אַריינגעדרונגען איינצעלנע שיכטן פון דער ליבעראַלער בורזשואַזער און ציאָניסטישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן פאַר איר הויפּט־אויפגאַבע געמאַכט די אַנטוויקלונג פון אָנפאַנגס־בילדונג צווישן די אידישע מאַסן; די באַלעבאַטים פון דער כעוורע זייענען די גאַנצע צייט פאַרבליבן די נאַציאָנאַליסטיש־רעאַקציאָנערע עלעמענטן, די אָפּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט זייַענען געווען: נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע „אידישיסטן", בונדיסטן א. א.

47. געוואַלד־אַקטן באַ די וואַלן — די אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט בלויז אַליין באַיקאָטירן און אַגיטירן פאַרן באַיקאָט פון די וואַלן צו דער ערשטער דומע, נאָר זיי האָבן זיך באַמיט, אַז די וואַלן זאָלן ביכלאַל אונטערגעריסן ווערן; אין איניקע ערטער האָבן זיי מיט רעוואָלווער־שאָסן און פּעטאַרדעס פאַנאַנדערגעטריבן פאַרוואַל־פאַרזאַמלונגען, אין אַנדערע זייַנען דורך זיי געמאַכט געוואָרן באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף די וואַל־ביוראָען, קעדיי צו פאַרניכטן די רייסטערס פון די וויילער אָדער די שוין פאַרפולטע וואַל־ביולעטענס.

48. „טרודאָוואַיאַ גרופּע" (אַרבעטס־גרופּע) — ראַדיקאַל־בורזשואַזע גרופּירונג, וועלכע האָט אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען פון דער ראַדיקאַלער קלייןבירגערלעכער אינטעליגענץ און מיטעלן פּויערטום; אַנטשטאַנען אין דער ערשטער דומע; די ערשטע צייט האָבן די „טרודאָוויקעס" זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די קאַדעטן, שפּעטער האָבן זיי זיך באַפרייט פון דער קאַדעטישער ווירקונג און אָנגעהויבן אַרויסטרעטן צוזאַמען מיט דער סאָצ. דעמ. פראַקציע; נאָכן פאַנאַנדערטרייבן די ערשטע דומע, האָבן די טרודאָוויקעס צוזאַמען מיט דער סאָצ. דעמ. פראַקציע געווענדעט זיך מיט א מאַניפעסט צו דער אַרמיי און פאָלק, אין וועלכן די לעצטע ווערן גערופן פאַרייניקן זיך צום קאַמף פונעם פאָלק און אַרויסטרעטן קעגן דער פאַרברעכערישער רעגירונג.

49. די אַרבעטער־דעפּוטאַטן — האָגאַם די סאָצ. דעמאָקראַטיע האָט באַיקאָטירט די וואַלן צו דער ערשטער דומע (אַכוץ אויף קאַווקאַז, וואו די סאָצ. דעמ.

מענשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיט דער דערלויבעניש פון שטאָקהאָלמער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר זיך באַטייליקט אין די וואַלן) זיינען דאָך אין איר אויסגעקליבן געוואָרן 15—16 סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן זיך לעכאַטכילע אָרגאַניזירט אין אַן אַרבעטער־גרופּע, און שפּעטער, אַז ס'זיינען צוגעקומען די קאַווקאַזער דעפּוטאַטן, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך די אַרבעטער־גרופּע פאַרוואַנדלט אין אַ סאָצ. דעמ. פראַקציע; די סאָצ. דעמ. פראַקציע, בעראָש פון וועלכער ס'זיינען געשטאַנען דער קאַטערינאָסלאַווער אַרבעטער מיכאַילעטשענקאָ, ראַמישווילי און זשאַרדאַניע, האָט, איבערהויפּט די לעצטע צייט, געפירט אַ גאַנץ אַנטשיידענע פּאָליטיק: אַכוץ די אַרויסטרעטונגען אין דומע, האָט זי זיך באַמיט. וואָס ענגער צו פאַרבינדן זיך מיט די ברייטע אַרבעטער־מאַסן אין לאַנד, געווענדעט זיך צו זיי מיט בריוו, געשיקט אין פאַרשיידענע שטעט איר פאַרטרעטער, באַזוכט פאַרזאַמלונגען פון די פּעטערבורגער אַרבעטער א. א. וו.; די סאָצ. דעמ. פראַקציע האָט זיך אויך באַמיט דורך די דעפּוטאַטן „טרודאָוויקעס“ צו באַקומען אַ ווירקונג אויף די פויערשע מאַסן, וואָס ס'האָט זיך איר ביז אַ געוויסן גראַד אויך איינגעגעבן.

50. דער טאָך פונם אינצידענט, וועגן וועלכן ס'רעדט זיך אינם בלעטל פונם ביאַליסטאָקער וועבער־פאַריין, איז באַשטאַנען אין פאָלגנדיקעס: אַ אידישער פאַבריקאַנט פאַרעצקי, בא וועלכן ס'האָבן געאַרבעט אויף האַנט־שטולן וועבער־אידן, האָט, אַנשטאָט די האַנט־שטולן, אַוועקגעשטעלט מעכאַנישע; די קריסטלעכע וועבער, וועלכע זיינען געווען געשטימט נאַציאָנאַליסטיש און געוואָלט געווען צו האַלטן די אַרבעט אויף מעכאַנישע שטולן שיר ניט פאַר זייער מאָנאָפּאָל, און דערצו נאָך אונטערגעהעצט פון די „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן“, האָבן געפאָדערט, אַז אויף די נייע מעכאַנישע שטולן זאָלן אַוועקגעשטעלט ווערן קריסטלעכע וועבער, און די אידן, וואָס האָבן ביז דענסטמאָל געאַרבעט בא פאַרעצקין, זאָלן פאַר זיך ערגעץ וואו אַנדערש זוכן אַרבעט אויף האַנט־שטולן; דער בונדישער פראָפעסיאָנעלער וועבער־פאַריין האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם און האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז אויף די מעכאַנישע שטולן דאַרפן בלייבן אַרבעטן די פריערדיקע אַרבעטער, ד. ה. די אידישע וועבער; דער קאַמף פאַר די מעכאַנישע שטולן אויף פאַרעצקיס פאַבריק האָט זיך שטאַרק פאַרצויגן און אָנגענומען זייער אַ שאַרפן כאַראַקטער: ביידע צדדים זיינען פעסט געשטאַנען אויף זייערס און ניט געוואָלט גיין אויף קיין שום הכנעס; סאָפּקאָלסאָף אָבער האָט זיך די זאַך געענדיקט מיט אַ קאָמפּראָמיס: אויף 4 שטולן זיינען געבליבן אַרבעטן די פריערדיקע פאַרעצקיס אידישע וועבער, און צוויי זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר קריסטלעכע וועבער; דעם אינצידענט אויף פאַרעצקיס פאַבריק האָבן ברייט אויסגענוצט פאַר זייער נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע און קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע די ציאָניסטן און זאָגאַר די ציאָניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּירונגען.

51. אַקרושעי און דזשערזביצקי — פּוילישע רעוואָלוציאָנערן, מיטגלידער פון דער פּ. פּ. ס'ישער קאַמפּס־דרוזשינע, וועלכע האָבן אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע אַרויסגעוויזן פיל העראָיזם און העלדנמוט, באַטייליקנדיק זיך אין אַ ריי טעראָריסטישע אַקטן; באַם אָנפאַל אַפן וואַרשעווער פּאָליצמייסטער אין 1906 זיינען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן און דורכן פעלד־געריכט פאַרמישפּעט געוואָרן צום טויט.

52. די קאָמיסיע פון דער גאָסוד. דומע — גלייך ווי ס'איז געוואָרן באַוואוסט, אַז אין ביאַליסטאָק האָט זיך אָנגעהויבן אַ אידישער פּאָגראָם, האָט די גאָסוד. דומע קאָמאַנדירט אַהין אַ קאָמיסיע פון דריי דעפּוטאַטן (שצעפּקין, יאַקובסאָן און אַרקאַנצעוו) אויף אויסצופאָרשן אַפן אָרט די זאַך; די דומע־קאָמיסיע איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק נאָך איידער דער פּאָגראָם האָט זיך געענדיקט און האָט צונויפגעקליבן אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן די סיבעס און הויפּט־שולדיקע פון דערדאַ־

זיקער אויסערסט שוידערהאפטער בלוט־באָד. אפן סמאך פון דידאזיקע מאטעריאלן האָט די קאָמיסיע צונויפגעשטעלט אַן אויספירלעכן באריכט, נאָר באטראכטן אים און ארויסטראגן וועגן אים א וועלכע ניט איז באשטימונג האָט די דומע שוין ניט באוויזן, ווייל איינגיבן (דעם 9־טן יול) איז זי פאנאנדערגעטריבן געווארן.

53. דאס פארברענגען פון פאָלקס־הויז אין וואלאגדע — דעם 1־טן מאי 1906 זיינען א הויפל שיקערע כוליגאנעס צוזאמען מיט דער פּאָליציי באפאלן א פרידלעכע ארבעטער־מאניפעסטאציע און אכזיארעסדיק געשלאָגן און געשאָסן אין איר; דערנאָך האָבן די כוליגאנעס, געשטיצט פון דער פּאליציי, באלאגערט דאָס פאָלקס־הויז, וואו ס'איז פאָרגעקומען א מיטינג, צעראבירט אַלע קולטורעלע אָנשטאַלטן, וואָס האָבן זיך אין אים געפונען, און אונטערגעצונדן אים; ראטעווען זיך פון ברענענדיקן הויז איז ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט, ווייל די פּאָליציי האָט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו שיסן; אין דעם טאָג זיינען אין וואלאגדע אומגעקומען אַסאַך מענטשן.

54. לעווין, שמאַריאהו — ציאניסטישער טוער, דעפּוטאט פון דער ערשטער גאָסוד. דומע.

55. ריזשקאוו — דעפּוטאט פון דער ערשטער גאָסוד. דומע פון קאטערינאָסלאווער גוב.; ארויסגעטראָטן מיט אַ שארפער באשולדיקונגס־רעדע קעגן דער רעגירונג בעשאסן באטראכטן די אָנפראגע וועגן ביאליסטאָקער פּאָגראָם.

56. „רעטש“ — טעגלעכער אָרגאן פון דער קאדעטישער פארטיי, דערשינען אין פעטערבורג פון 1906 ביז 1917.

57. „נאוואיע ווּרעמיא“ — גרויסע טעגלעכע צייטונג, ארויסגעגעבן פון א. סואווארין, דערשינען אין פעטערבורג פון 1876־טן יאָר; די ערשטע צייט א מעסיק ליבעראלע, פון מיטן די 80־קער יאָר; א רעאקציאָנער־שווארצמייעדיקע; די „נאָוואָיע ווּרעמיא“ האָט שטענדיק געשטיצט די פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג, געקעמפט קעגן דער באפרייאונגס־באוועגונג און געפירט א העסלעכע העצע קעגן אלע נאציאָנאלע מינדערהייטן און איבערהויפּט קעגן די אידן.

58. פיליפּ באָגראָוו — ליטעראַרישער פּסעוודאָנים פון בונדישן פארטיי־ליטעראט און טאַלאַנטפולן רוסישן זשורנאליסט ד. זאסלאווסקי, אין „בונד“ פון 1902־טן יאָר; מיטאַרבעטער פון „וועקער“, „פאָלקס־צייטונג“, „האָפנונג“, „צייט“ און אויך פון אלע בונדישע צייטשריפטן אין רוסיש; נאָך דער פעווראל־רעוואָלוציע א מיטארבעטער פון רעכט־מענשעוויסטישן „דיען“, א פארביסענער קעגנער פון די באָלשעוויקעס; אין 1925 פארעפנטלעכט אַ בריוו אין „פּראַוודא“, אין וועלכן ער אנערקענט זיינע פאָליטישע פעלערן און די ריכטיקייט פון דער טאקטיק פון דער קאמוניסטישער פארטיי און פונם קאמינטערן.

59. דער פויערים־פאַריין — רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציע (געשטאַנען נאָענט צו די עס־ערן), וועלכע האָט אין די יארן פון דער ערשטער רעוואָלוציע געשפּילט א גאנץ אָנגעזעענע ראָלע; געגרינדעט אפן ערשטן (אומלעגאלן) צוזאמענפאר סאָף יול 1905, דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון פאריין, וועלכער איז פארגעקומען אין נאָיאבר 1905, האָט באַשטימט ארויסטרעטן געמיינזאם מיט די ארבעטער־אָרגאניזאציעס, אין די נאָענטסטע כאדאשים זיינען אזעלכע געמיינזאמע ארויסטרעטונגען ווירקלעך פאָרגעקומען: דער רוף צום דעקאבער־שטרייק, דער רוף צו אַן אלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק נאָכן פאנאנדערטרייבן די ערשטע דומע א. א.; די צארישע רעגירונג האָט גרויזאם פארפאלגט די טוער פון פויערים־פאריין: ארעסטירט זיין ביוראָ, געמישפּעט און פארשיקט זיינע דארטיקע טוער א. א. וו.; אין 1907 איז דער פאריין זיך פאנאנדערגעפאלן.

2כ*

60. זשאבאטינסקי, וולאדימיר — טאַלאַנטפולער ציאניסטישער רעדנער און פובליציסט; אין די יארן פון אימפעריאליסטישן קריג אָרגאניזאטאר פונם אידישן לעגיאָן אַף „צו דערקעמפן ערעץ יסראעל“, אין דער עמעסען אָבער איז דער אידישער לעגיאָן אויסגענוצט געוואָרן פון די ענגלישע אימפעריאליסטן אַף צו דערשטיקן די אויפשטאנדן פון די מיצרים, אַראַבער א. א.; אין 1921 האָט זשאַבאָטינסקי, מיטן העסקעם פון די ציאניסטישע אָנפירנדיקע קרייזן, געשלאסן אן אפמאך מיטן הויפט־אָנפירער פון דער אוקראינישער קאָנטר־רעוואָלוציע פעטלורע, לויט וועלכן זשאַבאָטינסקי האָט זיך פארפליכטעט צו אָרגאניזירן א אידישן זשאַנדאַרמען־קאָרפוס, וועלכער זאָל אַפהיטן די אָרדענונג אין די שטעט, וועלכע די פעטלורישע באנדעס וועלן „באַפרייען“ פון די באָלשעוויקעס.

61. זע באמערקונג נומ. 12.

62. ראדיטשעוו, פ. — אָנגעזעענער פירער פון דער רוסישער ליבעראלער באַוועגונג און שפעטער פון דער קאדעטישער פארטיי; דעפוטאט פון אלע 4 דומעס, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט אלס גלענצנדיקער פארלאמענטארישער רעדנער; נאָך דער פעבּראל־רעוואלוציע מיניסטער פון דער קאאליציאָנער רעגירונג; ווי אַלע קאדעטן — אַן אַקטיווער און פארביסענער קעגנער פון דער ראטן־מאכט.

63. די „ציטווילי קע טאקאָנעס“ — ערעוו דער עפענונג פון דער ערשטער גאסוד. דומע האָט די צארישע רעגירונג ארויסגעגעבן א ריי ציטוויליקע געזעצן און טאַקאָנעס, וועלכע האָבן פאקטיש קימאַט אינגאנצן אנולירט דעם מאניפעסט פון 17־טן אָקטיאַבר מיט אַלע זיינע צוגעזאָגטע פריוויליגיעס; דעם 2־טן דעקאבר 1905 איז פארעפנטלעכט געווארן דער „קאטארזשנער“ געזעץ וועגן שטרייקן; דעם 16 דעקאבר איז פארבאָטן געווארן אלע מיליטער־אָנגעשטעלטע צו באטייליקן זיך אין פאליטיש־געזעלשאפטלעכן לעבן; דעם 7־טן פעווראל 1906 זיינען באשטעטיקט געווארן נייע קלאָלים וועגן ארויסרופן מיליטער צו הילף דער פאליציי; דעם 9 פעווראל איז אַרויסגעגעבן געווארן א געזעץ, וועלכער פארשטארקט די שטראָף פאר מאכן און היטן אויפרייס־מאטעריאלן; דעם 13 פעווראל איז איינגעשטעלט געווארן אַ קרימינעלע פאראנטוואָרטלעכקייט פאר „פארשפרייטן פאלשע ידיעס וועגן דער טעטיקייט פון דער רעגירונג“; דעם 4־טן מארט זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די בארימטע ציטווייליקע קלאלים וועגן פארזאמלונגען און געזעלשאפטן, וועלכע האָבן געהאַט דעם ציל צו באגרעניצן די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען און פאַריינען, מיט וועלכע די מאסן האָבן זיך פאקטיש באַנוצט, א. ד. ג.

64. מוראמצעוו, ס. — פירער פון דער קאדעטישער פארטיי, פארזיצער פון דער ערשטער דומע, אנטיילנעמער אין די אונטערהאנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון צאַריזם וועגן בילדן א קאדעטישן מיניסטעריום; פאר אונטערשרייבן דעם „וויבארגער אויפרוף“ געווען פארמישפעט און אָפּגעזעסן דריי כאדאָשים אין טורמע; געשטאָרבן אין 1910־טן יאָר.

65. דער נאציאָנאַלער קאָנווענט — העכסטער אָרגאן פון דער רעוואָלוציאָנערער מאכט אין פראנקרייך אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע, עקזיסטירט פון סענטיאַבר 1792 ביז אָקטיאַבר 1795; דער קאָנווענט האָט פארמישפעט צום טויט דעם קעניג ליודאָוויק דעם 16־טן, דערקלערט פראנקרייך אַלס רעפובליק, דערקלערט זיינע רעכטע מיטגלידער, די זשיראָנדיסטן, אויסערן געזעץ, און זיי האָבן אַף אזא אויפן פאַרלאָרן זייערע דעפוטאטן־רעכט, דערשטיקט די קאָנטר־רעוואָלוציע אין לאנד און אָרגאניזירט א ווידערשטאַנד די רעאקציאָנערע אייראפעאישע ארמייען; בעת־אָש פון דער הערשנדיקער פארטיי אין קאָנווענט, די יאקאבינער, איז געשטאנען פריער דאנטאָן און דערנאָך ראבעספיער.

66. פאוולאָוו — הויפט־מיליטער־פראָקוראָר, איינער פון די וויכטיקסטע און

אקטיוווסטע טוער פון דער צארישער קאָנטער־רעוואָלוציע; דעם 27־טן דעקאבער 1906 דערמאָרדעט געוואָרן דורכן מאטראס יעגאָראָוו, וועלכער איז דורכן מיליטערישן פעלד־געריכט פארמישפּעט געוואָרן צו טויט־שטראָף.

67. דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק — נאָך דער פאַנאַנדערטרייבונג פון דער ערשטער דומע איז אין פינלאַנד פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון אַלע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, וועלכע האָט לעבאַטכילע ניט געפונען פאר צייטמעסיק צו רופן די מאסן צו אן עפנטלעכער אַרויסטרעטונג; גלייך נאָכדעם אָבער, ווי ס'האָט אויסגעבראָכן דער אויפשטאנד פון די מאַטראָסן אין סוועאבארג און קראָנשטאַט (זע ווייטער באַמ. נומ. 69) און די פּעטערבורגער ארבעטער האָבן אָנגעהויבן אַ פּאָליטישן שטרייק, האָט די קאָנפערענץ איבערגעקוקט איר באַשטימונג און באַשלאָסן פּראָקלאַמירן אן אַלגעמיינעם פּאָליטישן שטרייק. דער שטרייק האָט קיין ערפאָלג ניט געהאט; די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פון פּוילן, לאַטוויע, ליטע און ווייסרוסלאַנד האָבן אים בא זיך אפילע ניט געמעלדעט; אויך אין די איבעריקע טיילן פון רוסלאַנד האָט דער רוף פון דער קאָנפערענץ געפונען אַ שוואכן אָפּקלאַנג.

68. קאָסאָווסקי, וולאדימיר — פּסעוודאָנים פון נ. לעווינסאָן, איינער פון די גרינדער און פירער פון „בונד“, אנטיילנעמער אין 2־טן און לאנדאנער צוזאמענפאָרן פון רסדא״פּ, מיטאַרבעטער פון אלע בונדישע צייטשריפטן, איינער פון די הויפּט־קעמפער קעגן רסדא״פּ פאר דער נאציאנאלער פּראגראם און אָרגאניזאציאנעלע פּרינציפּן פון „בונד“; אין די יארן פון אימפּעריאליסטישן קריג פארנומען א גערמאַנאָפילישע פּאָזיציע און געקעמפט קעגן דעם אינטערנאציאָנאליזם פון די צימערוואַלדיסטן; געבליבן אַ רעכטער, פארביסענער קעגנער פון ראטן־רוסלאנד און דער קאָמוניסטישער פּארטיי.

69. די אויפשטאנדן אין סוועאבאָרג און קראָנשטאַט — דעם 17־טן יול 1906 איז אויסגעבראָכן אן אויפשטאנד אין דער פינלענדישער פעסטונג סוועאבארג; דעם 18־טן האָט דאס אויפגעשטאַנענע מיליטער פארכאפּט קימאַט די גאַנצע פעסטונג, ארעסטירט די אפיצערן און אָנגעהויבן א שלאכט מיט די שיפן, וואס זיינען געשטאַנען אין האפן; די פינלענדישע רויטע גוואַרדיע פון די ארבעטער איז געקומען צו הילף דעם רעוואָלוציאָנערן מיליטער, און די לעצטע האָבן פארנומען א רייַ באַפעסטיקטע אינזלען און אָפּגעשטויסן 6 ראטעס סאלדאטן, וואָס האָבן זיך אַף זיי געפונען; אַף מאָרגן זיינען אָבער געקומען אַטאַך פאנצער־שיפן מיט וויטשלאָגנדיקע הארמאטן און נאָכדעם, ווי זיי האבן באַשאָסן די פעסטונג, האָט דאס אויפגעשטאַנענע מיליטער זיך געמוזט אונטערגעבן; אַ טייל פון די לעצטע האָט זיך איינגעגעבן אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, אַ טייל איז געווען ארעסטירט און דורכן מיליטערישן פעלד־געריכט פארמישפּעט צו טויט און לאנגטערמיניקער קאַטאָרגע. טייקעף נאָך דעם סוועאבארגער אויפשטאנד האָט זיך אָנגעהויבן אן אויפשטאנד פון די מאַטראָסן אין קראנשטאט, צו וועלכן ס'זיינען אויך צוגעשטאַנען א טייל סאפּיארן; אויך דער קראנשטאַטער אויפשטאנד איז דערשטיקט געוואָרן און האָט זיך פארענדיקט מיט פעלד־געריכטן און טויט־שטראָף.

70. „צום פאָלק“ — אזוי האָט געהייסן דער אויפרוף, מיט וועלכן די קאָנפערענץ פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָט נאָך דער פאנאנדערטרייבונג פון דער ערשטער דומע זיך געווענדעט צו דער גאַנצער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד; אינם דאזיקן אויפרוף ווערט אויספירלעך דערקלערט די פּאָליטישע לאַגע, וועלכע איז געשאפן געוואָרן מיטן פאנאנדערטרייבן פון דער דומע, די מאכטלאָזיקייט פון דער לעצטער דערקעמפן פארן פאלק עמעסע פרייהייטן, און די מאסן ווערן גערופן צו אן אַנטשיידענעם

באַוואָפנטן קאַמף קעגן צאַריזם און פאַר דער באַלדיקער צונויפרופונג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג.

71. דער שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד.א. פ. — לויטן בעשבן איז דאס געווען דער פערטער פאַרטיי־צוזאַמענפאַר, אַזוי ווי אָבער די מענשעוויקעס האָבן נישט אַנערקענט דעם דריטן ריין באָלשעוויסטישן צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין מאַי 1905, איז באַשטימט געוואָרן דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר רופן דער „פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר"; פאָרגעקומען אין אַפּרעל 1906 אין שטאָקהאָלם; פון 111 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט האָבן די מענשעוויקעס געהאַט 62 און די באָלשעוויקעס 49; אַפן צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס וועגן אַלע וויכטיקערע פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פראַגן (וועגן די וואַלן אין דומע, באַוואָפנטן אויפשטאַנד, ציטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, פּראָפּעסיאָנעלע פאַראיינען, אַגראַר־פראַגע א. א.); אַדאַנק דער אומבאַדייטנדיקער און צופעליקער מערהייט זיינען קימאַט אַלע פראַגן באַשטימט געוואָרן אין מענשעוויסטישן גייסט; אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 7 מענשעוויקעס און 3 באָלשעוויקעס (דעסניצקי—סטראַיעוו, קראַסין און ריקאָוו); אַפן שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר איז אויך פאָרגעקומען די פאַראייניקונג פון ר. ס. ד.א. פ. מיט פּ. ס. ד. און ס'זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די פאַראייניקונגס־באַדינגונגען מיט דער לעטישער ס. ד.א. פ. און מיטן „בונד"; אויספירלעכע פּראָטאָקאָלן פון שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר וועלן איצט דורכן „איסטפּאַרט" צוגעגרייט צום דרוק און וועלן אינגיכן דערשיינען.

72. גראָסער, בראָניסלאַוו (זעלצער, סלאַוועק) — טאַלאַנטפולער טוער פון „בונד" אין פּוילן; אַ גלענצנדער רעדנער, טעמפּעראַמענטפולער פּובליציסט, האָט גראָסער געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע ער האָט שטענדיק געזוכט צו פאַרבינדן מיט דער באַוועגונג פונם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט; גראָסער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער באַוועגונג אויך אין די יאָרן פון דער רעאַקציע, ספּעציעל בא די וואַלן אין דער פערטער גאָסוד. דומע (1912) האָט ער פיל געאַרבעט פאַר דעם, אַז פון וואַרשע זאָל אויסגעקליבן ווערן, אַלס קאַנדידאַט פון פּ. פּ. ס. (לעוויצע) און „בונד", דער מיטגליד פון דער ערשטער יאַגעלאָ (די פּ. ס. ד. זיינען געווען קעגן יאַגעלאָס קאַנדידאַטור און האָבן געשטימט קעגן אים; דערפאַר זיינען די באָלשעוויסטישע דעפּוטאַטן פון דער פערטער דומע געווען קעגן דעם, אַז יאַגעלאָ זאָל אַריינגענומען ווערן אין דער ס. ד. פראַקציע, נאָר די מענשעוויסטישע מערהייט פון דער לעצטער האָט אים יאָ צוגעלאָזן); סאָף 1912 איז גראָסער, זייענדיק אַלט 29 יאָר, געשטאָרבן.

72א. די אָנפאַלן אַף פּאָליציי מיטוואָך — אַלס ענטפער אַף די פאַרשטאַרקטע רעפּרעסיעס מיצאַד דער רעגירונג האָט די „באָיעווקע" (קאַמפס־דרוזשינע) פון פּ. פּ. ס. מיטוואָך דעם 2־טן אויגוסט 1906 אָרגאַניזירט אין אַלע גרעסערע שטעט פון פּוילן מאַסן־אָנפאַלן אַף דער פּאָליציי; בלויז אין איין וואַרשע זיינען פאַרן טאָג דערהאַרגעט געווען אַף פאַרשיידענע גאַסן 25 פּאָליצייסקע און זשאַנדאַרמען, נאָך מער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן, אין לאָדז איז אויפגעריסן געוואָרן די פּאָליציי־פאַרוואַלטונג און ס'זיינען דערהאַרגעט געוואָרן אַף די גאַסן עטלעכע פּאָליצייסקע און סאָלדאַטן; אַף דעם „בלוטיקן מיטוואָך" האָט די פּאָליציי, פון איר זייט, געענטפערט מיט אַ מאַסן־טעראָר קעגן דער פרידלעכער באַפעלקערונג: פאַר צוויי טעג זיינען אַף די וואַרשעווער גאַסן דערהאַרגעט געוואָרן 15 מענטשן און פאַרוואונדעט מער פון 200; די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (פּ. ס. ד. און „בונד") זיינען געווען קעגן דערדאָזיקער אַרויסטרעטונג פון פּ. פּ. ס. און האָבן זי שאַרף פאַרורטיילט אין דער פּרעסע און אין ספּעציעלע אויפרופן.

73. גרין — נאַטשאַלניק פון דער „אָכראַנקע“, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט די מיטלאַלטערלעכע אינקוויזיציעס און פּייניקונגען, וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט אַלס סיסטעם, בענוגייע צו די פּאָליטישע אַרעסטירטע צוערשט אין וואַרשע און דערנאָך אין כאַרקאָוו.

74. דער „רויטער קרייץ“ — אומלעגאַלע רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפט אַף צו העלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע; דער „רויטער קרייץ“ איז געווען שטאַרק פּאָפּולער און אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע פלעגן אים געבן שטיצן אויך די דעמאָקראַטישע שיכטן פון דער באַפעלקערונג; דער „רויטער קרייץ“ האָט עקזיסטירט ביז דער פעווראַל־רעוואָלוציע.

75. „דער וועג“ — ציאָניסטישע צייטונג, דערשינען אין וואַרשע אין 1905—1906; נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם האָט די איבעריקע וואַרשעווער אידישע בורזשואַזע פּרעסע באַשולדיקט די אַדמיניסטראַציע פון „וועג“, אַז זי האָט פאַרהאַלטן בא זיך געוויסע געלט־סומען, וואָס מע האָט איר געשיקט פאַר די געליטענע פון ביאַליסטאָקער פּאָגראָם.

76. די אַלרוסלענדער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין נאָיאַבר 1906 — פאָרגעקומען אין פינלאַנד אין דער אָנוועזנהייט פון 32 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס־רעכט; וועגן דער הויפּט־פראַגע — באַציאונג צו די וואַלן אין דער 2־טער גאָסוד. דומע — איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן נעמען אין זיי אַן אַקטיוון אַנטייל; די פראַגע וועגן אָפּמאַכן בעשאַס די וואַלן האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהייט: די באָלשעוויקעס זיינען געווען פאַר אָפּמאַכן נאָר מיט די רעוואָלוציאָנערע און פּויערשע אָרגאַניזאַציעס („לינקער בלאָק“), די מענשעוויקעס, דאַגעגן, זיינען געשטאַנען פאַר אָפּמאַכן אויך מיט די קאַדעטן; געזיגט האָט די לעצטע מיינונג מיט דער אויסבעסערונג פון „בונד“, אַז דאָרט, וואו די שוואַרצמייעדיקע געפאַר קאָן אויסגעמיטן ווערן דורך אַ „לינקן בלאָק“ אָן די קאַדעטן, טאָר מען מיט די לעצטע אין קיין אָפּמאַכן ניט אַריינגיין; לויט דער איניציאַטיוו פון די באָלשעוויקעס, האָט די קאָנפערענץ זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן די לאָזונגען פון אַן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר (זע ווייטער באַמערקונג נומ. 96 א.) און האָט פאַרבאָטן אַלע אָרגאַניזאַציעס באַטייליקן זיך אין זיין צוגרייטונג; די קאָנפערענץ האָט אויך באַשטימט צונויפרופן אין 1907־טן יאָר דעם אָרדנטלעכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

77. די רעזאָלוציע פון דער אַלגעמיין־פּאַרטייאישער קאָנפערענץ וועגן דער וואַל־טאַקטיק איז אין קורצן באַשטאַנען אין פאָלגנדיקעס: אין דער אַרבעטער־קוריע דאַרף די סאַצ. דעמאָקראַטיע אַרויסטרעטן אינגאַנצן זעלבשטענדיק; דאָ טאָרן קיין שום אָפּמאַכן ניט דערלאָזן ווערן; אין דער אַלגעמיין־שטאָטישער קוריע ווערן דערלאָזן אָפּמאַכן מיט די לינקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און, אויב ס'דראָט אַ שוואַרצמייעדיקע געפאַר, אויך מיט די קאַדעטן.

77 א. מ. א—ר, (עסטער) — פּסעוודאָנים פון מ. פרומקינאַ; איינע פון די עלטסטע און באַגאַבטסטע טוערינס פון „בונד“. טאַלאַנטפולער ליטעראַט. פון 1898 יאָר אַ שטענדיקע מיטאַרבעטערין אין אַלע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען פון צ. ק. פון „בונד“, אַווטאָר פון פיל אויפרופן און אַרטיקלען אין דער אומלעגאַלער „אַרבעטער־שטימע“. שפּעטער מיטגליד פון פּאַרטיי־רעדאַקציעס פון אַלע בונדישע לעגאַלע צייטשריפטן. אין דער זעלבער צייט פעדאַגאָג־מאַרקסיסט מיט אַ גרויסן איינפלוס אין דער גאַנצער אידישער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט (אַווטאָר פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דער שול־פראַגע). אַנטייל גענומען אין פיל בונדישע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן. געווען איניקע מאָל אַרעסטירט. פון דער פעווראַל־רעוואָלוציע אַריינגעטראָטן אין צ. ק. פון „בונד“ און רעדאַגירט דעם מינסקער „וועקער“. איר פּאָליטישע פּאָזיציע — די אַלגעמיין־בונדישע. פון 1919 יאָר — די פירערין פון קאָמוניס־

טישן פליגל אין „בונד“. טרעט אריין אין ר. ק. פ. צוזאמען מיטן גאנצן „בונד“ אין 1921־טן יאָר. שפּעטער שטענדיקער מיטגליד פון צ. ב. פון די אידישע סעקציעס באם צ. ק. ר. ק. פּ. און רעקטאר פון אוניווערזיטעט פאר די מאירעוו־פעלקער. אווטאָר פונם בוך „לעניניזם“ אין אידיש.

78. דאניעלי — פסעוודאנים פון א. טשערניכאָוו, מיטגליד פון צ. ק. פון דער „ציאָניסטיש־סאָציאליסטישער ארבעטער־פארטיי“ אין די יארן פון דער ערשטער רעוואָלוציע; אין די יאָרן פון דער רעאַקציע איז טשערניכאָוו אָפּגעגאנגען פון דער פארטיי און נאָך דער פעווראל־רעוואלוציע איז ער אריינגעטראטן אין דער קליינבירגערלעכער „פאָלקס־פארטיי“.

79. „פרידלעכע באנויער“ — מעסיק מאָנארכיסטישע פארטיי, וועלכע האָט אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסן פון די מעסיקע פּריצים און פון א טייל גרויס־בורזשואזיע; די פרידלעכע באנייער האָבן געהאט אָנהענגער אויך צווישן געוויסע שיכטן פון דער אידישער בורזשואזיע; אזוי, לעמאָשל, אין אָדעס בעשאס די וואלן צו דער צווייטער דומע האָט דער דאָרטיקער אידישער קלאל־טוער באַרבאַש עפנטלעך אגיטירט פאר די „פרידלעכע באנייער“ און קעגן די קאדעטן, וועלכע זיינען געווען צו לינק פאר אים און זיינע אָנהענגער.

80. כורגין — אָנגעזעענער בורזשואזער קלאל־טוער און פילאנטראָפּ אין מינסק; אין די יונגע יאָרן געהערט צו די „נאַראָדאָוואָלטשעסקע“ קרייזלעך, נאָך די פּאָגראָמען פון די 80־קער יארן געווארן א ציאָניסט און אקטיוו געארבעט פארן ציאָניזם ביזן סאמע טויט.

81. קאמינסקי, ש. ד־ר. — אָנגעזעענער געזעלשאפטלעכער טוער אין מינסק; אין די יארן פון דער ערשטער רעוואָלוציע סימפּאטיזירט די ס. ס., שפּעטער דערנעענטערט זיך צום „בונד“ און נאָך דער פעווראל־רעוואָלוציע אַקטיוו געארבעט אין דער דאָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאציע; צוזאמען מיטן „בונד“ אריינגעטראטן אין ר. ק. פּ. און צייט פאָלקס־קאָמיסאר פאר געזונטהייט־איניאנים פון ווייסרוסלאנד.

82. ראזנבוים, ש. — מיטגליד פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער ציאָניסטישער אָרגאניזאציע; דעפּוטאט פון דער ערשטער דומע פון מינסקער גוב.; נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער ליטווישער בורזשואזער רעפּובליק — מיניסטער פאר אידישע איניאנים.

83. פעלד־געריכטן — די מיליטערישע פעלד־געריכטן זיינען איינגעפירט געוואָרן אין אווגוסט 1906, ווייל „די געוויינלעכע געריכטן“, ווי די צארישע רעגירונג האָט דאָס מאָטיווירט, „זיינען נישט צוגעפּאסט צו די אומשטענדן פון דער איצטיקער אומגעוויינלעכער צייט“; פון אווגוסט 1906 ביז אפּרעל 1907 זיינען פון די פעלד־געריכטן פארמישפּעט געווארן צום טויט עטלעכע טויזנט מענטשן.

84. דער „וויבארגער אויפרוף“ — נאָכן פאנאנדערטרייבן די ערשטע דומע האָט אַ גרויסער טייל דעפּוטאַטן צונויפגעפאָרן זיך אין וויבארג (פינלאנד) און אין משך פון 2 טעג (9 און 10 יול) באהאנדלט די פראגע, ווי צו רעאגירן אויף קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אַקט פון דער צארישער רעגירונג; די בעראטונג האָט זיך געענדיקט מיט דער באשטימונג ווענדן זיך צו דער באפעלקערונג מיט אן אויפרוף נישט צאָלן קיין שטייערן און נישט שטעלן זיך צום מיליטער; די לינקע דעפּוטאַטן (סאָצ. דעמ. און „טרודאָוויקעס“) האָבן פארגעלייגט אַנטשיידענערע מיטלען און א שארפערע רעדאַקציע פונם אויפרוף, נאָר געזיגט האָבן די פארשלאָגן פון דער קאדעטישער מערהייט; דערדאזיקער אויפרוף, וועלכן די סאציאליסטישע פארטייען האָבן איבערגעדרוקט אין מיליאנען עקזעמפּלארן, איז געווען באוואוסט צווישן די ברייטע שיכטן פון דער באפעלקערונג אַלס דער „וויבארגער אויפרוף“; אַלע דעפּוטאַטן, וואָס האָבן

אונטערגעשריבן דעם אויפרוף, זיינען איבערגעגעבן געווארן צום געריכט און זיינען פארמישפעט געווארן צו דריי כאדאשים טורמע.

85. פירשט מעשטשערסקי — אידעאלאג פון דער צארישער זעלבסט־הערשונג, רעדאקטאר פון דער רעאקציאנערער צייטונג „גראזשדאנין", וועלכע האט געפריידיקט בלייבן בא דער אלטער זעלבסטהערשנדיקער אָרדענונג און אין קיין זאך נים נאכגעבן דער באפרייאונגס־באוועגונג. זיין לאזונג איז געווען — שמיץ.

86. גרוזענבערג, א. — פאפולערער אידישער אדוואקאט, באטייליקט זיך אין אלע וויכטיקערע פאגראם־און אליאס־דאם־פראצעסן; אין די יארן פון דער ערשטער רעוואלוציע געווען געשטימט „לינקער פון די קאדעטן"; איצט אין עמיגראציע.

87. באזין — פסעוודאנים פון מ. זילבערפארב, גרינדער און איינער פון די פירער פון דער אידישער סאצ. ארבעטער־פארטיי („סערפ") און נאך דער פעווראל רעוואלוציע — פון דער „פאריייניקטער איד. סאצ. ארבעטער־פארטיי"; אידישער מיניסטער אין דער אוקראינער ראדע, אווטאר פון געזעץ־פראיעקט וועגן נאציאנאל־פערסאנאלער אווטאנאמיע, וועלכע ער האט, אלס אידישער מיניסטער, געפרואווט דורכפירן אין לעבן; נאכדעם ווי אף אוקראינע האט זיך באפעסטיקט די ראטן־מאכט האט זילבערפארב עמיגרירט קיין פוילן.

88. שפרינגער, רודאלף — פסעוודאנים פון עסטרייכישן סאצ. דעמאקראט קארל רענער, איינער פון די ערשטע באגרינדער פון דער טעאריע פון נאציאנאל־קולטורעלער אווטאנאמיע; אף זיינע ווערק „מלוכע און נאציע", די „נאציאנאלע פראבלעם", „דער קאמף פון די נאציאנאליטעטן אין עסטרייך" א. א. האבן געבויט זייערע נאציאנאלע פראגראמען די בונדיסטן און אויך די „סיימאווצעס"; אין די יארן פון אימפעריאליסטישן קריג און אויך איצט איז רענער אן אויסגעשפראכענער און קאנסעקוועטנער סאציאל־פאטריאט.

89. „יעווריסקי גאלאס" („אידישע שטים") — בורזשואז־טעריטאריאליסטישע צייטשריפט, שפעטער ארגאן פון דער „אידישער טעריטאריאליסטישער געזעלשאפט" (יט"א), דערשינען אין 1905—1906 אין ביאליסטאק און נאכן ביאליסטאקער פאגראם אין אדעס.

90. גאזשאנסקי ש. (לאנו, „דער לערער") — איינער פון די עלטסטע טוער פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג און גרינדער פון „בונד"; צוזאמען מיט מארטאוון אנגעשריבן אין 1892־טן יאר די באוואוסטע בראשור „וועגן אגיטאציע"; אווטאר פון א ריי סאציאל־עקאנאמישע ווערק („סבירעס", „דער אידישער ארבעטער" א. א.); בונדישער פארטיי־קאנדידאט צו די וואלן אין דער צווייטער דומע פון גראדנער גוב.; אין 1919־טן יאר אריינגעטראטן אין ר. ק. פ.

91. דער געזעץ פון 4־טן מארט (1906) — אפיציעל האט דער געזעץ געהייסן „די ציטווייליקע קלאלים וועגן פאראייניגונגען, געזעלשאפטן און פארייניען"; פארמעל האבן דידאזיקע קלאלים געזאלט פארגרינגערן די ארגאניזירונג פון פארשיידענע געזעלשאפטן און פארייניען, פאקטיש אבער האבן זיי די עצעם דערלויבעניש און דערנאך די טעטיקייט פון די פארייניען איבערגעגעבן אין רעשוס פון דער דארטיקער אדמיניסטראציע, וועלכע האט געזען וואס ברייטער אויסצוטייטשן אירע רעכט נים צו דערלויבן אדער פארמאכן די ארבעטער־ארגאניזאציעס, וואס האבן זיך לעגאליזירט אפן סמאך פון די דאזיקע קלאלים; אין די ארבעטער־קרייזן, איבערהויפט אין די אידישע און פוילישע, איז די ערשטע צייט געווען זייער א נעגאטיווע באציונג צו די קלאלים פון 4־טן מארט, און מע האט זיך מיט זיי זייער ווייניק באנוצט; שפעטער אבער האבן אויך די אידישע און פוילישע ארבעטער אנגעהויבן לעגאליזירן זייערע פארייניען אפן סמאך פון די קלאלים פון 4־טן מארט; קיין אריבאס־

יאמים האָבן אָבער אויך די לעגאַליזירטע פאַריינען ניט געהאַט: די פּאָליציי פלעגט זיי דאָס ראַנג גלייך צומאַכן און קיין נייע ניט דערלויבן עפענען.

92. „לידוואַלס־ברויט“ — סאָף 1905־טן יאָר איז אַנטדעקט געוואָרן, אַז די שפּייז־און פּאַרזאָרג־האַלוואַ, וואָס די רעגירונג האָט באַשטימט פאַר די פּויערים, וואָס האָבן געליטן פון דער אומגערעכטיקייט, איז אין איר גרעסטן טייל צעגאַנוועט געוואָרן דורכן סוחר לידוואַל בעשותפות מיטן הויכגעשטעלטן צאַרישן ביוראָקראַט גורקאָ; נאָכדעם האָט די רוסישע געזעלשאַפט זיך באַצויגן מיט גרויס פאַרדאַכט צו אַלע ענלעכע אָסיגנירונגען פון דער רעגירונג, מורא האָבנדיק, אַז דעם נויטבאַדערפטיקן פּויערטום זאָל פון דעם אָנקומען דאָסזעלבע, וואָס פון „לידוואַלס ברויט“.

93. ס'ווערט געמיינט דער קאַמף, וואָס די אידישע אַרבעטער פון ליטע און ווייסרוסלאַנד האָבן געפירט סאָף פון די 90־קער יאָרן פאַר דעם, אַז ס'זאָל דורכגעפירט ווערן אין לעבן דער אַלטער געזעץ פון קאַטערינע דער צווייטער, לויט וועלכן דער אַרבעטס־טאָג אין די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן טאָר ניט זיין לענגער פון 12 שעה; אַרום דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך דעמאָלט אויפגעגעבן אַרויסרופן אַ ברייטע באַוועגונג, וועלכע האָט די ערשטע צייט געגעבן אויך אייניקע פּראַקטישע רעזולטאַטן: די דאָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט זיך אַבּיסל פאַרלאָרן און האָבנדיק פאַר זיך אַ בעפיירעשדיקן געזעץ, וועלכער איז ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן, האָט זי נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער און געצוואונגען די אונטערנעמער איינפירן בא זיך אַ 12 שעהיקן אַרבעטס־טאָג.

94. „הזמן“ („די צייט“) — העברעאישע טעגלעכע צייטונג, דערשינען אין ווילנע אין 1905—1914.

95. מיכאַלעוויטש, ב. — פּסעוודאָנים פון י. איזביצקי, איינער פון די עלטערע טוער פון „בונד“, די לעצטע יאָרן פאַרן אימפּעריאַליסטישן קריג מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט; פון נאָך דער אָקופּאַציע פון פּוילן אַרבעט אין פּוילישן „בונד“; פאַרנעמט אַן עקסטרעמסטע פּאָזיציע, קעמפט קעגן ראַטן־רוסלאַנד און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

96. פּלעכאַנאָוו, ג. וו. — דער פאָטער פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און איינער פון די אָנגעזעענסטע מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער; אין די 70־קער יאָרן באַטייליקט זיך אין פאָלקיסטישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; נאָך אַן אַרויסטרעטונג מיט אַ רעדע אויף אַ דעמאָנסטראַציע אין פּעטערבורג געמוזט אַריבערגיין אויף אַן אומלעגאַלער לאַגע און אינגיכן עמיגרירט קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן דער דערלערנונג פון דער אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג; אין 1883 האָט פּלעכאַנאָוו צוזאַמען מיט אַקסעלראָד, וועראַ זאַסוליטש און לעוו דייטש געגרינדעט די „גרופּע צו באַפרייען די אַרבעט“, וועלכע איז געווען די ערשטע רוסישע סאָצ. דעמ. אָרגאַניזאַציע; פּלעכאַנאָוו האָט אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע ליטעראַרישע אַרבעט, וואָס האָט פיל מיטגעהאָלפן דער באַקעמפונג פון דער פאָלקיסטישער אידעאָלאָגיע, וועלכע איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד; פון אַט די ווערק זיינע דאַרפן באַזונדער פאַרצייכנט ווערן: „אונזערע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, „צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון מאָניסטישן קוק אויף דער געשיכטע“, „דער סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף“ א. אַ.; פּלעכאַנאָוו האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער גרינדונג און טעטיקייט פון ר. ס. ד. א. פּ., שטיצנדיק אַמאָל די מענשעוויקעס און אַמאָל די באָלשעוויקעס; פּלעכאַנאָוו איז געווען אַן אָנגעזעענע פיגור אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואו ער איז געווען באַקאַנט דורך זיינע ליטעראַרישע ווערק און אַלס שטענדיקער אַנטיילנעמער פון די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן און אַלס פאָרטרעטער פון ר. ס. ד. א. פּ. אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ; אין די יאָרן פון אימפּעריאַליסטישן קריג האָט פּלעכאַנאָוו פאַרנומען

אן עקסט סאציאל־פאטריאטישע פאזיציע; נאך דער פעווראל־רעוואלוציע האט זיך פּלעכאנאוו אומגעקערט קיין רוסלאנד, וואו ער האט ענערגיש געפּרידיקט די אידייע פון א קאאליציע מיט דער בורזשואזיע און שארף באקעמפט די באלשעוויקעס, פלעכאנאוו איז געשטארבן אין 1918 אין פינלאנד.

96 א. ארבעטער־צוזאמענפאר — דעם געדאנק וועגן צונויפרופן א ברייטן אומפארטייאישן ארבעטער־צוזאמענפאר, וואס זאל אנשטאט „דער ווייניק ווירקזאמער ס. ד. פארטיי שאפן אן אויטאריטעטע אומפארטייאישע ארבעטער־ארגאניזאציע", האבן אין 1906 ארויסגערוקט די מענשעוויקעס (אקסעלראד, פלעכאנאוו), באזונדער ענערגיש האט פאר דעם אגיטירט לארין; די באלשעוויקעס, ווי אויך אלע נאציאנאלע סאצ. דעמ. ארגאניזאציעס זיינען געווען קעגן אזא צוזאמענפאר — וועלכער וואלט געבראכט צו א פראגראמאטישן און טאקטישן אפארטוניזם און צו דער ליקווידירונג פון דער פארטיי, און די אלרוסלענדער פארטיי־קאנפערענץ אין נאיאבר 1906 און שפעטער (אין 1907) דער לאנדאנער פארטיי־צוזאמענפאר האבן אים שארף פארורטיילט און קאטעגאריש פארבאטן די פארטיי־ארגאניזאציעס צו נעמען א וועלכן ניט איז אנטייל אין זיין פארבארייטונג; דער פראיעקטירטער ארבעטער־צוזאמענפאר איז ניט פארגעקומען. האגאם שפעטער האבן אים ווידער ארויסגערוקט די ליקווידאטארן (רעכטע מענשעוויקעס).

97. בלאנקיזם — רעוואלוציאנער־קאנספיראטיווע טאקטיק, די שטרעבונג צו א רעוואלוציאנערער איבערקערעניש ניט מיט די קויכעס פון די ברייטע מאסן, נאר מיט דער הילף פון אן ענגן קרייזל רעוואלוציאנערן־קאנספיראטארן; אן אזא טאקטיק האט זיך געהאלטן דער פראנצויזישער רעוואלוציאנער אגיוסט בלאנקי, און דערפאר ווערט אזא טאקטיק באצייכנט מיט זיין נאמען.

98. ס'האנדלט זיך וועגן די געמיינזאמע בארעטונגען פון אלע אפאזיציאנעלע פראקציעס אין דער צווייטער דומע; אין דידאזיקע בארעטונגען האבן זיך אויך באטייליקט די פוילישע „נאראדאווע דעמאקראטן", וועלכע האבן אין פוילן געפירט אן אויסערסט רעאקציאנערע און פראוואקאטארישע פאליטיק בענוגיע די ארבעטער, די פ. ס. ד. האט אפן שארפסטן אויפן פראטעסטירט קעגן אנטייל פון דער סאצ. דעמ. פראקציע אין דידאזיקע געמיינזאמע בארעטונגען מיט די „נאראדאווע דעמאקראטן".

99. קאמענעוו, ל. — פון 1917 מיטגליד פון פאליט־ביורא פון צ. ק. פון ר. ק. פ., פארטרעטער פון פארזיצער פון ראטפאלקאם פון פסס"ר; געבוירן אין 1883; געארבעט אין דער מאסקווער און פעטערבורגער באלשעוויסטישע ארגאניזאציעס, באטייליקט זיך אין דריטן און לאנדאנער פארטיי־צוזאמענפארן; אין די יארן פון רעאקציע עמיגרירט קיין אויסלאנד, וואו ער האט צוזאמען מיט לענינען און זינאוויעוון רעדאקטירט דעם פארטיי־ארגאן „פראלעטארי", שפעטער מיטגעארבעט אין „סאציאל־דעמאקראט" און אין דער לעגאלער „פראוודא", וועלכע האט דערשיינט אין פעטערבורג אין 1911—1914; אין 1913 האט ער זיך, לויטן אויפטראג פון צ. ק., אומגעקערט קיין רוסלאנד, וואו ער האט אנגעפירט מיט דער טעטיקייט פון דער דומע־פראקציע; אין נאיאבר 1914 איז קאמענעוו צוזאמען מיט די דעפוטאטן באלשעוויקעס ארעסטירט געווארן אף א פארטיי־קאנפערענץ אין פינלאנד און איז פארמישפעט געווארן צו אייביקער פארשיקונג קיין סיביר; באפרייט האט אים די פעווראל־רעוואלוציע.

100. זינאוויעוו ג. — פארזיצער פון אויספירקאם פון קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל זינט זיין אנטשטייאונג און מיטגליד פון צ. ק. (פון 1918 — פון פאליט־ביורא) פון ר. ק. פ. פון נאכן לאנדאנער צוזאמענפאר (דענסטמאל ר.ס.ד.א.פ.); געבוירן אין 1883־טן יאר, מיטגליד פון דער פארטיי פון די 900־טע יארן; צוזאמען מיטן כאווער לענין די גאנצע צייט געקעמפט קעגן די מענשעוויקעס און „ליקווידאטארן" פאר דער איינהאלטונג און פארשטארקונג פון דער אונטערערדישער פארטיי; באטייליקט זיך אין דער צימערוואלדער און קינטאלער קאנפערענצן; טאלאנטפולער רעד־

נער און אָנגעזעענער פּאַרטיי־פּובליציסט, פיל געשריבן וועגן פאַרשיידענע פראַגן פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון מאַרקסיזם; פון 1918 פאַרזיצער פון פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער און רויטאַרמייער דעפּוטאַטן.

101. „פאַרבאַנד פון 17־טן אָקטיאַבר“ — קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע און רעאַקציע; אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען פון די מעסיקערע פּריצים און פון דער גרויס־בורזשואַזיע; דער פאַרבאַנד, בעראָש פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען דער מאָסקווער סוחר א. גוטשקאָוו, האָט גלייך פון זיין אַנטשטייאונג געשטיצט די צאַרישע רעגירונג אין איר קאַמף קעגן דער רעוואָלוציע; אין דער ערשטער און צווייטער דומעס האָט דער פאַרבאַנד קיין שום ראָלע נים געשפּילט, נאָר נאָך דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש פון 3־טן יון 1907 איז דער פאַרבאַנד געוואָרן די רעגירונגס־פּאַרטיי; אין די יאָרן פון קריג איז דער פאַרבאַנד געשטאַנען פאַר „מילכאָמע ביז א ניצאָכן“ און האָט פאַרדעקט אַלע שרעקלעכע מאַיסים פון צאַריזם; נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע האָבן די „אָקטיאַבריסטן“ זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די עקס־רעכטע מאָנאַרכיסטן.

102. „האַנדלס־אינדוסטריעלע פּאַרטיי“ — פּאַרטיי פון די גרויסע סאַכרים און פאַבריקאַנטן; פאַרביסן געקעמפט קעגן די „עקסטע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען“, גערופן אַלע אָנהענגער פון „רו און אָרדענונג“ צו שטיצן די רעגירונג פון וויטע—דורנאָוואָ; אין 1906 האָט זיך די פּאַרטיי צוזאַמענגעגאָסן מיטן „פאַרבאַנד פון 17־טן אָקטיאַבר“ (זע פריקע באַמערקונג).

103. טשערעוואַנין, נ. — פּסעוודאָנים פון פּיליפּקין, אָנגעזעענער רעכטער מענשעוויק, אין די יאָרן פון רעאַקציע פירער פון די ליקווידאַטאָרן; פאַרביסענער קעגנער פון דער ראַטן־מאַכט און קאָמוניזם; איצט אין עמיגראַציע.

104. שטשעגלאָוויטאָוו — צאַרישער יוסטיץ־מיניסטער, איינער פון די הויפּט־זיילן פון דער זעלבסטהערשנדיקער דעספּאָטיע; אין די יאָרן פון רעאַקציע און אימפּעריאַליסטישן קריג זיך אויסגעצייכנט מיט די אַכזאָריעסדיקסטע פאַרפאָלגונגען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און ספּעציעל פון די אידן (ביילִיסעס פּראָצעס א. א.); אין די ערשטע טעג פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע אַרעסטירט דורך דער צייטווייליקער רעגירונג.

105. ל. הערש (פּ. ליבמאַן) — פּראָפעסאָר פון זשענעווער אוניווערזיטעט; בונדישער פּאַרטיי־ליטעראַט, מיטאַרבעטער פון „צייט“ (1914—1913), אַווטאָר פון א גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דער אידישער עמיגראַציע; אין די יאָרן פון קריג אָנהענגער פון רעכטן צימערוואַלדיזם; נאָך דער רעוואָלוציע פאַרנומען א צענטריסטישע פּאָזיציע; געבליבן א בונדיסט.

106. דער בלוטיקער ברודער־קאַמף צווישן די לאָדזשער אַרבעטער — אין 1907 האָט צווישן די לאָדזשער אַרבעטער, אונטער דער ווירקונג פון דער רעאַקציאָנערער און נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע פון די „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן“, אויסגעבראָכן א בלוטיקער ברודער־קאַמף, וועלכער האָט געדויערט כמעט צוויי כאָדאָשים און האָט אָפּגעקאָסט דעם לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט פיל קאָרבאָנעס און האָט שרעקלעך דעזאָרגאַניזירט די דאָרטיקע אַרבעטער־באַוועגונג; א סאָף צום דאָזיקן אומגעהערטן ברודער־קאַמף האָט געמאַכט די אַלשטאָטישע אַרבעטער־קאָנפערענץ דעם 24־טן אַפּריל 1907, וועלכע האָט שאַרף פאַרורטיילט אַלע דירעקטע און אומדירעקטע שולדיקע און אויסגעאַרבעט א ריי מאַסמיטלען אָף צו ליקווידירן דעם ברודער־קאַמף.

107. „הומאַניטע“ („די מענטשהייט“) — פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע צייטונג, געגרינדעט און רעדאַקטירט דורכן באַוואוסטן פירער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן זשאַן זשאָרעס (דערמאָרדעט דורך א פראַנצויזישן נאַציאָנאַליסט אין ערשטן טאָג פון אימפּעריאַליסטישן קריג אין אויגוסט 1914); איצט צענטראַל־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פראַנקרייך.

קאלענדאר פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

(אַלע דאַטן לויטן אַלטן סטיל).

1904.

יאַנואַר,	27.	דער אָנהויב פון רוסיש-יאַפּאַנישן קריג.
פעברואַל,	18.	באַוואָפנטער פּראָטעסט פון 59 פּאָליטישע פאַרשיקטע אין יאַקוטסק.
אַפּריל,	18.	די פייערונג פון 1-טן מאַי. אַלגעמיינע שטרייקן, גאַסן-דעמאָנסטראַציעס, מאַניפעסטאַציעס.
מאַי,	21.	דעמאָנסטראַציע פון אידישע און פוילישע ארבעטער אין וואַרשע, אלס פּראָטעסט קעגן דער מילכאָמע.
„	23.	גרויסע אַרבעטער-דעמאָנסטראַציעס קעגן רוסישן צאַריזם אין גאַנץ פינלאַנד.
יול,	15.	דער סאָצ. רעוו. יעגאָר סאַזאָנאָוו האָט דערמאָרדעט דעם אינערן-מיניסטער פאָן-פלעווע, איינעם פון די הויפּט-זיילן פון צאַרישן רעזשים.
אויגוסט,	14-20.	דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם.
„	18.	דער מישפּעט איבער די יאַקוטסקער פּראָטעסטאַנטן; 55 פון זיי זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן צו 12 יאָר קאַטאָרגע; אין גראָדנע, וויטעבסק און אין א ריי אַנדערע שטעט זיינען פאָרגעקומען גאַסן-דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסט-פאַרזאמלונגען קעגן דעם אורטייל.
„	22.	אַ פּאָגראָם אין סמיעלע, קיעווער גוב.
„	26.	באַשטימט סוויאַטאָפּאָלק-מירסקין אלס אינערן-מיניסטער. דער נייער מיניסטער האָט פּראָקלאמירט דעם אזוי-גערופענעם פּאָליטישן „פרילינג”, נאָך וועלכן ס'האבן זיך אָנגעהויבן באַנקעטן פון די ליבעראַלן, אַדרעסן און פעטיציעס וועגן רעפאָרמען א. ד. ג.
סעפּטעמבער,	1.	איינטאָגיקער פּאָליטישער שטרייק אין האָמעל צום ערשטן יאָרצייט פון פּאָגראָם.
„	7.	דער מיליטער-געריכט האָט פאַרמישפּעט 4 פינסקער אידישע אַרבעטער צו קאַטאָרגע אף פאַרשיידענע טערמינען פאַר האַרגענען דעם בונדישן פּראָוואָקאַטאָר ארנאטסקי.
„	12.	א מערדערישער אָנפאַל פון דער פּאָליציי אף אן ארבעטער-פאַרזאמלונג אין ביאַליסטאָק, איניקע דערהאַרגעטע, פיל פאַרוואונדעטע, 30 אַרעסטירטע.
אָקטיאבר	1-20	גאַסן-דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען אין גאַנצן ראיאָן פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג קעגן דער ביאַליסטאָקער בלוט-באָד.
„	2	גאַסן-מיטינג און דעמאָנסטראַציע פון פוילישע און אידישע ארבעטער אין וואַרשע קעגן מיליטער-געריכט איבער די פוילישע סאָצ. דעמ. קאַספּאַזש און גורמאַן.

נאָיאַבער 5 און 28. גראנדיעזע דעמאָנסטראציעס פון סטודענטן אין מאָסקווע און פעטערבורג.

" 6. דער צוזאַמענפאָר פון די ליבעראלע זעמצעס, אף וועלכן ס'איז אָנגענומען געוואָרן אן אלגעמיין-פּאָליטישע רעזאָלוציע.

דעקאַבער, 14. דער אָנהויב פון אלגעמיינעם שטרייק פון די נעפט-ארבעטער אין באקו; דער שטרייק האָט געדויערט ביזן 3-טן יאנוואר און זיך געענדיקט מיט א פולשטענדיקן ניצאָכן פון די אַרבעטער.

" 20. דאָס פאלן פון פּאָרט-ארטור.

" 23. דער אָנהויב פון דער גרינדונגס-קאָנפערענץ פון דער ציאָנ. סאָצ. ארב. פּארטיי („ס. ס.”) אין אָדעס; אפן צווייטן טאָג איז דער גאנצער באשטאנד פון דער קאָנפערענץ ארעסטירט געוואָרן, און זי האָט געענדיקט איר ארבעט ערשט אין פעווראל 1905, נאָכדעם ווי די ארעסטירטע זיינען באפרייט געוואָרן.

.1905

יאנואר, 3. דער אָנהויב פונם שטרייק אף פּוטילאָווער זאַוואָד אין פעטערבורג. דער שטרייק האָט אין מעשעך פון עטלעכע טעג ארומגעכאפּט קימאט אלע פעטערבורגער פאבריקן און זאוואדן; אין די האלב-פּאָליציייאישע לעגאלע ארבעטער-געזעלשאפטן, בעראָש פון וועלכע ס'איז געשטאנען דער גאַלעך גאפּאָן, האָט זיך געפירט א העפטיקע אגיטאציע פאר גיין זונטיק, דעם 9-טן, מיט א פּעטיציע צום קייסער.

" 9. א גראנדיעזע פרידלעכע מאניפעסטאציע פון פיל צענדליקער טויזנט ארבעטער צום קייסערלעכן ווינטער-פּאלאץ. אין פארשיידענע ראיאָנען פון פעטערבורג האָט דאָס מיליטער, לויט א פריער אויסגעארבעטן פּלאן, געשאָסן אין די פרידלעכע מאניפעסטאנטן; ס'זיינען געפאלן הונדערטער דערהארגעטע און טויזנטער פארוואונדעטע; אין איין טייל פון שטאָט האבן די ארבעטער צעראַבירט א געווער-געשעפט און געפּרואווט בויען באריקאדן; אלס ענטפער אף דער בלוט-באָד אין פעטערבורג, האָבן זיך טייקעף אין גאנצן לאנד אָנגעהויבן אלגעמיינע פּראָטעסט-שטרייקן, דעמאָנסטראציעס און באוואָפנטע צוזאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיליטער, אין וועלכע ס'זיינען ארייַנגעצויגן געוואָרן די ברייטסטע ארבעטער-מאסן.

" 25-11. אלגעמיינע פּאָליטישע שטרייקן און דעמאָנסטראציעס אין גאנצן ראיאָן פון דער אידישער ארבעטער-באוועגונג; די שטרייק-כוואליע האָט פארכאפּט אויך אלע קלענערע שטעטלעך; אין אינדוסטריעל-שטעטל קרינעק האָבן די אידישע ארבעטער צוזאמען מיט די ניט-אידישע אין די יאנוואר-טעג פאקטיש געהאט פארכאפּט די גאנצע מאכט.

" 18. דעמיסיע פון „ליבעראלן” אינערן-מיניסטער סוויאטאָפּאָלק-מירסקי; אָנשטאט אים איז אלס מיניסטער באשטימט געוואָרן בוליגין.

" 19. די קאָנפערענץ פון אלע סאָצ. דעמ. פּארטייען אין ריגע; די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען און פארעפנטלעכט א דעקלאראציע „צו אלע ארבעטער אין רוסלאנד”, וועלכע רופט צום אנטשיידענעם קאמף מיטן צאַריזם און צו פאראייניקן די קרעפטן פון פּראָלעטאריאט. און באשטימט די באציאונג פון דער סאָציאל-דעמאָקראַטיע צו דער ליבעראלער בורזשואזיע.

" 29. די באשטימונג פון דער קאָמיסיע פונם סענאטאָר שידלאָווסקי; די קאָמיסיע האט געהאט דעם ציל מיט קליינע האנאָכעס אָפּציען די ארבעטער פון רעוואָלוציאָנערן קאמף; אדאנק אָבער דער אגיטאציע פון די סאָצ. דעמ., וועלכע האבן אויפגעקלערט פאר די ברייטע ארבעטער-מאסן דעם עמעסן

מיין פון דער צארישער רעגירונג, האָבן די ארבעטער אָפּגעזאָגט זיך צו שיקן זייערע פאָרשטייער אין דער קאָמיסיע ביז ס'וועלן ניט ווערן באַפרידיקט א גאנצע ריי פאָדערונגען, וואָס זיי האָבן ארויסגעשטעלט; דעם 20 פעווראל איז אפיציעל געמעלדעט געוואָרן וועגן דער ליקווידאציע פון דער קאָמיסיע.

פעווראל, 4. אין מאָסקווע איז דערהארגעט געוואָרן דורך א באָמבע-אויפרייס דער גרויס-פירשט סערגיי, דעם קייסערס פעטער. איוואן קאליאיעוו, וועלכער האָט געווארפן די באָמבע, איז דעם 5-טן אפרעל געמישפּעט געוואָרן דורכן מיליטער-געריכט און פארורטיילט צום הענגען.

„ 6. א דרייטאָגיקער בלוטיקער פּאָגראָם פון די ארמענער אין באקו; דעם פּאָגראָם האָט פּראָוואָצירט די רעגירונג, וועלכע האט אנגערייצט די אָפּגעשטאַנענע טאטארן אף די רעוואָלוציאָנערע ארמענער.

„ 10. גרויסע פּויערשע באוועגונג; פון אָרלאָווער און קורסקער גובערניע האט זיך די באוועגונג איבערגעוואָרפן אין טשערניגאָווער און פּאָלטאווער גוב., קאווקאז, באלטישן געגנט און אנד.

„ 17-11. די VI קאָנפערענץ פון בונד אין דווינסק.

„ 20-17. אלגעמיינע פּאָליטישע שטרייקן, דעמאָנסטראציעס און באוואָפנטע צוזאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי אין דווינסק און ביאליסטאָק.

„ 18. א מאניפעסט וועגן „צוציען צו געזעצבאראטנדיקער ארבעט אויסדערוויילטע פון דער באפעלקערונג"; אלס רעזולטאט פון דעמדאָזיקן מאניפעסט איז שפּעטער געקומען די אזוי-גערופענע „בוליגין-דומע".

„ 25. נאך א 2-טאָגיקער באמבארדירונג האבן די יאפּאָנער פארנומען מוקדען.

מארט, 4. אן אלגעמיינער שטרייק אין יוזאָווקע.

„ 20. א דעמאָנסטראציע פון 30 טויזנט אידישע ארבעטער אין ווארשע נעבן דער טורמע, אין צוזאמענשטויס מיט דער פּאָליציי זיינען געווען פארוואונדעט 10, דערהארגעט 4, אין דעם 2 מיטגלידער פון בונדישן קאָמיטעט — ש. מארגאָלין און פראניע גראבעלסקע.

„ 27. א גראנדיעזע ארבעטער-דעמאָנסטראציע אין ניזשני-נאווגאָראָד.

אפּרעל, 1. א באוואָפנטער אנפאל פון די סאָרמאָווער ארבעטער אף דער פּאָליציי; די פּאָליציי איז אנטלאָפן; 40 פּאָליציסטן האָבן נאכדעם אָפּגעזאָגט זיך פון זייערע שטעלעס.

„ 2. א מאסן-דעמאנסטראציע אין פעטערבורג.

„ 9-7. גרויסע עקאָנאָמישע שטרייקן אין מאָסקווע (בעקער) און באקו (אייזנבאן-ארבעטער).

„ 15-11. פארשארפונג פון פּאָליצייאישן און קאזאקן-טעראָר אין ראָסטאָוו, ביאליסטאָק און קאליש.

„ 28-12. דער III פּארטיי-צוזאמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. אין לאָנדאָן. אפן צוזאמענפאָר זיינען געווען פארטראָטן 20 פולבארעכטיקטע פּארטיי-קאָמיטעטן — אלע באָלשעוויסטישע. דער צוזאמענפאָר האָט גרינדלעך באהאנדלט און אָנגענומען באשטימונגען וועגן אלע וויכטיקערע פראגן פון דער רעוואלוציאָנער-פּראָלעטארישער טאקטיק אין פעריאָד פון דער רעוואלוציע (באוואָפנטן אויפשטאנד, דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט און רעוואָלוציאנערן פּויערטום, אנטייל אין דער צייטווייליקער רעוואָל. רעגירונג, פּראָפּבאוועגונג, באציאונג צו דער ליבעראלער בורזשואזיע א. א.). קימאט אין דערזעלבער צייט איז אין זשענעוו פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון די מענשעוויקעס; די באשלוסן פון דערדאָזיקער קאָנפערענץ האָבן אף אזוי פיל בוילעט געמאכט דעם

אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס, אז לויט דעם אויסדרוק פון כ. לענין, איז זיך שווער צו פּאָרשטעלן א בעסערן מאטעריאל אף אידייאיש צו באקעמפן דעם מענשעוויזם, ווי דידאָזיקע רעזאָלוציעס.

אפרעל, 18. די פייערונג פון 1-טן מאַי אין גאַנצן ראיאָן פון דער אידישער ארבעטער-באוועגונג, אין פוילן און אין באַלטישן געגנט.

„ 25-24. דער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר.

„ „ אלרוסלענדער צוזאַמענפאָר פון די „זעמצעס" אין מאָסקווע.

מאי, 1. אַלגעמיינער שטרייק און גראנדיעזע דעמאָנסטראַציע אין יעקאטערינבורג.

„ 8. גרינדונגס-צוזאמענפאַר פון ראַדיקאל-דעמאָקר. „פּאַרבאנד פון פאַרבאנדן"; אין צוזאמענפאָר האָבן זיך באטייליקט 60 פאָרשטייער פון 14 פּאָליטיש-פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאנדן, הויפּטזאכלעך פון פרייע פּראפעסיעס (אַדוואָקאַטן, אינזשענערן, דאָקטוירים, אייזנבאַן-אָנגעשטעלטע א. ד. ג.). „דער פאַרבאנד פון די פאַרבאנדן" האָט געשפּילט א גאַנץ אָנגעזעענע ראָלע אין דער באַוועגונג פון דער דעמאָקראטישער אינטעליגענץ ביז די אָקטיאבער-טעג און אויך אין אלגעמיינעם אָקטיאבר-שטרייק.

„ 8. אלגעמיינער שטרייק פון די אידישע בערשטער-ארבעטער.

„ 14. דער יאם-געשלאַכט באם אינזל צוסימא; אומגעקומען קימאַט דער גאַנצער רוסישער פלאָט; די צוסימא-מאַפּאָלע האָט פארשאַרפט די אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען אפילע באַ די מעסיקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

„ 25-18. דעמאָנסטראציעס און צוזאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי אין מאָסקווע, לאָדז, ניזשני-נאָווגאָראָד, ווילנע א. א.

יון, 3. אָנפאַל פון דער פּאָליציי אף אַן ארבעטער-פארזאמלונג אין איוואנאווא-וואָזנעסענסק; 28 מענטשן זיינען דערהארגעט געוואָרן, פיל פארוואונדעט.

„ 6. א דעפּוטאציע פונם צוזאמענפאָר פון די „זעמצעס" מיטן פירשט טרובעצקאָי בעראָש בא ניקאָלאי דעם צווייטן; אין זיין ענטפער אף טרובעצקאיס רעדע האָט ניקאָלאי שטאמלענדיק און נעבלהאפט צוגעזאגט צונויפרופן „פאָלקס-פארטרעטער".

„ 12-6. פארשארפטער רעוואָלוציאָנערער קאמף און באַריקאַדן אין לאָדז.

„ 14-12. פּאָליטישער שטרייק און פרואוון צו בויען באַריקאַדן אין ווארשע און אין סאָסנאָוויצער ווילן-ראיאָן.

„ 18-13. דער מאַטראָס-אויפשטאנד אפן פאנצער-שיף „פּאָטיאָמקין". אלגעמיינער שטרייק און באַריקאַדן אין אָדעס.

„ 16. פּאָליטישער שטרייק און דעמאָנסטראַציעס אין קאַטערינאָסלאַוו און ווילנע.

„ 27. סאָלדאַטן-אומרוען אין כערסאָנער דיסציפּלינאר-באטאליאָן.

„ 28-17. פּאָליטישער שטרייק און גאסן-דעמאָנסטראציעס אין מינסק.

יול, 7-2. קאָנפערענץ פון פּ. ס. ד. און בונד; די קאָנפערענץ האָט אויסגעארבעט א פּראָיעקט פון אַן אָפּמאך, נאָר דער צ. ק. פון בונד האט אים ניט באשטעטיקט.

„ 11-9. דעמאָנסטראציע פון די סאָרמאָווער ארבעטער; אין מעשעך פון 2 טעג האט די פּאליציי מיט כוליגאַנעס אכזאריעסדיק געשלאָגן ארבעטער און אינטעליגענץ.

„ 30-10. קאמף פון די אידישע ארבעטער פאר די „בירזשעס" (פינסק, מאליעוו, האָמעל, בריסק, מינסק א. א.). אפן שרעקלעכן טעראר פון דער פּאליציי האבן די ארבעטער אנגעהויבן ענטפערן מיט באוואפנטע אנפאלן (באריסאוו, פינסק, קרעסלאווקע, האמעל).

„ 30. די בלוטיקע האריגע אין ביאליסטאק; פון 2 אזייגער באטאג ביז שפעט אין דער נאכט האט פּאליציי אין מיליטער-פּאטרולן אָן אן אויפהער באשאסן די גאסן, הייזער און דורכגייער; ס'זיינען געפאַלן ביז 60 דערהארגעטע און

ארום 300 פארוואונדעטע; דעם 31-טן האט אויסגעבראכן א סטיכייאישער אלגעמיינער שטרייק; דעם 1-טן אוגוסט איז פארגעקומען א גראנדיעזע לעוואיע פון די קארבאנעס, אין וועלכער ס׳האבן זיך באטייליקט ארום 30 טויזנט מענטשן. דעם 30-טן אין אנהויב פון דער שיסעריי האבן די אנארכיסטן געווארפן א באמבע אין א סאלדאטן-פאטרול, פון וועלכער ס׳זייַנען דערהארגעט געווארן צוויי פאראנטווארטלעכע בונדישע טועריגס (עסטער ריסקינד און גיטל זאקהיים) און פארוואונדעט 10 ארבעטער.

יול, 31. דער גרינדונגס-צוזאמענפאָר פון אַלרוסלענדער פויערים-פאַרבאַנד אין מאָסקווע.

אוגוסט, 6. פאַרעפנטלעכט דעם געזעץ וועגן דער „געזעצבאַראַטנדיקער דומע״, וועלכן ס׳האָט צונויפגעשטעלט דער אינערן-מיניסטער בוליגין. דידאָזיקע דומע האָט נים געהאט קיין שום מאכט, און וואל-רעכט האָבן באקומען בלויז 18 טויזנט מענטשן פון דער 140 מיליאָניקער רוסלענדער באפעלקערונג. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע און די גראנדיעזע אַרבעטער-ארויסטרעטונגען פון אלרוסלענדער פּראָלעטאריאַט אין אָקטיאבר האָט אַראָפּגעשווענקט דידאָזיקע בוליגינס שאַפונג.

〃 7. אַן אָנפאַל פון קאָזאַקן אַף אן ארבעטער-מיטינג אין פעראָוואָ (בא מאָסקווע); די קאמפס-דרוזשינע האָט געצוואונגען די קאָזאַקן אָפטרעטן, איבערלאזנדיק איין דערהארגעטן און צוויי פאַרוואונדעטע.

〃 7-31. אַ העפטיקע קאַמפּאַניע קעגן דער בוליגין-דומע אין גאנצן ראַיאָן פון דער אידישער ארבעטער-באוועגונג: אלגעמיינע שטרייקן (לאָדז), מיטינגען (זשיטאָמיר), דעמאָנסטראַציעס און מאניפעסטאציעס (ווילנע).

〃 23. אונטערגעשריבן דעם שאָלעם-אָפּמאך צווישן רוסלאנד און יאפאן אין פּאָרטסמוט (אמעריקע); לויטן אָפּמאך, האָט יאפאן באקומען א העלפט פון סאַכאַלינער אינזל, פּאָרט-ארטור, די דאָרעם-מאנדזשורישער אייזנבאן א. א.

〃 27. די העכערע לערן-אנשטאלטן האָבן באַקומען אווטאָנאָמיע, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע סטודענטנשאפט האָט גאנץ ברייט אויסגענוצט אף איינצואָרדענען אין די „וואוזן״ גרויסע פאָלקס-מיטינגען.

〃 29. אַ בלוטיקער צוזאמענשטויס צווישן ארבעטער און קאָזאקן אין טיפליס; מער פון 100 דערהארגעטע און אסאך פארוואונדעטע.

סעפטיאבר, קאָנפערענץ פון אלע סאָציאל-דעמ. פארטייען וועגן דער באציאונג צו דער בוליגין-דומע; אלע פארטייען, אכוץ די מענשעוויקעס, האָבן זיך ארויסגעזאָגט פאר באיקאָטירן די דומע.

〃 18. בלוטיקע צוזאמענשטויסן צווישן מוסולמענער און ארמענער אין עריוואן.

〃 〃 די גרינדונג פון בונדישן לעגאלן פארלאג „אַרבעטער-שטימע״ אין ווארשע.

〃 20. דער אָנהויב פונם שטרייק פון די דרוקער-ארבעטער אין מאָסקווע; צו די דרוקער זייַנען ביסלעכווייז צוגעשטאנען די ארבעטער פון אַלע אַנדערע אינדוסטריע-צווייגן און צום אָנהויב אקטיאבר איז דער שטרייק געוואָרן אַן אלגעמיינער.

〃 28. גאסן-מאניפעסטאציעס קעגן דער בוליגין-דומע אין ווילנע; די פּאָליציי איז באפאַלן די מאניפעסטאנטן און אכזאָריעסדיק זיי געשלאָגן.

אָקטיאבר, 5. אין מינסק איז די פּאָליציי באפאלן אַ בונדישע פארזאמלונג אין א בייס-מעדרעש און פארוואונדעט עטלעכע צענדליק אַרבעטער און ארבעטערינס; אף מאָרגן זייַנען צוויי פון די פּאָליציי-אָנפירער שווער פארוואונדעט געוואָרן.

〃 7. דער אָנהויב פון ערשטן אלרוסלענדער פּאָליטישן שטרייק; די ערשטע האָבן פארשטרייקט די ארבעטער פון מאָסקווע-קאזאנער אייזנבאן.

אָקטיאבר 16-8. דער פּאָליטישער שטרייק פארשפרייט זיך איבער גאנץ רוסלאנד; ס׳האָבן זיך אָפּגעשטעלט אלע אייזנבאנען און דאָס גאנצע עקאָנאָמישע לעבן; אומעטום גראנדיעזע מיטינגען און מאניפעסטאציעס; אין כארקאָוו, אָדעס און קאטערינאָסלאוו זייגען אויסגעבויט באריקאדן; אין פּעטערבורג איז פארעפנטלעכט טרעפּאָווס בארימטער באפעל צום מיליטער: „קיין קוילן ניט קארגן״, אין אלע גרעסערע צענטרען קומען טעגלעך פאָר צוזאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און מיליטער; דעם 12-טן איז אין פּעטערבורג אָרגאַניזירט געווארן א ראט פון ארבעטער-דעפּוטאַטן, אין וועלכן ס׳זיינען געווען פארטראָטן 63 טויזנט אַרבעטער; דער ראט איז פאקטיש געווען דער באַלעבאָס פון פּעטערבורג. צו אים האָט מען זיך געווענדעט נאָך דערלויבעניש, מיט אים האָבן געפירט אונטערהאנדלונגען מיניסטאָרן א. ד. גל. מיטן ראט האָבן אָנגעפירט סאָצ.-דעמאָקראטן.

„ 12. גרינדונגס-צוזאמענפאָר פון דער קאַדעטישער פארטיי.

„ 22-13. דער VI-טער צוזאמענפאָר פון „בונד״ אין צוריך (שווייץ), אף וועלכן ס׳איז ענדגילטיק פאָרמולירט געוואָרן דאָס נאציאָנאלע פּראָגראם פון בונד — די נאציאָנאל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע. דער צוזאמענפאָר האָט געזאָלט באטראכטן פיל פּאָליטישע פראגן, נאָר דער אָקטיאבער-שטרייק האָט געשאפן איינגאנצן אן אנדער סיטואציע, און דער צוזאמענפאָר האָט דארום אומגעקערט זיך אין רוסלאנד, ניט באשליסנדיק די אלע פראגן.

„ 17. אונטערן דרוק פון דעם אלגעמיינעם שטרייק האָט ניקאָלאי פארעפנטלעכט א מאניפעסט, אין וועלכן ס׳ווערט צוגעזאָגט איינפירן אלע בירגערלעכע פרייהייטן און פארברייטערן די רעכט פון דער דומע.

„ 23-18. קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע פּאָגראָמען אין מער פון 150 שטעט אין אלע ראַיאָנען פון רוסלאנד; טויזנטער דערהארגעטע און צענדליק טויזנטער פארוואונדעטע; פון די אָקטיאבער-פּאָגראָמען האָט שטארק געליטן די אידישע באפעלקערונג, איבערהויפּט אין דאָרעם-רוסלאנד.

„ „ אין מאָסקווע האָבן די כוליגאַנעס דערהארגעט דעם באָלשעוויק נ. בוימאן, וועלכער איז אָקאָרשט געווען באפרייט פון טורמע; אין זיין לעוויע, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 20-טן, האָט זיך באטייליקט א הונדערט-טויזנטיקע מאסע.

„ 28-24. א מאטראָסן-אויפשטאנד אין קראָנשטאט. דעם 28-טן איז דער אויפשטאנד אונטערדריקט געוואָרן. בעשאסן אויפשטאנד זיינען דערהארגעט און פארוואונדעט געוואָרן 107 מענטשן.

„ 24. 250 טויזנטיקע מאניפעסטאַציע פון פוילישע נאציאָנאליסטן אין ווארשע.

„ 27. אָנגעהויבן דערשיינען די ערשטע לעגאלע באָלשעוויסטישע טעגלעכע צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן״.

„ 30. אין גאנץ פוילן דערקלערט מיליטער-צושטאנד.

נאָיאבר א ברייטע און פיבערהאפטע טעטיקייט פון דער סאָציאל-דעמאָקראטיע אַף צו אָרגאניזירן די ברייטסטע פּראָלעטארישע מאסן; אין מעשעך פון נאָיאבר אנטשטייען, לויטן פּעטערבורגער מוסטער, ארבעטער-ראטן אין מאָסקווע, קיעוו, אָדעס, ניקאָלאיעוו, קאטערינאָסלאוו, קאָסטראָמא, באקו, רעוועל, סאַמארע, קרעמענטשוג א. א.; אין טשיטא — א ראט פון סאָלדאטן און קאָזאקן-דעפּוטאטן; ס׳ווערן געגרינדעט פּראָפעסיאָנעלע פאריינען; אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אין פיל גרעסערע פּראָווינציעלע שטעט הויבן אָן דערשיינען לעגאלע סאָציאל-דעמאָקראטישע צייטונגען און זשורנאלן; אין ווארשע און אין מינסק זיינען האלב לעגאל דערשינען בונדישע צייטשריפטן „דער ווארשעווער אַרבעטער״ און „מינסקער ארבעטער״; די לעגאלע דרוקערייען ווערן פארכאפּט דורך באוואָפנטע אַרבעטער-דרוזשינעס אף צו

דרוקן דאָרט פּראָקלאַמאַציעס און צייטשריפטן; ס׳גרינדן זיך אַרבעטער־קלובן א. ד. גל.

נאָיאַבר 3-7. דער צווייטער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק, וועלכן ס׳האָט פּראָקלאַמירט דער פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, אַלס פּראָטעסט קעגן מיליטער־צושטאַנד אין פּוילן און מיליטער־געריכט איבער די קראָנשטאַטער מאַטראָסן.

〃 6. דער צוזאַמענפאָר פון פּויערים־פאַרבאַנד אין מאָסקווע; דעם 16־טן איז די ביוראָ פון צוזאַמענפאָר אַרעסטירט געוואָרן.

〃 8. די פאַרשאַרפונג פון דער פּויערים־באַוועגונג; אין פאַרשיידענע ראַיאָנען האָבן די פּויערים געבערנט די פּריצישע מאַיאָנטקעס, צעטיילט צווישן זיך די ערד א. ד. גל.; אויף קאַווקאַז און אין באַלטישן קאַנט, וואו מיט דער באַוועגונג האָט אָנגעפירט די סאָצ.־דעמאָקראַטיע, האָבן די פּויערים אַרונטערגעזעצט די אַלטע מאַכט און אויסגעקליבן אָרגאַנען פון רעוואָלוציאָנערער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

〃 12-15. דער אויפשטאַנד פון מיליטער און מאַטראָסן אין סעוואַסטאָפּאָל; צום אויפשטאַנד זיינען צוגעשטאַנען די פּאַנצער־שיפן „אָטשאַקאָוו״, „דניעסטר״, „פּאָטיאָמקין״; די קאָמאַנדע איבערן רעוואָלוציאָנערן פלאָט האָט איבערגענומען לייטענאַנט שמיט; די רעוואָלוציאָנערע שיפן זיינען אין משך פון צוויי טעג באַשאָסן געוואָרן פון אַרטילעריע, צוויי פון זיי זיינען פאַרטרונקען געוואָרן; דעם 15־טן זיינען די רעוואָלוציאָנערע מאַטראָסן געווען געצוואונגען צו אונטערגעבן זיך; די פירער זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום מיליטער־געריכט, וועלכער האָט א טייל פון זיי, אין דעם לייטענאַנט שמיט, פאַרמישפּעט צום הענגען; די איבעריקע צו קאַטאָרגע אויף פאַרשיידענע טערמינען.

〃 12. לאָקאַוט פון צענדליקער טויזנט אַרבעטער אין פּעטערבורג; דער לאָקאַוט, וועלכער איז געווען אן ענטפער פון די קאַפּיטאַליסטן אויפן פּרוּוו פון די אַרבעטער איינפירן אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג א 8־שעהיקן אַרבעט־טאָג, האָט אַרויסגערופן א שרעקלעכע אויפרעגונג צווישן די אַרבעטער־מאַסן פון גאַנץ רוסלאַנד.

〃 13-30. דער וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן דער אַרמיי: אין פּעטערבורג זיינען אַרעסטירט געוואָרן 106 סאָלדאַטן, נאָר לויט דער פאָדערונג פון איבעריקן מיליטער זיינען זיי באַפרייט געוואָרן; אומרוען צווישן פאַרשיידענע טיילן פון מיליטער זיינען פאָרגעקומען אין וואַרשע, קיעוו, אָסטראָלענקאָ, ווילקאָוויטש, באָברויסק, וואָראָנעזש, אירקוטסק א. א.

〃 17. דער אָנהייב פון אַלרוסלענדער שטרייק פון די פּאָסט־און טעלעגראַף־אָנגעשטעלטע; די הויפּט־פאָדערונג: אָנערקענען זייער פּראָפעסיאָנעלן־פאַריין; דער שטרייק האָט זיך געצויגן קימאַט א גאַנצן כוידעש; אין פיל שטעט האָבן אָפיצערן, אַריסטאָקראַטישע דאַמען און אַנדערע הויכגעשטעלטע לייט געפּרוּווט פאַרבייטן די שטרייקער.

〃 26. אַרעסטירט דעם פּאָרזיצער פון פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן כרוסטאַליאָוו־נאָסאַר; אָנשטאָט דעם אַרעסטירטן איז אַלס פּאָרזיצער אויסגעקליבן געוואָרן ל. טראָצקי.

דעקאַבר, 2. מאַניפעסט פון פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט און די צענטראַלע קאָמיטעטן פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ניט צאָלן קיין נאַלאָגן, פאָדערן, אַז די סכירעס זאָלן אויסגעצאָלט ווערן מיט גאָלד, אויסבייטן די קרעדיט־בילעטן אויף גאָלד א. ד. גל. אַלע צייטונגען, וואָס האָבן אָפּגעדרוקט דעם מאַניפעסט, זיינען פאַרמאַכט געוואָרן; אויף מאָרגן איז אַרעסטירט געוואָרן קימאַט דער גאַנצער באַשטאַנד פון ראַט (260 מענטשן).

דעקאבר, 6. דער אָנהויב פון דריטן אלרוסלענדישן פּאָליטישן שטרייק, וועלכער האָט זיך אין פיל ערטער פארוואנדלט אין א באוואָפנטן אויפשטאנד.

„ 18-7. באוואָפנטער אויפשטאנד אין מאָסקווע; די גאנצע שטאָט ווערט באדעקט מיט באריקאדן; די באיואָפנטע רעוואלוציאָנערן, ניט קוקנדיק אף זייער קלייגער צאָל און שוואכער באוואָפענונג, האלטן אין מוירע די רעגירונגס-ארמייען; די באריקאדן ווערן פאנאנדערגעשאסן מיט ארטילעריע, גלייך אָבער ווערן אויסגעבויט נייע באריקאדן; די ארטילעריע-שיסעריי הערט ניט אויף גאנצע 10 טעג; צו הילף דעם מאסקווער גארניזאָן קומט פון פּע-טערבורג פרישע מיליטער; ביסלעכווייז קאָנצענטרירט זיך דער גאסן-קאמף אף פּרעסניע. דער אָנגריף אף פּרעסניע דויערט עטלעכע טעג און ערשט נאָכדעם, ווי די באוואָפנטע רעוואלוציאָנערן זיינען אָפּגעטראָטן, האָט די רעגירונגס-ארמיי פארנומען דעמדאָזיקן נעסט פון די רעוואָלוציאָנערן. נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאנד האט זיך אין מאָסקווע און אין גאנצן אומגעגנט אָנגעהויבן א שרעקלעכער טעראָר פון די שטראָף-עקספּעדיציעס, וועלכע האבן געבושעוועט אין מעשך פון עטלעכע וואָכן; טויזנטער ארבעטער זיינען צעשאָסן געווארן אָן קיין שום מישפּעט. דער דעקאבר-אויפשטאנד אין מאָסקווע, דאָנער ראיאָן, סיביר, קאווקאז און באלטישן קאנט איז גע-ווען דער קולמינאציאנס-פּונקט פון דער ערשטער רעוואָלוציע; נאָך זייער דערשטיקונג הויבט זיך אָן שטארקן די רעאקציע. די ליבעראלע בורזשו-אזיע, דערשראקן פארן אויפגעוואכטן פּראָלעטאריאט, קערט זיך אינגאנצן אָפּ פון דער רעוואלוציע, און דער פּראָלעטאריאט בלייבט קימאט איינער אליין אפן קאמפּס-פעלד קעגן דער צארישער זעלבטהערשונג.

„ 18-10. דעקאבר-שטרייק אין גאנצן ראיאָן פון דער אידישער ארבעטער-באוועגונג; דער שטרייק איז אומעטום געווען אן אלגעמיינער, אָבער פארוואנדלען אים אין אן אויפשטאנד האט זיך ניט איינגעגעבן.

„ 11. פּארעפנטלעכט דער געזעץ וועגן די וואלן אין גאָסוד. דומע, וועלכער האָט ביז א געוויסן גראד פארברייטערט די וויילער-קרייזן, אין פארגלייך מיטן בוליגין-פּראָיעקט.

„ 25. דערשינען די ערשטע לעגאלע טעגלעכע בונדישע צייטונג „דער וועקער" אין ווילנע.

1906.

יאנואר, 9. פּאָליטישע שטרייקן צום ערשטן יאָרצייט פון 9-טן יאנוואר 1095.

„ 11-9. אויפשטאנד פון מאַטראָסן אין וולאדיוואָסטאָק; דעם 9-טן יאנוואר האָבן די מאטראָסן צעראבירט א געווער-לאגער און באוואָפנט זיך; דעם 10-טן האָבן די באוואָפנטע מאטראָסן מיט א טייל סאָלדאטן איינגעאָרדנט אַ דעמאָנ-סטראציע און געפאָדערט פונם קאָמענדאנט, ער זאָל באפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע; די דעמאָנסטראציע איז באשאָסן געוואָרן פון קוילן-ווארפער; צווישן אנדערע איז דערהארגעט געוואָרן די באוואוסטע רעוואָלוציאָנערין לודמילא וואָלקענשטיין, וועלכע איז ערשט אין די אָקטיאבער-טעג 1905 באפרייט געוואָרן פון שליסעלבורגער פעסטונג.

„ 14-12. מיליטער-פּאָגראָם אין האָמעל קעגן דער אידישער באפעלקערונג. פארברענט א גרויסער טייל פון שטאָט.

„ 16. סאָצ. רעוו. מ. ספּיראָדאָנאָווא האָט דערמאָרדעט דעם טאמבאָוער סאטראפּ לוזשענאָווסקי; ספּירידאָנאָווען האָט מען שרעקלעך געפּייניקט און פאר-

גוואלטיקס. דורך מיליטער-געריכט איז ספּיראַדאָנאָווא געווען פאַרמישפּט צו טויט-שטראָף, וועלכער איז צוליב דער שרעקלעכער געזעלשאַפטלעכער אויפרעגונג פאַרביטן געוואָרן אויף אייביקע קאַטאָרגע; ספּירידאָנאָוועס פּייניקער זיינען שפּעטער דערהאַרגעט געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערן.

יאנואר 15. שטראָף-עקספּעדיציעס אין באַלטישן געגנט; אָנגעפירט דורך די דייטשישע באַראָנען, האָבן די עקספּעדיציעס געהאַנגען און געשאָסן הונדערטער פּויערים, פאַרברענט גאַנצע דערפער, געפּייניקט די פרויען, א. ד. גל.; א טייל פון די רעוואָלוציאָנערן זיינען זיך צעלאָפן איבער די וועלדער, פון וועלכע זיי האָבן א לאַנגע צייט געקעמפט קעגן דער רעגירונג; זיי זיינען געווען באַוואוסט אונטערן נאָמען „וואַלד-ברידער".

פעווראַל 4-טע קאָנפערענץ פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס פון פּ. פּ. ס.; אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַרטראָטן 15 אָרגאַניזאַציעס, דער צ. ק. און דער אידישער קאָמיטעט; די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט די פראַגן וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דעם אידישן קאָמיטעט און די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, וועגן דער אידן-פראַגע, באַציאונג צו אַנדערע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען א. א.

״ די צווייטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּעטערבורג; די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אומפּאַרטייאישע פאַראיינען, פאַר לעגאַליזירן די פאַראיינען און באַשטימט צונויפרופן אַן אַלרוסלענדער צוזאַמענפאָר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; די ווילנער, וואַרשעווער, לאָדזער און טיילווייז אויך די קיעווער פאַראיינען זיינען געווען פאַרטראָטן דורך בונדיסטן.

״ גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פון די י. ס. ד. א. פּ. „פּועלי-ציון" אין פּאָלטאַווע; אין צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט ביז 20 דעלעגאַטן. דער צוזאַמענפאָר האָט פאָרמולירט די גרונדלאַגן פון דער פּועלי-ציוניסטישער פּראָגראַם, אָנגענומען א ריי באַשטימונגען וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע און טאַקטישע פראַגן און אויסגעקליבן א צענטראַלן קאָמיטעט.

״ 2. אָנפאַלן אויף דער פּאָליציי און מאָנאָפּאָלקעס אין וואַרשע.

״ 16. שטראָף-עקספּעדיציע אין קרעסלאַווקע, וויטעבסקער גוב.

״ 26. שרעקלעכער טעראָר פון די שטראָף-עקספּעדיציעס אין סיביר; אין טשיטאַ איז צווישן פיל אַנדערע דערשאָסן געוואָרן דער סאָציאַל-דעמאָקראַט קאָסטיושקאָ-וואַליוזשעניטש, אַן אָנטיילנעמער אין יאַקוטסקער פּראָטעסט אין 1904.

מאַרץ 4. פאַרעפנטלעכט צייטווייליקע קלאַלים וועגן פאַראיינען און פאַרזאַמלונגען; האָגאַם דידאָזיקע קלאַלים האָבן געהאַט דעם ציל צו באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, דאָך זיינען זיי גאַנץ ברייט אויסגענוצט געוואָרן אויף צו לעגאַליזירן פּראָפעסיאָנעלע און אַנדערע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס.

״ 6. א כוואַליע פון פּויערשע אומרוען אין צענטראַל-רוסלאַנד און אויף קאַווקאַז.

״ ״ א העפטיקע קאַמפּאַניע פאַרן אַקטיוון באָיקאָט פון דער ערשטער דומע; אין ראַיאָן פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג זיינען אין אייניקע שטעט באַפאַלן געוואָרן די וואַל-ביוראָען און ס'זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אַלע וואַל-מאַטעריאַלן; אין פיל שטעט זיינען מיט פאַרשיידענע מיטלען (כעמישע אָבסטרוקציעס, אויסשאָסן אין דער לופטן א. ד. גל.) אַרונטערגעריסן געוואָרן וואַל-פאַרזאַמלונגען; די אַרבעטער-ווייִלער און די מער באַוואוסטזיניקע פּויערים האָבן כמעט אומעטום באָיקאָטירט די וואַלן.

״ 22. די VII קאָנפערענץ פון בונד אין ציוריך; די קאָנפערענץ האָט געדויערט ביז 7 אַפּריל; זי האָט באַשטעטיקט דעם באָיקאָט פון דער דומע; באַווי-

ליקט די טאקטיק פון צ. ק. אין דער פראגע וועגן דער בויאונג פון די פרא-פאריינען און אויסגעארבעט באדינגונגען צו פאריייניקן זיך מיט דער ר. ס. ד. א. פ.

אפרעל — דער פאריייניקונגס-צוזאמענפאר פון ר. ס. ד. א. פ. אין שטאקהאלם. אפן צוזאמענפאר איז געווען א מענשעוויסטישע מערהייט, וועלכע האט ארויפ-געלייגט א באשטימטן שטעמפל אף אלע זיינע באשלוסן; צווישן אנדערע האט דער צוזאמענפאר באשטימט פאריייניקן זיך מיט פ. ס. ד., לעטישער ס. ד. א. פ. און מיטן בונד.

„ 18. פייערונג פון 1-טן מאי; אין ווארשע א גראנדיעזע מאניפעסטאציע.

„ 27. די עפענונג פון דער ערשטער גאסוד. דומע.

„ 28. אין אזיערקי (נעבן פעטערבורג) האט מען געפונען א געהאנגענעם דעם געוועזענעם גאלעך גאפאן, וועלכער, ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן, האט געהאט באציאונגען מיט דער צארישער „אכראנקע".

מאי 1. געלונגענע מאי-פייערונג אין גאנץ רוסלאנד, אכוץ די מאירעוו-געגנטן, וועלכע האבן געפייערט דעם 1-טן מאי לויטן נייעם סטיל; קימאט אומעטום גרויסע ארבעטער-מיטינגען און מאניפעסטאציעס; די פאליציי און כוליגא-נעס זיינען אין א ריי שטעט (וואלאגדע, מוראם, קאזאן, צאריצין) באפאלן די דעמאנסטראנטן און שרעקלעך צעשלאגן זיי.

יוני 1-3. אידישער מיליטער-פאגראם אין ביאליסטאק; דער פאגראם איז געווען אר-גאניזירט דורך דער פאליציי און אין אים האט זיך אקטיוו באטייליקט דאס מיליטער; דער פאגראם האט זיך אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינלעכע אכזאריעס און מערדערייען.

„ 6-9. אומרוען צווישן דער פעסטונגס-ארטילעריע אין סעוואסטאפאל, ריאזאן און וולאדיקאווקאז.

„ קאנפערענץ פון סאצ. דעמ. און רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס אף צו באקעמפן די פאגראם-געפאר; די קאנפערענץ האט באשלאסן פארשטארקן די מונדלעכע און שריפטלעכע אגיטאציע קעגן דעם אנטיסעמיטיזם און אויסגעארבעט א פראטעסט-רעזאלוציע קעגן די פאגראמען.

יולי 9. פאנאנדערגעטריבן די ערשטע דומע; 160 דעפוטאטן האבן זיך צונויפגעקליבן אין וויבארג (פינלאנד) און האבן אויסגעארבעט אן אויפרוף „צום פאלק פון די פאלקס-פארטרעטער", אין וועלכן די באפעלקערונג ווערט גערופן ניט צאלן קיין שטייערן און ניט געבן קיין סאלדאטן; די ס. ד. און רע-וואלוציאנערע פארטייען האבן פארשפרייט דעם „וויבארגער אויפרוף" אין מיליאנען עקז.; די דעפוטאטן, וואס האבן אונטערגעשריבן דעם אויפרוף, זיינען שפעטער פארמישפעט געווארן צו 3 כאראשים טורמע.

„ 11. פארמאכט אלע קלובן, פראפעסיאנעלע פאריינען און ארבעטער-צייטונגען אין פעטערבורג.

„ 17-20. דער אויפשטאנד אין סוועאבארגער (פינלאנד) פעסטונג; דעם אויפשטאנד פון די מאטראסן און מיליטער האט פיל מיטגעהאלפן די פינלענדער רויטע גווארדיע, וועלכע האט דערקלערט א שטרייק און אפגעשטעלט דעם באן-פארקער. נאר די פאנצער-שיפן, וואס זיינען אנגעקומען פון רעוועל, און די ווייסע גווארדיע, וואס די בורזשואזיע האט ארגאניזירט, האבן אונטער-דריקט דעם אויפשטאנד. דעם 20-טן האט זיך די פעסטונג אונטערגעגעבן. דעם 19-טן איז אויסגעבראכן א מאטראסן-אויפשטאנד אויך אין קראנשטאט און אפן פאנצער-שיף „צום אנדענקען פון אזאוו".

„ 22. דורך דער קאנפערענץ פון די ס. ר. און רעוואלוציאנערע פארטייען, פאר-שטייער פון די טרודאוויקעס און פון אייזנבאן-פארבאנד איז פראקלאמירט געווארן אן אלרוסלענדער פאליטישער שטרייק; אכוץ פעטערבורג, מאסקווע

און נאך אייניקע שטעט, האט דער שטרייק געפונען א שוואכן אָפּקלאנג; אין ראיאן פון דער אידישער ארבעטער-באוועגונג איז דער שטרייק אַפילע ניט פּראָקלאַמירט געוואָרן.

יולי, 30. לויטן אורטייל פון מיליטערישן פעלד-געריכט איז אין קראַנשטאַט אויס-געפירט געוואָרן דער טויט-שטראָף איבער 2 אָפיצערן (ס. ד.) און 5 מאַטראָסן.

אויגוסט, 2. „דער בלוטיקער מיטוואָך״ אין וואַרשע.

6. אין קראַנשטאַט זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן צו טויט-שטראָף 10, אין רע-וועל האָט מען צעשאָסן 17 מאַטראָסן און איין „אַגיטאַטאָר״.

„ 12. אַטענטאַט פון די ס. ר. („מאַקסימאַליסטן״) אויפן פּרעמיער-מיניסטער סטאָ-ליפּין; באַם אויפרייס פון זיין זומערוואוינונג זיינען דערהאַרגעט געוואָרן 32 און פאַרוואונדעט 30 הויכגעשטעלטע צאַרישע סאַנאָווניקעס; סטאָלי-פּין זעלבסט אָבער איז געבליבן גאַנץ.

„ 13-14. לויטן אורטייל פון דער קאַמפּס-דרוזשינע פון די סאָצ. רעוו. איז דערשאָסן געוואָרן דער אָנפירער פון די שטראָף-עקספּעדיציעס אין מאָסקווער ראַיאָן, פּאַלקאָווניק מין; אין וואַרשע — דער גענ.-גובערנאַטאָר וואָנליאַרליאַרסקי.

„ 15-26. דער VII-טער צוזאַמענפאָר פון בונד אין לעמבערג (גאַליציע); אין צוזאַ-מענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 68 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאָרטראַטן 23 טויזנט מיטגלידער (פאָרטרעטער פון 5000 מיטגלידער זיינען צופעליק ניט געווען אויפן צוזאַמענפאָר און 12 טויזנט מיטגלידער פון די קלענערע גרופּן האָט דער צ. ק. באַזייטיקט פון די וואַלן).

„ 19. ס'זיינען איינגעפירט געוואָרן די מיליטערישע פעלד-געריכטן פאַר פּאָליטי-שע פאַרברעכער; פאַר 6 כאָדאָשים האָבן דיזאָזיקע געריכטן אין פאַרשיי-דענע שטעט פאַרמישפּעט צום טויט 950 מענטשן.

„ 26-27. מיליטער-פּאָגראָם אין סעדלעץ.

סעפּטעמבער, 5. אין סוועאַבאָרג דערשאָסן 17 מאַטראָסן און סאָלדאַטן פאַר באַטייליקן זיך אין אויפשטאַנד.

„ 17. אין פּעטערבורג איז לעגאַליזירט געוואָרן די „געזעלשאַפט פון אַקטיוון קאַמף מיט דער רעוואָלוציע און אַנאַרכיע״.

„ 19. דער פּראָצעס פון פּעטערבורגער ראַט פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן; נאָכ-דעם ווי דער געריכט האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצורופן א ריי עדות, האָבן די פאַרטיידיקער זיך אָפּגעזאָגט פון צו באַטייליקן זיך אין פּראָצעס, און די באַשולדיקטע האָבן פאַרלאַנגט, אַז מע זאָל זיי אָפּפירן צוריק אין טורמע; דער פּראָצעס איז פאָרגעזעצט געוואָרן אָן די באַשולדיקטע און פאַרטיידי-קער; 15 דעפּוטאַטן זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן צו אייביקער פאַרשיקונג קיין סיביר, 2 צו פעסטונג, און 12 זיינען פרייגעשפּראָכן.

אָקטיאַבער, 14. עקספּראָפּריאַציע פון עטלעכע הונדערט טויזנט רובל מלוכע-געלט אין פּע-טערבורג (פאָנאַרני פּערעאולאָק); א טייל פון די עקספּראָפּריאַטאָרן זיינען אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמישפּעט צום טויט.

5-טע אידישע קאָנפערענץ פון פּ. פּ. ס.; אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 21 דעלעגאַטן פון 14 אָרגאַניזאַציעס; די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר באָיקאָטירן די וואַלן צו דער צווייטער דומע, אויסגעאַר-בעט א סטאַטוט פון דער אידישער אָרגאַניזאַציע א. א.

קאָנפערענץ פון דער י.ס.ד.א.פּ. „פּועלי-ציון״; אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט דער צ. ק., דעלעגאַטן פון 9 ראַיאָן-קאָמיטעטן און 3 געסט; די קאָנפערענץ האָט מיט א מערהייט פון 8 שטימען קעגן 7 אַרויסגעזאָגט

זיך פאַר באַטייליקן זיך אין די וואלן צו דער 2-טער גאסוד. דומע; באַשלאסן צו באטייליקן זיך אין די אלגעמיין-ציאניסטישע קאנגרעסן און פארמולירט „די נאציאנאלע פאדערונגען אין גאלעס״.

נאָיאבר — אלרוסלענדער קאנפערענץ פון ר. ס. ד. א. פּ. אין טאמערפארס (פינלאנד). אין דער קאָנפערענץ האבן זיך באטייליקט 32 דעלעגאטן, וועלכע האבן פארטראטן 160 טויזנט ארגאניזירטע מיטגלידער; די מענשעוויקעס צוזאמען מיט די בונדיסטן האבן אף דער קאנפערענץ געהאט א מערהייט קעגן די באלשעוויקעס, פּ. ס. ד. און לעטישער ס. ד. מיט דערדאזיקער מערהייט האט די קאנפערענץ באשטימט צו ארייננגיין אין אפמאכן בעשאס די וואלן מיט די קאדעטן, אויב ס׳וועט דראען א שווארצמייעדיקע געפאר, אין אייניקע פראגן, ווי, לעמאשל, וועגן ארבעטער-צוזאמענפאר, האבן די בונדישע דעלעגאטן געשטימט מיט די באלשעוויקעס, און ס׳איז דורכגעגאנגען זייער רעזאלוציע.

„ .11 — מיליטער-אומרוען אין סעוואסטאפאל; בעשאס די אומרוען האבן די סאלדאטן דערהארגעט אן אפיצער און פארוואונדעט דעם וויצע-אדמיראל.

„ .24-18 — 9-טער צוזאמענפאר פון פּ. פּ. ס., אף וועלכן די פארטיי האט זיך צושפאלטן אף צוויי טייל: א לינקערע, וועלכע האט זיך געשטעלט נעענטער צו דער סאצ. דעמ. („לעוויצע״), און א נאציאנאליסטיש-רעכטערע; דער אידישער קאמיטעט פון פּ. פּ. ס. איז צוגעשטאנען צו דער „לעוויצע״.

דעקאבר, .27-1 — טעראריסטישע אקטן און באוואפנטע ווידערשטאנדן דער פאליציי אין פעטערבורג, קאטערינאסלאוו, ראדאם, כארקאוו, לאדז, ריגע, טווער, קאסטראמא, אמסק (צווישן אנדערע זיינען אין פעטערבורג דערהארגעט געווארן דער גראדאנאטשאלניק פאן-דער לאוניץ און דער הויפּט-מיליטער-פּראקוראר פּאוולאוו).

„ .11-2 — צווייטע אָרדנטלעכע קאנפערענץ פון דער צ. ס. א. פּ. („ס. ס.״); אף דער קאנפערענץ זיינען, לויט די ס. ס.׳ישע ידיעס, געווען פארטראטן 27 טויזנט ארגאניזירטע מיטגלידער.

.1907

יאַנואר. — די וואלן אין דער צווייטער דומע; ניט געקוקט אף די צאָלרייכע רעפּרעסיעס פון דער צאַרישער רעגירונג, האָבן די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען דאך אָפּגעהאלטן א גלענצנדיקן ניצאָכן בא די וואלן: ס׳זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 200 עקסט-לינקע דעפּוטאַטן, אין דעם 64 סאָצ. דעמאָקראַטן, 187 פון דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע (קאַדעטן, נאַציאָנאַלע מינדערהייטן א. א.) און בלויז 112 מעסיקע און רעכטע.

פעוורואל. — אומאויפהערלעכע באַוואָפנטע אָנפאַלן פון די שווארצמייעדיקע באנדעס אף אידן און ארבעטער אין אָדעס; הונדערטער פארוואונדעטע און צעשעדיקטע; באַוואָפנטע שווארצמייעניקעס פלעגן פון פרי ביז שפעט אין אוונט לויערן איבער די גאַסן און שרעקלעך שלאָגן אלעמען, ווער ס׳פלעגט זיך נאָר זיי מאכן אונטערן האנט, אין מיטן טאָג, פאַר די אויגן פון דער פּאָליציי, אראָפּנעמען מענטשן פון פורלעך און טראַמוואי און שלאָגן זיי מאַקעס רעצעך.

בלוטיקע צוזאמענשטויסן צווישן די אַרבעטער אין לאָדז, וועלכע זיינען ארויסגערופן געוואָרן דורך די „נאראדאווע דעמאָקראַטן״, וואָס האָבן געהעצט די אָפּגעשטאנענע ארבעטער קעגן די סאָציאַליסטן; דער ברודערקאַמף האָט געקאָסט דעם לאָדזער פּראָלעטאַריאַט פיל קארבאנעס און

האָט אַף אַ צייט דעזאָרגאַניזירט די באַוועגונג; אַ סאָף צום דאָזיקן ברודער-קריג האָט געמאַכט די אַלשטאָטישע אַרבעטער-קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 24-טן אַפּרעל.

פעווראל 20. די עפענונג פון דער צווייטער גאָסודאַרסטווענער דומע; די מענשעוויקעס האָבן געוואָלט באַצייכענען דידאָזיקע דערשיינונג מיט אַ פּאָליטישן שטרייק, נאָר די באָלשעוויקעס זיינען געווען קעגן דעם, קעדיי ניט צו פאַרשטאַרקן די „קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס“ בא די ברייטע אַרבעטער-מאַסן; קיין שטרייק איז פאַקטיש ניט פאָרגעקומען.

מארט, 14. אין מאָסקווע האָבן די שוואַרצמייעניקעס דערהאַרגעט דעם קאַדעטישן דעפּוטאַט יאָלאָס.

פאַרשאַרפטער קאַמף פון די פּויערים קעגן די פּריצים, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט הויפּטזאַכלעך אין אונטערצינדן פּריצישע הויפן א. ד. ג. אַף צו „באַרואיקן“ די פּויערים האָט די צאַרישע רעגירונג פאַרפלייצט די דערפער מיט שטראַף-עקספּעדיציעס, וועלכע האָבן צעשאָסן און פאַרברענט הונדערטער דערפער, אַרעסטירט און געפּייניקט טויזנטער פּויערים.

אַפּרעל, 1-10. די ערשטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די דרוקער-אַרבעטער; אַף דער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַרטראָטן 57 פאַריינען דורך 71 דעלעגאַטן: 44 סאָצ. דעמ., 8 בונדיסטן, 8 סאָצ. רעוו., 4 ס. ס., 1 סיימאָוועץ, 3 ליגקע און 3 אומפּאַרטייאישע.

„ 10. אַנפאַל פון דער פּאָליציי אַף אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג אַף טשעשערס פאַבריק אין פּעטערבורג; פיל געהאַרגעטע, ביז 100 שווער פאַרוואונדעטע; דער אַנפאַל האָט אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע אויפרעגונג צווישן אַלע פּעטערבורגער אַרבעטער.

„ 16-20. קאָנפערענץ פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, צונויפגערופן, לויט דער איניציאַטיוו פון י. ס. א. פ. („סערפּ“), דורך דער לעצטער צוזאַמען מיט די סאָצ. רעוו.; אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט, אַכוץ די דערמאָנטע פּאַרטייען, פּ. פּ. ס., די אַרמענישע פּאַרטיי, „דאַשנאַקצוטיון“, די גרוזינישע פּאַרטיי סאָצ. פעדעראַליסטן און די ווייסרוסישע סאָצ. „הראָמאַדע“; די קאָנפערענץ האָט באַשטימט פּעריאָדיש צונויפרופן אַזעלכע צוזאַמענפאָרן און אויסגעקליבן אַ שטענדיקן סעקרעטאַריאַט.

„ 21-23. קאָנפערענץ פון די אומפּאַרטייאישע פּריקאַזטשיקעס-פאַריינען פון צאָפןמאַירעוו-קאַנט, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט 8 דעלעגאַטן מיט באַשטימונגס-רעכט (6 ס. ס. און 2 סאָצ. דעמ.) און פּאַרטיי-פאָרשטייער פון ר. ס. ד. א. פּ., ס. ס. סאָצ. רעוו. און י. ט. א. פּ. (פּויאַלייציאָן).

„ 24. אַלשטאָטישע אַרבעטער-קאָנפערענץ אין לאָדז, וועלכע האָט שאַרף פאַרורטיילט דעם ברודער-קאַמף און אָנגענומען אַ ריי מיטלען אַף צו ליקווידירן אים.

„ 29. די עפענונג פון פינפטן (לאָנדאָנער) צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ., אַף וועלכן ס'זיינען געווען פאַרטראָטן אַרום 150 טויזנט אָרגאַניזירטע אַרבעטער דורך 305 דעלעגאַטן: 91 באָלשעוויקעס, 89 מענשעוויקעס, 56 בונדיסטן, 40 פּ. ס. ד., 26 לעט. ס. ד. און 3 אויסער-פראַקציאָנעלע; אין צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס ד'ער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן, זיינען אַריין 5 באָלשעוויקעס, 4 מענשעוויקעס און צו 2 פון בונד, פּ. ס. ד. און לעט. ס. ד.

מאי, 1. טיילווייזע שטרייקן און מאַניפעסטאַציעס לעקאַוועד דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן יאָנטעוו. שרעקלעכע רעפּרעסיעס קעגן די אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס מיצאַד דער צאַרישער רעגירונג.

מאי — דער אָנהויב פון גרויסן לאָקאוט אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע אין לאדז; צענדליקער טויזנטער ארבעטער זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אפן גאַס און זיינען מיט זייערע פאַמיליעס פאַרמישפּעט געוואָרן אף הונגער און נויט; דער לאָקאוט האָט געדויערט קימאַט צוויי כאדאָשים און סאָפּקאָלסאָף האבן די אויסגעהונגערטע ארבעטער געמוזט זיך אונטערגעבן.

„ — די צארישע אָכראַנקע האָט פּראָוואָצירט א מיליטער-קאמפּלאָט, וועלכן ס'האט קלוימערשט צוגעגרייט די סאָצ. דעמ. פראַקציע פון דומע. די רעגירונג האט דעריבער געפאָדערט פון דער לעצטער, אז די גאנצע ס. ד. פראקציע זאָל דערוויייטערט ווערן פון דומע און 16 דעפּוטאטן סאָצ. דעמ. זאָלן ארויסגעגעבן ווערן צום ארעסטירן. די קאדעטיש-בורזשואזע מערהייט פון דער דומע האט אף דערדאָזיקער כוצפּעדיקער פּראָוואָקאַציע פון דער רעגירונג ניט געענטפערט מיט א קאטעגאָרישן אפּזאָג, נאָר זי האט איבערגעגעבן דעם איניען אף „אויסצופאָרשן“ אין א קאָמיסיע.

יוני 3. — קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע מלוכע-איבערקערעניש: די צווייטע דומע פאנאנדערגעטריבן, קימאט די גאַנצע סאָצ. דעמ. פראַקציע ארעסטירט און איבערגעגעבן צום געריכט; פאַרעפנטלעכט א נייעם וואל-געזעץ, וועלכער גיט אינגאַנצן איבער די דומע אין די הענט פון דער רעאקציאָנערער בורזשואזיע און די פּריצים.

„ — די אַרעסטירטע דעפּוטאטן סאָצ. דעמ. ווענדן זיך פון טורמע מיט אן אויפרוף צום אַרבעטער-קלאַס, אין וועלכן זיי דערקלערן דעם פּאָליטישן מאמענט און רופן פאָרזעצן דעם קאמף אונטער דער פאָן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

„ — פּרואוון פון מיליטערישע אויפשטאנדן אף די שיפן „סינאָפּ“ און „טריאָך סוויאַטיטעליי“ און צווישן די קיעווער סאַפּיאָרן; די אויפשטאנדן זיינען דערשטיקט געוואָרן מיט א שרעקלעכער אַכזאָריעס.

„ — קאָנפערענץ פון די אַנאַרכיסטישע גרופּן פון פוילן און ליטע; צווישן די אָרגאניזאטאָרן פון דער קאָנפערענץ איז געווען א פּראָוואָקאַטאָר, און קימאַט איר גאַנצער באשטאנד איז גלייך נאָך דער קאָנפערענץ ארעסטירט געוואָרן.

יולי — ליקווידיר-צוזאמענפאָר פון י. ט. א. פּ. („פּועליציאן“); דער צוזאמענפאָר האָט באַשטימט ליקווידירן די פּאַרטיי און ארייננגיסן זיך אין דער צ. ס. א. פּ. (ס. ס.)

17. „ — פּראָטעסט-שטרייק אין לאָדז קעגן די מיליטער-געריכטן; דער שטרייק האָט אויסגעבראָכן סטיכיש און האָט ארומגעכאפּט קימאט אלע ארבעטער פון שטאָט און אומגעגנט.

— צווייטער צוזאַמענפאָר פון י. ס. ד. א. פּ. („פּויאלייציאָן) אין קראָקע (גאליציע); אױף צוזאַמענפאָר זיינען געווען פארטראָטן ביז 16 טויזנט אָרגאניזירטע מיטגלידער; דער צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט די פּאַרטיי-פּראָגראַם און צוגעגעבן צום נאָמען פון דער פּאַרטיי „י. ס. ד. א. פּ.“ די ווערטער „פּויאלייציאָן“.

„ — פאַרשארפונג פון טעראָריסטישן קאַמף קעגן די צאַרישע סאטראפּן; פאַרן איין כוידעש יול זיינען דערהארגעט געוואָרן 2 גענ. גובערנאטאָרן, 1 פּאָלקקאָמאַנדיר, 5 פּאָליצײ-פּריסטאווס און זייערע געהילפן, 1 טורמע-נאטשאלניק, 1 מיטגליד פון געריכט, 19 פּאָליציייסקע א. א. וו., צוזאמען זיינען פאַרן כוידעש דערהאַרגעט געוואָרן 54 אגענטן פון צאַריזם און פאַרוואונדעט געוואָרן 47; אנפאַלן אף דער פּאָסט און בראנפן-מאָנאָפּאָלקעס זיינען געווען 92, בא וועלכע ס'איז עקספּראָפּריאירט געוואָרן ביז 400 טויזנט רובלי

אַווגוסט, — אלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון ר. ס. ד. א. פּ. וועגן באַטייליקן זיך אין די וואַלן צו דער דריטער דומע; צווישן די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן זיינען געווען שטארק די באָיקאָטיסטישע שטימונגען; לענין איז אָבער גע-ווען קעגן באָיקאָט, און די קאָנפערענץ האט מיט א מערהייט שטימען בא-שלאסן באַטייליקן זיך אין די וואלן.

„ 17. — דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנגרעס אין שטוטגארט, אף וועלכן ס'זיינען, צווישן אנדערע, אנגענומען געווארן רעזאלוציעס וועגן דער באַציאונג צווישן פּאַרטיי און פּראפעסיאנעלע פאריינען, עמיגראַציע או אימיגראציע א. א.; אף דעמדאָזיקן קאָנגרעס האבן די ציאניסטיש-סאציא-ליסטישע גרופּירונגען אויך דערוועקט די פראַגע וועגן שאַפן א נאַציאנא-לע אידישע סעקציע אף די אינטערנאַציאנאלע סאציאליסטישע קאנגרעסן; דערדאזיקער פארשלאג איז, פאַרשטייט זיך, אפגעווארפן געווארן, נאר די ס. ס. און י. ס. א. פּ. האט זיך איינגעגעבן צו באַקומען א באַראטנדיקע פאַרטרעטונג אפן קאנגרעס, קעגן וואס ס'האבן ענערגיש געקעמפט די דע-לעגאַציעס פון ר. ס. ד. א. פּ. און בונד.

„ 19. — אָפּגעשטעלט די טעגלעכע בונדישע „פאלקס-צייטונג", וועלכע איז דער-שינען אנדערהאלבן יאר.

סענטיאַבר, 1. — דער אנהויב פון דער וואל-קאמפּאַניע צו דער דריטער דומע; אין צוזאמענ-האנג מיט דעם זיינען אומגעהויערע פאַרשטארקט געווארן די רעגירונגס-רע-פּרעסיעס קעגן די סאציאליסטישע פּאַרטייען.

אקטיאבר, 17-16 — פּרואוו פון א באַוואפנטן אויפשטאנד פון די מאַטראסן און א טייל מילי-טער אין וולאַדיוואסטאק.

„ 19-14. — די וואלן פון די דעפּוטאַטן צו דער דריטער דומע; ניט געקוקט אפן קאנטר-רעוואלוציאנערן וואל-געזעץ און דער שרעקלעכער רעאקציע, וואס האט גע-בושעוועט אין גאנצן לאנד, זיינען דאך אויסגעקליבן געווארן אלס דעפּו-טאַטן 18 סאצ. דעמאקראטן.

„ 29 — אנפאַל אף דער רעדאקציע פון דער בונדישער טעגלעכער צייטונג „די האפ-נונג": די צייטונג צוגעמאכט; די רעדאַקציע, אין דעם אויך אייניקע מיטגלידער פון בונדישן צ. ק., ארעסטירט.

נאיאבר, 1 — די עפענונג פון דער דריטער גאסוד. דומע.

דער מישפּעט איבער דער סאצ. דעמ. פראַקציע פון דער צווייטער דומע; דער פּעטערבורגער פּראלעטאריאט, לויטן רוף פון באלשעוויסטישן פּאַרטיי-קאָמיטעט, האט פּראטעסטירט קעגן געריכט מיט אן איינטאגיקן פּאליטישן שטרייק; די דעפּוטאַטן זיינען פארמישפּעט געווארן צו 5-4 יאר קאטארגע.

ביבליאָגראַפיע.

(פּאַרטיי-ליטעראַטור און פּרעסע פון דער אידישער ארבעטער-באַוועגונג אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָלוציע).

ר. ס. ד. א. פּ.

1. „סאָציאל-דעמאָקראַט“, אָרגאַן פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „איסקרא“. וואַרשע. נומ. 1, 5-טן נאָיאַבר, 1905, 2 זייטן. 10.000 עקז. (געדרוקט זיך אומלעגאַל).

2. „דער אַרבעטער“, לאָדז. נאָיאַבר, 1905. ערשינען 3-4 נומ. (געדרוקט זיך אומלעגאַל).

3. באַריכט איבער דעם III קאָנגרעס פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרב. פּאַרטיי, מיט א פארוואָרט פון דער רעדאַקציע פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי און מיט א ביילאַגע פון די פּאַרטיי-סטאַטוטן פון ר. ס. ד. א. פּ. לאָנדאָן. 1905. 27 זייטן.

4. דאָס פּראָגראַם פון ר. ס. ד. א. פּ., אָנגענומען אפן 2 צוזאַמענפאָר, אויסגאַבע פון וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע ר. ס. ד. א. פּ. 1905. (ערשינען אויך אין מינסק, אין דער אויסגאַבע פון צאָפן-מאַירעווודיקן קאָמיטעט פון דער ר. ס. ד. א. פּ.).

5. קלאַס קעגן קלאַס. אויסגאַבע פון וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע ר. ס. ד. א. פּ. וואַרשע, 1905.

בונד.

1. „דער אידישער אַרבעטער“ (טעאָרעטישער זשורנאַל), אויסגאַבע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד (נומ. 16 און 17 ערשינען אין 1904), זשענעוו.

2. „די אַרבעטער-שטימע“, סאָצ. דעמ. צייטונג, אָרגאַן פון אַלגעמיינעם אידישן ארבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד (געדרוקט זיך אומלעגאַל אין רוסלאַנד. נומ 40-36 ערשינען אין 1905-1904, מיט א ביילאגע צום נומ. 39 „די רעוואלוציאָנערע טעג אין רוסלאַנד“ — איבערזיכט פון דער באַוועגונג אין יאַנוואַר-מאַרט 1905).

3. „דער בונד“, אָרגאַן פון אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד (פּאָפּולערער מאַסן-זשורנאַל, געדרוקט זיך אומלעגאַל אין רוסלאַנד, ערשינען 11 נומערן פון יאַנוואר 1904 ביז נאָיאַבר 1905. די ערשטע נומערן געדרוקט זיך אין 6.000, די לעצטע אין 30.000 עקז.).

4. „די לעצטע פּאַסירונגען“, אויסגאַבע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד, אינפאָרמאַציאָנס-ביולעטען, זשענעוו (ערשינען 26 נומערן פון נאָיאַבר 1904 ביז דעקאַבר 1905 אין 3000-4000 עקזעמפּליאַרן).

5. „דער וואַרשעווער אַרבעטער“, אָרגאַן פון וואַרשעווער סאָצ. דעמ. קאָמיטעט פון בונד (די נומערן 21-14 זיינען ערשינען אין אָקטיאַבר-נאָיאבר 1905 אין 15000 עקז. געדרוקט זיך אומלעגאַל).

6. „דער מינסקער אַרבעטער“, אָרגאַן פון מינסקער סאָצ. דעמ. קאָמיטעט פון בונד (די נומ. 5-10 זיינען ערשינען אין נאָיאַבר-דעקאַבר 1905 אין 2000-3000 עקז. געדרוקט זיך אומלעגאַל).

7. „דער וועקער“, טעגלעכע סאָצ. דעמ. צייטונג. ווילנע (די ערשטע לעגאַלע אידישע אַר-בעטער-צייטונג. ערשינען 33 נומערן פון 25 דעקאַבר 1905 ביז 2 פעוורואַל 1906 אין 40-45000 עקז. פאַרמאַכט דורך דער צאַרישער רעגירונג).

8. „די נייע וועלט“, ווילנע. 14 פעוורואל 1906, 24 זייטן (איינטאָגיקע צייטונג, ערשינען אָנשטאָט „דער וועקער“).

9. „די פאָלקסצייטונג“, טעגלעכע צייטונג. ווילנע (די ערשטע נומערן ערשינען מיט דער אונטערקעפל „ערשיינט לויט דערזעלבער פּראָגראַם, וואָס „דער וועקער“. ערשינען 434 נומ. פון 19 פעוורואַל 1906 ביז 19 אווגוסט 1907. אָפּגעשטעלט דורך דער רעגירונג).

10. „איין טאָג“, ווילנע. אווגוסט 1907 (איינטאָגיקע צייטונג, אָנשטאָט דער פארמאכטער „פאָלקסצייטונג“).

11. „דער גלאָק“ אָרגאַן פון די קאָמיטעטן פון בונד אין פוילן (ערשינען 3 נומערן אין אַויגוסט-סעפּטעמבער 1906 אין 10000 עקז. געדרוקט זיך אומלעגאל).

12. „די האָפענונג“, טעגלעכע צייטונג, ווילנע. ערשינען 42 נומערן פון 12 סענטיאַבר ביז 29 אָקטיאַבר 1907. פאַרמאַכט דורך דער רעגירונג).

13. „דאָס פּראָפעסיאָנעלע לעבן“, ווילנע. (ביילאגע צו „פאָלקסצייטונג„ און „האָפּע-נונג“ און זעלבשטענדיקע זאַמל-העפטן, געווידמעט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ערשינען 7 נומערן).

14. „דער מאָרגנשטערן“. וועכנטלעכער זשורנאַל, ווילנע (ערשינען 3 נומערן אין נאָ-יאַבר 1907. פאַרמאַכט דורך דער רעגירונג).

15. די יאַקוטסקער דראמע (מיט צוויי פאָטאָגראַפיעס). ארויסגעגעבן פון · אלגעמיינעם אידישן אַרבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד. זשענעווע. אויגוסט 1904. 31 זייטן.

16. א באַריכט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם, די טעטיקייט פון בונד נאָך זיין 5-טן צוזאַמענפאָר (פון יוני 1903 ביז יול 1904). זשענעווע. סענטיאַבר 1904. 16 ז.

17. ב. ב-סקי: „אונזערע פאָדערונגען“ (דער צווייטער טייל פון דער בראָשור „די קאָנסטיטוציע און אונזער פּראָגראַם“. זשענעווע. יול. 1905. 85 זייטן.

18. „דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אמסטערדאַם אין 1904“. זשענעווע. 1905. 40 ז.

19. „דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם אף דעם אידישן באָדן“ (אָפּ-דרוק פון „אַרבעטער-שטימע“, נומ. 40). ווארשע. 1905. פאַרלאַג „אַרבעטער-שטימע“. 32 ז. פרייז 3 קאָפּ.

20 א. ה. „די סאָציאַליסטישע פראַקציעס אין ציאָניזם“. ווילנע. פאַרלאַג „די וועלט“. 1906. פרייז 12 קאָפּ.

21. מ. טערמאַן: „רעליגיאָן און קלאַסן-קעגנזאַצן“ (איבערגעדרוקט פון א פריערדיקער אומלעגאַלער אויסגאַבע). פרייז 15 קאָפּ.

22. ב. האָפמאַן: „פרויען-האַנדל און פּראָסטיטוציע“. 7 קאָפּ.

23. פ. ראל: „די ראָלע פון לומפּנפּראָלעטאריאט אין דער רעוואָלוציע“. 3 ק.

24. מ. מאַקסימאָוו און ז. קאַצענשטיין: „וועגן אַנאַרכיזם“. 9 קאָפּ.

25. ה. קונאָוו: „די גרונטגעזעצן פון אנאַרכיזם“. 5 קאָפּ.

26. לבנו: „די סכירעס“ (איבערגעדרוקט פון א פריערדיקער אומלעגאַלער אויסגאַבע). פרייז 15 קאָפּ.

27. א. נעמאַנסקי: „די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און זייערע אויפגאַבן“ 15 קאפּ.

28. „צו דער פאַרייניקונג פון בונד מיט דער רוסל. ס.ד.א.פּ. (אויסצוגן פון די פּראָטאָקאָלן פון דער 7-טער קאָנפערענץ פון בונד) 15 ק.

29. וו. מעדעם: „די נאַציאָנאַלע פראגע און די סאָציאַלדעמאָקראַטיע“ 12 קאָפּ.

30. פ. ראל: „די עקספּראָפּריאַציעס“, 7 קאָפּ.

31. מ. א-ר: „די אידישע וואַל-קאָמיטעטן און זייער פּאָליטיק“. 1 ק.

32. א. נעמאַנסקי: „ווּעמען דאַרפן מיר קלייבן אין דער גאָסוד. דומע?“ ווילנע, פאַרלאַג „די וועלט“, פּרייז 1 קאָפּ.

33. מ. א-ר: „ווער פאַרטיידיקט אמבעסטן די אינטערעסן פון פאָלק?“ ווילנע, פּרייז 1 קאָפּ.

34. לנו: „דער אידישער פּראָלעטאַריאַט“ (געשיכטע און סטאַטיסטיק), ווילנע, פּרייז 12 ק.

35. מ. א-ר: „די בעסטע פאָלקס-פאַרטרעטער“. ווילנע, פאַרל. „די וועלט“, פּרייז 3 קאָפּ.

36. מ. א-ר: „די צווייטע גאָס. דומע“ ״ ״ ״ ״ ״ 5 ״

37. א. נעמאַנסקי: „פאַרטיינע אדער נייטראַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען?“ ווילנע, פאַרלאַג „די וועלט“ פּרייז 12 ק.

38. גאָרנבערג: „עמיגראַציע און אימיגראַציע“. מיט יעווג. גיסערס אן ארטיקל: די אַרבעט פון דער קאָמיסיע וועגן עמיגראַציע און אימיגראַציע אין שטוטגאַרט. ווילנע, פאַרלאַג „די וועלט“, פּרייז 25 קאָפּ.

39. „Последние Известия“ אויסגאַבע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון אַלגעמיינעם אידישן ארבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד. זשענעוו (אינפאָרמאַציאָנס-ביולעטען; פון 6 יאַנוואַר 1904 ביז יאַנוואר 1906 ערשינען 93 נומערן — פון נומ. 163 ביז נומ. 256).

40. „Вестник Бунда“ אויסגאַבע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון א. א. ארבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד. זשענעוו. (פון יאַנוואר ביז אָקטיאַבר 1904 ערשינען 5 נומ. — די נומערן 1-5).

40 אַ. „Glos Bundu“ אָרגאַן פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. זשענעוו (אין 1904 ערשינען 4 נומ.).

41. „Еврейский Рабочий“, וועכנטלעכע צייטונג, פּעטערבורג. נומ. 1 ערשינען דעם 20 דעקאַבר 1905. 32 ז. (די ערשטע לעגאַלע בונדישע צייטשריפט, פאַרמאַכט דורך דער רעגירונג).

42. „Наше Слово“ וואָכנבלאַט, (געווידמעט דער פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט), ווילנע. 32 ז. (פון 23 יון ביז 17 אווגוסט 1906 ערשינען 9 נומ.)

43. „Наша Трибуна“ וועכנטלעכע צייטונג, ווילנע (פון 13 דעקאַבר 1906 ביז 1 מאַרט 1907 ערשינען 12 נומערן).

44. „Наша Трибуна“. אומפּעריאָדישער זאַמלהעפט. נומ. 1 ווילנע. 1907.

44 אַ. „Nasze Haslo„ אָרגאַן פון וואַרשעווער סאָצ. דעמ. קאָמ. פון בונד. (פון 24 יאַנוואר ביז אפּרעל 1906 ערשינען 2 נומערן; געדרוקט זיך אומלעגאַל אין 4000 עקז.).

45. „Тайная докладная записка виленского губернатора о полож. евр. в России“ אויסגאַבע פון א. א. ארבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד. זשענעוו. מאַרט, 1904.

46. „К вопросу о представительстве на интернац. соц. конгрессе в Амстердаме“. אויסגאַבע פון א. א. ארבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד, זשענעוו 1904.

47. „Доклад делегации Бунда к интернац. соц. конгрессу в Амстердаме“, אויסגאַבע פון א. א. ארבעטער-בונד אין ל. פּ. און ר. זשענעוו. אווגוסט 1904.

48. „Заявление делегации Бунда на Амстердамском конгрессе“. אויסגאַבע פון אַלג. איד. אַרבעטער-בונד. זשענעוו 1904.

49. „Искризм„ (אָפּדרוק פון נומ. 5 „וועסטניק בונדאַ“). זשענעוו. 1904.

50. „Мелко-буржуазный социализм на еврейской почве“, (קריטיק פון דער „טעאָריע“ פון די ציאָניסטן-סאָציאַליסטן). פאַרלאַג „טריבונא“, ווילנע 1906, פּרייז 5 קאָפּ.

51. „В. Медем, Социал-демократия и национальный вопрос“ מיטן אַרטיקל פון ק. קאַאוטסקי: „וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד“. פאַרלאַג „טריבונע“, ווילנע 1906, פּרייז 12 קאָפּ.

52. П. Роль: „Роль люмпенпролетариата в революции“. ווילנע, 1906, פּ. 3 ק.

53. „Материалы к истории еврейского рабочего движения в России“ I העפט, 1906, פּרייז 25 ק.

54. „Материалы к истории еврейского рабочего движения в России“ II העפט. 1906, פּרייז 25 קאָפּ.

55. „Социалистические фракции в сионизме“ (קריטישער עטיוד). 1906, פרייז 20 קאָפּ.

56. „М. Терман: Религия и классовые противоречия“ 1906, 20 ק.

57. „К вопросу об‘единения Бунда и Р. С. Д. Р. П.“ (אויסצוגן פון די פּראָטאָקאָלן פון דער 7 קאָנפערענץ פון בונד). פרייז 20 ק.

58. „Glos Bundu“ אָרגאַן פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון אלג. איד. ארבעטער-בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד (בונד). זשענעווע, (פון מאַי 1904 ביז ? 1905 ערשינען 4 נומערן).

59. „Nasze Haslo“ אָרגאַן פון וואַרשעווער סאָצ. דעמ. קאָמיטעט פון בונד. ווארשע (פון 24 יאנואר ביז אפרעל 1906 ערשינען 2 נום. געדרוקט זיך אומלעגאַל).

פּ. ס. ד.

1. „די רויטע פאָן“ (אָרגאַן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע. (וואַרשע. פון יון ביז סענטיאַבר 1906 ערשינען 5 נומערן, 8 זייטן. געדרוקט זיך אומלעגאַל).

2. ר. ליוקסעמבורג: וואָס ווילן מיר? קאָמענטאַר צום פּראָגראַם פון דער סאָצ. דעמ. פון פוילן און ליטע. באַארבעט דורך פּ. ט. ר. ווארשע, 1906, 79 זייטן („סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ביבּליאָטעק“).

3. * * *: וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אויסגאַבע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע פון פוילן און ליטע. ווארשע. 2906. 22 זייטן פרייז 3 קאָפּ.

פּ. פּ. ס.

1. „דער ארבייטער“. אָרגאַן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פון נום. 14 אָרגאַן פון אידישן קאָמיטעט פון פּ.פּ.ס: פון סאָף 1905 ביז דעם 16-טן אווגוסט 1907 ערשינען 56 נום. אין 20, 10 און 5 טויזנט עקז. געדרוקט זיך אומלעגאַל אין ווארשע.)

2. „סאָציאַליסטישע בלעטלעך“. אויסגאַבע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פון סאָף אָקטיאַבר ביז דעם 22-טן דעקאַבר 1905 ערשינען 12 נום. אין 5000 עקז. געדרוקט זיך אומלעגאַל אין ווארשע).

3. „די געווערקשאַפט“. אויסגאַבע פון דער פּ. פּ. ס. (אָרגאַן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. פון 20 מאַי ביז יון 1906 ערשינען 2 נום. אין 10 און אין 5 טויזנט עקז. געדרוקט זיך אומלעגאַל אין ווארשע).

4. „מעטאַל-אַרבייטער“. אָרגאַן פון ווארשעווער מעטאַל-אַרבעטער-פאַרבאַנד. ווארשע. נום. 1 אווגוסט 1906, 8 זייטן, 3000 עקז. פּרייז 2 קאָפּ. (דער פאַריין און אויך די צייטשריפט האָבן זיך געפונען אונטער דער אידייאישער ווירקונג פון פּ. פּ. ס. געדרוקט זיך אומלעגאַל).

5. „דער קאמף“. אָרגאַן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אף ליטע. ווילנע. נום. 1. אפרעל 1906, 10 זייטן, 4000 עקז. געדרוקט זיך אומלעגאַל.

6. „די פּראָלעטארישע וועלט“. מאָנאַטלעכער פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל. (אויסגאַבע פונם אידישן קאָמיטעט פון פּ. פּ. ס.) ווילנע. ווארשע. 48 זייטן. (פון יאַנוואַר ביז באַיאבר 07 | ערשינען 9 נומערן).

7. „אן ענטפער דעם בונד“ (ביילאגע צום נום. 8 „דער ארבעטער“) 19 זייטן ענטפער אף דעם ארטיקל אין נומער 30 „ארבעטער-שטימע“ (געדרוקט אומלעגאַל).

8. ט. ווילענסקי: „די אידן-פראגע“ (איבערזעצט פון פּויליש פון מיכלזאָן) לעמבערג, 1905, 36 זייטן.

9. ב. פייגנבוים: „דער רעכטער וועג“ (א וויקואך וועגן דער פּפּ״ס און אירע פּאָדערונגען) אין צוויי טייל (ערשטער טייל פאַרפאַסט, צווייטער טייל באַארבעט נאָך מיכאיל לושניאָ). לעמבערג, 1905, 113 זייטן.

10. „קענען די ארבעטער גיין צו די וואלן צו דער גאָס. דומע?“ ווארשע 1906, 7 זייטן, 30000 עקז. (געדרוקט זיך אומלעגאַל).

11. ב. פייגנבוים: „ווי קומט א איד צו סאָציאַליזם?“ (דריטע אויפלאגע). אויסגאבע פון דער פפ״ס, ווארשע. 1906. 33 זייטן (געדרוקט זיך אומלעגאל).

12. ב. ס.: „פּראָפעסיאנעלע פארבאנדן“. פארלאג „דער ארבייטער“. ווארשע. 1906. 33 זייטן פרייז 5 קאפּ.

13. „דער אָרגאניזאציאָנס-אוסטאוו פון דער פוילישער סאָציאליסטישער פארטיי“ ווארשע. 1906. 16 זייטן (געדרוקט זיך אומלעגאל).

14. פיליפּ קראנץ: קלארע דיבורים צו אידן ביכלאל און ארבעטער ביפראט. פארלאג „די פּראָלעטארישע וועלט“. 1907. 49 זייטן. פרייז 8 ק.

פּ. פּ. ס. „פּראָלעטאריאט“.

1. „דער פּראָלעטאריער“. אָרגאַן פון דער פוילישער סאציאליסטישער פּאַרטיי „פּראָלעטאריאט“ אין די יאָרן 1906—1907 ערשינען (?) 12 נומ. געדרוקט זיך אומלעגאל אין ווארשע (?).

ליטווישע סאָצ. דעמ. אַרבעטער-פּאַרטיי.

1. „סאציאליסטישעס פלוגבלאט“. אויסגאבע פונם פאריייניקטן צ״ק פון דער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי פון ליטע און פון דער ליטווישער סאָצ. דעמ. ארבעטער-פּאַרטיי. 4 זייטן 5000 עקז. (פון דעקאבר 1906 ביז אנהויב 1907 ערשינען 4 נומערן, געדרוקט זיך אומלעגאל).

2. „ארבעטער-שטימע פון ליטע“. ליטעראריש-געזעלשאפטלעכער וואכנבלאט (אָרגאן פון דער סאָצ. דעמ. ארבעטער-פּאַרטיי פון ליטע). ווילנע (פון 11 אפּרעל ביזן 22 מאי 1907 ערשינען 5 נומערן).

עס-ער.

1. „דער רויטער זונטיק“ (דער אָנפאנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע). לאָנדאָן אפּרעל 1905. 32 זייטן.

2. „די רויטע פאָן“. א זאמלבוך צום 1-טן מאי. לאנדאן. אפּרעל 1905. 64 זייטן.

3. בן כייפעש: „א פּאָליטישע אָדער א סאציאלע רעוואָלוציע?“ דרוקעריי פון דער פּארטיי סאצ. רעוו. ניו-יאָרק. 12 יול 1905. 30 זייטן.

4. „קאמף און קעמפער“. פינף טיילן, ארויסגעגעבן אונטער דער רעדאקציע פון ז. סיבאָני און יויכענען האקינאי.

5. „פראגן פון פּראגראם און טאקטיק“. זאמלבוך, ארויסגעגעבן אונטער דער רעדאקציע פון ז. סינאָני און יוכענען האקינאי.

אנאַרכיסטן.

1. „די רעוואָלוציאנס-שטימע“. ווארשע. 1906. (דערשינען 1—2 נומערן).

2. „ראסקאל צווישן די סאציאליסטן גאמודארסטוועניקעס, אָדער די פּאנאנדערטיילונג פון די סאָצ. דעמאקראטן“. דאָקלאד פון טשערקעסאוו. אויסגאבע פון דער גרופּע „באָרבאַ“. 29 ז. (העקטאגראפירט).

צ. ס. א. פּ. („ס. ס.“)

1. „כראניק פון דער ציאָניסטיש-סאציאל. ארבעטער-פּאַרטיי“. אויסגאבע פון צענטר. קאמיטעט. (פון יון ביז אווגוסט 1905 ערשינען 2 נומערן; געדרוקט זיך אומלעגאל).

2. „דער אידישער פּראָלעטאריער“. אָרגאן פון דער ציאָנ. סאצ. א. פּ. נומער 1 נאיאבר 1905. 47 ז. פרייז 50 קאָפּ. (געדרוקט זיך אומלעגאַל).

3. „דווינסקער ציאָנ.-סאָצ. כראניק“. פעריאדישע בלעטל, ארויסגעגעבן פונם דווינסקער קאמיטעט פון צ.ס.א.פּ. 4 ז. 2000 עקז. (פון 18 ביז 26 נאיאבר 1905 ערשינען 2 נומערן; געדרוקט זיך אומלעגאל).

4. „פאָרווערטס״. אָרגאַן פון ווארשעווער קאמיטעט פון צ.ס.א.פ. ווארשע. (פון 11 נאָיאבר 1905 ביז 9 יאנוואר 1906 ערשינען 4 נומערן; געדרוקט זיך אומלעגאל).

5. „פונקען״. ארויסגעגעבן פון לאדזער קאמיטעט פון דער צ.ס.א.פ. לאדז. נומער 1 דעקאבר 1905. 14 זייטן. פרייז 10 קאפ.

6. „דער נייער וועג״. אָרגאַן, געווידמעט די אינטערעסן פון אידישן פראלעטאריאַט. וואָכנבלאט. ווילנע. (פון 28 אפרעל 1906 ביז 10 יאנוואר 1907 ערשינען 25 נומערן. פארמאכט דורך דער רעגירונג).

7. „דאָס וואָרט״. ארגאן, געווידמעט די אינטערעסן פון אידישן פראלעטאריאט. וואכנבלאט. ווילנע. (פון 18 מאי ביז 9 אווגוסט 1907 ערשינען 12 נומערן; פארמאכט דורך דער רעגירונג).

8. „אונזער וועג״. ווילנע. (וואכנטלעכער זשורנאל, פון 19 אווגוסט ביז נאיאבר 1907 ערשינען 9 נומערן; פארמאכט דורך דער רעגירונג).

9. „פון דער פראפעסיאנעלער באוועגונג״. ווילנע. (ביילאגע צום „אונזער וועג״; פון 19 אווגוסט ביז נאיאבר ערשינען 10 נומערן).

10. „כראניק פון דער פראפעסיאנעלער באַוועגונג״. לאדז. (אין 1906 ערשינען 2 (?) נומערן, געדרוקט זיך אומלעגאל).

11. „דער שטראל״. זאמלבוך, I און II. ווילנא. 1907.

12. „די דעקלאראציאן פון דער צ.ס.א.פ. 1905 (געדרוקט זיך אומלעגאל, ערשינען אין אידיש אין 30000, רוסיש 5000 און אין דייטש אין 3000 עקז.)

13. „רעזאלוציאָנען און באשליסע, אנגענומען אף דעם 1-טן ארדנטלעכן צוזאמענפאר פון דער צ.ס.א.פ.״ אויסגאבע פון צ״ק צ.ס.א.פ. 1906. 16 ז. (געדרוקט זיך אומלעגאל, ערשינען אויך אין רוסיש).

14. ש. ניגער: „וואס איז אזוינס דער אידישער ארבעטער? (אפדרוק פונם „נייען וועג״) ווילנע. פארלאַג „צוקונפט״. 25 ז. פרייז 4 ק.

15. דניאלי: „אונזערע קריטיקער״, ווילנע, פארלאג „צוקונפט״ 88 ז. פרייז 15 ק.

16. י. לעשטשינסקי: „דער אידישער ארבעטער אין רוסלאַנד״. ווילנע, פארלאג „צוקונפט״. פרייז 50 קאפ.

17. י. לעשטשינסקי: „דער אידישער ארבעטער אין לאנדאן״. ווילנע, פארלאג „צוקונפט״ פרייז 20 ק.

18. א. באריסאוו: „מאקסימום האזע, מינימום ע־לעכקייט״. (אַן ענטפער אף „די סאציאל. פראקציעס אין ציאָניזם״), ווילנע, פארלאג „צוקונפט״. 150 ז. פרייז 22 ק.

19. ל.—ים: „צו דער פאַרייניקונג פון בונד מיט ר.ס.ד.א.פ.״, ווילנע. פארלאג „צוקונפט״ פרייז 7 קאפ.

20. ק. פארנבערג: „דער שטוטגארטער קאנגרעס און זיינע פראָבלעמען״ (1-טע העפט), ווילנע, פארלאג „צוקונפט״ 45 ז. פרייז 15 ק.

21. נ. סירקין: „Бунд“ פארלאג „דער נייער וועג״, ווילנע, פרייז 2 ק.

22. ניצון: „Наши национальные требования“ פארלאג „דער נייער וועג״, ווילנע, פרייז 4 ק.

23. ש. ניגער: „Класс и нация“ פארלאג „דער נייער וועג״, ווילנע, פרייז 5 ק.

24. דניאלי: „О сейме и по поводу сеима“ פארלאג „דער נייער וועג״, ווילנע, פרייז 7 ק.

25. ס.ס. „Еврейский пролетарий“ פארלאג „דער נייער וועג״, ווילנע, פרייז 8 ק.

26. ש. ניגער: „Что такое еврейский рабочий“ פארלאג „דער נייער וועג״. ווילנע, פרייז 5 ק.

27. צווי אווראמי: „Сионистское прожекторство“ פארלאג „דער נייער וועג״, ווילנע, פרייז 5 ק.

28. י. לעשטשינסקי: „Новый курс бундовской мысли“ פארלאג „צוקונפט״ ווילנע, פרייז 15 ק.

29. צ.ק.ס.ס.: „Кому нужны погромы“ פרייז 4 ק.
30. ס.ס. „Идеология ассимиляции и еврейский рабочий“. 5 ק.
31. ק. פארנבערג: „Враги иммиграции“ (צום שטוטגארטער קאנגרעס. פרייז 25 קאפ.

י. ס. ד. א. פ. „פויאלי-ציאָן“.

1. „דאס אידישע ארבעטער-ווארט“. ארגאן פון ווארשעווער ראיאן (פוילישער פארבאנד). (דער ערשטער נומער ערשינען אַלס ארגאן פון טשענסטאכאווער ראיאן-קאמיטעט. נומ. 1 ערשינען סאף 1905, די נומ. 2 און 3 אין מאי און אווגוסט 1906; געדרוקט זיך אומלעגאל).
2. „דער פראלעטארישער געדאנק“. צווייוועכנטליכע צייטונג. ווילנע. (פון 17 יאנוואר ביז 28 פעווראל 1907 ערשינען 3 נומערן, פארמאכט דורך דער רעגירונג).
3. „פארווערטס“. צווייוועכנטלעכער זשורנאל. ווילנע. (פון 4 מאי ביז 17 אווגוסט 1907, ערשינען 3 נומערן; פארמאכט דורך דער רעגירונג).
4. ב. באָראָכאָוו: „די קלאסן-אינטערעסן און די נאציאנאלע פראגע“. פארלאג „דער-האמער“, ווילנע. פרייז 10 ק.
5. א. אראָנאָוו: „די פרינציפן פון פראָלעטארישן ציאניזם“. פארלאג „דער האמער“, ווילנע. פרייז 3 ק.
6. וו. אדים: „די אידישע ווירטשאפט און אירע היסטארישע פאקטארן“. פארלאג „דער האמער“. פרייז 4 ק.
7. צקפ״צ: „דאס אריינטרעטן פון בונד אין רסדא״פ“. פארלאג „דער האמער“ פרייז 6 ק.
8. דאָנין: „וואס ווילן די פויאליי-ציאן?“ פארלאג „דער האמער“. פרייז 20 ק.
9. פראגראם פון „פויאליי-ציאן“. פארלאג „דער האמער“. פרייז 12 ק.
10. י. לעשטשינסקי: „מארקס און קאוטסקי וועגן דער אידנפראַגע“. פארלאג „דער האמער“ ווילנע.
11. פאסטאיאני: „אונזער פלאטפארם“. פארלאג „דער האמער“ ווילנע.
12. זאר: „די נאציאנאלע ווירטשאפט און די טעריטאריע“. פארלאג „דער האמער“ ווילנע.
13. זאר: „די סטאטיק און דינאמיק פון אידישן פראָלעטאריאט“. פארלאג „דער האמער“ ווילנע.
14. זאר: „פון דער אידישער ווירקלעכקייט“. פארלאג „דער האמער“ ווילנע.
15. 〃 „דרייסטע ווערטער, פאכזאנישע געדאנקען“. פארלאג „דער האמער“ ווילנע.
16. כאווער זיאמע: „בריוו צו ארבעטער וועגן פראלעטארישן ציוניזם“. ערשטער בריוו. ביכער-פארלאג „ארבעטער-ביבליאטעק“. ווילנע. נומער 1 פרייז 2 ק.
17. „Молот“, סימפעראפאל. (ארגאן פון קרימער פארבאנד פון דער יסדא״פ „פויאליי-ציאָן“. ערשינען 2 נומ. אין אנהויב 1906).
18. „Еврейская рабочая хроника“ צווייוועכנטלעכער זשורנאל. פאלטאווע. (אָרגאן פון דער יסדא״פ „פ. צ.“, פון 23 אפרעל ביז 23 יון 1906 ערשינען 3 נומערן, פארמאכט דורך דער רעגירונג).
19. צקפ״צ „Вступление Бунда в Р. С. Д. Р. П. פארלאג „פערעוואל“ פרייז 7 ק.
20. י. לעשטשינסקי: „Маркс и Каутский о еврейском вопросе“ 18 ק
21. 〃 „Еврейский рабочий в Лондоне“
22. דאנין: „Чего хотят поалей-ционисты“
23. „На перевале“ זאמלהעפט.
24. זאר: „Проблемы еврейской действительности“.
25. ב. באָראָכאָוו: „Классовая борьба и нац. вопрос“.

י. ס. א. פ. („סערפ“).

1. „די אידישע פרייהייט“. נומ. 1—2 לאנדאן, יאנוואר-פעווראל 1904.

2. „פאלקסשטימע". וועכנטלעכער זשורנאל. ווילנע. (פון 11 דעקאבער 1906 ביז 17 אווגוסט 1907 ערשינען 16 נומ.; פארמאכט דורך דער רעגירונג).

3. „די שטימע". זאמלבוך. I. ווילנע. 1907.

4. י. ס. א. פ.: „בונד און ס. ס. אלס אנפירער פון אידישן פראָלעטאריאט" ביכער-פארלאג קאמף. ווילנע. 55 זייטן. פרייז 10 ק.

5. י. ס. א. פ.: „בונד און די רסדא"פ" (צו דער פארייניקונגס-פראגע. פארלאג „קאמף". פרייז 23 ק.

6. בן אדיר: „שטארקע ווערטער—שוואכע געדאנקען" (איבער דעם „נאציאנאליזם" פון בונד). פארלאג „קאמף". פרייז 5 ק.

7. כ. זשיטלאווסקי: „סאציאליזם און נאציאנאליזם".

8. שימוניני: „די אָקטאיבער-פּאָגראָמען און זייער באדייטונג".

9. „דער אידישער פראלעטאריאט און די נאציאנאלע פראבלעם". 1 און 2 טייל.

10. „פארוואס זיינען מיר ארויסגעטראטן פון דער צסא"פ?" (אן אפענער בריף צו אלע געוועזענע כאוויירים) מינסקער גרופע. ווילנע. 20 ז. פרייז 5 ק.

11. „Возрождение" זאמלהעפט. (נומ. 1—2 ערשינען אין פעווראל 1904 אין לאנדאן, נומ. 3—4 אין אקטיאבער 1904 אין פאריז, נומ. 5 אין דעקאבער 1905 אין פעטערבורג).

12. „Серп" זאמלהעפט. 1907. (נומ. 1 ערשינען אין מאסקווע; נומ. 2 אין פעטערבורג).

13. באזין: „Еврейский вопрос на страницах социал. печати" 2 העפטן פארלאג „סערפ", קיעוו. פרייז 12 ק.

14. כ. זשיטלאווסקי: „Социализм и национальный вопрос" פארלאג „סערפ" פרייז 12 ק.

15. מ. ב. ראטנער: „О национальной и территориальной автон." פאר-לאג „סערפ" פרייז 20 ק.

16. מ. ב. ראטנער: „Эволюция социал. мысли в национ. вопросе" פארלאג „סערפ" פרייז 20 ק.

17. בן-אדיר: „Еврейский вопрос в освещении Каутского и Южакова" פארלאג „סערפ" פרייז 10 ק.

18. בן-אדיר: „Смелость слова- трусость мысли" (וועגן דעם נאציאנאליזם פון בונד פרייז 7 ק.)

י. ט. א. פ. („מינסקער פויאלי-ציאָן").

1. „ארבעטער-ווארט". ארגאן פון ארגאניזאציאנס-קאמיטעט פון דער יטא"פ מינסק. (ערשינען אין נאיאבר-דעקאבר 1905. געדרוקט זיך אומלעגאל).

2. „דאס נייע לעבן". לאנדאן. נומער 1 אפריל 1906. 104 זייטן.

3. „די אידישע ווירקלעכקייט". וואכנבלאט. ווילנע. (פון 31 דעקאבער 1906 ביז 13 אפרעל 1907 ערשינען 13 נומערן; אפגעשטעלט נאכן ארייַנטרעטן פון דער פּאַרטיי אין צ. ס. א. פ.).

4. פארשיידענע שטרעמונגען צווישן די פויאלי-ציאן. מינסק, 1904 (געדרוקט אומלעגאל).

5. „דער פארבארייטנדער צוזאמענפאר פון פויאלי-ציאן". מינסק 1905 (אין 1906 איבערגעדרוקט לעגאל).

6. „דער אידישער ווירקונגס-קרייז און די פּאָליטיק". פארלאג „נייעס לעבן" פרייז 7 ק.

7. „Об'ективный ход истории и территориал. решение евр. вопроса" פארלאג „נייעס לעבן" פרייז 12 ק.

8. י. ט. א. פ. „Бунд и Р. С. Д. Р. П." פארלאג „נייעס לעבן" פרייז 6 ק.